STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08507

MEGILES OYSHVITS

Bernard Mark

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בער מאַרק / מגילת אוישוויץ

בער מאַרק

מגילת אוישוויץ

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ז — 1977

Ber Mark
MEGILLAH AUSCHWITZ
Publishing-House „Israel-Book" Tel Aviv, P.O.B. 1777

בער מאַרק
מגילת אוישוויץ
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, רח' איתּמר בן־אבי 4

©
כל הזכויות שמורות
לאסתּר מאַרק

Printed in Israel 1977 נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, טל. 36564

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון

פראָפ. בער מאַרק בוך־קאָמיטעט

ערן־מיטגלידער:

ייִדישער וועלט־קאָנגרעס אין ישׂראל;

וועלט־פעדעראַציע פון פּוילישע ייִדן;

וועלט־פאַרבאַנד פון ייִדישע קעמפער, פּאַרטיזאַנער און קאַצעטלער

ד״ר אַלטשולער מרדכי
בורשטיין פּסח
ד״ר גאָלדבערג יעקב
גראַיעק שלום (סטעפאַן)
פּראָפ. טאַרטאַקאָווער אריה
פּראָפ. מאַהלער רפאל
ד״ר מינץ מתתיהו
פּראָפ. מישקינסקי משה
פּראָפ. סדן דב
ד״ר ספּאַרד דוד
פּראָפ. קאַרפּי דניאל
אינזש. רייס אַנשל
פּראָפ. שמערוק חנא

אויספיר־קאָמיטעט:

סטאָלאַרסקי ישׂראל, פּאַריז.
גוטפרײַנד יעקב, וויצע פּאַריז.
לעהמאַן יוסף, סעקר.
ד״ר וויינער גרשון
לודען יוסף
גאָלדפינגער הערש
מגר. גראָספעלד מיכאל
מגר. מאַרק אסתּר



בער מאַרק

1966 — 1908

אינהאַלט

זז'

פאָרוואָרט — אסתּר מאַרק 11

I
דער ייִדישער ווידערשטאַנד אין אוישוויץ

קאַפּיטל איינס — די פאַבריק פון טויט 15
" צוויי — מקורים אין ליטעראַטור 44
" דרײַ — די גרונט־שטריכן פון דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־אונטערערד אין אוישוויץ 57
" פיר — דער וועג פונעם ייִדישן אסיר צום ווידערשטאַנד; שטערנדיקע און באַגינסטיקנדיקע פאַקטאָרן 74
" פינף — די ייִדישע אסירים צווישן זיך 86
" זעקס — ווידערשטאַנד־אַקטן אויפן שוועל פון טויט 100
" זיבן — סטיכישער און אינדיווידועלער ווידערשטאַנד אין לאַגער 109
" אַכט — דער אָרגאַניזירטער ייִדישער ווידערשטאַנד 116
" נײַן — דאָס אַנטלויפן פון לאַגער 166
" צען — די געשיכטע פון מאַלאַ צימעטבאַום 193
" עלף — די זאָנדער־קאָמאַנדאָ 206
" צוועלף — דער פּלאַן פון אַלגעמיינעם לאַגער־אויפשטאַנד און זײַן דורכפאַל 225
" דרײַצן — דער איינזאַמער אויפשטאַנד 233
" פערצן — ייִדישע מיידלעך — די העלדינס פון אוישוויצער ווידערשטאַנד 248
" פופצן — די דאָקומענטן פון אוישוויץ און זייערע מחברים 259

דערגענצונג צו די ידיעות וועגן דעם מחבר „אַנאָנים" און זײַנע כּתב־ידן — אסתּר מאַרק 276

II
דאָקומענטן

קורצע אויפקלערונגען צו די טעקסטן פון די דאָקומענטן 285

זלמן גראַדאָווסקי:

פון די אויפשריפטן אויף זלמן גראַדאָווסקיס פאַרצייכענונגען 286

פאַרצייכענונגען 288

דער בריוו 346

הערות צו גראַדאָווסקין 348

לייב לאַנגפוס:

1. אין גרויל פון רציחה 351

2. די 600 יינגלעך 362

3. די 3000 נאַקעטע 364

4. רשימה פון טראַנספּאָרטן מיט אסירים פאַרברענטע אין די קרעמאַטאָריעס פון בירקענאַו צווישן 19טן—24סטן אָקטאָבער 1944 370

הערות צו די דאָקומענטן פון לייב לאַנגפוס 372

זלמן לעווענטאַל:

1. פאַרצייכענונגען 377

הערות צו זלמן לעווענטאַלס פאַרצייכענונגען 423

2. הוספה צום לאָדזשער כתב־יד 430

הערות צו דער הוספה צום לאָדזשער כתב־יד 435

אינדעקסן

אינדעקס פון נעמען 439

אינדעקס פון ערטער 453

זוכצעטל פון דאָקומענטן און בילדער 459

בער מאַרק — ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פּרטים צונויפגעשטעלט פון אסתּר מאַרק 462

פאָרוואָרט

„מגילת אוישוויץ" איז דאָס לעצטע בוך פון מײַן מאַן, בער מאַרק ז"ל, וועלכער איז געשטאָרבן אין וואַרשע דעם 4טן יולי 1966.

אַ שווער קראַנקער, כּמעט אין גאַנצן בלינד, האָט ער געאַרבעט איבער דעם דאָזיקן ווערק ביז זײַן לעצטן אָטעם.

שוין פון יאָר 1965 האָב איך טאָג־טעגלעך מיט אים מיטגע־אַרבעט בײַ די פאָרשונגען פון דער געשיכטע פון יידישן ווידערשטאַנד אין אוישוויץ. לויט זײַנע אָנווײַזונגען האָב איך צונויפגעזאַמלט מאַ־טעריאַלן אין די ביבליאָטעקן און אַרכיוון פון פוילן; אויפגענומען גביות־עדות בײַ געוועזענע אַסירים פון אוישוויץ, אָרגאַניזאַטאָרן און מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אינעם לאַגער און דורכשיפרירט מיט אים די באַאַרבעטע דאָקומענטן.

הגם פיזיש אָפּגעשוואַכט, איז אָבער זײַן געדאַנק און זכּרון געווען שאַרף. די ליבשאַפט פון בער מאַרק צו זײַן אַרבעט האָט אים געגעבן כּוח און ווילן צו פאַרמעסטן זיך מיט דער קראַנקייט. ליגנדיק אין שפּיטאָל האָט ער פאַר זיך אײַנגעשטעלט אַ רעזשים פון סיסטעמאַ־טישער אַרבעט. נאָך אין די לעצטע צוויי טעג פאַר זײַן טויט האָט ער מיר געגעבן פאַרשיידענע אָנווײַזונגען, וואָס פאַרא דאָקומענטן אײַנשליסן אין בוך, וועלכע הערות דערגענצן און וועלכע באַאַרבעטן.

ער האָט שוין אָבער נישט באַוויזן צו ענדיקן זײַן אַרבעט. דער טויט האָט אַלץ איבערגעריסן, און אויף מיר איז אויסגעפאַלן די אויפ־גאַבע צו פאַרענדיקן זײַן ווערק. לויט זײַן אָנגעצייכנטן פּלאַן איז מיר אויסגעקומען ממשיך צו זײַן די אַרבעט נאָך מײַן עולה זײַן אין סוף פון יאָר 1969 קיין ישׂראל. דאָ האָב איך געפונען נײַע קוועלן אין די אַרכיוון פון „יד ושם" און „לוחמי הגיטאות". אין ישׂראל האָב איך אויך באַגעגנט געוועזענע אוישוויץ אַסירים, וועלכע האָבן מיר אי־בערגעגעבן וויכטיקע אינפאָרמאַציעס.

אַדאַנק דער הילף פון דער לייטונג פון דעם וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט פאַר געשיכטע פון יידן אין די תּפוצות — „בית התפוצות"

בײַם תּל־אביבער אוניווערסיטעט, האָב איך באַקומען די מעגלעכ־קייט צו פירן פאָרשונגען אין די אַרכיוון "Centre de Documenta-tion Juive Contemporaine" (צענטער פון הײַנטצײַטיקער יידישער דאָקומענטאַציע) אין פּאַריז און אין "Rijksinstitut voor oorlogs documentatie" (מלוכהשער אינסטיטוט פאַר דאָקומענטאַציע, קאָלעקציע: 2טע וועלט־מלחמה) אין אַמסטערדאַם, געניסן פון די דאָרטיקע מאַטעריאַלן, וואָס זיי באַזיצן, און אויך אויפנעמען אינפאָרמאַציעס בײַ געוועזענע קאַצעטלער, אָנפירער און אַקטי־וויסטן פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ, וועלכע וווינען אין פּאַריז, בריסעל און אַמסטערדאַם.

פרײַנדלעכע הילף אין מײַן אַרבעט האָבן מיר אַרויסגעוויזן: ד"ר דוד ספאַרד, לייזער פּאָדריאַטשיק, יעקב גוטפרײַנד (אַלע דרײַ אין ישׂראל), ד"ר לייב פוקס פון אַמסטערדאַם, באָריס שוסטער פון בריסעל, יצחק אַלפּעראָוויטש, מיטאַרבעטער פון „יד־ושם" אין תּל־אביב, און אַנדערע.

איך וויל אויך באַצייכענען די טרײַע מיטאַרבעט פון פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", רעדאַקטאָר אריה שמרי און מיכאל לוי.

די אויבן דערמאָנטע און די אַלע, וועלכע האָבן מיר איבערגע־געבן זייערע גביות עדות און געהאָלפן אין דער אַרבעט, דריק איך אויס מײַן טיפסטן דאַנק.

איך גלייב, אַז דאָס בוך „מגילת אוישוויץ" וועט אויפוועקן זכרו־נות בײַ געוועזענע קאַצעטלער און אַרויסרופן דעם ווילן איבערצו־געבן צו פאַרעפנטלעכן פאַר דער וועלט נײַע, נאָך ביז איצט נישט באַקאַנטע פאַקטן וועגן ווידערשטאַנד פון די יידן אין אוישוויץ און וועגן יידישע העלדן, וואָס זייערע נעמען טאָרן נישט פאַרגעסן ווערן.

אסתּר מאַרק

I

דער ייִדישער ווידערשטאַנד אין אוישוויץ

קאַפּיטל איינס

די פאַבריק פון טויט

אויפן וועג צווישן קראָקע און קאַטאָוויץ, 50 קילאָמעטער פון דער ערשטער און 30 קילאָמעטער פון דער צווייטער שטאָט, ליגט אַן אַלט 12־טויזנט קעפּיק שטעטל מיט אַ דורותדיקן פּוילישן נאָמען אָשוויענטשים. אינעם שטעטל האָט זיך אויך מקדמונים געפונען אַ ייִדישער ייִשוב מיט אַן אַלטער פאַרוואָרצלטער טראַדיציע, וואָס דער בעסטער באַווייַז דערפון איז דער פאַקט, וואָס דאָס שטעטל האָט ביַי די פאַרצייַטיקע ייִדן געהאַט אַן אייגנאַרטיק ייִדישלעכן נאָמען: אושפּיצין. דעם דאָזיקן אייגענעם נאָמען קאָן מען געפינען אין דער רבנישער ליטעראַטור פון אַמאָליקן ייִדישן פּוילן.

וואָס זשע האָט באַוויגן די דייַטשישע אָקופּאַנטן, זיי זאָלן דווקא דעם דאָזיקן מקום אויסקלייַבן פאַר איינעם פון די גרויזאַמסטע פּייַן און פאַרטי־ליקונג ערטער? זאַך־קענער האַלטן, אַז דערפאַר, ווייַל דער קלימאַט גופא און די סביבה פון אָשוויענטשים האָט געטראָגן אין זיך באַצילן פון פאַר־ניכטונג און טויט, דהיינו: די אומגעבונג, וואָס ליגט צווישן די צווי טייַכן, ווייַסל און סאָלע, איז פול מיט פייַכטקייט און דאָס וואַסער איז שעדלעך פאַרן געזונט — איידער מען טרינקט עס מוז מען עס געגוי איבערקאָכן. אַזוי אַרום איז דאָס לענגערע פאַרברענגען אין דער געגנט מסוגל אָרונטער־צורייַסן דעם מענטשנס געזונט [1].

ווען די ווערמאַכט האָט אָקופּירט פּוילן אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1939, האָט דאָס „דריטע רייַך" שוין פאַרמאָגט אַ דערפאַרונג פון אַ ריי קאָנצלאַגערן, וואָס זענען לכתחילה געווען באַשטימט פאַר די פּאָליטישע קעגנער פונעם נאַציזם. דאָס איז אויך ביַים אָנהייב, סוף 1939, געווען דער ציל פון דעם אָמט פון העכערן ס.ס. און פּאָליצייַ־פירער פון „אָסט", מיטן זיץ־אָרט אין וואָראָצלאַוו, (דעם דעמלטיקן ברעסלאַו), ס.ס.־גרופּנפירער עריך פאָן דעם באַך־זשעלעווסקי, ווען ער האָט אַרויסגערוקט דעם פאַר־שלאַג צו גרינדן אין דער פאַרשטאָט פון אָשוויענטשים, איין קילאָמעטער

ווײַט פון דער באַן־סטאַציע, אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פּאָליאַקן און פּוילישע ייִדן, אַנטיילנעמער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דער פאַר־שלאַג איז געפעלן געוואָרן הימלערן. און שוין אין פעברואַר 1940 האָט דער קינפּטיקער לאַגער פאַרמאַגט אַ קאָמענדאַנט, דעם שפּעטער טרויעריק באַרימטן רודאָלף העס, וועלכער האָט אייגנטלעך באַקומען אַ פּאַרטיקן לאַ־גער, וואָס איז אַנטשטאַנען אויף דער באַזע פון אַלטע עסטרײַכישע קאַזאַר־מעס און פערד־שטאַלן. בײַם צוגרייטן דעם געביט צו אַ קאָנצלאַגער זענען צוו.אַ. באַשעפטיקט געוואָרן 300 אַשוויענטשימער ייִדן, וועלכע עס האָט גע־מוזט צושטעלן די אָרטיקע קהילה [2]. בערך אין אַ יאָר אַרום, אין פעברואַר 1941, איז די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון שטעטל אָשוויענטשים גע־וואָרן אַרויסגעטריבן פון זייער אַלטן היים־אָרט. נאָך פריִער זענען פאַר־טריבן געוואָרן די פּוילישע פּויערים, וואָס האָבן באַווינט די אַרומיקע געגנט, די אָרטשאַפטן בזשעזשינקע, האַרמענזשע, רייסקאָ א.אַ. דער לאַגער איז געוואַקסן, אַרויסשטויסנדיק די אַלטע תּושבֿים. אַגבֿ האָבן די דײַטשן אים אָנגערופן מיט אַן אייגענעם נאָמען, פאַרטוישט אָשוויענטשים אויף אוישוויץ און בזשעזשינקע אויף בירקענאַו.

אין די פּלענער פון צוגרייטן דעם לאַגער איז אויך געווען אַן אָרט פאַר צוגרייטן באַצײַטנס אַ „זעלבסטפאַרוואַלטונג" פון די קינפּטיקע אסירים. צו דעם צוועק זענען פון דײַטשישן לאַגער זאַקסענהאַוזן געבראַכט געוואָרן דרײַסיק דײַטשישע אַרעסטאַנטן קרימינאַליסטן, פון וועלכע עס איז געשאַפן געוואָרן די „עליטע" פון אוישוויץ: דער לאַגער־עלטסטער, די בלאָק־עלטסטע, די שטובן־דינסט, דער אָבער־קאַפּאָ און די קאַפּאָס.

אין שפּיץ פון דער לאַגער־היעראַרכיע איז געשטאַנען דער לאַגער־עלטסטער.

די אַרבעט פון דער „זעלבסטפאַרוואַלטונג" איז באַשטאַנען פון צוויי גרונט־פונקציעס: באַשעפטיקונג און וווין־בלאָקן.

מיט דער אַרבעט פון די אסירים האָבן אָנגעפירט די קאַפּאָס. זיי זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון זעלבשטענדיקע אַרבעטס־קאָמאַנדאָס, ד.ה. אַר־בעטס־גרופּן. זייערע פאַרטרעטער זענען געווען די פאָר־אַרבעטער. אַלע קאַפּאָס און פאָר־אַרבעטערס אין אוישוויץ האָבן געטראָגן אויפן לינקן אַרבל אַ געלע באַנד.

פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג אין וווין־בלאָק איז געווען דער

בלאָק־עלטסטער. ער האָט געהיט די דיסציפּלין אין בלאָק און דאָס צעטיילן דאָס עסן. אים האָבן פּאַרטראָטן די שטוב־דינסטן, וועלכע האָבן גערוימט די צוגעטיילטע זיי חלקים פונעם בלאָק. יעדער פון זיי איז געווען באַוואָפנט מיט אַ שטעקן, מיט וועלכן ער האָט געקאָנט שלאָגן די מיטאַסירים. די פונקציאָנאַרן אויף די בלאָקן האָבן געטראָגן טונקל־רויטע בענדער אויפן לינקן אָרבל.

דער לאַגער, ווי געזאָגט, איז לכתּחילה געווען באַשטימט פאַר די איַינ־ווינער פון אָקופּירטן פּוילן, דהיינו: פאַר די פאַרדעכטיקטע אין ווידער־שטאַנד און פאַר כלערליי פּאָליטישע קעגנער פון היטלעריזם. דער ערשטער טראַנספּאָרט, וואָס איז אָנגעקומען דעם 14טן יוני 1940, האָט געשטאַמט פון טאַרנע (Tarnów). סיַי דער, סיַי די וויַטערדיקע טראַנספּאָרטן, אין משך פון די יאָרן 1940 און 1941, פון גאַנץ פּוילן, בתּוכם פון וואַרשע, האָבן אַרומגענומען פּאָליאַקן און פּוילישע ייִדן פאַרדעכטיקטע אין אַנטי־היטלעריס־טישער פּאָליטישער טעטיקייט און אין ווירטשאַפטלעכע „פאַרברעכנס״, אָדער מענטשן סתּם געכאַפּטע בעת די א.ג. לאַפּאַנקעס (יעגעריַי נאָך מענטשן אויף די גאַסן און אין היַיזער).

צווישן די ערשטע ייִדישע אסירים זענען געווען אַ ריי פירער פון לאָדזשער „בונד״ און געוויסע וואַרשעווער ייִדן, פאַרדעכטיקטע אין אָנטייל־נעמען אין דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

מיט אוישוויץ איז אָבער געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט די אַלטע לאַ־גערן אין דיַיטשלאַנד גופא. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשיקונגס־אָרט אויך פאַר אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, און שוין אין מיטן זומער 1941 האָט ער אויך געדינט ווי אַ טויט־פאַבריק פאַר אומשולדיקע מענטשן.

דער אוישוויצער לאַגער האָט עקסיסטירט אין משך פון קנאַפּע פינף יאָר — פון פעברואַר 1940 ביז דעם 27סטן יאַנואַר 1945 (ווען ער איז באַ־פריַיט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי). אין משך פון אָט דער צייַט זענען לויט דעם פּוילישן אוישוויץ־מאָנאָגראַפיע־מחבר, פּראָפ. יאַן זעהן, אַהער דעפּאָרטירט געוואָרן פאַרשטייער פון 27 נאַציאָנאַליטעטן. אָט זענען זיי לויטן סדר, ווי עס גיט אָן פּראָפ. זעהן:

אַמעריקאַנער, ענגלענדער, עסטרייַכער, בעלגיער, בולגאַרן, איין כינע־זער, ציגייַנער, טשעכן, איין עגיפּטער, פראַנצויזן, גריכן, ליטווינער, לעטן, דייַטשן, נאָרוועגן, איין פּערס, פּאָליאַקן, רוסן, רומענער, סלאָוואַקן, שוויי־

צער, טערקן, אונגאַרן, איטאַליענער, פּאַלעסטינער ייִדן [3].

וויַיטער רעכנט אויס דער מחבר די פּאַלגנדע גרופּן ייִדן:

פּוילישע ייִדן, אונגאַרישע ייִדן, טשעכישע ייִדן, סלאָוואַקישע ייִדן, דיַיטשישע ייִדן, גריכישע ייִדן, האָלענדישע ייִדן.

עס איז אַ חידוש, וואָס דער מחבר האָט נישט אויסגערעכנט די ייִדן פון די אַנדערע לענדער, דהיינו: די ייִדן פון עסטריַיך, בעלגיע, פראַנקריַיך, יוגאָסלאַוויע (קודם כּל פון קראָאַטיע), ליטע (פון קאָוונע און שאַוול), נאָר־וועגיע, וויַיסרוסלאַנד, איטאַליע. חוץ דעם איז אַ גרויסע פראַגע, צי די אַמעריקאַנער, עגיפּטער, פּערסן, רומענער, שווייצער און טערקן, וועלכע דער מחבר רעכנט אויס, זענען נישט קיין ייִדן, וואָס האָבן געהאַט פּעסער פון די דאָזיקע מלוכהשאַפטן. אַזוי, למשל, הערן מיר, אַז אין אוישוויץ איז געזעסן אַ פּערואַנער, אָבער מיר ווייסן אויף זיכער, אַז דאָס איז געווען אַ ייִד מיט פּערו־בירגערשאַפט. עס איז אויך אַ גרויסע שאלה, צי אַחוץ, למשל, אונגאַרישע ייִדן, זענען אין אוישוויץ געווען אסירים אונגאַרישע „אַריער". בכלל ווערן אָפט ייִדישע אסירים פאַררעכנט אויפן חשבון פון אַנ־דערע נאַציאָנאַליטעטן. פּונקט אַזוי זענען אָפט ציגיַינער פאַררעכנט געוואָרן פאַר רומענער: וואָרום אויטענטישע רומענער זענען אין אוישוויץ כּמעט נישט געווען בנימצא.

די גרעסטע צאָל קרבנות פון אוישוויץ איז באַשטאַנען פון ייִדן. דאָס צווייטע אָרט פאַרנעמען פּאָליאַקן, וויַיטער גייען ציגיַינער און סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. די דאָזיקע פעלקער האָט מען אין אוישוויץ געמאָרדעט בלויז פאַר זייער נאַציאָנאַלער, אָדער ראַסן־אָנגעהעריקייט. אויב פּאָליאַקן האָט מען לכתחילה געשיקט קיין אוישוויץ אַלס פּאָליטישע קעגנער, איז אַ גרויסער טייל פון די וויַיטערדיקע פּוילן־טראַנספּאָרטן באַשטאַנען פון סתם מענטשן, געכאַפּטע אין די גאַסן, אָדער אויסגעזידלטע. ייִדן און ציגיַינער האָט מען אין אוישוויץ ליקווידירט לויטן פּרינציפּ. און די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע זענען אין זייער רוב געווען קרבנות פון אוישוויץ אַלס סאָוויעטישע בירגער [4]. אַקעגן־זשע די אסירים פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַ־ליטעטן זענען געווען פּאָליטישע קעגנער פון נאַציזם, אָדער קריגס־געפאַנ־גענע ענגלענדער, קאַנאַדער. און דעריבער איז נישט קיין חידוש, וואָס זיי זענען פאַרהעלטענישמעסיק געווען מער רעפּרעזענטירט אין אונטערערדישן ווידערשטאַנד־לעבן. פון צווישן די דאָזיקע נאַציאָנאַליטעטן איז אַ געוויסער

טייל אסירים באַשטאַנען פון קרימינעלע עלעמענטן און א.ג. אַסאָציאַלע (פּראָסטיטוטקעס, אַלפאָנסן, גנבים, באַנדיטן וכדומה).

אוישוויץ האָט זיך דער עיקר קונה שם געווען נישט בלויז ווי אַ שרעק־לעכער קאָנצלאַגער, נאָר ווי אַ ריזיקע טויט־פאַבריק, ווו מען האָט מענטשן געמאָרדעט אויך מיט דער הילף פון כעמישע מיטלען.

דעם ערשטן מאַסן־מאָרד האָט די אוישוויץ ס.ס. דורכגעפירט דעם 28סטן יולי 1941 איבער אַ גרופּע נישט־יידישע גייַסטיק־קראַנקע, וועלכע מען האָט דערשטיקט מיט קוילן־אָקסיד.

דעם דריטן סעפּטעמבער 1941 האָט די אוישוויצער ס.ס. געמאַכט דעם ערשטן פּרווו פון דורכפירן אַ מאַסן־מאָרד מיט דער הילף פון שפּעטער „ברייט באַקאַנטן" גרויזאַמען ציקלאָן ב. דאָס איז אַ פּאַספּאַט פון פּרייַסישן זויער־שטאָף צו פאַרניכטן ווערעם. דער דאָזיקער שטיק־מיטל איז אָנגע־ווענדט געוואָרן לגבי אַ גרופּע קראַנקע אסירים און אַ גרופּע פון 600 סאָ־וויעטישע קריגס־געפאַנגענע, ס'רוב אָפיצירן, וועלכע זענען ספּעציעל אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ האַרטנעקיקער אידעאָלאָגישער עלעמענט [5].

פון איצט אָן איז דער א.ג. ציקלאָן ב געוואָרן דער הויפּט־מיטל פון ריזיקן מענטשן־מאָרד אין דעם לאַגער.

דאָס אויסמאָרדן יידן מיט גאַז ציקלאָן ב האָט זיך אין אוישוויץ אָנ־געהויבן אין יאַנואַר 1942. אייגנטלעך איז דאָס פאָרגעקומען שוין נישט אין אוישוויץ גופא, נאָר אין לאַגער בירקענאַו, וועלכן די דייַטשן האָבן אויפגע־שטעלט אויף דער באַזע פון פּוילישן דאָרף בזשעזשינקע. בכלל איז דער גאַנצער אוישוויצער לאַגער געווען צעטיילט אין דרייַ חלקים: אוישוויץ 1, א.ג. שטאַם־לאַגער, אוישוויץ 2 (בזשעזשינקע־בירקענאַו) און אוישוויץ 3 (די אַרומיקע לאַגערן, ווי בונאַ־מאָנאָוויץ, רייסקאָ, יאַוואָזשנאָ, בודי און אַנדערע). דער הויפּט־קבר פון די יידן איז געווען בירקענאַו, ווו עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גאַז־קאַמערן און 4 קרעמאַטאָריעס, ווו מען האָט געברענט די קערפּערס פון די פאַרגאַזעוועטע אין די גאַז־קאַמערן. אין דעם בירקענאַו־לאַגער איז אין יאַנואַר 1942 פאַרגאַזעוועט געוואָרן די ערשטע גרופּע יידן — דאָס זענען געווען אַרום 2000 יידן פון אויבער־שלעזיע. די צווייטע ידיעה וועגן פאַרגאַזעוועטע יידן שטאַמט פון 12טן מייַ 1942, ווען עס זענען דערהרגעט געוואָרן אין די בזשעזשינקער גאַז־קאַמערן 1500 יידישע מענער, פרויען און קינדער, אויך דעפּאָרטירטע פון סאָסנאָוויץ. אין

יוני 1942 איז ווידער פאַרגאַזעוועט געוואָרן אַ גרופּע פון 2000 ייִדן פון סאָסנאָוויץ. אינעם זעלביקן חודש איז פאַרברענט געוואָרן אין בירקענאַו אַ גרופּע ייִדן פון אָלקוש[6].

אין משך פון די יאָרן 1942—1944 זענען קיין אוישוויץ געבראַכט געוואָרן ייִדן פון 13 אייראָפּעיִשע לענדער, דהיינו פון: איטאַליע, בעלגיע, גריכנלאַנד, דײַטשלאַנד, האָלאַנד, טשעכיע, יוגאָסלאַוויע, סלאָוואַקיע, עסטרײַך, פראַנקרײַך, פוילן, נאָרוועגיע, ראַטנפאַרבאַנד.

לויט די אויסרעכענונגען פון דער אויטאָרין פון דעם קאַלענדאַר פון די געשעענישן אין אוישוויץ, דאַנוטאַ טשעך, זענען פון אַלע אָקופּירטע געביטן אין פוילן אָנגעקומען קיין אוישוויץ 128 טראַנספּאָרטן מיט בערך 320 טויזנט ייִדן. אין דער צאָל געפינען זיך איבער 75 טויזנט ייִדן פון זאַגלעמביע און פויליש אויבער־שלעזיע, וועלכע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ פון אָנהייב 1942 ביז סעפּטעמבער 1944 (די גרעסטע צאָל קרבנות איז געווען פון סאָסנאָוויץ). פון באַצירק ביאַליסטאָק (אָן דער גראָדנער געגנט א.א., וועלכע ווערן איצט באַרעכנט צום ראַטנפאַרבאַנד) זענען געבראַכט געוואָרן בערך 70 טויזנט ייִדן, דערונטער פון ביאַליסטאָק גופא (אין פעברואַר און אויגוסט 1943), לאָמזשע (יאַנואַר 1943), זאַמבראָוו (יאַנואַר 1943), אויגוסטאָוו (יאַנואַר 1943), וואָלקאָוויסק (יאַנואַר 1943), פּרוזשאַני (יאַנואַר 1943), סאָקולקע (יאַנואַר 1943) און די שטעטלעך פון גאַנצן איבעריקן באַצירק ביאַליסטאָק (נאָוועמבער 1942). פון טשעכאַנאָוו, וועלכן די דײַטשן האָבן אָנגערופן „ציכענאַו", זענען קיין אוישוויץ געבראַכט געוואָרן בערך 23 טויזנט ייִדן אין דער צײַט פון נאָוועמבער און דעצעמבער 1942. עס זענען אויך דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ טייל ייִדן פון פּלאָנסק (דעצעמבער 1942), פון די געטאָס פון פּויזנער געגנט (אין דעצעמבער 1942 און אָקטאָבער 1943), פון שעראַדז (אין מערץ 1943), ראַדאָם (פון די דאָרטיקע לאַגערן, אין יולי און אויגוסט 1944), טאַרנע (פון לאַגער, אין יולי 1944), פון קראָקע (מערץ 1943), פון וואַרשע (אין אויגוסט 1944) און צום סוף פון לאָדזשער געטאָ (אין אויגוסט און נאָוועמבער 1944), אין דער צאָל פון בערך 50 טויזנט נפשות. חוץ דעם זענען געבראַכט געוואָרן ייִדן פון די לאַגערן מײַדאַנעק, פּלאַשוו, קויל, שעבניע, בליזשין, פּוסטקאָוו, שאָפּיעניץ, פּאַביאַניץ און פון די לאַגערן אין פּאָמערנער געגנט (אין משך פון נאָוועמבער 1942 ביז אויגוסט 1944).

פון 30סטן מערץ 1942 הייבן אָן אָנקומען קיין אוישוויץ ייִדן־טראַנספּאָרטן פון פראַנקרייַך. די דאָזיקע דעפּאָרטיר־אַקציע האָט געדויערט כמעט, אָן גרעסערע איבעררייַסן, ביז סעפּטעמבער 1944. צוזאַמען זענען פון פראַנקרייַך אָנגעקומען — לויט דאַנוטאַ טשעכס אויסרעכענונגען — 76 טראַנספּאָרטן מיט בערך 76 טויזנט ייִדן. די דעפּאָרטאַציע איז אָנגעגאַנגען פון פּאַריז גופא און פון די איבערגאַנג־לאַגערן: באָן־לאַ־ראָלאַנד, דראַנסי און פּיטיוויע.

בערך אין דער זעלבער צייַט, ד.ה. אין מערץ 1942, האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטיר־אַקציע פון סלאָוואַקיע קיין אוישוויץ. די ערשטע כוואַליע סלאָוואַקישע טראַנספּאָרטן האָט אָנגעהאַלטן ביז סעפּטעמבער 1942. דעמלט איז געקומען אַ לאַנגער איבעררייַס ביז אויגוסט 1944, ווען עס הייבט זיך אָן אַ נייַע כוואַליע, וועלכע האַלט אָן ביז אָקטאָבער 1944. דער לעצטער טראַנספּאָרט פון סלאָוואַקיע איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ אין נאָוועמבער 1944. דאָס איז געווען אַ טראַנספּאָרט פון ייִדן, אַנטיילנעמער אינעם סלאָוואַקישן אויפשטאַנד. צוזאַמען זענען פון סלאָוואַקיע אָנגעקומען קיין אוישוויץ 30 טראַנספּאָרטן מיט בערך 36 טויזנט ייִדן.

דעם 17טן יולי 1942 קומט אָן קיין אוישוויץ דער ערשטער ייִדן־טראַנספּאָרט פון האָלאַנד. די דעפּאָרטיר־אַקציע פון האָלאַנד דויערט ביז אָקטאָבער 1944. צוזאַמען זענען פון דאָרט אָנגעקומען 54 טראַנספּאָרטן מיט בערך 53 טויזנט נפשות.

אין אויגוסט 1942 הייבט זיך אָן די דעפּאָרטיר־אַקציע פון בעלגיע, פון דעם ייִדן־לאַגער מאַלין. די אַקציע דויערט ביז אויגוסט 1944 און דערגרייכט צו 27 טראַנספּאָרטן מיט בערך 26 טויזנט ייִדן.

אין אויגוסט הייבן אויך אָן אָנקומען טראַנספּאָרטן פון יוגאָסלאַוויע, בעיקר פון קראָאַטיע. עס קומען אָן מיט גרויסע איבעררייַסן ביז אויגוסט 1944 אַכט טראַנספּאָרטן מיט בערך 6 טויזנט ייִדן.

פון סוף אָקטאָבער 1942 ביז אָקטאָבער 1944 קומען אָן — מיט גרויסע איבעררייַסן — 25 טראַנספּאָרטן פון טערעזיענשטאָט (טשעכיע) מיט בערך 50 טויזנט ייִדן.

דעם 1טן דעצעמבער 1942 קומט אָן דער איינציקער טראַנספּאָרט פון בערגען (נאָרוועגיע) מיט בערך 930 ייִדן.

דעפּאָרטאַציע פון ייִדן פון האָלאַנד קיין אוישוויץ.
די ס.ס.־לײַט פאַררוקן די טירן פון די מיט ייִדן אָנגעפּאַקטע וואַגאָנען.
(די פאָטאָ איז וואָרשײַנלעך געמאַכט דורך אַן ס.ס.־מאַן).

זינט דעצעמבער 1942 הייבן אָן אָנקומען ייִדן־טראַנספּאָרטן פון דײַטשלאַנד. די דעפּאָרטיר־אַקציע פון די דײַטשישע ייִדן קיין אוישוויץ דויערט ביז אָקטאָבער 1944. די אָנגעקומענע 29 טראַנספּאָרטן, וועלכע ציילן בערך 36 טויזנט ייִדן, שטאַמען פון: בערלין, וראָצלאַוו (ברעסלאַו), לײַפּציג, לודוויגסדאָרף, סאַארבריקען, יעלעניאַ־גוראַ (הירשבערג), מילאָ־וויצע (פינפטייכן) און אַנדערע מקומות פון נידערשלעזיע. חוץ דעם איז געבראַכט געוואָרן אַ צאָל ייִדן פון די דײַטשישע לאַגערן: ראַווענסבריק, בוכענוואַלד, מאַוטהאַוזען, גראָסראָזען, נאַטצווײַלער, דאַכאַו, פלאָסענבורג, שטוטהאָף און בערגען־בעלזען.

אין מערץ 1943 האָבן זיך אָנגעהויבן די טראַנספּאָרטן פון גריכנלאַנד. זיי האָבן געדויערט ביז אויגוסט 1944. זייער צאָל איז געווען 22, מיט וועלכע עס זענען געבראַכט געוואָרן בערך 55 טויזנט ייִדן, דער עיקר פון סאַלאָניקי און אַטען, אָבער אויך פון די אינדזלען קאָרפו און ראָדאָס.

די איטאַליענישע ייִדן האָט מען גענומען ברענגען זינט אָקטאָבער 1943. די 28 טראַנספּאָרטן מיט די 15 טויזנט ייִדן זענען אָנגעקומען אין משך פון אַ יאָר צײַט, ביז אָקטאָבער 1944, פון די זאַמל־ערטער אין רוים און טריעסט און אויך קאַרפּי.

אויב עס גייט אין די געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד, איז קיין אוישוויץ דעפּאָרטירט געוואָרן אַ טייל ייִדן פון לעטלאַנד (ריגע), ליטע (קאָוונע) און עסטלאַנד (פונעם לאַגער אין נאַרוואַ) און אויך פון גראָדנע און אומגעגנט [7] און טיילווייז פון דיסטריקט גאַליציע (באַריסלאַוו). בסך הכּל זענען געווען 18 טראַנספּאָרטן, בתוכם פון גראָדנע 10. דיסטריקט גאַליציע 4, קאָוונע 2, ריגע 1 און נאַרוואַ 1. בסך הכּל זענען פון די סאָוועטישע געביטן דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ בערך 30 טויזנט ייִדן, בתוכם פון גראָדנע בערך 27 טויזנט (אַזוי אַרום איז פון גאַנצן באַצירק ביאַליסטאָק דעפּאָרטירט געוואָרן בערך 97 טויזנט ייִדן). פון קאָוונע איז דער גאַנצער טראַנספּאָרט באַשטאַנען פון קינדער. די טראַנספּאָרטן פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן געדויערט מיט איבעררײַסן פון נאָוועמבער 1942 (גראָדנע) ביז סעפּטעמבער 1944 (די קינדער פון קאָוונע).

פון עסטרײַך זענען אין דעצעמבער 1943 און סעפּטעמבער 1944 און דעצעמבער 1944 אָנגעקומען צוזאַמען פינף טראַנספּאָרטן מיט בערך 500 ייִדן.

דעם 16טן מײַ 1944 האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע דעפּאָרטיר־אַקציע פון אונגאַרן קיין אוישוויץ. זי האָט אָנגעהאַלטן ביז אָקטאָבער 1944 און אַרומגענומען 88 טראַנספּאָרטן, מיט וועלכע עס איז געבראַכט געוואָרן בערך 400 טויזנט ייִדן.

חוץ דעם זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ 32 טראַנספּאָרטן מיט בערך 18 טויזנט ייִדן פון אומבאַוווּסטע ערטער.

אַזוי אַרום זענען — לויט די אויסרעכענונגען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין דעם איצטיקן אוישוויצער מוזיי און וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „אוישוויצער העפטן" [8] — אַרײַנגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ אין משך פון די יאָרן 1942, 1943 און 1944 בערך איין מיליאָן מיט הונדערט טויזנט ייִדן.

אונדז דוכט זיך אָבער, אַז די דאָזיקע ציפער איז בפירוש אַ צו־קליינע. אין אוישוויצער מוזיי איז די ציפער אויסגערעכנט געוואָרן אויפן סמך פון

אויף דער באַן־ראַמפּע פון בזשעזשינקע (בירקענאַו)

פרויען און קינדער פון אַ טראַנספּאָרט אונגאַרישע ייִדן, וועלכער איז אָנגעקומען אין זומער 1944, („אַקציאָן העס") און באַלד געוואָרן אויסעלעקציאָנירט צו די גאַז־קאַמערן.

די דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין דאָרטיקן מוזיי און אויך אויפן גרונט פון געוויסע אויסלענדישע אויסגאַבעס. די אוישוויצער מחברים האָבן אָבער נישט גענומען אין אַכט אַ ריי דאָקומענטן און אויסגאַבעס, וועלכע גיבן אָן אַ סך מער טראַנספּאָרטן און העכערע ציפערן. קודם כל האָבן זיי, ווארשיינלעך, נישט געקענט די מאַטעריאַלן פון דעם אַרכיוו פון דער אונטערערדישער פּוילישער לאַנדאַנער לאַנד־דעלעגאַטור, וועלכע האָט אויפן סמך פון די ראַפּאָרטן פון איר געהיימער אויסשפּירונג, סײַ אין לאַנד סײַ אין אוישוויץ־לאַגער, געהאַט ברייטע און פּינקטלעכע אינפאָרמאַציעס.

לאָמיר מאַכן, למשל, אַ פאַרגלײַך צווישן די מאַטעריאַלן פונעם אוישוויצער קאַלענדאַר (געמאַכט אין אוישוויצער מוזיי) און די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַטור־אַרכיוו לגבי די ייִדן־טראַנספּאָרטן פון דײַטשלאַנד. אינעם קאַלענדאַר ווערן אָנגעגעבן בלויז די פאָלגנדיקע אָפּשטאָם־ערטער פון די טראַנספּאָרטן: ווראָצלאַוו, לײַפּציג, בערלין, לאַנדסדאָרף און נידערשלעזיע. אָקעגן־זשע אין די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַטור־אַרכיוו לייענען מיר אויך וועגן טראַנספּאָרטן פון דרעזדען, מאַרקשטאַדט בײַ ווראָצלאַוו, וואַלשטין און עבערסוואַלד — בלויז אין איין חודש אויגוסט 1943 [9].

איצט לאָמיר נעמען אַ צווייטן בולטן בײַשפּיל בשייכות מיט די ייִדישע טראַנספּאָרטן פון גראָדנע. דער אוישוויצער קאַלענדאַר גיט אָן 10 גראָדנער טראַנספּאָרטן אין נאָוועמבער 1942 און אין יאַנואַר 1943. לויטן אוישוויצער קאַלענדאַר האָט די צאָל ייִדן, דעפּאָרטירטע פון גראָדנע, באַטראָפן בערך 27 טויזנט. אָקעגן־זשע די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַטור־אַרכיוו גיבן אָן, אַז בלויז אין משך פון 12טן ביזן 28סטן יאַנואַר 1943 זענען פון גראָדנע אַוועק 16 צוגן (טראַנספּאָרטן) צו 26 וואַגאָנען אין איטלעכן, וואָס גיבן די סומע פון 416 וואַגאָנען. אויב מיר זאָלן אָננעמען לכל הפחות צו 100 נפשות אין אַ וואַגאָן, באַקומט זיך די ציפער פון מינימום 41.600 טויזנט ייִדן [10]. צום פאַרגלײַך איז נאָך נייטיק צו נעמען אין אַכט די צאָל ייִדן דעפּאָרטירטע אין נאָוועמבער 1942. אַזוי אַרום באַקומט זיך אין אַ סך הכל אפשר צוויי מאָל אַזוי פיל קרבנות, ווי עס גיט אָן דער אוישוויצער קאַלענדאַר.

לויט די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַטור־אַרכיוו האָט מען אויפן וואָקזאַל אין קראָקע שוין ביזן 1טן יוני 1944 אָנגעציילט 90 צוגן (טראַנספּאָרטן) מיט ייִדן פון אונגאַרן, וואָס זענען אַוועק קיין אוישוויץ [11]. אין

דער זעלביקער צײַט גיט אָן דער אוישוויצער קאַלענדאַר, אַז בסך הכּל זע־נען די גאַנצע צײַט — פון מײַ ביז אָקטאָבער 1944 — געווען 88 טראַנס־פּאָרטן. דער אונטערשייד איז דאָ, ווי מיר זעען, זייער אַ ווענזנטלעכער און בולטער.

לויט דעם אוישוויצער קאַלענדאַר זענען אין משך פון דער גאַנצער צײַט, אַזש ביז אויגוסט 1944, אַרײַנגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ בערך 55 טויזנט ייִדן פון גריכנלאַנד. אָקעגן־זשע די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַ־טור־אַרכיוו גיבן אָן, אַז בלויז ביז יוני 1944 זענען פון גריכנלאַנד געבראַכט געוואָרן 60 טויזנט ייִדן [12]. פּונקט אַזוי שאַצט אָפּ דער אוישוויצער קאַלענ־דאַר די צאָל אַרײַנגעבראַכטע ייִדן פון טשעכיע ביזן סאַמע סוף (אָקטאָבער 1944) אויף בערך 46 טויזנט, בעת לויט די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַ־טור־אַרכיוו קומט אויס, אַז בלויז ביז יוני 1943 האָט די דאָזיקע צאָל באַ־טראָפן 50 טויזנט [13].

עס איז אויך אָפּט פאַראַן איןביידע מקורים גרויסע אונטערשיידן אין דער צאָל ייִדן פון די באַזונדערע טראַנספּאָרטן. אַזוי למשל גיט אָן דער ראַפּאָרט פון אינפאָרמאַציע און פּרעסע־דעפּאַרטאַמענט פון דער דעלעגאַ־טור אין זײַן ראַפּאָרט פון 1טן מערץ 1944, אַז דעם 22סטן פעברואַר 1944 איז פון פראַנקרײַך אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט מיט 7 טויזנט ייִדן [14]. בעת אַזאַ טראַנספּאָרט און אַזאַ הויכע ציפער פיגורירט בכלל נישט אין דעם אוישוויצער קאַלענדאַר. עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס בעת דער אוישוויצער קאַלענדאַר גיט אָן די צאָל בערך פון 60 טויזנט ייִדן אַרײַנ־געבראַכטע קיין אוישוויץ פון פראַנקרײַך, שאַצט אָן אויטאָריטאַטיווע גבית עדות פון פראַנצייזישן ייִדנטום אָפּ די צאָל אויף אפשר צוויי מאָל אַזוי פיל [15].

אין די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַטור־אַרכיוו ווערן אָפּט מאָל אָנ־געגעבן גענויערע ציפערן, ווי אין דעם אוישוויצער קאַלענדאַר. אַזוי, למשל, גיבן אָן די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַטור־אַרכיוו, אַז דער טערעזינער טראַנספּאָרט פון 9טן סעפּטעמבער 1943 האָט באַטראָפן בערך 6 טויזנט נפשות [16]. אַזוי אַרום קאָן מען זײַן אין שטאַנד אויסצופילן די בלויזן, אָדער מטושטשדיקע ערטער פון דעם אוישוויצער קאַלענדאַר.

חוץ דעם וויכטיקן מקור, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער דעלעגאַ־טור־אַרכיוו, האָט די אויטאָרין פון דעם אוישוויצער קאַלענדאַר פאַרזען

אויך אַנדערע וויכטיקע מקורים, למשל, דעם פאַקט וועגן דעם קינדער־טראַנספּאָרט פון געטאָ אין שאַוול (ליטע) פון 5טן נאָוועמבער 1943, וועגן וועלכן עס שרייַבט דער אַנאָנימער מחבר פון אַן אונטערערדישן אוישוויצער טאָגבוך. פּונקט אַזוי ווייס נישט די קאַלענדאַר־אויטאָרין, למשל, אויך וועגן דעם טראַנספּאָרט פון דעם דרום־פראַנצייזישן לאַגער וויטעל, פון וואַנען די ייִדן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ אין אַפּריל 1944. די רשימה פון אַזעלכע פאַרזעענע פאַקטן איז אַ גענוג לאַנגע.

הקיצור — פון דעם אַלעמען דרינגט אַרויס, אַז די צאָל אַרייַנגעבראַכטע ייִדן, וועלכע באַטרעפט אויפן סמך פון אוישוויצער קאַלענדאַר בערך אַ מיליאָן מיט הונדערט טויזנט, איז ווייַט פון גענויקייט און צו נידעריק. עס איז שווער פעסטצושטעלן גענוי וויפל ייִדן מען האָט אַרייַנגעבראַכט קיין אוישוויץ און וויפל פון זיי עס זענען אומגעקומען. קיין גענוי־פּרעציזירטע דאָקומענטן זענען נישטאָ. אָבער אויפן סמך פון די אויבן דערגעפירטע פאַרגלייַכן קאָן מען זיך משער זייַן, אַז צו דער צאָל פון אַ מיליאָן מיט הונדערט טויזנט מעג מען לכל הפחות צוגעבן נאָך אַ געוויסן גאַנץ־הויכן פּראָצענט. פאַרשיידענע מחברים פון מאָנאָגראַפיעס, אָדער זכרונות וועגן דעם דאָזיקן ריזיקן טויט־לאַגער, רופן אָן די ציפער פון צוויי מיט אַ האַלבן ביז פיר מיליאָן אומגעקומענע אין אוישוויץ בכלל, ד.ה. אַלע פעלקער: ייִדן, ציגייַנער, פּאָליאַקן, סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און פאַרשטייער פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן (אין לעצטן פאַל בעיקר פּאָליטישע)[17].

נישט אַלע אַרייַנגעפירטע קיין אוישוויץ זענען אומגעקומען. אָבער די ווייַט גרעסטע מערהייט איז קיין לעבעדיקע פון דאַנען שוין נישט אַרויס. בעיקר איז דאָס נוגע די ייִדן, וועלכע זענען אַלס פאָלק פאַרמשפּט געווען אויף פולשטענדיקער, טאָטאַלער פיזישער פאַרניכטונג. ווי עס דרינגט אַרויס פון די מעמוארן פון דעם אוישוויץ קאָמענדאַנט רודאָלף העס, וועלכער האָט געשריבן אין דער פּוילישער תּפיסה פאַרן טויט, איז זומער־צייַט 1941 אוישוויץ באַשטימט געוואָרן דורך הימלערן און אייכמאַנען פאַר אַ טויט־פאַבריק פון די ייִדן פון אַלע אָקופּירטע לענדער. דעמלט טאַקע איז אייכמאַן געקומען מיט אַ באַזוך צו העסן קיין אוישוויץ און זייערע אויגן זענען געפאַלן אויפן שכנותדיקן דאָרף בזשעזשינקע, ווי דאָס אָרט, ווו עס וועט דאַרפן ווערן דורכגעפירט דער מאָנסטרועלער מאַסן־מאָרד איבער אַ גאַנץ פאָלק. עס איז זיי געפעלן געוואָרן אַ זייַטיק שטייענדיקער דאָרפישער הויף,

וואָס זייַן מעלה איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער איז געווען באַשאָטנט מיט אַ וועלדל און האָט זיך געפונען נישט ווייַט פון דער באַן־ליניע. עס איז געפאַלן דער באַשלוס פון די צוויי איבער־מערדער אַוועקצושטעלן דאָ, אין דעם אָרט די גאַז־קאַמערן מיט די קרעמאַטאָריעס, נאָך דעם ווי זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז די געווייַנטלעכע „דושעגובקעס" (דער־שטיקן מיט האָלץ־גאַז אין פאַרמאַכטע אויטאָס) וועלן נישט ברענגען די געהעריקע רעזולטאַטן אין היגזיכט פון גרויסע ציפערן פון קרבנות. בזשע־זשינקע איז אָנגערופן אויף דייַטש בירקענאַו און איז אַרייַן אינעם סיסטעם פון גרויסן אוישוויצער טויט־קאָמבינאַט, ווי אוישוויץ 2 [18].

פון תחילת 1942, אַפּנים זינט דעם חודש מייַ, האָט די געשפּענסטיקע פּראָצעדור פון דעם אַרייַנקום קיין אוישוויץ, בפרט פון די יידישע טראַנס־פּאָרטן, אויסגעזען אָט אַזוי: ווי נאָר דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען אויף דער ראַמפּע, זענען זיך די וועגן צעגאַנגען. די ס.ס.־לייַט און בתוכם זייערע דאָקטוירים האָבן דורכגעפירט די ערשטע סעלעקציע, לפּי ערך זענען 10 ביז 15 פּראָצענט פונעם טראַנספּאָרט אויסגעקליבן געוואָרן לעת עתה צום „לעבן", אין לאַגער אַרייַן, בעת 85 ביז 90 פּראָצענט איז תיכף ומיד באַ־שטימט געוואָרן אויף טויט, צום גאַז. אין דער דאָזיקער איבערוויגנדיקער גרופּע זענען תמיד אַרייַנגעגאַנגען די עלטערע לייַט, די קינדער, ס׳רוב צו־זאַמען מיט זייערע מוטערס, און די קראַנקע. זיי זענען געוואָרן אויפגע־לאָדן אויף לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט צו די גאַז־קאַמערן. אָפט מאָל איז דער גאַנצער טראַנספּאָרט, אָן אַ סעלעקציע, אַוועק צום גאַז. אָפט מאָל האָט די צאָל אויססעלעקציאָנירטע צום „לעבן" באַטראָפן מינימום 10 פּראָ־צענט, זייער זעלטן מער ווי 15. ביידע גרופּן, סיי די אויפן אָרט צום טויט פאַרמשפּטע, סיי די לעת עתה אויף „לעבן" באַשטימטע, זענען פולשטענדיק באַרויבט געוואָרן און אויף אַ ציניש אופן דערנידעריקט ווי מענטשן. עס זענען פאַראַן הונדערטער באַשרייַבונגען פון די סעלעקציעס, באַרויבונג און „קבלת פּנים" אין אוישוויץ. עס זענען אויך פאַראַן באַשרייַבונגען (אַ סך ווייניקער) פון דער לעצטער נסיעה צום טויט. אָט ווי עס באַשרייַבט די דאָזיקע מאָמענטן דער אויסשפּירער־אָבסערוואַטאָר, וואָס האָט זייַן ראַפּאָרט געשיקט צו דער פּוילישער אונטערערד:

„די קרבנות [19] זענען ביזן לעצטן מאָמענט איבערצייַגט, אַז זיי זענען באַשטימט אויף באַזעצן זיך אין שלעזיע, אָדער אויף אויסטויש מיט דייַטשי־

שע קריגס־געפאַנגענע, וואָס געפינען זיך אין ענגלאַנד. די טראַנספּאָרטן ווערן סאָרטירט: מענער, פרויען, קינדער. די וואַליזעס, די מלבושים, די צירונג און דאָס געלט מוז מען אָפּגעבן אויף „אויסבאַהאַלטן" און נאָכן אויסטאָן זיך נאַקעט הייבט זיך אָן דאָס קאָלעקטיווע „באָדן זיך", ד.ה. דער טויט אין גאַז־קאַמער. ספּעציעלע גרופּן שערן אָרום די טויטע קערפּערס און מאַגאַזינירן די האָר, רײַסן אַרויס גאָלדענע ציין און זוכן צירונג אין די געהיימסטע פרויען־ערטער. די קרעמאַטאָריעס זענען נישט אין שטאַנד צו באַוויַזן פאַרברענען אַלע טויטע קערפּערס. עס שאַפן זיך שוועריקייטן, עטלעכע טעג קומט אַ מאָל אויס צו וואַרטן אויף דער „באָד". צוויי טויזנט געזונטע ייִדן האָט מען אָפּגעטיילט פון די איבעריקע, מען האָט זיי אַרײַנ־געזעצט אין אַ לאַגער אין גלײַוויץ און מען האָט זיי געהייסן שרײַבן אָפּ־טימיסטישע בריוו קיין אונגאַרן. זיי האָבן נישט קיין אַנונג וועגן דעם גורל פון די אַנדערע" [20].

אַזוי אַרום זענען זיך די וועגן צעגאַנגען באַלד בײַם ערשטן באַריר מיטן אוישוויצער באָדן. משפחות ווערן צעריסן, נאָענטע צעשפּרייט. די פיר בירקענאַוער קרעמאַטאָריעס — נומער 2, 3, 4 און 5 (וואָרום דאָס קרעמאַטאָריום נומער 1 געפינט זיך אין אוישוויצער שטאַם־לאַגער) — שלינגען אײַן די טויזנטער קרבנות, וועלכע ווערן אַרײַנגעטריבן אין די בונקערס (די גאַז־קאַמערן געפינען זיך אין אַ.ג. בונקערס) כּלומרשט אויף „אָרומוואַשן זיך", און ווי נאָר די קאַמער ווערט פול (אויפן שטח פון 210 קוואַדראַט מעטער פון דער קאַמער זענען געוואָרן אַרײַנגעטריבן אַרום 3000 מענטשן) ווערט די טיר פאַרהאַקט, און אַן ס.ס.־מאַן, אַ „ספּעציאַליסט" מיט אַ גאַז־מאַסקע אויפן געזיכט, שלײַדערט גלײַך אַרײַן דורך די כּלומרשטע פרישניצעס, וועלכע געפינען זיך אויפן סופית פון דער גאַז־קאַמער, דעם „ציקלאָן ב", אין פאָרעם פון ערד־קרישטאָלן, גרויס ביז 1 צמ., דורכגע־זאַפּט מיט אַ פליסיקייט (סטערילזירטער ציאַן־זויערקייט). בײַ דער טעמ־פּעראַטור פון אַ פולער מיט מענטשן געפּאַקטער קאַמער טיילט זיך אויס מאָמענטאַל דער גאַז און ווירקט זייער שטאַרק. דער טויט קומט אין משך פון 5 ביז 10 מינוט, הגם נישט זעלטן דויערט דאָס טויט־מאַטערניש לענגער, בפרט פון ווען די ס.ס.־לײַט האָבן אָנגעהויבן צו קאַרגן די דאָזע פונעם ציקלאָן. דעמלט פלעגט מען אויך נאָך אַלעמען קאָנען אָבסערווירן די גרויל־סצענעס: כּמעט יעדער דריטער דערשטיקטער מענטש ווײַזט נאָך



קרעמאַטאָריום אין אושוויץ

אַרויס סימנים פון לעבן. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט אַריַינצושליַי־דערן אויך זיי, די האַלב־דערשטיקטע אין די ריזיקע קרעמאַטאָריע־אויוונס אין איינעם מיט די לגמרי דערשטיקטע און זיי פאַרברענען צוזאַמען אין די פלאַמען. ווען די קרעמאַטאָריעס האָבן נישט באַוויזן צו פאַרברענען אַלע טויטע, אין צײַטן פון געדיכטן אָנקום פון די טראַנספּאָרטן, האָט מען טייל בר־מינגס באַגראָבן אונטער דער ערד [21].

נישט וויַיט פון די קרעמאַטאָריעס האָבן זיך געפונען עטלעכע קליינע קאַלך־אויוונס, ווו די רוצחים האָבן פאַרברענט די דאָקומענטן פון די אומ־געקומענע, זייערע סידורים און ספרים, טליתים און תפילין און אַנדערע תשמישי קודש און חפצים. אָקעגן־זשע טײַערע זאַכן, וואַלוטע און גאָלד, צוזאַמען מיט די אַרויסגעריסענע גאָלדענע ציין, האָט מען צונויפגענומען און געשיקט אין דער רײַכס־באַנק אין בערלין, אָדער דרעזדען. כּמעט יעדן טאָג האָט מען אויסגעשמאָלצן בערך 12 קילאָגראַם גאָלד [22].

ווער זשע האָט דורכגעפירט דעם אויבן בקיצור געשילדערטן מאַסן־מאָרד און שוידערלעכע באַרויבונג פון די קרבנות? דאָס זענען געווען מענטשן, חיות אין מענטשלעכער געשטאַלט, אויסגעשולטע אין גײַסט פון היטלערס און הימלערס מענטשן־פרעסערישער „אידעאָלאָגיע".

דער הויפּט־פאַרברעכער און אָרגאַניזאַטאָר פון דעם מאַסן־מאָרד איז געווען — זײַט בײַ זײַט מיט אַדאָלף אייכמאַן — דער לאַגער־קאָמענדאַנט רודאָלף העס. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן נאָך דער מלחמה, אין מערץ 1947, דורכן העכסטן פּוילישן נאַציאָנאַלן טריבונאַל צום טויט. די עקזעקוציע דורך הענגען איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן אָרט פון פאַרברעכן — אין סאַמע אוישוויץ 1.

צו די שוידערלעכסטע אוישוויצער מערדער האָבן געהערט דער קאָ־מענדאַנט יאָזעף קראַמער (קאָמענדאַנט פון בירקענאַו), יאָהאַן שוואַרצהו־בער (לאַגערפירער פון בירקענאַו), פריץ האַרטיענשטיין (לעצטער קאָמענ־דאַנט פון בירקענאַו). אַלע דרײַ זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך די אַליאַנטישע טריבונאַלן. אָבער בלויז איבער די ערשטע צוויי איז דער אורטייל אויסגעפירט געוואָרן. פריץ האַרטיענשטיין איז געשטאָרבן אין דער תפיסה אין פראַנקרײַך אין יאָר 1954. דער לעצטער קאָמענדאַנט פון גאַנצן אוישוויצער קאָמבינאַט, ריכאַרד באַער, איז באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די רציחות בעת דעם אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. ער, אַ

געכאַפּטער, נאָכן אייכמאַן־פּראָצעס, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַ מערב־דײַטשישער תּפיסה.

אויך די קאָמענדאַנטין פון דעם אוישוויצער פרויען־לאַגער, מאַריאַ מאַנדעל, אַ סאַדיסטקע און דעגענעראַטקע, איז פאַרמשפּט געוואָרן דעם 22סטן דעצעמבער 1947 דורכן העכסטן פּוילישן נאַציאָנאַלן טריבונאַל צום טויט.

די מאַנשאַפט פון אוישוויץ איז באַשטאַנען פון דײַטשישע ס.ס.־לײַט און פאַשיסטן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, בעיקר אוקראַיִנער. פון צווישן די באַזונדערע פאַרהאַסטע אוישוויצער ס.ס.־לײַט דאַרף מען אויס־רעכענען אַ שטייגער: דעם שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג (אָרטיקע געסטאַפּאָ), מאַקסימיליאַן גראַבנער, אַ געוועזענעם פּאָסטאָר [23]. גראַבנער האָט געהאַט אַ טבע צו האַלטן רעדעס צו די אָנקומענדיקע יִדישע טראַנס־פּאָרטן. זײַנע רעדעס זענען געווען „מײַסטערשטיק" פון פרעכקייט, ציניש־קייט און ליגן: „איר וועט איצט ווערן אויסגעבאָדן און דעזינפעצירט און וועט באַקומען עסן און וועט גיין צו דער אַרבעט לויט אײַערע ספּעציאַ־ליטעטן" [24].

אויף אַן ענלעכן אופן פלעגט אָפּשווינדלען די קרבנות פאַרן גרויזאַ־מען טויט דער ס.ס.־מאַן לאַגערפירער פראַנץ העסלער [25]. און אַזוי אויך דער גרויליקער רוצח אָטטאָ מאָלל [26], דער קאָמענדאַנט פון די קרעמאַטאָ־ריעס. אַן ענלעכע ראָל האָט געשפּילט דער ס.ס.־מאַן היינריך בישאָף [27], וועלכער האָט געטריבן די נאַקעטע פרויען צו די קרעמאַטאָריעס. צו די שוידערלעכסטע רוצחים האָבן געהערט ווילהעלם באָגער [28] פון דער פּאָלי־טישער אָפּטיילונג, אָסוואַלד קאַדוק [29], דער ראַפּאָרט־פירער עריך מוספעלד [30] און אַנדערע. עס פלעגט אויך קומען אויף מאָרד־גאַסטראָלן קיין אוישוויץ דער לייטער פון קאַטאָוויצער געסטאַפּאָ, ד״ר רודאָלף מילדנער [31].

צווישן די רוצחים זענען אויך געווען די באַרימטע דאָקטוירים: פּראָפ. ד״ר קאַרל קלאַובערג [32], ד״ר יאָסעף מענגעלע[33], און יאָסעף קלער [34] וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין מאַכן די אַסירים טויט־אימפּונגען פון פענאָל, ווי אויך ד״ר עדוואַרד ווירטס [35], ד״ר האָרסט שומאַן [36] און אַנדערע, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט פּראָפ. ד״ר קאַרל קלאַובערג, ד״ר יאָסעף מענ־געלע געמאַכט די באַקאַנטע עקספּערימענטן איבער די פרויען, מענער און קינדער [37]. (מענגעלע — איבער קינדער צווילינגען).

צו הילף האָבן די דײַטשישע פאַרברעכער גענומען אַ גאַנצע רײ קרי־מינאַליסטן — שטאַם־דײַטשן, פאָלקס־דײַטשן און אויסוואורפן פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן אין די פונקציעס פון בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס זיך איזדעקעוועט איבער די אסירים, למשל: דער בלאָק־עלטסטער טאַדעק, דער תּליון קאַטעק, די בלאָק־עלטסטע מאַריאַ יעמיאָלאַ, די לאַגער־עלט־סטע סטעניאַ סטאַראָסטקאַ און אַנדערע, וועמענס „נשמות זענען געווען פאַרקויפט צום טײַוול" [38].

די געריכטן האָבן ביז איצט געמשפּט אַ טייל פון אָט די פאַרברעכער, אָבער עד היום האָט נאָך קיינער נישט געמשפּט דעם גרויסן רוצח, וואָס האָט זיך געפונען אין שאָטן — די גרויסע דײַטשישע קאָנצערנען י. ג. פאַרבען און אַנדערע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אויפן געביט פון אוישוויץ גרויסע פאַבריקן און גרובנס און עקספּלאָאַטירט די שקלאַפן־אַרבעט פון די אסירים [39].

וואָס עס האָבן דורכגעלעבט די מענטשן אויף זייער לעצטן עטאַפּ צום מיתה־משונהדיקן טויט, זייערע געפילן, דאָס אַלץ איז לחלוטין אומבאַ־קאַנט, ווײַל פון גאַז־קאַמער איז שוין קיינער נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. די דאָזיקע איבערלעבונגען זענען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די דערשטיקטע מענטשן אין די פלאַמען פון די קרעמאַטאָריעס. אַ ביסל באַ־וווּסט איז וועגן זייער לעצטן עטאַפּ איידער זיי זענען אַרויפגעטראָטן אויפן שוועל פונעם טויט־קאַמער. אָבער אויך די ידיעות וועגן דעם זענען ביז לעצטנס געווען זייער קאַרגע. אַקעגן־זשע איז מער געווען באַוווּסט וועגן דעם גורל, די איבערלעבונגען און געפילן פון די קנאַפּע 10 פּראָצענט, אָדער ווייניקער, וואָס זענען געבליבן ל ע ת ע ת ה לעבן נאָך דער סע־לעקציע.

מיר שטרײַכן אונטער דעם ל ע ת ע ת ה, וואָרום דער גאַנצער אויש־וויץ־קאָמבינאַט מיט זײַנע דרײַ גרונט־טיילן (שטאַם־לאַגער, בירקענאַו און דער סיסטעם פון פאַבריקן און גרובנס פון די לאַגערן פון אוישוויץ) איז געווען איין גרויסע טויט־פאַבריק. אויב אין די גאַז־קאַמערן איז דער טויט געקומען מאָמענטאַל, האָט ער זיך אויך טאָג־אײַן, טאָג־אויס גע־שפּרייט אין דעם „נאָרמאַלן" לאַגער. און דאָס אין רעזולטאַט פון די פאָלגנדיקע צרות:

אַרבעט איבער די כּוחות, קרענקלעכע פּיַיכטקייט פון אָרט, אונטערדער־נערונג און סטאַבילער הונגער, שעדלעך וואַסער, שלאָגן בײַ יעדער גע־לעגנהייט, עקזעקוציעס, עפּידעמיעס און ספּעציפישע לאַגער־קראַנקייטן, דהיינו: שילשול, פלעק־טיפוס, פלעגמאָנע (פאַרגיפטונג פון די ווונדן), קרעץ און צוואַנג־אײַנשפּריצונגען פון פענאָל.

פון אָט די אַלע סיבות איז, לויט געוויסע מחברים, אומגעקומען הע־כער אַ האַלב מיליאָן מענטשן. אָט אַזוי איז, למשל, פון 19טן אַפּריל ביזן 15טן אויגוסט 1942, אין משך פון 16 וואָכן, פון 3876 ייִדן — מענער און פרויען — דעפּאָרטירטע קיין אוישוויץ פון סלאָוואַקיע אין די טעג פון 19טן ביזן 29סטן אַפּריל 1942 און נישט געשיקט תּיכּף צום גאַז, געבליבן לעבן קוים 182 פּערזאָן [40]. די ריזיקסטע מערהייט איז אויסגעשטאָרבן פון הונגער, דערשעפּונג, קראַנקייטן, קלעפּ וכדומה. דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן, למשל, בנוגע דעם טראַנספּאָרט פון ייִדן פון פראַנקרײַך, וואָס איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ אין יוני 1942. אין משך פון 10 וואָכן איז פון די 1000 געבראַכטע ייִדן אומגעקומען 78 פּראָצענט און דאָס נישט אין גאַז־קאַמערן, נאָר פון הונגער, קלעפּ, קראַנקייטן א.ד.גל. לויט דער אָפּשאַצונג פון געוויסע מחברים זענען פון 400 טויזנט טאַטויִרטע און רעגיסטרירטע אסירים פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, בתּוכם אויך ייִדן, געבליבן לעבן ערב דער באַ־פרײַונג בערך 60 טויזנט. בכלל איז דאָס נישט קיין קליינער פּראָצענט פאַר די אוישוויצער פאַרהעלטענישן. אָבער עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער פּראָצענט לעבנגעבליבענע ייִדן, אין באַצוג צו דער צאָל טאַטויִרטע און רעגיסטרירטע ייִדן (די וואָס זענען תּיכּף אַוועק צום גאַז, זענען נישט געוואָרן טאַטויִרט און נישט רעגיסטרירט) איז אַן ערך אַ קלענערער. וויפל ער באַטרעפט איז אונדז אָבער נישט באַוווּסט.

וועגן דער צאָל ייִדן, וואָס זענען געבליבן לעת עתּה לעבן אין די פאַרשיידענע לאַגערן פונעם אוישוויצער קאָמבינאַט, זענען פאַראַן פאַרשײ־דענע ידיעות. אין די מאַטעריאַלן פון דעם דעלעגאַטור־אַרכיוו, וואָס שטאַ־מען פונעם געהיימען אויסשפּיר אינעם לאַגער, האָבן זיך דעם 20סטן יאַ־נואַר 1944 אין אוישוויץ געפונען 3830 ייִדן, בתּוכם פּוילישע ייִדן 1820; דײַטשישע — 44; פראַנצייזישע — 765; סלאָוואַקישע — 99; רומענישע (מסתּם פון אונגאַרן, אָדער סלאָוואַקיע) — 115; קראָאַטישע — 24; האָ־לענדישע — 282; בעלגישע — 224; גריכישע — 448; איטאַליענישע —

9 [41]. די דאָזיקע צאָל ייִדן האָבן געלעבט אין פיל ערגערע באַדינגונגען און אין אַן ערך אומרויִקערער אַטמאָספער, ווי די אסירים פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָרום איבער די ייִדן האָט אַן אויפהער געהאָנגען די דאַמאָקלעס־שווערד פון פאַרניכטונג, פון נײַע סעלעקציעס און שיקונגען צום גאַז. דער אַקערשט ציטירשער פוילישער דאָקומענט גיט, למשל, איבער, אַז פון 1טן ביזן 20סטן יאַנואַר 1944 זענען פאַרגאַזט געוואָרן לערך 6 טויזנט ייִדישע פרויען. אין שאָטן פון טויט האָבן זיך אויך געפונען די פרויען, וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין 10טן בלאָק, ווו מען האָט געמאַכט איבער זיי כּלערליי מעדיציניש־„וויסנשאַפטלעכע” עקספּערימענטן, וואָס האָבן זיך ס׳רוב געענדיקט מיט טויט. דאָס זענען געווען עקספּערימענטן פון קינסטלעכער באַפרוכפּערונג, איבעררײַסן שוואַנגערשאַפט, קאַסטראַציע און סטעריליזאַציע (דאָס לעצטע אויך איבער מענער און יונגע קינדער), אויפן באַפעל פון דעם הויפּט־אינסטיטוט פאַר היגיענע בײַ דער צענטראַלע פון ס.ס. די הויפּט־קרבנות זענען געווען יונגע ייִדישע פרויען פון גריכנלאַנד. עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן שעדלעכע עקספּערימענטן איבער ייִדישע קינדער, בפרט איבער צווילינגען. מיט דער גאַנצער אַקציע האָט אָנגעפירט דער ס.ס.־פּראָפעסאָר ד״ר קאַרל קלאָובערג [42].

די לאַגע פון די פאַרשיידענע ייִדישע אסירים איז נישט געווען קיין גלײַכע. די ווײַט גרעסטע מערהייט האָט געהאָרעוועט עבודת פּרך און האָט זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס איז בלשון האסירים אָנגערופן געוואָרן: בר־מינגס אויף אורלויב. למשל, אין סעפּטעמבער 1942 לייענען מיר אין אַ געהיימען ראַפּאָרט פון דער פוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָבן די 7 טויזנט ייִדישע פרויען, וואָס האָבן זיך דעמלט געפונען אינעם לאַגער, געמוזט אַרבעטן בײַ די שווערסטע ערד־אַרבעטן, וואָס האָבן אויסגעמאַטערט ביזן טויט. אין דער זעלבער צײַט זענען אינעם לאַגער געווען 600 ייִדישע מענער, פון וועלכע 500 האָבן זיך געפונען אין דער שטראָף־קאָמפּאַניע, ווו עס האָבן געהערשט די ערגסטע באַדינגונגען. און בלויז 100 ייִדישע אסירים האָבן געהערט צו דער לאַגער־עליטע, געהאַט א.ג. גוטע פּאָסטנס און גענאָסן פון צוגאָב־באַשפּײַזונג. די דאָזיקע הונדערט האָט די ס.ס. באַהאַנדלט אויפן זעלבן שטייגער, וואָס די דײַטשישע און פּוילישע אסירים. מען האָט זיי געהאַלטן ווי אַ מוסטער־באַווײַז פאַר די וויזיטירנדיקע קאָמיסיעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ [43].

Geheime Reichssache !

1 Ausfertigung

Am 7.7.1942 hat eine Besprechung stattgefunden zwischen dem Reichsführer-SS, SS-Brigadeführer Professor Dr. Gebhardt, SS-Brigadeführer Glücks und SS-Brigadeführer Professor Klauberg, Königshütte. Inhalt der Besprechung war die Sterilisierung von Jüdinnen. Der Reichsführer-SS hat dem SS-Brigadeführer Prof. Klauberg zugesagt, daß ihm für seine Versuche an Menschen und an Tieren das Konzentrationslager Auschwitz zur Verfügung steht. Es sollte anhand einiger Grundversuche ein Verfahren gefunden werden, das die Sterilisierung bewirkt, ohne daß die Betroffenen davon etwas merken. Sobald das Ergebnis dieser Versuche vorliegt, wollte der Reichsführer-SS noch einmal einen Bericht vorgelegt bekommen, damit dann an die praktische Durchführung zur Sterilisierung der Jüdinnen herangegangen werden kann.

Ebenso sollte am besten unter Hinzuziehung von Professor Dr. Hohlfelder, der ein Röntgenspezialist in Deutschland ist, geprüft werden, in welcher Weise durch Röntgenbestrahlung bei Männern eine Sterilisierung erreicht werden kann.

Der Reichsführer-SS hat allen beteiligten Herren gegenüber betont, daß es sich hier um geheimste Dinge handle, die nur intern besprochen werden könnten, wobei jeweils die an den Versuchen oder Besprechungen Anwesenden zur Geheimhaltung verpflichtet werden müßten.

Brandt

SS-Obersturmbannführer

א נאָטיץ פון דעם ס.ס.־אָבערשטורמבאַנפירער רודאָלף בראַנדט וועגן דער קאָנ־פערענץ פון 7טן יולי 1942 בײַ הימלערן, געווידמעט דער פּראָבלעם פון סטע־ריליזאַציע פון ייִדישע פרויען. פון דער נאָטיץ דרינגט אַרויס, אַז הימלער האָט דערלויבט דעם פּראָפ. קלאַובערג אַדורכצופירן עקספּערימענטן אויף אַסירים אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ.

אין דער דערמאָנטער לאַגער־עליטע האָבן די מיזרח־וואַנט פּאַרנומען די בלאָק־עלטסטע, שטובן־דינסט און קאַפּאָס. די ראָל פון אָט די דירעקטע משרתים פון די ס.ס.־לײַט ווערט בדרך כּלל באַצייכנט אין דער לאַגער־ליטעראַטור נישט בלויז ווי אַ נעגאַטיווע, נאָר געשילדערט אין די שוואַרצסטע פאַרבן. דער רוב פון די קאַפּאָס, בתוכם אויך ייִדן, איז באמת געווען, אָדער פאַרוואַנדלט געוואָרן, אין אַ פאַרברעכערישן עלעמענט. עס זענען אויך געווען אויסנאָמען און אויך אַזעלכע, וואָס זענען געווען פאַרבונדן, אָדער געוואָרן אַרײַנגעשיקט אויף אָט די פּאָסטנס דורך דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

די קאַצעטלער־מאַסע, און מער ווי אַלע די ייִדישע אסירים, זענען טאָג־טעגלעך אויסגעשטאַנען פיזישע און מאָראַלישע יסורים נישט בלויז צוליב די לאַגער־באַדינגונגען, נאָר אויך מצד די ס.ס.־לײַט, די וואַכן, דײַטשן, אוקראַיִנער, קראָאַטן און די „היימישע״ פּײַניקער, דאָס רוב קאַפּאָס, בלאָק־עלטסטע, שטובן־דינסט און שרײַבערס. גזלה, גנבה, קלעפּ, איזדעקעווען זיך, אויסמאַטערנדיקע אַפּעלן זענען געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג. צו דעם איז צוגעקומען די קעגנזײַטיקע נאַציאָנאַלע און ראַסן־שׂינאה, וועלכע די דײַטשן האָבן בכּיוון צעברענט. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פראַנק און פרײַ געשפּרייט אויך צווישן טייל קאַצעטניקעס. די קעגנזײַטיקע שׂינאה האָט זיך געטראָפן אויך צווישן די פאַרשיידענע ייִדישע שבטים. אַזוי האָט, למשל, פּאַסירט, אַז אַ בלאָק־עלטסטער, אָדער קאַפּאָ, אַ טשעכישע, אָדער סלאָוואַקישע ייִדישקע, האָט צוגענומען מיט דער הילף פון קלעפּ דאָס לעצטע ביסל שפּײַז בײַ אַ פּויליש־ייִדישער פרוי, כּדי עס אָוועקצוגעבן אַן אייגענער, אַ ייִדישער פרוי פון טשעכיע, אָדער סלאָוואַקיע. ערגער איז געווען, ווען דאָס זעלבע איז געשען נישט מיט עסן, נאָר מיט שיקן צום טויט, צום גאַז, ווען עס איז פאַרביטן געוואָרן אַ ייִדישע פרוי פון איין שבט אויף אַן אַנדערער פון אַ צווייטן ייִדישן שבט.

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט פאַרוואַנדלט דאָס „לעבן״ אין אַ גיהנום. די דאָזיקע גיהנום־שטימונג גיט איבער אַ ליד פון אַן אַנאָנימער אויטאָרין. דאָס ליד, געשריבן אין פּויליש דורך אַן אומבאַקאַנט ייִדיש מיידל, איז געפונען געוואָרן אין אוישוויץ. אָט איז זײַן טעקסט:

Ktoś powie, że to był rok tylko —
trzy razy po cztery miesiące;
Ja powiem, że to dni były i noce się niekończące.
Dzień dwanaście miał godzin,
Noc siedemset minut miała,
Minuta — sześćdziesiąt sekund.
A każda sekunda bolała.

(„עמעצער וועט זאָגן, אַז דאָס איז געווען בלויז איין יאָר,
דריַי מאָל צו פיר חדשים;
איך וועל זאָגן, אַז דאָס זענען געווען טעג
און נעכט, וואָס האָבן נישט קיין סוף.
דער טאָג האָט געהאַט צוועלף שעהען,
די נאַכט האָט זיבן הונדערט מינוט געהאַט.
יעדע מינוט — זעכציק סעקונדעס,
און יעדע סעקונדע האָט געבראַכט ווײ און צרות.")

אוישוויץ איז אָבער נישט בלויז געווען אַ פ אַ ב ר י ק פ ו ן ט ו י ט (אַזוי רופן אָן זייער מאָנאָגראַפיע וועגן דעם דאָזיקן לאַגער די צוויי יידישע טשעכישע מחברים קראַוס און קולקא[44]) און נישט בלויז אַ פּיַין־אָרט פאַר די „בר־מינגס אויף אורלויב", נאָר אויך אַ גרויליק־אויסטערליש געביט, וואָס איז לחלוטין אַרויס פון די רעלסן פון דעם, וואָס מיר רופן אָן גע־ווײנטלעך: לעבן. צום בולטסטן האָט אָט די לגמרידיקע אַנדערשקייט פון אוישוויץ כּלפּי דער גאַנצער וועלט אויסגעדריקט דער עדות אויפן ירושלי־מער אייכמאַן־פּראָצעס, יחיאל דינור (באַקאַנט אין דער ליטעראַטור אונטערן פסעוודאָנים „ק. צעטניק"), וועלכער האָט דערקלערט: „דאָ, אין אוישוויץ, איז די צײַט אַנדערש ווי אויפן גאַנצן ערד־קײַלעך. דאָ איז נישט געווען קיין מאַמע און קיין משפחה. די אסירים האָבן נישט געלעבט לויט די גע־זעצן פון דער נאַטור און אַוודאי נישט לויט די געזעצן פון דער געזעל־שאַפט; דאָ האָבן נישט עקסיסטירט קיין מענטשן. דאָ זענען געווען בלויז נומערן"[45].

דער עדות דינור (ק. צעטניק) איז אין דער יידישער ליטעראַטור אַ מחבר פון בעלעטריסטישע ווערק וועגן אוישוויץ, וואָס זענען איינצײַטיק אויטענטישע זכרונות. אין די ווערק באַמיט ער זיך איבערצוגעבן די ש ט י מ ו נ ג פון דעם טויט־לאַגער, וואָס איז אַן אַנדער פּלאַנעט פון דעם וועלטאַל. אָט ווי ק. צעטניק רופט אָן אוישוויץ: „יענע וועלט", „היִנטער־

לאַנד פון טויט", „פּרעמדער פּלאַנעט", „די צײַט, וואָס איז אַרויס פון די גרענעצן" [46] און אינטערעסאַנט: אַ מיטצײַטלערישער שרײַבער פון אַן אַנ־דער פּאָלק, וואָס איז אויך געווען אַן אוישוויץ־אסיר, דער פּוילישער קאַצעטניק און שרײַבער, טאַדעוש האָלוי, דריקט אויך אויס די זעלביקע מיינונג, די זעלביקע אַנונג וועגן דעם לאַגער. די איבערלעבונגען אין אויש־וויץ, וועלכע זענען אויך דורך אים בעלעטריזירט געוואָרן, רופט ער אָן: „דער סוף פון אונדזער וועלט" [47]. דאָס איז געווען דער סוף פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און קולטור.

ווי טראַגיש פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, האָבן צווישן טייל לאַגערניקעס געהערשט „נאָרמאַלע" לעבנס־באַדינגונגען. בעת טויזנטער זענען געגאַנגען צום טויט, בעת די קרעמאַטאָריע קוימענס האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס אויסגערויכערט ריזיקע קנוילן „מענטשלעך" רויך, בעת די גרונט־מאַסע פון די אסירים האָט געהונגערט און געלעבט פּערמאַנענט מיט דער טויט־אַנונג, האָט די אסירישע עליטע געזויפט און געפרעסן, געטראַכט וועגן פאַרגעניגנס און פרויען און געוואַרט אויף דעם אָנקום פון נײַע טראַנספּאָרטן פון נײַע טויט־קאַנדידאַטן, ווײַל פון יעדן טראַנספּאָרט איז „עפּעס" געבליבן פאַר דער עליטע — אַ פעטער פּרעס, אַלקאָהאָל, אַ גוטע פּאָר שיך און וואַרעמע אונטערוועש. סלאַוויען מיט גענדזענע שמאַלץ זענען געשטאַנען בײַ די בלאָק־עלטסטע, שטובן־דינסט, קאַפּאָס און זייערע בו־זעם־פרײַנד, סלאַוויען מיט שמאַלץ, וואָס עס האָבן געבראַכט די אונגאַרישע און סלאָוואַקישע ייִדן, וואָס האָבן זיך גערעכנט, אַז זיי פאָרן אויף אַרבעט, אויף אַ נײַעם פּלאַץ [48]. די לאַגער־עליטע האָט געלעבט נישט בלויז אויפן חשבון פון די לעבעדיקע לאַגער־אסירים, נאָר אויך אויף דער ירושה און אויפן חשבון פון די, וואָס זענען תיכף אַוועק צום גאַז.

אויף „פּרעמדער פּלאַנעט", דאָרט ווו „די צײַט איז אַרויס פון די גרע־נעצן" און עס איז געקומען „דער סוף פון אונדזער וועלט", זענען חל גע־ווען אוממענטשלעכע דזשונגל־געזעצן, די אמתע פאַרקערפּערונג פון homo homini Lupus est, און דאָך איז אין אָט די סאַמע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, אין דער הערשנדיקער אַטמאָספער פון הי־השער אכזריות און ציניש עגאָיזם — אײַנגעהאַלטן געוואָרן אַ מענטשלעך געפיל פון ווירדע און קעגנזײַטיקער הילף. דער ניצוץ פון ווידערשטאַנד און קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס האָט געטליעט אויך אין אוישוויץ און בירקענאַו. אין געווי־

סע מאָמענטן האָט זיך דער ניצוץ פאַרוואַנדלט אין אַ פלאַם, וואָס האָט פאַרברענט דאָס רישעות אין איינעם מיט דער גבורה. אויך אין אוישוויץ און בירקענאַו איז געווען אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אַ לעכצונג צו באַפרייַונג.

הערות צום קאַפּיטל איינס

1) Jan Sehn: Obóz koncentracyjny Oświęcim-Brzezinka. Auschwitz-Birkenau, Warszawa 1960, s. 11-12.

(ווייטער ציטירט: זעהן).

Józef Garlinski: Oświęcim walczący. Zeszyty Historyczne, Paryż 1970, nr. 18, Institut Literacki, s. 59-80.

2) זעהן, ז' 13־14. אויך: Danuta Czech: Kalendarz wydarzeń w obozie koncentracyjnym Oświęcim-Brzezinka, „Zeszyty Oświęcimskie" nr. 2, 1958, s. 82, wyd. P.M.O. (Państwowe Muzeum w Oświęcimiu) (ווייטער ציטירט „קאַלענדאַר" („אוישוויצער העפטן").

3) זעהן, ז' 37.

4) געוויסע קאַטעגאָריעס פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע: קאָמיסאַרן, יידישע שלאַכט־לייט, קאָמוניסטן א.ד.גל. זענען אויך געווען לכתּחילה פאַראורטיילט צום טויט.

5) זעהן: ז' 107; „קאַלענדאַר", „אוישוויצער העפטן", נ' 2, 1958, נאָטיצן פון 3טן און 4טן סעפּטעמבער 1941.

Bruno Baum: Widerstand in Auschwitz, Berlin 1962, s. 15-19.

ווייטער ציטירט: באַום.

6) „קאַלענדאַר". „אוישוויצער העפטן", נ' 3, 1958, נאָטיצן פון סוף יאַנואַר, 12טן מיי, 18טן און 20סטן יוני 1942.

7) דאָס איז געווען אַ טייל פון אַ.ג. בעצירק ביאַליסטאָק.

8) „קאַלענדאַר", „אוישוויצער העפטן", נ' 2, פון 1958, ז' 110—81; נ' 3, ז' 126—59; נ' 4, פון 1960, ז' 163—157; נ' 6, 1962, ז' 80—51; נ' 7, 1963, ז' 124—67.

9) דעפּאַרטאַמענט פון אינפאָרמאַציע און פּרעסע ביי דער לאָנדאָנער רעגירונגס־דעלעגאַטור אין לאַנד (ווייטער: דעפּ. פון אינפ. ב. ד.).

ראַפּאָרט וועגן דער לאַגע פון די מערב־געביטן נ' 9 ביזן 15טן נאָוועמבער 1943, אַרכיוו פון אַנשטאַלט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע ביי צ.ק. פּזפּר. ווייטער: אַרכ. פון א.פּ.ג., סיגנאַטור: 3—202, טעקע 139, ז' 466—367.

10) דעפ. פון אינפ. ב.ד. Informacja Bieżąca, (לויפנדיקע אינפאָרמאַציע). (ווייטער: לויפ. אינפ.) נ' 7 (80) פון 17טן פעברואַר 1943, אַרכ. פון א.פ.ג. 3—202, ט. 7, ז' 22.

11) דעפ. פון אינפ. ב.ד. ביולעטין נ' 35 פאַר „ס" (Sędzia), ד.ה. פאַר דעם „ריכטער" (יאַן זשעפעצקי), דעם שעף פון ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציע און פראָפּאַגאַנדע פון א.ק. (לאַנדס־אַרמיי), אַרכ. פון א.פ.ג. 3—202, ט. 16, ז' 36.

12) דאָרטן.

13) זע: ביילאַגע נ' 7 צו דעם ראַפּאָרט וועגן דער לאַגע אין די מערב־געביטן נ' 6 ביזן 15.8.1943, ז' 2, אַרכ. פון א.פ.ג. 3—202, ט. 139, ז' 238.

14) לויפ. אינפ. נ' 9 (133) פון 1.3.1944, אַרכ. פון א.פ.ג. 3—202, ט. 7, ז' 65.

15) Henri Bulawko: Les jeux de la mort et lèspoir, Auschwitz-Jaworzno, Paris 1954, p. 31. (ווייטער ציטירט: בולאַווקאָ)

16) לויפ. אינפ. נ' 45 (118) פון 17.9.1943, אַרכ. פון א.פ.ג. 3—202, ט. 7, ז' 228—229.

17) זעהן, ז' 155, באַום, ז' 16.

18) זעהן, ז' 107 און ווייטער Rudolf Hess: Wspomnienia Rudolfa Hessa, komendanta obozu oświęcimskiego, Warszawa 1961, Wydawnictwo Prawnicze, s. 181-184.

19) עס האַנדלט זיך דאָ וועגן די אונגאַרישע יידן.

20) לויפ. אינפ. נ' 17 (151) פון 7.7.1944, אַרכ. פון א.פ.ג. 3—202.

21) דאָרטן.

22) זעהן, ז' 158.

23) וועגן גראַבנערן שרייבט: Pery Broad: K.Z. — Auschwitz. Erinnerungen eines SS-Mannes der Politischen Abteilung des Konzentrationslager Auschwitz, Hefte von Auschwitz nr 9, 1966, s. 32.

24) דאָרטן, ז' 32. מאַקסימיליאַן גראַבנער איז פאַרמשפּט געוואָרן אין 1947 דורכן העכסטן פּוילישן נאַציאָנאַלן טריבונאַל צום טויט.

25) פראַנץ העסלער איז אין 1945 יאָר דורכן ענגלישן מיליטערישן געריכט פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט.

26) אָטטאָ מאָלל איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט אין 1946 יאָר דורכן מיליטע־רישן געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

27) היינריך בישאָף, אָנגעקלאָגטער אין אוישוויצער פּראָצעס אין פראַנקפורט איז געשטאָרבן אין דער צייט פון דעם פּראָצעס דעם 26סטן אָקטאָבער 1964.

28) ס.ס. אָבערשטורמפירער ווילהעלם באָגער איז נאָך דער מלחמה אין יוני 1945 אַרעסטירט געוואָרן אין דייטשלאַנד אין דער שטאָט לודוויגסבורג דורך דער אַמעריקאַנער מיליטער־פּאָליציי. ענדע נאָוועמבער 1946 האָט מען אים געדאַרפט איבערגעבן דער פּוילישער רעגירונג, אָבער עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון טראַנספּאָרט. איז אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד. דאָרט, ביי זיין מוטער, האָט ער אָן מעלדן זיך אין דער פּאָליציי געלעבט ביז 1949 אומ־לעגאַל. זומער 1949 איז ער געוואָרן אַרעסטירט און געהאַלטן אין תּפיסה אין

לאַנגעבורג און נאָך אַ קורצן אונטערזוכונג־האַפט איז ער געוואָרן פרײַ גע־
לאָזן. פון דער צײַט האָט ער זיך געקאָנט ווידער פרײַ באַוועגן.
אין אוישוויצער פּראָצעס אין פראַנקפורט אין 1965 יאָר איז ער געוואָרן פאַר־
אורטײלט צו לעבנסלענגלעכע תּפיסה און פאַרלירן די בירגער־רעכט אויפן
גאַנצן לעבן.

29) אין פראַנקפורטער פּראָצעס קעגן די אוישוויצער פאַרברעכער איז אָסוואַלד
קאַדוק פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכע תּפיסה און פאַרלירן די ביר־
גער־רעכט.

30) דער אָבערשאַרפירער עריך מוספּעלד, שעף פון קרעמאַטאָריום אין מײַדאַנעק,
פון יוני 1944 דער שעף פון די קרעמאַטאָריעס 2—3 און זאָנדער־קאָמאַנדאָ
אין בירקענאַו, איז פאַראורטײלט געוואָרן צום טויט דורכן העכסטן פּוילישן
טריבונאַל דעם 22סטן דעצעמבער 1947.

31) ס.ס.־שטאַנדאַרטן פירער ד״ר רודאָלף מילדנער איז געווען אַן עד אויפן
נירענבערגער פּראָצעס. אין 1949 איז ער געוואָרן אַרויסגעלאָזט פון דער
תּפיסה אָן אַ פּראָצעס קעגן אים. שפּעטער האָט די עסטרײַכישע מאַכט
אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אים צו אַרעסטירן, אָבער ער איז פאַרשוווּנדן.

32) פּראָפ. קאַרל קלאַובערג האָט אין אוישוויץ אַדורכגעפירט סטעריליזאַציע עקס־
פּערימענטן איבער די פרויען. ער איז אין 1957 געשטאָרבן אין אונטערזו־
כונגס־תּפיסה אין קיל.

33) ד״ר מענגעלע, אײנער פון די שרעקלעכסטע אוישוויצער פאַרברעכער. לעבט
אין פּאַראַגווײַ אונטער דעם נאָמען א ל פ ר ע ד מ אַ י ע ן. איז זײער אַ רײַ־
כער מענטש, געניסט פון אונטערשטיצונג פון דער דיקטאַטור אין פּאַראַגווײַ.

34) אין דעם פראַנקפורטער פּראָצעס אין 1965 קעגן די אוישוויצער פאַרברעכער
איז יאָסעף קלער פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכע תּפיסה און פאַרלירן
די בירגער־רעכט אויפן גאַנצן לעבן.

35) נאָך דער מלחמה איז ד״ר עדוואַרד ווירטס געוואָרן פאַרהאַלטן אין דער געגנט
פון מינכען דורך די אַמעריקאַנער (מיליטערישע מאַכט). אין דער תּפיסה
איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

36) אַדאַנק דעם אינטערנאַציאָנאַלן אוישוויצער קאָמיטעט איז געלונגען צו געפי־
נען דעם ד״ר האַנס שומאַן אין אַפריקע. אין גאַנאַ איז ער געווען טעטיק אין
דער שטאַטישער געזונטהייטס־דינסט. פיל יאָרן האָט אים די דאָרטיקע רעגי־
רונג נישט געוואָלט אַרויסגעבן. נאָכן באַזײַטיקן דעם פּרעזידענט פון גאַנאַ
נעקרומאַ אין יאָר 1966 איז ער געוואָרן אַרויסגעגעבן דער מערב דײַטשער
רעגירונג. אויפן סמך פונעם באַשלוס פון געריכט אין פראַנקפורט איז ער
נישט געוואָרן באַפרײַט, נאָר איבערגעשיקט אין תּפיסה־שפּיטאָל.

37) Wspomnienia Rudolfa Hessa, komendanta obozu oświęcimskiego, Warszawa 1956, s. 350.
Jan Sehn: Zbrodnicze eksperymenty sterylizacyjne Carla Clauberga na kobietach więzionych w hitlerowskich obozach koncentracyjnych. Zeszyty Oświęcimskie, nr. 2/1958.
Leon Poliakow: Auschwitz, Paris 1964, p. 115—126.
Władysław Fejkiel: Medycyna za drutami. Pamiętniki Lekarzy, Czytelnik 1954, Warszawa.
(ווײַטער ציטירט : פעיקעל).

38) ג״ע פון זאָפיאַ קאָסאַקעוויטש, ז׳ 14, 26 און 30.

39) I. G. Farben. Auschwitz Massen Mord über die Blutschuld der I. G. Farben.
Dokumente zum Auschwitz Prozess 1964.
Dokumente zum Auschwitz Prozess 1965.

40) „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן נ. 3/1958, ז׳ 9—70.

41) לויפ. אינפ. נ׳ 9 (133) פון 1.3.1944, אַרכ. פון א.פּ.ג. 3—202, ט. 7, ז׳ 65.

42) לויפ. אינפ. נ׳ 29 (102) פון 1.3.1944, אַרכ. פון א.פּ.ג. 3—202, ט. 7, ז׳ 114.
לויפ. אינפ. פון 22.3.1944, אַרכ. פון א.פּ.ג. 3—202, ט. 144, ז׳ 33. ג״ע פון עלזשביעטאַ פּיעקוט, אַרכ. פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט (ווײַטער: אַרכ. פון יי.ה.א.), סיגנ. 5767.
Olga Wormser-Migot: Quand les alliés ouvrirent les portes... Paris 1965, p. 105.
(ווײַטער: וואָרמסער).
זעהן, ז׳ 64—76.

43) לויפ. אינפ. נ׳ 36 (61) פון 28.9.1942, אַרכ. פון א. פּ.ג. 3—202, ט. 7, ז׳ 139.

44) אוטאָ קראַוס, אריך קולקאַ: בית־חרושת למוות אושוויץ. יד ושם, ירושלים, תשכ״א (1960).

45) סטענאָגראַם פון אייכמאַנס פּראָצעס. פּראָטאָקאָל פון זיצונג נ׳ 68 פון 9טן יוני 1961.

46) ק. צעטניק: דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ, תל־אביב 1961.

47) Tadeusz Holuj: Koniec naszego świata, Kraków, 1958.
(ווײַטער: האָלוי)

48) האָלוי 402.

קאַפּיטל צוויי

מקורים אין ליטעראַטור

די דאָקומענטאַלע באַזע פאַר פאָרשן די ווידערשטאַנד־פּראָבלעמען אין אױשװיץ, בירקענאַו און אַרומיקע לאַגערן פון דעם ריזיקן טויט־ און אַר־בעט־קאָמבינאַט איז זייער אַ שמאָלע. די ס.ס.־לײַט האָבן פאַרן אַנטלויפן פאַרברענט דעם רוב אַקטן, אויך די מאַטעריאַלן פון דער פּאָליטישער אונ־טערערד זענען אין אַ גרויסער מאָס געגאַנגען לאיבוד, אַ פּשיטא די דירעק־טע מאַטעריאַלן וועגן ייִדישן ווידערשטאַנד. עס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אַזעלכע דאָקומענטן, ווי דאָס בוך פון דעם תּפיסה־בונקער, וווּ עס זענען אײַנגעזעצט געוואָרן פּאָליטישע „פאַרברעכער" מכּל המינים און וווּ עס פיגורירן צווישן אַנדערע אויך ייִדישע נעמען [1]. עס זענען פאַרבליבן אויך רשימות פון אַנטלאָפענע אסירים, אָדער פון די, וואָס זענען דערשאָסן גע־וואָרן „ביים אַנטלויפן"; אויך דאָ זענען פאַראַן אַ סך ייִדישע נעמען. די דאָזיקע דאָקומענטן זענען אויסגענוצט געוואָרן אין דער באַאַרבעטונג פון דעם קאַלענדאַר פון די געשעענישן אין אױשװיץ [2]. צווישן די פאַראַנענע דײַטשישע דאָקומענטן קאָן מען דאָ און דאָרטן געפינען אַ מינימאַלע צאָל ידיעות, און דאָס — גאַנץ מטושטשע, וועגן געדאַנק פון ווידערשטאַנד ביי די ייִדישע אסירים. די דײַטשישע דאָקומענטן פונעם אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים זענען נוגע ס'רוב אַלגעמיינע אױשװיץ־פּראָבלעמען און פאַרמאָגן נישט כּמעט קיין מאַטעריאַל אין שײַכות צום ווידערשטאַנד.

אויך די רײַכע אינפאָרמאַציעס, וואָס געפינען זיך אין דעם אַרכיוו פון דער פּוילישער לאַנד־דעלעגאַטור (די באַריכטן פון אויסשפּיר און פון אינ־פאָרמאַציע־ביוראָ) זענען נוגע כּמעט אויסשליסלעך דער מאַרטיראָלאָגיע פון די ייִדן אין אױשװיץ־בירקענאַו (אָשוויענטשים־בזשעזשינקע) און נישט דעם קאַמף [3].

אויך אַזאַ גרינטלעכער און וויכטיקער דאָקומענט פון דער פּוילישער אונטערערד, ווי דער ראַפּאָרט פון אױשװיץ גופא, געשריבן דורך אַ דײַטש,

א באַאַמטן פונעם דאָרטיקן ס.ס.־אַפּאַראַט, אַ דאָקומענט, וואָס פאַרמאָגט אַ סך מאַרטיראָלאָגישן מאַטעריאַל וועגן די ייִדישע קרבנות, פאַרמאָגט נישט קיין ידיעות וועגן ייִדישע ווידערשטאַנד־אַקטן[4]. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן די רײַכע אינפאָרמאַציעס פון דער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע פון פּ.פּ.ס. און אויך אין ליבקן אָרגאַן „באַריקאַדאַ וואָלנאָשטשי״.

דער ווײַט גרעסטער טייל מאַטעריאַלן וועגן ווידערשטאַנד אין אויש־וויץ בכלל, און דעם ייִדישן ווידערשטאַנד בפרט, שטאַמט פון דער צײַט נאָך די גרויליקע געשעענישן און באַשטייט פון פאַרשיידן־מיניקע באַריכטן, גביות עדות, זכרונות, געשריבענע דורך ייִדישע, פּוילישע און דײַטשישע דירעקטע עדות, אָדער מיטבאַטייליקטע אין די געשעענישן. פון דעם דאָזיקן מין מאַטעריאַל רוקט זיך אַרויס אויפן פאָדערגרונט קודם כּל די זאַמלונג פון באַריכטן, דערקלערונגען און גביות עדות פון דער טעקע, וואָס איז נוגע דעם ענין בערגער (עזריאל גרינבוים) און וואָס געפינט זיך אינעם אינ־סטיטוט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע אין וואַרשע[5]. הגם די דאָזיקע מאַטעריאַלן זענען נוגע אַ געוויסער פּערזאָן, אַ לינקן געזעלשאַפטלעכן טוער און זײַן פאַרהאַלטן זיך אין אוישוויץ־בירקענאַו, פאַרמאָגן אָבער די מאַטעריאַלן אַ שלל מיט ידיעות וועגן ייִדישע ווידערשטאַנד־גרופּן און מכּוח די קאָמפּלי־צירטע פּראָבלעמען פונעם ייִדישן ווידערשטאַנד גופא.

פון אַן אַנדער מין איז, למשל, דער באַריכט, וואָס איז אָנגעשריבן גע־וואָרן דורך דעם ס.ס.־מאַן פּערי־בראָאַד אין דער צײַט, ווען ער איז גע־זעסן אין תּפיסה פון די בריטישע אָקופּאַנטן אין דײַטשלאַנד[6]. פּערי־בראָאַד, וועלכער איז אַפנים געווען אויך אין דינסט פון בריטישן געהיימען אויס־שפּיר, איז באַאַנגען אין אוישוויץ ערנסטע פאַרברעכנס און איז געשטאַ־נען פאַרן משפּט אין דעם גרויסן פּראָצעס פון די אוישוויצער ס.ס.־לײַט אין פראַנקפורט בײַם מיין. זײַן באַריכט פאַרמאָגט געוויסע מאָמענטן בנוגע דעם ייִדישן ווידערשטאַנד. מיר האָבן דאָ צו טאָן — להיפוך צו די מאַטע־ריאַלן פון דער בערגער־טעקע — מיט ריין־פאַקטאָגראַפישן מאַטעריאַל, אָן פּראָבלעמען און אָן באַטראַכטונגען.

מיר דיספּאָנירן אויך מיט עטלעכע זאַמלונגען פון וויכטיקע גביות עדות, ס׳רוב ייִדישע. טייל פון די זאַמלונגען זענען שוין געוואָרן פאַר־עפנטלעכט, בעת אַן אַנדער טייל ליגט נאָך אין די אַרכיוון. די פאַרעפנט־לעכע גביות־עדות־זאַמלונגען:

1. די זאַמלונג פון די דערקלערונגען פון די עדות וועגן אוישוויץ אויפן אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים[7]. בפרט זענען וויכטיק די עדות־דערקלערונגען פון נח זאַבלודאָוויטש, זשאַרזש וועלערס, ישׂראל גוטמאַן, יחיאל דינור (ק. צעטניק), יהודה בעקאַן און ראַיאַ קאַגאַן, וועלכע איז געווען באַשעפטיקט אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג ביי די קאַרטאָטעקעס פון די טויטע, פאַרשטאָרבענע און דערשאָסענע.

2. די זאַמלונג פון עדות־דערקלערונגען, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער דייטשער שפּראַך דורך דעם געוועזענעם אוישוויצער ווידערשטענדלער הערמאַן לאַנגביין (פון עסטרייך) און אויך אַ זאַמלונג: ה. ג. אַדלער, הערמאַן לאַנגביין און עללאַ לינגענס־ריינער[8].

3. די זאַמלונג פון גביות־עדות פון אַ גרופּע אוישוויצער אסירים, וואָס האָבן געשטאַמט פון שטראַסבורג, ס׳רוב דאָקטוירים, און בתוכם דער מעדיצין־פּראָפעסאָר ראָבערט ווייץ, וועלכער איז געווען אַ לאַנגע צייט דער פּרעזידענט פון אינטערנאַציאָנאַלן אוישוויץ־קאָמיטעט[9].

אַ גרעסערע זאַמלונג פון אוישוויצער גביות עדות געפינען זיך אין די אַרכיוון פון יד־ושם, בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון אין ישׂראל און אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. בפרט טיילט זיך דאָ אויס די עדות־דערקלערונג פון דעם ביאַליסטאָקער תּושב, דעם טוער פון „בונד״ פּסח בורשטין, וועלכער האָט איבערגעלעבט דעם גרויל־לאַגער באַהאַלטנדיק זיך אין מאָמענט פון דער עוואַקואַציע. אַ וויכטיקע עדות־דערקלערונג געפינט זיך אויך אין אַרכיוו פון דעם צענטער פון דער היינט־צייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע אין פּאַריז. דאָס איז די גבית עדות פון דעם געוועזענעם מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ אין בירקענאַו, דוב פּייסיקאָוויטש, אַ ייִד פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, וועלכער האָט אויך בייגעוווינט דעם טראַגישן אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

געוויסע גביות עדות צו אונדזער טעמע געפינען זיך אויך אין די זאַמלונגען פון אוישוויצער מלוכהשן מוזיי[10] און פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די נאַצישע פאַרברעכנס אין פּוילן, בפרט אין דער קראָקעווער אָפּטיילונג פון דער קאָמיסיע. געוויסע מאַטעריאַלן געפינען זיך חוץ דעם אין די הענט פון פּריוואַטע פּערזאָנען, דירעקטע עדות פון די טראַגישע געשעענישן. צו אונדזער אַרבעט האָבן מיר חוץ די אַלע אויבן דערמאַנטע

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן אויסגענוצט ביַיַע דערקלערונגען, וועלכע דער מחבר האָט געזאַמלט ביַי פאַרשיידענע דירעקטע עדות, וועלכע ווינען איצט אין אונגאַרן, בעלגיע, דיַיטשלאַנד, ישראל, פוילן, פאַראייניקטע שטאַטן, פראַנקריַיך און ראַטנפאַרבאַנד.

געוויסע אַרכיוואַלע אוישוויץ־מאַטעריאַלן זענען עלול אַריַינצופירן די פאַרשער אין אַ טעות. זיי קאָנען מיינען, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַרכי־וואַליען, בעת אין דער אמתן זענען דאָס באַאַרבעטונגען, וואָס שטאַמען פון דער נאָך־מלחמה תקופה. אַזאַ מין מאַטעריאַל שטעלט מיט זיך פאָר דער כתב־יד פון אַ רוסישן מחבר מיכאַיל סטיעפּאַנאָוויטש זאַבאָטשען פון לענינגראַד, וואָס געפינט זיך איגעם אַרכיוו פון דעם מלוכהשן מוזיי אין אוישוויץ [11]. אויבנאויפיק זעט עס אויס צו זיַין אַ ראַפּאָרט פון דער אויש־וויץ־ציַיט, אָבער אַ גענויער אַנאַליז איבערציַיגט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ נאָכמלחמהדיקער באַאַרבעטונג אויפן סמך פון געזאַמלטע ידיעות ביַי עדות און אין דער אויסלענדישער ליטעראַטור [12]. זאַבאָטשענס בילד פון אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד אין אוישוויץ איז אַן איינזיַיטיקער, ער נעמט אין אַכט נאָר דעם קאָמוניסטישן און לינקן־סאָציאַליסטישן סעקטאָר און איז אויך נישט פריַי פון פאַקטאָגראַפישע פעלערן. בנוגע דעם ייִדישן ווי־דערשטאַנד זעט דער רוסישער מחבר בלויז דעם בונט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, דערביַי איז זיַין באַשריַיבן אָט די געשעעניש זייער נאָענט צו דעם, וואָס עס שריַיבן וועגן זעלביקן ענין די צוויי ייִדיש־טשעכישע מחב־רים קראַוס און קולקאַ, צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך צוריק קערן. זאַ־באָטשענס כתב־יד פאַרמאָגט אַ סך וויכטיקע ידיעות און נעמען, אָבער ווי אַן אויטענטישער קוואַל קאָן ער נישט דינען.

געוויסע גביות עדות זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יזכור־ביכער פון די קהילות טשעכאַנאָוו, בענדין, ראַדאָם, לאָמזשע, זאַמבראָוו, מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק און אַנדערע. מיר באַגרענעצן זיך לעת עתה צו די שטעט, וואָס אַ סך פון זייערע ייִדן זענען פאַרטריבן געוואָרן קיין אוישוויץ און געשפּילט אַ ראָל אין דאָרטיקן ווידערשטאַנד [13]. אויך דער וויַיט גרעסטער רוב פון דער אוישוויץ־ליטעראַטור איז דער עיקר געבויט אויפן זכרונות־עלעמענט פון די מחברים.

און אָט אַזוי גייען מיר אַריבער צו די פאַרעפנטלעכטע אוישוויץ־מאָנאָגראַפיעס, וואָס האָבן אַ שייכות צום ווידערשטאַנד־פּראָבלעם.

די ליטעראַטור וועגן אוישוויץ איז זייער גרויס. זי איז דערשינען און דערשיינט אין פאַרשיידענע שפּראַכן. כמעט אומעטום זענען אויך פאַראַן, ווו מער, ווו ווייניקער, ידיעות וועגן ווידערשטאַנד. די דאָזיקע פּרטים וועלן מיר זיך באַמיִען צו נעמען אין אַכט אין ווײַטערדיקן לויף פון אונדזער אַרבעט. דאָ זענען מיר אויסן זיך אָפּצושטעלן אויף די מאָנאָגראַפישע אַר־בעטן, ווו די ווידערשטאַנד־פּראָבלעם פיגורירט ווי אַ וועזנטלעכער טייל.

די ערשטע מאָנאָגראַפיע, וואָס איז דערשינען אין פּוילן וועגן אויש־וויץ בכלל און דעם דאָרטיקן ווידערשטאַנד בפרט געהערט צו צוויי מחברים: דעם ייִדישן היסטאָריקער פיליפּ פרידמאַן און דעם פּוילישן שריפטשטעלער און געוועזענעם אוישוויצער ווידערשטענדלער טאַדעוש האָלוי[14]. דער ערשטער באַשרײַבט די אוישוויצער פאַבריק פון טויט און גיט אָן אַ רײַכע ביבליאָגראַפיע פון פּובליקאַציעס וועגן אוישוויץ, וואָס זענען דערשינען אין די יאָרן 1942—1944 אין דער שווייץ, ענגלאַנד און אַמעריקע. בנוגע דעם ייִדישן ווידערשטאַנד גיט אָן פרידמאַן די ערשטע קאַרגע און מטושטש־דיקע ידיעות. דער צווייטער מחבר פאַרנעמט זיך אויספירלעך מיט דער געשיכטע פון דער אונטערערד פון דעם לאַגער און ווײַזט אַרויס דערבײַ אַ גרויסע אָביעקטיוויטעט און דרייסטקייט, אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער נע־גאַטיווער ראָל פון די פּוילישע פאַשיסטישע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן צווישן דער אסירים־מאַסע. אין יענער צײַט האָט נאָך האָלוי דיספּאָנירט מיט ווייניק מאַטעריאַלן בנוגע דעם ייִדישן ווידערשטאַנד און ער רוקט אַרויס אַ טעזע, אַז די ייִדישע אַסירים־מאַסע איז אונטערן דרוק פון דײַטשישן טעראָר און פון דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם געוואָרן אַזוי ווײַט פּסיכיש דערדריקט, אַז זי איז נישט געווען פעיִק צו קיין שום אַקט פון ווידער־שטאַנד. דערבײַ באַגייט, לויט אונדזער מיינונג, דער מחבר אַ טעות שרײַבנ־דיק, אַז בײַ די ייִדישע אסירים איז די צאָל פון לינקן עלעמענט געווען אַ מינימאַלע. דאָך דאַרף מען די ערשטע מאָנאָגראַפיע פון פרידמאַן און האָלוי אָנערקענען פאַר דעם וויכטיקן, ערשטן און דרייסטן שריט אין דער וויסנ־שאַפטלעכער אוישוויץ־ליטעראַטור. אָן ענלעכער כאַראַקטער, הגם אין אַ באַדײַטנדיק קלענערן פאַרנעם טראָגט די קורצע מאָנאָגראַפיע פון קאַזשי־מיעזש סמאָלען, אַ געוועזענער אוישוויצער אסיר און היסטאָריקער. הײַנט: דירעקטאָר פון אוישוויצער מלוכה־מוזיי[15]. סמאָלען מאָלט אַ בילד פון אַלע סעקטאָרן פונעם ווידערשטאַנד, רעכטע און לינקע, און אַקצענטירט אויך

דעם ייִדישן אָנטייל אין קאַמף. אין אונטערשייד צו זאַבאָטשענען, וועלכער שרײַבט אָפּט צו דעם מסירת נפשדיקן קאַמף פון ייִדישע מענער און פרויען אַנדערע פעלקער, שטרײַכט סמאָלען שטענדיק אונטער די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט פון די קעמפער.

דער נײַסטער פרווו פון אַ סינטעטישער באַאַרבעטונג איז דער אַרטיקל פון דער פוילישער אויטאָרין מגר. באַרבאַראַ דזשובינסקאַ א. נ. „די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין דעם לאַגער פון מאַסן־פאַרניכטונג אויש־וויץ" [16]. די דאָזיקע אַרבעט איז אין אַ גרויסער מאָס באַזירט אויף דער דערמאָנטער באַאַרבעטונג פון דעם רוסישן מחבר זאַבאָטשען און חזרט איבער אַלע טעותים, וואָס זענען דאָרטן פאַראַן. אַזוי, למשל, שרײַבט זאַ־באָטשען, אַז דער ווידערשטענדלער דוד שמולעווסקי איז געווען אַ פּאָלי־טישער קאָמיסאַר אין שפּאַניע; דזשובינסקאַ חזרט עס איבער, הגם דאָס איז לחלוטין נישט אמת. ער איז געווען אַ קעמפער אין שפּאַניע, אָבער נישט קיין קאָמיסאַר. עס איז אויך נאַיִוו די פעסטשטעלונג פון דער אויטאָ־רין, אַז די אָנפירער פון אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד אין אוישוויץ זענען געווען קאָמאַינטערן־טוער. פון קאָמאַינטערן האָבן זיי זיך געקענט. צוויי פון זיי זענען געווען אַמאָל קאָמאַינטערן־טוער, הייסט עס נאָך נישט, אַז אַלע זענען אַזעלכע געווען. אָבער אויב זאַבאָטשען פאַלט אַרײַן אין איין פּאָלי־טישער איינזײַטיקייט, ווערט דזשובינסקאַ ניכשל מיט אַ צווייטער. בײַ איר ווערן כמעט פאַרווישט אַלע אידעאָלאָגישע און נאַציאָנאַלע אונטערשיידן און קעגנזאַצן. דער ווידערשטאַנד ווערט בײַ איר געשילדערט אָן אינער־לעכע קאָנפליקטן און ווידעראַנאַנדן. די גאַנצע פּראָבלעם קומט אַרויס אונטער איר פען צו גלאַטיק. בנוגע דעם ייִדישן סעקטאָר גייט זי אויך כמעט אין גאַנצן אין זאַבאָטשענס שפּורן און זעט אים בלויז אין דעם בונט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, הגם זי דערמאָנט אויף ז' 142 „ייִדישע גרופּן פון פאַרשיידענע לענדער", אָבער זי ווייסט גאָרנישט צו זאָגן וועגן זיי.

פאַרשטייט זיך, אַז דזשובינסקאַס אַרבעט ווי אַ פּיאָנערישע פאַרמאָגט טעותים און נאַיִוויטעטן, אָבער זי האָט אויך מעלות. דער עיקר אין פּרט פון פעסטשטעלן די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון דער א.ג. „קאַמפּס־גרופּע אוישוויץ" און אין זין פון פאַרבינדן די פּלענער פון אוישוויצער ווידער־שטאַנד מיט די פּלענער פון דער פוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון אויסער דעם לאַגער.

צווישן דער פּוילישער מחברין און דעם רוסישן מחבר איז אָבער פאַראַן אין אַ געוויסער הינזיכט אַ גרינטלעכער אונטערשייד, אויב עס גייט אין יידישן מאָמענט. דזשובינסקאַ רעדט אָפן וועגן יידן און יידישן ווידערשטאַנד, בעת ביי זאַבאָטשענען עקסיסטירט נישט דער באַגריף ייד און יידישער ווידערשטאַנד בכלל, חוץ אין איין אָרט. ביי זאַבאָטשענען איז אַנאָנים סיי די זאָנדער־קאָמאַנדאָ, סיי די גרופּע העלדישע מיידלעך פון דער „וניאָן״־פאַבריק. מען קאָן זיך ביי זאַבאָטשענען נישט דערוויסן, צי דאָס זענען יידן, פּאָליאַקן, רוסן, ציגיינער. סתם זאָנדער־קאָמאַנדאָ און סתם מיידלעך. אין דער זעלבער צייט שטרייכט ער אונטער ביי יעדן אַנדערן ווידערשטענדלער זיין נאַציאָנאַליטעט: רוס, פּאָליאַק, פראַנצויז, דייטש, עסטרייכער. בלויז ביי די יידן — אַ חלל, נישטאָ קיין נאַציאָנאַליטעט.

די פּראָבלעם פון ווידערשטאַנד בכלל און פונעם יידישן בפרט באַהאַנדלען די צוויי באַקאַנטע מאָנאָגראַפיעס: פון דייטשישן מחבר ברונאָ באַום און פון טשעכישע — אָטאָ קראַוס און עריך קולקאָ. אַלע דריי זענען זיי יידן, דער ערשטער — אַ דייטשישער; די לעצטע — טשעכישע. אַלע דריי זענען געוועזן אסירים אין אוישוויץ: באַום — אַ דייטשישער קאָמוניסט, אין פאַרשיידענע ביי־לאַגערן און אין דעם שטאַם־לאַגער; קראַוס און קולקאָ זענען געוועזן אין בירקענאַו. אַלע דריי זענען זיי נישט קיין היסטאָריקער, נאָר זשורנאַליסטן. אַזוי אַרום זענען זייערע אַרבעטן אַ געפלעכט פון פאָרשונג, דאָקומענטאַציע און אייגענע זכרונות. אָבער אין ביידע ביכער זענען פאַראַן אַ סך וויכטיקע ידיעות און אויך אַ געוויסער אַנאַליז פונעם יידישן ווידערשטאַנד, הגם איןביידע ווערק ווערט ער רעדוצירט, פּונקט ווי ביי דעם ציטירטן רוסישן און טיילווייז פּוילישן מחבר, צום בונט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און צו די העלדישע מעשים פון די יידישע מיידלעך פון דער „וניאָן״־פאַבריק. יאָ, אין געוויסע פאַלן שטרייכן די מחברים אונטער „יידן און אַנדערע ווידערשטאַנד־פאַלן״, אָבער ס׳רוב זענען דאָס ביי זיי טשעכן, דייטשן וכדומה.

עלטער איז דאָס בוך פון ברונאָ באַום, וועלכן מ׳קאָן בלי שום ספק באַטראַכטן ווי אַ פּיאָנער פון דער אוישוויצער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד ליטעראַטור [17]. באַום גיט אַ שילדערונג פון דעם טויט און קאָנצלאַגער און ווי אַ דייטשישער מאַרקסיסט אַקצענטירט ער בפרט די פאַרברעכערישע ראָל פון די דייטשישע קאָנצערנען ביי עקספּלואַטירן די שקלאַפּ־

שע אַרבעטס־כּוחות פון די אוישוויץ־אסירים, בײַם בויען די קרעמאַטאָריעס, צושטעלן דעם גאַז „ציקלאָן ב״ און אײַנקויפן די מענטשלעכע האָר און די צעמאָלענע ביינער־מאַסע. בײַם רעקאָנסטרויִרן די סטרוקטור און אָנפירונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז ער אפשר מגזם די ראָל פון די דײַטשישע אַנטיפאַשיסטן. זײַן ווידערשטאַנד־בילד איז אויך אַ ביסל אײַנזײַטיק אין פּאָליטישן זין. די דײַטשישע ייִדן פון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג זענען בײַ אים דײַטשן און לחלוטין נישט קיין ייִדן, הגם אין דעם „ווינקל״, וואָס זיי האָבן געמוזט טראָגן, איז דאָך געווען אָנ־געוויזן אויף זייער ייִדישן אָפּשטאַם. דערפאַר באַהאַלט נישט ברונאָ באַום זײַן שטאָלץ מיטן פאַקט, וואָס די ייִדישע זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז אַרויס אין קאַמף. ער איז באַזונדערס שטאָלץ מיט דער העלדישער האַלטונג פון די ייִדישע מיידלעך פון דער „וניאָן״־פאַבריק. ער באַהאַלט אויך נישט אויס זײַן ביטערניש צוליב דעם, וואָס ייִדן גייען ווידערשטאַנדלאָז צום גאַז, און דאָ — פאַרשטייט זיך — מוזן זײַנע שטראָף־ווערטער אויפן אַדרעס פון די ייִדישע מאַרטירער אַרויסרופן אַ פאַרדראָס און פּראָטעסט בײַם לייע־נער. הקיצור: ברונאָ באַום איז אַ געמיש פון דײַטשישער „יעקישער״ אַסימילאַציע, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פאַרשטייעניש פאַר דער נשמה פון דעם מיזרח־ייִד, מיט אויסדרוקן פון סימפּאַטיע פאַר דער אויסערגעוויינט־לעכער גבורה פון די פּוילישע ייִדן. באַום האָט פאַרשטייעניש פאַר אַקטיוון קאַמף, אָבער אויב ער אָנערקענט אין דעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד־לאַגער אַלע מינים פּאַסיוון ווידערשטאַנד, קאָן ער בשום אופן נישט באַ־נעמען דעם באַטײַט פון גיין צום טויט מיט אַ תּפילה־געזאַנג.

דאָס בוך פון קראַוס און קולקאַ[18] שטייט אין דעם זין העכער פון ברונאָ באַומס. די צוויי מחברים, הגם זיי גיבן זיך אויך נישט אויס פאַר ייִדן, האָבן אָבער אַלע זייערע אוישוויצער יאָרן פאַרבראַכט אין בירקענאַו און דירעקטער שכנות מיט די קרעמאַטאָריעס און אין טאָג־טעגלעכן קאָנ־טאַקט מיט ייִדישע קעמפער. דער פאַרשער האָט די מעגלעכקייט צו דע־שיפרירן אַ סך ייִדן צווישן די פאַרשיידענע סלאָוואַקישע און טשעכישע ווידערשטענדלער און אַנטלאָפענע, וועלכע די צוויי מחברים־שותּפים גיבן אָן. שילדערנדיק דעם בונט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ זענען קראַוס און קולקאַ אין שטאַנד אָנצורופן צוויי נעמען פון אָנפירער: דעם אָנפירער פון נישט־געלונגענעם ווידערשטאַנד קאַמינסקי און דעם נאָמען פון דעם באַקאַנטן

רעאַליזירטן בונט זלמן גראַדאָווסקי. קאַמינסקין באַצייכענען זיי ווי אַ ליט־ווישן ייִד. איצט ווייסן מיר, אַז ער האָט געשטאַמט פון סאָקולקע, ביאַליס־טאָקער באַצירק. אַז זלמן גראַדאָווסקי איז איינצייציק געווען אַ מחבר פון נאָטיצן, וועגן דעם האָבן קראַוס און קולקאַ נאָך דעמלט נישט געוווּסט. זייער שילדערונג פון דעם ייִדישן בונט איז אַ פּרטימדיקע און אָפּנים אויס־געשטעלט אויפן סמך פון דעם, וואָס זיי האָבן ווי בירקענאַו־אסירים גע־הערט אין יענער דירעקטער צייַט.

בנוגע די טראַגישע געשעענישן אין אוישוויץ (בזשעזשינקע־בירקענאַו) איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען צוויי מאָנאָגראַפיעס פון ייִדיש־גריכישע מחברים — איינע אַרויס אין ענגליש, די צווייטע — אין פראַנצייזיש. דאָס זענען מאָנאָגראַפישע ווערק פון ד״ר אַלבערט מנשה[19] און פון רב מיכאל מולכו[20]. היות גריכישע ייִדן ווערן אויך דערמאָנט צווישן די אוישוויצער ווידערשטענדלער, און דער גורל פון איין גרופּע גריכישע ייִדן איז פאַרבונדן מיט דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און מיט אַ מוטיקער און ווירדי־קער אויפפירונג, איז כדאַי צו נעמען אין אַכט אויך די אויבן דערמאָנטע צוויי ווערק.

די איינציקע אוישוויץ־מאָנאָגראַפיע, וואָס איז אַרויס פון דער פען פון אַ ייִדיש־ייִדישן מחבר, איז דאָס העראָישע בוך פון ישראל גוטמאַן א. נ. „אנשים ואפר״ (מענטשן און אַש)[21]. דער מחבר, אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר״ און פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע־ווער געטאָ, איז אַרויסגעפירט געוואָרן נאָכן פאַלן פונעם געטאָ־אויפשטאַנד קיין מײַדאַנעק און פון דאַנען קיין אוישוויץ, ווו ער איז צוגעטרעטן צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. געווען אין אַ ייִדישער אונטערערדישער גרופּע און אײַנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער אַלגעמיינער און בפרט פּוילישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע.

פּונקט ווי די ווערק פון ברונאָ באַום און קראַוס און קולקאַ, אַזוי איז אויך גוטמאַנס מאָנאָגראַפיע אַ סינטעז פון היסטאָרישער באַאַרבעטונג און זכרונות. אין דעם פאַל זכרונות נישט בלויז פון אַ מחבר, נאָר אויך פון אַ גרופּע עדי ראיה, געוו. אוישוויצער אסירים. די הויפּט־טעמע פון גוטמאַנס בוך איז די ייִדישע ייִדן אין אוישוויץ אויפן גרונט פון דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דעם לאַגער און ייִדישער ווידערשטאַנד אויפן פאָן פון אַל־געמיינעם.

ישׂראל גוטמאַן האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט דער טעמע פון ייִדישן ווידערשטאַנד אין אוישוויץ זייער פרי, תּיכף נאָך דער באַפרייִונג. אין יאָר 1947 האָט ער אין דער פּוילישער אויסגאַבע פון „השומר הצעיר" „מאַסטי" (בריקן) אָפּגעדרוקט צוויי אַרבעטן א.נ. „די געשיכטע פון ייִדישן ווידערשטאַנד אין אָשוויענטשים" און „וועגן דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אָשוויענטשים"[22]. די אויבן דערמאָנטע מאָנאָגראַפיע איז אַן אויסברייטערונג, סײַ אין מאַטעריאַלן, סײַ אין געדאַנק, פון אָט די צוויי אַרטיקלען. אין זײַן אַלגעמיינעם אוישוויץ־ און ווידערשטאַנד־בילד איז זיך גוטמאַן שטאַרק סומך אויף ברונאָ באַום און אויף די פּאַראַנענע אין אויש־וויצער מוזיי מאַטעריאַלן. וועגן דעם בונט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ ווייסט דער מחבר ווייניק. אָקעגן־זשע פאַרמאָגט דאָס בוך און בפרט געוויסע פאַרעפנטלעכטע אין אים גביות עדות אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן פאַרשיידענע ייִדישע אונטערערדישע גרופּן — דאָס וואָס ס'פעלט בײַ אַלע פריִער דערמאָנטע מחברים, און דער עיקר: גוטמאַנס בוך גיט אַ וואָגיקן צושטײַער צו דער סאָציאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע פון פאַרשיידענע עטנישע גרופּן ייִדן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ און בירקענאַו.

דאָס בוך איז אָבער ווײַט נישט שלמותדיק. אין אַן אינערלעכער רע־צענזיע האָט דער זאַך־קענער, דער שרײַבער און געוו. פּאָליטישער אסיר פון אוישוויץ, טאַדעוש האָלוי, אָנגעוויזן אויף די חסרונות פונעם בוך, די שוואַכע באַהאַוונטקייט אין דער סטרוקטור און אָנפירונג פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פונעם לאַגער, אַ שוואַכע אָריענטאַ־ציע אין דער פּאָליטישער אָנגעהעריקייט פון געוויסע טוער וכדומה[23]. חוץ דעם ווערט אינעם בוך נישט דערפירט ביזן סוף דער אַנאַליז פון פּראָב־לעם קאַפּאָ אינעם לאַגער. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, וואָס בינדט זיך אין אַ געוויסער מאָס מיט די פראַגן פונעם ווידערשטאַנד און האַלטונג, פאָדערט אַ גענויערע באַלײַכטונג.

ווען עס זענען געשריבן געוואָרן די דרײַ באַהאַנדלטע מאָנאָגראַפיעס זענען נאָך נישט געווען באַקאַנט די טאָגביכער פון די מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ (בלויז גוטמאַן האָט געקענט דעם פראַגמענטאַריש דורך אונדז פאַרעפנטלעכטן טאָגבוך פון אַן אַנאָנימען מחבר) און אויך נישט די דערמאָנטע אויבן אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן.

אין גאַנצן אויף גוטמאַנס ידיעות איז געבויט דער קאַפּיטל וועגן בונט

פון דער זאַנדער־קאָמאַנדאָ אין דער סאַמע נײַסטער אוישוויץ־מאָנאָגראַפֿיע, וואָס עס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דער פּאַריזער ייִדישער היסטאָריקער לעאָן פּאָליאַקאָוו[24]. קיין שום נײַע עלעמענטן וועגן ייִדישן ווידערשטאַנד אין אוישוויץ ברענגט פּאָליאַקאָוו נישט אַרויס. דאַקעגן גיט ער אַן אינטערעסאַנטן אַנאַליז פֿון דער ווידערשטאַנד־פּראָבלעמאַטיק, וועלכע איז אָבער בײַ פּאָליאַקאָוון נאָר איין באַשיידענער פֿראַגמענט פֿון זײַן בדרך כּלל פֿאַרטיפֿטער מאָנאָגראַפֿיע. פּאָליאַקאָוון אינטערעסירט קודם כּל די פּסיכאָלאָגיע פֿון די מערדער און פֿון די קרבנות. אַקעגן־זשע אין דער ווידערשטאַנד־פּראָבלעמאַטיק איז ער שוואַכער באַהאַוונט. אַזוי, למשל, צוזאַמען מיט דער ריכטיקער פֿעסטשטעלונג, אַז צו אַ ווידערשטאַנד מוז מען זײַן פֿיזיש דיספּאָנירט און אָפּערירן מיט געהעריקע מיטלען, רוקט ער אַרויס אויך אַ ריי טעותדיקע טענות, ווי: אַז אין אוישוויצער ווידערשטאַנד זענען געווען אַנגאַזשירט בלויז דײַטשישע, עסטרײַכישע און פּוילישע אסירים און אויך די ייִדישע זאַנדער־קאָמאַנדאָ, בעת עס איז באַוווסט, אַז אַ וויכטיקע ראָל האָבן געשפּילט די סאָוויעטישע, פֿראַנצייזישע, יוגאָסלאַווישע און ייִדישע גרופּן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. דאָס פֿאַרמינערט אָבער נישט דעם באַטײַט פֿון פּאָליאַקאָווס מאָנאָגראַפֿיע פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער אַלגעמיינער אוישוויץ־פּראָבלעמאַטיק. אויב עס גייט אין ווידערשטאַנד און בפֿרט דעם ייִדישן, שפּירט זיך בײַ פּאָליאַקאָוון אַ מאַנגל אין פֿאַקטאָגראַפֿישן מאַטעריאַל. פּאָליאַקאָוון איז אויך אומבאַקאַנט דער מאָמענט פֿון סאָלידאַריטעט צווישן די אסירים, וואָס איז אין די לאַגער־באַדינגונגען געווען אַן אָרגאַנישער טייל פֿונעם ווידערשטאַנד. אין דער זעלבער צײַט איז פּאָליאַקאָוו מגזם דעם מאָמענט פֿון וועלפֿישקייט. עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז דער דאָזיקער אוממענטשלעכער שטריך פֿון אַ טייל לאַגער־פּראָמינענטן ווערט איבערגעטראָגן אויף דער גאַנצער לאַגער־מאַסע בכלל.

אַזוי אַרום האָט, טראָץ דעם בפּירושן גוטן ווילן פֿון די אַלע דערמאָנטע מחברים אַרויסצוברענגען דעם ייִדישן ווידערשטאַנד אין אוישוויץ, דער דאָזיקער ווידערשטאַנד נישט געקאָנט אַרויסקומען אין אַ פֿולער מאָס. דאָס וועלן מיר זיך באַמיִען צו טאָן אין דער פֿאָרגעלייגטער אַרבעט. דאָך וועלן די באַהאַנדלטע אויבן ביכער קאָנען דינען ווי הילף־מאַטעריאַלן בײַם אַנאַליז פֿון די פֿאַקטן. בײַם פֿעסטשטעלן די פֿאַקטן גופֿא וועט — אַחוץ די ניי־אַנטפּלעקטע אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן — דינען אויך די סומע פֿון די

פאַרשיידענע פאַקטן, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער די צאָל־רייַכע פאַרעפנטלעכטע און נאָך עד היום נישט פאַרעפנטלעכע גביות עדות, זכרונות און דערקלערונגען. אַ באַזונדערס חשובע ראָל וועט אין דער מקורים־באַזע צופאַלן די דרייַ ייִדישע מאַנוסקריפּטן, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אויפן שטח פון דער בירקענאַוער קרעמאַטאָריע־ערד. און פאַרקערט: דער גאַנצער אַנאַליז פון די פאַקטן פונעם ייִדישן ווידער־שטאַנד וועט העלפן צו פאַרשטיין דעם תּוכן און דעם באַטייַט פון די דאָזיקע מגילות אוישוויץ־בירקענאַו.

הערות צום קאַפּיטל צוויי

1) Franciszek Brol, Gerard Włoch, Jan Pilecki: Książka bunkra w bloku 11 hitlerowskiego obozu koncentracyjnego w Oświęcimiu, Zeszyty Oświęcimskie nr. 1/1957, s. 5—145.

2) Danuta Czech: Kalendarz wydarzeń w obozie koncentracyjnym Oświęcim-Brzezinka. Zeszyty Oświęcimskie nr. nr. 2/1958, 3/1958, 4/1960, 6/1962, 7/1963.

3) ראַפּאָרטן וועגן דער לאַגע, ביולעטינען, לויפנדיקע אינפאָרמאַציע פון דע־פּאַרטאַמענט פון אינפאָרמאַציע און פּרעסע בייַ דער לאָנדאָנער רעגירונגס־דעלעגאַטור אין לאַנד, אַרכ. פון א.פּ.ג., סיגנ. 3—202.

4) באַשרייַבונג פון דעם קאָנצ. לאַגער אוישוויץ (אין דייַטש), אַרכ. פון א.פּ.ג., סיגנ. 3—202, ט. 139, ז' 248—238.

5) מאַטעריאַלן פון דעם פּאַרטיי־געריכט פּ.פּ.ר. אין פראַנקרייַך אין 1945 וועגן עזריאל גרינבוימס („בערגער") האַלטונג אין די היטלערישע קאָנצ. לאַגערן אין די יאָרן 1945—1942, אַרכ. פון א.פּ.ג., מאַטעריאַלן אויסגעטיילטע.

6) Peri Broad: K.Z. — Auschwitz. Erinnerungen eines SS-Mannes der Politischen Abteilung des Konzentrazionslager Auschwitz. Hefte von Auschwitz nr. 9/1966.

7) עדויות, ירושלים 1963, באַנד 1 און 2.

8) Hermann Langbein: Der Auschwitz-Prozess. Eine Dokumentation. Europäische Verlagsanstalt. Wien 1965.
H. G. Adler, Hermann Langbein, Ella Lingens-Reiner: Auschwitz, Zeugnisse und Berichte, Frankfurt am Main 1962, Europäiche Verlagsanstalt.

9) Temoignages strasbourgeois de l'Université aux Camps de Concentration, Paris 1947, Auschwitz III-Monowitz, temoignage du prof. R. Waitz.

10) אין אַרכיוו פון אוישוויצער מלוכהשן מוזיי געפינט זיך חוץ גביות עדות אַ

זאַמלונג פון דאָקומענטן וועגן פוילישער און אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד באַוועגונג אין אוישוויץ.

Michał Stiepanowicz Zaboczeń: Antyfaszystowska walka politycznych więźniów w Oświęcimiu, Leningrad. (11

אַרכ. פון מוזיי אוישוויץ, אינווענטאַר נומער 29823.

(12 אַזוי שאַצט אויך אָפּ זאַבאַטשעגס אַרבעט דער פוילישער מחבר טאַדעוש האָלוי (זע בריוו צו ב. מאַרק), אַרכ. ב. מאַרק.

(13 ספר צ׳חנוב, תל אביב 1962 ; פנקס בנדין, תל אביב 1959 ; ספר זמברוב, תל אביב 1963 ; יזכור־בוך מאָקאָוו־מאַזאָוויעצק, תל אביב 1969 ; ספר ראַדאָם, תל אביב 1961.

Filip Friedman, Tadeusz Holuj: Oświęcim, Warszawa 1946. Wydawnictwo „Książka". (14

אין 1950 האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרעפנטלעכט אַ נײַ בוך וועגן אוישוויץ, וווּ ער האָט פאַרטיפט און פאַרברייטערט דעם מאַטעריאַל. זע: ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אָשוויענטשים, בוענאָס אײַרעס. צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע.

Kazimierz Smoleń: Die Widerstandsbewegung in Konzentrazionslager Auschwitz. Internationale Hefte der Widerstandsbewegungs nr. 3/1960, s. 32—42. (15

Barbara Dziubińska: Ruch oporu w obozie masowej zagłady w Oświęcimiu. Wojskowy Przegląd Historyczny nr. 3/1965, s. 139—177. (16

Bruno Baum: Widerstand in Auschwitz, Berlin 1949. (17

(ווײַטערע אויסגאַבעס אין 1957 און 1962).

(18 אוטאָ קראַוס, אריך קולקא: בית־חרושת למוות אושוויץ. יד־ושם ירושלים 1960. דער טשעכישער אָריגינאַל: Oto Kraus, Erich Kulka: Tovarno na smrt, Orbis, Praha 1956.

די דײַטשע איבערזעצונג: Die Todesfabrik, Kongress-Verlag, Berlin 1958.

די רוסישע איבערזעצונג: Фабрика смерти, Госполитизд, Москва 1960

Albert Menasche: Birkenau (Auschwitz II), Memoirs of an eyewitness, How 72.000 Greek Jews Perished, N.Y. 1947. (19

Michael Molho: Hommage aux victimes juives de nazis en Grece, 2 vol., Salonique (1948-1949). (20

(21 ישׂראל גוטמאַן: אנשים ואפר, ספרית פועלים, מרחביה 1957.

I. Gutman: Historia żydowskiego ruchu oporu w Oświęcimiu. Mosty nr. 42 (73), 11.VI.1947. (22

O żydowskim ruchu oporu w Oświęcimiu, Mosty nr. 43 (74), 15.VII.1947.

(23 ישׂראל גוטמאַן: ד.צ.וו. אנשים ואפר,

T. Holuj: Uwagi o książce Izraela Gutmana.

קאָרעספּאָנדענץ מיט ב. מאַרק, אַרכ. ב. מאַרק.

Leon Poliakow: Auschwitz, Paris 1964. (24

קאַפּיטל דרײַ

די גרונט־שטריכן פון דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־אונטערערד אין אוישוויץ

צווישן דעם ווידערשטאַנד אין די קאַנצלאַגערן און אויף דער „פרײַ" קאָן נישט זײַן קיין שום פאַרגלײַך. אין די קאַנצלאַגערן טראָגט דער ווי־דערשטאַנד אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. דאָ איז דער ציל קודם כּל צו ראַטע־ווען די אסירים פון אומקום, צו ראַטעווען דאָס לעבן, פאַרשטייט זיך, נישט פאַר יעדן פרײַז, נישט אויפן חשבון פונעם צווייטן. אויב אויף דער „פרײַ", אין דער שטאָטישער קאָנספּיראַציע און אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג איז דער הויפּט־ציל פונעם ווידערשטאַנד צו שלאָגן דעם שונא, צו הרגענען די סאַמע געפּערלעכסטע פאַרשטייער פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, צו צעשטערן איר קראַפט און פאַרמעגן, איז דער הויפּט־ציל אינעם לאַגער נישט צו דערלאָזן, אַז דער שונא זאָל אומברענגען דעם אסיר און אין אַ גאַנץ באַגרענעצטער מאָס, צוליב די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, אויך סאַבאָטאַזש און דיווערסיעס. מחמת דעם נישט פאַרשטיין די ספּעציפיק פון דעם קאַנצלאַגערישן ווידערשטאַנד קומט צו ערנסטע מיספאַרשטייענישן, וועלכע דערפירן געוויסע פאָרשער צו דער מסקנא, אַז אין די לאַגערן איז בכלל קיין ווידערשטאַנד נישט געווען, אַחוץ אַזעלכע אויסנאַם־פאַלן ווי די בונטן אין טרעבלינקע, סאָביבאָר א.אַ.

אַזאַ שטאַנדפּונקט איז אַ גרויסע עוולה פאַר די יעניקע ווייניקע וויר־דיקע מענטשן, וואָס האָבן אין אוישוויץ און אין אַנדערע פּײַן־לאַגערן זיך מקריב געווען לשמה די חברים לצרה, דורכגעבראָכן די צוים־דראָטן און אָרגאַניזירט אַן אונטערערדיש פּאָליטיש און גײַסטיק לעבן און אַ רעטונגס־אַרבעט. אַלנפאַלס איז דער גײַסט פון ווידערשטאַנד נישט פאַרלאָשן גע־וואָרן אויך אין דעם גרויזאַמסטן פון די קאַנצלאַגערן אוישוויץ און אַפילו אין סאַמע אומקום־גיהנום — בירקענאַו.

פון דער צווייטער זײַט קאָן מען אָבער אויך נישט מיט אַ לײַכט האַרץ מסכּים זײַן מיט אַ פּונקט היפּוכדיקן שטאַנדפּונקט, אַז אַלץ, וואָס די אויש־

וויצער אסירים האָבן געטאָן, איַינגעשלאָסן די טעטיקייט פון די קאַפּאָס, וואָס האָבן געשלאָגן, איז כולו ווידערשטאַנד, בכן שלאָגנדיק דעם אומ־גליקלעכן אסיר האָט דער קאַפּאָ דערמיט אויסגעמיטן, אַז דער קרבן זאָל געשלאָגן ווערן דורכן ס.ס.־מאַן, וועלכער וואָלט אים דערהרגעט צום טויט [1]. פאַרשטייט זיך, עס איז אַ פראַגע, ווי אַזוי און מיט וואָס פאַרא כוונה דער דאָזיקער קאַפּאָ האָט געשלאָגן: כלומרשט און טאַקע מיטן געדאַנק צו באַשיצן דעם קרבן, אָדער שטאַרק און כדי זיך זעלבסט אויסצופּוצן פאַרן דייַטשישן אויבערהאַר. פונקט אַזוי מוז אַרויסרופן געוויסע ספקות פון מאָ־ראַלישן כאַראַקטער די האַנדלונג פון געוויסע גרופּן, וועלכע עס איז גע־לונגען אויסצושטרייַכן פון דער רשימה צום גאַז אייגענע מענטשן, וויסנ־דיק, אַז אויף זייער אָרט וועלן מוזן גענומען ווערן אַנדערע, פרעמדע, אָבער פונקט אַזוי לעבעדיקע מענטשן. שוין־זשע מוז מען אַזאַ אַקט קוואַליפיצירן פאַר ווידערשטאַנד, אָדער אידעאַליסטישע הילפס־אַקציע? און ווי זאָלן מיר זיך פאַרקוקן אויף ראַטעווען אַן אייגענעם לאַנדסמאַן, וויסנדיק, אַז אויף זייַן אָרט וועט אַוועקגעשלעפּט ווערן צום גאַז־קאַמער אַ פונקט אַזאַ אומ־שולדיקער מענטש פון אַ צווייטן לאַנד, וואָס רעדט אויף אַן אַנדער שפּראַך?

געוויסע באמת אידעאַליסטישע דאָקטוירים־אסירים, וועלכע האָבן גע־דאַרפט אַרויספירן די אסירים־מאַסע צו סעלעקציע, פלעגן אויסבאַהאַלטן די קראַנקע און שוואַכע, כדי צו באַשיצן די לעצטע קעגן דעם גאַז־קאַ־מער, אָבער דערבייַ זענען אומגעקומען אַנדערע אסירים, ווייַל די צאָל סע־לעקציאָנירטע צום גאַז האָט געמוזט שטימען. די דאָזיקע לאַגע האָט געצוווּנגען אַזעלכע דאָקטוירים־אסירים אַרויסצושלעפּן די שוואַכע און קראַנקע, וועלכע וואָלטן דאָך סייַ ווי נישט איבערגעלעבט, כדי צו ראַטעווען דערווייַל די אַנדערע, די געזונטערע און שטאַרקערע [2].

אַזוי אַרום איז דער באַגריף ווידערשטאַנד און הילף אַפילו אין דער אוישוויצער טויט־פאַבריק אַ גאַנץ רעלאַטיווער.

מען מוז אָבער נעמען אין אַכט, אַז דער מינדסטער אַקט פון אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד איז אין קאַנצלאַגער בכלל און אין אוישוויץ בפרט געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות אַ סך מער ווי ערגעץ אַנדערש־ווו. דער טעראָר איז דאָ געווען אַן אַן ערך מער אָנגעשרויפט ווי אויף דער „פרייַ". די געשיכטע פון 11טן בלאָק און דעם דאָרטיקן טויט־וואַנט איז אָן אַן ערך בלוטיקער ווי אַלע אַנדערע עקזעקוציע־מקומות. דער טעראָר

איז, דרך אגב, געווען אַ „פּראָפּילאַקטישער". חוץ די „פּאַרזינדיקטע" זענען געפֿאַלן הונדערטער און טויזנטער ערובניקעס פֿון צווישן די אסירים. און דער טויט האָט געלויערט אין יעדער רגע: ביַי די דראָטן, וווּ עס האָט געהוליעט „דאָס דערשיסן בײַם אַנטלויפֿן", אויף דער גאַס, אין שפּיטאָל, אינעם בלאָק גופא, סתם אַזוי און נישט בלויז אויף דער תּליה. דער טויט האָט געדראָט פֿאַר אַ ליאַדע זאַך, וואָס נישט בלויז פֿון די הענט פֿון די ס.ס.־רוצחים און וועכטער, נאָר אויך מצד דעם „אויטאָנאָמיע"־אַפּאַראַט, די בלאָק־עלטסטע, בלאָק־שרײַבער, שטובן־דינסט, קאַפּאָס און כּלערליי מוסרים.

אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד אין אוישוויץ איז חוץ דעם געווען באַ־שווערט דורך געוויסע אינערלעכע פֿאַקטאָרן: די אסירים־מאַסע איז געווען ווײַט נישט קיין איינהייטלעכע, זי איז באַשטאַנען פֿון פּאָליטישע און פֿון קרימינאַליסטישע עלעמענטן, בפֿרט די דײַטשישע און פּוילישע מאַסע. ביַי די פּוילישע אסירים איז אויך געווען פֿאַרטרעטן אין אַ גרויסער מאָס אַ צו־פֿעליקער עלעמענט, די קרבנות פֿון די גאַסן־כאַפּעריַיען. אַ ריין־פּאָליטישער עלעמענט האָט דאָ דאָמינירט ביַי די עסטרייַכער, טשעכן, פֿראַנצויזן, בעל־גיער, יוגאָסלאַוון. דאַקעגן די רוסישע אסירים־מאַסע איז שוין באַשטאַנען פֿון אַ פֿאַרשיידענעם עלעמענט, ס׳רוב קריגס־געפֿאַנגענע, אָבער נישט אַלע פּאָליטישע, פּאָליטיש־באַוווסטזיניקע. די גאַנצע אסירים־מאַסע איז געווען צעטיילט און טיילווייַז צעריסן מחמת די נאַציאָנאַלע און שפּראַך־אונטער־שיידן. עס איז שווער געווען לכתּחילה צו געפֿינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. אין אוישוויץ זענען געווען כּל המינים אסירים. און אָט די פֿאַרשיידנקייטן און נישט זעלטן קעגנזאַצן האָט דער שׂונא אויסגענוצט, און דאָס האָט קודם כּל באַשווערט דעם ווידערשטאַנד, זיַין אָרגאַניזאַציע און קאָאָרדינאַציע.

כּידוע זענען די ערשטע אסירים־גרופּן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ אין יאָר 1940, באַשטאַנען פֿון פּאָליאַקן (און אויך פּוילישע ייִדן), ס׳רוב פּאָליטישע „פֿאַרברעכער". אַזוי אַרום זענען די ערשטע אונ־טערערד־קעמערלעך געווען פּוילישע, דאָס זענען פּוילישע אָפֿיצירן־גרופּן. צווישן די פּיאָנערן פֿון דעם לינקן, אַנטיפֿאַשיסטישן ווידערשטאַנד אינעם לאַגער ווערן אויסגערעכנט די צוויי לינק־פּ.פּ.ס.־ישע [3] טוער נאַרבערט באַר־ליצקי און סטאַניסלאַוו דיבוא. דער ערשטער איז בקרוב געשטאָרבן (27.9.41); דער צווייטער איז דערשאָסן געוואָרן בײַם טויט־ווענטל [4] (21.8.1942). צווישן די ווייַטערדיקע טראַנספּאָרטן פֿון פּוילן האָט זיך געפֿונען אַ זייער

פֿאַרשיידנאַרטיקער עלעמענט: טוער פֿון פּ.פּ.ס., ענדעקעס [5], מענטשן פֿון פֿאַשיסטישן אָ.נ.ר. [6], גלחים און אָפּיצירן פֿון ז.וו.ז. [7] און דערנאָך אַ.ק. [8]. די ענדעקעס, אָ.נ.ר. און ס׳רוב אַ.ק.־לײַט האָבן ביטער באַקעמפֿט די קליינע גרופּע פּוילישע קאָמוניסטן, וואָס האָט זיך אויך פֿון ערשטן מאָמענט געפֿונען אינעם לאַגער. צווישן די דאָזיקע רעכטע גרופּן איז אָבער אויך נישט געווען קיין שלום בית. די פּ.פּ.ס. אינעם לאַגער האָט זיך געפֿונען אין מיטן און זיך באַמיט אָנצוקניפּן באַציִונגען מיט ביידע עלעמענטן. אָבער אין תּוך איז די פּ.פּ.ס. אין ערשטן פּעריאָד אויך געווען אײַנגעשלאָסן אין אַ.ק. בײַ די פּ.פּ.ס.־חברים האָט, אגב, נישט געהערשט קיין איינשטימיקייט. עס זענען געווען צווישן זיי עלעמענטן קרובֿהשע צו די רעכטע. עס זענען אָבער אויך געווען, ס׳רוב צווישן די דעפּאָרטירטע פֿון קראָקע און וואַרשע לחלוטין ווי־דערשטענדלערישע עלעמענטן, דעצידירטע אויף אַלץ.

די אַלע קעגנזאַצן האָבן גורם געווען, אַז עס איז אין די רייען פֿון פּוי־לישן ווידערשטאַנד נישט געווען קיין איינהייטלעכקייט, קיין בשותּפֿותדי־קער פּראָגנט און קיין געאייניקטער פּראָגראַם און אָנפֿירונג. אַפֿילו צווישן דער פּ.פּ.ס. און פּ.פּ.ר. [9] (קאָמוניסטן) איז צו אַן איינהייט געקומען זייער שפּעט, ערשט פֿרילינג־צײַט 1943, ווען עס איז אונטער די טרעף פֿון פֿערטן בלאָק אין שטאַם־לאַגער אוישוויץ געקומען צו אַ טרעפֿונג פֿון די פֿאַרשיי־דענע נאַציאָנאַלע גרופּן, בתּוכם אויך אַ טייל פֿון אַ.ק.־לײַט אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פֿון ווידערשטאַנד, און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די קאַמפּס־גרופּע אוישוויץ. אָבער ביז דעמלט און אויך שפּע־טער, ביז דעם ערבֿ סוף, האָט געהערשט אַ קעגנזײַטיקער אומצוטרוי, וואָס האָט נישט דערלאָזט צו קיין איינהייט. אַזאַ איז געווען די לאַגע אינעם פּוי־לישן ווידערשטאַנד, און דער מצבֿ האָט נעגאַטיוו געווירקט אויפֿן אַלגעמיי־נעם, אינטערנאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד [10].

אין די ווידערשטאַנד־רייען פֿון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — אין די רייען פֿון די עסטרײַכער, דײַטשן, פֿראַנצויזן, בעלגיער, רוסן, טשעכן, יוגאָסלאַוון — איז אַזאַ טיפֿע און שאַרפֿע אינערלעכע פֿונאַנדערטיילונג נישט געווען. בײַ די דאָזיקע נאַציאָנאַליטעטן זענען די ווידערשטאַנד־כּוחות באַ־שטאַנען ס׳רוב פֿון קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע דע־מאָקראַטן. עס איז בײַ זיי נישט געווען קיין אָרט פֿאַר דעם פּוילישן קאָמ־פּלעקס פֿון אַנטירוסישקייט און צום טייל אויך אַנטיסעמיטיזם און אויך

פּאַר סתּם אַנטידײַטשישקייט. ווי אַ בולטער קעגנזאַץ צו דער סתּירהדיקייט אינעם פּוילישן ווידערשטאַנד, קאָן דינען ווי אַ מוסטער די טשעכישע אונ־טערערדישע באַוועגונג אין אוישוויץ, וועלכע האָט, אגב, אָפּגעשפּיגלט די לאַגע אין דער טשעכישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג בכלל. אין דער טשעכי־שער אונטערערד איז אַנטשטאַנען אַ נאַציאָנאַלער פראָנט פון בענעשעס[11] אַ.ג. נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין איטאַליע, צום טייל אויך אין פראַנקרײַך און אַנדערע מערב־לענדער, בעת די פּוילישע אונטערערד איז געווען געשפּאָלטן אין צוויי און אין אַ געוויסן זין אין דרײַ פײַנדלעכע לאַגערן. אַלע עדות באַוווּנ־דערן די אַבסאָלוטע סאָלידאַריטעט, וואָס האָט געהערשט בײַ די טשעכן און צום טייל אויך בײַ די סלאָוואַקן אין אוישוויץ. און דער פאַקט האָט פּאָזיטיוו געווירקט לגבי דעם ייִדישן אָפּשניט.

אַ גוטע צוזאַמענאַרבעט און צוזאַמענלעבן האָט געהערשט אויך אין די רייען פון דײַטשישן אוישוויץ־ווידערשטאַנד, הגם נישט אַזוי ווײַט ווי בײַ די טשעכן. דער דײַטשישער סעקטאָר האָט געהאַט געוויסע זייער שווערע פּראָבלעמען. קודם כּל דעם שווערן קאַמף מיט די צאָלרײַכע דײַטשישע קרי־מינאַליסטן, וועלכע האָבן די ערשטע צײַט באַזעצט אַלע וויכטיקסטע פונק־ציעס פון דער לאַגער־„אויטאָנאָמיע“. אַדאַנק דעם ענערגישן קאַמף פון די דײַטשישע ווידערשטענדלער איז זיי געלונגען אַרײַנצונעמען אין זייערע הענט אַ ריי וויכטיקע פונקציעס, בתּוכם אויך די פונקציע פון דעם לאַגער־עלטסטן, און זיי האָבן עס אויסגענוצט לטובת אַ ריי ווידערשטענדלער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן: פּאָליאַקן, טשעכן, פראַנצויזן און אַפילו געוויסע ייִדן. אָבער פאַרשטייט זיך, אַז אַרײַנבערענגען גרינטלעכע ענדערונגען זענען די ווידערשטענדלער־פונקציאָנאַרן נישט געווען בכּוח, נישט געקוקט אויף זייער בעסטן ווילן. פון דער צווייטער זײַט האָבן די פונקציעס דעמאָראַ־ליזירט אַ געוויסן טייל דײַטשישע אונטערערד־לײַט, בפרט, אַז זייער רוב האָט פאַרבראַכט אין פאַרשיידענע קאָנצלאַגערן שוין זינט 1933, אָדער אַ ביסל שפּעטער. די ס.ס.־ישע לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָט אויסגענוצט די אַלע שוואַכקייטן און שאָטן־זײַטן, וואָס האָבן באַגלייט די בדרך כּלל פאַרדינסט־פולע דײַטשישע ווידערשטאַנד־כּוחות, צווישן וועלכע קאָמוניסטן און סאָ־ציאַליסטן ייִדן האָבן געשפּילט זייער אַן אַנזעעוודיקע ראָל.

זייער אַ סימפּאַטישע און אויסגעהאַלטענע גרופּע, אַן וואַקלונגען און

קאָמפּלעקסן, האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך די פראַנצייזישע ווידערשטענד־לער, ס׳רוב קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן און אויך אַנדערע פּאַטריאָטישע אַקטיוויסטן, וועלכע זענען לכתחילה אָנגעקומען גוט אָרגאַניזירטע און דורכגעדרונגען מיט סאָלידאַריטעט. די שוואַכקייטן פון פראַנצייזישן סעקטאָר איז געווען פון אָביעקטיוון כאַראַקטער און איז באַשטאַנען אין די פּיזישע נישט אויסהאַלטעוודיקייט לגבי דעם שווערן קלימאַט און די אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע די הויך־קולטורעלע פראַנצויזן זענען נישט געווען אין שטאַנד איבערצוטראָגן. אין דער הינזיכט האָבן זיי זיך געפונען אין אַ פיל שווערער לאַגע ווי די דײַטשישע, עסטרײַכישע און פּוילישע אסירים. די פראַנצויזן זענען אויסגעשטאָרבן ווי די פליגן נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אויפצוטאָן עפּעס וויכטיקס לפי זייערע שטרעבונגען און אינערלעכער גרייטקייט. אַ מינדערהייט איז געבליבן לעבן און גע־וויזן אַ מוסטער פון סאָלידאַריטעט.

די יוגאָסלאַווישע און סאָוויעטישע אסירים זענען באַשטאַנען פון קריגס־געפאַנגענע. די יוגאָסלאַוון, בפרט פּרויען, די געקומענע פון דער העלדישער, לעגענדאַרער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג פון יאָסיף בראָז־טיטאָ, האָבן זיך געהאַלטן אויסערגעוויינטלעך סאָלידאַריש און העלדיש. עס איז באַקאַנט די קשי־עורפדיקע האַלטונג פון די יוגאָסלאַווישע פרויען־פּאַרטיזאַנערינס, וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אויסטאָן זייערע מיליטערישע מלבושים און אָנטאָן די אָפיציעלע לאַגער־שמאַטעס. די יוגאָסלאַוון זענען ס׳רוב אומגעקומען. דער לאַגער האָט וועגן זיי געוווסט, אָבער צו קיין דערנענטערונג איז נישט געקומען, אפשר ווײַל די יוגאָסלאַוון האָבן קורץ געלעבט. אַקעגן־זשע די יוגאָסלאַווישע פרויען האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אונטערערדישן קאָמיטעט פון די נאַציאָנאַלע פרויען גרופּן[12].

אַנדערש איז געווען מיט די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, מיט וועלכע אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־גרופּן האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט. הגם צווישן די רעכטע פּוילישע עלעמענטן איז דער אינטערעס געווען אַ נעגאַטיווער, אַן אַנטיסאָוויעטישער. דאָך האָבן אַלע אין די פּלענער פון אַן עווענטועלן קאַמף גענומען אין אַכט און טייל מאָל קודם כּל די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַ סך קאַדרען און פראָנט־אָפיצירן און אַפילו אַ גענעראַל[13].

אָבער אויך די סאָוויעטישע אסירים האָבן געליטן פון געוויסע קאָמ־

פלעקסן. דער אומצוטרוי צו אַנדערע פעלקער, דער שטענדיקער חשד לגבי פרעמד־נאַציאָנאַלע קאָמוניסטן, וואָס איז איינגעשפּריצט געוואָרן אין זיי אין דער צייט פונעם סטאַלין־קולט און אויך דער אינערלעכער קעגנזייטי־קער אומצוטרוי. די אַלע געפילן האָבן פּאַראַליזירט אָפּט זייער ווילן און סאָלידאַרישע קאַמפּס־גרייטקייט. עדות דערציילן, אַז צווישן די סאָוויעטי־שע קריגס־געפאַנגענע האָבן צוזאַמען מיט גרויסער אידעיִשקייט און סאָלי־דאַריטעט אויך געהערשט קעגנזייטיקע רייסערייען [14].

אַזאַ איז געווען דאָס אַלגעמיינע בילד פון די פּאַקטישע און פּאָטענ־ציעלע פאַרשיידן נאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־כוחות אין אוישוויץ. און אויב עס איז טראָץ אַלעמען געקומען צו אַ סאָלידאַריטעט און ווידערשטאַנד טעטיקייט, און סוף כּל סוף צו אַ קאָאָרדינאַציע און איינהייט (נישט קיין פולשטענדיקע), איז דאָס געווען דער פאַרדינסט פון די פּיאָנערן פונעם אינ־טערנאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד און קודם כּל פון די קאָמוניסטן און סאָציאַ־ליסטן, צווישן וועלכע עס האָט לכתחילה געשפּילט די הויפּט־ראָל די גרופּע עסטרייכישע קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און געוו. שפּאַנישע קעמפער, וועל־כע מען דאַרף פאַררעכנען פאַר די ראשונים [15]. די עסטרייכישע טוער האָבן איינגעשטעלט די ערשטע קאָנטאַקטן מיט די דייטשישע, לינק־פּוי־לישע, טשעכישע און בעלגישע ווידערשטאַנד־אָנפירער און צוזאַמען מיט זיי געשאַפן אַ קאָאָרדינאַציע, אָבער נישט קיין געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע, אַקעגן־זשע מיט אַ געמיינזאַמער שפּיצן־אָנפירונג [16]. די נאַציאָנאַלע גרופּן, וועלכע האָבן געהערט צו דער קאָאָרדינאַציע, האָבן געפירט יעדע איר אייגן אונטערערדיש לעבן. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז אָבער געווען אַ סך ברייטער ווי די ראַמען פון דער דאָזיקער קאָאָרדינאַציע. עס זענען אויך געווען געמישטע נאַציאָנאַלע גרופּן, לויזע און יחידישע קאָנטאַקטן, אַפילו די לינקע גרופּן, וועגן וועלכע די קאָאָרדינאַציע האָט נישט געוווּסט [17]. שוין אָפּגערעדט פון די פּוילישע רעכטע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אויסגע־לעבט אין גאַנצן באַזונדער.

דאָס אַלץ איז שייך דעם אוישוויצער שטאַם־לאַגער. לחלוטין אַנדערש איז געווען די לאַגע אין בירקענאַו. דאָ האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן סטאַבילע גרופּן און אַ דויערהאַפטיקער קאָאָרדינאַציע אַזוי ווי אין אוישוויץ 1, ווייל איבער בירקענאַו האָט כּסדר געהאַנגען די דאַמאָקלעס־שווערד פון אומאיבעררייסלעכן אומקום. עס האָט געהערשט די אַטמאָספער

פון צײַטווײַליקייט. מענטשן זענען געקומען און זענען אַוועק. דאָך איז אויך אין בירקענאַו געלונגען צו שאַפן אונטערערדישע גרופּן [18], וועגן וועלכע עס וועט נאָך זײַן אַ רייד. פאַר אונדזער טעמע, די פּראָבלעם פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, האָבן די בירקענאַו־גרופּן אַ גרינטלעכן באַטײַט.

אונטערערדישע גרופּן זענען אויך געווען אין אַלע נעבן־לאַגערן פון דעם סיסטעם אוישוויץ 3.

דער ערשטער פּעריאָד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ נעמט אַרום די צײַט ביז פרילינג 1943. אין אָט דעם ערשטן פּעריאָד באַשטייט די הויפּט־טעטיקייט פונעם ווידערשטאַנד אין סאָלידאַריטעט, רעטונג פון מענטשן, קעגנזײַטיקע הילף, רעדאַגירן אינפאָר־מיר־ביולעטינען, קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, בפרט מיט די פּ.פּ.ס. און דעלעגאַטור־קאַנאַלן אין קראָקעווער געגנט [19], קעגנווירקן דעם טעראָר פון דער ס.ס. און די קרימינעלע יוצר משרתים פון די באַצווינגער. ערשט אין פרילינג 1943, ווען עס ענדערט זיך דער מצב אויפן פראָנט, הייבט מען אָן טראַכטן אויך וועגן קאַמף און עס אַנטשטייט די קאַמפס־גרופּע אוישוויץ, וועלכע טראָגט אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

דער פאַקט פון שאַפן אין אוישוויץ אַן אָרגאַניזירטן אינטערנאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד־כוח האָט אַ גרויסן באַטײַט נישט בלויז פאַר דעם אוישווי־צער ווידערשטאַנד בכלל, נאָר אויך פאַר דער יִדישער אסירים־מאַסע, פאַר די סאָוויעטישע געפאַנגענע און אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון דעם לאַגער. די ערשטע אָנפירונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־גרופּע און נעמלעך: די צוויי עסטרײַכער, געוו. שפּאַניע־קעמפער — ערנסט בורגער און הערמאַן לאַנגביין — און די צוויי פּוילישע אונטערערד־קעמ־פער — יוזעף ציראַנקיעוויטש און טאַדעאוש האָלוי — האָט אַרויסגעלאָזט אַן אונטערערדישן אויפרוף קעגן שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם און פאַר סאָ־לידאַריטעט צווישן אַלע פעלקער, וואָס לײַדן און קומען אויך אום אין דעם אוישוויצער גיהנום. אין דעם אויפרוף לייענען מיר צווו. אַנד. די פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיר האַלטן, אַז לויבן, אָדער אַפילו טאָלערירן מאָראַליש די רציחות, וואָס ווערן באַגאַנגען איבער מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן איז גלײַך פון אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון די מאָרד־מעטאָדן. עס האָט נישט קיין רעכט צו לעבן און צו פאָדערן סאָלידאַרישע הילף מצד די פעלקער

קעגן דעם טעראָר דער יענער, וועלכער האַלט דעם טעראָר פאַר אַ שלעכטס דאַן, ווען ער איז געווענדט קעגן אים אַליין, און פאַר גוטס, ווען ער אַליין באַנוצט זיך מיט אַט דעם טעראָר קעגן אַן אַנדערן, אָדער איז מסכּים דערצו. דאָס רעכט צום לעבן און פרײַהייט איז אומצוטיילבאַר. נאָר די סאָלידאַרע אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט אין קאַמף פאַר פרײַהייט גיט אונדז דאָס רעכט צו ווערן באַטראַכט פאַר מיטקעמפער קעגן דעם שלעכטס, וואָס עס ברענגט דער וועלט דער היטלעריזם״ [20].

הגם דער טאָן פון דעם ציטירטן פראַגמענט איז גאַנץ מטושטש, בפרט אויב עס גייט וועגן ייִדן, וועלכע ווערן אין דעם אויפרוף נישט אָנגערופן בפירוש בײַם נאָמען, דאַרף מען אָבער אָננעמען, אַז דער אויסגאַנג פון דעם אויפרוף איז געווען אַ פּאָזיטיווער.

אין גיכן זענען די רייען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־גרופּע געוואָרן אויסגעברייטערט.

אין אויגוסט 1943 בינדט אַן קאָנטאַקטן מיט אַט דער גרופּע און אויך מיט די אסירים פון פּ.פּ.ר. און פון צווישן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגע־נע — געוויסע טיילן פון א.ק., למשל דער קאַפּיטאַן ג. אָסגאָמסקי און פּאָ־רוטשניק מאַטשקאָוויאַק [21]. ווען דער פראָנט דערנעענטערט זיך אַלץ מער און מער און עס טויכט אויף די געפאַר, אַז די ס.ס. וועט אין לעצטן מאָמענט אויפרײַסן דעם לאַגער און ליקווידירן די לעבן־געבליבענע אסירים, קומט אַ דערנעענטערונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַמפּס־גרופּע אוישוויץ מיט די אסירים פון אַ.ק. און עס אַנטשטייט דער א.ג. „אוישוויצער מיליטערישער ראַט״, וועלכער אָנערקענט זיך פאַר דער העכסטער מיליטערישער אָנפירונג פון דער גאַנצער אוישוויצער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און שטייט אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער געגנטלעכער און במילא צענטראַלער אָנפירונג פון אַ.ק. אָבער אויך דעמלט שטייט נאָך די פּ.פּ.ר. אַלץ מחוץ למחנה. די פּ.פּ.ר.־גרופּע אין אוישוויץ איז געווען אַ שוואַכע. פון דעסטוועגן באַשליסט די פּ.פּ.ס.־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון יוזעף ציראַנקיעוויטש זיך צו פאַר־אייניקן מיט דער פּ.פּ.ר.־גרופּע [22]. אין מיטן יאַנואַר 1944 רופט ציראַנקיעוויטש אַ באַראַטונג מיט די פאַרשטייער פון פּ.פּ.ר. און לייגט פאָר צו שאַפן אַ געאייניקטע אוישוויץ־אָרגאַניזאַציע פון פּ.פּ.ס. מיט פּ.פּ.ר. דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען, הגם מיט ספקות און אַ שווער האַרץ מצד געוויסע סעק־טאַנטישע פּ.פּ.ר.־טוער [23].

צי און וועלכע זענען געווען די רעזולטאַטן פון די אַלע טעטיקייטן, וועלן מיר נאָך זען אין ווייטערדיקן לויף פון אונדזער אַרבעט.

ווער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ אין פאַרשידענע אָפּשניטן פון דער צײַט? אויף דעם איז דער היסטאָריקער נאָך נישט אין שטאַנד צו געבן אַ קאָנ־קרעטן און בפירושן ענטפער. די שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די קאַדרען פלעגן זיך טוישן און יעדער עדות האָט פון זײַן ווינקעלע, אין די באַדינגונגען פון אויסערגעוויינטלעכער קאָנספּיראַציע, געזען אַנדערע מענטשן, אַנדערע טוער.

דער אויטאָריטאַטיווער עד ראיה טאַדעוש האָלוי גיט אָן פאַר די יאָרן 1943—1944 די פּאָלגנדיקע פּאָליטישע אָנפירונג: ערנסט בורגער (מיט־גליד פון צ.ק. פון עסטרײַכישער קאָמוניסטישער יוגנט), יוזעף ציראַנקיע־וויטש (אָנפירער פון קראָקעווער פּ.פּ.ס.), טאַדעוש האָלוי (אומפּאַרטייִשער פּאַטריאָט) און הערמאַן לאַנגביין (עסטרײַכישער קאָמוניסט, געוו. שפּאַ־נישער קעמפער). וולאַדיסלאַוו פּעיקעל, דער הויפּט־דאָקטער פון רעוויר אין 1944 רעכנט אויס אָן אַנדערן באַשטאַנד: יוזעף ציראַנקיעוויטש, הערמאַן לאַנגביין, קאַרל ליל, טאַדעוש האָלוי, סטאַניסלאַוו קלאָדזינסקי. צו דער אָנפירונג פון דעם מיליטערישן ראַט פון אוישוויץ האָבן, לויט האָלוי, צוו. אַ. געהערט לוציאַן מאָטיקאַ (קראָקעווער פּ.פּ.ס.) און בערנאַרד שוויער־טשינאַ (קאָמאַנדיר פון אַ.ק. אין אוישוויץ, אויפגעהאָנגען דאָרט דעם 30סטן דעצעמבער 1944) [24].

דער דײַטשישער קאָמוניסט (אַ ייִד) ברונאָ באַום גיט אָן דעם פּאָלגנ־דיקן פּערסאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון דער אָנפירונג פונעם אינטערנאַציאָ־נאַלן ווידערשטאַנד: ערנסט בורגער, יוזעף ציראַנקיעוויטש און האַנס דיר־מייער (אַן עסטרײַכישער קאָמוניסט). נאָכן אָפּטרעטן פון ערנסט בורגער איז אויף זײַן אָרט אַרײַן ברונאָ באַום [25]. דער לעצטער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זײַן אַ פאַרבינדלער צווישן פאַרשיידענע גרופּן, ווײַל ער איז געווען באַשעפטיקט ווי אַן עלעקטריקער אין דער וועשערײַ.

חוץ דער אַלגעמיינער אָנפירונג איז פון צײַט צו צײַט אויך געווען אַ צענטראַלע אינטערנאַציאָנאַלע אָנפירונג פון די אַסירים־קאָמוניסטן. לויט דעם עד־ראיה, דעם פּוילישן קאָמוניסט יוזעף שפּילסקי, האָבן צו איר גע־הערט: דער פאָרשטייער פון די פּוילישע קאָמוניסטן שמעון זיידאָף („וואַיב־

אַרעק״), אין נאָמען פון די סאָוויעטישע קאָמוניסטן — דער לאָטיש לאָקמאַניס [26] (געוו. מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון קאָמאינטערן), דער עסטרײַכער יאָזעף מייזעל (פּעפּי), (מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער עסטרײַכישער קאָמפּאַרטיי), דער דערמאָנטער ערנסט בורגער, רודאָלף פרימעל (מיטגליד פון צ.ק. פון עסטרײַכישער קאָמפּאַרטיי) און דער דערמאָנטער הערמאַן לאַנגביין.

דער עד ראיה דוד שמולעווסקי (אַ ייִד), וועלכער האָט געהערט צו דער אָנפירונג פון דער אונטערערדישער סאָלידאַריטעט־אָרגאַניזאַציע אין בירקענאַו, רעכנט אויס די פאָלגנדיקע צענטראַלע אַקטיוויסטן פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־גרופּן:

די פּוילישע קאָמוניסטן און אַנטיפאַשיסטן זיגמונט באַליצקי, ווינצענטי רוטקעוויטש, אויגוסטין מיצאַל (פירער פון פּ.פּ.ר. פון ריישער געגנט), סעווערין קירשענבוים (אַ ייִד, אַ געוו. שפּאַנישער קעמפער), ד״ר אַלפרעד פידערקעוויטש, ראָמאַן שליוואַ (טוער פון פּ.פּ.ר.), זענאָן קרוזאַ; די עסטרײַכער — ערנסט בורגער, לודוויג וועסעלי און רודאָלף פרימעל (די לעצטע אויפגעהאָנגען אין אוישוויץ); די סאָוויעטישע בירגער פּיאָטר מישין, אַלעקסאַנדער לעבעדיעוו, וואַלענטין פּילאַטאָוו; די פראַנצויזן — אַנדרע מאַרטען, דאַניעל קאַסאַנאָוואַ, מאַרי קלאָד וועיאַן קוטיריע (צענטראַלע קאָמוניסטישע טוערס); די טשעכן — מאַרגאַרעט שוואַלבאָוואַ, אָטאָ קראַוס (אַ ייִד), קאַזימיר סטאַל; די דײַטשן — האַנס שוטטער, קאַרל ליל, סטעפאַן היימאַן (אַ ייִד), דער קליינער פּאַל און ברונאָ באַום (אַ ייִד). די פאַרבינדלערין פון דער פּ.פּ.ר. אויף דער „פרײַ״ איז געווען די באַקאַנטע אַרכיטעקטאָרין פּראָפ. העלענאַ סירקוס (אַ ייִדישע) [27].

לויט אַן אַנדער עד ראיה האָבן אין האַרבסט 1943 צום סאָוויעטישן אַקטיוו אין בירקענאַו געהערט צווישן אַנדערע: דער מאָסקווער סטודענט פּיעטיאַ (אַ מיטגליד פון א.ל.ק.פּ.ב. — קאָמסאָמאָל). וואַרשיינלעך איז עס דער אויבן דערמאָנטער פּיאָטר מישין. ד. מאָ (אַן אָפיציר פון דער סעוואַסטאָפּאָלער שלאַכט) און ניקאָלאַי איוואַנאָוו (אַ פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדיר פון מערב־ווײַסרוסלאַנד). אין יאָר 1944 זענען די אָנפירער פון סאָוויעטישן ווידערשטאַנד געווען: איוואַנאָוו און מישין. בײַ די דײַטשישע אסירים זענען דעמלט די פירער געווען: וואַלטער בלאַס, קאַרל סודאָוו און עריך (פאַמיליען־נאָמען אומבאַקאַנט) [28].

ביי דיווידערשטאַנד־טוער אין אוישוויץ זענען געווען פאַרשיידענע קאָנצעפּציעס פון ווידערשטאַנד. אין וואָס האָט ער געדאַרפט באַשטיין? די פראַנצייזישע קאָמוניסטן, למשל, האָבן לכתּחילה, בעת זיי זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ פון די פראַנצייזישע לאַגערן און תּפיסות, געהאַט אַן איבּסטרוקציע און אַן איינשטעלונג נישט אָנצונעמען קיין שום פונקציע אין אוישוויץ, פּראַווען סאַבאָטאַזש, זיך אַרויסדרייען פון אַרבעט, נישט אָנגעבן די אייגענע פּאַכן וכדומה. אַזאַ איינשטעלונג האָט זיך אָבער אין די באַדינגונגען פון אוישוויץ אַרויסגעוויזן פאַר אומרעאַל, ווייל גאַרנישט טאָן האָט באַטייט טויט, זעלבסטמאָרד. פון דער צווייטער זייט זענען ביי אַ טייל ווידערשטענדלער אַרויסגעטרעטן קאָנצעפּציעס, אַז אין אוישוויץ איז סאַבאָטאַזש לחלוטין אוממעגלעך, אויסגעשלאָסן [29]. פאַר דער איינציקער פאָרעם פון ווידערשטאַנד האָבן געוויסע טוער געהאַלטן בלויז די קעגנזייטיקע הילף־אַרבעט [30]. סוף כּל סוף האָט געזיגט אַ מיטלפּונקט־קאָנצעפּציע: רעטונג, קעגנזייטיקע הילף, סאָלידאַריטעט צוזאַמען מיט קליינעם סאַבאָטאַזש, פּאָליטישע אויפקלער־אַרבעט און אָרגאַניזירונג פון אַנטלויפן. אין דעם לעצטן געביט זענען די הויפּט־אויפטוער געווען די סאָוויעטישע קריגסגעפאַנגענע [31]. איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן האָבן די ווידערשטאַנד־טוער געזען אין אַרויספירן די גרויזאַמע ידיעות וועגן אוישוויצער אמת אויף אויסן, כּדי צו אַלאַרמירן די וועלט. די קאָנטאַקטן מיט אויסן האָט אָרגאַניזירט קודם כּל יוזעף ציראַנקיעוויטש. איינצייטיק זענען געמאַכט געוואָרן גרויסע אָנשטרענגונגען אַריינצופירן פון אויסן הילף, קודם כּל אין דער פאָרעם פון מעדיקאַמענטן [32].

אַן עד ראיה פון דעם נעבן־לאַגער בונאַ כאַראַקטעריזירט אויפן פאָלגנדיקן אופן די טעטיקייט פון דער דאָזיקער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע:

א. קליינער סאַבאָטאַזש אין פאַבריק.

ב. קאָנטאַקט מיט בירקענאַו, פון וואַנען מען האָט באַקומען געלט, בריליאַנטן, גאָלד אויף איינצוקויפן געוועהר [33]. די מתּנות פון דאָרטן האָבן, אַגב, געשטאַמט פון דער דאָרטיקער זאָנדער־קאָמאַנדאָ [34] אין „קאַנאַדע" [35].

ג. איינקויף און אָרגאַניזירונג פון געווער און אַמוניציע.

ד. צוגרייטונג צו פּאַרטיידיקן דעם לאַגער אין פאַל, ווען די דײַטשן וועלן פּרוּוון ליקווידירן די אסירים.

ה. קעגנזײַטיקע הילף, רעטונג און קעגנזײַטיקע מונטערונג צו מוט.

ו. קאָלפּאָרטירונג פון פראַנט־ידיעות [36].

דאָס איז שוין, נאַטירלעך, געווען אין לעצטן פּעריאָד. אין די פריִער־דיקע האָט דאָמינירט די רעטונג, אויפקלער און אַנטלויף־אַרבעט. צו דעם צוועק איז נייטיק געווען אויסצונוצן דעם אומשטאַנד, וואָס געוויסע פּאָלי־טישע אסירים איז געלונגען צו באַזעצן געוויסע וויכטיקע פונקציעס אין לאַגער [37]. אַ גרויסע הילף־אַקציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין די שפּיטאָלן אין אוישוויץ און בירקענאַו. דער פאַקט, וואָס אַדאַנק די פּאַרבינדונגען פון דערווידערשטאַנד באַוועגונג איז געלונגען צו באַשטימען אַ טייל מיטגלי־דער פון דער באַוועגונג ווי מעדיצינישע פלעגער און אויף אַנדערע פונק־ציעס האָט פאַרלײַכטערט דאָס לעבן פון די אסירים און געשאַפן אין אַ געוויסער מאָס די מעגלעכקייט צו ראַטעווען פון אומקום [38].

מיט דער צײַט האָט דער אַנטלויף־מאָמענט אָלץ מער גענומען דאָ־מינירן. מען האָט גענומען פאַרבינדן דעם אַנטלויף־געדאַנק שוין נישט בלויז מיטן ציל פון אַלאַרמירן די וועלט, נאָר מיטן אַרײַנטרעטן אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג און המשך פון קאַמף. דער גרעסטער פּלאַן אין דער הינזיכט איז נישט געלונגען און ביידע וויכטיקע ווידערשטאַנד־טוער פון אוישוויץ, דער דערמאָנטער אַ.ק.־קאָמאַנדיר בערנאַרד שוויערטשינאַ און דער פּ.פּ.ס־טוער פון וואַרשע, אַלעקסאַנדער יאַגעללאָ (קאָסטעק), וועל־כע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון לאַגער, זענען דערנאָך פאַרראַטן געוואָרן און האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן בעת דעם אָנגריף פון די יאַגנדיקע זיך נאָך זיי ס.ס.־גרופּן [39].

אין אוישוויץ גופא זענען קיין גרעסערע אַקטיווע און אָפענע ווידער־שטאַנד־קאַמפן נישט געווען. געוויסע מחברים רופן אָן דאָס אַנטלויפן פון גרעסערע צאָלן סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע מיטן נאָמען בונט. פונקט אַזוי רופן זיי אָן געוויסע סאָלידאַריטעט־אַקציעס פון, למשל, דער שטראָף־קאָמפּאַניע [40]. אָבער פאַקטיש זענען דאָס נישט געווען קיין בונטן. אַזעלכעס איז אין אוישוויץ נישט געווען בנימצא, אַחוץ דעם אײנמאָליקן רעוואָלט פון אַ גרופּע אוקראַיִנישע וועכטער, וועלכע האָבן חושד געווען, אַז סוף כּל

סוף וועט מען זיי אויך ליקווידירן. אין רעזולטאַט איז געקומען צו אַ פּאַר־מעלער שלאַכט צווישן די צום אַנטלויפן זיך גרייטנדיקע אוקראַיִניש־פאַשיסטישע וואכלייט און די דײַטשישע ס.ס.־מענער. עס זענען געפאַלן טויטע און פאַרוונדעטע. די אוקראַיִנער זענען לסוף געוואָרן באַזיגט, אַנטוואָפנט און באַשטראָפט [41]. דאָס דאָזיקע געשעעניש קאָן, אָבער, נישט פאַררעכנט ווערן אויפן אַקטיוו פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און האָט מיט דעם ווידערשטאַנד קיין שום שייכות נישט. דאָס איז געווען אַ רעוואָלט פון באַאומרויִקטע און צערייצטע פאַשיסטן־קנעכט קעגן זייערע באַלעבאַטים. דער דאָזיקער אַקט האָט אינעם לאַגער, צווישן די אסירים נישט געמאַכט קיין שום רושם און נישט געהאַט קיין שום השפעה.

אָקעגן־זשע האָט די פּאַסירונג פון 6טן מערץ 1943, די דעמאָנסטראַציע פון אַ גרופּע אסירים פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן לכּבוד די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אין שייכות מיט די אָנגעקומענע ידיעות וועגן דער דײַטשישער מפּלה בײַ סטאַלינגראַד, יאָ געמאַכט אַן אײַנדרוק און געווען לאַנג קאָמענטירט אין לאַגער. „עס האָט זיך דעמלט געדוכט יעדן אַרעסטאַנט, אַז בקרוב וועט קומען אונדזער אויסלייזונג", שרײַבט וועגן דער דערמאָנונג אַן עד ראיה [42]. „לאַנג האָט מען גערעדט אין בלאָק, ליגנדיק אויף די פּריטשעס, וועגן דעם נצחון פון דער סאָוויעטישער אַרמיי", דערציילט ווײַטער דער בעל הזכרונות.

אַזעלכע פּאַסירונגען און שטימונגען זענען אין לאַגער געוויס געווען מער, אָבער נישט וועגן אַלעם האָבן מיר רעלאַציעס. דאָס זענען געווען וויכטיקע פּאָליטישע מאַניפעסטאַציעס, אָבער נישט קיין אַקטיווע, באַוואָפנטע קאַמפּס־אַקטן. אַזעלכע זאַכן האָט די אַלגעמיינע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ נישט געקאָנט.

דער איינציקער אָרגאַניזירטער באַוואָפנטער אַרויסטריט האָט געהאַט אַן אָרט אין בירקענאַו און איז דורכגעפירט געוואָרן דורך ייִדן. נאָר איידער מיר וועלן איבערגיין צו דער דאָזיקער טעמע, לאָמיר זיך אָפּשטעלן ראשית כּל אויף דער פראַגע: צי איז בכלל געווען אין אוישוויץ אַ ייִדישער ווידערשטאַנד? און אויב יאָ, ווי האָבן אויסגעזען זײַנע פאָרמען? צי איז געווען און ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער ייִדישער חלק אינעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד?

הערות צום קאַפּיטל דרײַ

1) אַזאַ שטאַנדפּונקט פאַרטרעט דער פּוילישער מחבר אַנדזשעי יוזעף קאַמינסקי. זע:

Andrzej Józef Kamiński: Hitlerowskie obozy koncentracyjne i ośrodki masowej zagłady w polityce imperializmu niemieckiego. Poznań 1964, s. 235.

2) Ella Lingens-Reiner: The prisoners of fear. London 1948.

פּאָליאַקאָוו, ז׳ 89—88.

3) ראשי תּיבות פּ.פּ.ס. — „פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ״, ד.ה. פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (געגרינדעט אין יאָר 1892).

4) זאַבאָטשען, ז׳ 2.

5) „ענדעקעס״ — ראשי תּיבות — נ.ד. „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיאַ״, ד.ה. נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטיע — אַ נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטישע ריכטונג אין פּוילן, וואָס איז אַנטשטאַנען אין איבערברוך פון 19טן און 20סטן יאָרהונדערט. אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט האָט זי אָנגעהויבן צו פּראָפּאַגירן עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. זי האָט באַקעמפט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אין דער צײַט פון די צוויי וועלט־מלחמות איז זי געווען אין פּוילן איינע פון די גרעסטע פּאַרטייען.

6) אָ.נ.ר. — ראשי תּיבות פון „אָבוז נאַראָדאָווא־ראַדיקאַלני״ (ראַדיקאַל נאַציאָנאַלער לאַגער). אַ פּוילישע עקסטרעם רעכטע פאַשיסטישע פּאַראַמיליטערישע גרופּירונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1934. זי האָט פאַרשפּרייט אַנטיסעמיטיזם, אָרגאַניזירט פּאָגראָמען און עקאָנאָמישן באָיקאָט לגבי ייִדן, האָט אויך באַקעמפט די אַרבעטער באַוועגונג.

7) ז.וו.ז. — ראשי תּיבות פון „זוויאָנזעק וואַלקי זברוינעי״, ד.ה. פאַרבאַנד פון באַוואָפנטן קאַמף — אַן אונטערערדישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אָקופּירטן פּוילן — אַ טייל פון די פּוילישע מיליטערישע כּוחות, אונטערגעאָרדנט דער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן. נאָך דער אַקציע פון פאַראייניקן די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס (14.2.1942) איבערנאָמינירט געוואָרן אויף אַ.ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ — לאַנדס־אַרמיי).

8) זע הערה נ׳ 7.

9) פּ.פּ.ר. — ראשי תּיבות פון „פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ״ — פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי — אַ רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטישע פּאַרטיי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך פּוילישע קאָמוניסטן דעם 5טן יאַנואַר 1942. זי האָט צווישן אַנדערע אַרויסגערוקט אַ פּראָגראַם פון קאַמף מיטן היטלעריסטישן אָקופּאַנט אין בונד מיטן ראַטנפאַרבאַנד. דעם 15טן דעצעמבער 1948 האָט זי זיך פאַראייניקט מיט פּ.פּ.ס. אונטערן נאָמען „פּוילישע פאַראייניקטע אַרבעטער פּאַרטיי״.

10) זאַבאָטשען, ז׳ 20—26.

11) בענעש עדואַרד (1884—1948) מיטשאַפער פון דער טשעכישער מלוכה. אין די יאָרן 1935—1938 פּרעזידענט. אין די יאָרן 1939—1945 פּרעזידענט און

פּרעמיער פון דער טשעכישער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן. אין 1948—1945 פּרעזידענט פון דער באַפרײַטער טשעכאָסלאָוואַקיע.

12) ג"ע פון שרה גוטפרײַנד. אַרכ. ב. מאַרק.
ג"ע פון צפורה שאַפּירא־גוטניק. אַרכ. ב. מאַרק.

13) קראַוס און קולקאַ, ז' 180.

14) באַום, ז. 82.
דער בריוו פון „בערגער" (גרינבוים) פון 22סטן אויגוסט 1945, אַרכ. א.פּ.ג. אויסגעטיילטע מאַטעריאַלן.

15) Hermann Langbein: Die Stärkeren — Ein Bericht, Wien 1949, s. 62—145.
פּעיקעל, ז' 484—486.

16) באַום, ז' 69 ; קראַוס און קולקאַ, ז' 227.
Hermann Langbein: Die Kampfgruppe Auschwitz. Auschwitz-Zeugnisse und Berichte, Herausgegeben von H. G. Adler. Hermann Langbein, Ella Lingens-Reiner. Europäische Verlagsanstalt. Frankfurt am Main 1962, s. 294-295.

17) באַום, דאָרטן.

18) באַום, ז' 81—82.

19) זע הערה 9, פון קאַפּ. 1.

20) פרידמאַן און האַלוי, ז' 129.

21) „בערגערס" בריוו פון 22.8.1945.

22) דזשוביינסקאַ, ז' 42—41.
T. Holuj: Nie byliśmy biernymi ofiarami. Za Wolność i Lud, Nr. 2/1963. 16—31 I.

23) Józef Szpilski: Życiorys (autobiografia), s. 51 —
(ווײַטער — שפּילסקי), א.פּ.ג.

24) Hermann Langbein: Die Kampfgruppe Auschwitz s. 294 in: Auschwitz-Zeugnisse und Berichte.
טאַדעוש האַלוי: בריוו צו ב. מאַרקן וועגן ישראל גוטמאַנס בוך: „אנשים ואפר". גוטמאַן איז זיך טועה שרײַבנדיק, אַז שווערטשינאַ איז געווען אַ קאָמוניסט. זע אויך דזשוביינסקאַ, ז' 142.
Dorota Lorska: Z pobytu w Oświęcimiu, Przegląd Nr. 1/1967, s. 207-208.
פּעיקעל, ז' 513.

25) באַום, ז' 79.

26) אַנדערע מקורות גיבן אָן, אַז „לאַקמאַניס" איז דער פּסעוודאָנים, וואָס ד"ר אַלפרעד קלאַר, דער געוועזענער מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער עסטרײַכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אין אושוויץ.
זע: Tadeusz Iwaszko: Ucieczki więźniów z obozu koncentracyjnego Oświęcim. Zeszyty Oświęcimskie 1963, nr. 7, s. 30-31.
(ווײַטער: ט. איוואַשקאָ: אַנטלויפונגען)

D. Szmulewski: Towarzysze w Oświęcimiu i Birkenau. Trybuna Ludu nr. 17, 1/1968. (27

28) דערקלערונג פון „בערגער" (גרינבוים), אַרכ. פון א.פּ.ג., אויסגעטיילטע מאַטעריאַלן.

29) בריוו פון „בערגער".

30) דאָרטן.

31) קראַוס און קולקאַ, ז' 51.

Szymon Datner: Ucieczki z niewoli niemieckiej 1939—1944. Warszawa 1966, K. W., s. 199—201, 227.

Franciszek Kobielski: Kontakty z obozem. Zeszyty Oświęcimskie nr. 5/1961, s. 141—148.

Jerzy Mostowski: Dwie ampułki. Zeszyty Oświęcimskie nr. 5/1961, s. 61-62. (32

פיליפּ פרידמאַן, טאַדעוש האָלוי, ז' 138—140, 134.

33) אַ פאַרבינדלערין צווישן אַנדערע איז אויך געווען ריווקאַ ליבעסקינד־קופּער.

34) זע קאַפּיטל 11.

35) „קאַנאַדע" האָט מען גערופן, אין דער אסירים־שפּראַך, די גרויסע מאַגאַזינען (האַלעס) פון פאַרשיידענע זאַכן צעגערויבטע בײַ די ייִדן פון די אָנגעקומענע קיין אוישוויץ ייִדן־טראַנספּאָרטן.
דאָס וואָרט „קאַנאַדע" האָט באַדאַרפט סימבאַליזירן ריַיכטום און פּרוכטבאַרקייט. אין דער קאַמאַנדאָ פון „קאַנאַדע" זענען געווען באַשעפטיקט אַ סך ייִדן, פרויען און מענער. בײַ סאָרטירן די זאַכן האָבן זיי געהאַט מעגלעכקייטן צו „אָרגאַניזירן", ד.ה. צו גנבענען פון די מאַגאַזינען. די מיטגלידער פון דער אונטערערד האָבן אַ סך ווערטפולע זאַכן איבערגעגעבן דער ווידערשטאַנד אָרגאַניזאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ „אָרגאַניזירן" זאַכן איז געווען פאַרבונדן מיט סכּנה.

36) ג"ע פון „פאַלדעק" (יהודה מיימון), אַרכ. ב. מאַרק.

37) ג"ע פון עמנואל מינק וועגן „בערגער" (עזריאל גרינבוים), אַרכ. פון א.פּ.ג., אויסגעטיילטע מאַטעריאַלן.
פּעיקעל, ז' 486, 484.

38) לאַנגביין „די קאַמפּס גרופּע", ז' 294.
פּעיקעל, ז' 515.

Tomasz Sobański: Ucieczki Oświęcimskie, Warszawa (MON) 1966 (39

40) דזשוביִנסקאַ, ז' 142.

41) זע: ראַפּאָרט וועגן דער לאַגע אין די מערב־געביטן. ד.צ.וו. פּערי בראַאַד, ז' 41—42.

42) וואַצלאַוו יאַבלאָנסקי (קאַרץ) „זכרונות פון אוישוויץ" (אין פויליש), אַרכ. ב. מאַרק.

קאַפּיטל פיר

דער וועג פונעם ייִדישן אסיר צום ווידערשטאַנד: שטערנדיקע און באַגינסטיקנדיקע פאַקטאָרן

פון די צוויי קאַטעגאָריעס אסירים פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ: פּאָליטישע און קרימינעלע — זענען די ערשטע געווען פּרעדיסטינירט צו ווערן ווידערשטענדלער. זייער וועג צום ווידערשטאַנד אין די נייַע לאַגער-באַדינגונגען איז געווען נישט צו שטאַרק קאָמפּליצירט. אַנדערש די פּאָליאַקן, וואָרום זיי זענען באַשטאַנען פון דרייַ קאַטעגאָריעס: פּאָליטישע, קרימינעלע און סתם אַ מאַסע, וואָס איז געווען אַ קרבן פון גאַסן-אַבלאַוועס, אַ.ג. „לאַפּאַנקעס", אַדמיניסטראַטיווע שטראָפן, בייזוויליקע מסירות וכדומה. און גאָר אַנדערש די ייִדן, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין דעם אוישוויצער גיהנום, ווי רעשטלעך פון אַ גאַנץ פאָלק, בנעוריהם ובזקניהם און ווי רעשטלעך פון אַ טאָפּלט דיסקרימינירט און צום טאָטאַלן טויט פאַרמשפּט פאָלק. דער וועג פון דעם לעבן געבליבענעם אסיר צום ווידערשטאַנד איז געווען באַדעקט מיט אָן אַ שיעור געדיכט שטעכל-דראָט און כּלערליי מיכשולים, און דאָס נישט בלויז מצד דעם אַכזריותדיקן ס.ס.-אַפּאַראַט און זייַנע יוצר משרתים, נאָר אויך מצד דער אַסירים-מאַסע גופא און אַפילו מצד געוויסע ווידערשטאַנד עלעמענטן, וואָס זענען אויך אין די אוישוויצער באַדינגונגען נישט געבליבן פרייַ פון אַנטיסעמיטיזם.

דער אויפגעפּוישטער נאַציאָנאַליזם און דער אַנטיסעמיטיזם האָבן ברייט געהערשט אין די סאַמע אוישוויצער מעמקים.

די דעמאָראַליזאַציע צווישן די אסירים-מאַסע איז געווען גרויס. ביי אַ טייל אסירים איז זייער הילף פאַר די ס.ס.-לייַט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך. אַזוי, למשל, האָבן אַ טייל דייַטשישע אסירים, ס'רוב קרימינאַליסטן, געהאָלפן די ס.ס.-לייַט טרייַבן די ייִדן צום גאַז, נישט בעסער האָבן געהאַנדלט אַ סך אוקראַיִנישע אסירים, וואָס האָבן געהאַט פאַרשיידענע פונק-

ציעס; זיי האָבן זיך איזדעקעווועט איבער די אַנדערע אַרעסטאַנטן און קודם כל איבער יידן [1].

דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז פאַרשלעפּט געוואָרן פון דער „פריַי", האָט זיך וויַיטער געשפּרייט נישט בלויז צווישן די דיַיטשישע קרימינעלע און די אוקראַינער, נאָר אויך ביַי אַ נישקשהדיקן טייל פון די פּוילישע לאַגער־אַרעסטאַנטן, קודם כל צווישן דעם קרימינעלן עלעמענט און אויך צווישן אַ טייל פון דער צופעליקער מאַסע און פון די פּאָליטישע פון א.נ.ר. [2] שניט.

אָט וועלכן איַינדרוק ס׳האָט אַרויסגעטראָגן דער אסיר אַנרי בולאַווקאַ, אַ יונגער ייִד פון פראַנקרייַך, אַ טוער פון „השומר הצעיר" מיט פראַגרע־סיווע אַנשויונגען:

„די פּוילישע קרימינאַליסטן, וואָס געפינען זיך אין אוישוויץ, זענען על פּי רוב אַנטיסעמיטן. זיי זענען בעת דער דיַיטשישער אָקופּאַציע גע־ווען דורכגעדרונגען מיט ראַסן־האַס. זיי האָבן וויַיטער פיַינט געהאַט ייִדן. אין לאַגער האָבן זיי געהאַט בעסערע לעבנס־באַדינגונגען ווי מיר. זיי באַקומען פּאַסט און פּעקלעך און קאָנען שריַיבן צו זייערע משפּחות... זיי האָבן זיך איַינגעאָרדנט אויף בעסערער אַרבעט. די פּוילישע פּאָליטישע אסירים האַלטן יאָ איַין אַ קאָנטאַקט מיט די ייִדן... עס זענען אויך פאַראַן פּוילישע קאָמוניסטן און פּאַטריאָטן. זיי האָבן אין לאַגער אַן אָרגאַניזאַציע און קאָנטאַקטן מיט די פּאַרטיזאַנער מחוץ דעם לאַגער. זיי האָבן געפּלאַנט צו אַנטלויפן. דער פּרווו איז נישט געלונגען. 26 פון צווישן זיי האָט מען געהאַנגען פאַר די אויגן פון די צונויפגעזאַמלטע אסירים. זייער לעצטער אויסרוף איז געווען: זאָל לעבן פּוילן! זאָל לעבן די פריַיהייט! צווישן זיי זענען געווען צוויי ייִדן".

געשען איז דאָס אין דעם אונטערלאַגער פון אוישוויץ 3 — יאַוואָזשנאָ [3].

דער פראַנצייזישער ייִד האָט געזען צוויי קאַטעגאָריעס פּוילישע אסי־רים: קרימינאַליסטן־אַנטיסעמיטן און פּאָליטישע. די ערשטע זענען געווען אויף אַזוי פיל געפּערלעך, וויַיל זיי האָבן באַזעצט אַ סך פונקציעס פון בלאָק־עלטסטע, שטוב־שריַיבער און קאַפּאָס און אויסגענוצט די דאָזיקע פּריווילעגירטע לאַגע צו פּיַיניקן די ייִדישע אסירים. צווישן די באַזונדערס אכזריותדיקע פּוילישע עלטסטע און קאַפּאָס ווערן אויסגערעכנט די רוצחים: דער בלאָק־שריַיבער טאַדעק, דער בלאָק־עלטסטער יאַנעק, דער בלאָק־עלט־סטער וולאַדעק, דער קאַפּאָ אַנטעק, דער רעוויר־עלטסטער אין בונאַ סטע־

פֿאַן בודזיאַשעק און אַנדערע [4]. די דאָזיקע שלעגער צוזאַמען מיט ענלעכע פֿונקציאָנאַרן, דײַטשן און אוקראַיִנער, האָבן אויף זייער געוויסן אַ סך אומגעבראַכטע ייִדישע אסירים.

מיט דער צײַט זענען די פֿונקציעס אינעם לאַגער געוואָרן באַהערשט דורך דײַטשישע פּאָליטישע אסירים און אין אַ גרויסער מאָס דורך פּאָליאַקן, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון עקסטרעם־רעכטע גרופּירונגען: ענדעקעס [5], אָזאָן [6] און אָ.נ.ר. זיי האָבן פֿאַרסירט זייערע מענטשן אויף די פּאָסטנס פֿון בלאָקן־עלטסטע, שטובן־דינסט און קאַפּאָס. און אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָט נישט בלויז געפֿירט אַן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, נאָר זיך באַצויגן צו די ייִדישע אסירים מיט נישט ווייניקער שׂינאה און אכזריות ווי די קרימינעלע [7]: פֿאַרשטייט זיך, אַז לגמרי אַנדערש איז געווען די לאַגע פֿון די ייִדן, וועלכע זענען אַרײַנגעפֿאַלן אונטער פֿונקציאָנאַרן, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון פּ.פּ.ס., קאָמוניסטן, צי אַנדערע לינקע, אָדער דעמאָקראַטישע ריכטונגען.

די דאָזיקע דערשײַנונג האָט סומירט אין זײַן געהיימען ראַפּאָרט דער אונדז נישט באַקאַנטער פֿאַרשטייער פֿון דער דעלעגאַטור [8] אין אוישוויצער אונטערערד; דער ראַפּאָרט איז געווען געשריבן דעם 28סטן יולי 1943. אָט וואָס מיר לייענען דאָרטן:

„טייל אסירים באַמיִען זיך ספּעציעל אָנקניפּן באַציִונגען מיט פֿאַרשטייער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן (טשעכישע, רוסישע, אוקראַיִנישע אסירים, דײַטשישע פּאָליטישע אַרעסטירטע), כּדי אָפּצווישן דעם פֿאַטאַלן אײַנדרוק, וואָס איז געבליבן נאָך געוויסע פּוילישע אסירים פֿון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע גרופּירונגען און נאָך די ספּעקולאַנטן און די פֿאַרשטייער פֿון סאָציאַלן שוים, וועלכע האָבן אויסגענוצט דעם געמיינזאַמען לעבן אין נאַצישן לאַגער, כּדי זיך בלוטיק אָפּצורעכענען מיט די אוקראַיִנער, רוסן (קריגס־געפֿאַנגענע) און די ייִדן. זיי האָבן אויסגענוצט זייערע אַמטלעכע מעגלעכקייטן, כּדי צו הרגענען די מיטגעפֿאַנגענע אַנשטאָט זיי העלפֿן. אַזוי אַרום זענען זיי געווען אַן אויסגעצייכנטע הילף פֿאַר די דײַטשישע מאַכט־אָרגאַנען פֿונעם לאַגער. הײַנט האָט זיך דאָס שוין אָפּגעשטעלט, הגם דאָס ווײַטערדיקע דינען די דײַטשן קומט נאָך אַלץ צום אויסדרוק אין סאָלידאַריזירן זיך מצד אַ געוויסער נישט גרויסער גרופּע פּאָליאַקן מיט דער אַקציע פֿון אויסראָטן די ייִדן. די דאָזיקע פּאָליאַקן זענען אויפֿגערעגט אויף די

דײַטשישע פּאָליטישע אסירים, וועלכע באַמיִען זיך צו באַשיצן די ייִדן; זיי האַלטן דאָס פּאַר אַ בונד פון די קאָמוניסטן מיט די ייִדן" [9].

נאָך בולטער שילדערט די דאָזיקע סיטואַציע דער פּוילישער מחבר און געוועזענער טוער פון אוישוויצער אונטערערד טאַדעוש האָלוי, וועלכער שרײַבט וועגן דעם ענין אַט וואָס:

„כּדי צו פאַרשטיין די פּאָליטישע לאַגע אינעם לאַגער מוז מען נעמען אין אַכט, אַז דער שווידערלעכער טעראָר און נויט האָבן דעמאָראַליזירט אַפילו שטאַרקע יחידים. חוץ דעם האָט זיך אין לאַגער געפונען אַ ניש־קשהדיקע צאָל פּוילישע פאַשיסטן... אין אוישוויץ זענען נישט געווען בנימצא קיין פראַנצייזישע, בעלגישע, נאָרוועגישע, אָדער אַנדערע פאַ־שיסטן. דאַקעגן זענען פּוילישע יאָ געווען. דער היטלעריזם, פּונקט ווי יע־דער אימפּעריאַליזם, האָט זיך באַנוצט מיט דעם מעטאָד פון אויסשפּילן איין טייל פעלקער קעגן דער אַנדערער. די לייטונג פון דעם לאַגער האָט דורכ־געפירט די דאָזיקע ליניע באַוווסטזיניק, געפינענדיק ביי די פּוילישע פאַ־שיסטן אַ מאָראַלישע אונטערשטיצונג... דער קאַמף פאַר דער נאַקעטער עקסיסטענץ, דער ווילדער טעראָר, דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז גע־ווען אונטערגעהעצט און אונטערגעשטיצט דורך דער ס.ס. האָבן דעמאָ־ראַליזירט ביזן ביין די לאַגער־אסירים. טראָץ דעם האָבן שוין דעמלט די פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע עלעמענטן זיך קאָנצענטרירט אַרום זייערע פירער, סיי די פאַרמלחמהדיקע, סיי די וואָס זענען אַרויפגעשווומען אין לאַגער, העלפנדיק זיך קעגנזײַטיק און טרייסטנדיק זיך מיטן גלויבן אין דעם אַזוי דעמלט נאָך ווײַטן זיג" [10].

די דאָזיקע שאַרפע באַשולדיקונגס־ווערטער קעגן די פאַשיסטישע אַנ־טיסעמיטישע עלעמענטן פון אָ.נ.ר. און די קרובהשע אָרגאַניזאַציעס און קעגן סתּם שונאי ישׂראל און כוליגאַנעס, וועלכע האָבן אַפילו אין אַנגעזיכט פון די קרעמאַטאָריעס נישט אויפגעהערט זיך צו סאָלידאַריזירן מיט די נאַצישע רוצחים, זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן נישט דורך ייִדן, אָדער קאָמוניסטן, נאָר דורך דירעקטע אָבסערוואַטאָרן פון דעם פּוילישן אָפיציעלן דעלעגאַטור־לאַגער, ובכן מענטשן פון רעכטע ריכטונגען, פון אַ.ק. [11], אָדער פון פּ.פּ.ס. [12]. קיינער פון די פּוילישע עדי ראיה איז נישט אין שטאַנד אָפּצולייקענען דעם גרויזאַמען אמת, וואָס שלאָגט אַרויס פון יעדן וואָרט פון דעם אויבן ציטירטן ראַפּאָרט. עס זענען פאַראַן אַ סך פּוילישע עדי ראיה פון דעם דעמאָקראַ־

טישן לאַגער, וועלכע באַשטעטיקן די האַרטע ווערטער פונעם ראַפּאָרט סײַ כלפּי ייִדן, סײַ כלפּי די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. אמת, צווישן די אַ.ב.ר.־לײַט האָבן זיך געפונען אײינצלנע, וואָס האָבן אין דעם לאַגער, אין אַנבליק פון דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט דורכגעמאַכט אַ חשבון הנפש, ווי למשל יאַן מאַסדאָרף, דער אַמאָליקער אידעאָלאָג פון אַ.ב.ר. אין וואַרשע, וועלכער האָט זיך אין אוישוויץ פאַרוואַנדלט אין אַ בעל־תשובה, גענומען טרוימען וועגן אַ סאָציאַל־רעפאָרמירטן נײַעם פּוילן און געהאָלפן די ייִדי־שע אחים לצרה. אָבער מאַסדאָרף איז געווען אַן אויסנאַם. עס דערציילט אַן עד ראיה, אַ ייִדישע, די קראַנקן־שוועסטער עלזשביעטאַ פּיעקוט, וועל־כע איז ווי אַ געפאַנגענע אין אוישוויץ אָנגעגאַנגען פאַר אַ קריסטין, ווי טיף עס האָט געשטעקט די שׂינאה אַפילו פון טייל פּוילישע געפאַנגענע קראַנקן־שוועסטערס צו די קראַנקע ייִדישע קינדער, וועלכע זיי האָבן אַפילו נישט באַדויערט, ווען מען האָט זיי גענומען צום גאַז: „דאָס זענען דאָך זשידלאַקעס, נישט מער!"

די אַ.ב.ר. און ענדעקישע עלעמענטן האָבן קאָלפּאָרטירט צווישן דער פּוילישער אסירים־מאַסע אַזאַ קאָנצעפּציע: היטלער וואָלט בכלל נישט אָנ־געפאַלן אויף פּוילן ווען נישט די פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן געאָטעמט מיט נקמה קעגן „דריטן רײַך". אין פּוילן הערשט אַ זשידאָ־קאָמונע און דעריבער מוז מען אויסראָטן די ייִדן, כּדי נישט געבן היטלערן קיין פּתחון פּה [13].

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ אַטמאָספער איז נישט געווען גינסטיק פאַר שטויסן די ייִדישע שארית הפּליטה פונעם לאַגער צום ווידערשטאַנד.

די ענדעקעס און אַ טייל רעכטע אַ.ק.־לײַט האָבן געהאַלטן פאַר זייער „פּאַטריאָטישן" חוב צו טאָן אַלץ, אַז ייִדן זאָלן ווערן באַזײַטיקט פון די לאַגער־פונקציעס. אין האַרבסט 1943 האָבן די אויבן אָנגערופענע עלע־מענטן אונטערגענומען אַ ספּעציעלע אַקציע אין דער דאָזיקער ריכטונג [14].

דער אַנטיסעמיטישער סם האָט אַרײַנגעטריפט אויך אין די נשמות פון אַ קליינעם טייל רוסישע געפאַנגענע, בפרט פון די, וואָס זענען געווען אויף פונקציעס און זיך באַפרײַנדעט מיט די דײַטשישע באַצווינגער. אַ ייִדישער עד ראיה האָט געמאַכט אַ זייער אינטערעסאַנטע באַמערקונג: „געוויסע רוסישע געפאַנגענע, וועלכע זענען אין אַלגעמיינע פראַגן געווען זייער קעמפעריש און לאַגיש, האָבן זיך כּלפּי ייִדן אַרויסגעוויזן פאַר טײלווײַזע

אַנטיסעמיטן" [15]. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ זאַך האָט אויך נישט געקאָנט ווירקן אויף ווידערשטאַנד־לעכצנדיקע ייִדן צוציִענדיק.

עס איז אָבער נייטיק צוצוגעבן, אַז עס זענען געווען צוויי מינים אַנ־טיסעמיטיזם אין לאַגער און אַפילו צווישן געוויסע ווידערשטאַנד־עלעמענטן: דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם פֿון די אָ.נ.ר.־לײַט און ענלעכע, וועלכע האָבן זיך געפּרייט מיטן פֿיזישן אויסראָטן די ייִדן און דער „טראַדיציאָנעלער", „קאָנווענציאָנעלער" אַנטיסעמיטיזם פֿון געוויסע פּוילישע און רוסישע עלעמענטן, וועלכע האָבן געספּקט, צי ייִדן זענען פֿעיִק צו קעמפֿן [16]. ווי עס זאָל נישט זײַן איז אַזאַ צוגאַנג געווען אַ גרויסער שטער אויפֿן וועג פֿון די ייִדישע אסירים צום ווידערשטאַנד. אַ צווייטער מין שטער איז געווען די האַלטונג פֿון אַ טייל, טאַקע אַ קליינעם, פֿון די דײַטשישע געוועזענע שפּאַניע־קעמפּער, וועלכע זענען במשך די לאַנגע יאָרן וואַלגערן זיך אין נאַציִשע תּפֿיסות און לאַגערן, געוואָרן טיילווײַז דעמאָראַליזירט און אויס־געמיטן די ייִדן, אַפֿילו ייִדן קאָמוניסטן. מורא געהאַט צו האָבן מיט אַ וועלכן ס'איז ייִד אַ מגע ומשא [17].

מיט אַ געוויסן אַנטיסעמיטיזם האָבן זיך די ייִדן אין לאַגער געטראָפֿן אויך מצד אַ געוויסער טייל פֿון די סאָוויעטישע אסירים קריגס־געפֿאַנגענע.

עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז עס איז נישט נאָטירט געוואָרן קיין איין און אייַנציקער פֿאַל, אַז די סאָוויעטישע „אַרישע" קריגס־געפֿאַנגענע זאָלן אַרויסגעבן זייערע ייִדישע חברים, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן זייער אָפּשטאַם, כּדי נישט צו ווערן גלײַך אויפֿן אָרט ליקווידירט דורך די דײַטשן. דאָס שטעלן פֿעסט אַזעלכע פּינקטלעכע עדי ראיה, ווי די ייִדיש־טשעכישע אסירים און מחברים גלײַכצײַטיק קראַוס און קולקאַ [18].

עס דאַרף בכלל געזאָגט ווערן, אַז בײַ אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן: בײַ די פֿראַנצויזן, בעלגער, טשעכן, אין תּוך בײַם רוב רוסישע קריגס־געפֿאַנגענע, בײַ די ענגלישע קריגס־געפֿאַנגענע (וועלכע האָבן גענאָסן פֿון אַן ערך בע־סערע באַדינגונגען), אין תּוך בײַ די דײַטשישע אַנטיפֿאַשיסטן און בײַ די דעמאָקראַטישע פּוילישע עלעמענטן איז נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן ייִד און נישט־ייִד [19]. און אָט דער מאָמענט איז געווען אַ באַגײַס־טיקנדיקער, אַ סטימולירנדיקער, אויב עס גייט אינעם וועג פֿון ייִדישן אסיר צום ווידערשטאַנד.

באַזונדערס איז באַלערנדיק געווען דער פֿאָזיטיווער בײַשפּיל פֿון די

טשעכן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַן אַבסאָלוטע סאָלידאַריטעט מיט זייערע מיטבירגער, טשעכישע ייִדן. און דעריבער איז נישט קיין ווונדער, וואָס די גרעסטע צאָל פון אַנטלויפן איז געווען בײַ די טשעכישע און סלאָוואַקישע ייִדן. אויך די פראַנצויזן האָבן אַרויסגעוויזן אַ בפירושן מוסטער פון ברידערלעכער באַציִונג צו ייִדן. הגם זיי אַליין, די פראַנצויזן, זענען געווען אויף „געהאַקטע" צרות. אַזוי, למשל, האָבן די פראַנצויזן, וואָס האָבן זיך געפונען אינעם לאַגער יאַוואָזשנאָ, אָרגאַניזירט אַ הילפס־קאָמיטעט, פון וועלכן ס'האָבן גענאָסן אויך די ייִדישע אסירים. בראש פון קאָמיטעט איז געשטאַנען דער פראַנצייזישער אַרבעטער־טוער, דעפּוטאַט מאָריס האַנעל. דער בעל־זכרונות, וואָס באַשרײַבט די זאַך, אַ ייִדישער טוער, האָט אַליין גענאָסן פון דער דאָזיקער הילף [20].

פונקט אַזוי האָבן אַ סך ייִדישע אסירים גענאָסן פון דער הילף פון פּוילישע דעמאָקראַטישע לײַדן־ברידער. אַזוי למשל האָט דעם שוין דערמאָנטן ישראל גוטמאַנען געגעבן דעם קאָנטאַקט מיט דער דאָרטיקער ייִדישער ווידערשטאַנד־גרופּע דער שרײַבער פון לאַגער־שפּיטאָל, דער פּאָליאַק וולאַדיסלאַוו ז., וואָס איז אַמאָל געווען אַ נאָטאַר אין הרוביעשאָוו. דער זעלביקער וולאַדיסלאַוו ז. האָט דעם ייִדישן בחור גוטמאַן געראַטעוועט דאָס לעבן [21].

בכלל האָבן זיך בײַם העלפן און ראַטעווען די מיטאַסירים און בתוכם ייִדן אויסגעצייכנט די פּוילישע אַרבעטער פון דעם לאַגער־שפּיטאָל בראָש מיטן פּוילישן סאָציאַליסטישן טוער יוזעף ציראַנקיעוויטש, וועלכער האָט נישט בלויז אָרגאַניזירט הילף, נאָר פּערזענלעך געהאָלפן און געראַטעוועט [22]. אין דער רעטונגס־אַקציע פון ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט אויך אַ ריי פּוילישע פונקציאָנערן, וועלכע זענען אויף די דאָזיקע פּאָסטנס באַזעצט געוואָרן דורך דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אַזוי, למשל, האָט דער בלאָקעלטסטער פון בלאָק 7, טשעסלאַוו גאַשינסקי, געראַטעוועט ייִדישע קינדער פון ליטע און לעטלאַנד. עס זענען דורך ייִדישע עדי ראיה אויך פאַרצייכנט געוואָרן פאַלן פון ראַטעווען ייִדן דורך פּוילישע קאַפּאָס, מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען פּוילישע אסירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ צווייטער זופּ לטובת ייִדישע אסירים, וואָס האָבן דאָך קיין שפּייז־פּעקלעך פון דער היים נישט באַקומען, בעת די פּאָליאַקן האָבן יאָ געהאַט רעכט דערצו [23].

עס ווערן אויך דורך ייִדישע עדי ראיה אָפּגעמערקט פֿאַלן, ווען די פּוילישע אסירים־מאַסע האָט נישט אַרויסגעגעבן די באַהאַלטענע צווישן איר ייִדישע פּרויען, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן ווי פּוילישע, כּדי צו ראַטעווען דאָס לעבן [24].

עס זענען באַקאַנט פֿאַלן, ווען ייִדישע פּרויען, באַהאַלטענע ווי קריסטלעכע, זענען קראַנק געוואָרן און גערעדט פֿון היץ ייִדיש, און דאָך האָט זיי קיין איינע פֿון די פּוילישע פּרויען פֿונעם בלאָק נישט אויסגעגעבן. פֿאַרקערט, מען האָט זיי געפּלעגט און געהאָלפֿן [25].

אָפּט מאָל איז די אַנאָנימע ברידערלעכע האַנט, וואָס האָט געראַטעוועט דעם אומגליקלעכן ייִדישן העפטלינג דאָס לעבן, אָדער דאָס געזונט, געווען אַ קריסטלעך־פּוילישע. אַזוי איז, למשל, דער ייִדישער העפטלינג ירחמיאל שולקלאַפּער, וואָס האָט געשטאַמט פֿון סאָסנאָוויץ און איז דעפּאָרטירט געוואָרן פֿון פֿראַנקרייַך, ניצול געוואָרן פֿון די הענט פֿון אַ נקמה־גיריקן בלאָק־עלטסטן, אַ קריסט, אַדאַנק אַנדערע אומבאַקאַנטע קריסטן, וואָס האָבן אים, דעם ייִד באַהאַלטן אין אַ צווייטן בלאָק. „ערשט דעמלט האָב איך דערפֿילט די אמתע סאָלידאַריטעט", פֿאַרענדיקט זיין דערקלערונג ירחמיאל שולקלאַפּער [26]. מיט איין וואָרט: די לאַגע און דער זעלבסטגעפֿיל פֿונעם ייִדישן אסיר איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אָפּהענגיק פֿון דער סביבה (דער נישט־ייִדישער), אין וועלכער ער איז אַריינגעפֿאַלן.

די סאָלידאַריטעט־אַקציע אין אוישוויץ איז געקומען צום אויסדרוק אין צוויי אַספּעקטן: הילף פֿאַר אומגליקלעכע אסירים בכלל און קאָנטאַקטן צווישן ווידערשטענדלער, העלפֿן די ייִדן אַרויסגיין אויפֿן וועג צום ווידערשטאַנד. אין לעצטן זין האָבן אַ פּאָזיטיווע ראָל געשפּילט צוויי פּוילישע ווידערשטאַנד־כּוחות: די סאָציאַליסטישע גרופּע פֿון יוזעף ציראַנקיעוויטש אין לאַגער גופא און די פּאַלקס־גוואַרדיע, וועלכע איז געווען טעטיק מחוץ דעם לאַגער. ליידער האָבן זיך די פּרוּוון פֿון די לעצטע נישט איינגעגעבן, ווארום די פֿאָלקס־גוואַרדיע איז נאָך אין די יאָרן 1942—1943 געווען שוואַך. די טוער פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע אין כשאַנאָווער ראַיאָן האָבן געמאַכט, למשל, באַמיִונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די ייִדישע אסירים, וואָס האָבן געאַרבעט אין קוילנגרובן. דאָס זענען געווען ס'רוב ייִדן פֿון פֿראַנקרייַך, בעלגיע און האָלאַנד. דער קאָנטאַקט איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך דעם, וואָס די אָרגאַניזירטע פּוילישע ציווילע אַרבעטער פֿון

דעם גרובן האָבן גענומען בשתיקה זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". ווען דער ייִדישער אסיר האָט אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע, איז דער קאָנטאַקט געוואָרן אַ יש. די גוואַרדיסטן האָבן גענומען קאָלפּאָרטירן צווישן די ייִדן אויפרופן. זיי האָבן אויך דורכגעפירט אינפאָרמיר־אַקציעס וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און געגעבן די ייִדן מאַטעריעלע הילף. די ייִדן פון זייער זײַט פלעגן אַרויסגעבן די גוואַרדיסטן אויפרײַס־מאַטעריאַל פאַר דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. צום סוף האָט זיך דער קאָנטאַקט איבערגעריסן [27].

ישראל גוטמאַן גיט איבער אין זײַן בוך וועגן די קאָנטאַקטן פון זײַן ייִדישער ווידערשטאַנד־גרופּע מיט די גרופּעס פון די פּוילישע סאָציאַ־ליסטן און מיט פּוילישע קאָמוניסטן. חוץ דעם זענען געווען קאָנטאַקטן פון ייִדישע ווידערשטאַנד־גרופּן מיט רוסישע ווידערשטאַנד־פירער אָפיצירן: וואַלענטין פּילאַטאָוו, אַנטיטיפּאָוו [28], באָראָדין, און מיט דײַטשישע און עסט־רײַכישע אַנטיפאַשיסטן.

די צוזאַמענאַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן פון איבערגעבן קעגנזײַטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן, פון קעגנזײַטיקער הילף, פון זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן די ס.ס.־אכזריותדיקייטן אינעם לאַגער און דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צוזאַמענאַרבעטן בײַם אָרגאַניזירן דאָס אַנט־לויפן און סאַבאָטאַזש־אַקטן.

נישט אַלע ייִדישע אסירים, וואָס זענען געווען אַנגאַזשירט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָבן זיך דעמלט אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז זיי זענען אַ טייל פון אַן אַלגעמיינער, אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זיי האָבן אפשר נישט געהאַט קיין אָנונג, אַז זיי געהערן צו אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך אָן: קאַמפּס־גרופּע אויש־וויץ. איינער פון די פּוילישע טוער פון אָט דער אָרגאַניזאַציע, דער נאָענטער מיטאַרבעטער פון יוזעף ציראַנקיעוויטש, דער שרײַבער טאַדעוש האָלוי, זאָגט וועגן אָט דעם באַגינסטיקנדיקן ווידערשטאַנד־פאַקטאָר אָט וואָס:

„דער פּראָצעס פון אײַנגלידערן זיך פון די באַזונדערע קאָנספּיראַטיווע לאַגער־גרופּן אין דער אַלגעמיינער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאַקטיש געווען אָנגעפירט דורך מאַרקסיסטן, איז געווען מעגלעך נאָר אַדאַנק דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פון דער אָנפירונג. קיין שום אַנדערע עקסיסטירנדיקע אין לאַגער פּוילישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך

נישט אינטערעסירט מיט די ייִדישע גרופן. פּאַרקערט, זיי האָבן נעגירט זייער ווערט" [29].

בדרך כּלל האָט די אינטערנאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־באַוועגונג תּיכף ומיד גענומען אונטער איר שוץ די הילפלאָזע לכתּחילה פּאָליטישע אסירים, בתּוכם אויך די ייִדן. דאָס האָט אָבער לײדער נישט געקאָנט טראָגן אַ מאַסן־האַפטן כאַראַקטער. דער אָנגעקומענער מיטן טראַנספּאָרט ייִד איז גלײַך אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן אין כּף הקלע פון גרויזאַמקייטן, וועלכע האָבן אים פּאַרטויבט און דערשלאָגן אין אים דעם ווילן צום ווידערשטאַנד. בלויז אַ טייל ייִדישע פּאָליטישע אסירים, וועגן וועלכע עס איז געמאָלדן געוואָרן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון לאַגער, האָט גע־האַט אַן אַנדער קבלת פּנים: די געהיימע האַנט פון דעם ווידערשטאַנד־כּוח האָט דעם דאָזיקן אסיר אַרויסגעצויגן פון סעלעקציע, אַרײַנגערוקט אַ שטיק ברויט און אַפילו אַ פּרוכט, אַרײַנגעשטופּט אויף בעסערער אַרבעט. ייִדל באַרשטשעווסקי (קאַרמאַן), איינער פון די אסירים וואָס האָט תּיכף בײַים אָנקום געפילט די ברידערלעכע האַנט פון דעם ווידערשטאַנד־כּוח, כאַראַקטעריזירט אָט די זאַך אַזוי אַרום: „די וואַרעמקייט און די סאָלידאַ־ריטעט פון די אומגעזעענע כּוחות האָט צוגעגעבן מוט" [30].

אָט אַזוי האָבן מיר זיך בקיצור באַקאַנט מיט די באַשווערנדיקע פון איין זײַט און באַגײַסטיקנדיקע פון דער צווייטער זײַט כּוחות, וואָס האָבן געשטאַמט פון די דרויסנדיקע פאַקטאָרן און וואָס האָט אויסגעאיבט אַ נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע ווירקונג אויפן וועג פון ייִדישן אוישוויץ־אסיר צום ווידערשטאַנד.

עס זענען אָבער געווען שטערנדיקע פאַקטאָרן אויך אינערלעכע, אַזעל־כע וואָס האָבן געשטעקט אין די ייִדישע אסירים גופא.

הערות צום קאַפּיטל פיר

1) ל. סילווער: טשעכאָסלאָוואַקער ייִדן אין אַשוויענטשים, ספר־יזכּור לקהילת צ'חנוב, תּל־אביב 1962, ז' 352.
קדיש גאָלדבערג, ג"ע אַרכ. ב. מאַרק.

2) זע הערה 6 אין קאַפּיטל 3.

3) בולאַווקאַ, ז' 123—124.

4) שאַרל גאָלדמאַן: אין אוישוויץ בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, „נײַע פּרעסע", פּאַריז 19.4.1962.
ל. סילווער ד.צ.וו. ז"ז 343, 352—353.

5) זע הערה 5 אין קאַפּ. 3.

6) אָזאָן (Ozon) — ראשי תּיבות: אָ. ז. נ. פון: אָבוז זיעדנאָטשעניאַ נאַראָדאָווע (ד.ה. לאַגער פון פאָלקס־פאַראייניקונג) — רעגירונגס פּאַרטיי געשאַפן אין 1936 יאָר. אָרגאַניזירט לויט דעם מוסטער פון פאַשיסטישע פּאַרטייען מיט מיליטערישער היעראַרכיע און דיסציפּלין.

7) שפּילסקי, ז' 38.

8) דאָס מיינט, די רעגירונגס־דעלעגאַטור אין לאַנד. געווען איז זי אַן אונטערערדישער אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט פון דער פּוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן.

9) דעפּ. פון אינפּ., לויפּ. אינפּ. נ' (102) 29 פון 28.7.1943, אַרכ. פון א.פּ.ג. 202/3, ט. 7, ז' 22.

10) פּ. פרידמאַן, ט. האַלוי, ז' 124—123.

11) זע הערה 7 קאַפּ. 3.

12) זע הערה 3 קאַפּ. 3.

13) שפּילסקי, ז' 53.

14) יהודה מיימון: „פּאַלדעק", ג"ע, אַרכ. ב. מאַרק.
דער בריוו פון „בערגער" (גרינבוים) פון 22סטן אויגוסט 1945, אַרכ. א.פּ.ג. (אויסגעטיילטע מאַטעריאַלן).

15) דאָרטן.

16) דאָרטן.

17) דערקלערונג פון „בערגער" (גרינבוים), אַרכ. פון א.פּ.ג., אויסגעטיילטע מאַטעריאַלן.

18) אָטאָ קראַוס, אריך קולקאַ: בית־חרושת למוות אושביץ, יד ושם, ירושלים 1960, ז' 227.
Alfred Fiderkiewicz: Brzezinki, Wspomnienia z obozu. Czytelnik, Warszawa 1954, s. 164.

19) בולאַווקאַ, ז' 128.
באַום, ז' 71.
קדיש גאָלדבערג, ג"ע ד.צ.וו.

20) בולאַווקאַ, ז' 128.

21) ישראל גוטמאַן: „אנשים ואפר", עמ' 201.

22) קדיש גאָלדבערג, ד.צ.וו.
יעזשי ראַס, ג"ע (אין פּויליש), אַרכ. ב. מאַרק.
פּעיקעל ז' 528, 530.
Hermann Langbein: Meine Erlebnisse Erfahrungen und Eindrucke in Auschwitz.
יד ושם, ל־1699/177, ז' 12.

23) דער בריוו פון „בערגער", ד.צ.וו.

24) רייזל לאַמסקאַ, ג"ע ז' 7—5, אַרכ. ב. מאַרק.

25) דאָרטן.

26) ג.ע. פון ירחמיאל שולקלאַפּער. אַרכ. ב. מאַרק.

(27 Stanisław Wałach, Franciszek Szlachcic: Z walk GL. i AL. w powiecie chrzanowskim. Wspomnienia żołnierzy GL i AL (MON), Warszawa 1958, s. 387.

28) ישׂראל גוטמאַן: אנשים ואפר, ז' 152.
ג.ע. פון עמנואל מינק, אַרכ. ב. מאַרק.
ג.ע. פון דוד שמולעווסקי, אַרכ. ב. מאַרק.

29) טאַדעוש האָלוי: בריוו צו ב. מאַרקן וועגן ישׂראל גוטמאַנס בוך: „אנשים ואפר".

30) ג.ע. פון ייִדל קאַרמאַן, אַרכ. פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

קאַפּיטל פינף

די ייִדישע אסירים צווישן זיך

די באַציִונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן די ייִדישע אסירים גופא, האָבן נישט געקאָנט, פאַרשטייט זיך, האָבן אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף זייער גורל, אָבער אין אַ געוויסן זין האָבן זיי געקאָנט באַגינסטיקן די רעטונג פון אַ יחיד, אָדער זיין וועג צום ווידערשטאַנד. אַ ייִדיש־פראַנצייזישער בעל־זכרונות דערציילט, אַז דעם גרעסטן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט די ערשטע צייט, ווען די צעטומלעניש איז געווען באַזונדערס גרויס, אַן עלטערער גריכישער ייִד, וועלכער איז צוגעגאַנגען צו דער נייַ־אָנגעקומענער פראַנצייזישער גרופּע: „עס איז אין זיינע אויגן געווען אַזוי פיל גוטסקייט, און מיט אַ געבראָכן לשון האָט ער דערציילט וועגן זיין אייגענער משפחה־טראַגעדיע: „זייט שטאַרק, דאָ איז אַ גיהנום, אָבער מען טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג". דאָס זענען געווען די ערשטע פריינדלעכע ווערטער, די ערשטע טרייסט־ווערטער, וואָס איך האָב געהערט זינט איך בין אָנגעקומען אינעם לאַגער"[1].

נישט בלויז אַ שטיקל ברויט, נאָר אויך אַ וואָרט פון טרייסט האָט געקאָנט אויפהייבן דעם מוט.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די טשעכישע אסירים האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע אינערלעכע סאָלידאַריטעט. דאָס איז אויך נוגע די טשעכישע ייִדן. אויך צווישן די דייַטשישע ייִדן האָט געהערשט אַן אינערלעכע סאָלידאַריטעט. אָבער צי האָט זיך די דאָזיקע סאָלידאַריטעט זייערע אויסגעשפּרייט אויך אויף אַנדערש־לענדישע ייִדן ?

ווי באַקאַנט, האָבן צו די עלטסטע און דערפאַרנסטע אסירים פון די דייַטשישע קאָנצלאַגערן געהערט אַ סך דייַטשישע ייִדן, דער עיקר פּאָליטישע געפאַנגענע. אין ליכט פון דער פּראָבלעם: ייִדן צווישן זיך — טיילן זיך אויס דריי גרונט־טיפּן פון דייַטשיש־ייִדישע אוישוויץ־אסירים: איין טיפּ מענטשן, וואָס האָבן נישט בלויז איינגעהאַלטן אין די אוישוויצער

באַדינגונגען דעם צלם מענטש, נאָר מיט מסירת נפש געהאָלפן אַנדערע ייִדן. אַזאַ איז, למשל, געווען ברונאָ באַום, וועלכער האָט אַרײַנגעצויגן פּויליש ייִדן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אַזאַ איז געווען סטעפאַן היימאַן, וועלכער האָט געהאָלפן ייִדן פון גראָדנע און געראַטעוועט זיי דאָס לעבן. מיט ליוב ווערט דערמאָנט דער דײַטשישער ייִד און קאָמוניסט מאַקס ווינער [2]. בכלל האָבן די פּאָליטישע אסירים פון צווישן די דײַטשיש־ייִדישע אוישוויץ־תּושבים אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און ענערגיע אין דער הילפס־אַקציע לטובת ייִדן פון אַנדערע לענדער. דאָס איינציקע, וואָס מען קאָן זיי פאַרוואַרפן איז דער פאַקט, וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די גײַסטיקע וועלט פון די פוילישע טראַדיציאָנעלע ייִדן, וועלכע זענען געגאַנגען צום טויט מיטן שמע ישראל״, אָדער מיט ווידוי אויף די ליפּן. דער זעלבער מאַקס ווינער און זײַן חבר וואַלטער בלאַס און אַנדערע דײַטשיש־ייִדישע אַנטיפאַשיסטן האָבן עפנטלעך קריטיקירט די רעליגיעזע פוילישע ייִדן און זיך געריממט, אַז זיי, די דײַטשישע ייִדן און קאָמוניסטן, וועלן אָן ווידערשטאַנד נישט גיין צום טויט. זיי האָבן ווי אַ מוסטער אַרויסגערוקט די האַלטונג פון די דײַטשישע ייִדן אין זאַקסענהאַוזען, ווו עס איז אין אָקטאָבער 1942, אין אַנבליק פון איבערשיקן קיין אוישוויץ, פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע פון אַ גרופּע דײַטשישע ייִדן־קאָמוניסטן אונטער דער אָנפירונג פון נתן היטנער [3].

צווישן די מענטשן פון דעם ערשטן טיפּ זענען, אָבער, אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן עפּעס געלערנט פון דער גרויזאַמער דערפאַרונג און דורכגעמאַכט אַ חשבון הנפש און דערנענטערונג צום נאַציאָנאַל־ייִדישן געדאַנק. ישׂראל גוטמאַן דערציילט אין זײַן בוך וועגן זײַן באַגעגענען אַטאָ העללערן, דעם דײַטש־ייִדישן קאָמוניסט און מחבר פונעם בוך „דער אונטערגאַנג פון ייִדנטום״, ווו ער האָט גערופן צו אַסימילאַציע. אין אוישוויץ איז אָטאָ העללער געווען אַן אָנפירנדיקער און זייער אַקטיווער ווידערשטענדלער. איינצײַטיק האָט ער דורכגעפירט אַ רעוויזיע פון זײַנע אַנשויונגען. ער האָט זיך דערנענטערט צום פוילישן ייִדנטום. ער האָט געפונען זײַן טויט אין דעם גרויזאַמען לאַגער.

דער צווייטער טיפּ דײַטשישע ייִדן, אוישוויצער אסירים, רעפּרעזענטירט די יעניקע, וואָס די באַקומענע לאַגער־פונקציעס האָט זיי דעמאָראַליזירט ביזן ביין. דער עד ראיה קדיש גאָלדבערג רופט אָן צוויי דײַטשישע ייִדן:

יוליוס מאַיער און שולץ, וועלכע האָבן ווי קאַפּאָס זיך איזדעקעוועט איבער די ייִדן און זיך באַמיט צו געפינען חן אין די אויגן פון די ס.ס.־לײַט.

דער דריטער טיפּ — אַ מיטל־טיפּ — איז געווען אַ געמיש פון דע־מאָראַליזאַציע און אומשעדלעכקייט, אָדער אַפילו הילף־גרייטקייט. אַזאַ איז, למשל, געווען פראַנץ היימאַן, דער געוו. מיטגליד פון צ.ק. פון עסט־רײַכישן יוגנט־פאַרבאַנד. די באַקומענע פונקציע אין לאַגער האָט אים דע־מאָראַליזירט, פון דעסטוועגן האָט ער פון צײַט צו צײַט געהאָלפן ייִדן פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם [4].

אויב עס גייט אין באַזעצן פאַרשיידענע פונקציעס אין לאַגער האָבן דאָס צווייטע אָרט נאָך די דײַטשישע ייִדן פאַרנומען די סלאָוואַקישע, וועלכע האָבן זיך געיאָוועט אין אוישוויץ אין אַפּריל 1942. צווישן די סלאָוואַקישע ייִדן האָט געהערשט אַ ווײַט־גרייכנדיקע סאָלידאַריטעט. לגבי אַנדערע ייִדן זענען זיי בדרך כּלל געווען גוט. דער „ספר צ׳חנוב״ באַצייכנט די סלאָ־וואַקישע ייִדן ווי גוטע מענטשן. הגם עס זענען פאַראַן טענות צו באַזונ־דערע יחידים, וועלכע זענען געווען אויף פונקציעס און נישט שטענדיק געשטאַנען אויף דער געהעריקער מאָראַלישער מדרגה. בפרט זענען גרויס די טענות כּלפּי די יעניקע יונגע ייִדישע מיידלעך פון סלאָוואַקיע, וועלכע זענען פרי דעמאָראַליזירט געוואָרן אין די צעפּוילטע לאַגער־באַדינגונגען און געווען אַ געצײַג אין די הענט פון ס.ס.־אַפּאַראַט ווי קאַפּאָס און אַנדערע פונקציאָנאַרן. דורך אַ ריי עדי ראיה ווערן אָנגערופן פאַרשיידענע נעמען פון אַזעלכע מיידלעך, וואָס האָבן געשלאָגן מכּות רצח די ייִדישע פרויען, געשמיסן מיט בײַטשן און זיך געהנדלט צו די ס.ס.־פרויען [5].

צווישן די סלאָוואַקישע און טשעכישע ייִדן זענען געווען סײַ אונ־טערשיידן, סײַ געמיינזאַמע שטריכן. וועגן דער סאָלידאַריטעט, וואָס האָט געהערשט בײַ די טשעכיש־ייִדישע לאַגער־אסירים, איז שוין געווען אַ רייד. כּלפּי ייִדן פון אַנדערע לענדער זענען קיין נעגאַטיווע שטריכן בײַ די טשעכישע ייִדן נישט אָבסערווירט געוואָרן. פאַרקערט, די עדי ראיה זענען אין שטאַנד אָנצורופן נאָך איין נאָמען פון אַ טשעכישן ייִד, אַ געוו. טוער פון דער טשעכישער קאָמוניסטישער יוגנט, וואָס איז אין בונאַ גע־ווען אַ קאַפּאָ און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן אכזריות לגבי די דאָר־טיקע פּוילישע ייִדן. ווען ער האָט, למשל, געהערט, אַז די „עקיבא־גרופּע״ פון קראָקע, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, ווערט דורך די

ס.ס.־לײַט באַצײכנט װי „ציוניסטישע באַנדיטן״, האָט דער דאָזיקער קאַפּאָ זיך נאָך מער צעפּלאָקערט און גענומען קאַטעװען די קראָקעװער בחורים נאָך ערגער װי פריִער [6].

אַ מוסטער פון סאָלידאַריטעט האָבן אַרויסגעװיזן די ייִדן פון פראַנק־רײַך, װעלכע זענען ס׳רוב באַשטאַנען פון אַן אימיגראַנטישן מיזרח־אײראָ־פּעיִשן עלעמענט.

דאָס אַלץ, װאָס איז אױבן געזאָגט געװאָרן װעגן פּראָבלעם: ייִדן צװישן זיך — איז, פאַרשטײט זיך, אין אַ גרױסער מאָס אַ פּועל־יוצא פון סוביעקטיװע מײנונגען. אַזױ האָבן די זאַך געזען באַשטימטע עדות, בעת אַנדערע האָבן עס געזען לחלוטין אַנדערש. אײנער האָט אָבסערװירט, למשל, בײַ די סלאָװאַקישע ייִדן סאָלידאַריטעט און גוטסקײט, בשעת אַן אַנדערער האָט באַמערקט נאָר די דעמאָראַליזירטע מײדלעך. צום בולטסטן קומט צום אױסדרוק דער סוביעקטיװער צוגאַנג אין דער פראַגע פון באַציִונג צו געװיסע ייִדישע קאַפּאָס. איך שטרײַך בפירוש אונטער דאָס װאָרט „צו גע־װיסע״, װײַל בדרך כּלל װעט װעגן די קאַפּאָס און אַנדערע זײַן אַ רײד אַ ביסל שפּעטער. קײן אױשװיץ איז אָנגעקומען מיט אַ טראַנספּאָרט פון סקידעל דער דאָרטיקער ייִדישער גיבור יאַנקל (יעקב) קאָזשעלטשיק. דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט פאַר דער מלחמה געקענט קאָזשעלטשיקן — אַ פּרימיטיװן יונג פון סקידעל, אַן אַטלעטיש געבױטן און מיט אַ ריזי־קער שװאַרצער טשופּרינע, װעלכן סענסאַציע זוכנדיקע אימפּרעסאַריאָס האָבן אַרױסגעשלעפּט פון שטעטל און געבראַכט קײן װאַרשע װי אַ נײַעם ייִדישן גיבור און אַטלעט, נאָכן טויט פון זישע ברײטבאַרד. מען האָט קאָ־זשעלטשיקן אַרומגעפירט איבער די װאַרשעװער רעדאַקציעס. איצט אין אױשװיץ האָבן די דײַטשן תּיכּף באַשטימט דעם דאָזיקן יונג פאַרן קאַפּאָ אין דער לאַגער־תּפיסה („בונקער״) אינעם טרױעריק באַרימטן בלאָק 11. קאָזשעלטשיק איז קײן צדיק נישט געװען. ער האָט אױסגעפירט לאָיאַל אַלע באַפעלן פון די דײַטשן, געשלאָגן די אַרעסטאַנטן — ייִדן, װי נישט־ייִדן. אַ צײַט אױסגעפירט די פונקציע פון אַ תּלין. און דאָך זענען פאַראַן װעגן אים דרײַ פאַרשײדענע מײנונגען. אײן באַגלײבטער עד ראיה, קדיש גאָלדבערג, װעלכער האָט אױף דער אײגענער הױט געפילט דעם שנײַדיקן װײטיק פון קאָזשעלטשיקס קאַנטשיק, באַצײכנט אים װי אַן אױסװוּרף און בלינד געצײַג אין די הענט פון די ס.ס.־לײַט. אַ צװײטער נישט װײניקער

באַגלייבטער עדות, דער מיטבאַטייליקטער אין ישׂראל גוטמאַנס בוך, יהודה לאַופער, זעט אין קאַזשעלטשיקן אַ מענטש מיט „צוויי נשמות" — שלעכטס און גוטס. קאַזשעלטשיק איז טאַקע געווען אַ קאַפּאָ אַן אכזר, אָבער פון צײַט צו צײַט האָט ער געגעבן הילף די אומגליקלעכע אסירים. ער האָט, ווי עס דרינגט אַרויס פון „ספר צ׳חנוב", דערמעגלעכט אַ פאַרשטייער פון דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, נח זאַבלודאָוויטש, צו באַזוכן אין תּפיסה־„בונקער" די אַרעסטירטע העלדין רוזשאַ ראָבאָטאַ, וועגן וועלכער עס וועט נאָך זײַן אַ רייד. מיט איין וואָרט: לויט די עדות קאָן מען נישט קאַזשעלטשיקן פאַראורטיילן, הגם מען טאָר אים אויך נישט ריין וואַשן.

און אָט דער דריטער שטאַנדפּונקט, אויסגעדריקט דורך נח זאַבלודאָוויטש און ישׂראל גוטמאַן און די טשעכישע ייִדן קראַוס און קולקאַ — לויט זיי איז יאַנקל קאַזשעלטשיק געווען נישט קיין שלעכטער קאַפּאָ בפרט פאַר ייִדן [7].

עס דוכט זיך, אַז אויפן בײַשפּיל פון קאַזשעלטשיקן קאָן מען אָפּשאַצן אַ גאַנצע ריי קאַפּאָס — פּוילישע ייִדן. דאָס זענען ס׳רוב געווען מגושמדיקע ייִדן פון דער אונטערוועלט, וועלכע האָבן אויסגענוצט זייער „מאַכט" נישט בלויז צו ראַטעווען די אייגענע הויט און די אייגענע מענטשן, נאָר אויך צו הערשן איבער די ייִדישע אינטעליגענטן און באַלעבאַטישע ייִדן. עס זענען געווען ייִדישע קאַפּאָס, וואָס האָבן זיך באַזונדערס איזדעקעוועט איבער ייִדן, וואָס האָבן געטראָגן ברילן. ווי אַ בײַשפּיל קאָן מען אָנווײַזן אויף אַזעלכע ייִדן, בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס, אויף וועלכע עס ווײַזט אָן דער „ספר צ׳חנוב", ווי למשל דער גנב פון ראַדאָם יאָסל דראָזשקאָזש, אָדער דער גנב מיטן צונאָמען „דער מאַרעוויכער" פון וואַרשע [8].

די פּראָבלעם קאַפּאָס איז אָבער נוגע נישט בלויז ייִדישע אונטערוועלטניקעס און אַזוי גערופענע שטאַרקע, נאָר אויך געוויסע ייִדישע אינטעליגענטן און אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געשטאַמט פון לינק־געזעלשאַפטלעכע קרײַזן. אין דעם פאַל איז דער קאָלאַבאָראַציע מאָמענט געווען אַ געוואַלדיקע שטערונג אויפן וועג פונעם ייִדישן אסיר צום ווידערשטאַנד. ווי אַ בולטן בײַשפּיל וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויפן פאַל „ב ע ר ג ע ר".

בערגער איז געווען דער פּסעוודאָנים פון עזריאל (אַדזשקאָ) גרינבוים, אַ באַקאַנטן קאָמוניסט פון וואַרשע און דערנאָך פּאָליטישן עמיגראַנט

אין פראַנקרייַך. ווען ער איז געבראַכט געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט פון פראַנקרייַך קיין בירקענאַו האָט ער אָנגענומען די פונקציע פון אַ בלאָק־שרייַבער אינעם בלאָק נומער 9. דער דאָזיקער שריט איז נישט געווען קיין אַקט פון קאָלאַבאָראַציע און פאַרראַט, נאָר פאַרקערט — איז געווען אין הסכם מיט דער אייַנשטעלונג פון דער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד באַוועגונג, וועלכע איז געווען פאַראינטערעסירט אַרויסצושטויסן פון די פונקציעס דעם קרימינעלן עלעמענט, די פאַרשיידענע „מאַרעוויכערס", כדי צו באַזעצן אויף זייער אָרט אייגענע מענטשן, וואָס וועלן אויסנוצן די פונקציעס לטובת די לייַדנדיקע לאַגער־אסירים. און אַזוי איז טאַקע גע־ווען. מיר קאָנען אויסרעכענען אַ גאַנצע ריי נעמען פון לאַגער־פונקציאָנאַרן — אַנטיפאַשיסטן — וואָס האָבן טאַקע אויסגענוצט זייער בעסערע לאַגע און זיך אָפט מוסר נפש געווען פאַר די הילפלאָזע און הילף־באַדערפטיקע לייַדן־ברידער.

עס איז אָבער אויך געווען אַ קליינע צאָל דורכן ווידערשטאַנד באַ־שטימטע לאַגער־פונקציאָנאַרן, וואָס האָבן זיך דעמאָראַליזירט און געהאַנדלט אַזוי ווי די קאַפּאָס קרימינאַליסטן, ד.ה. געדינט געטרייַ די ס.ס.־לייַט און געהאָלפן צו דערדריקן און אַפילו צו מאָרדן די אייגענע ברידער. אויף עטלעכע אַזעלכע פון די רייען פון דייַטשישע, עסטרייַכישע און טשעכישע אַנטיפאַשיסטן האָבן מיר שוין אָנגעוויזן. דאָס איז געשען אויך מיט בערגער.

צו ערשט אַלס שרייַבער פון בלאָק 9 און דערנאָך אַוואַנסירט אויפן פּאָסטן פונעם עלטסטן פון בלאָק 30 אין בירקענאַו, האָט זיך בערגער שנעל אייַנגעבראָכן, דעמאָראַליזירט און געוואָרן אַן אמתער שלעגער, פּייַניקער, באַרויבער, ציניש ער חוזק־מאַכער, וואָס האָט געטראַכט נאָר וועגן אייגענעם מאָגן און וועגן געפינען חן אין די אויגן פון די ס.ס.־לייַט.

אַ פּשוטער אוישוויץ־העפטלינג אברהם־בער סאָקאָל כאַראַקטעריזירט בערגערן ווי אַן אכזר און סאַדיסט, וואָס שלאָגט מכות רצח די יידישע אסי־רים און רויבט בייַ זיי דאָס לעצטע שטיקל ברויט מיט מאַרגאַרין, הגם אַליין האָט ער געהאַט „גענוג צו פרעסן און צו זויפן" [9].

בערגער האָט נישט בלויז געשלאָגן די אסירים מכות רצח, נאָר אין איין פאַל אַפילו איינעם דערשלאָגן צום טויט. ער האָט זיך גענומען חברן מיט קרימינאַליסטן און מיט פוילישע אַנטיסעמיטן, געמאַכט חוזק פון די יידן, וואָס זענען געפאָרן אויף די אויטאָס צום טויט מיטן געשריי „שמע

ישׂראל" און מיטן געזאַנג פון „התּקוה". און דאָס ערגסטע: וואָס ער האָט צו דעם אַלעמען צוגעפּאַסט טעאָריעס, וואָס האָבן נאָר געקאָנט באַרעכ־טיקן די באַציִונג פון די אַנטיסעמיטן צו די אומגעבראַכטע יִידן. ער האָט געפּריידיקט, אַז יִידן זענען נישט פעיִק צום קאַמף, אַז זייער געווער איז שטענדיק געווען אונטערקריכן דעם שׂונא מיט געלט. ער האָט אַפילו גע־חוזקט פון די דראָונגען פון די געוו. חברים, אַז מען וועט אים משפּטן נאָך דער מלחמה. ער איז געווען איבערצייַגט, אַז קיינער וועט קיין לעבעדי־קער פון דעם אוישוויצער קבר נישט אַרויסגיין [10].

אין דעם פאַל בערגער קאָן אַפילו נישט זיין קיין רייד וועגן „צוויי נשמות", וואָרום אויף זיין פאַריזער חברים־געריכט נאָך דער מלחמה האָט זיך נישט געיאָוועט קיין איין יִידישער עדות, וואָס זאָל זאָגן עפּעס גוטס וועגן דעם באַשולדיקטן.

אַקעגן־זשע האָט זיך געפונען זייער אַן ערנסטער פּוילישער עדות, אַ קאָמוניסט, יוזעף שפּילסקי (ער וווינט אין וואַרשע), וואָס איז געווען צו־זאַמען מיט בערגערן אין בירקענאַו און דערנאָך אין בוכענוואַלד, און ער שטעלט פעסט אין זיינע זכרונות, אַז בערגער האָט געהאַט אין די לאַגערן אַ גוטן שם ביי די אונטערערד־חברים [11].

עס קאָן טאַקע זיין, אַז דער זעלביקער בערגער, וואָס איז געווען לגבי די אונטערגעוואָרפענע אים יִדישע אסירים אַן אכזר און רוצח, האָט גע־שפּילט כּלפּי די פּוילישע אסירים־באַקאַנטע די ראָל פון אַ צדיק. דער גרוי־זאַמער לאַגער האָט אפשר אַרויסגעבראַכט אויף דער אייבערפלאַך געוויסע קאָמפּלעקסן, וואָס האָבן ביי בערגערן געדרעמלט פון לאַנג, נאָך אויף דער „פרייַ".

עס איז כּדאַי אָנצורופן נאָך דריי מינים יִדישע לאַגער־פונקציאָנאַרן, וועלכע האָבן פאַרשטאַרקט די אַטמאָספער פון טעראָר און אוממענטשלעכ־קייט לגבי די יִדישע אסירים: אַן אינטעליגענט, אַ געוויסער שאַפּמאַן פון טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, אַ וואַרשעווער אונטערוועלטניק עלע המכונה מאַלפּע [12] און אַ יִיד פון מיטלשטאַנד, וועגן וועלכן דער עדות ירחמיאל שולקלאַפּער דערציילט: „ווען דער דאָזיקער קאַפּאָ האָט דערזען זיינעם אַ קוזין אַ קראַנקן און הונגעריקן ביחידות, האָט ער אים געשטיצט און גע־האָלפן און געראַטעוועט פון הונגער־טויט; אָבער ווען דער זעלבער קאַפּאָ האָט אין אָנוועזנדיקייט פון אַ דייַטשן לאַגער־פונקציאָנאַר געטראָפן דעם

קוזין אין זעלביקן טרויעריקן מצב, האָט ער אים פאַרקאַטעוועט צום טויט. עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן למען האמת, אַז אַ סך עמך־מענטשן און אַפילו האַלבע אונטערוועלטניקעס האָבן זיך אויפגעפירט אינעם לאַגער אַנשטענדיק און געשטיצט די ייִדישע ווידערשטענדלער מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט און בפרט זיך קעגנגעשטעלט אָפט מאָל די שלעכטע קאַפּאָס. אַזאַ פּאָזיטיווע געשטאַלט, וואָס האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געשטיצט די יונגע ייִדישע אונטערערד־טוער פון בירקענאַו, איז געווען — לויט דער דערקלערונג פון דעם דאָרטיקן ווידערשטענדלער, דוד שמולעווסקי — דער וואַרשעווער פּלייצע־טרעגער שמעון וואָלף.

ווי עס זאָל נישט זײַן, איז די קאַפּאָ־אינסטיטוציע געווען אַ געוואַלדיקער שטער אויפן וועג פונעם ייִדישן אסיר צום ווידערשטאַנד. און דאָס נישט בלויז צוליב אַזעלכע טעאָריעס ווי בערגערס, וועלכע האָבן פאַרקלענערט דעם פּרײַז, די ווערט פון ייִדישן אָנטייל אין די אויגן פון די נישט־ייִדישע ווידערשטענדלער. אַפילו געוויסע גוטע קאַפּאָס און אַנדערע ייִדישע פונקציאָנאַרן זענען געווען אַ שטער, ווײַל זיי האָט זיך געלעבט פאַרהעלטענישמעסיק גוט און זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן איבערלעבן, איז דערביבער יעדע ווידערשטאַנד־טעטיקייט פאַר זיי נישט געווען באַקוועם, ווײַל דאָס איז געווען אַ סכנה פאַרן לעבן [13].

די פּראָבלעם קאַפּאָ טאָר אָבער נישט אָפּווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון דער גרונט־דערשיינונג פון קעגנזײַטיקער הילף און סאָלידאַריטעט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויך צווישן די פּוילישע ייִדן, די אסירים פון אוישוויץ. באַזונדערס איז געווען גרויס די סאָלידאַריטעט בײַ ייִדן פון איין שטאָט, פון איין שטעטל, פון איין סביבה, למשל בײַ די טשעכאַנאָווער, בײַ די מאַקאָוו־מאַזאָוויעצקער, חוץ דעם איז באַקאַנט אַ גאַנצע פּלעיאַדע נעמען פון ייִדן־דאָקטוירים, טוער, רבנים, פּשוטע עמך, וואָס האָבן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש געהאָלפן אַנדערע און געגלאַנצט ווי אמתע בריליאַנטן אין דער אַרומיקער אַטמאָספער פון דער דערדריקונג, אַפּאַטיע, גלײַכגילטיקייט, פאַרשטענדלעכער אייגנליבע און אומקום. אַזעלכע דר. פייגענבוימס, לאַנדמאַנס, דר. שטיינבערג, חיים קאַזלאָווסקי [14] און אַנדערע זענען געווען אַ לעגיאָן. אָבער וואָס האָט געקאָנט אויפטאָן אַפילו אַ לעגיאָן אַלטרויִסטן כּלפּי אַ פעלקער־מאָרד און אַ גרויזאַמקייט, וואָס האָט אויסגעזען כּמעט ווי אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע!

עס זענען אָבער אויך געווען יחידים און גרופּן, וואָס האָבן זיך פֿאַר־מאָסטן קעגנצושטעלן דער דאָזיקער מאָרד־קאַטאַסטראָפֿע.

די ייִדישע אסירים־מאַסע האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו דער לאַגער־פּראָמינענץ. נאָך מער: זי האָט באַהאַלטן אין האַרצן אַן אומאויס־געלאָשענעם כּעס אויף די יודנראַט־עלעמענטן פֿון די געטאָס. אַזוי האָבן למשל די ייִדן פֿון לאָדזשער געטאָ, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אוישוויץ, נישט געקאָנט פֿאַרגעסן די ראָל פֿון די לאָדזשער יודנראַט־לײַט בײַם צו־רעדן די דאָרטיקע ייִדן צום גירוש. און ווען אין אויגוסט 1944 זענען צו־זאַמען מיט טויזנטער ייִדן פֿון לאָדזשער געטאָ אָנגעקומען אין לאַגער אויך רומקאָווסקי און זײַנע נאָענטסטע מיטאַרבעטער און אַנדערע פּראָמי־נענטע לײַט פֿון לאָדזשער געטאָ, איז די רעאַקציע פֿון די אוישוויצער „תּושבים”, געוו. לאָדזשער, געווען אַ געוואַלדיקע. זיי זענען באַפֿאַלן די אָנגעקומענע פֿאַרפֿירער, זיי געשלאָגן און געזידלט און ווי מען שמועסט — גרייט געווען צו לינטשן דעם אַלטן יודן־עלטסטן און זײַנע מיטאַרבעטער.

עטלעכע באַקאַנטע מוסרים פֿון לאָדזשער געטאָ זענען געוואָרן שטאַרק צעשלאָגן. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען אַ דײַטשישער, אָדער פּוילישער קאַפּאָ האָט אויפֿגעפֿאָדערט די ייִדישע אסירים־מאַסע אָנצווײַזן און אַרויסגעבן די פּאָליציאַנטן פֿון לאָדזשער געטאָ, האָט קיינער פֿון די ייִדישע אסירים דאָס נישט געטאָן. די ייִדישע אסירים־מאַסע האָט נישט גע־וואָלט אַרויסגעבן אירע אייגענע פֿאַרהאַסטע פּאָליציאַנטן אין די הענט פֿון דעם געמיינזאַמען אונטערדריקער און פּײַניקער. אין דער האַנדלונג קומט צום אויסדרוק די הויך־מאָראַלישע, טראָץ אַלעמען, מדרגה פֿון די ייִדישע אסירים [15].

אַן ענלעכער פֿאַל פֿון אַ פּרוּוו פֿון לינטשן אַ פֿאַררעטער דורך דער ייִדישער אסירים־מאַסע איז פֿאָרגעקומען מיט אַ בעלגישן ייִד, וואָס האָט אין בעלגיע געשפּילט אַ מיאוסע ראָל פֿון אַ געסטאַפּאָ מסור. ער האָט גע־מסרט אַ סך בעלגישע ייִדן און גורם געווען זייער דעפּאָרטאַציע קיין אויש־וויץ. ער וואָלט זיכער אומגעקומען אין אוישוויץ פֿון די הענט פֿון זײַנע קרבנות, ווען נישט די ס.ס., וועלכע האָט אים געראַטעוועט.

קיין באַווײַז פֿון ענלעכע רעאַקציעס מצד ייִדן פֿון אַנדערע לענדער האָבן מיר ביז לעצטנס נישט געהאַט. די אויסגעגראָבענע טאָגביכער פֿון

דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ־סביבה זאָגן עפּעס וועגן דעם בנוגע די אונגאַ־רישע ייִדן.

בכלל איז די האַלטונג און פּסיכישע אײַנשטעלונג פון די באַזונדערע עטנישע גרופּן פון די ייִדישע אסירים געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע. קודם כּל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער עיקר אײַנשטעלונג כּלפּי די נײַע לאַגער־באַדינגונגען מצד די פּוילישע ייִדן פון איין זײַט און די האָלענדישע, גריכישע, אונגאַרישע פון דער צווייטער. די פּוילישע ייִדן האָבן געהאַט הינטער זיך נישט בלויז אַ לאַנגיאָריקע טראַדיציע פון אַנטיסעמיטישע רדיפות, נאָר אויך די האַרטע שול פון די אָקערשטיקע געטאָס. זיי האָבן שוין גוט געקענט די דײַטשישע אָקופּאַנטן און דורכגעמאַכט אַן עטלעכע־יאָריקע דערפאַרונג פון אַ שווערער דערנידערונג, רדיפות, הריגות און צוואַנגס־אַרבעט. אמת, זיי זענען שוין נישט געווען אַזוי אויסגערוט און געפּלעגט ווי די ייִדן פון מערב־אייראָפּע, וועלכע זענען אויך אָנגעקומען אין בעסערע וואַגאָנען, אָבער דערפאַר זענען די פּוילישע ייִדן שוין געווען פאַרהאַרטעוועט. אַדאַנק דער קענטשאַפט פון די באַדינגונגען און פון דער שפּראַך האָבן זיי זיך געקאָנט אַ געוויסע צײַט ווי ס'איז האַלטן, בעת די האָלענדישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין די שטרענג מאָראַלישע געזעצן פון לא תגנוב, און די גריכישע ייִדן, וועלכע זענען נישט געווען צוגעוווינט צום שאַרפן, קאַלטן קלימאַט, זענען געפאַלן ווי די פליגן שוין בײַם אָנהייב.

אָבער אויך די פּוילישע ייִדן אין לאַגער האָבן געליטן פון זעלביקן בענקעניש נאָך די אַרויסגעריסענע און פאַרשניטענע משפּחות ווי אַנדערע. און אָט קומען מיר צו אַ פּסיכישן מאָמענט, וואָס האָט געשאַפן אַן אַנדער אײַנשטימונג בײַם ייִדישן אסיר ווי בײַם נישט־ייִדישן. דער ייִדישער אסיר האָט זיך געפילט, נאָכן חרוב מאַכן די געטאָס און נאָכן פאַרלירן די משפּחה, ווי אַ ציטערדיקער בלאַט אויפן ווינט, עלנט און באַדנלאָז, בעת דער פּוילישער, טשעכישער און אַנדערער אסיר האָט געטרוימט וועגן צוריקקער צו דער משפּחה נאָך דער באַפרײַונג, צי וועגן געפינען אַן אָנשפּאַר אויף דער „פרײַ" נאָכן געלונגענעם אַנטלויפן, האָט דער ייִדישער אסיר וועגן דעם אַפילו נישט געקאָנט חלומען. אָפט מאָל איז אים שוין געווען אַלץ איינס. דער ווידערשטאַנד האָט אָפט מאָל בײַ אים פאַרלאָרן יעדן זין, אַחוץ דעם סטימול פון נקמה נעמען אין די דײַטשן. דערצו איז נאָך צוגעקומען בײַ

אַ גרויסן טייל פון די פּוילישע ייִדן, דהיינו ביַים רעליגיעזן, די מיינונג, אַז אַקטיווער ווידערשטאַנד באַטיַיט זעלבסטמאָרד, וואָס איז קעגן ייִדישן דין [16]. דער דאָזיקער מאָמענט טרעט, פאַרשטייט זיך, אויך אַרויס ביַי אונגאַרישע און סלאָוואַקישע ייִדן. עס איז כּדאַי צוצוגעבן, אַז די זעלביקע רעליגיעזע אויטאָריטעטן האָבן איינציַיטיק אַ סך געטאָן פאַר ראַטעווען ייִדן, פאַר הייבן זייער מוט, פאַר שאַפן אַ ברידערלעכע אַטמאָספער — אָבער נישט אין דער ריכטונג פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, הגם עס זענען אויך געווען אַזעלכע רעליגיעזע עלעמענטן, וואָס האָבן יאָ געשטויסן צום דאָזיקן ווידערשטאַנד.

בכלל זענען געוויסע עדי ראיה פאַרשיידענע אופנים פון רעאַגירן מצד רעליגיעזע ייִדן אין אוישוויץ. בעת איין טייל זייערער האָט זיך לחלוטין איַינגעבראָכן און פאַרלאָזט דעם גלויבן — איז אַ צווייטער, פאַרקערט, אַריַינגעפאַלן אין נאָך גרעסערן רעליגיעזן התלהבות, אַזש ביז אָנערקע־נען די גרויזאַמע צרות פאַר אַ שטראָף פאַר אונדזערע זינד. אויב איין טייל איז אַריַינגעפאַלן אין צושטאַנד פון צווייפל, האָט מען נאָך אַלץ געזען בראָש די לאַנגע רייען פון די פרומע אונגאַרישע ייִדן, רבנים, וואָס האָבן אָן אונטערברעכונג געזאָגט בקול רם תּהילים און אַזוי אַרום געפירט די עדות צום טויט נישט איַינגעבראָכענע [17]. אַן אינטערעסאַנט בילד פון אַ רעליגיעזן ייִד, אַ פאַראַרבעטער (געהילף פון קאַפּאָ) ברענגט אין זיַינע יאָוואָזשנאָ־זכרונות דער פראַנצייזיש־ייִדישער טוער אַנרי בולאַווקאָ: דאָס איז געווען משה ליטוואַק, אַ ייִד, וואָס האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ שטעקן, מיט וועלכן ער האָט געשלאָגן די אסירים און אין דער צווייטער אַ סידור, וואָס איז געווען זיַין איינציקער גיַיסטיקער אָנשפּאַר. אַ מין גילגול פון יאַנקל שאַפּשאַוויטש [18] אין די באַדינגונגען פון אוישוויץ. אין אַ בין־השמשות־שטימונג איז דער דאָזיקער משה ליטוואַק אַריַינגעפאַלן אין אַ שטימונג פון פולשטענדיקן ייִאוש, אָבער ביַי נאַכט, ווען אַלע זענען גע־שלאָפן, איז ער אויפגעשטאַנען פון געלעגער און הייס געדאַווענט. ער האָט נאָך אַלץ געזוכט אַן אָנשפּאַר אין דאַווענען, אין גלויבן [19].

אַ וויכטיקע ראָל האָבן די ייִדישע כּלי קודש געשפּילט ביַי די האָלענ־דישע ייִדן. למשל דער ראַבינער גאָטשאַלק האָט געטרייסט זיַין האָלענדישע עדה און גערופן צו גלייבן טראָץ אַלעמען אין אַ געטלעכער ישועה [20].

עס איז לסוף אינטערעסאַנט אַ קוק צו געבן אויף די רעליגיעזע ייִדן אין אוישוויץ מיט די אויגן פון אַ נישט־ייִד. דער פּוילישער אסיר באַיורסקי

(ווינט איצט אין װאַרשע), װעלכער האָט דורכגעמאַכט די פּאַוויאַק־תּפיסה און אוישוויץ (נומער 76887), אַ געוו. מיטגליד פון לינקע פּ.פּ.ס. און פון אַן אונטערערדישער פּאַטריאָטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, טיילט זיך מיט זײַנע פאָלגנדיקע אײַנדרוקן פון אוישוויץ כּלפּי די רעליגיעזע:

„אין אוישוויץ זענען געווען אַ סך רבנים, איינער פון זיי איז געווען פון קראָקע. ער איז נאָך געווען יונג. איך האָב מיט אים אַ סך געשמועסט. ער האָט געאַרבעט אין ד.א.וו.[21] ווי אַ גלעזער. עס זענען אויך געווען אַ סך חסידים, וועלכע האָבן, נישט געקוקט אויף די שפּײַז־שוועריקייטן, אַזוי זיך געפירט, אַז זיי האָבן נישט געגעסן בשום אופן דאָס טריפה עסן פונעם קעסל. זיי פלעגן פאַרקויפן די זופּ פאַר אַ ביסל ברויט און עטלעכע רויע קאַרטאָפל, וועלכע זיי פלעגן צופרעגלען ווי עס איז אויפן בלעך. זיי האָבן געלעבט זייער שווער און דאָך האָבן זיי זיך געראַנגלט קעגן עובר זײַן אויף די מיצוות פון דער תּורה און נישט געגעסן קיין טריפות. זיי האָבן גע־דאַוונט אויף אַ געהיימען אופן, ווײַל די דײַטשן האָבן פאַרבאָטן דאַוונען בציבור. זיי פלעגן זיך זאַמלען בײַם 19טן בלאָק פון דער דרום־זײַט. זיי זענען געווען אויסערגעוויינטלעך אויסגעהאַלטן און אײַנגעהאַלטן די רע־ליגיע, און מיר האָבן געהאַט פאַר זיי גרויס באַוווּנדערונג און דרך־ארץ. זיי האָבן אויסגעהאַלטן אין זייער גלויבן אין אַזעלכע שוידערלעכע באַ־דינגונגען, ווי דער קאַנצלאַגער, און דערפאַר האָב איך זיי געשעצט. זיי זענען געווען האַרט און עקשנותדיק בײַם אויספירן די געזעצן פון זייער גלויבן. דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז זיי זענען געווען שטאַרק אין זייער גײַסט. עס האָט אין זיי געשטעקט אַ גרויסער מענטשלעכער כּוח. די דאָזיקע רעליגיעזע ייִדן האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם יצר הרע פון דינען די היטלעריסן, אַזוי ווי ס'האָט געטראָפן מיט אַנ־דערע"[22].

אָט אין אַזאַ שײַן האָט געזען די פּוילישע רעליגיעזע ייִדן אין אויש־וויץ אַ פּוילישער פּראָגרעסיווער עד ראיה.

די באַציִונג פון די ייִדישע אסירים צווישן זיך זענען געווען, ווי מיר האָבן געזען פון דעם קורצן איבערבליק, קאָמפּליצירט. נישט געקוקט אויף געוויסע נעגאַטיווע עלעמענטן שלעגלט זיך אַדורך אין די דאָזיקע באַציִונ־גען אַ גרונט־פאָדעם פון סאָלידאַריטעט, פון וועלכן עס האָבן געקאָנט אַרויסקומען געוויסע אַקטן פון ווידערשטאַנד.

הערות צום קאַפּיטל פינף

1) בולאַווקאַ, ז' 65.

2) מאַשעוויצקי: גורל פון אַ גראָדנער ייִדיש ייִנגל, „פאָלקס־שטימע" נר. 104, 6.7.1965.
זכרונות פון זאב שיק אין בוך: ישׂראל גוטמאַן: אנשים ואפר, ז' 232—212.

3) דער בריוו פון בערגער (גרינבוים).

4) דאָרטן.

5) די ייִדישע אסירה ד"ר לאָרסקאַ פון 10טן בלאָק אין אוישוויץ 1 דערציילט וועגן אַ ייִדיש־סלאָוואַקיש מיידל, וואָס האָט ראַדיקאַל געענדערט איר באַציִונג אויף גוטס צו די פּרויען אסירים אונטערן איינפלוס פון דעם אונטערערד־טוער בערנאַרד שווערטשינאַ.
זע: Dorota Lorska: Z pobytu w Oświęcimiu. Przegląd lekarski, nr. 1/1967, s. 206—208.
משה קולקאַ: ג"ע יד ושם (סניף תל אביב), סיגנ. ק־686/63, ז' 12.

6) ג"ע פון יהודה מיימון, אַרכ. ב. מאַרק.

7) ג.ע. פון נח זאַבלודאָוויטש, אַרכ. ב. מאַרק.
קראַוס, קולקאַ, ז' 64, ישׂראל גוטמאַן: אנשים ואפר, ז' 81—82.
נאָך דער מלחמה האָט קאַזשעלטשיק מיך באַזוכט אין רעדאַקציע „דאָס נייַע לעבן" און געמאַכט אַן אָוואַנטורע, הלמאַי מען „באַשולדיקט" אים. ער געפינט זיך אין ישׂראל.

8) ל. סילווער: „טשעכאָנאָווער ייִדן אין אַשוויענטשים". אין ספר צ'חנוב, ז' 340—371.

9) ג"ע פון א. ב. סאָקאָל, אַרכ. ייִוואָ נ. 2250.
ג.ע. פון יצחק לייב קלעניעץ, אַרכ. פון ב. מארק

10) ג"ע פון הערמאַן פריליך, ד. שמולעווסקי, ע. מינק, ש. לאַטער, פּורמאַנסקי און די אויפקלערונגען פון בערגער, אַרכ. א.פ.ג. אויסגעוויילטע מאַטעריאַלן.

11) שפּילסקי, ז' 36.

12) Primo Levi: Jétais un homme, Paris 1961, s. 104—107.

13) ווי ס'איז שוין פריער באַטאָנט געוואָרן איז, אַנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט פון י. 1943, געווען אַ געוויסע צאָל קאַפּאָס און אַנדערע פונקציאָנאַרן פון דער „אַסירים זעלבסטפאַרוואַלטונג", מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. מערסטן טייל זענען זיי איינגעאָרדנט געוואָרן אויף די פונקציעס דורך דעם אוישוויצער אונטערגרונט, כּדי צו העלפן די אסירים מאַסע.

14) יעקב זילבערשטיין: נתיב היסורים של נער. זע: ספר זכרון לקהילת טומשוב־מזוביצק, ישׂראל, עמ. 424.

15) ג"ע פון סטעפאַן קראַקאָווסקי, אַרכ. ב. מאַרק.

16) ק. צעטניק, ז׳ 109.

17) בולאָווקאָ, ז׳ 86—75, ג״ע פֿון זאב שיק.
מנשה אונגער: דער גײַסטיקערווידערשטאַנד פֿון ייִדן אין געטאָס און לאַ־גערן, „המנורה״, תל־אביב 1970, ז׳ 5, 39.

18) דער העלד פֿון דער פּיעסע: „דער גאָט פֿון נקמה״ פֿון שלום אַש.

19) בולאָווקאָ, ז׳ 97—96.

20) ג״ע פֿון אַלפֿאָנס פּילאַר.

21) ד.א.וו. — דויטשע אויסריסטונגס־ווערקע, ס.ס.ישע ווירטשאַפֿט־אונטערנעמונג אין אוישוויץ און אין אַנדערע קאָנצלאַגערן.

22) יאַקוב באַיורסקי, ג״ע (געשריבן אין פּויליש), אַרכ. ב. מאַרק.

קאַפּיטל זעקס

ווידערשטאַנד־אַקטן אויפֿן שוועל פֿון טויט

באַלד נאָכן אָנקום פֿון טראַנספּאָרט ייִדן זענען זיך די וועגן צעגאַנגען. די ריזיקע מערהייט איז נאָך דער סעלעקציע געטריבן געוואָרן צום גאַז־קאַמער, אַ מינדערהייט איז פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף „לעבן" אין פֿאַרשיידענע קאָמאַנדאָס און פֿאַבריקן. וועגן די איבערלעבונגען און גורל פֿון דער צווייטער גרופּע איז שוין געווען אַ רייד און עס וועט נאָך זײַן אַ רייד. אָבער וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט די צום גאַז־טויט פֿאַראורטיילטע, חוץ דעם וואָס זיי זענען געצווונגען געוואָרן זיך אויסטאָן און דערנאָך אַרײַנגעטריבן געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן? וואָס האָבן זיי דורכגעלעבט אין משך פֿון דעם אַרויפֿשטײַגן אויף די אויטאָס ביזן לעצטן מאָמענט פֿון פֿאַרקלאַפּן די טיר פֿון דעם גאַז־קאַמער? דאָס איז ביז איצט געווען לחלוטין אומבאַקאַנט, און ערשט די אויסגעגראָבענע נאָטיץ־ביכלעך, וואָס זענען די פֿאַקטישע טעמע פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, האָבן אויפֿגעעפֿנט אַ שטיקל שפּאַרע צו דעם אויבן געשטעלטן טראַגישן רעטעניש. אָבער חוץ דעם זענען מיר ביכולת פֿעסטצושטעלן מיט דער פֿולער אחריות, אַז ווײַט נישט אַלע קרבנות זענען געגאַנגען פּאַסיוו צום טויט, כּצאן לטבח. שוין פֿון די ביז איצטיקע באַקאַנטע און אויך פֿון נײַע ביז אַצינד אומבאַקאַנטע מאַטעריאַלן דרינגט בפּירוש אַרויס, אַז עס זענען געווען נישט ווייניק פֿאַלן פֿון פּאַסיוון און אַפֿילו אַקטיוון ווידערשטאַנד און פֿון ווירדיקע מאַניפֿעסטאַציעס אויפֿן סאַמע שוועל פֿון טויט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ האַנדלט זיך אין די יענע פֿאַלן, ווען די קרבנות האָבן געוווּסט, האָבן פֿאַרשטאַנען, אָדער זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי זענען שרעקלעך אָפּגעשווינדלט געוואָרן און איצט דערזען דעם גרוילִיקן אמת. אַ ריזיקער טייל פֿון דער מאַרטירער־מאַסע האָט אָבער ביזן לעצטן מאָמענט נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי, אָדער נישט געוואָלט גלייבן. עס איז כאַראַקטעריסטיש דאָס בילד, וואָס עס מאָלט אַן עד ראיה: אָט שלעפּט זיך צו אַ טראַנספּאָרט

אונגאַרישע פרויען צום אומבאַקאַנטן גאַז־קאַמער־צעל און איין יונגע פרוי זעצט זיך אַ רגע און רויִק און געלאַסן נעמט זי אַרויס די ברוסט, כּדי אַנצוקאַרמען דאָס עופעלע, וואָס זי טראָגט אויף דער האַנט. דער ס.ס.־מאַן יאָגט זי אַפילו נישט צו שטאַרק. אַלץ איז אַראַנזשירט אויפן גרעסטן שווינדל און די יונגע מאַמע איז זיכער, אַז זי גייט מיטן קינד צו אַ זי־כערן פּלאַץ [1].

אָבער נישט אַלע זענען געווען אַזוי רויִק, ווי די יונגע ייִדישע מוטער פון אונגאַרן. דער זעלבער עד ראיה שטעלט פעסט אַט וואָס: „עס זענען געווען פאַלן, ווען די מענטשן, אָריענטירנדיק זיך וואָס עס דערוואַרט זיי, האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דער עפעקט איז געווען אַזאַ, אַז די היט־לער־לײַט האָבן זיי טעראָריזירט מיט הייס געווער און ביקסן־קאָלבעס און בלוטיק געבראָכן יעדן ווידערשטאַנד" [2].

עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס ערב דעם אָנקום פון גע־וויסע טראַנספּאָרטן, אויף וועלכע די ס.ס.־לײַט האָבן זיך געקאָנט ריכטן, אַז זיי וועלן ברענגען מיט זיך אַ ווידערשטאַנד, איז די גאַנצע באַן־ראַמפּע אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט קוילן־וואַרפער־נעסטן און די ס.ס.־לײַט האָבן זיך געפונען אין פולער שלאַכט־גרייטקייט. אַזאַ פאַל איז נאָטירט געוואָרן אין חודש אויגוסט 1943, בשעת עס איז אָנגעקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט פון בענדין און סאָסנאָוויץ. ווײַזט אויס, אַז די דאָרטיקע געסטאַפּאָ האָט אַלאַרמירט אוישוויץ, אַז אין די צוויי געטאָס איז אויסגעבראָכן דעם 1טן און 2טן אויגוסט דער באַקאַנטער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון דער דאָר־טיקער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע [3]. די אוישוויצער ס.ס. האָט אָפּנים באַ־קומען אַ ידיעה, אַז צווישן די ייִדן פון דעם טראַנספּאָרט זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן געוועהר. די ס.ס.־לײַט האָבן געהאַנדלט „פּראָפילאַקטיש" און באַשאָסן דעם טראַנספּאָרט גלײַך ווי ער איז אַרויף אויף דער ראַמפּע. עס זענען געפאַלן זייער אַ סך קרבנות [4]. אין דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט האָבן די ס.ס.־לײַט בכלל נישט דורכגעפירט קיין סעלעקציע. נאָכן באַשיסן די מענטשן גלײַך אויף דער ראַמפּע האָבן זיי דעם גאַנצן טראַנספּאָרט ווי אַ בונטאַרישן אָוועקגעפירט אין דער זאָנע, ד.ה. צום טויט. אָבער דאָ האָבן די באַוואָפנטע ייִדישע קעמפער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, וואָס איז דער־שטיקט געוואָרן אין בלוט [5].

בײַ דער ראַמפּע זענען געווען פֿאַרשיידענע מינים ווידערשטאַנד־אַקטן. געגוּיער ווייסן מיר וועגן אײנעם. דאָס איז אין אָקטאָבער 1943, ווען עס איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פֿון לאַגער בערגען־בעלזען, וואָס איז באַשטאַנען פֿון ייִדן מיט לאַטײַן־אַמעריקאַנער בירגערשאַפֿטן. דאָ האָבן זיך געפֿונען, ווײַזט אויס, אויך משפּחות פֿון וואַרשעווער געטאָ, פֿון דער „אַרישער" זײַט אין וואַרשע, קרבנות פֿון דער האָטעל־פּאָלסקי־נעץ [6] און אויך האָלענדישע און אַנדערע ייִדן. די רעלאַציעס וועגן דעם ווידערשטאַנד־אַקט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אָט דעם טראַנספּאָרט, זענען זייער פֿאַרשיידענע. איין טייל רעלאַציע־געבער האַלטן, אַז דאָס איז פֿאָרגעקומען גלײַך אויף דער ראַמפּע אין בירקענאַו; אַנדערע — אַז אויפֿן שוועל פֿון גאַז־קאַמער. דער לויף פֿון די געשעענישן האָט לפּי ערך אויסגעזען אָט אַזוי:

די ס.ס.־לײַט האָבן די גאַנצע צײַט אײַנגערעדט דעם טראַנספּאָרט פֿון בערגען־בעלזען, אַז מען פֿירט אים אין אַ נייטראַלן לאַנד, אפֿשר קיין שווייצאַריע, ווו די אסירים וועלן ווערן אויסגעטוישט אויף דײַטשישע קריגס־געפֿאַנגענע. און באמת די אסירים זענען געפֿאָרן מיט נאָרמאַלע, גוטע וואַגאָנען און מיט זייער באַגאַזש — די אילוזיע איז געווען צוגעגרייט מיט אַלע פּיטשעווקעס. ווי שרעקלעך איז דעריבער געווען די אַנטוישונג, ווען די וואַגאָנען זענען אַרײַנגעפֿאָרן אין סטאַציע אוישוויץ!

אַ גרופּע יונגע פֿרויען פֿונעם טראַנספּאָרט האָט זיך צעבונטעוועט. ווען דער ס.ס.־ראַפּאָרטפֿירער יאָסעף שילינגער האָט גענומען צו ערשט באַרויִקן מיט זיסע ריידעלעך דעם עולם און דערנאָך דראָען מיט אַן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער, האָט איין יונגע ייִדישע פֿרוי אַרויסגעריסן בײַ אים דעם כּלי־זיין און דערשאָסן שילינגערן און פֿאַרווונדעט דעם ס.ס.־אַרבעט־דינסט פֿירער ווילהעלם עממעריך [7]. דער דאָזיקער פֿאַקט ווערט באַשטעטיקט דורך אַן אָפֿיציעלן דײַטשישן דאָקומענט, וואָס געפֿינט זיך אין אוישוויץ־אַקטן. עס איז אָבער געבליבן אומבאַקאַנט דער נאָמען פֿון דער העלדין. געוויסע עדות האַלטן, אַז דאָס איז געווען אַן אַקטריסע. די פּוילישע אונטערערדישע פּרעסע מיינט, אַז דאָס איז געווען די טענצערין פֿון וואַרשעווער געטאָ פֿראַנציסקאַ מאַן, אָבער דאָס איז זיכער אַ טעות (די לעצטע האָט געהאַט בײַ ייִדן גאָר אַ שלעכטע רעפּוטאַציע).

נאָך די שאָסן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קעגנזײַטיקער געראַנגל. אַ גרופּע יונגע ייִדישע פֿרויען פֿון טראַנספּאָרט האָט זיך געראַנגלט מיט די באַ־

וואָפנטע ס.ס.־לײַט. אויף דער ראַמפּע זאָלן האָבן געבליבן עטלעכע און דרײַסיק מאַסאַקרירטע קערפּערס פון די ייִדישע קעמפּעריגס [8].

לויט אַן אַנדער נוסח זאָל דער גאַנצער בונט האָבן פאָרגעקומען נישט אויף דער ראַמפּע, נאָר בײַ די גאַז־קאַמערן. עס קאָן זײַן, אַז דער בונט האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער ראַמפּע. ער איז דערשטיקט, אָדער אײַנגע־שטילט געוואָרן דורך די ס.ס.־לײַט און איז אויסגעבראָכן נאָך אַ מאָל בײַ די גאַז־קאַמערן, ווו די מענטשן האָבן זיך איבערצײַגט, אַז זיי זענען צוויי־פאַכיק אָפּגעשווינדלט געוואָרן [9]. לויט איין עדות זאָל דערבײַ אַ מיאוסע ראָל האָבן געשפּילט די ייִדישע זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וועלכע האָט שנעל פאַר־האַקט די טיר פון גאַז־קאַמער נאָך די באַנײַט־רעוואָלטירטע קרבנות. הגם דאָס לייגט זיך שווער אויפן שׂכל, ווײַל די טיר פלעגן פאַרקנאַקן ס.ס.־לײַט.

ווי עס זאָל נישט זײַן, איז דער אויבן באַשריבענער ווידערשטאַנד־אַקט אַ פאַקט און ער האָט בשעתו געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין לאַגער און זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ ווידערקול אויך אויסער אוישוויץ.

אויפן שטח פון דער „זאָונע" (באָד) און די גאַז־קאַמערן האָבן געהאַט אַן אָרט אַ סך ווידערשטאַנד־אַקטן. וועגן אייניקע פון זיי פאַרמאָגן מיר גאַנץ גענויע רעלאַציעס, דהיינו:

תּחילת 1944 האָט מען געבראַכט פון מײַדאַנעק אַ טראַנספּאָרט פון 300 יונגע ייִדישע מיידלעך. לכתּחילה האָט מען זיי געלאָזט צו רו, אָבער בײַ נאַכט, ווען דער גאַנצער לאַגער איז געווען אײַנגעזונקען אין שלאָף, האָבן די ס.ס.־לײַט אומגעריכט געזומען טרײַבן די מיידלעך אויף לאַסט־אויטאָס. די מיידלעך האָבן זיך אָריענטירט, וווהין מען וויל זיי אָוועקפירן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויפצושטײַגן אויף די אויטאָס, זיך געוואָרפן אויף די ס.ס.־לײַט און זיי געשלאָגן מיטן איינציקן געווער, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — מיט די הילצערנע שיך. דער ס.ס.־מאַן אַנטאָן טאַובער [10] האָט אַזוי באַקו־מען מיט אַ שוך, אַז עטלעכע טעג האָט ער געטראָגן אויפן אויג אַ באַנ־דאַזש. אַ סך מי האָט געקאָסט די ס.ס.־לײַט דאָס אָוועקשלעפּן די מיידלעך צום טויט [11].

אין פעברואַר 1944 האָט מען געבראַכט פון טערעזיענשטאָט אַ טראַנס־פּאָרט טשעכישע ייִדן. אַ גרופּע פרויען האָט מען געבראַכט אין דער „זאָונע". פּלוצעם האָט איינע אַ געשריי געטאָן: „אוישוויץ!". עס איז אויסגעבראָכן אַ טומל, די פרויען האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצוטאָן. די ס.ס.־לײַט האָבן

געבראַכט צו הילף אַ גרופּע פּרויען־קאַפּאָס און אַנדערע פונקציאָנאַרינס, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אויף די ייִדישע פרויען. די האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דער סוף איז געווען, אַז די ס.ס.־לײַט האָבן באַנוצט הייס געוועהר. עס זענען געפאַלן טויטע און פאַרוווּנדעטע און די גרופּע איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן צום גאַז[12].

עס זענען אויך פאַראַן ידיעות וועגן ווידערשטאַנד־אַקטן מצד אונגאַרישע ייִדן. ביז איצט איז געווען פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז די אונגאַרישע ייִדן זענען געגאַנגען כמעט הונדערט־פּראָצענטיק פּאַסיוו צום טויט. אַ סך פון זיי, די אָרטאָדאָקסישע און פרומע ייִדן האָבן זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון רביים און רבנים. און אַ סך פון די לעצטע זענען נישט געווען פּרעדיספּאָנירט צו וועקן צום אַקטיוון ווידערשטאַנד, הגם מיר קענען דעם פאַל מיטן סלאָוואַקיש־אונגאַרישן יונגן רב ווײַסמאַנדעל, וועלכער איז אַליין געשפּרונגען פון וואַגאָן, אַלאַרמירט די וועלט, אָרגאַניזירט הילף און גערופן צום אַקטיוון ווידערשטאַנד.

און אָט האָבן מיר די פאָלגנדיקע רעלאַציע וועגן אַן אַקט און ווידערשטאַנד פון אַ גרופּע אונגאַרישע ייִדן אין בירקענאַו אויפן שוועל פון די גאַז־קאַמערן:

בײַ נאַכט, אַפּנים אין חודש יולי 1944, האָט מען אַ צאָלרײַכע גרופּע אונגאַרישע ייִדן געפירט דורכן מענער־לאַגער קיין בירקענאַו. די ייִדן האָבן דערזען, וואָס עס שטייט זיי פאָר: מען ברענט בר־מינַנס אין אויסגעגראָבענע ראָוון! די ייִדן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און דערקלערט, אַז זיי רירן זיך נישט פון אָרט. די שיכּורע ס.ס.־לײַט נעמען שלאָגן, קאַטעווען, רייצן אַן הינט. די ייִדן בלײַבן אָבער פאַרעקשנט. די היטלעריסטן נעמען שיסן אין דער מאַסע. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָנגעקומענע אונגאַרישע ייִדן האָבן אויך געהאַט הייס געוועהר. דאָס הייסט, אַז זיי האָבן זיך געגרייט לכתּחילה צו אַ ווידערשטאַנד. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ קעגנזײַטיקע שיסערײַ. עס זענען געטראָפן געוואָרן עטלעכע ס.ס.־לײַט, אָבער נאָכן אויסשיסן די גאַנצע אַמוניציע זענען די ייִדן אויסגעשאָסן געוואָרן דורך די ס.ס.־לײַט. אַ טייל ייִדן האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן, אָבער מען האָט זיי געכאַפּט. בײַנו לבֿינו האָבן די פרויען פון דאָזיקן טראַנספּאָרט, הערנדיק די שיסערײַ, אָפּגעזאָגט צו גיין אין „באָד". אָבער אויך זיי זענען באַזיגט געוואָרן[13].

עס איז באַקאַנט נאָך איין פאַקט פון אַ ווידערשטאַנד מצד ייִדישע פרויען פון אונגאַרן. דאָס איז געווען אַ גרופּע, וועלכע איז שוין איין מאָל געווען אַוועקגעשיקט פון אוישוויץ אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד. דערנאָך האָט מען זיי געבראַכט צוריק קיין בירקענאַו מיטן ציל צו פאַרגאַזעווען. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אַרײַנשטויסן אין גאַז־קאַמער און מיט די לעצטע כוחות זיך געראַנגלט, ביז די ס.ס.־לײַט האָבן אויף זיי אָנגערייצט די הינט. די קלעפּ און די הינט האָבן געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די אויסגעמאַטערטע פרויען [14].

חוץ די ייִדיש־אונגאַרישע מענער און פרויען האָבן אַ ווידערשטאַנד געשטעלט אויך ייִדישע קינדער פון אונגאַרן. עס איז באַקאַנט אַ פאַל, ווען די קינדער פון אַן אונגאַרישן טראַנספּאָרט זענען זיך צעלאָפן איבערן גאַנצן שטח פון די קרעמאַטאָריעס. עס האָט לאַנג געדויערט דער געמיינזאַמער געיעג פון די ס.ס.־לײַט און זייערע הינט, ביז מען האָט געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די קינדער [15].

עס זענען באַקאַנט פאַלן פון לחלוטין אַן אַנדער מין ווידערשטאַנד. זײַנע טרעגער זענען געווען גריכישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך אַזוי אַרום אויך אײַנגעשריבן אין די בלעטער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ. אַן עד ראיה אויפן פראַנקפורטער פּראָצעס פון די אוישוויץ־מערדער אין יאָר 1964 האָט איבערגעגעבן וועגן פאָלגנדיקן פאַל:

אַ גרופּע פון 400 גריכישע ייִדן איז באַשטימט געוואָרן דורך די דײַטשן צו גיין אַרבעטן אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. די ייִדן האָבן אָפּגעזאָגט, זיי האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן בײַם ברענען ייִדישע מתים. די ס.ס.־לײַט האָבן אין דעם געזען אַ בונט. אַלע 400 גריכישע ייִדן האָט מען אַרומגערינגלט און נאָכן ברעכן זייער קורצן ווידערשטאַנד אַרײַנגעשטויסן אין די גאַז־קאַמערן.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אין מײַ 1944, ווען מען האָט באַשטימט 100 ייִדן פון אַטען פאַר דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ [16].

אָבער נישט בלויז אין אַקטן פון אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד און אין אָפּזאָגן אויסצופירן די מערדערישע באַפעלן פון די ס.ס.־לײַט איז באַשטאַנען דער ווידערשטאַנד פון ייִדן, יחידים און גרופּעס, אויפן שוועל פון טויט, אויך די ווירדיקע האַלטונג אויפן גאַלגאַטאַ־וועג, די אויסגעשרייען און לאָזונגען, די הימען־געזאַנגען און די תפילות [17] — דאָס אַלץ איז אַ

טייל פון אַ ברייטערער, הגם נישט אָרגאַניזירטער און פּאַסיווער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג. מענטשן, וואָס האָבן אויף זייער לעצטן געזעגענונגעם וועג געזונגען זייערע באַליבטע הימנען, געדענקט וועגן זייערע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, געוואָרפן פּראָטעסט־אויסרופן וכדומה, קאָנען בשום אופן נישט קוואַליפיצירט ווערן ווי „שאָף צו דער שחיטה".

און אָט אַזוי איז באַקאַנט, אַז אין מערץ 1944, ווען דער פאַמיליע־לאַגער פון די טשעכישע יידן, די געבראַכטע פון טערעזיענשטאַט, איז ליק־ווידירט און געפירט געוואָרן צום גאַז (נאָך עטלעכע ווידערשטאַנד־פּרוּוון), זענען די יידן געפאָרן צום טויט זינגענדיק בקול רם, די גאַנצע וועלט זאָל הערן צוויי הימנען: דעם נאַציאָנאַלן הימען פון טשעכאָסלאָוואַקיע און דעם יידישן הימען „התקוה".

די פראַנצייזישע מענער און פרויען, בתוכם אַ סך יידישע האָבן — פאָרנדיק מיט לאַסט־אויטאָס אין דער ריכטונג פון די קרעמאַטאָריעס גע־זונגען צוזאַמען און הילכיק דעם פראַנצייזישן מאַרסיליעזע־הימען. דער גאַנצער לאַגער האָט געהערט זייער געזאַנג:

„Allons enfants de la Patrie"

יידישע קאָמוניסטן האָבן אויפן לעצטן וועג געזונגען דעם „אינטער־נאַציאָנאַל". ציוניסטישע יוגנט־גרופּן פון קראָקע האָבן אויף די אויטאָס געזונגען „התקוה" און מאַסן פרומע יידן, יידן אין בערד און פאות, אין טליתים, איינגעהילטע, אָדער אָן זיי, האָבן געזונגען דעם אַלטן יידישן דורותדיקן „שמע ישראל", אָדער געזאָגט ווידוי ביחידות, צי בציבור, גע־זאָגט דורותדיקע תפילות — און די ס.ס.־טייוואָלאַנים זענען געשטאַנען און געלאַכט, חוזק געמאַכט פון די קרבנות, וועלכע האָבן זיך אָבער נישט איינגעבראָכן און גערופן צו גאָט, דערמאָנט מיט ליבשאַפט זייערע היימישע הימנען און אויסגעגאָסן מיט די פאַרהייליקטע ווערטער אויף די ליפּן.

עס זענען פון די אויטאָס אויך געהערט געוואָרן אַזעלכע אויסרופן: „מערדער!" „יידן, נעמט נקמה פאַר אונדזער פאַרשניטן לעבן!" [18].

נישט ליידיק איז געבליבן דער חלל פון די גאַז־קאַמערן. עס זענען דאָרט געבליבן פאַרגליווערט די לעצטע אויסרופן פון די קרבנות, די אויס־רופן „מאַמע", „טאַטע", „קינד מיינס" און די ווערטער פון „שמע ישראל", פון אינטערנאַציאָנאַל און מאַרסיליעזע און די ווערטער פון „התקוה".

יאָ, אויך אויפן שוועל פון די גאַז־קאַמערן איז געווען אַ ווידער־שטאַנד, אַ ווידערשטאַנד פון לעצטן פיזישן כּוח און פון אומגעבראָכענעם גייַסט.

הערות צום קאַפּיטל זעקס

1) קאַסאַקעוויטש, ז׳ 80.

2) דאָרטן, ז׳ 105.

3) יעקב סענדער, ג״ע, אַרכ. פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. (ווייַטער: יי.ה.א.), 1225.

4) קראַוס און קולקאַ, ז׳ 172; די מחברים זענען מגזם די צאָל קרבנות: צוויי טויזנט.

5) יעקב סענדער, ד.צ.וו., ג״ע: אידע מעסער, ג״ע, אַרכ. פון יי.ה.א., 1951.

6) דער ענין „האָטעל פּאָלסקי״ איז געווען איינער פון די נאַצישע אַפּערעס, אַ פּולאַפּקע אויף די אויסבאַהאַלטנדיקע זיך יידן. סוף 1942 האָבן די נאַציס גע־מאָלדן, אַז יידן, אַמעריקאַנער בירגער, וועלן אַדאַנק אויסטויש אָפּעראַציעס מיט די אַמעריקאַנער לענדער האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן קיין אויס־לאַנד. פאַר שווער געלט האָט מען מיט עכטע, אָדער מיט פאַלשע פּאַפּירן געקאָנט אַרייַנגעשטעלט ווערן אין דער אַמעריקאַנער רשימה. די דאָזיקע מענטשן האָט מען באַזעצט אין איינעם פון די וואַרשעווער האָטעלן, אין „האָטעל פּאָלסקי״, וווּ מ׳האָט זיי פאַרשאַפן פאַרהעלטענישמעסיק גוטע באַדינ־גונגען. שפּעטער האָט מען זיי אינטערנירט אין דער באַרימטער וואַרשעווער תּפיסה „פּאַוויאַק״. אין מיטן 1943 האָט מען זיי גענומען אַרויספירן אין פאַר־שיידענע לאַגערן. אַ טייל איז געבראַכט געוואָרן קיין בערגען־בעלזען; אַן אַנ־דער טייל — קיין וויטעל (Vitell), פראַנקרייַך. און פון דאָרט צום גרעסטן טייל — קיין אוישוויץ.

7) עממעריך איז געזונט געוואָרן, אָבער האָט געהונקען אויפן פוס. אין חודש מייַ 1945 איז ער געשטאָרבן אויף פלעק־טיפוס אין בערגען־בעלזען.

8) „קאַלענדאַר״, אוישוויצער העפטן נ. 4/1960, נאָטיץ פון 23.10.1943.

Hermann Langbein: Der Auschwitz-Prozess. Eine Dokumentation, Europäische Verlagsanstalt. Wien 1965, s. 80, 97, 274, 320.

9) Kogan Eugen: Der SS-Staat Das System der deutschen Konzentrationslager. Berlin 1957, s. 154.

10) אַנטאָן טאַובער, ס.ס. ראַטן־פירער, בלאָק־פירער און שפּעטער ס.ס.־ראַפּאָרט־פירער אין פרויען קאָנצענטראַציע־לאַגער (פ.ק.ל.) אין בירקענאַו. זייַן ווייַ־טערדיקער גורל איז אומבאַקאַנט.

11) קאַסאַקעוויטש, ז׳ 150, ג״ע פון שמחה זלאַטאָווסקי, אַרכ. ב. מאַרק.

12) קאַסאַקעוויטש, ז׳ 58.

13) קאָסאָקעוויטש, ז' 90—89.
14) קאָסאָקעוויטש, ז' 127—126.
15) קאָסאָקעוויטש, ז' 87.
16) מיכאל מולכו: די אויסראָטונג פון די ייִדן אין גריכנלאַנד. זע: אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, ייִדן, ניו־יאָרק 1966, באַנד ז., ז' 413.
17) מנשה אונגער: דער גײַסטיקער ווידערשטאַנד פון ייִדן אין געטאָס און לאַגערן. תּל־אביב 1970, „המנורה״, ז' 39.
18) קאָסאָקעוויטש, ז' 33. ספר צ׳חנוב, ז' 267.
זכרונות פון שמואל בלומענפעלד, אַרכ. יד ושם, ב־2575/236, ז' 181.

קאַפּיטל זיבן

סטיכישער און אינדיווידועלער ווידערשטאַנד אין לאַגער

די ווידערשטאַנד־אַקטן, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן דורכן צווייטן, קלענערן, לעת עתה לעבן געבליבענעם טייל פון די קיין אוישוויץ דעפּאָר־טירטע ייִדן, קאָנען ווערן איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס:

איינע נעמט אַרום אַלע סטיכישע און אינדיווידועלע ווידערשטאַנד־אַקטן;

די צווייטע איז נוגע דעם אָרגאַניזירטן אונטערערדישן ווידערשטאַנד, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אָדער איז געווען מיט איר פאַרבונדן.

אויך סטיכישער ווידערשטאַנד, הגם זײַן פּועל יוצא איז אַ פּלוצימדי־קער, איז אויך אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסן אינערלעכן אָנוואַקסנדיקן, רײַף ווערנדיקן פּראָצעס.

און אָט זענען עטלעכע בײַשפּילן פון סטיכישן בציבורדיקן אַקטיוון ווידערשטאַנד פון ייִדישע אסירים:

פרילינג־צײַט 1942 איז אויף אַ בלאָק פון סלאָוואַקישע ייִדן אויסגע־בראָכן אַ בונט, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ בלוטיקער שחיטה מצד די ס.ס.־לײַט איבער די ייִדן[1]. קיין גענויע ידיעות וועגן דעם בונט פאַר־מאָגן מיר נישט. היות סלאָוואַקישע ייִדן האָט מען גענומען ברענגען קיין אוישוויץ ערשט אין אַפּריל 1942, האָט פריִער דער בונט נישט געקאָנט פאָר־קומען. דער ייִדיש־סלאָוואַקישער בעל זכרונות וורבאַ ווייס נישט וועגן דעם בונט. אָבער די ידיעות וועגן אים חזרן זיך איבער אין גביות עדות דאָ און דאָרטן, הגם אָן קאָנקרעטע שטריכן.

פונקט אַזוי ווייסן מיר ווייניק גענויערס וועגן דעם בונט פון די ייִדן, וואָס זענען בערך אין דער זעלביקער פרילינג־צײַט געבראַכט געוואָרן מיט אַ טראַנספּאָרט פון לובלין, אַפּנים פון מײַדאַנעק און אפשר מיינט דער בעל הזכרונות[2] דערמיט דעם אויבן דערמאָנטן בונט פון די סלאָוואַקישע ייִדן,

וועלכע זענען לכתּחילה דעפּאָרטירט געוואָרן פון סלאָוואַקיע קיין מײַדאַנעק און פון דאַנען קיין אױשװיץ.

מער פּרטים פאַרמאָגן מיר וועגן דעם בונט פון די ייִדישע פרויען אין דעם דערבײַיִקן לאַגער בודי. אין אָנהייב 1942 יאָר איז דאָרט אײַנגע־שטעלט געוואָרן אַ פרויען־שטראָף־קאָמפּאַניע, וועלכע האָט געאַרבעט אין די שווערסטע באַדינגונגען בײַם בויען אַ שוצמויער איבער דעם טײַך ווײַסל און בײַם פאַרטיפן די סטאַוועס.

די שטראָף־קאָמפּאַניע האָט דאַן געציילט 400 פרויען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ גרופּע ייִדישע פרויען פון פראַנקרײַך, ס׳רוב סטודענטקעס און פאַרשטייערינס פון אַנדערע אינטעלעקט־טועלע געביטן. און אויך אַ גרופּע דײַטשישע אַסאָציאַלע (פּראָסטיטוטקעס) וועלכע האָבן אײַנגעהאַלטן אינטימע באַציִונגען מיט די וואַכלײַט. די דײַ־טשישע אַסאָציאַלע, קרימינאַליסטינס און קאַפּאָס האָבן זיך איזדעקעוועט איבער די איינצלנע ייִדישע פרויען. דער קאָנפליקט האָט אָנגעפוישט, ביז ער איז אויסגעבראָכן אין איינער אַ זומער־נאַכט פון 1942. אַ דײַטשישע פּראָסטיטוטקע, וואַרשײַנלעך אַ פּראָוואָקאַטאָרין, האָט חושד געווען אַ ייִדיש מיידל, אַז זי האַלט אַ שטיין אין האַנט און וויל אים וואַרפן אין איר און זי האָט אַלאַרמירט די וואַך. עס איז אויסגעבראָכן אַ געראַנגל. די וועכ־טער האָבן געכאַפּט די צעבונטעוועטע מיידלעך און זיי געשלײַדערט פון די פענצטער אויפן ברוק. אונטן זענען געשטאַנען די קאַפּאָס און די אַסאָציאַלע און קרימינעלע דײַטשישע אַרעסטאַנטינס און מאַסאַקרירט די ייִדישע מייד־לעך, וועלכע האָבן געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד מיט די הוילע הענט. מיט דער אַקציע צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד האָט אָנגעפירט אַ דײַטשישע קאַפּאָ־פרוי, עלפרידע שמידט, וועלכע האָט געשלאָגן די ייִדישע מיידלעך מיט אַ דישעל. פאַר טאָג איז אָנגעקומען דער פירער פון אוישוויצער לאַגער רודאָלף העס און געהייסן דערשיסן די נאָך זשיפּענדיקע ייִדישע פרויען. עס זענען דאַן אומגעקומען בערך 90 ייִדישע פרויען.

וועגן דעם בונט אין בודי לייענען מיר אין די אַקטן פונעם פּראָצעס קעגן רודאָלף העסן, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 11טן נאָוועמבער 1946 אין פּוילן. אין זײַן רעלאַציע שטעלט ער פאָר די געשעענישן: „נאָכן באַקומען די ידיעה בין איך באַלד געגאַנגען אין לאַגער און דאָרט פעסטגעשטעלט

אַז די פראַנצייזישע פרויען זענען דערהרגעט געוואָרן מיט דראַנגען און העק. אַ טייל פון זיי האָבן געהאַט אָפּגעשניטענע קעפּ, אַנדערע זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דורך די פענצטער און אַזוי אַרום אומגעקומען. אין קאַמף האָבן געזיגט די פונקציאָנאַרינס — פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכערינס. געווען זענען דאָס דײַטשישע פרויען, עטלעכע פון זיי זענען געווען פאַרוווּנדעט. בײַ דער אויספאָרשונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די וועכטער האָבן אַריבערגעוואָרפן דורך דער אָפּצוימונג זייערע שטעקנס די דײַטשישע פאַרברעכערינס.

די לעבנגעבליבענע פראַנצויזינס האָבן זיך פאַרטיידיקט, אַז צום בונט האָט זיי צוגעפירט דער יִאוש, ווײַל די קאַפּאָס האָבן זיי מאַלטרעטירט און שיקאַנירט״ [3].



אַ געדענק־טאָוול אויפן בנין פון געוועזענעם אוישוויצער בײַ־לאַגער „בודי״.
אין פוילישן אויפשריפט :

„אין דעם הויז, אין אויגוסט 1942, אין דער צײַט פונעם בונט פון דער שטראָף־קאָמפּאַניע, זענען אומגעקומען אַרום 90 אַרעסטאַנטקעס, איבערהויפּט פון דער פראַנצייזישער נאַציאָנאַליטעט. כּבוד זייער אָנדענק ״

(פאַקטיש זענען זיי געווען יידישע פרויען פון פראַנקרײַך).

די בלוטיקע געשעענישן אין בודי האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אינעם לאַגער, סײַ בײַ די אסירים, סײַ בײַ די ס.ס.־לײַט.

וועגן אַנדערע פאַלן פון קאָלעקטיוון ספּאָנטאַנעם ווידערשטאַנד זענען אָפּגעהיט געוואָרן געוויסע ידיעות:

סוף 1942 האָבן זיך צעבונטעוועט 700 האָלענדישע ייִדן. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די דראָטן. אַ טייל איז געפאַלן געטמיתט פון עלעקטרישן שטראָם; אַ טייל איז דערשאָסן געוואָרן פון די מאַשין־ביקסן דורך די ס.ס. די איבערגעבליבענע בײַם לעבן האָט מען אַוועקגעשיקט אין דער שטראָף־קאָמאַנדאָ קיין יאַווישאָוויץ. הײַנט לעבט נישט קיינער פון זיי[4].

דעם 30סטן דעצעמבער 1943, ווען די ס.ס.־מענער זענען געקומען עפענען די טירן פון בלאָק 7 אין בירקענאַו, ווו עס זענען געווען פאַרשפּאַרט ייִדישע מענער, אויסגעסעלעקצירטע צום גאַז, כּדי זיי אַוועקצונעמען, האָבן זיך אויף די ס.ס.־לײַט געוואָרפן בערך 15 ייִדן מיט הוילע הענט. זיי האָבן געדראָפּעט און געביסן די ס.ס.־לײַט. איינעם איז אַפילו געלונגען אַרויסצורײַסן בײַ אַן ס.ס.־מאַן דעם רעוואָלווער. די דײַטשן האָבן אַלאַרמירט נאָך הילף, באַזיגט די ייִדן און אַלע געטייט[5].

וועגן אַן אַנדער מין ווידערשטאַנד פון ייִדישע פרויען פון אַ פיל שפּעטערדיקער צײַט דערציילט אַן אַנדער עד ראיה: דאָס איז אויך געווען אַ סטיכישער בציבורדיקער אַקט פון ווידערשטאַנד, דהיינו:

ווינטער־צײַט 1943—1944 האָט זיך אינעם בלאָק 25, וואָס האָט זיך ווי פון זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ „טויטן־בלאָק" מחמת דער ריזיקער צאָל פון טיפוס געשטאָרבענע פרויען, זיך נאָך אַלץ געפונען אַ גרופּע לעבעדיקע פרויען, וועלכע האָבן זיך נאָך גוט געהאַלטן. זיי זענען געזעסן אויף די אייבערשטע פּריטשעס. אין בלאָק איז אַרײַן דער טרויעריק־באַקאַנטער ס.ס.־מאַן העסלער. ער האָט זיי אויפגעפאָדערט זיי זאָלן אַראָפּגיין. די מיידלעך זענען אַראָפּגעשפּרונגען און זיך געוואָרפן אויף העסלערן מיטן אויסרוף: „דו רוצח! איצט וועט קומען דײַן טויט!" איידער ער האָט אַרײַנגעבראַכט דעם הונט האָבן זיי באַוויזן אַראָפּצוואַרפן זײַן ס.ס.־יש היטל און צעדראַפּען אים דאָס פּנים. זיי האָבן אָבער שוין נישט געהאַט קיין כּוח אים אומצוואַרפן. זיי זענען אַרויפגעקראָכן צוריק אויף די אייבערשטע פּריטשעס מיטן געשריי: „מיר וועלן זיך נישט לאָזן רירן פון

אָרט!" העסלער האָט געמוזט אַוועק בחרפּה. וואָס עס איז ווײַטער געשען מיט די מיידלעך איז נישט באַוווּסט [6].

צו די סטיכישע בציבורדיקע ווידערשטאַנד־אַקטן קאָן מען אויך פאַר־רעכענען די צווייםאָליקע פאַלן פון צונויפנעמען בײַ אַ טראַנספּאָרט האָלענ־דישע ייִדן עטלעכע טויזנט גולדנס און זיי פאַרברענען, זיי זאָלן נישט אַרײַנפאַלן אין דער רײַכס־באַנק. דורכגעפירט דעם דאָזיקן סאַבאָטאַזש־אַקט האָט אַ ייִדישער אסיר קאַליסקי צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע זײַנע פרײַנד [7].

אַן אַנדער מין פון סטיכישן בציבורדיקן ווידערשטאַנד איז דער פאַקט, וואָס איז אָבסערווירט געוואָרן דורך אַן עד ראיה דעם 23סטן דעצעמבער 1943: נאָך אַן אַפּעל האָט די ס.ס. גענומען דורכפירן אַ סעלעקציע פון ייִדישע פרויען: מי לחיים ומי לגאַז. און עס איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט אין דער אוישוויץ־בירקענאַוווירקלעכקייט געהערט צו אַ זעלטנקייט, און נעמלעך: כמעט די גאַנצע קאָלאָנע פון די ייִדישע פרויען איז זיך צעלאָפן און גענומען זוכן באַהעלטענישן. די פונקציאָנאַרינס האָבן זיך געלאָזט אין אײַליקן געיעג און גענומען פאַנגען די פרויען [8].

חוץ די בציבורדיקע סטיכישע אַקטן האָבן די עדי ראיה פאַרצייכנט אַ גאַנצע ריי אינדיווידועלע מוטיקע אַרויסטריטן. די צאָל ייִדישע העלדן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי אמתע קעמפער אין אוישוויץ, נישט גע־הערנדיק צו קיין שום אָרגאַניזאַציע, נאָר קערעוועדיק זיך מיטן אייגענעם געוויסן־אויפברויז, איז גאַנץ גרויס. לאָמיר נאָר לשם בײַשפּיל זיך אָפּ־שטעלן אויף צוויי כאַראַקטעריסטישע פאַלן:

געווען אין בירקענאַו אַ ייִדישער גיבור פון לאָמזשע, אַ געוויסער אהרן־הערשל מיטן צונאָמען „מעדיק". ער איז אין זײַן היים־שטאָט געווען באַ־קאַנט ווי אַ ריטער פון יושר, אַ פאַרטיידיקער פון ייִדן קעגן עוולות, אַ מין פאַנדרע פון זלמן שניאורס באַקאַנטן ראָמאַן. אין בירקענאַו האָט ער זיך ווײַטער געפירט לויט זײַן געוויסן, גענומען אין שוץ באַעוולטע, אומבאַ־האָלפענע מענטשן און, פאַרשטייט זיך, גלײַך אָנגעטראָפן אויף די דעמאָ־ראַליזירטע קאַפּאָס און בלאָק־עלטסטע. ער האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך ייִדישע קאַפּאָס.

דער צווייטער פאַל האָט פּאַסירט זומער־צײַט 1944 און געשען איז דאָס

אין בירקענאַו בעת אַ גרופּע ייִדישע אסירים אונטער דער שמירה פון ס.ס. איז געווען באַשעפטיקט מיט אַריינוואַרפן דאָס אַש פון די קרעמאַטאָריע־קדושים אין די וואַסערן פון ווייסל. פּלוצלינג האָט אַ גריכישער ייִד, וועלכער האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, זיך געוואָרפן אויף אַן ס.ס.־וואַכמאַן און גענומען אים שלאָגן מיט דער לאָפּעטע שרייענדיק: „דאָס איזט פיר מיינע מוטער, פאַטער אונד ברודער!" ער האָט דעמלט אַרויסגעריסן ביים היטער דאָס געווער און גענומען לויפן לענג־אויס דער ווייסל. מען האָט אים אָבער געכאַפּט און אַריינגעשליידערט אין גאַז־קאַמער [9].

אין ווייטערדיקן לויף פון דער דאָזיקער אַרבעט וועט נאָך זיין אַ רייד וועגן אַנטלויפן ווי אַ פאָרעם פון ווידערשטאַנד. אַנטלויפונגען זענען געווען אָרגאַניזירט אויף אַ געזעלשאַפטלעכן אופן, פאַרפּלאַנירטע דורך אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציעס און אויך סטיכיש־אינדיווידועלע. אין די אַנטלויפונגען זענען געווען אַנגאַזשירט אַ סך ייִדן און מיר וועלן וועגן אָט דער דערשיינונג רעדן אין אַ באַזונדער אָרט. דאָ איז נאָר כּדאַי אָפּצומערקן דעם פאַקט, אַז די געכאַפּטע ייִדן האָבן זיך געהאַלטן זייער ווירדיק. די אָבסער־וואַטאָרן האָבן דאָס באַמערקט באַזונדערס ביי די פּוילישע ייִדן. זיי שטעלן פעסט, אַז די געכאַפּטע פּאָליאַקן און פּוילישע ייִדן זענען דערשאָסן גע־וואָרן אין טויטן־בלאָק, ביי דער טויטן־וואַנט. זיי זענען אומגעקומען שרייענדיק הויך בקול רם: „זאָל לעבן פּוילן! זאָל לעבן די פריי־הייט!" [10].

איינער פון די דאָזיקע דירעקטע אָבסערוואַטאָרן, דער ס.ס.־מאַן, פּערי בראָאַד באַגלייט זיין אינפאָרמאַציע וועגן דעם מוטיקן האַלטן זיך פון פּוילישע ייִדן ביי דער טויטן־וואַנט מיט דער פאָלגנדיקער באַ־מערקונג:

„אָט אַזוי שטאַרבן ייִדן, וועגן וועלכע די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע שרייבט, אַז דאָס זענען קרעאַטורן. די דאָזיקע מענטשן (ייִדן) שטרענגען אָן זייערע לעצטע כּוחות, כּדי צו שטאַרבן מיט ווירדע אָן אַ ברעקל בעטן זיך חסד און מיט פאַראַכטונג צו אונדז" [11].

אַ מוסטער האָבן געוויזן, ווי געזאָגט, פּוילישע ייִדן, ביי וועלכע דער געדאַנק פון ווידערשטאַנד איז קיין מאָל נישט אויסגעלאָשן געוואָרן.

הערות צום קאַפּיטל זיבן

1) דערקלערונג פון „בערגער" ד.צ.וו.

2) דאָרטן.

3) פּערי בראָאַד, ז' 25—21.
זאַבאַטשען שרײַבט, אַז פרויען פון דעם בונט זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך אײַנשפּריצן זיי פענאָל. דאָס ווערט נישט באַשטעטיקט דורך אַזאַ עדות, ווי דער ס.ס.־מאַן פּערי בראָאַד.
זאַבאַטשען דערמאָנט אויך נישט, אַז די בונטאַרע מיידלעך זענען געווען ייִדישע.
„קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן, נ' 3/1958, ז' 111.
ט. איוואַשקאָ : אַנטלויפונגען... ז' 36—37.
אַקטן פונעם פּראָצעס קעגן רודאָלף העסן, באַנד 21, ז' 42.
לאַנגביין : דער אוישוויצער פּראָצעס. ז' 133—135.

4) ד"ר פיליפּ פרידמאַן : אַשוויענטשים, בוענאָס־איירעס, 1950, ז' 183—184.

5) ליוועד דוד : בענדינער אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין טויטלאַגער אוישוויץ. זע : פנקס בנדין, תּל־אביב 1959, ז' 193—194.

6) קאָסאַקעוויטש, ז' 69.

7) בריוו פון „בערגער".

8) קאָסאַקעוויטש, ז' 43.

9) קראַוס און קולקאַ, ז' 145.

10) פּערי בראָאַד, ז' 9—8.

11) דאָרטן.

קאַפּיטל אַכט

דער אָרגאַניזירטער יידישער ווידערשטאַנד

יעדע אָרגאַניזאַציע האָט אַ גרויסן באַטײַט פאַרן יחיד. אַדאַנק דער אָרגאַניזאַציע הערט אויף דער יחיד זיך צו פילן אײנזאַם און פאַרלאָרן אין דער אַרומיקער וועלט. אויב די דאָזיקע ווערטער זענען ריכטיק און פּאַסיק פאַר דער פּראָבלעם יחיד און געזעלשאַפט אין נאָרמאַלע צײַטן און ערטער, זענען זיי נאָך מער אמתדיק פאַר אַזאַ גרויליק־אויסנאַמיקן געביט ווי קאָנצלאַגער און בפרט „אונדזער" אוישוויץ.

דער סטיכישער און בפרט אינדיווידועלער אַקט פון ווידערשטאַנד איז ס׳רוב געווען אַן אַקט פון פאַרצווייפלונג, הגם אַן אַקט אַ מוטיקער און העלדישער. דער אַליין־געפיל פון דעם אײנזאַמען קעמפער האָט דערמאָנט „תמות נפשי עם פלשתים". אַנדערש איז געווען דער געפיל פון אַ מענטש בפרט פון אַ יידישן אסיר, וואָס האָט געהערט צו אַן אונטערערדישער אָרגאַ־ניזאַציע. אָט ווי עס האָט כאַראַקטעריזירט דעם נשמה־צושטאַנד אַ יידישער ווידערשטענדלער פון אוישוויץ, מאָטל ביילאָוויטש פון טשעכאַנאָוו, וועל־כער האָט זײַנע לאַגער־זכרונות פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך פון ישׂראל גוטמאַן. נאָכן פאַרלירן די משפחה אין רעזולטאַט פון דער סעלעקציע תּיכף נאָכן קומען קיין אוישוויץ, איז ביילאָוויטש געווען נאָענט צו זעלבסט־מאָרד. דאָס אָנשליסן זיך אין אַן אָרגאַניזאַציע האָט געדינט ווי אַ פּסי־כישער ווענטילאַטאָר אין ביילאָוויטשעס נשמה, האָט איבערגעבראָכן דעם פאַרשטענדלעכן פּעסימיזם און דעם ווילן צו נעמען זיך דאָס לעבן. אין די חברים האָט ביילאָוויטש געפונען אַ מין נײַע משפחה, אין דעם דראַנג צו קאַמף האָט ער געפונען אַ נײַעם לעבנסזין.

דורך ביילאָוויטשעס מויל רעדן אַלע יידישע אָרגאַניזירטע ווידער־שטענדלער פון אוישוויץ, און אפשר מער ווי בלויז די יידישע. אַ צווייטער עד ראיה, אַ ווידערשטענדלער, יידל באַרשטשעווסקי־קאַרמאַן, דער־ציילט וועגן דער באַלדיקער ממשותדיקער הילף פון די חברים פון אָרגאַ־

ניזירטן ווידערשטאַנד. אַזוי אַרום איז פאַר אונדז די פראַגע פון אָרגאַ־ניזירטן ווידערשטאַנד אין לאַגער נישט בלויז אַ פראַגע פון ייִדישן חלק אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אוישוויץ־קאַמף, נאָר אויך אַ פּראָבלעם אַ סאָציאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע, אַ פּראָבלעם פון ראַטעווען די פאַר־איינזאַמטע אסירים פון פּסיכישן איַינברעכן זיך.

דער אַלגעמיינער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד האָט עקסיסטירט אין אוישוויץ פון אָנהייב אָן, פון די ערשטע טראַנספּאָרטן פון אָקופּירטן פּוילן. זיַין הויפּט־שטריך איז דעמלט געווען, ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, קעגנזיַיטיקע הילף און סאָלידאַריטעט. אַ באמת אָרגאַניזירטן און פּלאַנ־מעסיקן כאַראַקטער האָט דער ווידערשטאַנד אָנגענומען ערשט תּחילת 1943 אונטערן דרוק פון די גרויסע ענדערונגען אויף די פראָנטן און פון דער פאַרשטאַרקטער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד. צוליב די זעלבע סיבות, צוליבן דערנענטערן זיך פון פראָנט האָט די ס.ס.־ישע לאַגער־אַדמיניסטראַציע אַ ביסל אָפּגעשוואַכט דעם גרויזאַמען רעזשים און דאָס האָט ווידער באַגינסטיקט די אַקטיוויזירונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

עס איז אונדז שוין אויך באַקאַנט, אַז אין יאָר 1943 אַנטשטייט אין אוישוויץ די געמיינזאַמע קאַמפּס־גרופּע אוישוויץ, וועלכע טראָגט אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער (זי שליסט איַין אין זיך פאַר־שיידן־נאַציאָנאַלע גרופּן).

אין יאָר 1944 איז אַנטשטאַנען אין אוישוויץ דער מיליטערישער ראַט פון אוישוויץ, וועלכער האָט איַינגעשלאָסן אין זיך סיַי די אינטערנאַציאָנאַלע גרופּן, סיַי די עלעמענטן פון אַ.ק. און אַנדערע קרובֿהשע עלעמענטן.

אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָבן זיך אויך געפונען די ייִדישע אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־גרופּן, וועלכע האָבן זיך אין אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג אָנ־געשלאָסן[1]. איינער פון די אָנפירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ, דער דיַיטשישער ייִד און קאָמוניסט, ברונאָ באום, גיט איבער, אַז צווישן די ייִדישע ווידערשטאַנד־גרופּן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „קאַמפּס־גרופּע אוישוויץ", איז געווען איינע, וואָס האָט געציילט קרוב 300 מיטגלידער[2]. אַזאַ גרויסע צאָל האָט נישט פאַר־

מאָגט קיין איינע פון די עקסיסטירנדיקע אוישוויצער פאַרשיידן־נאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־גרופּן, אַחוץ די פּוילישע.

נישט אַלע ייִדישע ווידערשטאַנד־גרופּן האָבן געהערט צו דער אַלגע־מיינער „קאַמפּס־גרופּע אוישוויץ". איבעריקנס ווייסן מיר דאָך נישט וועגן אַלע ייִדישע גרופּן. ווידערשטאַנד־גרופּן זענען אַנטשטאַנען אין פאַרשיי־דענע צײַטן לויטן פּרינציפּ פון די אָפּשטאַם־שטעט, אָדער אָפּשטאַם־לענ־דער, אָדער פון דער אַרבעטס־קאָמאַנדאָ און אויך אויפן סמך פון אידעאָ־לאָגישער, צי פּאַרטייִשער נאָענטקייט. עס האָבן עקסיסטירט ריין ייִדישע גרופּן און אויך געמישטע, למשל ייִדיש־פראַנצייזישע, ייִדיש־טשעכישע, אָדער געמיינזאַמע קאָמוניסטישע ייִדיש־פּוילישע[3].

ייִדן זענען געווען רעפּרעזענטירט סײַ אינדיווידועל אין כמעט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־גרופּן, סײַ ווי אָרגאַניזירטע ייִדיש־נאַציאָ־נאַלע ווידערשטאַנד־גרופּן. אויב עס גייט אין די לעצטע, ד. ה. אין ייִדישן אָנטייל אין דער אוישוויצער ווידערשטאַנד־באַוועגונג ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, קומט די בכורה קודם כל די פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן אין אוישוויצער ווידערשטאַנד אָפּגעשפּילט אַ וויכ־טיקע און וואָגיקע ראָל. ווען מיר זאָגן, פּוילישע ייִדן — פאַרשטייען מיר אונטער אָט דעם באַגריף נישט בלויז די פּוילישע ייִדן, וואָס זענען גע־בראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ פון אָקופּירטן פּוילן גופא (לויט די גרע־נעצן פון פאַר סעפּטעמבער 1939), נאָר אויך די פּוילישע ייִדן־עמיגראַנטן, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אינעם לאַגער פון זייערע עמיגראַציע־לענדער פראַנקרײַך און בעלגיע.

די ייִדן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַלגעמיינער אינטער־נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ. די ייִדן האָבן אין דער באַוועגונג פאַרנומען אַ סך אָנפירנדיקע פּלעצער. אָפט מאָל ווערן אין דער מעמואַריסטישער אוישוויץ־ליטעראַטור אויסגערעכנט אָנפירנדיקע טוער און קרבנותפולע אַקטיוויסטן דײַטשן, פראַנצויזן, טשעכן און אַפילו פּאָליאַקן, וועלכע זענען פאַקטיש ייִדן, דײַטשישע ייִדן, פראַנצייזישע ייִדן, טשע־כישע ייִדן, סלאָוואַקישע ייִדן, פּוילישע ייִדן, אונגאַרישע ייִדן. דאָס פאַר־שווײַגן די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט, צי דעם ייִדישן אָפּשטאַם בײַ אַ סך ווי־דערשטאַנד־העלדן קומט צום אויסדרוק אויך אין דער אוישוויץ־ליטעראַ־טור. לאָמיר נעמען עטלעכע בײַשפּילן:

דער געוו. אוישוויצער ווידערשטאַנד־פירער און מחבר פון אַ בוך וועגן דעם ווידערשטאַנד אין דעם לאַגער, ברונאָ באַום, שרײַבט וועגן צוויי קאָנספּיראַטיווע טוער, וואָס האָבן רעדאַגירט די אומלעגאַלע אַלאַרם־קאָמוניקאַטן, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר אויסן (דער ענדגילטיקער רעדאַקטאָר איז געווען יוזעף ציראַנקיעוויטש). לויט באַומען זענען דאָס געווען: דער אונגאַרישער קאָמוניסט אַלבערט האַאַס און דער דײַטשישער אַנטיפאַשיסטישער שריפטשטעלער מאַרקסיסט אָטאָ העללער[4]. פאַקטיש איז דער ערשטער געווען אַן אונגאַרישער ייִד און דער צווייטער — אַ דײַטשישער ייִד. דער זעלביקער אונגאַרישער ייִד אַלבערט האַאַס, וועלכער האָט ביז זײַן דעפּאָרטאַציע געלעבט אויף עמיגראַציע אין פראַנקרײַך, איז אַ צײַט געשטאַנען בראָש פון דער פראַנצייזישער ווידערשטאַנד־גרופּע אין אוישוויץ. די דאָזיקע פראַנצייזישע גרופּע איז פאַקטיש באַשטאַנען פון פּוילישע און אַנדערע מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אויף עמיגראַציע אין פראַנקרײַך. צווישן אַנדערע האָט אַלבערט האַאַס אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער ייִדישער ווידערשטאַנד־גרופּע פון דער פאַבריק „אוניאָן”, וועגן וועלכער עס וועט נאָך זײַן אַ רייד[5].

דער זעלביקער מחבר ברונאָ באַום, פאַר וועלכן האַאַס איז אַן אונגאַר (אין אוישוויץ זענען כמעט נישט געווען קיין „ריין־ראַסיקע” אונגאַרן נאָר בלויז אונגאַרישע ייִדן) און העללער איז אַ דײַטש (אין אוישוויץ האָט זיך העללער אין גאַנצן געביטן און איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ייִד), שטעלט אויך פעסט, אַז דער פירער פון דער בעלגישער ווידערשטאַנד־גרופּע אין אוישוויץ 1, סעם בערלינער, איז אַ בעלגיער, בעת פאַקטיש איז ער געווען אַ בעלגישער ייִד, בעסער געזאָגט: אַ ייִד, אַן עמיגראַנט פון מיזרח־אייראָפּע[6]. בערלינער איז געווען אַ קאָמוניסט, און די גרופּע, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, איז ס׳רוב באַשטאַנען פון ייִדן, דעפּאָרטירטע פון בעלגיע. פונקט אַזוי איז זיך באַום טועה, ווען ער שטעלט פעסט, אַז בערטאַ שנײַדער, די אָנפירערין פון אַ דײַטשישער ווידערשטאַנד־גרופּע אין דעם בײַ־לאַגער רייסקאָ (גערטנערײַ־אַרבעטן), איז אַ דײַטשקע. ניין, אויך זי איז געווען אַ דײַטשישע ייִדישקע, און איר גרופּע איז באַשטאַנען דער עיקר פון דײַטשישע ייִדן.

פאַרן זעלביקן מחבר איז אויך האַנס לעדערער, אַ טשעכישער קאָמוניסט און אַן אָנפירנדיקער טוער פון דעם טשעכישן ווידערשטאַנד אין אוישוויץ־

בירקענאַו, אַ טשעך [7], בעת פאַקטיש איז ער געווען אַ טשעכישער ייִד.

ברונאָ באַום דערציילט וועגן אַ סלאָוואַקישע קעמפערין, אַ מעדיקערין, סלאַווואַ קליין, וועלכע האָט געווירקט אַלס ווידערשטענדלערין אין דעם טרויעריק באַרימטן בלאָק 10, ווו עס זענען דורכגעפירט געוואָרן עקספּערימענטן איבער ייִדישע און אַנדערע פרויען [8]. סלאַווואַ קליין האָט איבערגעגעבן דער צענטראַלע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ וויכטיקע, געהיימע מאַטעריאַלן וועגן די פאַרברעכערישע עקספּערימענטן. פאַר באַומען איז זי אַ סלאָוואַקישע פרוי. אין דער אמתן איז זי געווען אַ פּוילישע ייִדישקע און האָט געהייסן דאָראָטאַ לאַרסקאַ (פון דער היים גאָלדשיידער). זי איז געבוירן 3.11.1912 אין דער שטאָט קיעלץ. פאַר דער מלחמה איז זי געפאָרן שטודירן מעדיצין אין פּראַג און פון דאַנען זיך געלאָזט קיין שפּאַניע, ווו זי האָט אָנטייל גענומען אין דעם קאַמף לטובת דער שפּאַנישער רעפּובליק. נאָך דער מלחמה האָט זי זיך באַזעצט אין פּראַג, ווו זי איז אַרעסטירט געוואָרן בעת דעם סלאַנסקי־פּראָצעס אַלס „ייִדישער, ציוניסטישער און טיטאָיִסטישער שפּיאָן". נאָך דער רעהאַביליטאַציע איז זי צוריק געקומען קיין פּוילן, ווו זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1965. סלאַווואַ קליין („סלאַווקאַ") האָט גערעדט אַ פּיַינעם, זאַפטיקן ייִדיש [9].

באַשרײַבנדיק די פאַרהעלטענישמעסיק לײַכטערע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דעם בײַ־לאַגער פון אוישוויץ 3, בונאַ־מאָנאָוויץ, רעכנט אויס ברונאָ באַום אַ גאַנצע ריי דײַטשישע ווידערשטאַנד־אָנפירער פון אָט דעם לאַגער: סטעפאַן היימאַן, עריך מאַרקאָוויץ, קורט פּאָזענער, וואַלטער בלאַס, ווערנער ראָזענבערג [10]. פאַקטיש זענען זיי אַלע אָן אויסנאַם געווען ייִדן, דײַטשישע ייִדן.

די צאָל ייִדישע העלדן פון דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אינעם לאַגער איז זייער גרויס. אָט האָט אַ גרופּע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע פּלאַנירט תחילת 1944 אַן אַקציע פון אַרויסרײַסן זיך פון לאַגער דורך דעם אַרײַנפאָר־טויער. די פּלענער פון דעם וואַך־טורעם און אַרײַנפאָר־טויער האָט צוגעשטעלט דער דײַטשישער ייִד בערנאַרד. ער האָט אָנגעוויזן אויפן אָרט, ווו עס האָט זיך געפונען דער געווער־מאַגאַזין. איינער פון די רוסן האָט געמסרט און אויסגעגעבן דעם גאַנצן ענין. דער דײַטשישער ייִד האָט זיך געהאַלטן העלדיש ביזן סוף [11].



דאָראָטאַ לאָרסקאַ — סלאַוואַ קליין — „סלאַווקאַ".

צווישן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע זענען אויך געווען ייִדן, אויסבאַהאַלטענע ווי רוסן, און זיי האָבן אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע העל־דישע ראָל, וועגן וואָס עס וועט נאָך זײַן אַ רייד.

און אַזוי אויך צווישן די פּוילישע אַנטיפאַשיסטישע אסירים, בפרט די קאָמוניסטן. אַזוי, למשל, האָבן נישט אַלע געוווּסט, אַז דער אָנפירנ־דיקער טוער פון די לינקע פּוילישע ווידערשטאַנד־גרופּן וואָינאַרעק איז גאָר אַ ייִד, אַ געוו. שפּאַניע־קעמפער, און אַז זיין אמתער נאָמען קלינגט: שמעון זיידאָף.

אין דער סאַמע צענטראַלע אָנפירונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז געזעסן אין אַ געוויסער צײַט אַ ייִד, אַ דײַ־טשישער ייִד, אַ קאָמוניסט, וואָס זײַן נאָמען איז: ברונאָ באַום. טאַקע דער זעלבער ברונאָ באַום, מיט וועלכן עס איז אונדז אָקערשט אויסגעקומען צו פּאַלעמיזירן.

בראש פון דער לכתחילה פּוילישער און דערנאָך אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויפן געביט פון לאַגער בונאַ־מאָנאָוויץ איז געשטאַנען אַ יונגער ייִד פון טשענסטאָכאָוו, אַ געוועזענער אסיר פון פּוילישן קאָנצלאַגער קאַרטוז־בערעזע, לייזער סילמאַן. ער איז דערנאָך געווען באַקאַנט אונטער זײַן פּוילישן נאָמען: לעאָן סטאַשאַק.

די אומלעגאַלע אַרבעט צווישן די פראַנצייזישע „פרײַע" אַרבעטער פון זעלביקן בונאַ־לאַגער האָבן אָרגאַניזירט די פּוילישע ייִדן, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרײַך: ייִדל באַרשטשעווסקי (קאַרמאַן) און אַלפרעד בעסערמאַן.

אויפן שטח פון בירקענאַו האָט געווירקט אַ צענטראַלע אָנפירונג פון דער דאָרטיקער אונטערערדישער סאָלידאַריטעט־באַוועגונג, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט ייִדן, ווי נישט־ייִדן. אין דער דאָזיקער אָנפירונג האָבן זיך געפונען די פּוילישע ייִדן און געוו. שפּאַניע־קעמפער דוד שמולעווסקי און עמנואל מינק.

אין לויף פון דער אַרבעט וועט נאָך אויסקומען צו דערמאָנען ייִדישע קעמפער און טוער פון פאַרשיידענע לענדער, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָל אין דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון אוישוויץ.

און אַצינד לאָמיר איבערגיין צו ייִדישע אָרגאַניזירטע גרופּן, ד. ה. ייִדיש־קאָלעקטיוון, נאַציאָנאַלן צושטייַער צו דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון אוישוויץ.

די ערשטע ייִדישע גרופּן, וועגן וועלכע מיר האָבן געוויסע ידיעות, זענען אַנטשטאַנען צוזאַמען מיטן ברענגען קיין אוישוויץ די ייִדישע מאַסן־טראַנספּאָרטן פון „בעצירק ציכענאַו", ווו דער גירוש פון די ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן אין נאָוועמבער 1942. די אסירים, ייִדן פון טשעכאַנאָוו, מלאַווע, פּלאָנסק האָבן געשאַפן די ערשטע ייִדישע אָרגאַניזירטע גרופּן. אָט אַזוי קומען מיר צו דער גרופּע 1:

ערשטע טשעכאַנאָווער גרופּע

אַזוי ווערט אָנגערופן די ערשטע אונדז באַקאַנטע ייִדישע אָרגאַניזירטע גרופּע, הגם עס האָבן צו איר געהערט אויך ייִדן פון מלאַווע און אַנדערע שטעטלעך פון „בעצירק ציכענאַו" און מיט דער צייַט אויך ייִדן פון וואַרשע און אפילו פון אַנדערע לענדער, ווי סלאָוואַקיע. דאָס אַלץ איז מעגלעך געווען אַדאַנק צוויי אומשטאַנדן: דער אַרבעט אין געמיינזאַמע קאָמאַנדאָס און דער אידעאָלאָגישער נאָענטקייט, וואָרום די מערהייט מיטגלידער פון דער טשעכאַנאָווער גרופּע איז באַשטאַנען פון ציוניסטישער יוגנט.

אָנגעהויבן האָט זיך פון זאַמלען זיך אין דעם באַראַק, ווו עס האָבן „געוווינט" עטלעכע טשעכאַנאָווער אסירים, צווישן זיי אויך נח זאַבלודאָוויטש. אָנגעהויבן האָט זיך פון קעגנזייַטיקער הילף, סאָלידאַריטעט, אידעאָלאָגישע שמועסן און ווען עס איז געקומען די אַלגעמיינע ענדערונגען פון תחילת 1943 איז געלונגען די פאָרשטייער פון דער גרופּע אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט צוויי ייִדן, צענטראַלע טוער פונעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד: די דערמאָנטע שמעון זיידאָף און ברונאָ באַום. דער ערשטער איז אַנטלאָפן פון לאַגער און דער צווייטער איז געבליבן דער פאַרבינדלער פון דער ייִדישער גרופּע מיט דער צענטראַלע, ער האָט אַרייַנגעפירט אין דער טשעכאַנאָווער גרופּע אָרגאַניזירטע פאָרמען און קאָנספּיראַטיווע דיסציפּלין. באַום איז געווען בייַ די ייִדישע קעמפער זייער באַליבט. ער האָט געהויבן זייער מוט. זייַן לאָזונג וועגן נישט לאָזן זיך פירן פּאַסיוו צום טויט איז געוואָרן אָנגענומען דורך די ווידערשטאַנד־לעכצנדיקע פּוילישע ייִדן. די טשעכאַנאָווער גרופּע האָט אָנטייל

גענומען אין קליינעם סאַבאָטאַזש, אין אָרגאַניזירן אַנטלויפונגען, פאַר־שפּרייטן געהיימע ביולעטינען און ידיעות און אין דער הילף־אַקציע. צו דער אָנפירונג האָבן געהערט: מרדכי ביילאָוויטש, לייבל יהודה לאופער (אַ סלאָוואַקישער ייִד), אריה לייבעק בראָון (פון רופין), נח זאַבלודאָ־וויטש און משה קולקאַ פון טשעכאַנאָוו. די פאַרבינדונגס־מענער מיט אַנדערע גרופּן זענען געווען דער שומר פון וואַרשע און געוו. אָנטייל־גענומען אינעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, ישראל גוטמאַן און יהודה לאָופער [12]. לייבעק בראָון זאָל אַפילו האָבן אַ צײַט געהערט צו דער צענטראַלער ווידערשטאַנד־אָנפירונג [13].

די טשעכאַנאָווער גרופּע האָט געפירט איר טעטיקייט אויפן שטח פון אוישוויץ 1 און האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט נאָך דרײַ ייִדישע גרופּן,

2, פון דער פאַבריק „אוניאָן",

3, פון פרויען־לאַגער,

4, פון ד. א. וו. (דויטשע אויסריסטונגס־ווערקע)

וועגן דער גרופּע פון „אוניאָן", וועלכע איז פאַקטיש באַשטאַנען פון צוויי גרופּן — אַ פרויען און מענער־גרופּע — וועט נאָך זײַן אַ רייד.

בנוגע דער גרופּע אין דעם פרויען־לאַגער איז כדאי אויף דעם אָרט צו זאָגן, אַז דאָס האָט מיט איר אָנגעפירט די שפּעטערדיקע העלדין פון אוישוויצער ווידערשטאַנד, די טשעכאַנאָווער שומרת רוזשאַ ראָבאָטאַ. אָבער אויך וועגן איר וועט נאָך זײַן אויספירלעך אַ רייד.

די גרופּע פון ד. אַ. וו. ווערט אויך אָנגערופן פּרוזשאַנער גרופּע, ווײַל די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער גרופּע זענען געווען ייִדישע קעמ־פער, וואָס זענען אָנגעקומען מיטן טראַנספּאָרט פון פּרוזשאַני דעם 31סטן יאַנואַר 1943.

צו דער גרופּע האָבן אָבער אַחוץ די פּרוזשאַנער ייִדן געהערט אויך ייִדן פון מלאווע און טערעזיענשטאַט (טשעכיע). די אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון דער דאָזיקער ייִדישער ווידערשטאַנד־גרופּע זענען געווען: ברוך קאַנעל און הערשל מיראַווסקי. די גרופּע האָט זיך פאַרנומען נישט בלויז מיט קעגנזײַטיקע הילף און רעטונג, נאָר אויך אָרגאַניזירט אַן אַקציע פון הערן ראַדיאָ און פון קאָלפּאָרטירן ראַדיאָ־ידיעות. די גרופּע האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיטן ווידערשטאַנד־פירער יוזעף ציראַנקיע־וויטש און אַנדערע גרופּן [14].

צווישן אַנדערע האָט די פּרוזשאַנער גרופּע אײַנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער

5. יידישע גרופּע פון דער בעקערײַ

בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען משה גאָלדבערג, וועלכער האָט געשטאַמט פון פּרוזשאַנער געגנט. די דאָזיקע גרופּע האָט געגנבעט ברויט פאַר די אַנדערע יידישע אסירים. די גרופּע פלעגט אונטערהערן ראַדיאָ־ידיעות אין די דירות פון די ס.ס.־לײַט, צו וועלכע די יידישע בעקערײַ־אַרבעטער האָבן געטראָגן יעדן אינדערפרי ברויט. משה גאָלד־בערג איז געווען דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן דער פּרוזשאַנער און דער בעקערײַ־גרופּע און האָט אויך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט יוזעף ציראַנ־קיעוויטשן [15].

ידיעות זענען פאַראַן וועגן נאָך צוויי יידישע גרופּן אין אוישוויץ:

6. די יידישע קאָמוניסטישע גרופּע פון העניעק גאָלדשאַל [16]

7. די יידישע קאָמוניסטישע יוגנט־גרופּע פון לאָדזשער געטאָ [17]

אויפן שטח פון דעם סאַמע גרויזאַמסטן פון אַלע לאַגערן פונעם רײַ־זיקן אוישוויץ־קאָמבינאַט, אויפן שטח פון בירקענאַו (בזשעזשינקע) זע־נען טראָץ דעם דראָענדיקן יעדע רגע טויט, געווען יידישע סאָלידאַרי־טעט און ווידערשטאַנד־גרופּן, דהײַנו:

8. די יידישע אַנטיפאַשיסטישע גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון דוד שמולעווסקי און עמנואל מינק

צו די אַקטיוויסטן פון דער דאָזיקער גרופּע האָבן אויך געהערט: אַלעקסאַנדער, נחמן ווילנער (פיינשטיין), אַרנאָלד בענצמאַן, אַלטער פיינזילבער, מאיר לאַנגמאַן, בערמאַן, זיגמונט סוויערדלאָווסקי, לאַזאַר עטינגער, סעוועק קירשענבוים, קאַליסקי, עפּשטיין, זשאַק פּורמאַנסקי, שנײַדער, פריילין, סימאָן לאַקס (אַ קאָמפּאָזיטאָר), פינקעלרויט, ד״ר אַנדרעאַס מילאַר (אַ סלאָוואַקישער ייד). די אַלע אַקטיוויסטן זענען ס׳רוב געווען מענטשן, וואָס זענען שוין געהאַט דורכגעגאַנגען אַ געהעריקע פּאָליטישע און קאַמפּס־שול. דאָס זענען געווען אין דער נישט ווײַטער פאַרגאַנגענהייט פּראָלעטאַרישע טוער פון פּוילן און פון דער פראַנצייזי־שער עמיגראַציע, שפּאַניע־קעמפער, קאָנספּיראַטיווע טוער פון אָקופּירטן פראַנקרײַך. זיי זענען אַלע געקומען קיין אוישוויץ, אַזוי צו זאָגן, גלײַך פון שלאַכטפעלד. עס זענען צווישן זיי אויך געווען אייניצלנע נישט פּוי־

לישע ייִדן, ווי למשל אַלעקסאַנדער — אַ געוו. טוער פון דער רומענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס זענען אויך געווען אינעם אַקטיוו אומפּאַרטייִשע ייִדן מיט אַנטיפאַשיסטישער איינשטעלונג.

די דאָזיקע גרופּע, וועלכע מען קאָן אַפילו אָנרופן — אָרגאַניזאַציע, האָט אַ גרויסן באַטייַט פאַר אונדזער טעמע — ראשית ווייַל זי איז געווען אַ צענטראַלע און האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן (בירקענאַוער) לאַגער, והשנית — ווייַל איר געשיכטע און טעטיקייט־כאַראַקטער איז געווען טיפּיש פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, און דריטנס האָט די דאָזיקע גרופּע רעפּרעזענטירט פּאַקטיש די באַוועגונג פון בירקענאַו. די אָנפירונג פון דער גרופּע איז געווען אייגנצייַטיק אַ טייל פון דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער באַוועגונג אין גאַנץ בירקענאַו, צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט — דער פירער פון פּוילישע סאָציאַליסטן אַלעקסאַנדער יאַגעללאָ („קאָסטעק”), דער פירער פון די פּוילישע קאָמוניסטן זיגמונד באַליצקי, דער רוסישער קריגס־געפאַנגענער וואַלענטין פילאַטאָוו און פאַרשטייער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, חוץ דייַטשן. אַזוי אַרום איז דאָס געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע ווידערשטאַנד־גרופּע. די גרופּע האָט, פּונקט ווי די דייַטשישע און פּוילישע גרופּן, געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, וואָרום עס איז איר געלונגען צו באַזעצן אַ גאַנצע ריי פונקציעס, בעיקר פון שרייַבערס און קאַפּאָס, הגם לכתחילה זענען די מענטשן אָנגעקומען מיט אינסטרוקציעס נישט אָנצונעמען און זיך נישט מטמא זיין מיט קיין שום פונקציע. אָבער אויג אויף אויג מיט דער לאַגער־ווירקלעכקייט האָבן זיי זיך איבערצייַגט, אַז מען קאָן און מען דאַרף אויסנוצן די פונקציעס לטובת די אסירים, לטובת דער זאַך. אויף וויפל ווייַט די פונקציעס זענען טאַקע אויסגענוצט געוואָרן פּאָזיטיוו איז געווען אָפּהענגיק פון דעם כאַראַקטער, גייַסטיקער פעסטקייט און מענטשלעכקייט פון יעדן חבר באַזונדער. דער בייַשפּיל בערגער איז אַן אויסנאַם.

די טעטיקייט פון דער גרופּע, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אין די יאָרן 1943־1944, איז געווען זייער אַ ברייטע, דהייַנו:

א. קעגנזייַטיקע הילף און רעטונג,

ב. צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, למשל מיט די סאָוויעטישע און לינק־פּוילישע. דער עיקר איז גרויס דער פאַרדינסט

פון דער ייִדישער גרופּע פאַר דער סאָוויעטישער ווידערשטאַנד־גרופּע אין בירקענאַו אונטער דער אָנפירונג פון סטעפאַן טינטשענקאָ (פון לע־נינגראַד). די ייִדן האָבן צוגעשטעלט דער סאָוויעטישער גרופּע ביולעטינען מיט ידיעות פון די פראָנטן, געהאָלפן מיט שפּייַז, באַקליידונג וכדומה.

ג. קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין שטאַם־לאַגער אוישוויץ 1. דורך דער גרופּע פון מינק און שמולעווסקי זענען געגאַנגען קיין אוישוויץ 1 און פון דאָנען אין דרויסן, צו דער וועלט, די גרויליקע ידיעות און מאַטעריאַלן וועגן דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די ייִדן אין די גאַז־קאַמערן. דורך דער ייִדישער גרופּע זענען אויך געגאַנגען פאַר דער אַלגעמיינער באַוועגונג, און בפרט פאַר דער פּוילישער, געלט און אַנדערע ווערט־מיטלען.

ד. די גרופּע איז געשטאַנען אין אַ קאָנטאַקט מיט דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וועגן וועלכער עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, און אויסגע־איבט אויף איר אַ באַשטימטן אייַנפלוס.

ה. די גרופּע האָט אָרגאַניזירט אַנטלויפונגען.

ו. פון די רייען פון דער גרופּע איז אַרויס אין דער צווייטער העלפט פון 1944 די איניציאַטיוו פון אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד, וואָס איז געווען פאַרטראַכט ווי אַ טייל פון אַלגעמיינעם קאַמפּס־אַרויסטריט פון גאַנצן לאַגער. באַזונדערס אַקטיוו איז אין דער פראַגע געווען דער געוו. קאָמאַנדיר פון דער באַטווין־קאָמפּאַניע אין שפּאַניע, דער לייטע־נאַנט פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, דער יונגער אַרבעטער־טוער פון טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק — עמנואל מינק. צו דעם דאָזיקן גאַנצן ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

די אינערלעכע אויפגאַבן זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך דער גרופּע, וואָס אירע רייען זענען אייַנגעשרומפּן געוואָרן גלייַך די ערשטע צייַט, ווען עס זענען פון הונגער, טיפוס און קלעפּ געשטאָרבן אַ סך פון אירע מיטגלידער [18].

9. די גרופּע פון די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ

סוף פרילינג 1943 האָט די גרופּע פון עמנואל מינק און דוד שמו־לעווסקי דעראָבערט אַ קאָנטאַקט מיט ייִדן געבראַכטע פון צעשטערטן וואַרשעווער געטאָ. בתוכם מיט אָנטיילנעמער פון געטאָ־אויפשטאַנד. דוד שמולעווסקי געדענקט איין נאָמען: רובין. ער איז אייגנטלעך אַנט־

לאַפּן פון געטאָ און איז נאָך לאַנגע גילגולים געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ. ידיעות וועגן דעם געטאָ־אויפשטאַנד זענען געבראַכט געוואָרן אויך דורך פּוילישע פּאַוויאַק־אַרעסטאַנטן, דעפּאָרטירטע קיין אוישוויץ. די ייִדישע און לינק־פּוילישע אוישוויץ־אסירים, דער עיקר דער סאָציאַליסט קאָסטעק יאַגעללאָ, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די ייִדן, האָבן פאַרשפּרייט די בשורה פון ייִדישן אויפשטאַנד צווישן די אסירים פון לאַגער.

נאָך אַ געוויסער צײַט איז בײַ דער ווידערשטאַנד־אָנפירונג אין בירקענאַו אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו שאַפן אַן אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־גרופּע פון די וואַרשעווער ייִדן. צו דעם צוועק זענען אויסגעטיילט געוואָרן צוויי טוער: אַ ייִד און אַ פּאָליאַק, אַ קאָמוניסט: דער ייִד האָט געהייסן ישראל פעלד (סרוליק, פּסעוודאָ: ראָבערט) וועלכער האָט געשטאַמט פון רימאַנאָווא (פּוילן), עמיגרירט קיין בעלגיע. אַלס ווידערשטענדלער איז ער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין מאַטהאַוזען און פון דאַנען קיין אוישוויץ. דער פּוילישער קאָמוניסט איז געווען יוזעף שפּילסקי, אויך פון וואַרשע. קיין ווײַטערדיקע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון די וואַרשעווער ייִדן האָבן מיר נישט. איינס איז אָבער זיכער: אַזאַ גרופּע האָט אַ געוויסע צײַט עקסיסטירט, און פּונקט ווי אַנדערע אין בירקענאַו איז זי אויך וואַרשיינלעך שנעל ליקווידירט געוואָרן [19].

10. די גרופּע פון פּלאַנסקער ייִדן אין בלאָק נ׳ 9

וועגן וועלכער מיר ווייסן צוו. אַ., אַז זי האָט זיך אָרגאַניזירט צו באַקעמפן די שלעכטע קאַפּאָס און אַנדערע סאַדיסטישע פונקציאָנערן. די גרופּע האָט דערקלערט אַ קאַמף דעם דערמאָנטן שוין פונקציאָנער בערגער. די פּלאַנסקער גרופּע האָט אויך געהאַט העכערע ווידערשטאַנד־צילן און מיט דעם צוועק אײַנגעשטעלט אַ צוזאַמענאַרבעט מיט דער גרופּע פון סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע אונטער דער אָנפירונג פון חבר דימאַ [20].

11. די גרופּע ייִדישע פרויען דעפּאָרטירטע פון בעלגיע

צווישן די מיטגלידערינס און טוערינס פון דער גרופּע ווערן אויסגערעכנט: גיזאַ ווײַסבלום (וווינט איצט אין ישראל), שרה גוטפרײַנד (איצט אין ישראל), שרה גאָלדבערג (בעלגיע), אסתר טענצער (ווין), בעקי איסטין (בעלגיע), לאה לובקאַ (אומגעקומען אין אוישוויץ), ראָזאַ

פּרעזענט (אומגעקומען אין אוישוויץ), לאַלאַ ראַבינאָוויטש (איצט בער־לינער, וווינט אין קאַנאַדע), דאָראַ ראַבינאָוויטש (איצט מאַגריל, וווינט אין ישראל), אידאַ שולזינגער (איצט גאַנץ, וווינט אין בעלגיע), אַדעלאַ שערמאַן (בעלגיע), עציו שענפעלד (בעלגיע) און רות שענקער־לבון (איצט אין ישראל).

די מערהייט פון זיי האָט געהערט צו דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג אָדער צו ציווילע ווידערשטאַנד אָרגאַניזאַציעס אין בעלגיע און איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ דעם 2טן אויגוסט 1943 פון דורכגאַנגס־לאַגער אין בעלגיע: מאַלין. שוין דאָרט זענען זיי געווען אָרגאַניזירט, קעגנזײַ־טיק זיך געשטיצט, מיט אַלץ זיך געטיילט.

פאַרבונדן מיט דער גרופּע איז געווען מאַלאַ צימעטבאַום (וועגן וועל־כע עס וועט זיין אַ רייד שפּעטער). זי האָט זיך מיט זיי ספּעציעל פאַר־נומען. דורך איר קרובה גיזאַ ווײַסבלום איז זי צוגעצויגן געוואָרן צו דער אונטערערדישער טעטיקייט. אַדאַנק איר זענען די בעלגישע אסירות צו־געטיילט געוואָרן צו אַ שיך־קאָמאַנדאַ. די אַרבעט איז געווען אַ לײַכ־טערע אין פאַרהעלטענישמעסיק בעסערע באַדינגונגען, קודם כּל אונטער אַ דאַך און נישט אויסגעשטעלט אויף קעלט, רעגן אָדער ברענענדיקע זון, ווי דאָס איז געווען אין דער „אויסערן־קאָמאַנדאָ". בײַם סאָרטירן די שיך האָבן זיי געהאַט מעגלעכקייטן צו „אָרגאַניזירן" אַ פּאָר בעסערע שיך פאַר זיך און אויך פאַר אַנדערע. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן געהעריק צוטיילן די שיך איז געווען אין דער גרופּע שרה גוטפרײַנד. כּמעט אַלע פון דער קאָמאַנדאַ האָבן געוווינט אין דעם זעלבן בלאָק.

אין 1944 האָט זיך די גרופּע פאַרגרעסערט. צו איר זענען צוגעע־שטאַנען די אָנגעקומענע מיט שפּעטערדיקע טראַנספּאָרטן פון מאַלין ווי־דערשטאַנד־אַקטיוויסטינס: סאָניע גאָלדמאַן־וואַסערשטרום (איצט אין בעלגיע), ראָזע גרישאָוו (איצט אין בעלגיע), אַנעט מאַנדעלבאַום (אין בעלגיע), אסתּר מאַנדעלבאַום (בעלגיע), גוטאַ קינזשעלעווסקאַ (פּוילן), אַלין סקעראַבאַלסקאַ (בעלגיע) און שׂרה טאַשמאַן (בעלגיע). צו דער גרופּע האָט אויך געהערט רחל בראַנדט פון פּוילן (איצט: רחל ברוט אין ישראל). זיי האָבן געאַרבעט אונטער דער שטרענגער קאָנטראָל פון ס.ס.־אויפזעער. זיי זענען געווען אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט אין „קאַ־נאַדע", אין אַזוי גערופענער אין לאַגער זשאַרגאָן „פּילץ־קאָמאַנדאָ",

ד.ה. בײַם אויפזוכן און סאָרטירן װערטפולע חפצים װי צירונג, גאָלד, טײַערע שטײנער, געלט א.א. װאָס מען האָט געפונען אין די בגדים.

אַ דריט קעמערל פון דער גרופּע איז געװען אין דער פאַבריק „אוניאָן" אין באַשטאַנד פון: ראָזאַ טאַבאַקמאַן (אַן אַקטיװיסטין פון לינקע פּועלי ציון), העניאַ האַס, און דרײַ עסטרײַכישע ייִדישע פרויען, הערטאַ, װילמאַ און לאָטטי (די פאַמיליע־נעמען נישט באַקאַנט), װעלכע האָבן געלעבט אויף עמיגראַציע אין בעלגיע.

צו דער גרופּע האָט אויך געהערט אַ קעמערל יונגע מײדלעך: העלען גאַרנצאַרסקי (איצט סוסקינד — בעלגיע), בערטאַ יוריסטאַ (איצט גלאַזער — ישׂראל), אסתּר האזענפּוס (ישׂראל), דאָראַ קירשענשטײן (בעלגיע). די אויפזיכט איבער זײ האָט געהאַט לאָלאַ ראַבינאָװיטש. די פאַראַנטװאָרט־לעכע פאַר די באַזונדערע קעמערלעך זענען געװען: שׂרה גוטפרײַנד, אַדעלאַ שערמאַן, העניאַ האַס פון „אוניאָן" (איצט אין שװעדן).

שׂרה גוטפרײַנד האָט רעפּרעזענטירט די בעלגישע גרופּן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען קאָמיטעט פון דער װידערשטאַנד אָרגאַניזאַציע אין אױשװיץ, פון װעלכע בראש איז געשטאַנען מאַרי קלאָד װעיאַן קוטוריע, די פראַנצײזישע געזעלשאַפטלעכע טוערין, קאָמוניסטין. לאָטטי פון „אוניאָן" האָט רעפּרעזענטירט די עסטרײַכישע חברטעס.

די טעטיקײט פון דער גרופּע איז באַשטאַנען אין קעגנזײַטיקע הילף, רעטונג, מונטערן און אונטערהאַלטן די סאָלידאַריטעט צװישן די אסירים. צוגרײטן אינפאָרמאַציעס װעגן פּאָליטישע געשעענישן און גרײטן זיך צום קאַמף אין פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמײנער װידערשטאַנד אָרגאַ־ניזאַציע אין לאַגער.

מיט דער צײַט האָט זיך איר טעטיקײט אויסגעברײטערט. די אינפאָר־מאַציעס זענען געװאָרן אָפטערע אַדאַנק דער הילף פון די „לויפערקעס": מאַלאַ צימעטבאַום, לאה שאַיעװיטש (איצט קאַרבי — אין ישׂראל), שׂרה (סאַלאַ) טעמפּלער (איצט — אין ישׂראל), הערטאַ (פון בראַטיסלאַװע).

זײ פלעגן איבערגעבן ראַדיאָ ידיעות, װעלכע זײ האָבן געהערט בשתיקה פון די צימערן פון זײערע ס.ס.־שעפן און טײל מאָל אויך ברענגען אַ געפונענע דײַטשישע צײַטונג אָדער גאָר אַ פּיצל פון איר. די גרופּע האָט אויך אָפּגעמערקט אַרבעטער־יום־טובים װי 1טער מײַ, פרויען־טאָג א. אַ. װ. דאָס זענען געװען קורצע טרעפונגען צװישן די

בלאָקן פון אַ קלענערער צאָל מיטגלידער. איינע פון זיי האָט געהאַלטן אַ קורצן רעפעראַט. אַזאַ טרעפונג האָט געהויבן די שטימונג, אָפּגעריסן פון דער אוישוויצער ווירקלעכקייט און צוגעגעבן מוט און כּוח.

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1944 האָט זיך די גרופּע געגרייט אָנטייל צו נעמען אין פּלאַנירטן אַלגעמיינעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון לאַגער. זי האָט געגרייט און באַהאַלטן פלעשער מיט בענזין, שערן צו איבערשניידן די דראָטן.

גיזאַ ווייסבלום דערציילט, אַז דער אסיר פּאָליאַק, עדוואַרד גאַלינסקי, מיטגליד פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, וועלכער פלעג ווי אַן אינסטאַלאַטאָר קומען אויף אַרבעט אין פרויען־לאַגער, האָט איר איבערגעגעבן אַ שער צו שניידן דראָטן און אויך אינסטרוקציעס, ווי אַזוי זיך באַנוצן מיט דעם [21].

וועגן דער טעטיקייט און אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין דעם ערשטן קעמערל (פון דער שיך־קאָמאַנדאָ), דערציילט אַן אויטאָריטאַטיווער עדות. דאָס איז שרה גאָלדבערג, וועלכע האָט געהערט צו דער יידישער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג פון בעלגיע און איז אויך געווען טעטיק לטובת דער געהיימער אַנטיהיטלעריסטישער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע „רויטע קאַפּעליע". זי איז אַרעסטירט און דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ, ווו זי איז גלייך צוגעטרעטן צו דער אונטערערדישער גרופּע פון די בעלגישע יידישע פרויען. זי דערציילט אַט וואָס:

„נישט געקוקט אויף די ליידן, קעלט, הונגער, קלעפּ, שטראָפן, וואָס זענען באַשטאַנען אין שטיין שעהען לאַנג מיט אויפגעהויבענע אָרעמס, נישט געקוקט אויף די אַפּעלן, וואָס האָבן געדויערט לאַנגע שעהען, איז דאָך אונדזער לעבן אין דער שיך־קאָמאַנדאָ געווען לייכטער אַדאַנק דער קעגנזייטיקער סאָלידאַריטעט. איין חברטע האָט דער צווייטער נויט־ליידנדיקער אָוועקגעגעבן דאָס שטיקל ברויט; איינע האָט פאַר דער אַנדערער געאַרבעט, ווען יענע איז געווען קראַנק. איך בין דורכגעגאַנגען אין לאַגער שווידערלעכע קראַנקייטן: טיפוס, סקאָרבוט, דיזענטעריע, פּאָרונקלאָזע; איך בין דורכגעגאַנגען צענדליקער סעלעקציעס און יעדעס מאָל האָט מיך געראַטעוועט די סאָלידאַרע הילף פון די חברים און חברטעס. ווען איך בין געלעגן אויף טיפוס איז מיין צערייצונג דערגאַנגען ביז משוגעת. איך האָב גערעדט פון היץ און נישט געוווּסט וואָס איך רעד.

איך האָב איין מאָל געזאָגט פון היץ, אַז איך וויל אַן עפּל. די חברטעס זענען אַוועק און פאַרטוישט זייער ברויט אויף אַן עפּל. אָט ווי אַזוי די סאָלידאַריטעט האָט מיר און אַנדערע געראַטעוועט דאָס לעבן״ [22].

אַ צווייטע, שׂרה גוטפריַינד, אַ מיטגלידערין פון דער גרופּע, שרייַבט:

„...דאָס זיַין אָרגאַניזירט, אין אַ קאָלעקטיווע גרופּע פון קעגנזיַיטי־קער הילף האָט נישט בלויז אויפגעהאַלטן דעם מאָראַל פון יחיד, געגעבן אים דאָס געפיל, אַז ער איז נישט אויסגעשטעלט אויף זיך אַליין און אים נישט געלאָזט, אונטערן דרוק פון די דאָזיקע חיהשע אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען זיך איַינברעכן, פאַרלירן דעם מוט, זיך אָפּלאָזן — נאָר האָט אויך געהאַט אַ ממשותדיקע לעבנס־באַדיַיטונג בייַם דערהאַלטן, ווי וויַיט מעגלעך פיזיש דעם קערפּער פון דעם נעבעכדיקן ביסל צוגע־טיילטן שפּיַיז.

צווישן אַנדערע גרויליקע סצענעס וועל איך נישט פאַרגעסן די סצענעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט בייַם פונאַנדערטיילן דאָס ביסל וואַסערדיקע זופּ צי דאָס שטיקל קלעפּיקע שוואַרצע ברויט אויף דער א.ג. „קאַראַנטאַנע״, ווו מען איז, נאָכן אָנקומען אין לאַגער געהאַלטן געוואָרן ביַי 8־9 וואָכן איידער מען איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַרבעטס־קאָמאַנדאָ.

די זופּ איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אַזוי, אַז אויף יעדע פינף פּרויען אַ שיסל זופּ. צי קאָן זיך דען ווער פאַרשטעלן די סצענעס, ווען 5 מענטשן מיט וועלפיש־אויסגעהונגערטע אויגן באַקומען בשותפות איין שיסל זופּ?... דערצו פרעמדע, נעכטן זיך נישט געקענט און איצט היַינט, דאָ, האָט זיי דער גרויזאַמער געמיינזאַמער גורל צונויפגעפּאָרט. שוין נישט רעדנדיק וועגן דער היגיענישער זיַיט, ווען נישט איינע פון אַזאַ מין פינפטל איז שוין אויך געווען קראַנק און די שיסל איז געגאַנגען פון מויל צו מויל... דערביַי די סצענעס בייַם ציילן די צאָל זיפּן, צי ביַי אַ צו „טיפערן״ זיפּ פון דער שיסל...

אַנדערש האָט, אָבער אויסגעזען די לאַגע ביַי די אָרגאַניזירטע גרופּן. הוץ דעם וואָס די מענטשן האָבן זיך געקענט, געווען נאָענט, געזאָרגט איינער פאַרן צווייטן, געמונטערט זיך נישט אָפּצולאָזן, זיך האַלטן ריין, וואָס דאָס אַליין האָט געהאַט אַ לעבנס־באַדיַיטונג, האָט אויך די שטאַרקע דיסציפּלין געהאָלפן צו זעלבסטבאַהערשונג, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט,

אַז פון דעם ביסל זופּ זאָל יעדער גלײַך געניסן און די פונאַנדערטיילונג זאָל פאָרקומען אַן געוואַלדן, געשלעגן א.ד.גל.

און איצט די פּאָרציע ברויט...

אַ ברייטל פון בערך 800 גראַם איז געווען באַשטימט פאַר 4 פּערזאָן.

פאַר די בלאָק־עלטסטע מיט אירע געהילפן, איז, אָבער, אין דעם פאַל געווען באַקוועמער אַליין צעשנײַדן די ברייטלעך אויף פיר פּאָרציעס אַנשטאָט צוטיילן אַ ברייטל פאַר 4, ווײַל שנײַדנדיק די פּאָרציעס האָבן זיי געקאָנט אַראָפּגנבענען פון יעדער פּאָרציע עטלעכע גראַם ברויט פאַר זיך...

מיר האָבן דאָס באַמערקט און אָנגעהויבן צושטיין צו דער בלאָק־עלטסטע, אַז זי זאָל אונדז געבן גאַנצע ברייטלעך און מיר וועלן שוין צווישן זיך אַליין פונאַנדערטיילן. לײַכט איז אונדז דאָס נישט אָנגעקומען, אָבער דאָך האָבן מיר דאָס אויסגעפּועלט.

דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ זייער גרויסע דערגרייכונג.

נישט בלויז, וואָס מיר האָבן דערמיט ליקווידירט דאָס סיסטעמאַטישע באַגנבענען אונדז פון שטיקל ברויט, נאָר מיר האָבן געקאָנט לײַכטער, אין אַ נויטפאַל אָפּשפּאָרן אַ שטיקל ברויט כדי דאָס אויסטוישן אויף אַ ציבל, אַ מייערל א ד. גל. פאַר אַ קראַנקער חברטע.

אויף מיר און גיזאַ ווײַסבלום איז געלעגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר שנײַדן, מעסטן און טיילן די פּאָרציעס ברויט. נישט פון די לײַכטע פונקציעס איז דאָס געווען, אין יענע אוממענטשלעכע באַדינגונגען.

ווי ווײַט די סאָלידאַריטעט האָט זיך דערהויבן, איז כדאי דאָ צו דער־מאָנען כאָטש איין בײַשפּיל פון פיל ענלעכע.

אַ געוויסן טאָג קומט גיזאַ (ווײַסבלום) צוריק פון דער אַרבעט אָנגעטאָן אין אַ פּאָר שיך אויף די פיס, אַ קליידל, אַ שערצל, אַ טיכל אויפן קאָפּ, וואָס איר קוזינע מאַלאַ האָט פאַר איר „אָרגאַניזירט". מיר האָבן נישט באַ־וויזן צו באַוואונדערן דאָס צוריקבאַקומען די א. ג. „מענטשלעכע צורה" ווי גיזאַ נעמט פון זיך אַראָפּציען דאָס אַלץ און טיילט דאָס פונאַנדער צווישן אונדז, פאַרהאַלטנדיק פאַר זיך בלויז דאָס טיכל צו צודעקן איר אָפּגעגאָלטן קאָפּ...

איך האָב פון איר באַקומען די שיך, ווײַל מײַנע פיס זענען שוין געווען אָפּגעריבן און געשוואָלן פון די הילצערנע טרעפּאַקעס, אַגב האָב איך

לאַנג פון די שיך נישט געגאַסן; זײַענדיק אויף אויסערן־אַרבעט האָט אַ דײַטשע קאַפּאָ מיר זיי פון די פּיס אַראָפּגעצויגן, דערלאַנגענדיק מיר נאָך עטלעכע קלעפּ...

איך בין אויסן מיט דעם אָט אַ סאָלידאַריטעט־בײַשפּיל, וואָס איז, ווי שוין דערמאָנט איינער פון צווישן פיל, וואָס דערקלערן מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט, אַז אונדזער האַלטונג אַלס אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו, די קעגנזײַטיקע הילף, דאָס דערהאַלטן אונדזער מאָראַל, האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה הן אויף אַ מאַלאַ צימעטבאָום הן אויף פיל אַנדערע.

מיר זענען אין דעם דאַזיקן בלאָק נישט געווען די איינציקע קאָלעקטיווע גרופּע. אַגב געקומען שוין פון מאַלינער לאַגער אַלס אָרגאַניזירטע קאָמונע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פּאַרטיזאַנערינס, אַנטי־נאַצי קעמפער פון בעלגיע. מיר האָבן דאָרט שוין געטראָפן אַן אָרגאַניזירטע גרופּע פון יוגנטלעכע מיידלעך פון „השומר הצעיר" פון בענדין און אומגעגנט. מעגלעך אַז עס זענען אויך געווען אַנדערע גרופן, אָרגאַניזירטע לויט נאָענטקייט פון זעלבן שטעטל א. א. וו.

דאָך, שטאַנדהאַפטיק, מיט אויסדויער האָבן זיך געהאַלטן די גרופן, וועלכע זענען באַשטאַנען פון אידעיִש־געזעלשאַפטלעכער נאָענטקייט. פון זיי טאַקע האָבן זיך אויך געבילדעט די אונטערערדישע ווידערשטאַנד־גרופן אין לאַגער.

דאָס אַלץ האָט אויפגעהאַלטן און געשטאַרקט דעם מאָראַלישן כּוח אין דעם איבערמענטשלעכן געראַנגל אין דעם גיהנום, וואָס רופט זיך: אוישוויץ".

וועגן דער טעטיקייט פון דער צווייטער גרופּע גיט איבער די ייִדיש־בעלגישע אַנטיפאַשיסטישע טוערין און די אַקטיוויסטין פון דער דער־מאָנטער גרופּע אין בירקענאַו, סאָניע גאָלדמאַן־וואַסערשטרום. די חברטעס פון דער דאַזיקער גרופּע האָבן באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אַדאַנק דער טוערין שׂרה גוטפרײַנד און האָבן אויסגענוצט זייער אַרבעט אין דער צירונג־קאָמאַנדאָ לטובת הכּלל. זיי האָבן נעמלעך מיט גרויס מסירת נפש געגנבעט צירונג און ווערטזאַכן און אויף אַן אומלעגאַלן וועג עס געשיקט צו דער צענטראַלע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אוישוויץ 1. דער ציל פון

די בעלגישע ייִדישע פרויען איז געווען, אַז דאָס זאָל גיין אויף איינ־קויפן געווער.

12. די גרופּע ייִדישע פרויען, דעפּאָרטירטע פון פראַנקרייַך

די גרופּע איז געוואָרן פריִער אָרגאַניזירט ווי די בעלגישע. זי איז אויך געווען אַ גרעסערע. פּאַקטיש האָט די גרופּע אָנגעפירט מיט דער אונטערערדישער טעטיקייט פון די ייִדישע פרויען און געהאַט אַן איינ־פלוס אויף דער פאָרמירונג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג פון די אסירים־פרויען אין בירקענאַו.

די גרופּע האָט זיך געשטעלט די זעלבע אויפגאַבע ווי די בעלגישע. אירע מיטגלידער האָבן געאַרבעט אין 2 קאָמאַנדאָס: איין טייל אין „רעוויר" און צווישן זיי: מאַשאַ ראַווין־ספּעטער, צפּורה שאַפּיראָ־גוטניק, ראַשעל זעלמאַנאָוויטש, אירענע קאַופמאַן, מירא האָנעל, פרימאַ וואָלמאַרק, גיטל באַרשטשעווסקאַ, אַנעט זילבערשטיין, רבקה גרינבערג, ראָזע בעסערמאַן, אירענע גאָמאַר, אירענע קאָסמאַן און אין דער צווייטער טייל — אין דער אַזוי גערופענער „קאַנאַדע": לאה קראַסוצקאַ, צילא קאָרמאַן, פּאָלעט סליווקאַ, פּאָלעט קוואַטער, מאַריאַ פרידמאַן, עוואַ גאָלדגעוויכט.

די מערהייט פון זיי איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ מיט דעם זעלבן טראַנספּאָרט פון איבערגאַנגס־לאַגער אין דראַנסי דעם 11טן פעברואַר 1943 ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, וואָס האָט זיך געקענט פון דער געמיינזאַמער טעטיקייט אין דער אונטערגרונט באַוועגונג אין פראַנקרייַך.

אין בירקענאַו האָבן שוין דעמלט עקסיסטירט אונטערערדישע פאַר־בינדונגען: סאָניאַ שוואַרץ פון ביאַליסטאָק איז געווען איינע פון די אָרגאַ־ניזאַטאָרן. מיט איר האָט זיך קאָנטאַקטירט מאַשאַ ראַווין, וועלכע האָט אויס־געברייטערט דעם קרייַז פון די מיטגלידערינס צוציִענדיק די פראַנצייזישע גרופּע. נישט גלייַך בייַם אָנקומען אינעם לאַגער האָבן זיך די פרויען אַרייַנ־געקראָגן אין די אויבן דערמאָנטע קאָמאַנדאָס. פון אָנהייב האָבן זיי גע־אַרבעט בייַ זייער שווערע באַדינגונגען אין דער „אויסערן־קאָמאַנדאָ". אַ סך פון דער גרופּע זענען אומגעקומען נאָך אַ פּאָר וואָכן. אָדער מאָנאַטן שווע־רער אַרבעט, ווי: פּאָלאַ פּילרייס־וואַרשאַווסקי און בעלאַ האָנדעלסמאַן, די פרויען פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון דעם אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ: יאָסל דאָרעמבוס־וואַרשאַווסקי און יאַנקל האָנדעלס־מאַן.

דאָס קריגן אַרבעט אין „רעוויר" און אין „קאַנאַדע" איז שוין געווען אַ רעזולטאַט פון די באַמיִונגען פון דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע.

די גרופּע פון „קאַנאַדע", ריזיקירנדיק דאָס לעבן, האָט אַריבערגע־טראָגן פון די סקלאַדן פון צוגערויבטן פאַרמעגן פון די דערמאָרדעטע ייִדן — מלבושים, מעדיקאַמענטן און אויך אַפילו גאָלד און בריליאַנטן. די מל־בושים און מעדיקאַמענטן האָט מען פונאַנדערגעטיילט די אסירים־פרויען לויט די באַדערפעניש.

דאָס גאָלד, געלט און אַנדערע ווערטפולע זאַכן זענען געגאַנגען פאַר דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אוישוויץ און אין בונאַ־מאָנאָוויץ.

דעם קאָנטאַקט מיט דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע און מיטן מענער־לאַגער האָבן זיי געהאַט דורך די מיטגלידער פון אונטערגרונט, וועלכע פלעגן קומען אין פרויען־לאַגער ווי בעלי־מלאָכות־ספּעציאַליסטן. צווישן זיי: דוד שמולעווסקי פון דער „דאַכדעקער־קאָמאַנדאָ" און צײַטנווײַז עמנואל מינק פון דער סטאָליערײַ־קאָמאַנדאָ, אָדער דער דײַטש קאַרל זוטאָר א.א.

זיי האָבן איבערגעגעבן די פאַרבינדלעריגס צפורה שאַפּיראָ־גוטניק, אסתר מאַרגוליס־שקורמאַן, אָדער עווע גרינבאַל־פעלדענקרייז באַפעלן פון דער אָרגאַניזאַציע, פּאָליטישע אינפאָרמאַציעס און אַפילו שפּײַז פאַר די פרויען. דורך זיי האָבן די חברטעס פון אונטערגרונט איבערגעוויזן ידיעות וועגן מצב אין פרויען־לאַגער און די ווערטפולע זאַכן פון „קאַנאַדע".

אין „רעוויר" פלעגן אויך צײַטנווײַז קומען יאַנקל האַנדעלסמאַן און יאָסל וואַרשאַווסקי.

מאַשאַ ראַווין און צפורה שאַפּיראָ האָבן רעפּרעזענטירט די גרופּע אין שוין דערמאָנטן קאָמיטעט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע פון די פרויען־אסירים אין אוישוויץ.

אין דער קולטורעלער טעטיקייט, וואָס די גרופּע האָט געפירט, האָט זיך אויסגעצייכנט די ייִדישע העפטלינגין אירענע גאַמאַר, די טאַלאַנטפולע אַקטריסע פון פראַנצייזישן טעאַטער. אַליין האָט זי געשריבן די טעקסטן פון די סקעטשן וועגן לאַגער־לעבן, וואָס זי האָט שפּעטער אויסגעפירט אויפן „רעוויר", אַרויסרופנדיק פריידיקן געלעכטער בײַ די קראַנקע און אויסגע־מאַטערטע פרויען.

קאָנצערטן פון יִידישן און פראַנצייזישן ליד האָבן געגעבן רבקה גרינ־בערג און גינאַר ווײַסבערג.

אין דער צווייטער העלפט פון 1944 לויט דער אָנווײַזונג פון דער אַלגעמיינער אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, האָט זיך די גרופּע, אַזוי ווי די בעלגישע און אַנדערע, אָנגעהויבן גרייטן צו אַ באַוואָפנטן קאַמף, באַהאַלטן פלעשער מיט בענזין, שערן איבערצושנײַדן די דראָטן א.ד.גל.

אין דער צײַט האָט מאַשאַ ראַווין־ספּעטער איבערגעגעבן עמנואל מינקן דעם פּלאַן פון בירקענאַו, וואָס אויפן אויפטראַג פון דער אַלגעמיינער ווי־דערשטאַנד־באַוועגונג האָט אויסגעפירט די יידיש־טשעכישע אסירה, אַר־כיטעקטין ווערא פאַלטינאָוואַ פון דער קאָמאַנדאָ „באַולייטונג" (דעם פּלאַן פון גאַנצן אוישוויצער לאַגער פאַר דער אָרגאַניזאַציע האָט באַאַרבעט דער פוילישער אסיר אינזש. זיגמונט באַליצקי מיט דער צוזאַמענאַרבעט פון פאַלטינאָוואַ און אַנדערע מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־גרופּע אין „באַולייטונג").

אין די טעג נאָך דער ליקווידאַציע פון לאַגער, ווען די ס.ס.־אַדמי־ניסטראַציע איז שוין נישט געווען, האָבן די מיטגלידערינס פון דער גרופּע, וועלכע זענען געבליבן אויסבאַהאַלטן אין לאַגער, נישט פאָלגנדיק די באַ־פעלן פון די ס.ס.־מענער זיך צו עוואַקויִרן, אָרגאַניזירט הילף פאַר די קראַנקע קינדער און יוגנט. ראַזאַ בעסערמאַן און רבקה גרינבערג האָבן באַ־קומען די אויפגאַבע זיך צו פאַרנעמען מיט די קינדער; לאה קראַסוצקאַ — מיט דער יוגנט. די גרופּע האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די גרופּעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן [23].

13. די פרויען גרופּע פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס

די גרופּע איז באַשטאַנען פון פרויען־אסירות, געוו. מיטגלידערינס פון פאַרשיידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, מערסטן פון פוילן און דײַטש־לאַנד.

די אָרגאַניזאַטאָרינס פון דער גרופּע זענען געווען „ווּזשקאַ"־ריוואַ ליבעסקינד (איצט קופּער) פון דער היים שפּינער, די טוערין פון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אין קראָקע, פון דער „עקיבא"־גרופּע, די אַלמנה פון דעם דערמאָרדעטן דורך די היטלעריסטן אַדאָלף ליבעסקינד, פירער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע און עלזאַ לאַפּאַ־לוסטגאַרטען, פון דער

זעלבער אָרגאַניזאַציע און פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג, ווו ס'האָט אָנגעהערט „ווזשקאַ".

די גרופּע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל: קעגנזײַטיקע הילף און אונטערהאַלטן דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן גײַסט דורך אויפקלערונגס־אַרבעט, אָפּהיטן ייִדישע מינהגים און רעליגיעזע געבאָטן דורך אָפּמערקן אין די לאַגער־באַדינגונגען די ייִדיש־נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע יום־טובים, פּרײַטיק־צונאַכטסן. וועגן די צוזאַמענטרעפן פון די מיידלעך דערמאָנט זיוה גראַוער־רייפעלד: די צוזאַמענטרעפן פלעגן פאָרקומען, בײַם אָפּהיטן די גרעסטע קאָנספּיראַטיווע פאָרזיכטיקייט, אויף עלזאַס נאַרע און זענען געווען אָן איבערלעבעניש פאַר אַלעמען. דער געמיינזאַמער אָוונט־ברויט פון די צוגעטיילטע פּאָרציעס ברויט און מאַרגאַרין, דאָס זינגען העברעיִשע לידער, אַ קורצער רעפעראַט, אָדער צוגעגרייטער שמועס האָבן געהויבן דעם זעלבסט־באַוווסטזײַן, צוגעגעבן מוט און כּוח איבערצוטראָגן די שווערייקייטן פון לאַגער־לעבן [24].

אין דער צווייטער העלפט פון 1944 האָט די גרופּע, ענלעך ווי פאַרשיידענע אַנדערע גרופּעס פון אוישוויצער אונטערערד, אָנגעהויבן זיך צוגרייטן צום אַלגעמיינעם באַוואָפנטן קאַמף, האָט אויסבאַהאַלטן פלעשער מיט בענזין און נאַפט, שערן צום איבערשנײַדן די דראָטן און פּראָך.

געהאָלפן האָבן זיי די חברים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין „בונאַ" און די טשעכאָנאָווער גרופּע. נאַפט און בענזין פלעגן ברענגען גאָדל זילבער (אַ טשעכאָנאָווער), פּולווער האָבן געבראַכט די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אינעם פּולווער פּאַוויליאָן אין „אוניאָן".

געוווינט האָבן זיי אַלע אין בלאָק 14, ווו ווזשקאַ איז געווען די שטובע־דינסט. די גרופּע האָט אָרגאַניזירט הילף פאַר די קינדער אין לאַגער [25] דורך צוגאָב־באַשפּײַזונג און מלבושים, וואָס די חברטעס פון „קאַנאַדע" האָבן געבראַכט. ווזשקאַ און זאָסיאַ גראַוער (זיוה רייפעלד) האָבן געהאַט די אַפּוטרופּסות איבער זיי. נאָך דער באַפרײַונג זענען ביידע מיט די קינדער אָוועקגעפאָרן קיין ישראל.

צו דער גרופּע האָבן געהערט אַחוץ די דערמאָנטע — ווזשקאַ, זאָפיאַ און עלזאַ, די פּאַרטיזאַנקעס פון קראָקע און באָכניע: — פּאָלאַ שרײַבערוואַסערמאַן פון „השומר הדתי", יאַנקאַ לאַפּאַ פון „עקיבא", שושנה ווינער, לובאַ, רוזשקאַ, פראַנקאַ (די פאַמיליעס נישט געלונגען פעסטצושטעלן).

אין דער צווייטער העלפט פון 1943 זענען צו דער גרופע צוגעשטאַנען די אָנגעקומענע אין די ערשטע טעג פון אויגוסט דעם זעלבן יאָר פון בענדין און סאָסנאָוויץ: בלימאַ ראָזענבערג, רחל אַלעווסקאַ (פון דער היים זעלמאַ־נאָוויטש), די מיטגלידערינס פון „הנוער הציוני": רבקה באַטיאַ (פון דער היים קופּערבערג) פון „גורדוניה", עדאַ קירשענבוים א. אַ. געהאָלפן האָט זיי האַנקאַ וועלנער (היינט געפנער), וועלכע האָט געאַרבעט אויפן „רע־וויר". מיט זיי האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט די גרופע פרויען, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד דעם 20סטן אַפּריל 1943 [26].

געווען איז דאָס אַ חלוצישע יוגנט־גרופע פון „מכבי הצעיר", וואָס האָט דורכגעמאַכט הכשרה. אין אַפּריל 1941 האָבן די היטלעריסטן ליקווידירט אין דייטשלאַנד די הכשרה־פונקטן און דעפּאָרטירט די יוגנטלעכע אין אַרבעטס־לאַגער אין בויענדאָרף און פון דאָרטן, צוויי יאָר שפּעטער, קיין אוישוויץ. דאָ זענען די מענער געשיקט געוואָרן קיין בונאַ־מאָנאָוויץ און די פרויען — קיין בירקענאַו. די מיטגלידער פון דער גרופע, נישט קוקנדיק וואָס מ'האָט זיי צעזייט אין פאַרשיידענע אַרבעטס־קאָמאַנדאָס, האָבן אָנגעהאַלטן מיט זיך אַ קאָנטאַקט.

די עלטסטע פון דער גרופע איז געווען אַנאַ־ליזאַ (אורה באָרינסקי), זייער געוועזענע מדריכה. אין לאַגער האָט זי מיט דער גרופע געפירט אַ קולטורעל־דערציִערישע אַרבעט אין ציוניסטישן גייסט. די מיטגלידער פון דער גרופע דערמאָנען דעם חנוכה־אָוונט אין 1943, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן בסתר, דאָס געמיינזאַמע סימבאָלישע אָנצינדן די ליכטלעך, דאָס זינגען העברעיִשע לידער און דאָס פאָרלייענען געדיכטן, וואָס ס'האָט פאַר זיי אָנגעשריבן דער מיטגליד פון דער מענער־גרופע אַרנאָ נאַדעל [27].

צו דער גרופע האָט געהערט צווישן אַנדערע חנה לעווי (היינט ענגעל) וועלכע האָט געאַרבעט, ווי אורה באָרינסקי, אין דער וועשעריי.

אסתר פורמאַן „מאָפּי", די גערטנערין פונעם ביי־לאַגער רייסקאָ. זי איז געוואָרן דאָס „געהיימע בריוו־קעסטל" פאַרן אוישוויצער אונטערגרונט. דער פאַרבינדלער אַדאָלף לינדענבאַום, דער גערטנער פון בונאַ־לאַגער, פלעגט קומען צו „מאָפּי" נאָך פלאַנצן.

אין דער גרופע האָט זיך אויסגעצייכנט הילדאַ זימכע (פון דער היים גרינבאַום), וועלכע איז געווען אין אָרקעסטער אין בירקענאַו. דאָרט האָט זי אָרגאַניזירט עטלעכע מיידלעך פון דייטשלאַנד, צווישן אַנדערע סילוויאַ

קאַליף און קאַרלאַ (פאַמיליע נישט באַקאַנט) און פון פוילן: רחל אַלעווסקאַ און רבקה באַטיאַ. די מיידלעך האָבן זיך קעגנזײַטיק געהאָלפן, געמיינזאַם געפּײַערט די פּרײַטיק־צונאַכטסן.

מיט דער דײַטשישער גרופּע האָט צוזאַמענגעאַרבעט די קליינע גרופּע רעליגיעזע מיידלעך פון „אגודת ישראל״, צווישן אַנדערע טילאַ יעגעל. די אַלע איבערגעבליבענע מיטגלידערינס פון דער דײַטשישער גרופּע לעבן איצט אין ישׂראל [28].

14. די גרופּן אינעם לאַגער פון די טשעכישע ייִדן

אין דעם גרויסן פאַמיליען־לאַגער פון די טשעכישע ייִדן אין בירקענאַו האָבן געווירקט פאַרשיידענע אונטערערדישע ווידערשטאַנד־גרופּן און נעמ־לעך: ציוניסטישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, בענעשיסטן, קאָמוניסטן, ביר־גערלעכע און ייִדן־אַנטיציוניסטן. צווישן די דאָזיקע גרופּן האָט געהערשט אַ גײַסט פון סאָלידאַריטעט און צוזאַמענאַרבעט. עס איז געווען אַ געדאַנק פון אָרגאַניזירן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד אין פאַל פון ליקווידירן דעם פאַמיליע־לאַגער אין איינעם מיט די מענטשן. עס איז אַפילו באַשטימט געוואָרן אַ קאָמאַנדיר. דאָס איז געווען דער יונגער דײַטשישער ייִד פרעדי הירש, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס לערער און דערציִער פון די טשעכיש־ייִדישע קינדער. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך הירש אײַנגעבראָכן, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין קאַמף וועלן פאַלן אַלע, אַלע צוזאַמען מיט די קינדער, צו וועלכע ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן. אין לעצטן מאָמענט איז פרעדי הירש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. און ווען די ס.ס.־לײַט צוזאַמען מיט זייערע יוצרי משרתים, די פאַרשיידענע דײַטשישע קאַפּאָס, האָבן אַרומ־גערינגלט דעם פאַמיליע־לאַגער און גענומען דעם עולם טרײַבן אין דער ריכטונג פון די גאַז־קאַמערן, האָט אַ ווידערשטאַנד געשטעלט בלויז אַ קליינצאָליקע גרופּע מיידלעך, וועלכע זענען געפאַלן אין אומגלײַכן קאַמף [29].

15. די גרופּע פון דײַטשישע ייִדן

קיין גענויערע ידיעות וועגן דער דאָזיקער גרופּע האָבן מיר נישט. עס איז בלויז באַקאַנט, אַז אין איר שפּיץ איז געשטאַנען האָרסט יאַנאָס, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. די גרופּע איז אומגעקומען [30].

16. די גרופּעס פון „קראַנקענבאַו״

„קראַנקענבאַו״ דאָס איז דער לאַגער־שפּיטאָל, אָדער דער „רעוויר״ אין בירקענאַו, האָט געשפּילט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אַן ענ־

לעכע ראָל, וואָס די רעווירן אין שטאַם־לאַגער און אין בונאַ־מאָנאָוויץ. אין אַלע דרײַ פאַלן זענען די שפּיטאָלן געווען געהיימע צענטערס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין דעם שפּיטאָל פונעם שטאַם־לאַגער איז געווען די געהיימע „רעזידענץ" פון יוזעף ציראַנקיעוויטש. דער בונאַ־שפּיטאָל איז געווען ממש אַ קאָנספּיראַטיווער לאָקאַל פאַר כלערליי צוגרייטונגען צום אַקטיוון ווידערשטאַנד. אין דעם „קראַנקענבאַו" פון בירקענאַו איז געווען פאַרקאָנספּירירט אַ באַדײַטנדיקע ווידערשטאַנד־גרופּע אונטער דער אָנ־פירונג פון לינקן פּוילישן דאָקטער אַלפרעד פידערקעוויטש. צו דער גרופּע האָבן אויך געהערט ייִדישע אסירים: דאָקטוירים און פלעגער, למשל ד"ר צעלמייסטער (ניעמירסקי) פון וואַרשע, דער שרײַבער סטאַ־ניסלאַוו וויגאָדזקי פון סאָסנאָוויץ און אַנדערע. זיי האָבן אַ סך אויפגעטאָן אויפן פעלד פון ראַטעווען מענטשלעכע לעבנס און פון פּראָפּאַגאַנדע [31].

אַ וויכטיקע ראָל אין דער טעטיקייט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויפן „רעוויר" אין דעם פרויען־לאַגער אין בירקענאַו האָבן אויסגעפירט די ייִדישן פרויען־אסירות, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט אַלס דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס. ספּעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט אַ גרעסערע גרופּע דעפּאָרטירטע פון פראַנקרײַך און צווישן זיי די דערמאָנטע שוין מאַשאַ ראַווין און צפורה שאַפּיראָ־גוטניק.

מאַשאַ ראַווין ספּעטער (פון דער היים זיסקאַ ווײַזער) איז געבוירן אין זאַמאָשטש (פּוילן). אין יאָר 1932 האָט זי עמיגרירט קיין פראַנקרײַך און אין פּאַריז אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין. אין דער צײַט האָט זי גע־הערט צו אַ לינקער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע און געווען אַ מיטגליד אין „קאָמבאַט" (קאַמף) און אין דער ייִדישער סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פראַנקרײַך.

שוין אין יאָר 1940 האָט זי אָנטייל גענומען אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דעם 25סטן סעפּטעמבער 1942 איז זי געוואָרן אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ און דעם 11טן פעברואַר 1943 דעפּאָרטירט געוואָרן פון דעם איבערגאַנגס־לאַגער אין דראַנסי קיין אוישוויץ־בירקענאַו, ווו זי האָט זיך פאַרבונדן מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג.

צפורה שאַפּיראָ־גוטניק (פון דער היים בירנבאַום) שטאַמט פון ראַזוואַדאָוו (פּוילן). אין די דרײַסיקער יאָרן האָט זי עמיגרירט קיין פּאַריז,

ווו זי איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער יידישער סעקציע פון דער פראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין 1940 איז זי געווען איינע פון די גרינדער פון אַ געהיימער יידישער דרוקעריי אין פּאַריז.

קיין אוישוויץ איז זי דעפּאָרטירט געוואָרן אין דער העלפט פון 1944 יאָר און גלייך צוגעשטאַנען צו דער אונטערערדישער טעטיקייט.

אַדאַנק דעם, וואָס זי אַלס קראַנקן־שוועסטער האָט געפירט די פּסי־כיש קראַנקע צו אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג אין „רעוויר", איז זי געוואָרן די פאַרבינדלערין צווישן די גרופּעס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זי האָט איבערגעוויזן פאַראָרדנונגען, בריוו (אויך פּריוואַטע) און ווערטפולע זאַכן פון „קאַנאַדע" פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אין דער צווייטער העלפט פון 1944 יאָר איז זי געווען די פאָרשטייערין פון דער יידישער גרופּע פרויען פון פראַנקרייך אין אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־קאָמיטעט פון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אין בירקענאַו [32].

צו דער גרופּע האָבן אויך געהערט די דריי יינגסטע דאָרט אסירות, דעפּאָרטירטע פון פּוילן: אסתר מאַרגוליס (היינט שקורמאַן, איצט אין ישׂראל), עווא גרינבאַל־פּעלדענקרייז (אין קיבוץ לוחמי הגיטאות). ביידע העלדישע און דרייסטע פאַרבינדלערינס פון דער אָרגאַניזאַציע, און מאַשאַ פישער, די זינגערין אויפן „רעוויר".

אַקטיוו איז אויך געווען די אסירה פון פּוילן שרה נאָמבערג־פּשיטיק. זי פלעגט צוגרייטן פּרעסע־איבערזיכטן פון שטיקלעך דייטשישע צייטונגען, וואָס ס'האָבן געבראַכט די חברים, וועלכע פלעגן ווי בעלי־מלאכות קומען אינעם פרויען־לאַגער.

צו דער ווידערשטאַנד־גרופּע אין „רעוויר" האָבן אויך געהערט די צוויי יידיש־טשעכישע דאָקטוירים, וועלכע מ'האָט גערופן: מאַנדע די בלאָנדע און מאַנדע די ברונעטקע און דר. צילאַ פון בראַטיסלאַוואַ (פאַ־מיליען־נאָמען נישט פעסטגעשטעלט) [33].

די גרופּע האָט קאָאָרדינירט איר טעטיקייט מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס: מיט דער פּוילישער דורך אירענאַ פּערקאָווסקאַ־שטשיפּיאָרסקאַ (די מחברין פונעם בוך „זכרונות פון אַ פאַרבינדלערין") און אַדעלאַ יאַראַנאָווסקאַ; מיט דער רוסישער — דורך דאָקטער־כירורג לובאָוו לאַמ־פּאַדאָוואַ און קראַנקן־שוועסטער מאַרוסיאַ (פאַמיליען־נאָמען נישט פעסט־

געשטעלט); מיט די יוגאָסלאַווישע געוועזענע פּאַרטיזאַנקעס: נאַדאַ זשאַ־ליטש (הײַנט דאָקטער מעדיצין אין בעלגראַד) און טעטאַ (פאַמיליע נישט באַקאַנט) א.אַ.[34]

מיט זיי האָט מיטגעאַרבעט דאָקטער אַלאַ פּרימעט גאָלדגעוויכט־מאָוו־שאָוויטש, די לאַנגיאָריקע ייִדישע אַנטיפאַשיסטישע טוערין, אַן אָפּשטאַ־מיקע פון כעלם. בעת דער מלחמה האָט זי דורכגעמאַכט דאָס געטאָ אין פּרוזשאַני, פון וואַנען זי איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ. אַלס דאָקטערין אין בירקענאַוער „רעוויר" האָט זי אויף איר חשבון צענדליקער און אפשר הונדערטער אָפּגעראַטעוועטע לעבנס[35]. געהאָלפן זיי אין דער אונטערערדישער טעטיקייט האָט די עלטסטע פון „רעוויר" אָרלי רײַכערט, אַ דײַטשישע קאָמוניסטין, וואָס איז געזעסן אין די היטלעריסטישע טורמעס און לאַגערן פון 1933 יאָר אָן[36].

צווישן די ייִדישע דאָקטוירים־אסירים, וואָס איז כדאי זיי אויסצורע־כענען לטובה, דאַרף מען דערמאָנען דעם פּראָפ. ראָבערט ווייץ און פּראָפ. קליין פון שטראַסבורג, וועלכע האָבן זיך געפונען אין לאַגער בונאַ־מאָנאָוויץ, די ריין־„אַרישע" דײַטשקע עללאַ לינגענס־רײַנער, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר ייִדן, און ד"ר עפּשטיין פון ווילנער געגנט[37].

17. די גרופּע אין דעם קוואַראַנטאַנע־לאַגער

די קוואַראַנטאַנע אין בירקענאַו (אָפּשניט B II a) האָט אַרומגענומען אַ פּילצאָליקן אומסטאַבילן עלעמענט, צווישן וועלכן עס האָבן זיך אויך גע־פונען אַ ריי מער וויניקער סטאַבילע קאָמאַנדאָס, למשל דאָקטוירים, פלע־גער, געוויסע אַרבעטס־קאָמאַנדאָס וכדומה. דער עלעמענט פון דער קוואַראַנטאַנע איז בערך 80 פּראָצענט באַשטאַנען פון ייִדן און אין אַ פיל קלענערע מאָס פון רוסן. דאָס זענען ס'רוב געווען צעבונטעוועטע וולאַסאָוו־סאָלדאַטן, אָדער אַזעלכע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן אָפּגעזאָגט צו גיין אין דער פּאַררעטערישער וולאַסאָוו־אַרמיי. דער הויפּט־פונקט, ווו עס האָבן זיך געזאַמלט זינט תחילת 1944 די ווידערשטאַנד־לעכצנדיקע עלע־מענטן פון די סאַניטאַרע און שנײַדער־קאָמאַנדאָס פון דער קוואַראַנטאַנע, איז געווען דער בלאָק נומער 8. די צענטראַלע פיגור פון די דאָזיקע גרופּן איז געווען דער פראַנצייזישער ייִד פּאַסטעל (אָדער פּאַסטער ?), אַ געביל־דעטער מאַן, אָפּשטאַמיקער פון פּוילן. אין קוואַראַנטאַנע־לאַגער האָט ער געהאַט די פונקציע פון לאַגער־שרײַבער. אַדאַנק דעם האָט ער געהאַט

מעגלעכקייטן פרײַ זיך צו באַוועגן איבער די בלאָקן פונעם קוואַראַנטאַננע־לאַגער, אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיט אסירים און אָרגאַניזירן אַ גרופּע אַקטי־וויסטן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. צו דער גרופּע האָבן געהערט: דר. מיטעלבערג, אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילן, אַ דעפּאָרטירטער פון פראַנק־רײַך, וועלכער איז געווען פלעגער אויפן 10טן בלאָק פון דער קוואַראַנ־טאַננע, אַ טשעכישער ייִד ד״ר מילער, דער בעסאַראַבישער ייִד רפאל קאַצאַף, וועלכער איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון בעלגיע און איז אויך געווען באַשעפטיקט אַלס פלעגער אין בלאָק נומער 8 (פון פאַך איז ער געווען אַ כעמיקער), דער ייִדישער שנײַדער פון זאַגלעמביע, שמחה זלאַטאָווסקי, דער ייִדישער דאָקטער פון ווין אָטטאָ וואָלקען א. אַ. יעדער איינער פון דאָזיקן אַקטיוו איז געווען צוגעטיילט צו אַ באַזונדערער אַרבעט. רפאל קאַצאַף האָט געהאַט דעם קאָנטאַקט מיט די רוסישע געפאַנגענע און פאַרשפּרייט צווישן זיי דעם געדאַנק פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די דײַטשן. אויך רפאלס ברודער, לייב קאַצאַף, איז אומגע־בראַכט געוואָרן אין בירקענאַו. שמחה זלאַטאָווסקי האָט אָנגעפירט מיט דער ווידערשטאַנד־גרופּע בײַ דער שנײַדער־קאָמאַנדאָ. די גרופּע פון דער קוואַראַנטאַננע איז אין יאָר 1944 געוואָרן אַרײַנגענומען אין די פּלענער פון דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד[38]. דער גורל פון דער גרופּע איז גענוי ניִשט באַקאַנט.

דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער גרופּע פּאַסטעל (פּאַסטער?) איז אין דער העלפט פון יאָר 1944 איבערגעפירט געוואָרן מיט נאָך אַנדערע אסירים אין נעבן־לאַגער גינטערגרובע ווו ער האָט באַקומען די פונקציע פון ראַפּאָרט־שרײַבער. ער איז אומגעקומען בעת עוואַקוירן דעם לאַגער אין יאַנואַר 1945.

זײַנע חברים דערציילן, אַז אין קוואַראַנטאַננע־לאַגער האָט ער געשריבן נאָטיצן וועגן די אָנגעקומענע קיין אוישוויץ טראַנספּאָרטן. די נאָטיצן האָט ער ענדלעך באַגראָבן אויפן שטח פון לאַגער[39].

עס קאָן זײַן, אַז אין קאָנטאַקט מיט דער אויבן דערמאָנטער קוואַראַנ־טאַננע־גרופּע האָט זיך געפונען די גרופּע פון די אַ.ג. ייִדישע פּראָמי־נענטן, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט מיט ווידערשטאַנד־צילן ערשט אין מיטן יאָר 1944. לאַגער־פּראָמינענטן ווערן אָנגערופן די לאַגער־פּני, די פאַרשיידענע בלאָק־עלטסטע, שטובן־דינסט, קאַפּאָס, פאָר־אַרבעטער, לויפער, שרײַבער וכדומה. אַלע די וואָס האָבן דעראַבערט אַ פונקציע און אַ שטעקן

אין האַנט און האָבן — אָפט מאָל אויפן חשבון פון די אייגענע ברידער — געגאָסן פון בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. אָבער מיטן דערנענטערן זיך פון פראָנט און מיט די אַלץ מער פאַרשפרייטנדיקע זיך קלאַנגען וועגן ליקווידירן דעם לאַגער און אויסמאָרדן אַלע אסירים אָן אויסנאַם, האָט זיך בײַ אַ געוויסער גרופּע א.ג. ייִדישע פּראָמינענטן פון בירקענאַו געיאָוועט דער געדאַנק פון באַוואָפענונג און דער פּלאַן פון אונטערצינדן דעם לאַגער און פּרווון אַנטלויפן. אין שפּיץ פון דער גרופּע זענען געשטאַנען: דער דײַטשישער ייִד לעאָן ווינער, אַ פאַר־אַרבעטער, דער פּוילישער ייִד יאָסל, אָדער יאָסעק, אַן אונטער־קאַפּאָ און אַ ייִדישער דאָקטער פון עסטרײַך, וועלכן דער גוט־אינפאָרמירטער עדות בערגער־גרינבוים האָט אָנגערופן מיטן נאָמען נעלקען. עס קאָן זײַן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיטן דער־מאָנטן שוין מיטגליד פון פּאַסטעלס גרופּע. די גרופּע האָט געהאַט אָנגע־זאַמלט אַ גרויסע סומע געלט און גאָלד, האָט זיך געווענדט צו געוויסע קאַפּאָס, פּאָליטישע אַרעסטירטע, מיטן פאָרשלאָג צו העלפן זיי אײַנקויפן פאַרן געלט און גאָלד געווער און אויך בײַם רעאַליזירן דעם אויבן אָנגע־צייכנטן פּלאַן. כל זמן אין לאַגער האָט געהערשט אַ שטימונג פון ברויזונג האָט די פּראָמינענטן־גרופּע אונטערגעהאַלטן אונטערהאַנדלונגען. אָבער מיט דער ירידה פון דער אַלגעמיינער שטימונג (וועגן דעם זע ווײַטער) איז זייער קאַמפּס־חשק געוואָרן אָפּגעשוואַכט.

18. אַנדערע גרופּן

עס זענען אויך געווען אַ ריי אַנדערע גרופּן, וועגן וועלכע עס זענען געבליבן זייער לויזע און מטושטשע ידיעות. אַזוי האָט דער מחבר גע־פונען אין זײַן אַרכיוו צוויי נאָטיצן, געמאַכט אויפן סמך פון גביות עדות אין מאָסקווע אין יאָר 1945 [40]. די נאָטיצן גיבן איבער אין אַ מטושטש־דיקער פאָרעם אַ ריי פּרטים וועגן אַ ייִדישער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד־גרופּע אין דער פאַבריק „אוניאָן”, וועלכע האָט געווירקט, קענטיק, אויך אויפן שטח פון בירקענאַו. בראָש פון דער גרופּע זענען געשטאַנען ד״ר יעקב גאָרדאָן, אַ געבוירענער אין ווילנע און אַ תושב פון גראָדנע, פון וואַנען ער איז געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ; דער אונדז שוין באַקאַנ־טער „ראָבערט” („רודי” [41], אַ געוועזענער שפּאַניע־קעמפער, וואָס האָט געלעבט אויף עמיגראַציע אין בעלגיע) און דער פאַרבינדונגס־מאַן גוטמאַן, ווײַזט אויס, דער זעלביקער טשעכאָנאָווער שומר ישראל גוטמאַן,

וואָס איז געווען דער פאַרבינדלער אויך פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער גרופּע.

די נאָטיצן רעכענען אויס די פאָלגנדיקע אַקטיוויסטן פון דער גרופּע: מיטעק האַלבערשטאַט און דאָס מיידל עמיליע פון וואַרשע, מנחם פון פּרוזשאַני, גרינבערג, מאַנדעל, לערמאַן און אַנדערע (וועמענס נעמען נישט לייענבאַר) — דער דײַטשישער ייִד מאַקס (ער ווערט דערמאָנט מיט לויב אויך אין אַנדערע גביות עדות), דער פראַנצייזישער ייִד קראַמער. די גרופּע האָט זיך פאַרנומען מיט:

א. דעראַבערן און קאָלפּאָרטירן פּאָליטישע ידיעות (אָנגעפירט דורך ד״ר גאָרדאָן),

ב. שטילער סאַבאָטאַזש,

ג. געמיינזאַמע הילף,

ד. אָרגאַניזירונג פון אַנטלויפונגען,

ה. צוגרייטונג פון שערן, כדי איבערצושנײַדן די שטעכל־דראָטן,

ד.ה., אַז די גרופּע האָט זיך געגרייט צו אַ קאַמפס־אַרויסטריט און מאַסן־אַנטלויפן [42].

19. די גרופּע פון די אויפשטענדלער אין סלאָוואַקיע

דעם 2טן נאָוועמבער 1944 האָט מען קיין אוישוויץ געבראַכט אַ טראַנספּאָרט פון ייִדן פון בראַטיסלאַוואַ. דאָס זענען געווען ייִדן געפאַנגענע, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם סלאָוואַקישן אויפשטאַנד. די דאָזיקע ייִדן האָבן זיך פריִער געפונען אין לאַגערן אויפן שטח פון סלאָוואַקיע. אויף די ערשטע ידיעות וועגן דעם אויפשטאַנד אין באַנסקע ביסטריצע, האָבן זיי זיך אַרויסגעבראָכן פון די לאַגערן און אָרגאַניזירט מחנות, וואָס האָבן געקעמפט אַקסל בײַ אַקסל מיט די סלאָוואַקישע אויפשטענדלער.

דאָס אָנקומען פון דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט האָט אין די ווידערשטאַנד־קרײַזן פונעם לאַגער אַרויסגערופן באַשטימטע האָפענונגען. די געוו. אויפשטענדלער זענען געווען אינערלעך אָרגאַניזירט און פּסיכיש גרייט צום ווײַטערדיקן קאַמף. ווען די לאַגע אינעם לאַגער וואָלט דעמלט געוואָרן אַנדערש, ווען די דײַטשן וואָלטן נישט געהאַט אַרויסגעפירט די מערהייט פוילישע מענער, ווען די זאָנדער־קאָמאַנדאָ וואָלט נאָך נישט געווען צעקלאַפּט און צעממיתט, וואָלטן אפשר די סלאָוואַקישע ייִדן אָפּגעשפּילט אַ באַשטימטע קאַמפס־ראָל. אין די געגעבענע באַדינגונגען

איז אָבער דער פאַקט פון אָנקומען פון אַ גרויסער גרופּע יידישע קעמ־פער געגאַנגען לאיבוד [43].

20. די גרופּע „סאָלידאַריטעט"

אויפן געביט פון בירקענאַו האָט זיך אויך געפונען אַן אָרגאַניזירטע יידישע גרופּע, וועלכע האָט זיך גאָמען געגעבן „סאָלידאַריטעט". זי איז באַשטאַנען דער עיקר פון פּוילישע יידן, דעפּאָרטירטע פון פראַנקרייך. די גרופּע האָט זיך געפונען אינעם באַראַק נומער 8. בראש פון דער גרופּע זענען געשטאַנען די פּאַריזער עמיגראַנטישע אַרבעטער־טוער חיים־איצל גאָלדשטיין און נחמן פיינשטיין (ווילנער). די גרופּע האָט קודם כל אָרגאַניזירט קעגנזייטיקע הילף און רעטונג. זי האָט אויך געטראַכט וועגן אַקטיוון קאַמף און גענומען אַפילו איינקויפן געווער [44].

21. די אינטערנאַציאָנאַלע גרופּע אין בונאַ־מאָנאָוויץ

אין דעם לאַגער בונאַ־מאָנאָוויץ פון דעם קאָמפּלעקס אוישוויץ 3 איז שוין פון לאַנג געווען אַ גוט פאַרקאָנספּירירטע אונטערערדישע גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון פּוילישע יידן, פּאָליאַקן, דייטשישע יידן און דייטשן און אַנדערע אסירים מיט אַ לאַנגיעריקן סטאַזש און בתוכם געווו. אַרעסטאַנטן פון פּוילישן קאָנצלאַגער קאַרטוז־בערעזע, טוער פון ק.פּ.פּ. און ק.פּ.ד., שפּאַנישע קעמפער און אויך אומפּאַרטיייִשע מענטשן. בראש פון דער גרופּע איז געשטאַנען דער יונגער יידיש־פּוילישער רעוואָ־לוציאָנערער טוער פון טשענסטאָכאָוו, לייזער סילמאַן („חבר לייזער"), איצט לעאָן סטאַשאַק. ער איז געזעסן אין היטלעריסטישע תפיסות און לאַגערן זינט אָקטאָבער 1939. פון צווישן זיינע מיטקעמפער איז כדאי אויסצורעכענען: טרייסטער נח פון קיעלץ, די דייטשישע קאָמוניסטן סטעפאַן היימאַן, עריק מאַרקאָוויטש, קורט פּאָזענער, פעליקס ראַוש, נאַטאַן היט־נער, דעם קאָמוניסט פון אונגאַרן אָסקאַר בעטלען, דעם קאָמוניסט פון טשעכאָסלאָוואַקיע אַרנאָלד טאַובער, ד"ר מיכאל מולכו, אַ ייד פון גריכנ־לאַנד, דעם דייטשישן ייד לודוויג העס און אַנדערע. אונטערשטיצט די גרופּע האָט דער דייטשישער סאָציאַליסט לודוויג ווערל, וועלכער איז געווען אַ געוויסער צייט עלטסטער פון „רעוויר" אין בונאַ.

די דאָזיקע גרופּע האָט זיך פאַרנומען דער עיקר מיט הילף און סאָלי־דאַריטעט. איר הילפיקע האַנט איז געווען קאָנטיק אומעטום. קודם כל האָט זי געראַטעוועט די יוגנט. די גרופּע האָט באַהערשט אַ ריי פונק־

ציעס פון בלאָק־עלטסטע, שרײַבער און קאַפּאָס און אַזוי אַרום פּאַרגרע־סערט און פאַרבעסערט די הילפס־טעטיקייט. שפּעטער, אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט פון 1944 יאָר, האָט אויך זי זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַ באַוואָפנטן קאַמף לויט די אָנווײַזונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אוישוויץ.

די נשמה פון דער גרופּע איז געווען „דער חבר לייזער" (סטאַ־שאַק) [45].

22. די גרופּע פון די פּוילישע יידן פון פראַנקרײַך אין בונאַ

די גרופּע פון „חבר לייזער" האָט גערעאַטעוועט צווישן אַנדערע דאָס לעבן פון דעם גרונט־אַקטיוו פון די פּוילישע ייִדן, וואָס זענען דעפּאָר־טירט געוואָרן קיין אוישוויץ פון פראַנקרײַך און זענען באַזעצט געוואָרן אין דעם לאַגער בונאַ־מאָנאָוויץ. דאָס זענען געווען פראַנצייזישע ווידער־שטענדלער און אונטערערדישע ייִדישע אַקטיוויסטן מיט לאַנגיעריקער געזעלשאַפטלעכער דערפאַרונג. צווישן די אָנפירער פון דער דאָזיקער גרופּע זענען געווען לינקע אַרבעטער־טוער ייִדל באַרשטשעווסקי (קאַר־מאַן), אַלפרעד בעסערמאַן און שמואל שאַפּיראָ. צו דער גרופּע האָט אויך געהערט דער אַלטער געזעלשאַפטלעכער טוער דוד ראַפּאָפּאָרט, אַ מענטש שוין פון עלטערן דור.

די גרופּע פון באַרשטשעווסקי, בעסערמאַן און שאַפּיראָ האָט געהאַט אַן אַנדערע פּרינציפּיעלע אײַנשטעלונג בנוגע אַקטיוון ווידערשטאַנד ווי די אַלטע אָרטיקע גרופּע פון חבר לייזער, וועלכע האָט אַרונטערגענומען אונטער אירע פליגל די נײַע פראַנצייזישע חברים. די אַלטגעזעסענע פּאָליטישע אסירים, דערשלאָגן פון לאַנגיעריקן זיצן אין די נאַצישע לאַ־גערן, האָבן זייער איינציקע אויפגאַבע געזען אין הילף און רעטונגס־אַרבעט, בעת די פּאַריש־אָנגעקומענע פון אָקערשטיקן שלאַכט־פעלד האָבן געאָטעמט מיט דראַנג פון באַלדיקע קאַמפס־מעשים. די פראַנצייזישע גרופּע האָט נישט בלויז אַרײַנגעצויגן אין איר פּראָפּאַגאַנדע און סאַבאָ־טאַזש־טעטיקייט אַ סך דײַטשישע, פּוילישע (טאָמאַשאָווער, ביאַליס־טאָקער, קראָקעווער און אַנדערע) ייִדן, נאָר אויך אַן אָרגאַניזירטע גרופּע פון ייִדישער שעפערישער אינטעליגענץ (מיטן שוישפּילער ייִד פּאַטאַ־שינסקי, יונגן שרײַבער יוסף וואָלף, רעליגיעזן שרײַבער פון טאַרנאָוו גאָלדמאַן א. א.). עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קרבנות־פּולע הילפס־

גרופּע פון ייִדישע דאָקטוירים (פּראָפ. ראָבערט ווייץ פון שטראַסבורג און ד״ר קוויענקאַ פון אַטען), און אָנגעקניפּט געוואָרן אַ קאָנטאַקט און געפירט אַן אַרבעט צווישן די פראַנצייזישע „פריַיע״ אַרבעטער פון די אַרומיקע פאַבריקן און געשאַפן קאָנטאַקטן אַפילו מיט די שכנותדיקע ענגלישע און קאַנאַדישע קריגס-געפאַנגענע. מיט גרויס ענערגיע און אײַנפאַל האָט די גרופּע אויסגענוצט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן די „פריַיע״ פראַנצייזישע אַרבעטער און זייערע משפחות אין פראַנקרײַך, אַזוי ווי־ט, אַז אין שפּײַז-פּעקלעך פון פראַנקרײַך זענען אָנגעקומען אויפרופן און אינסטרוקציעס פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פראַנק־רײַך. אין איינער פון אָט די אינסטרוקציעס איז אָנגעוויזן געוואָרן, ווי אַזוי די פראַנצייזישע צוואַנגס־אַרבעטער דאַרפן זיך אויפפירן; אַז זיי דאַרפן שאַפן פינפטלעך, אָרגאַניזירן אויפקלערונג און אַנטלויפונגען וכדומה. ווען אַזאַ אינסטרוקציע איז אַרײַנגעפאַלן אין די דײַטשישע הענט, זענען פאַרשטייט זיך געפאַלן קרבנות. די גרופּע פון באַרשטשעווסקי, בעסערמאַן און שאַפּיראָ האָבן אַרויסגעלאָזט אייגענע אויפרופן און ביו־לעטינען, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אַרומיקע צוואַנגס־אַרבעטער[46]. דער שרײַבער איז געווען שאַפּיראָ, וועלכער האָט זיך גע־דעקט אַלס קראַנקער אין „קראַנקענבאַו״ אונטער דער זאָרגפולער הש־גחה פון אייגענע מענטשן פלעגער און דאָקטוירים, דײַטשישע און בע־סאַראַבישע ייִדן. דער זעלביקער שאַפּיראָ האָט שפּעט אין דער נאַכט, אויף זײַן שפּיטאָל-געלעגער פּראָדוצירט גראַנאַטן, פלעשער מיט אויפרײַס-מאַ־טעריאַל און קליינע באָמבעס פון ניטראָ גליצערין, וואָס די גרופּע האָט געגרייט די לעצטע צײַט. דעם נייטיקן שטאָף האָבן די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע געשמוגלט פון בונאַ־ווערקע, ד.ה. — י.ג. פאַרבען־אינ־דוסטרי פאַבריק. דאָס געווער האָט באַהאַלטן אַ חבר־אסיר, וואָס האָט גע־אַרבעט אַלס גערטנער אין בונאַ אין געמיזע גאָרטן.

אין דער זעלבער צײַט האָט דער בונאַ־אונטערגרונט איבערגעגעבן דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אויש־וויץ אַ פּלאַן פון די אַנשטאַלטן פון י. ג. פאַרבען־אינדוסטרי — בונאַ. דעם פּלאַן האָט צוגעגרייט דער אסיר, אַ טשעכישער קאָמוניסט, אַרנאָס יונג קעסעלבאַך[47].

אַ גרויסן באַדײַט פאַר די צוגרייטונגען האָבן געהאַט די געלט־סומעס

און טײַערע חפצים פון „קאַנאַדע", וואָס ס'פלעגן ברענגען די קרבנות־גרייטע ווידערשטאַנד־קעמפערינס, די פאַרבינדלערינס צפורה שאַפּיראָ־גוטניק און אַנדערע [48].

אין דער דאָזיקער צײַט איז שוין געקומען צו אַ פולשטענדיקער פאַר־שטענדיקונג צווישן די גרונט־גרופּעס פונעם לאַגער אונטער דער אָנ־פירונג פון חבר לייזער מיט דער גרופּע פון די פויליש־פראַנצייזישע אַנטיפאַשיסטן. ס'איז לסוף געשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמע דרײַלינג־אָנ־פירונג פאַרן גאַנצן בונאַ־לאַגער. דער דרײַלינג איז באַשטאַנען: לייזער סילמאַן (לעאָן סטאַשאַק), אָסקאַר בעטלען און ייִדל באַרשטשעווסקי (קאַרמאַן) [49].

אין לאַגער האָט מען געפילט איר ווירקונג. די קאַפּאָס האָבן מורא געהאַט צו שלאָגן. די ס.ס.־מענער האָבן נישט אַזוי אַרויסגעוויזן זייערע אכזריות [50].

די טעטיקייט פון דער געמיינזאַמער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּע אין בונאַ־מאָנאָוויץ, אין וועלכער די ייִדן האָבן געשאַפן אַ מערהייט, האָט אויסגעדויערט ביזן סאַמע סוף. לייזער סילמאַן איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַקטיוויסטן אַנטלאָפן באַצײַטנס. ייִדל באַרשטשעווסקי איז צוזאַמען מיט דער מאַסע פון לאַגער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דײַטשלאַנד, נאָך דעם ווי זײַן אַנטלויף־פּרווו איז נישט געלונגען [51].

דער אַלטער טוער פון די לינקע פועלי־ציון פון פּאַריז, דוד ראַ־פּאַפּאָרט איז אין לאַגער שווער קראַנק געוואָרן און נישט געקוקט אויף דער הילף מצד די חברים פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט ער געפונען דעם טויט אין דעם לאַגער גופא.

23. די קראָקעווער ציוניסטיש־חלוצישע קאַמפּס־גרופּע אין בונאַ

אין מערץ 1943 איז ליקווידירט געוואָרן דאָס קראָקעווער געטאָ. די ציוניסטיש־חלוצישע גרופּע, וואָס איז געווען טעטיק אין די ראַמען פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון קראָקעווער געטאָ (זי האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער אָרטיקער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ") האָט נאָך אַ גרויסן בלוט־אָפּפלוס פון אירע קאַדרען, זיך געלאָזט קיין באָכניע, כּדי צו אָרגאַניזירן און רעאַקטיוויזירן איר טעטיקייט. דאָ איז אַ גרויסער טייל פון דער גרופּע אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ (ס'האָט אויף איר אָנגעוויזן אַ ייִדישער שפּיאָן אין קראָקע) און זי איז דעפּאָרטירט גע־

וואָרן קיין אוישוויץ. אַ טייל פון דער גרופּע, צווישן זיי: סרול שרײַבטאָ־פּעל, הערש לאָופּער, יוסף וואָלף, שלום שרײַבער, שמעון שרײַבער, שמעון לוסטגאַרטען, לעאָפּאָלד וואַסערמאַן, „פּאָלדעק" (איצט יהודה מיימון) ראָמאַן רײַך און מיעטעק (פאַמיליע־נאָמען נישט פעסטגעשטעלט), חיים טאַנענווורצעל איז געשיקט געוואָרן קיין בונאַ־מאָנאָוויץ.

נאָכן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיטן חבר לייזער זענען זיי אַרײַנגעטרעטן אין דער דורך אים אָנגעפירטער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע ווי אַ גאַנצקייט, שטעלנדיק זיך אויף דער אַלגעמיינער קאַמפּס־פּלאַטפאָרם מיטן רעכט אײַנצוהאַלטן די אייגנאַרט פון דער אייגענער ציוניסטישער באַפאַרבונג[52].

אין אַ קורצער צײַט שפּעטער, דעם 20סטן אַפּריל 1943, איז קיין בונאַ־מאָנאָוויץ אָנגעקומען אַ גרופּע פון אַרום 25 יונגע דײַטשישע ייִדן פון צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגער נויענדאָרף (נעבן האַנאָווער). דאָס זענען געווען די מיטגלידער פון דער זעלבער חלוצישער אָרגאַניזאַציע — „מכבי הצעיר" וועגן וועלכער מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט.

אין בונאַ האָבן זיי זיך געטראָפן מיט זייער געוועזענעם מדריך, דעם דײַטשישן ייִדן, אַרטור פּאָזנאַנסקי, וועלכער איז שוין דאַן געווען פאַרבונדן מיט דער דאָרטיקער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע און דורך איר איז ער אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַלס שרײַבער אין בונאַ „רעוויר". אַדאַנק דעם האָט ער געהאַט מעגלעכקייטן זיך צו באַוועגן אין לאַגער, באַזוכן חברים, העלפן זיי און אין אַ געוויסער מאָס אָנפירן מיט זיי. גלײַך זענען זיי צוגעטראָטן צו דער פּויליש־ציוניסטישער גרופּע.

די פאַראייניקטע יונגע ציוניסטן האָבן אָנטייל גענומען אין אַלע אַקציעס פון דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. גלײַכצײַטיק האָבן זיי אָרגאַניזירט קולטורעל־דערציִערישע אימפּרעזעס, ווי ליטעראַרישע און געזאַנג־אָוונטן, האָבן אָפּגעהיט די ייִדישע יום־טובים אין דעם זעלבן ציוניסטישן גײַסט ווי זייערע חברטעס, פאַרשפּאַרטע אין בירקענאַו. זיי איז אויך געלונגען צו מאַכן אַ חנוכּה־אָוונט אין 1943. די פאַרבינדלערין צווישן די חברטעס און חברים פון בונאַ איז געווען צפּורה שאַפּיראָ.

איינע פון די פאָרמען פון זייער דערציִערישער ווירקונג איז געווען דאָס אָפּמערקן דעם געבוירן־טאָג פון יעדן חבר. אין די לאַגער באַדינגונגען

האָט דאָס געהאַט אַ גרויסע מאָראַלישע באַדײַטונג אונטערצוהאַלטן דעם זעלבסט־געפיל פון די פּאַראײַנזאַמטע און פּאַריתומטע יונגע מענטשן.

דער מיטגליד פון דער דײַטשישער גרופּע, דער דעמלט 18 יעריקער בנימין פיינגערש, דערמאָנט אין זײַנע זכרונות דעם שטאַרקן רושם, וואָס ס׳האָט אויף אים געמאַכט דער ווינטש־בריוו און די מתנות (געשטריקטע וואַרעמע שקאַרפּעטן אין שאַכן פון קאַרטאָן), וואָס ער האָט באַקומען צו זײַן געבורטס־טאָג פון די חברטעס און חברים. „איך בין געווען גערירט — דערציילט ער — איך האָב געפילט, אַז כ׳בין נישט איינזאַם, אַז איך געהער צו אַ גרויסער, נאָענטער מיר משפחה, מיט וועלכער ס׳ווילט זיך לעבן און צוזאַמען קעמפן פאַרן פאַרווירקלעכן אונדזערע אידעאַלן״[53].

געהאָלפן האָט זיי דער לאַנגיאָריקער אסיר זיגא האַלבריַיך, אַ ייִד פון קאַטאָוויץ, אַ געוועזענער מיטגליד פון „עקיבא״. אין דער צײַט, ווען די ציוניסטישע יוגנט־גרופּעס זענען אָנגעקומען קיין בונאַ, איז ער געווען לאַגער־עלטסטער פון די „ערציִונגס העפטלינגען״[54] און געהאַט געוויסע מעגלעכקייטן אונטערצושטיצן זײַנע יוגנטלעכע חברים. אויף פּסח האָט ער זיי באַזאָרגט מיט אַ ביסל מצות און געהאָלפן אײַנאָרדענען אַ סדר[55].

אין די ראַמען פון קעגנזײַטיקער הילפס־טעטיקייט האָט די גרופּע זיך אויך פאַרנומען מיט אײַנאָרדענען די יוגנטלעכע אסירים אויף אַרבעטס־פּלעצער. דאָס אָנגעהערן צו אַן אַרבעטס־קאָמאַנדאָ האָט אין לאַגער באַדײַט לעבן. אויף דער איניציאַטיוו פון דעם אַקטיוויסט פון דער גרופּע „פּאָלדעק״ (יהודה מיימון) איז געלונגען צו באַווירקן די ס.ס.־אַדמיניס־טראַציע צו שאַפן אַ יוגנטלעכע קאָמאַנדאָ צו לערנען שווייסן. געהאָלפן האָט די יונגע אַ ציווילער דײַטש, דער אָבערמײַסטער באַנגאַל, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שוויס־אַרבעט אין בונאַ־ווערקע[56].

אין האַרבסט 1944 האָבן זיך עטלעכע יונגע חברים פון דער ציוניס־טישער גרופּע אין בונאַ געגרייט צו אַנטלויפן פון לאַגער מיט דער אונטערשטיצונג פון דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. זייער הויפּט־ציל איז געווען אַרײַנטרעטן אין אַ פּאַר־טיזאַנער אָפּטיילונג און קעמפן מיט געווער אין האַנט קעגן די נאַציס. זיי האָבן אויך געהאַט די אויפגאַבע אײַנצושטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן דאַן אָפּערירט אין די בעסקידן בערג, נישט ווײַט פון אוישוויץ און פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין

לאַגער, כּדי צו קאָאָרדינירן דעם געמיינזאַמען קאַמף צו באַפרײַען די אסירים.

דער פּרוּוו צו אַנטלויפן האָט זיך לײַדער טראַגיש געענדיקט. אַלע דרײַ שליחים — יהודה דיאַמענט, יאַנעק גראַספעלד און נתן פליישמאַן (פון קראַקע) — זענען געכאַפּט געוואָרן. נאָך אַן אויספאָרשונג פון עטלעכע וואָכן זענען זיי דעם 9טן אָקטאָבער 1944 געבראַכט געוואָרן צוריק קיין בונאַ און אויפן אַפּעל־פּלאַץ עפנטלעך אויפגעהאָנגען געוואָרן. אַלע בונאַ־אסירים זענען געווען געצוווּנגען בײַצוזײַן די עקזעקוציע.

ווי די עדי ראיה גיבן איבער האָבן זיך אַלע דרײַ שטאָלץ געהאַלטן. גייענדיק צו דער תּליה האָבן זיי געוואָרפן קאַמפּס־רופן.

— מיר זענען די לעצטע! — האָט אויסגערופן דיאַמענט.

— זאָל לעבן די פרײַהייט! — גראַספעלד.

— ברידער די קעפּ אין דער הייך! — פליישמאַן.

זייער העלדישע און שטאָלצע האַלטונג פאַרן טויט האָט געמאַכט אַ רושם אַפילו אויף די ס.ס.־מענער [57].

בעת דער עוואַקואַציע פונעם לאַגער דעם 21סטן יאַנואַר 1945 איז נעבן גלייוויץ אַנטלאָפן די יונגנטלעכע ציוניסטישע גרופּע פון פּוילן. דעם 2טן פעברואַר זענען זיי אָנגעקומען אין באַפרײַטן קראָקע און גלײַך צוגע־טראָטן צו דער אַרבעט אין יידישן קאָמיטעט, וואָס איז אַנטשטאַנען באַלד נאָך דער באַפרײַונג. אָבער נישט לאַנג האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין פּוילן. דעם 26סטן יוני 1946 זענען אַלע אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל [58].

24. די גרופּעס אינעם לאַגער יאַוואָזשנאָ

אויך אין דעם לאַגער יאַוואָזשנאָ, וואָס איז געווען אַ טייל פון דעם גרויסן קאָמבינאַט אוישוויץ 3, האָבן זיך געפונען ווידערשטאַנד־גרופּעס: פון דעפּאָרטירטע יידן פון פראַנקרײַך, פון דײַטשישע, פּוילישע און ווײַס־רוסישע יידן. עס זענען געווען גרופּעס קאָמוניסטישע און ציוניסטישע. די אַלע יידיש־עטנישע און פאַרשיידן־פּאַרטייישע גרופּעס האָבן צוזאַמענ־געאַרבעט מיט זיך און מיט די גרופּעס פון אַנדערע פעלקער. אַזוי איז למשל, לעאָן שטיינבערג, אַ מיטגליד פון „הנוער הציוני" פון סאָסנאָוויץ, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט ווי אַ פלעגער אין דעם רעוויר אין יאַוואָזשנאָ, געווען דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן דער פראַנצייזישער און פּוילישער ווידערשטאַנד־גרופּע אין דעם דאָזיקן לאַגער [59].

25. די קאַמפּס־גרופּע אין יאַווישאָוויץ

צום קאָמפּלעקס פון אוישוויץ 3 האָט אויך געהערט דער לאַגער יאַווישאָוויץ, ווו עס האָבן זיך געפונען שאַכטעס. אין די שאַכטעס האָבן געאַרבעט אַ סך דײַטשישע ייִדן און אויך אסירים פון אַנדערע נאַציאָנאַ־ליטעטן, בתּוכם טשעכן. פון צוויי געסטאַפּאָ־דאָקומענטן [60] פון 14טן און פון 16טן אויגוסט 1943, דערוויסן מיר זיך וועגן דעם, אַז אַ גרופּע דײַטשי־שע ייִדן צוזאַמען מיט אַ טשעך זענען באַשולדיקט געוואָרן אין גנבענען פּאַטראָנען פון ביקסן, ווײַזט אויס מיטן ציל צו פּראָדוצירן פון דעם אויפ־רײַס־מיטלען, אָדער דאָס אָרײַנשמוגלען פאַר דער ווידערשטאַנד־באַ־וועגונג אויסערן לאַגער. געכאַפּט בײַ דער האַנט האָט מען דעם ייִדישן אסיר מאַטל־ישראל מאַסיענבערג, וועלכער האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז ער האָט געוואָלט פון דעם פּאַטראָן מאַכן פאַר זיך אַ פּאַפּיראָסן־ציגאַרן־שפּיצל. חוץ אים זענען אַרעסטירט געוואָרן די ייִדישע אסירים: קורט ישׂראל נעטל און אַלבערט ישׂראל שטילמאַן און אויך דער טשעכישער שאַכטיאָר עמיל פּאופּע. אַזאַ פאַל האָט געקאָנט באַדראָען דעם גאַנצן לאַגער, וואָס וואָלט געוואָרן אויסגעשטעלט אויפן סאַדיזם און אכזריות מצד דער פּאָ־ליטישער אָפּטיילונג (געסטאַפּאָ). דעמלט האָט שטילמאַן זיך אויפגעהויבן אויף אַ הויכע מדרגה פון קרבנות־גרייטקייט און גענומען די גאַנצע שולד אויף זיך, טענהנדיק, אַז ער האָט געפונען דעם פּאַטראָן און געלאָזט בײַ זיך. די אָרטיקע פּאָליטישע אָפּטיילונג האָט זיך געווענדט דורך דער פאַרמיטלונג פון געסטאַפּאָ אין קאַטאָוויץ און ביליץ (ביעלסק) מיט אַ פאָרשלאַג צום רײַכסזיכערהייטס־הויפּטאַמט, מען זאָל די אַרעסטירטע ייִדן און דעם טשעך אויפהענגען עפנטלעך, כּדי אָפּצושרעקן אַלע אַנדערע אסירים פון דעם לאַגער יאַווישאָוויץ. מיר האָבן נישט אין אונדזער רשות קיין ווײַטערדיקע דאָקומענטן, וואָס זאָלן וואַרפן אַ שײַן אויפן גורל פון די אַרעסטירטע. אַלנפאַלס איז דער גאַנצער פאַל אַ באַווײַז, אַז אויך אין דעם לאַגער האָט עקסיסטירט אַ ווידערשטאַנד־גרופּע, וואָס איר קערן איז באַ־שטאַנען פון ייִדן.

26. די ווידערשטאַנד־גרופּע אין רייסקאָ

אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־גרופּע, מיט דער באַטײ־ליקונג פון באַזונדערע ייִדישע גרופּן, האָט זיך געפונען אין דעם אוישוויצער בײַ־לאַגער רייסקאָ, ווו די העפטלינגען האָבן געאַרבעט בײַ פאַרשיידענע

לאַנדווירטשאַפטלעכע און גערטנערייַ אַרבעט אין צוויי קאָמאַנדאָס: אין „גערטנערייַ" און אין „פלאַנצן־צוכט". די גערטנערייַ קאָמאַנדאָ האָט גע־מוזט באַאַרבעטן די ערד, קולטיווירן געוויקסן, פלאַנצן און תבואה. די פלאַנצן־צוכט־קאָמאַנדאָ האָט דורכגעפירט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, איבערהויפּט איבער די געוויקסן פון א.ג. „קאָקסאַגיז", פון וועלכן מ׳האָט באַקומען אַ גומי־סובסטאַנץ, אַ וויכטיקער פּראָדוקט פאַר דער מיליטערי־שער אינדוסטריע. די מיטגלידער פון דער קאָמאַנדאָ זענען געווען ספּע־ציאַליסטן, מענטשן מיט העכערער בילדונג.

די באַדינגונגען אין רייסקאָ זענען געווען פאַרהעלטעניש־מעסיק בעסערע ווי אין די אַנדערע אוישוויצער לאַגערן. דאָ האָט נישט געפעלט קיין קאַלט און אַפילו אויך וואַרעם וואַסער זיך צו וואַשן. די מענטשן האָבן אויך נישט געליטן פון הונגער, כאָטש אין אַלגעמיין האָט אויך דאָרט געהערשט דער אוישוויץ רעזשים [61].

זכרונות פון געוו. פרויען־העפטלינגען פון רייסקאָ זענען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד [62]. אַן אויספירלעכע רעלאַציע וועגן דעם כאַראַקטער און טעטיקייט פון דער דאָרטיקער ווידערשטאַנד־גרופּע האָט געגעבן די פרוי סאָניע קאַגאַנאָוויטש [63] (פון דער היים מילאַקאָווסקאַ), אַן אָפּשטאַמיקע פון וואָלקאָוויסק און דערנאָך אַ פאַרשפּאַרטע אין פּרו־זשאַנער געטאָ, ווו זי איז געווען פאַרבונדן מיט די מענטשן פון דער ווי־דערשטאַנד־אונטערערד. אין יאַנואַר 1943 איז זי מיט דער גאַנצער משפחה דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ, ווו זי איז תיכף נאָך דער סעלעקציע געבליבן איינע אַליין, ווייל די מוטער, מאַן, שוועסטער און איינציק קינד זענען באַלד געשיקט געוואָרן צום גאַז. לכתחילה האָט מען זי געהאַלטן אין בירקענאַו און איינגעשלאָסן אין אַ קאָמאַנדאָ, וואָס איר אויפגאַבע איז גע־ווען צו קאָרטשעוועןביימער, פונאַנדערנעמען אַלטע הייַזלעך וכדומה אַזעלכע אַרבעטן. ווען זי איז סוף 1943 איבערגעשיקט געוואָרן קיין רייס־קאָ איז זי געווען נישט בלויז דערשעפּט פיזיש, נאָר אויך אין גאַנצן צע־בראָכן מאָראַליש. זי האָט כסדר געטרויערט און געוויינט נאָכן טראַגישן אומקום פון קינד און פון דער משפחה בכלל. און ערשט דאָ אין רייסקאָ האָט זי צוריק באַקומען אַ שטיקל גלייַכגעוויכט אַדאַנק דער וואַרעמקייט, מיט וועלכער עס האָבן זי אַרומגערינגלט די חברטעס פון דער דאָרטיקער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אין וועלכער זי איז געוואָרן אַרייַנגעצויגן.

סאָניע קאַגאַנאָוויטש האָט אין רייסקאָ געהערט צו אַ ייִדישן ווידער־שטאַנד־קעמערל אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: זשעניאַ דיפלאָקאָוואַ (פון באַראַנאָוויטש), מאַריאַ ראָזע (ראָזענגאַרטען) פון וואַרשע, צילע שולמאַן (איצט אַלפּעראָוויטש) און זי גופא. דער דאָזיקער קרײַז האָט צוזאַמענגע־אַרבעט מיט אַ צווייטן פיל גרעסערן קרײַז, וואָס איז באַשטאַנען ס׳רוב פון ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער, אָבער אויך פון פרויען פון אַנדערע נאַציאָ־נאַליטעטן און נעמלעך: די ייִדישע פרויען פון בעלגיע דאָראַ ראַבינאָוויטש און אַנעט מאַנדעלבאַום, די דײַטשישע ייִדישקע גערדאַ שנײַדער (פון בער־לין, איינע פון די סאַמע ערשטע העפטלינגען), די ייִדישע פרויען פון טשעכיע: ריוואַ פריד און אַנני בינדער [64], די ייִדישע פרוי פון סלאָוואַקיע; רוזשיטשקאַ ווײַס, די ייִדישע פרוי פון פראַנקרײַך: מאַרטאַ דיאַמאַנט, די ייִדישע פרוי פון עסטרײַך: עוואַ טיכאוער, די רוסישע פרויען: לובאַ סי־ניטשינאַ וואָלטשאַק, נינאַ גוסיעוואַ, נאַדיאַ קאָטענקאָ, די פּוילישע פרוי: וואַנדאַ יאַקובאָווסקאַ (איצט באַקאַנטע פילם־רעזשיסערין); די פראַנצויי־זישע פרויען: עלען לאַנגזשווען, מאַרי־לואיז נאַרמאַן, מימי זשערווע רענאַ.

די טעטיקייט פון דער דאָזיקער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע פּונקטן:

א. קעגנזײַטיקע הילף. עס איז צווישן אַנדערן געשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמער הילפס־פאָנד און אַזוי אַרום איז די קעגנזײַטיקע הילף גע־וואָרן אַ סטאַבילע זאַך און נישט קיין אימפּראָוויזירטע פון צײַט צו צײַט.

ב. שמועסן אויף פּאָליטישע, וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טע־מעס. גערעדט האָט מען אויף פאַרשיידענע שפּראַכן און וועגן פאַרשיידענע שרײַבער און ווערק. מען פלעגט בײַ נאַכט זינגען פאַרשיידענע לידער אין פאַרשיידענע שפּראַכן. אין דער דאָזיקער טעטיקייט האָבן זיך אויסגעצייכנט די פראַנצייזישע און רוסישע פרויען. דער עיקר האָבן זיך מיט זייער סאָ־לידאַריטעט אויסגעטיילט די פראַנצויזינס, וועלכע פלעגן זיך טיילן מיט זייערע פּעקלעך [65].

ג. וועגן אַנדערע פאָרמען פון ווידערשטאַנד־טעטיקייט אין רייסקאָ זענען דאָ ווייניק אינפאָרמאַציעס. אין די זכרונות פון די געוו. העפטלינגען געפינט מען שילדערונגען פון סאַבאָטאַזש־אַקטן, וואָס איז דורך זיי אָנ־

געוועגדט געוואָרן בײַם באַפּרוכפּערן און בײַ דער סעלעקציע פון די וואָרצ־לען פון קאָקסאַגיז.

די העפטלינגין העלענאַ האָפמאַן האָט פאַרגראָבן אויפן שטח פון די עקספּערימענטאַלע קליין־פעלדן אַ רשימה פון פריש אָנגעקומענע פרויען־העפטלינגען. די רשימה האָט געהיים צונויפגעשטעלט זאָפיאַ בראַטראָ, וועל־כע האָט געאַרבעט אין ביוראָ פון דער אויפנאַם־אָפּטיילונג אין בירקענאַו [66].

דער פאַרבינדונגס־מאַן איז געוועזן יוסף שערמאַן, וועלכער פלעגט קומען קיין רייסקאָ ווי אַ בעל־מלאכה. דער קאָנספּיראַטיווער פונקט, ווו מ׳האָט געלייענט די געבראַכטע דורך אים צײַטונגען און אַנדערע מאַטעריאַלן איז געוועזן דער פּאָטאָ־קאַמער, ווו עס האָט געאַרבעט וואַנדאַ יאַקובאָווסקאַ.

דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן דער אָרגאַניזאַציע אין בונאַ־מאָנאָוויץ און דער אונטערערד אין רייסקאָ איז געוועזן דער שוין דערמאָנטער אַדאָלף לינדענבאָום, דער „גערטנער פון לאַגער מאָנאָוויץ” און דאָס „פּאָסט־קעסטל” איז געוועזן די גערטנערין פון רייסקאָ „מאָפּי” (אסתר פורמאַן) [67].

די אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די חברטעס פון בירקענאַו דורך אַ פרויען־קאָמאַנדאָ, וואָס פלעגט קומען אַרבעטן פון ביר־קענאַו קיין רייסקאָ. מיט דער גרופּע איז געוואָרן איבערגעשיקט גרינס, געגנבעטע אויף די פעלדער פון רייסקאָ פאַר די קינדער און קראַנקע. דאָס אַרײַנשמוגלען דעם „גרינעם געזונט אוצר” איז געוועזן פאַרבונדן מיט סכנה.

פון אָקטאָבער 1944 האָט די גרופּע אויך געשמוגלט גרינס פאַר די קראַנקע פרויען אין שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אין די נײַע בלאָקן נעבן דעם שטאַם־לאַגער אוישוויץ 1 [68].

ד. אין דעם לעצטן פעריאָד האָט זיך די אָרגאַניזאַציע גענומען גרייטן צו אַ זעלבשוץ. מען האָט אָנגעהויבן זאַמלען שטיינער, שוועבל־זויער, און מען האָט בכלל געשאַפן אַ קאַמפּס־אַטמאָספער [69].

אָט ווי עס זעט אויס, אויפן סמך פון די נישט קאָמפּלעטע ידיעות, וואָס געפינען זיך אין אונדזער רשות, דאָס בילד פון דעם ייִדישן אָרגאַני־זירטן ווידערשטאַנד אין אוישוויץ. חוץ די נישט קאָמפּלעטע ידיעות וועגן די ייִדישע גרונט־גרופּן פאַרמאָגן מיר ברעקלעך און שטיקלעך פון אינפאָר־מאַציעס וועגן נאָך אַ גאַנצער ריי גרופּן און קרײַזן, וואָס זענען דאָ און דאָרטן אויפגעשטאַנען און זענען שנעל פאַרשוווּנדן, אומגעבראַכט גע־

וואָרן, אָדער צעפּלאָסן צווישן אַנדערע גרופּן. אַזוי, למשל, זענען פאַראַן אַפּגעריסענע ידיעות וועגן:

27. דער גרופּע פון דײַטשישע ייִדן — אַנטיפאַשיסטן

אָנגעפירט פון דעם יונגן קאָמוניסט נתן היטנער, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין אָקטאָבער 1942 פון בוכענוואַלד. זיי זענען ס'רוב באַזעצט געוואָרן אין דעם לאַגער בונאַ־מאָנאָוויץ און זיך אַנגעשלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם אינטערנאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד [70].

צו דער גרופּע האָבן צווישן אַנדערע געהערט: יעקב זילבערשטיין און זיגי רובינשטיין.

יעקב זילבערשטיין, דער געוועזענער תּלמיד פון דער לובלינער ישיבה, איז געווען פון די ייִנגסטע מיטגלידער פון דער גרופּע. ווי אַ 14 יעריק ייִנגל איז ער אין אָקטאָבער 1939 געכאַפּט געוואָרן דורך דער נאַצישער זשאַנדאַרמעריע אין אַ „גאַסן־לאַפּאַנקע" (כאַפּערײַ) אין זײַן היימשטאָט טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק (פּוילן) און צוזאַמען מיט נאָך 30 פּוילישע און ייִדישע ייִנגלעך דעפּאָרטירט געוואָרן קיין בוכענוואַלד. אין דעם קאָנצענטראַציע לאַגער האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף הילף און פאַראינטערעסירונג מצד די פּאָליטישע אסירים, וועלכע האָבן געפירט אַן אונטערערדישע ווידערשטאַנד־טעטיקייט. אַן ענלעכע באַציִונג צו אים און צו אַנדערע יוגנטלעכע האָבן אַרויסגעוויזן די עלטערע חברים פון דער בונאַ אונטערערד־באַוועגונג. דאָס האָט אים און זײַן חבר זיגי רובינשטיין געגעבן כּוח — ווי ער דערמאָנט אין זײַנע זכרונות — אויסצוהאַלטן די יסורים פון די 150 שמיץ (אין צוויי ראַטעס) בעת דער אויספאָרשונג דורך דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אין אוישוויץ און נישט אַרויסגעבן די חברים און די סודות פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע [71].

28. וועגן דער גרופּע פון די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ

די מיטגלידער פון דער גרופּע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון די פאַרגאַזטע בונקערס פונעם חורבן געטאָ אין מײַ 1943 און דורך מײַדאַנעק געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ. דער וועג פון די שומרים פון אָט דער גרופּע (צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען דער דערמאָנטער שוין ישראל גוטמאַן און יולעק ווינטער, דער זון פון דעם וואַרשעווער געזעלשאַפטלעכן טוער און כראָניקער פון וואַרשעווער געטאָ, שמואל ווינטער) האָט געפירט אין דעם שטאַם־לאַגער; די פרויען — קיין בירקענאַו.

פאַראינטערעסירט זיך מיט זיי האָט לייבעק (לייב־אריה) בראָון פון דער טשעכאָנאָווער ווידערשטאַנד־גרופּע. ער האָט צוגעצויגן צו דער אָרגאַ־ניזאַציע ישראל גוטמאַן און געהאָלפן איינאָרדענען אים אויף אַרבעט אין „אוניאָן" [72]. אַקעגן־זשע אַ צווייטער טייל, וואָס איז באַשטאַנען פון קאָ־מוניסטן, איז אַריינגעפאַלן אין דעם לאַגער בונאַ־מאָנאָוויץ. די אָנפירער פון דער גרופּע זענען געווען: בערנאַרד באַרג, מאָטל גאָלדשטיין און לעפּאַק. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע פון באַרשטשעווסקי און בעסערמאַן, הגם זי האָט געפירט אַ זעלבשטענדיקע אַרבעט צווישן די עטלעכע טויזנט פּוילישע ייִדן פון דעם לאַגער.

איידער מיר פאַרענדיקן דעם קאַפּיטל איז נייטיק צו מאַכן די פאָל־גנדיקע באַמערקונגען:

ווען מיר רעדן וועגן גרופּן, בפרט ייִדישע, וואָס האָבן עקסיסטירט אין אוישוויצער אונטערערד, טאָר מען בשום אופן נישט פאַרשטיין אין זיי פון פאָרמעל פולשטענדיקע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן, אַזוי ווי דאָס געשעט אין נאָרמאַלע ווידערשטאַנד־באַוועגונגען. אַזעלכע גרופּן ווי די טשעכאָנאָווער, ווי די גרופּע פון די בעלגישע און פראַנצייזישע פרויען אין בירקענאַו, ווי די גרופּע פון פּוילישע ייִדן פון פראַנקרייך אין בונאַ, ווי די גרופּע פון קראָקעווער און דײַטשישער ציוניסטיש־חלוצישער יוגנט, ווי די גרופּן פון רייסקאָ, זענען אויסנאַמען, ווו מיר אָבסערווירן דעם אָנהייב, די טעטיקייט און דעם סוף פון די גרופּן. אין די מערסטע אַנדערע פאַלן זענען אין די גרופּן, מער אָדער ווייניקער, לויזע פאַרבינדונגען, מיט אָפט מאָל אַ קורצן לעבן, ווו עס האָט נישט געקאָנט הערשן נישט קיין נאָרמאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור און נישט קיין דויערהאַפטיקע דיסציפּלין. אָבער דאָך האָבן די שטאַרקערע, אָדער שוואַכערע, גרופּן עקסיסטירט און אַריינגעגאָסן אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פון רע־זיגנאַציע, אַ שטיקל גייסט פון טרוים און האָפענונג. און אומעטום דאָרטן, ווו עס זענען געווען דערצו געוויסע באַדינגונגען, ווי, למשל, אין מאָנאָוויץ און רייסקאָ, האָבן די ייִדישע ווידערשטענדלער אַרויסגעוויזן אַ פאַרהעל־טענישמעסיק מאַקסימאַלע אַקטיוויטעט און איינפאָלערישקייט.

ווו נאָר עס זענען געווען דערצו די מינימאַלע באַדינגונגען האָבן די ייִדישע ווידערשטענדלער פון אוישוויץ זיך באַמיט צו זיין נישט בלויז נע־מער, נאָר אויך געבער. די ביז־איצטיקע אוישוויץ־ליטעראַטור לייגט דער

עיקר דעם טראָפּ אויף דער הילף, וואָס איינצלנע מענטשן, אָדער גרופּן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געגעבן די ייִדישע אסירים אין לאַגער, די סאַמע אומגליקלעכע אסירים. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויפן פאַקט, אַז אויך פאַרקערט, ייִדישע גרופּן האָבן געשטיצט די אַלגעמיינע ווידער־שטאַנד־באַוועגונג מיט טײַערע מאַטעריעלע מיטלען, וואָס מען האָט גע־פונען נאָך די ייִדישע הרוגים. עס איז נייטיק נאָך צוצוגעבן וועגן אַן אַנדער מין סאָלידאַריטעט מצד דער נישט אָרגאַניזירטער ייִדישער אסי־רים מאַסע פאַר העפטלינגען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

אין סעפּטעמבער 1944 האָבן אָנגעהויבן קומען קיין בירקענאַו טראַנס־פּאָרטן פּאָליאַקן פון דער חרובער וואַרשע, וועלכע איז געשטאַנען אין די פלאַמען פון אויפשטאַנד. ווי אַ צייכן פון סאָלידאַריטעט און הילף האָבן די צוויי טויזנט אונגאַרישע און סלאָוואַקישע ייִדישע פרויען, וואָס האָבן זיך דעמלט געפונען אין בירקענאַו, אָפּגעגעבן לטובת די נײַ־אָנגעקומענע פּוילישע מענער און פרויען זייער אייגענע באַשפּײַזונג פון אַ גאַנצן מעת לעת. די אינספּיראַטאָרין פון דער אַקציע איז געווען די קאַפּאָ מאַנדי, אַ ייִדיש מיידל פון סלאָוואַקיע.

איינצײַטיק האָבן די ייִדישע פרויען פון אונגאַרן און סלאָוואַקיע אָר־גאַניזירט אַ זאַמל־אַקציע פון קליידונג און בפרט וואַרעמע זאַכן לטובת די נײַע דעפּאָרטירטע פּאָליאַקן. די פּוילישע פרוי זאָפיאַ קאָסאַקאָוויטש, וועלכע איז דעמלט געזעסן אַלס העפטלינג אין בירקענאַו און האָט די־רעקט אָבסערווירט די דאָזיקע וואַרעמע רעטונג פון די ייִדישע פרויען, גיט צו אין איר רעלאַציע דעם פאָלגנדיקן קאָמענטאַר:

„איך וויל אָנערקענען מיט גערירטקייט, אַז איך האָב קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז די ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן פאַרלאָרן אַלע אייגענע און צוגעזען דעם טויט פון זייערע נאָענטסטע, זאָלן אַרויסווײַזן אַזוי פיל האַרץ פאַר די, וואָס לעבן נאָך. אונדזערע האָבן די ייִדן ווייניק גע־האָלפן, ווײַל פאַר דעם האָט געדראָט אַ שטראָף [73].

29. די בונדישע הילף־גרופּע אין אוישוויץ

האָט געציילט 16 מיטגלידער. מיט דער אַרבעט האָט אָנגעפירט אַ ראַט פון 3 חברים: קויאַווסקי, ליטמאַנאָוויטש און א. האַרטשיק. צו יע־דערן פון זיי איז צוגעטיילט געוואָרן 5 חברים. צוליב קאָנספּיראַציע האָבן זיי באַשלאָסן נישט צו פאַרגרעסערן די גרופּע. איר אַרבעט איז באַשטאַנען

אין אָרגאַניזירן פאַר די חברים סיסטעמאַטישע הילף, באַזאָרגן מיט ברויט, שיך, וועש, קליידער און אויך איבערגעבן נײַס פון דער פרײַער וועלט, ברענגען אַ ביסל האָפענונג אין זייער לאַגער־לעבן.

דער ראַט איז זיך צונויפגעקומען טאָג־טעגלעך און באַהאַנדלט די נײַס פונעם טאָג, כּדי זיי איבערגעבן די פינפטלעך. די דרײַ חברים פונעם ראַט האָבן אויך געפירט אַ סיסטעמאַטישע קולטור־פּאָליטישע אַרבעט, געהאַלטן לעקציעס, רעפעראַטן. צווישן אַנדערע טעמעס וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן דעם מאָרד איבער אַלטער און ערליך, וועגן זעלבסטמאָרד־פּראָטעסט פון אַרטור זיגעלבוים. די גרופּע האָט אָפּגעמערקט רעוואָלוציאָנערע יום־טובים. צום 1טן מײַ 1944 האָט דער מיטגליד פונעם ראַט א. האַרטשיק אָנגעשריבן אַ ליד, וואָס זיי האָבן פאַרציכנט אַלס בונדיש אויפרוף־ליד צום 1טן מײַ אין אוישוויץ [74]. דאָס ליד איז איבערגעגאַנגען צום לייענען צווישן די קאַצעטלער פון האַנט צו האַנט.

צו דער גרופּע האָבן געהערט: צוויי ברידער קויאַווסקי פון קרושניעוויץ (פוילן), ליטמאַנאָוויטש (בריסעל), סאַדאָווסקי (בריסעל), דוד בערקהויער (פּאַריז), שטאַמט פון וואַרשע; משה כלעוויצקי (פּאַריז), פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען דער וויצע־פּאַרזיצער פון שנײַדער פאַראיין אין לאָדזש; ח. שלמה (פּאַריז), א. האַרטשיק (פון קאָלאָ — פוילן); קירשענצוים (קוטנע־וואַרשע), מ. ל. פּייבישקעוויטש (לאָנדאָן), שטאַמט פון סאָסנאָוויעץ; בוימגאַרטן (פון בענדין); ח. פראַנק — געוווינט אין דײַטשלאַנד; יחזקאל שטיין פון מעזריטש, געווען דער סעקרעטאַר פון בערשטער פאַראיין, געשטאָרבן אין אויסטראַליע; עקהויז פון מעזריטש, געווען אַ מיטגליד פון בערשטער פאַראיין. נאָך צוויי מיטגלידער (זייערע נעמען זענען אונדז נישט באַקאַנט) [75].

הערות צום קאַפּיטל אַכט

1) האָלוי, קאָרעספּאָנדענץ מיט ב. מאַרק וועגן ישראל גוטמאַנס בוך: „אנשים ואפר".
משה קולקאַ, ג"ע, יד ושם, ק־686/63, ז' 13.

2) באַום, ז' 82.
משה קולקאַ: ד.צ.וו. ז' 17.

3) דאָרטן.
4) באָום, ז׳ 87.
5) באָום, ז׳ 83.
6) באָום, דאָרטן.
7) באָום, ז׳ 84.
8) דאָרטן.
9) ג״ע פון הערשל גאָלדשיידער, אַרכ. ב. מאַרק.
10) באָום, ז׳ 79.
11) דערקלערונג פון „בערגער״.
12) משה קולקאַ: טשעכאָסלאָוואַקישע ייִדן אין ווידערשטאַנד־קאַמף אין אַשוויענטשים, ספר צ׳חנוב, ז׳ 382, 385.
ישראל גוטמאַן: אנשים ואפר, ז׳ 145—147.
13) די דאָזיקע אינפאָרמאַציע פון ישראל גוטמאַן ווערט נישט באַשטעטיקט דורך אַנדערע קוועלן.
14) ג״ע פון קדיש גאָלדבערג, אַרכ. ב. מאַרק.
15) דאָרטן.
16) דערקלערונגען פון בערגערן.
17) דאָרטן.
18) ג״ע פון זשאַק פורמאַנסקי, עמנואל מינק און בערגער.
Rudolf Vrba — Alan Bestic: Ich kann nicht vergeben. München 1964, s. 196-197.
19) שפּילסקי ד.צ.וו. דערקלערונג פון בערגער. ג״ע פון ד. שמולעווסקי, אַרכ. ב. מאַרק.
20) דער בריוו פון בערגער.
21) ג״ע פון שׂרה גוטפּריַינד, גיזאַ ווײַסבלום, אַרכ. ב. מאַרק.
22) שׂרה גאָלדבערג: בריוו צו ב. מאַרק פון 7.2.1966, אַרכ. ב. מאַרק (קאָפּיעס אין י.ה.א. אין וואַרשע).
23) ג״ע פון עמנואל מינק, אַרכ. ב. מאַרק; ג״ע פון צפורה שאַפּיראָ־גוטניק און ג״ע פון מאַשאַ ראַווין, אַרכ. ב. מאַרק.
24) ג״ע פון זיוה גראַוער־רייפעלד, אַרכ. ב. מאַרק.
ג״ע פון ריבה קופער, אַרכ. ב. מאַרק.
25) אין דער צווייטער העלפט פון 1944 איז אין פרויען־לאַגער געווען אַ געוויסע צאָל קינדער אין עלטער פון 6—9 יאָר.
ג״ע פון ריבה קופער, אַרכ. ב. מאַרק.
ג״ע פון זיוה רייפעלד, אַרכ. ב. מאַרק.
ג״ע פון רחל אַלעווסקאַ, אַרכ. ב. מאַרק.
27) Anne-liese-Ora Boriński: Erinnerungen 1940—1943. Kwuzat Maayan-Zwi. Israel 1976, s. 7, 68.
(ווײַטער: באָרינסקי).
28) באָרינסקי, ז׳ 69.

ג"ע פון ריבה קופער.
ג"ע פון אַדאָלף לינדענבאַום.

29) ווּרבּא, ז' 197—224.

30) קראָוס און קולקאַ, ז' 230.

31) Alfred Fiderkiewicz: Brzezinki, Wspomnienia z obozu. Czytelnik, Warszawa 1954, s. 165—167, 174, 248.

32) ג"ע פון מאַשאַ ראַווין, שׂרה גוטפריינד און צפּורה שאַפּירא־גוטניק. אַרכ. ב. מאַרק.

33) דאָרטן.

34) Анна Тринда: „Мужество". Октябрь. H. 8. Москва 1957. стр. 165-167.

נאַדאַ טשאַליטש, בריוו פון 24.10.1965 צו צפּורה גוטניק, אַרכ. ב. מאַרק.

Irena Perkowska-Szczypiorska: Pamiętnik łączniczki. Czytelnik, Warszawa 1964, s. 259.

35) ג"ע פון ש.גוטפריינד ; ג"ע פון אסתּר מאַרגוליס־שקורמאַן און פון פּרימעט מאַוושאַוויטש, אַרכ. ב. מאַרק.

36) ג"ע פון מאַשאַ ראַווין, אסתּר מאַרגוליס־שקורמאַן, אַרכ. ב. מאַרק.
ג"ע פון לודוויג ווערל, יד ושם, 2448/139.

37) א. פידערקעוויטש, ז' 169.

38) ג"ע פון שׂמחה זלאָטאָווסקי, אַרכ. ב. מאַרק.
ג"ע פון חיים פראַש, אַרכ. ב. מאַרק.

39) Tadeusz Iwaszko: Podobóz "Günthergrube". Zeszyty 0święcimskie 1970, nr. 12, s. 128.

40) אוישוויצער מאַטעריאַלן — נאָטיצן פון מאָסקווע, אַרכ. ב. מאַרק.

41) „רודי" פון פּוילישׂ — ד.ה „געלער". דאָס זענען געווען פּסעוודאָנימען פון ישׂראל פעלד, אינפאָרמאַציע פון ישׂראל גוטמאַן.

42) אוישוויצער מאַטעריאַלן אין געוועזענעם אַרכיוו פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע (קאָפּיעס ביים מחבר).

43) קראָוס און קולקאַ, ז' 242.

44) ג"ע פון חיים־איצל גאָלדשטיין, אַרכ. ב. מאַרק.

45) ג"ע פון יידל באַרשטשעווסקי־קאַרמאַן, אַרכ. פון י.ה.א. אין וואַרשע.
(קאָפּיע אַרכ. ב. מאַרק) ; ווייטער : באַרשטשעווסקי.
ג"ע פון אַדאָלף לינדענבאַום, יד ושם, ל־2251/153.

Oszkár Bethlen: Leben auf dem Acker des Todes, Budapést 1962 Corvina Verlag, s. 111.

ווייטער : בעטלען).

46) Prof. R. Waitz: Notes sur Monowitz-Buna, Aprés Auschwitz, Bulletin Mensuel de l'Amicale des Anciens Deportés d'Auschwitz, nr. 8, April-Mai 1946.

47) בעטלען, ז' 204—206.

48) באַרשטשעווסקי, בעטלען, ז' 311. ג"ע פון צפורה־שאַפּיראָ־גוטניק. אַרכ. ב. מאַרק.

49) באַרשטשעווסקי, בעטלען, ז' 111: צו דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גרופּע אין בונאַ־מאָנאָוויץ האָבן געהערט סטעפאַן היימאַן, לייזער סילמאַן און — בעטלען. זיי האָבן באַשלאָסן צוצוציִען צו דער אָנפירונג אַ פאָרשטייער פון דער פראַנצייזישער גרופּע.

50) באַרשטשעווסקי.
בעטלען, ז' 255.
ג"ע פון בנימין פיינגערש, אַרכ. ב. מאַרק.
דוד ראָזענטאַל: „אַרום אונדז", „אונדזער שטימע" נומ. 8 פון 17טן מערץ 1946, ז' 10 (אַרויסגעבער: צענטראַלער ייִדישער קאָמיטעט אין בערגען־בעלזען).

51) באַרשטשעווסקי.

52) ג"ע פון יהודה מיימון („פּאָלדעק"), אַרכ. ב. מאַרק. ווײַטער: מיימון.
ג"ע פון אַרטור פּאָזנאַנסקי, אַרכ, ב, מאַרק.

53) ג"ע פון בנימין פיינגערש, אַרכ. ב. מאַרק.
בעת דעם צוזאַמענטרעף פון די געוועזענע מיטגלידער פון דער דײַטשישער גרופּע „מכּבי הצעיר", אסירים פון אוישוויץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים אין יאָר 1965, האָט ב. פיינגערש איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט פון ישׂראל, זלמן שזר ז"ל, דעם אויסבאַהאַלטענעם און אָפּגעהיטענעם טייל פון דער צעריסענער פאָן פון זײַן גרופּע.

54) „ערציִונגס העפטלינגען" (ע.ה.) — העפטלינגען פאַרשפּאַרטע אין לאַגער אויף אַ באַשטימטער צײַט (אויף עטלעכע וואָכן, אָדער חדשים). נאָך דעם טערמין זענען זיי באַפרײַט געוואָרן פון קאָנצענטראַציע לאַגער.

55) ג"ע פון מיימון.

56) דאָרטן.

57) ג"ע פון פרעדי דיאַמענט, אַרכ. יד ושם, ד־447/13.
ג"ע פון אַרטור פּאָזנאַנסקי, אַרכ. יד ושם פּ־2247/216, ז' 27.
בעטלען, ז' 325. ער שרײַבט וועגן פיר אויפגעהאָנגענע אין בונאַ. חוץ די דרײַ יונגע ציוניסטן נאָך אַ יונגער קאָמוניסט, אַ מעטאַל־אַרבעטער פון סאַקסן: פריץ האָסנער.

58) ג"ע פון מיימון.

59) בולאַווקאָ, ז' 144—146.

60) ראַפּאָרטן פון דער אָפּטיילונג נר. 2 פון יאַווישאָוויצער לאַגער פון דער געסטאַפּאָ עקספּאָזיטור אין קאַטאָוויץ פון 14טן און 16טן אויגוסט 1943, אַרכ. פון יי.ה.א., דײַטשישע דאָקומענטן, טעקע 140.

61) Anna Zięba: Podobóz Rajsko. Zeszyty Oświęcimskie nr. 9/1965.
ווײַטער: זיענבאַ ז' 75—77.
ג"ע פון דאָראַ ראַבינאָוויטש־מאַגריל, אַרכ. ב. מאַרק.

62) Н. П. Кошенко, С. С. Милаковская, Ц. А. Шульман : Боролись и в Освенциме. От Карпат до Нормандии. Харьков 1967, стр. 89-100.

63. ג"ע פון סאָניע קאַגאַנאָוויטש, אַרכ. ב. מאַרק.

64) אַנני בינדער, אַ קאָמוניסטקע. זי איז געווען באַשעפטיקט ווי אַ סעקרעטאַרין בײַם לייטער פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין אוישוויץ, בײַם ס.ס. אָבערשטורם־באַנפירער, ד"ר יאָאַכים צעזאַר. זי האָט געהאַט אַ צוטריט צו זײַן שרײַבטיש און צו זײַנע דאָקומענטן. זי האָט דאָס אויסגע־נוצט פאַר דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. דורך איר פרײַנדין קלאָדעט בלאָך־ראַפאַעל־קעננעדי, די ייִדישע פרוי פון פראַנקרײַך, איז זי געווען פאַרבונדן מיט דער פראַנצייזישער קאָנספּיראַטיווער גרופּע פון רייסקאָ.

65) ג"ע פון דאָראָ מאַגריל, אַרכ. ב. מאַרק.
ג"ע פון וואַנדאָ לאַדניעווסקאַ־בלאַנקענהיים, אַרכ. יד ושם ל־2734/180.

66) זיענבאַ, ז' 88—87.

67) ג"ע פון א. לינדענבאַום ; ג"ע פון אסתּר פורמאַן, אַרכ. ב. מאַרק.

68) ג"ע פון וואַנדאָ לאַדניעווסקאַ־בלאַנקענהיים.
ג"ע פון דאָראָ מאַגריל.

69) זיענבאַ, ז' 88.
ג"ע פון סאָניע קאַגאַנאָוויטש.

70) ג"ע פון נתן היבנער, אַרכ. ב. מאַרק.

71) יעקב זילבערשטיין : „נתיב היסורים של נער", זע : יזכור־בוך טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, ישׂראל, 1969, ז' 423.

72) אינפאָרמאַציע פון ישׂראל גוטמאַן.

73) ג"ע פון זאָפיאַ קאָסאַקעוויטש, ז' 123—118.

74) א. האַרטשיק : מײַ־רוף אין קאַצעט. ליד. „אונדזער צײַט" 1953, נ' 5.

75) א. האַרטשיק (אָדער נומער 141078) : בונדישע אַרבעט אין נאַצי־לאַגערן. „אונדזער צײַט" 1953, אַפּריל, נ' 4, ז' 31—32.

קאַפּיטל נײַן

דאָס אַנטלויפֿן פון לאַגער

איינע פון די הויפּט־פאָרמען פונעם ווידערשטאַנד אין לאַגער אוישוויץ איז געווען דאָס אַנטלויפֿן פון די אסירים. דאָס אַנטלויפֿן, אויב עס איז געלונגען, האָט באַטײַט נישט בלויז די פּערזענלעכע רעטונג פון די אַנטלאָפענע, נאָר איז אויך געווען אַ מאָראַלישער קלאַפּ אין דעם ס.ס.־ישן לאַגער־רעזשים, ווײַל אַזוי אַרום איז די „געהיימע רײַכס זאַכע״ פון גרויליקן אוישוויץ געוואָרן אויס סוד. חוץ דעם האָט יעדער פאַקט פון אַנטלויפֿן געהויבן דעם מוט בײַ דער אסירים־מאַסע און אַרײַנגעבראַכט אַ צערודערונג אין די רייען פון ס.ס.

דאָס אַנטלויפֿן איז געווען פּונקט ווי דער ווידערשטאַנד בכלל, אָן אָרגאַניזירטס און אַ סטיכיש־אינדיווידועלס. אין ערשטן פאַל איז דאָס געווען דער אויפֿטו פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלכע האָט נישט בלויז באַשטימט ווער עס דאַרף אַנטלויפֿן, נאָר אויך צוגעגרייט אויף דער „פרײַער״ זײַט די פּונקטן, מלינות, קאָנטאַקטן וכדומה. מענטשן, באַזונדערס באַדראָטע אין לאַגער, פאַרדעכטיקע דורך דער ס.ס., זענען דורך דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג באַשטימט געוואָרן צום אַנטלויפֿן. אין צווייטן סטיכיש־אינדיווידועלן פאַל, האָט אויך אַלץ געמוזט ווערן צוגעגרייט פון פריִער און אַ געוויסע צאָל פאַרטרויטע אסירים האָט געמוזט ווערן איבערפאָרמירט, ווײַל אָן זייער הילף און אָן קאָנטאַקט מיט דער „פרײַ״ (אַדאַנק דער פאַרמיטלונג פון די פּוילישע ציווילע אַרבעטער אין די לאַגער־פאַבריקן און שאַכטעס) האָט נישט געקאָנט זײַן באַצײַטנס אַלץ צוגעגרייט. אין ביידע פאַלן האָט דאָס אַנטלויפֿן געפאָדערט אַ לאַנגע און גענויע צוגרייטונג, פאַרלאַנגט אַ געוואַלדיקע נערוון־אָנשטרענגונג, געדולד און אַליינבאַהערשונג. דער ייִדיש־סלאָוואַקישער בעל זכרונות ורבאַ (וועגן וועלכן עס וועט נאָך זײַן אַ רייד) שילדערט די לאַנגע צוגרייטונג צום אַנטלויפֿן. אין צוגרייטונגען זענען די בעסטע מײַסטערס געווען סאָוויעטישע מענטשן.

דאָס אַנטלויפן האָט געמוזט ווערן אַזוי אָרגאַניזירט, אַז די ס.ס.־וועכטער זאָלן זיך לגמרי נישט אָריענטירן. די אַנטלויפנדיקע פלעגן אַרויס־גיין כלומרשט אויף אַרבעט צום שטח, וואָס איז געלעגן מחוץ די קליינע פּאָסטן־קייט. דאָ צווישן די קליינע און גרויסע פּאָסטן־קייטן פלעגן זיי אַרייַנקריכן אין די צוגעגרייטע אונטערערדישע לעכער — (בונקערס) און איבערוואַרטן אַ געוויסע צייַט, אַ מאָל אַפילו עטלעכע טעג און עטלעכע וואָכן, ביז דער אַלאַרם פון די דייַטשן האָט זיך איינגעשטעלט. דעמלט פלעגן זיי אַרויסקריכן און זיך לאָזן אין וועג אַרייַן. און ערשט דאָ האָט זיך באַזונדערס פאַרן יידישן אַנטלאָפענעם אָנגעהויבן די אמתע שווע־ריקייט. חוץ דעם פאַרדאַכט, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דער לאַגער־נומער אויפן אָרעם, האָט אַ צוגאָב־חשד געוועקט זייַן סעמיטישער אויס־זען, אָדער דער יידישער סימן אין זייַן לייַב [1].

בייַ יעדן פאַל פון אַנטלויפן פלעגן די ס.ס.־לייַט מאַכן אַן אַלאַרם דורך דער סירענע. אַלע ס.ס.־ישע, פּאָליציייִשע און מיליטערישע גאַרניזאָנען אין דער געגנט זענען געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. אָפט מאָל האָט די לאַגער־קאָמענדאַטור גענומען פון צווישן די אסירים ערבות־לייַט און זיי דערנאָך דערשאָסן. אין די אַקטן פון דער לאַגער־קאַנצעלאַריע זענען אָפּגעמערקט פאַלן פון אַנטלויפן.

אָפט אָבער ווערן באַצייכנט ווי „דערשאָסן בייַם אַנטלויפן" מענטשן לגמרי אומשולדיקע. אָפט האָט די ס.ס., ווען ס'איז געווען פּטור פון אַן אומ־באַקוועמען אסיר, אָדער שטערבנדיק אַרויסצורופן אַ פּאַניק, געטריבן מענטשן, בפרט יידן, צו די דראָטן, עלעהיי זיי וואָלטן געוואָלט אַנטלויפן, און דאָ זיי שיסן.

דער פּוילישער פאָרשער ט. איוואַשקאָ האָט אָנגעצייכנט אין משך פון דער גאַנצער עקסיסטענץ פון אוישוויץ קאָמבינאַט 667 פּרוּוון פון אַנט־לויפן, בתוכם 270 דורכפאַלן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט כאַפּן, תּפיסה (טויטן בלאָק) און טויט, און 397 פאַלן ווו עס איז נישט באַוויזן וועגן כאַפּן די אַנטלאָפענע [2].

פאַלן פון אַנטלויפן פון יידישע אסירים ווערן פאַרנאָטירט אין די לאַגער־אַקטן שוין זייער פרי, שוין אין מייַ 1942. די מערהייט אַנטלויף־פאַלן ווערן צו ערשט אָפּגעמערקט בייַ די סלאָוואַקישע יידן, דערנאָך אויך בייַ די פראַנצייזישע און צום סוף אויך בייַ די פּוילישע און אַנ־

דערע. עס זעט אויס אויבנאויפיק, ווי אַ פּאַראַדאָקס דער פאַקט, וואָס ס׳רוב האָבן געפּרוווט לויפן סלאָוואַקישע ייִדן און צום טייל אויך טשעכישע. דאָס טײַטשט זיך אויס קודם כל מיט צוויי מאָמענטן: ראשית איז די טשעכאָ־סלאָוואַקישע בערגיקע גרענעץ געווען נאָענט, והשנית — ווי שוין געזאָגט — די סאָלידאַריטעט בײַ די טשעכישע און צום טייל אויך סלאָ־וואַקישע ייִדן און בכלל טשעכן געווען זייער גרויס, ממש מוסטערהאַפט. חוץ דעם איז די סלאָוואַקישע און טשעכישע ייִדן נישט פרעמד געווען דער עצם קלאַנג פון דער פּוילישער שפּראַך (אַ סלאַוויאַנישע), אַדאַנק וואָס זיי האָבן זיך געקאָנט לײַכטער פאַרשטענדיקן מיט די אַרומיקע פּויערים איידער, למשל, די האָלענדישע, צי גריכישע, אָדער אונגאַרישע ייִדן.

און אָט איז אַן איבערזיכט פון אַנטלויף־פאַלן פון ייִדישע אסירים, לויט דעם ווי זיי זענען נאָטירט געוואָרן אין די לאַגער־אַקטן[3]:

1942

דעם 8טן מײַ — דערשאָסן בײַם פּרווו פון אַנטלויפן סימאָן (שמעון) קאַהאַן. עס קאָן זײַן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איינעם פון די באַקאַנטע מאָרד־אַקטן פון די ס.ס.־לײַט אונטערן תּירוץ־נאָמען „בײַם פלוכט דערשאָסן״.

דעם 12טן מײַ זענען ווידער צוויי ייִדן אומגעקומען בײַם פּרווו פון אַנטלויפן, דהיינו: יעקב שפּיץ, יוסף לאַנדוי און איין אומבאַקאַנטע פרוי, אַלע פון סלאָוואַקיע.

דעם 19טן מײַ איז בײַם פּרווו פון אַנטלויפן דערשאָסן געוואָרן דער סלאָוואַקישער ייִד לעאָפּאָלד אַלמאָסי.

דעם 24סטן מײַ זענען דערשאָסן געוואָרן בײַם פּרווו פון אַנט־לויפן די סלאָוואַקישע ייִדן: מאַרטין ווײַס און זאָלטאַן האַכפּעלדער.

דעם 26סטן מײַ איז דערשאָסן געוואָרן בעתן פּרווו פון אַנטלויפן דער סלאָוואַקישער ייִד יצחק הערשקאָוויץ.

דעם 28סטן מײַ איז דערשאָסן געוואָרן בײַם פּרווו פון אַנטלויפן דער סלאָוואַקישער ייִד יצחק זינגער.

דעם 4טן יוני איז דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן דער סלאָוואַקישער ייִד פראַנץ האַוסער.

דעם 6טן יוני איז בײַם פּרוּוו פון אַנטלויפן דערשאָסן געוואָרן דער סלאָ־וואַקישער ייִד לאַדיסלאַוו ליליענטאַל.

דעם 9טן יוני זענען בײַם פּרוּוו פון אַנטלויפן דערשאָסן געוואָרן די פאָלגנדיקע ייִדן: בנימין ווײַס, אַברהם כאַסקעל און מרדכי מאַרבער. אַלע דרײַ ייִדן פון סלאָוואַקיע.

דעם 11טן יוני זענען בײַם פּרוּוו פון אַנטלויפן דערשאָסן געוואָרן די ייִדן: בערנאַרד קלוגער, אײַזיק ראָסעט און לעאָ ראַכלין. אַלע דרײַ ייִדן פון פּאַריז.

דעם 12טן יוני זענען בעתן אַנטלויפן דערשאָסן געוואָרן די ייִדן: אַרמאַנד קליין און מאַקס גרינוואַלד. בײדע פון פראַנקרײַך.

דעם 13טן יוני זענען דערשאָסן געוואָרן בעתן אַנטלויפן זעקס ייִדן: יאָהאַן שטערנבערג, יוסף קריישמאַן, נתן לעווין, דוד לעווי, הערמאַן ראָזענבערג און ישראל וואַדניצקי. אַלע האָבן זיי געשטאַמט פון ברנאָ (טשעכאָסלאָוואַקיע).

דעם 15טן יוני זענען דערשאָסן געוואָרן די סלאָוואַקישע ייִדן: איזידאָר טויבער און יצחק אַבראַכקאָפף.

דעם 16טן יוני זענען דערשאָסן געוואָרן בעתן אַנטלויפן די ייִדן: אַלבערט טימפּאַלד און עריך קירשענבערגער. דער ערשטער איז געווען פון סלאָוואַקיע, דער צווייטער פון פּאַריז.

דעם זעלביקן טאָג, בײַ נאַכט זענען דערשאָסן געוואָרן בעתן אַנטלויפן די ייִדן: זשאַק פּאַרעצקי, אַדאַלבערט נוימאַן, יאָנאַס בענעדיקט און סאַמועל גערטנער. זיי האָבן געשטאַמט פון סלאָוואַקיע און טשעכישן פּראָטעקטאָראַט.

דעם 18טן יוני זענען דערשאָסן געוואָרן בעתן אַנטלויפן די ייִדן: יצחק שאַפּיראָ, אַרמין בלאַופעדער, מאָריץ לעווענראָזען, סטאַכאָו לענצער, הערמאַן אַפּאַללאָ, יאָהאַן אַנדראַו, יוסף פריד, מאָריץ לוסטבאַדער, עליאַש האַראָוויץ. ס׳רוב סלאָוואַקישע, אָבער אויך פראַנצייזישע ייִדן.

דעם 19טן יוני זענען דערשאָסן געוואָרן בעתן אַנטלויפן די סלאָוואַקישע ייִדן: אַדאָלף ליכטענשטיין, יוליוס פּאַגעל און לודוויק מאָרגענבעסער.

דעם 19טן יוני בײַ נאַכט צווישן פינף אסירים, דערשאָסענע בײַם אַנטלויפן איז אויך געווען אַ סלאָוואַקישער ייִד יעקב הירש.

דעם 20סטן יוני זענען דערשאָסן געוואָרן בעתן אַנטלויפן די סלאָ־וואַקישע ייִדן: ניקאָלאַוס גאָלדשטיין, איזידאָר פּישער, יוליוס טראַוער, יעקבֿ דויטש און חיים געמינדער.

דעם 22סטן יוני בײַ נאַכט זענען דערמאָרדעט געוואָרן בײַם פּרוּוו פֿון אַנטלויפֿן די פֿראַנצייזישע ייִדן דוד בראַקמאַן און יוסף שווייצער און דער קראָקעווער ייִד וולאַדיסלאַוו שיללער.

דעם 23סטן יוני זענען בײַ נאַכט בעתן אַנטלויפֿן דערשאָסן געוואָרן די ייִדן: יוסף קאַהאַן און ישׂראל זאַקס, ביידע דעפּאָרטירטע פֿון פּאַריז. אין דער זעלביקער נאַכט איז בײַם אַנטלויפֿן דערשאָסן געוואָרן דער סלאָוואַקישער ייִד אַלעקסאַנדער פּאַרקאַס.

דעם 24סטן יוני זענען דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפֿן די פּאָלגנ־דיקע ייִדן פֿון סלאָוואַקיע און פֿראַנקרײַך: לאַדיסלאַוו פּישער, יאַנאַס ווײַנער, דעזידער סמולץ און אַרמין האַאַש.

דעם 25סטן יוני איז אַנטלאָפֿן דער סלאָוואַקישער ייִד עמנואל דאַ־ווידאָוויץ. וואָס עס איז מיט אים געשען איז אונדז נישט באַקאַנט.

דעם 26סטן יוני זענען בעתן אַנטלויפֿן אומגעקומען די ייִדן: יוסף ראָדריג און מאיר מאַרסעל, ביידע געבראַכט פֿון דעם פֿראַנצייזישן לאַגער דראַנסי.

דעם 27סטן יוני בײַ נאַכט זענען אומגעקומען בעתן אַנטלויפֿן פֿיר ייִדן: לעאָפּאָלד ווײַס, וולאַדיסלאַוו ווײַס, אַלבערט שטערן און יעקבֿ פֿרידמאַן, אַלע פֿון פֿראַנקרײַך.

דעם זעלביקן 27סטן יוני איז אויך אַנטלאָפֿן דער ייִד שלום זילטמאַן, אַ דעפּאָרטירטער פֿון פֿראַנצייזישן לאַגער פּיטיוויע. ער איז אומגעקומען.

דעם 29סטן יוני זענען אַנטלאָפֿן פֿערצן ייִדן, דהיינו: יוסף קנע־פּעלמאַכער, חיים פֿוקס, זשאַרזש פֿרוידענשטיין, באָריס קאַלמאַנאָוויטש, זשאַק קאָטשוק, אברהם פּלאָטקין, סערזש ראַבינאָוויטש, עליע רעכשאַפֿט, מאָיז פֿאָרמאַס, ווײַמאַן אָרלאָווסקי, ראָבערט ביליס, איליאַ מיטראַני, יאַנאַס שטיינבערג, ישׂראל טרעפּלער — אַלע פֿון פֿראַנקרײַך. זיי זענען אומגע־קומען.

דעם 30סטן יוני איז בײַ נאַכט אַנטלאָפֿן דער ספֿרדישער ייִד פֿון פֿראַנקרײַך ניסים עסקענאַזי (אשכּנזי).

Konzentrationslager Auschwitz
Der Kommandant [illegible]

Auschwitz, den 15. August 1942

A. Kl. 14 f 3 / 8. 42. / Va.

Betreff: Erschießungen von Häftlingen auf der Flucht:

Häftl.Nr. 141o,	Trettner, Sara	geb.	8. 1.13
Häftl.Nr. 15o7o,	Stuhlelmann, Chaja	geb.	29. 9.09
Häftl.Nr. 49755,	Sikrya, Severin	geb.	18.11.03
Häftl.Nr. 45552,	Schaffel, Aures	geb.	25. 8.16
Häftl.Nr. 41662,	Holler, Desire	geb.	15. 7.04
Häftl.Nr. 44245,	Landesmann, Cujza	geb.	31. 1.09
Häftl.Nr. 55669,	Selczay, Saul	geb.	15. 8.89
Häftl.Nr. 52107,	Grünfeld, Julius	geb.	26.1. 03
Häftl.Nr. 43126,	Van Velzer, Samuel	geb.	5.11.85
Häftl.Nr. 55640,	Kolk, Hyam	geb.	6. 3.02
Häftl.Nr. 45244,	Miller, Aizyk	geb.	12. 5.00
Häftl.Nr. 57725,	Van Collem, Ben	geb.	2. 7.04
Häftl.Nr. 51836,	Pardor, Benjamin	geb.	5. 6.05
Häftl.Nr. 45071,	Gerstmann, Jechiel	geb.	11.11.05
Häftl.Nr. 57614,	Sternfeld, Albert	geb.	1.11.16
Häftl.Nr. 52121,	Blumenkrans, Peter	geb.	7.12.89
Häftl.Nr. 57415,	Kretzmann, Joseph	geb.	1. 3.99
Häftl.Nr. 52207,	Katz, Jacob	geb.	2.10.99
Häftl.Nr. 49[illegible],	Lipszyc, Lewi	geb.	7. 6.14
Häftl.Nr. 49151,	Aszam, Noam	geb.	7. 4.06

Bezug: [illegible]
Anlagen: Vorgänge

An das
SS- und Polizeigericht XV

Breslau.

In der Anlage überreicht die Kommandantur K.L. Auschwitz
Meldungen/Berichte gegen

SS-Gericht XV
Eing. 13 AUG. 1942

SS-Sturmm.	Otto Hilde	Hundef.Staffel
SS-Sturm.	Georg Schmidt	Hundef.Staffel
SS-Schtz.	Karl Reinöhl	5./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	Michael Baltruscheit	4./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	Josef Kuchta	4./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	Paul Siebert	4./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	Hermann Skroblin	1./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	Orest Huley	1./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	Paul Sonnkat	3./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	Stefan Zaretski	1./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	Otto Szczerbinski	1./SS-T.Stuba
SS-Schtz.	August Brucker	1./SS-T.Stuba
SS-Rottf.	Anton Glaser	1./SS-T.Stuba
SS-Strm.	Gerhard Schilling	1./SS-T.Stuba
SS-Strm.	Hermann Knaus	1./SS-T.Stuba

b.w.

קאָרעספּאָנדענץ צווישן דער קאָמענדאַנטור פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ
און דער פּאָליציי און ס.ס.־געריכט אין ברעסלאַו (וראָצלאַוו) וועגן „דעם עניין"
פון די אַסירים דערשאָסענע „בעתן אַנטלויפן".

דעם 1טן יולי זענען בײַ נאַכט דערשאָסן געוואָרן בײַם פּרווו פון אַנטלויפן: ישׂראל שטערן (פון סלאָוואַקיע) און יזאַאַק וואַרשאַווסקי (פון לאַגער אין דראַנסי).

דעם 2טן יולי זענען דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן די ייִדן: יהודה טרעוואַגאַט (פון דראַנסי) און אַלאַיז קאַן (פון סלאָוואַקיע).

דעם 7טן יולי איז געכאַפּט געוואָרן בײַם אַנטלויפן און אײַנגעזעצט אין בונקער פון בלאָק נ׳ 11 דער אסיר סאַלאָ פעלדמאַן. ער איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ פון לאַגער דראַנסי. דעם 10טן יולי איז ער באַפרײַט געוואָרן פון בונקער און איבערגעשיקט אין לאַגער אויף אַרבעט אין שטראָף־קאָמפּאַניע, ווו ער איז אומגעקומען דעם 1טן אויגוסט 1942. ער איז געווען דער עלטסטער (געבאָרן דעם 17טן דעצעמבער 1889) אַנטלויפער פון אוישוויץ [4].

דעם 20סטן יולי זענען דערשאָסן געוואָרן בײַם פּרווו פון אַנטלויפן 10 ייִדישע אסירים.

דעם 27סטן יולי איז אַנטלאָפן דער האָלענדישער ייִד סימאָן יאַקאָבס, ער איז אומגעקומען דעם 3טן אויגוסט 1942.

דעם 28סטן יולי זענען דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן 10 ייִדישע אסירים: ראָז קאַלעל פון פראַנקרײַך, וועלטמאַן זאַלטאַן, פרענקעל שלום, בליך אַדאָלף, באַנדער עזריאל, אַלע פון סלאָוואַקיע; ראַטנער מאָזעס, ראַזענבאַום דוד און אויך דאָקטאָר זשאַן פון פּאַריז; מעוזער עגאָן פון סלאָוואַקיע, מזראַכי סאַלאָמאָן פון לאַגער דראַנסי.

דעם 29סטן יולי איז דערשאָסן געוואָרן בײַם פּרווו פון אַנטלויפן מילער פון לאַגער פּיטיוויע.

דעם 5טן אויגוסט איז דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן טעמפּעל סאַמועל פון פראַנקרײַך.

דעם 12טן אויגוסט איז דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן דער אסיר ייִד לאַנדעסמאַן געיזאַ, ער איז אָנגעקומען אין לאַגער דעם 4טן יולי 1942 מיט אַ טראַנספּאָרט פון סלאָוואַקיע.

דעם 13טן אויגוסט איז דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן דער אסיר גורפינקעל. ער איז אָנגעקומען דעם 30סטן יוני 1942 מיט אַ טראַנספּאָרט פון סלאָוואַקיע.

דעם 15טן אויגוסט איז דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן בידערער קאַרל פון לאַגער פּיטיוויע.

דעם 19טן אויגוסט זענען דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן צוויי אסירים: לאַבעל פּיילער, אָנגעקומען קיין אוישוויץ דעם 27סטן יוני 1942 פון לאַגער פּיטיוויע און ראַמשאַק ווילהעלם, אָנגעקומען דעם 1942.8.10 פון ציללי (יוגאָסלאַוויע).

דעם 28סטן אויגוסט איז דערשאָסן געוואָרן „בײַם אַנטלויפן" אַ ייִד אסיר באַצייכנט מיטן נומער 61061 [5]. ער איז אָנגעקומען אין אוישוויץ דעם 22סטן אויגוסט פון לאַגער וועסטערבאָרק (האָלאַנד).

דעם 5טן סעפּטעמבער זענען דערשאָסן געוואָרן בײַם אַנטלויפן 2 אסירים. איינער באַצייכנט מיטן נומער 57672, אָנגעקומען אין אוישוויץ דעם 8טן אויגוסט 1942 מיט אַ טראַנספּאָרט ייִדן פון לאַגער וועסטערבאָרק (האָלאַנד), דער צווייטער באַצייכנט מיטן נ' 57890, אָנגעקומען אין אוישוויץ דעם 10טן אויגוסט פון ציללי (יוגאָסלאַוויע).

דעם 19טן סעפּטעמבער איז דערשאָסן געוואָרן "בײַם אַנטלויפן" אַן אסיר באַצייכנט מיטן נומער 57640. ער איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ דעם 8טן אויגוסט מיטן טראַנספּאָרט ייִדן פון פּיטיוויע.

דעם 21סטן סעפּטעמבער זענען דערשאָסן געוואָרן „בײַם אַנטלויפן" צוויי אסירים ייִדן באַצייכנטע מיט די נומערן: 51367 און 60580. דער ערשטער איז אָנגעקומען אין אוישוויץ דעם 23סטן יולי 1942 מיט אַ טראַנספּאָרט ייִדן פון לאַגער אַנדזשערס-סען-לאָד, דער צווייטער דעם 21סטן אויגוסט מיטן טראַנספּאָרט ייִדן פון לאַגער דראַנסי.

דעם 22סטן סעפּטעמבער זענען דערשאָסן געוואָרן „בײַם אַנטלויפן" אסירים באַצייכנטע מיט נומערן: 49932, אָנגעקומען אין אוישוויץ דעם 21סטן יולי 1942 מיטן טראַנספּאָרט ייִדן פון לאַגער דראַנסי און נ' 59674 אָנגעקומען דעם 18טן אויגוסט 1942 מיטן טראַנספּאָרט ייִדן פון יוגאָסלאַוויע.

דעם 26סטן סעפּטעמבער זענען דערשאָסן געוואָרן דרײַ אסירים באַצייכנטע מיט די נומערן: 50161, אָנגעקומען דעם 21סטן יולי 1942 מיטן טראַנספּאָרט ייִדן פון לאַגער דראַנסי; 65245, אָנגעקומען דעם 23סטן סעפּטעמבער 1942 פון סלאָוואַקיע; 41845, אָנגעקומען דעם 7טן יולי 1942 פון לאַגער פּיטיוויע.

דעם 30סטן סעפטעמבער זענען דערשאָסן געוואָרן „ביים אַנטלויפן" צוויי אסירים באַצייכנטע מיט די נומערן: 59247, אָנגעקומען קיין אויש־וויץ דעם 16טן אויגוסט 1942 פון לאַגער דראַנסי און נ' 59642, אָנגעקומען דעם 18טן אויגוסט 1942 מיטן טראַנספּאָרט יידן פון יוגאָסלאַוויע.

דעם 2טן נאָוועמבער איז דערשאָסן געוואָרן „ביים אַנטלויפן" אַן אסיר באַצייכנט מיטן נומער 66293, אָנגעקומען דעם 28סטן סעפּטעמבער 1942 מיטן טראַנספּאָרט יידן פון מאַלין.

דעם 6טן נאָוועמבער איז דערשאָסן געוואָרן „ביים אַנטלויפן" אַן אסיר באַצייכנט מיטן נומער 67396, אָנגעקומען אין אוישוויץ דעם 11טן אָק־טאָבער 1942 מיטן טראַנספּאָרט יידן פון האָלאַנד.

1 9 4 3

דעם 10טן יאַנואַר זענען דערשאָסן געוואָרן „ביים אַנטלויפן" צוויי אסירים באַצייכנטע מיט די נומערן: 70901 און 68726. דער ערשטער איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ דעם 27סטן אָקטאָבער 1942 מיט אַ טראַנספּאָרט יידן פון האָלאַנד; דער צווייטער — דעם 19טן אָקטאָבער 1942 מיט אַ טראַנספּאָרט יידן און דייטשן פון קאָנצענטראַציע לאַגער בוכענוואַלד.

דעם 22סטן יאַנואַר איז אַנטלאָפן פון לאַגער דער ייד אסיר טשאַרלי וואַלמאַן באַצייכנט מיטן נ' 25442. זיין נומער באַוויַזט, אַז ער איז אָנגע־קומען קיין אוישוויץ אין סוף פעברואַר 1942.

דעם 5טן פעברואַר זענען געכאַפּט געוואָרן „ביים אַנטלויפן" און איינגעזעצט אין בונקער פון בלאָק נ' 11 די אסירים: מיכאַל קאַוואַטש נ' 6227 פון ברנאָ און מאַרקוס קאָעראַנט נ' 86712 פון לאַגער וועסטער־באָרק. ביידע זענען דערשאָסן געוואָרן דעם 9טן פעברואַר 1943 אויפן הויף פון בלאָק 11 ביי דער טויט־וואַנט.

דעם 12טן פעברואַר זענען געכאַפּט געוואָרן „ביים אַנטלויפן" 11 אסירים, צווישן זיי דער ייד חיים קאַץ, נ' 89193. דעם צווייטן טאָג זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן אונטער דער טויט־וואַנט אויפן הויף פון בלאָק 11.

דעם 9טן מערץ זענען צוויי אַנטלאָפענע פון זאָנדער־קאָמאַנדאָ אין בירקענאַו אסירים יידן געכאַפּט געוואָרן אין וואַלד ביי דער ווייסל. איינער איז דערשאָסן געוואָרן, דער צווייטער, פאַעלדיש בעלאַ, נ' 106099, אָנגע־קומען פון בודאַפּעשט, איז געוואָרן איינגעזעצט אין בונקער פון בלאָק

נ' 11, ווו ער איז אומגעקומען דעם 16טן מערץ, וואַרשײַנלעך אין רעזולטאַט פון ווונד פון אַ שאָס און עינויים בעתן פאַרהערן דורך דער פּאָליטישער אָפּטיילונג.

דעם 17טן מערץ איז דערשאָסן געוואָרן „בײַם אַנטלויפן" דער אסיר באַצייכנט מיטן נומער 103918. ער איז אָנגעקומען אין לאַגער דעם 20סטן פעברואַר מיטן טראַנספּאָרט ייִדן פון בערלין.

דעם 1טן אַפּריל איז געכאַפּט געוואָרן „בײַם אַנטלויפן" און אײַנגעזעצט אין בונקער פון בלאָק 11 דער אסיר בערגער זיגפריד נ' 105070, אָנגעקומען דעם 3טן מערץ מיט אַ טראַנספּאָרט ייִדן פון בערלין. דעם 3טן אַפּריל 1943 איז ער דערשאָסן געוואָרן.

דעם 10טן אַפּריל זענען געכאַפּט געוואָרן „בײַם אַנטלויפן" און אײַנגעזעצט אין בונקער פון 11טן בלאָק די אסירים: בראַנדווײַן האַנס נ' 90018, פון קראָקע, מאָטנער בראַנד נ' 62180, פון אַ טראַנספּאָרט ייִדן פון יוגאָסלאַוויע, אָנגעקומענע אין לאַגער דעם 30סטן אויגוסט 1942, און מיכעל עשמאַן נ' 15583. בראַנדווײַן און מאָטנער זענען געוואָרן דערשאָסן דעם 27סטן אַפּריל 1943, דאָקעגן עשמאַן ווי אַ דײַטש איז דעם 22סטן מײַ 1943 באַפרײַט געוואָרן פון בונקער און איבערגעשיקט אין לאַגער.

דעם 1טן יולי איז אַנטלאָפן פון טראַנספּאָרט אסירים, וועלכע זענען איבערגעפירט געוואָרן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער מײַדאַנעק קיין אוישוויץ דער ייִד לייבקאַ פּאָנטשעק.

דעם 30סטן יולי איז געכאַפּט געוואָרן בײַם אַנטלויפן און אײַנגעזעצט אין בונקער פון בלאָק נ' 11 מאָטל רעדאַק נ' 91223 פון גראָדנער געטאָ. נאָך אַ סעלעקציע פון די אסירים פון בונקער איז ער דערשאָסן געוואָרן דעם 20סטן אויגוסט 1943.

דעם 19טן אויגוסט זענען אַנטלאָפן פון לאַגער דרײַ אסירים: דוד ליבערמאַן, שמואל צימערמאַן און ישראל סאַראָקאָ. זייער גורל איז אונדז נישט באַקאַנט.

דעם 7טן סעפּטעמבער זענען אַנטלאָפן פון נעבן־לאַגער נוידאַכס צוויי אסירים: יצחק ראָזענבלאַט פון לאַגער מאַלין און טשאַרל זוסמאַן. נאָך צוויי טעג, דעם 9טן סעפּטעמבער איז ראָזענבלאַט געכאַפּט געוואָרן און אײַנגעזעצט אין בונקער פון בלאָק נ' 11. דעם 21סטן סעפּטעמבער איז ער דערשאָסן געוואָרן.

דעם 20סטן סעפּטעמבער איז אַנטלאָפן פון לאַגער דער אסיר, ייִד, וואַיניונסקאַס יודעליס, נ׳ 39077, אָנגעקומען דעם 7טן יוני 1942 מיט אַ טראַנספּאָרט ייִדן פון פּאַריז.

דעם 29סטן סעפּטעמבער איז געכאַפּט געוואָרן ביים אַנטלויפן און איינגעזעצט אין בונקער פון בלאָק נ׳ 11 דער אסיר, ייִד, גערט לעממעל, נ׳ 130030, אָנגעקומען דעם 16טן יולי 1943 מיט אַ געמיינזאַמען טראַנספּאָרט. דעם 28סטן סעפּטעמבער 1943 איז ער געוואָרן דערשאָסן ביי דער טויט־וואַנט אויפן הויף פון דעם בלאָק נ׳ 11.

דעם 23סטן אָקטאָבער זענען אַנטלאָפן פון נעבן־לאַגער נוידאַכס צוויי אסירים ייִדן: קליין מיקלאָס, נ׳ 133311 און קאַגען הירש, נ׳ 133467. ביידע אָנגעקומען קיין אוישוויץ דעם 2טן אויגוסט 1943 פון לאַגער מאַלין.

דעם 13טן נאָוועמבער איז געכאַפּט געוואָרן ביים אַנטלויפן און איינ־געזעצט אין בונקער פון בלאָק נ׳ 11 דער אסיר, ייִד, לוסטיג פריץ נ׳ 100913, אָנגעקומען דעם 11טן פעברואר 1943 פון לאַגער וועסטערבאָרק. דעם 23סטן נאָוועמבער איז ער געוואָרן באַפריט פון בונקער און איבער־געשיקט אין לאַגער.

דעם 19טן נאָוועמבער זענען דערשאָסן געוואָרן ביי אַ פּרווו צו אַנטלויפן פון אַ לאַסט־אויטאָ, וועלכער האָט געפירט צו די גאַז־קאַמערן, צוויי פרויען אסירים: בינאַ בראַון, נ׳ 62390 און ראָזאַ טיבערגער, נ׳ 65462, ביידע האָבן געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן אין לאַגער.

דעם 4טן דעצעמבער איז אַנטלאָפן פון לאַגער דער אסיר לייב סעגאַל, נ׳ 127164. ער איז אָנגעקומען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער מײַדאַנעק דעם 1טן יולי 1943.

דעם 21טן דעצעמבער איז אַנטלאָפן פון לאַגער הערש קורצוויג, נ׳ 65655 (אָנגעקומען קיין אוישוויץ פון לאַגער דראַנסי דעם 25סטן סעפּ־טעמבער 1942).

אין ווינטער־צייט איז אַנטלאָפן פון נעבן־לאַגער יאַווישאָוויץ דער אסיר, ייִד, יוסף פרים פון ברנאָ. אַ קראַנקן און אַן באַוווסטזיין האָבן אים געפונען אין געגנט פון יאַווישאָוויץ פּוילישע פּאַרטיזאַנער אָנגעהעריקע צום א. ק. אָטריאַד „סאָסיענקי״. זיי האָבן זיך מטפּל געווען מיטן אַנטלאָ־פענעם קאַצעטלער און אים אויסגעהיילט. פרים איז אַריינגעטראָטן אינעם אָטריאַד. וואָס איז מיט אים ווייטער געשען, ווייסן מיר נישט [6].

1 9 4 4

דעם 25סטן פעברואר זענען אַנטלאָפן פון נעבן־לאַגער גאָלעשווו די אסירים, ייִדן: משה וויינריב און מרדכי מאָום. וויינריב איז געכאַפּט געוואָרן דורך דער גרענעץ־פּאָליציי אין זאַוויערציע (וואַרטעגאַו) און דערקענט געוואָרן צוליב דעם נומער אויפן אָרעם [7]. דער גורל פון מאָום איז אונדז נישט באַקאַנט.

דעם 1טן מערץ איז אַנטלאָפן פון נעבן־לאַגער גינטערגרובע דער אסיר שמעון לעווענשטיין. קיין אוישוויץ איז ער אָנגעקומען דעם 1טן אויגוסט 1943 פון בענדין. עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן בעת דער אַרבעט מיט זײַן קאָמאַנדאָ אויסערן לאַגער. נאָך דעם אַנטלויפן זענען נישט געווען קיין שום רעפּרעסיעס לגבי אַנדערע אסירים פון זײַן קאָמאַנדאָ [8]. לעווענשטיין וווינט איצט אין תל־אביב.

דעם 2טן מערץ איז אַנטלאָפן פון בירקענאַו אַ גרופּע 4 אסירים פון דער לייכענקאָמאַנדאָ (מתים־קאָמאַנדאָ): געצל אַבראַמאָוויטש, אייזענבאַך מענדל אָדער סענדער־אַלעקסאַנדער, קובאַ, (יעקב) באַלאַבאַן און סטעפאַן מאַיעווסקי. זיי איז געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פון לאַגער און האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון סלאָוואַקיע. מען האָט זיי אָבער גע־כאַפּט און צוריקגעבראַכט קיין בירקענאַו. אַן אויסנאַמלעכער פאַקט, וואָס מען האָט זיי נישט דערמאָרדעט. זיי זענען אָפּגעקומען יעדער מיט 25 שמיץ אויפן הוילן קערפּער און איבערגעשיקט געוואָרן אין אַ שטראָף־קאָמפּאַניע. אייזענבאַך וווינט איצט אין תל־אביב און יעקב באַלאַבאַן אין קרית שמונה [9].

דעם 5טן אַפּריל איז אַנטלאָפן איבערגעטאָן אין אַן ס.ס. מונדיר דער געוועזענער אָפיציר פון דער טשעכישער אַרמיי און אסיר פון דעם פאַמיליע־לאַגער פון די טשעכישע ייִדן אין בירקענאַו, וויטיסלאַוו [10] לעדערער (פון פּילזנאָ). ער איז געווען אַ טוער פון דעם טשעכישן סעקטאָר פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ. אין זײַן אַנטלויפן האָט אים גע־האָלפן סײַ דער אוישוויצער אונטערגרונט, סײַ אַן ס.ס.־מאַן, וויקטאָר פעסטעק, אַ וועכטער פון דעם פאַמיליע־לאַגער פון די טשעכישע ייִדן. פעסטעק איז געווען אַ פאָלקס־דײַטש פון רומעניע, פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג. ער איז געווען פאַרליבט אין דעם ייִדישן מיידל פון פאַמיליען־לאַגער רענאַ נוימאַן און געזוכט מעגלעכקייטן צו

ראַטעווען איר און אירע עלטערן. לעדערער האָט זיך מיט אים פאַרבונדן און צוגעזאָגט הילף. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַנטלויפן.

לעדערער אין מונדיר פון ס.ס. שאַרפירער, מאַכנדיק די פּאָזע פון הייל היטלער, איז אַדורך אויף אַ ראָווער אָן שטערונגען די וואַכן פון די ס.ס.־לײַט און אָנגעקומען מיט פעסטעקן אויף דער באַן־סטאַציע. מיטן שנעל־צוג זענען ביידע אָנגעקומען קיין פּילזנאָ. דאָרט האָט לעדערער געפונען זײַנע חברים פון טשעכישער אונטערערד, צו וועלכער ער האָט געהערט, און מיט זייער הילף איבערגעפירט געוואָרן אין געטאָ טערעזין. אָפּהיטנדיק שטרענגע קאָנספּיראַציע, האָט ער זיך געטראָפן מיט עטלעכע חברים, צווישן זיי מיטן קאָמענדאַנט פון דער גרופּע פײַערלעשערס, לעאָ האָלצער, מיט פעטשאָור פון דער געטאָ־וואַך און מיט אָטאָ שליסער, אַ מיטגליד פונעם עלטעסטן־ראַט.

ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם גרויליקן אמת פון אוישוויץ, אינ־פאָרמירט וועגן גורל פון די טשעכישע טראַנספּאָרטן. ער האָט אויך איבערגעגעבן זײַן באַריכט דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ אין זשע־נעווע.

אין געטאָ טערעזין האָט ער נישט געקאָנט בלײַבן. ער איז געוואָרן דעקאָנספּירירט. נאָכן אויספילן זײַן אויפגאַבע פון אינפאָרמירן וועגן אויש־וויץ און וואָרענען איז ער אַרײַנגעטראָטן אין אַ סלאָוואַקישן פּאַרטיזאַנער אָטריאַד, ווו ער האָט געקעמפט ביז דער באַפרײַונג.

פעסטעק נאָך זײַן אורלויב איז צוריקגעפאָרן קיין אוישוויץ און ווײַטער געמאַכט באַמיִונגען צו ראַטעווען די פאַמיליע נוימאַן און אַנדערע. אָבער ער איז סוף סוף דעמאַסקירט געוואָרן דורך דער פּאָליטישער אָפּ־טיילונג און דערמאָרדעט געוואָרן בײַ דער אויספאָרשונג [11].

דעם 7טן אַפּריל זענען אַנטלאָפן פון די לאַגערן BIIa און BIIb אין בירקענאַו צוויי סלאָוואַקישע ייִדן: אַלפרעד וועטצלער און רודאָלף וורבאַ (וואָלטער ראָזענבערג). זייער אַנטלויפן האָט געמאַכט דעם גרעסטן רושם.

אַדאַנק זייער פאַרבינדונג מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אויש־וויץ איז זיי געלונגען זיך גוט צוצוגרייטן און אויסצואיבן. זיי זענען אַרי־בער אויפן שטח וואָס מחוץ די וואַך־פּאָסטנס. איבערגעוואַרט דרײַ טעג און דרײַ נעכט אין אַ בונקער (מאַסקירטן אונטערערדישן לאָך), אַ צוגעגרייטן

מיט דער הילף פון חברים אסירים פון דער בוי־קאָמאַנדאָ. ווען דער אַלאַרם־צושטאַנד צוליב זייער פאַרשווינדונג פון לאַגער איז אָפּגערופן געוואָרן, זע־נען זיי אַרויס אין דער ריכטונג פון דער סלאָוואַקישער גרענעץ, אויפן וועג האָבן זיי געגאַסן פון דער הילף מצד אַ פוילישן וואַלד־וועכטער און אַ סלאָ־וואַקישן פויער און דערגרייכט צו דער ייִדישער קהילה אין זשילינע. זייער ס.אָ.ס. וועגן דער אוישוויצער פאַבריק פון מאַסנמאָרד איז דורך דער ייִדי־שער סלאָוואַקישער צענטראַל קהילה אין בראַטיסלאַווע דערגאַנגען צום וואַ־טיקאַן (דורך זײַן פאַרשטייער נונציוס דזשאַזעפּע בורזיאָ) און צו טשער־טשילן, אָבער ווי באַקאַנט האָבן די מעכטיקע פון דער וועלט בכלל נישט, אָדער זייער ווייניק רעאַגירט.

וורבאַ און וועטצלער זענען דערנאָך אַרײַנגעטראָטן אין דער סלאָוואַקי־שער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג און געקעמפט אין סלאָוואַקישן אויפשטאַנד[12]. זיי זענען אַרויסגעטראָטן ווי עדות אויפן נירענבערגער פּראָצעס און אויך אָנגעשריבן ביכער זכרונות.

דעם 15טן אַפּריל זענען אַנטלאָפן פון לאַגער בירקענאַו בײַ דער אַר־בעט בײַם בויען די זײַטיקע באַן־ליניע פון דער סטאַציע אוישוויץ ביז די בנינים פון די קרעמאַטאָריעס אין בירקענאַו פיר אסירים ייִדן: גײַץ ברוך, אָרנשטיין שאול, קאָן אברהם און גאָטליב קאַראָל. דער גורל פון די אַנט־לאָפענע איז אונדז נישט באַקאַנט.

דעם 4טן מײַ זענען אַנטלאָפן פונעם לאַגער מאַנאָוויץ פינף אסירים. די ייִדן: זשורקאָווסקי ראובן, פעללער קאַרשטיין און גאָסלאַווסקי חיים און צוויי פּאָליאַקן, מילאַשעווסקי און טאָמשטיק יאַן. דעם 26סטן מײַ האָט די קאָמענדאַנטור פון מאָנאָוויץ (אוישוויץ 3) באַקומען אַ מעלדונג, אַז זשור־קאָווסקי און די צוויי פּאָליאַקן זענען געכאַפּט געוואָרן אין קראָקע און ווערן איבערגעשיקט אין לאַגער. זייער ווײַטערער גורל איז אונדז נישט באַקאַנט.

דעם 16טן מײַ זענען אַנטלאָפן פון בירקענאַו דער אסיר, ייִד, קאַנטאָ־ראָווסקי אברהם און אויך דרײַ סאָוויעטישע געפאַנגענע.

דעם 25סטן מײַ האָבן פּרובירט אַנטלויפן עטלעכע הונדערט ייִדן פון אונגאַרישן טראַנספּאָרט, וואָס איז אָנגעקומען אין אָוונט קיין בירקענאַו. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין וועלדל און אין די ראָוועס נעבן די בנינים פון די קרעמאַטאָריעס. די ס.ס.־לײַט אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמענדאַנט

פון פרויען־לאַגער, העסלער, האָבן אַלע דערשאָסן בײַ דער ליכט פון רע־פלעקטאָרן.

דעם 27סטן מײַ זענען אַנטלאָפן פון בירקענאַו צוויי ייִדישע אסירים. טשעסלאַו מאָרדאָוויטש פון מלאווע (פוילן) און ראָזין אַרנאָסט פון סנינאַ (סלאָוואַקיע). נאָך פאַרשיידענע דראַמאַטישע פּאַסירונגען איז זיי געלונגען צו דערגרייכן סלאָוואַקיע. דאָרט האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג וועגן די דײַטשישע פאַרברעכנס אין אוישוויץ פאַר דעם פאָרשטייער פון וואַ־טיקאַן נונציוס דזשאָזעפּע בורזיאָ. דער פּראָטאָקאָל איז געוואָרן אַוועקגע־שיקט אין ווײַסן הויז צום פּרעזידענט רוזוועלט. מאָרדאָוויטש און ראָזין האָבן זיך געטראָפן אין סלאָוואַקיע מיט זייערע חברים ראָזענבערג (וורבאַ) און וועטצלער און זענען אויך ווי זיי אַרײַנגעטראָטן אין אַ סלאָוואַקישער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג [13] (מאָרדאָוויטש וווינט אין תל־אביב).

דעם 27סטן מײַ זענען אויך אַנטלאָפן פון בירקענאַו די אסירים: דער ייִד אברהם לעיסמאַן און דער רוס באָריס זעמענקאָ. דעם 6טן יוני איז לעיסמאַן געכאַפּט געוואָרן אינעם שטעטל סטאַרי ביערון און צוריקגע־ברענגט געוואָרן דורך דער דײַטשישער זשאַנדאַרמעריע אין לאַגער.

דעם 24סטן יוני זענען אַנטלאָפן פון בירקענאַו 2 אסירים. דאָס ייִדישע מיידל פון אַנטווערפּן, די לויפערין מאַלאַ צימעטבאַום מיט דעם פּוילישן אסיר טאַדעאוש גאַלינסקי. נאָך 3 וואָכן זײַן אויף דער פרײַ, אין דער ערש־טער העלפט יולי 1944, זענען זיי געכאַפּט געוואָרן און צוגעשטעלט אין לאַגער, און דאָרט אַרײַנגעזעצט אין בונקער פון בלאָק נ׳ 11. בײַ דער אויספאָרשונג דורך דער פּאָליטישער אָפּטיילונג, ווי עס דרינגט אַרויס פון זייערע גריפסן, וועלכע עס האָבן דערהאַלטן זייערע נאָענטסטע פרײַנד, האָבן זיי זיך געהאַלטן זייער מוטיק.

דעם 22סטן אויגוסט זענען זיי אומגעקומען [14].

אין יוני זענען אַנטלאָפן פון נעבן־לאַגער גינטערגרובע פינף פּוילישע ייִדן פון בענדין: אידל פּאַטאַק, הענאָך (העניעק) ערענפריד, משה בוכווייץ, פירסטענפעלד און „פיפעק״ (אַ טרעגער, נאָמען נישט פעסטגעשטעלט) [15]. זייער פּרוּוו צו אַנטלויפן האָט זיך טראַגיש פאַרענדיקט. זיי זענען געכאַפּט געוואָרן און צוריקגעפירט אין לאַגער גינטערגרובע, ווו דעם 5טן יולי האָט

מען זיי אויפגעהאָנגען. פאַרן טויט האָט ערענפריד אויסגעשריִען: שמע ישׂראל! נקמה! די איבעריקע האָבן אויך געוואָרפן לאָזונגען [16].

דעם 3טן יולי איז אַנטלאָפן פון נעבן־לאַגער „אײַנטראַכטהיטטע" אין שוויענטאָכלאָוויצע לייב־אריה זיזיעמסקי (זײַן לאַגער־נומער: 98143) אין אַ גרופּע פון 9 אַסירים: 6 רוסישע אָפיצירן, 2 פּאָליאַקן און ער.

לייב־אריה זיזיעמסקי איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ־בירקענאַו אין יאַנואַר 1943 מיט דעם ערשטן טראַנספּאָרט ייִדן פון געטאָ פּרוזשאַני.

נאָך 2 חדשים וועגעטאַציע אין אכזריותדיקע באַדינגונגען אין בירקענאַו איז ער איבערגעפירט געוואָרן אין שטאַם־לאַגער אוישוויץ און פון דאָרט אין יולי 1943 קיין „אײַנטראַכטהיטטע", ווו ער האָט געאַרבעט בײַ פּראָדוצירן האַרמאַטן.

אין קורצן האָט ער אָנגעקניפּט אַ חברישן קאָנטאַקט מיט אַ גרופּע רוסישע אָפיצירן, אסירים, וועלכע האָבן מיט אים געאַרבעט אין דער פאַבריק. נאָך אַ געוויסער צײַט האָבן זיי זיך צוזאַמענגערעדט צו אַנטלויפן פון לאַגער און דערנאָך אַרײַנטרעטן אין אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד.

זיי האָבן פּלאַנירט צו אַנטלויפן דורך אַ טונעל, וואָס זאָל ווערן אויסגעגראָבן אונטער דער פּאָדלאָגע פון אַ נישט פאַרענדיקטן באַראַק.

דאָס גראָבן האָבן זיי אָנגעהויבן דעם 2טן מײַ אַרבעטנדיק צו צוויי פּערזאָן בײַ טאָג און בײַ נאַכט. בײַ די צוגרייטונגען צום אַנטלויפן האָט זיי געהאָלפן די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע פון לאַגער. דער דאָקטער פון „רעוויר", דער טשעכישער ייִד, קאַראָל ספּערבער (נ' 85512) האָט סטאַביל באַפרײַט פון דער אַרבעט אין פאַבריק „אַלס קראַנקע" צוויי פון דער גרופּע.

נאָך צוויי חדשים איז זיי געלונגען אויסצוהאַקן אַן אַרויסגאַנג פון טונעל. ווען די לעצטע דרײַ האָבן זיך געפונען מחוץ די דראָטן פון לאַגער, האָט זיי באַמערקט דער וואַכמאַן און האָט אָנגעהויבן צו שיסן און אַלאַרמירן. די אַנטלויפער זענען זיך צעלאָפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. זיזיעמסקי האָט דאַן פאַרלוירן די חברים און געבליבן אַליין אָן זאַכן און אָן געלט, אָן אָנגעקליידטער אין אַ „פּאַסיאַק". זעקס וואָכן האָט ער איבערגעלעבט אויף דער פרײַ. אין סלאָוואַקײַ האָבן אים פּאָלקס־דײַטשן געכאַפּט און איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ.

נאָך 10 טעג שרעקלעכע עינויים בײַ דער אויספאָרשונג איז ער איבער־

געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און דאָרט האָט אים פון דאָס ניַי געפּאָרשט די פּאָליטישע אָפּטיילונג און געהאַלטן אין בונקער פון 11טן בלאָק.

על פּי נס איז ער ניצול געוואָרן. דעם 9טן מיַי 1945 יאָר אין טערע־זיענשטאָט, אַ שווער קראַנקן אויף טיפוס, האָט אים דערוואַרט די פריַי־הייט. איצט לעבט ער מיט זיין משפּחה אין תל־אָביב [17].

דעם 7טן יולי זענען אַנטלאָפן פון שטאַם־לאַגער אוישוויץ די ייִדישע פרוי צעציליאַ (סאָניאַ) ציבולסקאַ (שטאַמט פון לאָמזשע) און דער פּויל־ישער אסיר יעזשי ביעלעצקי. ציבולסקאַ האָט געאַרבעט אין דער מיל־קאָ־מאַנדאָ אין שטאַם־לאַגער אוישוויץ און געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער אונ־טערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די צוגרייטונגען צום אַנטלויפן האָבן געדויערט עטלעכע מאָנאַטן. ציבולסקאַ לעבט איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע [18].

דעם 22סטן יולי זענען אַנטלאָפן שמעון זיידאַף (וואַינאַרעק) און יוסף (פּעפּי) מייזעל. ביידע זענען געווען מיטגלידער פון דער אינטערנאַציאָנאַ־לער בריגאַדע אין שפּאַניע. זיידאַף, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אין לאַגער ווי אַ פּאָליאַק וואַינאַרעק, איז געווען איינער פון די איבערגעגעבענע אַקטי־וויסטן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. מייזלען האָט געדראָט טויט־שטראָף. זייער אַנטלויפן איז געווען צוגעגרייט דורך דער אונטערערד אין אוישוויץ. עס איז זיי געלונגען אָנצוקומען קיין קראָקע אויפן קאָנספּיראַ־טיוון אַדרעס. ביידע זענען געווען וויַיטער טעטיק אין דער אונטערערד.

מייזעל האָט דערגרייכט דעם סאָוויעטישן פראָנט, פון וואַנען ער איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן קיין מאָסקווע און פון דאָרט האָבן גענומען פּליסן אין דער וועלט זיַינע אוישוויץ באַריכטן [19]. ביַי ברונאָ באַום [20] איז פּעפּי מייזעל אַן עסטריַיכער, בעת פאַקטיש איז ער געווען אַן עסטריַיכישער ייִד. דער דאָזיקער פּרט איז גאַנץ וויכטיק, וואָרום אויב פאַר אַן אַרישן אסיר איז געווען זייער שווער דער וועג פון אוישוויץ ביזן פראָנט, איז עס פאַר אַ ייִד געווען טאָפּל שווער און דער ייִד מייזעל האָט גובר געווען די שוועריַ־קייטן און האָט דערגרייכט דעם ציל.

דעם 30סטן יולי זענען אַנטלאָפן פון בירקענאַו 5 אסירים, צווישן זיי די ייִדן: ד״ר וואַגשאַל יעקב (אָנגעקומען קיין אוישוויץ דעם 2טן נאָוועמבער 1943 פון שאָפּיעניץ) און יוסף קעננער פון ראַדאָם, אַ פּאָליאַק פראַנצישעק פּיעכאָוויאַק און 2 נישט אידענטיפיצירטע, וועלכע זענען געוואָרן דערשאָסן

בעתן אַנטלויפן. דעם 31סטן יולי זענען זיי געכאַפּט געוואָרן און אַרײַנגעפירט אין מענער־לאַגער בירקענאַו Bild. צעשלאָגענע אין בלוט טריפנדיקע זענען זיי אויסגעשטעלט געוואָרן צוזאַמען מיט די 2 טויטע קערפּערס בײַם אַרײַנגאַנג אין לאַגער, כּדי איבערצושרעקן די אסירים, וועלכע טראַכטן צו אַנטלויפן פון לאַגער.

נאָכן אָוונט־אַפּעל זענען די אסירים פּיעכאָוויאַק און קעננער אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער שטראָף־קאָמפּאַניע, און וואַגשאַלן האָט מען גענומען צו דער אויספאָרשונג. נאָך 2 טעג פּײַניקונג דורך דער פּאָליטישער אָפּטיילונג, איז אין 2טן אויגוסט אויך וואַגשאַל אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער שטראָף־קאָמפּאַניע.

דעם 8טן אויגוסט זענען יוסף קעננער און דר. וואַגשאַל געוואָרן אויפגעהאָנגען אין מענער־לאַגער Bild. פּראַנצישעק פּיעכאָוויאַק איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין מאַוטהאַוזען. ביידע פאַרמשפּטע האָבן זיך געהאַלטן מוטיק. זיי זענען געגאַנגען רויִק צו דער תּליה און מיט פאַראַכטונג האָבן זיי געקוקט אין די אויגן פון זייערע הענקער. די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען נאָכן אַפּעל. אַלע אסירים פון לאַגער זענען געווען געצוווּנגען בײַזײַן. אין דער ערשטער ריי זענען אויסגעשטעלט געוואָרן די אסירים פון באַקליידונגס־קאַמער ווו קעננער איז געווען אַ קאַפּאָ. זײַן ווירדיקע האַלטונג האָט געמאַכט אויף זײַנע חברים צו געמיינזאַמע ליידן און קאַמף אַ שטאַרקן רושם.

יוסף קעננער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ, שטענדיק געווען גרייט צו העלפן אַנדערע אסירים דורך וועלכע ער איז געווען געליבט און געאַכטעט. ער איז געווען אַ ברודער פון לייב (לעאָן) ראָדאַל, איינער פון די העלדישע אָנפירער פון דעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף מיט די היטלעריסטן אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ [21].

דעם 9טן אָקטאָבער זענען אין לאַגער בונאַ־מאָנאָוויץ אויפגעהאָנגען געוואָרן די צוריקגעבראַכטע דרײַ פּוילישע יידן אסירים געכאַפּטע בײַם אַנטלויפן: יהודה דיאַמענט, יאַנעק גראָספעלד און נתן פליישמאַן (פון קראָקע). אַלע דרײַ האָבן געהערט צו דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין מאָנאָוויץ, זענען געווען מיטגלידער פון דער דאָרטיקער ציוניסטישער גרו־

פּע. זייער אַנטלויפן פון לאַגער איז געווען אונטערשטיצט דורך דער אַלגע־מיינער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אוישוויץ [22].

אין די זכרונות פון געוועזענע אוישוויץ קאַצעטלער געפינען מיר נאָך נעמען פון אַנטלאָפענע ייִדן פון לאַגער, וועגן וועלכע מיר האָבן ביז איצט נישט געפונען אין אַנדערע דאָקומענטן. צווישן זיי זענען אויסגערעכנט דורך ישעיהו אייגער [23]: אַדאַם קזשיזשאַנאָווסקי, אַנטלאָפן אין יאָר 1942, אין 1943 צוריק געווען אין לאַגער א.ב. גורסקי, און ווײַטער אַנטלאָפן. זײַן גורל איז אונדז נישט באַקאַנט; משה ציטראָן, אַ פּוילישער ייִד, געכאַפּט געוואָרן בײַם דאָרף פּאָלאַנקע אין נידערשלעזיע; העניעק איצקאָוויטש (נאָך דער מלחמה האָט ער געלעבט אין פּאַריז); חיים מושל, אַ פּוילישער ייִד פון סאָסנאָוויעץ, געכאַפּט געוואָרן און אומגעקומען אין בירקענאַו. חיים פּראַש, קאַצעטלער מיט אַ לאַנגן סטאַזש (נ׳ 34496) דערמאָנט די אַנטלאָפענע: לעאָן שווימער (פון קראָקע) אַנטלאָפן פון בירקענאַו אין 1944 צוזאַמען מיטן פּוילישן אסיר, אַדוואָקאַט זאַיאָנטשעק. שווימער, איינער פון די ערש־טע אסירים אין בירקענאַו איז געווען אַ פֿאָראַרבעטער אין באַקליידונגס־קאַמער, אַ פֿעיִקער, גוטער מענטש, וואָס האָט אַ סך געהאָלפן אַנדערע אסי־רים, זײַן פּרווו צו אַנטלויפן איז נישט געלונגען, ער און זאַיאָנטשעק זענען געכאַפּט געוואָרן נאָך אויפן שטח פון לאַגער. די ס.ס.־לײַט האָבן בײַ זיי געפונען אַ סך גאָלד און בריליאַנטן און אַנדערע ווערטפולע זאַכן.ביידע זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן דעם 17טן יאַנואַר 1944 אין בירקענאַו. שווי־מער האָט זיך העלדיש געהאַלטן. שטייענדיק פאַר דער תּליה האָט ער גע־וואָרפן אויסרופן; „זאָל לעבן די פרײַהייט! זײַט זיך נוקם פאַר אונדזער פריצײַטיקן טויט!"

טראַגיש האָט זיך אויך פאַרענדיקט דער פּרווו פון אַנטלויפן פונעם ייִדישן בלאָק עלטסטן שאַרל אונגליק. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט אַ דײַטשישן שאָפער ער זאָל אים אַרויספירן פון לאַגער פאַר גרויס געלט. דער שאָפער האָט אים פאַרראַטן. געפירט פון בירקענאַו קיין אוישוויץ — און איבערגעגעבן אים אין די הענט פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג. נאָך דער אויספאָרשונג איז ער דערשאָסן געוואָרן. די ס.ס. מענער האָבן זײַן טויטן קערפּער אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול בײַם דורכגאַנג, אַז אַלע זאָלן זען דעם סוף פון די וואָס פּרווון אַנטלויפן.

געלונגען דאָס אַנטלויפן פון בירקענאַו האָט יוסף קילה׳ן פון ראַדאָם

(לעבט אין אַמעריקע), בנימינען (אָדער יאָסעלען) כמיעלניצקין פון פּאַריז שטאַמט פון לאָדזש, געווען אַ פּיפּעל אין בלאָק נ׳ 13, שפּעטער אַ בלאָק עלטסטער אין בלאָק 12 אין לאַגער B II a. ישעיהו קאַלפוסן (פון קראָקע), געווען קאַלעפאַקטאָר ביים אָבער־קאַפּאָ גלאַזער אין באַקליידונגס קאַמער. (ער לעבט אין ישראל). אין דעצעמבער 1944 איז אַנטלאָפן ראָמאַן קליין (פון קראָקע). שפּרינגענדיק פון וואַגאָן פונעם צוג, וואָס האָט געפירט די קאַצעטלער פון אוישוויץ קיין אָהרדרוף. דאָס האָט באַמערקט דער וועכטער און אים דערשאָסן ביים אַנטלויפן. ראָמאַן קליין האָט געהערט צו דער קאָנ־ספּיראַטיווער ווידערשטאַנד־גרופּע פון קאָמאַנדאָ באַקליידונגס קאַמער אין בירקענאַו [24].

ס׳איז אונדז נישט געלונגען פעסטצושטעלן די גענויע דאַטעס פון די פאָלגנדיקע פאַלן פון אַנטלויפונגען פון יידישע קאַצעטלער פון בירקענאַו: אין די ערשטע מאָנאַטן פון 1944 איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט נאָך 4 חברים פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ דניאל (דוד) אָבסטבאַום (אָפּשטאַמיקער פון פּוילן, דעפּאָרטירטער פון פראַנקרייך). אַלע 5 זענען דערשאָסן געוואָרן ביים אַנטלויפן 7 קמ. פון לאַגער [25].

אין דער ערשטער העלפט פון 1944 איז געכאַפּט געוואָרן ביים אַנטלויפן אברהם קאַץ פון לאַגער יאַווישאָוויץ. ער איז געוואָרן אויפגעהאָנגען אין לאַגער. נאָכן אַפּעל האָבן אַלע אסירים פון לאַגער געמוזט 3 מאָל דורכמאַר־שירן אַרום דער תליה און קוקן אויף דעם טויטן גוף פונעם געהאָנגענעם [26].

אין אַ זומער־טאָג זענען אַנטלאָפן פון לאַגער בירקענאַו 3 יידן. צוויי פּוילישע, ברידער העניאָך און שלמה גראָמב פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק און אַ יוגאָסלאַווישער ייד (זיין פאַמיליע־נאָמען איז אונדז נישט געלונגען פעסטצושטעלן). נאָך דריי טעג האָט מען זיי געבראַכט צוריק אין לאַגער צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע. ביי דער אויספאָרשונג האָט העניאָך גראָמב גענומען אויף זיך די שולד און ריינגעוואַשן זיין יינגערן ברודער, וויסנ־דיק וואָס ס׳דראָט אים (שלמה גראָמב איז געווען 17 יאָר אַלט). אין איין וואָך אַרום איז העניאָך גראָמב אויפגעהאָנגען געוואָרן אין לאַגער פאַר די אויגן פון אַלע לאַגער אסירים. די צוויי מיטלויפער זיינע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין שטראָף־קאָמפּאַניע.

העניאָך גראָמב איז געגאַנגען צו דער תליה מיט ווירדע. זיינע לאַנדס־לייט דערציילן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ צעטל מיטן אויפשריפט: נעמט

נקמה. אין לאַגער האָט ער געהאָלפן אַנדערע אַדאַנק זײַן פּראַטעקציע בײַם בלאָק עלטסטן, אַ דײַטש מיט וועלכן ער איז געווען אין גוטע באַציִונגען [27].

צווישן דעם מאַסן־אַנטלויפן פון אוישוויץ האָבן אַ באַזונדער גרויסן אָרט פאַרנומען די סאָוויעטישע אסירים. זיי זענען געלאָפן גרופּנווײַז און ביחידות. דורכגעפאַלן איין מאָל, האָבן זיי עקשנותדיק געוואַרט אויף אַ צווייטער געלעגנהייט.

אין יאָר 1944 איז אַנטלאָפן דער סאָוויעטישער אָפיציר טשערקאַסאָוו. אַדאַנק די פאַרבינדונגען פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז ער מיט מזל אָנגעקומען אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס אויף דער „פרײַ". ער האָט נישט געוואָלט רוען, זיך געריסן צום קאַמף און איז געשיקט געוואָרן צו די פאַרטיזאַנער פון אַרמיאַ לודאָוואַ. בקרוב האָט ער זיך קונה שם געווען ווי אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּוילישן פאַרטיזאַנער אָטריאַד אין דעם 12טן ראַיאָן פון „אַרמיאַ לודאָוואַ". אין דער געגנט פון ווישליצע האָט טשערקאַסאָוו איבערגעלעבט אין קאַמפן און שלאַכטן די מלחמה. ער וווינט אַצינד הינטער מאָסקווע. זײַן אמתער נאָמען קלינגט: וואָלאָדימיר יאַקאָוולעוויטש עפּשטיין. וואָרום טשערקאַסאָוו האָט געלעבט אויס נויט אַלס פאַרשטעלטער רוס אין אוישוויץ, ער איז אָבער אַ ייִד [28].

1945

פאַרהעלטעגישמעסיק זענען אַ סך אסירים, צווישן זיי אויך ייִדישע, אַנטלאָפן אויף דער עוואַקויִר טראַסע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 18טן יאַנואַר 1945. צוליב דעם מאַנגל פון מאַטעריאַלן איז שווער פעסטצושטעלן, אַפילו אומגעפער די צאָל פון די אַנטלאָפענע. מען קאָן אָבער פעסטשטעלן, אַז די פון די אסירים און אסירות, וועלכע זענען אַנטלאָפן נישט ווײַט פון אוישוויץ האָבן נישט לאַנג זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן ד. ה. 10 טעג ביז דעם 27סטן יאַנואַר 1945, ווען די שטחים נאָענט פון אוישוויץ זענען געוואָרן באַפרײַט דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי.

אין שווערערע באַדינגונגען האָבן זיך געפונען די, וועלכע עס איז אויסגעקומען צו וואַרטן אויף זייער באַפרײַער לאַנגע וואָכן, און אַפילו חדשים. אַ סך פון זיי זענען געכאַפּט און אומגעבראַכט געוואָרן דורך אָפּטיילונגען פון ס.ס. און ווערמאַכט, אָדער געסטאַפּאָ און ס.ד. (זאָנדער־דינסט).

אויף דער עוואַקויִר־טראַסע אוישוויץ — פשטשינאַ — ריבניק — וואַדזשיסלאַוו — שלאַנסקי איז געלונגען צו אַנטלויפן עטלעכע געוועזענע קאַצעטלער פון דער לעצטער זאָנדער־קאָמאַנדאָ: שלמה דראַגאָן, העניק טאַובער, העניק מאַנדעלבאַום און סטאַניסלאַוו יאַנקאָווסקי (אַלטער פייַנזילבער)[29]. נאָך צוויי חדשים וואַלגערן זיך אין שווערע באַדינגונגען האָבן זיי דערגרייכט אין סוף מערץ 1945 די פאָדערשטע אָפּטיילונגען פון דער סאָוויעטישער אַרמיי אין וואַדזשיסלאַוו ביי ריבניק.

דעם 18טן יאַנואַר איז פון עוואַקויִר טראַנספּאָרט אַנטלאָפן זשיוווּלסקאַ קריסטינאַ צוזאַמען מיט נאָך 3 אסירות. זשיוווּלסקאַ, אַ ייִדישע פרוי פון פּוילן, אַ שרייַבערין, וואָס האָט באַשריבן אין איר בוך[30] דאָס אַנטלויפן פונעם טראַנספּאָרט.

אַזוי אַרום ווייַזט זיך אַרויס, אַז אין דער גרויסער אָרגאַניזירטער און סטיכישער, כסדר דויערנדיקער אַקציע פון אַנטלויפן פון אוישוויצער גיהנום זענען ייִדישע אסירים געווען אַנגאַזשירט אין אַ באַדייַטנדיקער מאָס. זייער אָנטייל אין דער אַנטלויף־אַקציע איז געווען גרעסער ווי עס טיילן מיט די דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָרום עס ווערט נישט זעלטן פאַרשריבן אויף די קאָנטעס פון אַנדערע פעלקער.

כמעט ביי יעדן פאַל פון אַנטלויפן האָט די ס.ס. מאַכט פון לאַגער דורכגעפירט אַכזריותדיקע רעפּרעסיעס און אָפט מאָל גענומען פון פאַרויס ערובניקעס, וועלכע זענען דערנאָך אין רוב פאַלן אומגעבראַכט געוואָרן. אַזוי האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט רודאָלף העס שוין אין אַפּריל 1941 גענומען ערובניקעס, זיי געהאַלטן אין פינצטערן קאַמער פון 11טן בלאָק (לאַגער־אַרעסט) ווו זיי זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער. ערובניקעס פלעגט מען נעמען צו 10 פּערזאָן, אַפילו 20 פון צווישן די וואָס האָבן געאַרבעט מיטן אַנטלאָפענעם אין דער זעלבער אַרבעטס־קאָמאַנדאָ, אָדער געוווינט אין דעם זעלבן בלאָק.

דעם 8טן אויגוסט 1941 האָט מען גענומען אַלס ערובניקעס 9 ייִדן און איין פּאָליאַק. דאָס איז געווען אַ רעפּרעסיע פאַרן אַנטלויפן פון אַ געוויסן אסיר. צווישן די 9 ייִדן איז געווען אַ געוויסער נפתלי טאַלעס[31], וואָרשייַנלעך אַן אונטערערדישער טוער. די דאָזיקע ערובניקעס האָט מען דערמאָרדעט מיט פענאָל[32] איינשפּריצונגען. אין 1944 איז אין פּרינציפּ אָפּגעשאַפט געוואָרן די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס איז אויך

געוועזן איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס האָט באַווירקט צו פאַרגרעסערן די צאָל פון אַנטלויפונגען.

אָבער אין פאַל ווען דער אַנטלאָפענער איז געכאַפּט געוואָרן לעבע־דיקערהייט, איז ער אכזריותדיק באַשטראָפט געוואָרן. קודם איינגעזעצט געוואָרן אין בונקער פון בלאָק 11, בעת דעם אָווענט־אַפּעל איז ער אַרויס־געפירט געוואָרן איבערגעטאָן אין קליידער פון אַ צירק־קלאָון און שלאָגנ־דיק אין אַ פויק געצוווּנגען געוועזן צו שרייַען: „הורראַ, איך בין ווידער דאָ״. נאָך דער צערעמאָניע איז ער געוואָרן ווידער אַרייַנגעפירט אין בונ־קער. און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג דורך דער פּאָלי־טישער אָפּטיילונג. די ס.ס. פאָרשער איז געגאַנגען פעסטצושטעלן דעם אופן פון אַנטלויפן, די טראַסע, די מענטשן, וועלכע האָבן געהאָלפן. נאָכן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג האָט מען דעם פאַרמשפּטן דערשאָסן, אָדער עפנטלעך בעת דעם אָוונט־אַפּעל אויפגעהאַנגען. טייל מאָל איז ער איבער־געשיקט געוואָרן אין דער שטראָף־קאָמפּאַניע, ווו ער איז געבליבן אונטער אַ „ספּעציעלן אויפזיכט״ פון די ס.ס.־לייַט. אָפט איז ער אומגעקומען פון אַ קויל פון די וועכטער פאַר אַ כלומרשטן פּרווו פון אַנטלויפן.

אָפט מאָל האָבן די ס.ס.־לייַט די געכאַפּטע ביַים אַנטלויפן, אָדער נאָכן אַנטלויפן, אסירים אַרייַנגעזעצט אין טרויעריק באַרימטן בונקער פונעם 11טן בלאָק. דאָס זענען געוועזן גרויזאַמע קאַמערן, אָפט אַזעלכע, אַז דער אַרעסטאַנט האָט געמוזט די גאַנצע צייַט שטיין אָן אויפהער. נישט שטענ־דיק האָבן די ס.ס.־לייַט געמוזט דעם אַרעסטאַנט דערמאָרדן מיט די אייגענע הענט ווייַל ער פלעגט אויסגיין פון הונגער און דערשעפּונג.

אָפט מאָל האָבן די אַרעסטירטע אין בונקער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די יסורים פון שטיין אָן אויפהער אויף די פיס, פון הונגער און פון די שרעקלעכע אויספאָרש־מעטאָדן פון באַגער און אַנדערע תּלינים פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג. די אסירים פלעגן אָפט מאָל באַגיין זעלבסטמאָרד אינעם גרויזאַמען בונקער. אַזוי האָט זיך דעם 3טן מערץ 1942 אויפגעע־האָנגען אין בונקער דער אַרעסטאַנט שמואל גרינהוט. דעם 10טן יוני 1942 איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין דעם בונקער דער אַרעסטאַנט זלמן דיאַ־מאַנד, וועלכן מען האָט אינעם בונקער אַרייַנגעזעצט דעם זעלביקן טאָג [33].

דער אַרעסט־בונקער איז געווען אַ טייל, אַ גרויזאַמער טייל פון דעם שרעקלעכן ס.ס.ישן טעראָר אינעם לאַגער. לויט די פאַרצייכענונגען אין

דעם אָפּגעראַטעוועטן רעגיסטריר־בוך פונעם אַרעסט־בונקער זענען דאָרטן געזעסן אין משך פון צוויי יאָר 1241 פּאָליטישע אַרעסטירטע, 286 ייִדן, 8 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און 8 ביבל־פאָרשער. די ייִדישע אסירים זענען געזעסן אינעם בונקער סײַ פאַר פּאָליטישע חטאים, סײַ פאַר אַדמיניסטראַטיווע, סײַ פאַר אַנטלויף־פּרוּוון און ווי ערובניקעס. עס איז זייער אינטערעסאַנט, אַז סײַ דער עלטסטער בונקער־אַרעסטאַנט, סײַ דער ייִנגסטער זענען געווען ייִדן. דער עלטסטער איז געווען אַ דײַטשישער ייִד הוגאָ ראָזענטאַל (ער איז דערשאָסן געוואָרן דעם 3טן יולי 1943), דער ייִנגסטער — דער 13־יעריקער פּוילישער ייִד הירש יאַבלאָנסקי, וועלכער איז אַרײַנגעזעצט געוואָרן אינעם בונקער אויפן באַפעל פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג דעם 7טן מאַי 1943; ער איז דערשאָסן געוואָרן דעם 25סטן מײַ 1943 צוזאַמען מיט נאָך 10 אסירים, בתוכם זײַן ברודער. די טויט־שטראָף איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן באַפעל פון געסטאַפּאָ מחוץ דעם לאַגער. אין דעם פאַל איז באַשײַמפּערלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט ייִדישע אסירים, וואָס זענען געווען אַנגאַזשירט אין דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג [34].

אויב מיר וועלן נעמען די צאָל טעג פאַרבראַכטע אין דעם שוידערלעכן בונקער, שלאָגן אויך אויף דעם פעלד די ייִדישע אסירים דעם רעקאָרד. די לענגסטע צאָל טעג זענען דאָרטן אָפּגעזעסן די ייִדן אַלבערט האַמערלע און הירש־ישראל קינסטלער, וועלכע האָבן „פאַרבראַכט" אינעם בונקער מער ווי 200 טעג [35].

ווי מיר זעען פון דעם קאַלענדאַר פון אַנטלויפונגען, זענען זיי מיט דער צײַט געוואָרן בעסער אָרגאַניזירט און צוגעגרייט און מער געלונגענע, און אויך דער אַנטלויף־געדאַנק האָט אָנגעהויבן פאַרבינדן ווערן שוין נישט בלויז מיטן ציל צו אַלאַרמירן די וועלט, נאָר אויך מיטן אַרײַנטרעטן אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין המשך פון קאַמף.

דאָס טראַגישע לעבן און דער שוידערלעכער טויט פון איטלעכן פון אָט די ייִדן און נישט־ייִדן איז אין יעדן באַזונדערן פאַל אַ גאַנצע דראַמע פאַר זיך. אַזעלכע דראַמעס זענען געווען אַזוי פיל, האָבן פּאַסירט טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אַז זיי זענען שוין נישט געוואָרן פאַרקריצט ספּעציעל אין זכרון פון די עדות. אָקעגן־זשע איין אַנטלויף־פאַל און איין טראַגישער העראָישער פינאַל האָט זיך טיף אײַנגעקריצט אינעם געדעכעניש

פון אַ סך עדות. דאָס איז געווען דער פאַל: מאַלאַ צימעטבאַום, אויף וועלכן מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אַ ביסל פּרטימדיק.

הערות צום קאַפּיטל נײַן

1) באַום, ז' 91—90.

2) איוואַשקאַ, ז' 44—49.
סמאָלען, ז' 39.

Szymon Datner: Ucieczki z niewoli niemieckiej 1939—1945. Warszawa 1966. s. 226—232.

3) אַלע דערמאָנטע אַנטלויפונגען פון יאָר 1942, זע: „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן, נ' 3/1958.

4) איוואַשקאַ, ז' 48.

5) פון סוף אויגוסט 1942 זענען אין די אוישוויצער דאָקומענטן די אויסגערעכנטע ווי אַנטלאָפענע קאַצעטלער פאַרצייכנט לויט זייערע אויסטאַטוירטע נומערן, וועלכע זיי האָבן באַקומען בײַם אַנקום אין לאַגער, נאָך דער סעלעקציע. פאַרגלײַכנדיק מיט די נומערן פון די אָנגעקומענע קיין אוישוויץ טראַנספּאָרטן פון ייִדן, האָבן מיר פעסטגעשטעלט ווען און פון וואַנען זיי זענען אָנגעקומען. די דאָזיקע באַצייכענונגען קאָנען פאַרלײַכטערן די ווײַטערע פאָרשונגען צו אידענטיפיצירן די אומגעקומענע אַנטלויפער.
די רשימה פון די אַנטלאָפענע ייִדן איז נישט קיין פולע. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז צווישן די אַנטלויפער־קאַצעטלער אַריער, ס'רוב פאַליטישע אסירים פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער, זענען אויך געקומען פאַר־באַהאַלטענע אויף פאַלשע „אַרישע דאָקומענטן" ייִדן אָנגעקומענע קיין אויש־וויץ ווי פאַליטישע פאַרברעכער, נישט מיט ייִדישע טראַנספּאָרטן. עס איז שווער פעסטצושטעלן זייער אידענטיטעט. אין אונדזער אַרבעט האָבן מיר אויסגערעכנט נאָר די זיכערע נומערן ד״ה. די, וועלכע וועקן נישט קיין צווייפל. אַז זיי באַצייכענען ייִדישע אסירים.

6) Antoni Strzelecki. Podobóz Jawischowitz. Zeszyty Oświęcimskie 1974 nr. 15, s. 230.

7) איוואַשקאַ: אַנטלויפונגען... ז' 22.

8) איוואַשקאַ: גינטערגרובע, ז' 138—139.

9) קראַוס און קולקאַ, ז' 67—62, ורבא, ז' 253.
„קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן, 1962, נ' 6, ז' 60.

10) אין „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן 1962, נ' 6, ז' 64 איז ער אָנגערופן זיגפריד און בײַ קראַוס און קולקאַ, ז' 59 — יאַראָסלאַוו. מיר גיבן זײַן נאָמען לויט דער לעצטער פעסטשטעלונג פון אריך קולקאַ, אין: חמש בריחות מאושוויץ והוהן. ילקוט מורשת, דעצעמבער 1964, ז' 18. (ווײַטער: אריך קולקאַ).

11) אריך קולקאַ, ז' 27—30.

H. G. Adler, Theresienstadt 1941—1945, Lubingen 1960, str. 155.

קראַוס און קולקאַ, ז' 59—62.

12) וורבאַ, ז' 238—239.
אריך קולקאַ, ז' 31.

13) ג"ע טשעסלאַוו מאַרדאַוויטש, יד ושם, מ־2445/143.
אריך קולקאַ, ז' 32.

14) זע קאַפּיטל נ' 10 : „די געשיכטע פון מאַלאַ צימעטבאַום".

15) ט. איוואַשקאַ אין זײַן אַרבעט : נעבן־לאַגער „גינטערגרובע" (Podobóz "Günthergrube") ז' 140. דערמאַנט אַחוץ די פיר אויסגערעכנטע נאָך די נעמען : פירסטנפעלד און פישל.

16) Mordechaj Lichtenstein: Jewish Survivors Report Document of Nazi Guilt. Eighteen Months in the Oswiecim Extermination Camp. Jewish Central Information Office. London, May 1945.

ג"ע פון זאב (וואַצלאַוו) בוכווייץ. אַרכ. ב. מאַרק.
דער בעל זכרונות איז דער ברודער פונעם געהאַנגענעם משה בוכווייץ. ער איז געווען צוזאַמען מיט אים אין לאַגער. ער דערמאַנט, אַז זײַן ברודער איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן גערעדט מיט דער דעלעגאַציע פונעם „רויטן קרייץ" אין גינטערגרובע אין אָנהייב 1944. פון דער צײַט איז ער געווען גערודפט דורך דער ס.ס. לאַגער אָנפירונג.

17) זכרונות פון לייב־אריה זיזיעמסקי. אַרכ. ב. מאַרק.

Mgr. Franciszek Piper: Podobóz „Eintrachthütte". Zeszyty Oświęcimskie" 1975 nr. 17, s. 131—135.

18) איוואַשקאַ, „אַנטלויפונגען..." ז' 26 ; ג"ע פון העלענאַ שפּראַצער, אַרכ. ב. מאַרק.

19) נאָטיצן פון אַרכיוו פונעם ידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, אַרכ. ב. מאַרק.

20) באַום, ז' 93.

21) זכרונות פון חיים פראַש, אַרכ. ב. מאַרק.
ישעיהו אייגער : ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ־בירקענאַו. „פון לעצטן חורבן", מינכען, דעצעמבער 1948, נ' 10, ז' 71.

22) זע קאַפּיטל 8.

23) ישעיהו אייגער, ד.צ.וו., ז' 71.

24) חיים פראַש זכרונות ; רשימה פון די, וואָס זענען געלאָפן פון אוישוויץ בירקענאַו און בונאַ, אַרכ. ב. מאַרק.

25) ג"ע פון סטאַניסלאַוו יאַנקאָווסקי (אַלטער פײַנזילבער), „אוישוויצער העפטן" 1971, ספּעציעלער נומער II, ז' 56.

26) סטשעלעצקי, ד.צ.וו., ז' 230.

27) נאָטיץ פון אַרכיוו פון ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, אַרכ. ב. מאַרק.
שמואל טאַוב: אַ בינטל טרויעריקע זכרונות אין יזכור־בוך מאַקאָוו־מאַזאָ־וויעצק.
מרדכי ציעכאַנאָווער: איבער בלוטיקע וועגן. מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, יזכור בוך (ווי אויבן) ז׳ז 331—332.
שלמה רייטשיק: אין גרויליקע יאָרן, דאָרטן, ז׳ 345.

28) ג״ע פון וולאַדימיר עפשטיין. אַרכ. מאַרק.

29) איוואַשקאָ, „אַנטלויפונגען" ז׳ 40.

30) Krystyna Żywulska: Przeżyłam Oświęcim. Warszawa 1951, P.W.N., s. 322-323.

31) „קאַלענדאַר" אוישוויצער העפטן, נ׳ 2, 1958, ז׳ 99.

32) פענאַל. — קאַרבאָל־זויערשטאָף, סם, געוואָרן פאַרוואַנדלט ווי אַ מיטל צו טייטן די אסירים דורך איינשפּריצונגען.

33) „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן, נ׳ 3/1959.

34) בראָל, וולאַך, פּילעצקי: דאָס בוך פון בונקער, ז׳ 29.

35) דאָרטן.

קאַפּיטל צען

די געשיכטע פון מאַלאַ צימעטבאַום

די געשיכטע און בפרט דער טראַגישער טויט פונעם ייִדישן מיידל מאַלאַ (מאַלי) צימעטבאַום [1] ווערט דערציילט אין פאַרשיידענע נוסחאות אין כמעט אַלע רעלאַציעס און ביכער וועגן אוישוויץ. אין דער פּוילישער לאַגער-ליטעראַטור איז די געשיכטע פון מאַלאַ און בפרט פון דעם ייִדיש-פּוילישן פּאָרל מאַלאַ און עדעק ברייט באַקאַנט און באַשײַנט מיט ראָמאַנטיש-העראָיִשער אָרעאָל. אָפט מאָל איז אין דער דאָזיקער טעמע די פאַנטאַזיע גובר דיווירקלעכקייט. די פּוילישע ליטעראַטור ווייס ווייניק וועגן מאַלאַס ביאָגראַפיע און טעטיקייט אינעם לאַגער ביזן אַרויסשווימען פונעם אַנטלויף-ענין און אַקצענטירט די געפילן און דעם גורל, וואָס האָבן געבונדן דאָס ייִדישע מיידל מיטן פּוילישן בחור. קיינער פון די פּוילישע באַשרײַבער איז בײַ דער עקזעקוציע פון מאַלאַ נישט געווען, ווײַל די ס.ס.-לײַט האָבן צו איר עקזעקוציע צוגעלאָזט בלויז די ייִדישע פרויען. די ייִדישע מאַטעריאַלן וועגן מאַלאַ זענען מער באַהאַוונט אין איר פאַרגאַנגענהייט, משפּחה און כאַראַקטער און קנאַפּער אין אירע באַציִונגען מיטן יונגן פּוילישן אסיר. איינער פון די פּוילישע באַשרײַבער דערציילט, למשל, אַז מאַלאַ איז געווען אַ טאָכטער פון אַ רײַכן ייִדישן דימענט-סוחר פון אַנטווערפּן, בעת פאַקטיש איז איר פאָטער געווען אַ משרת, אָדער קליינער מעקלער אין דער דימענטן-אינדוסטריע.

די צוויי הויפּט-מקורים צו דער געשיכטע מאַלאַ זענען די רעלאַציעס פון צוויי דירעקטע עדות — איינע אַ ייִדישע; דער צווייטער אַ פּוילישער — פון פרוי גיזאַ ווײַסבלום, אַ קרובה פון מאַלאַ צימעטבאַום, אַן אָפּשטאַמיקע פון טאַרנאָוו, פּוילן, און אַן עמיגראַנטין אין בעלגיע, אַ מיטגלידערין פון דער אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני" און פון דער בעלגישער אונטערערדישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג. גיזאַ איז אין 1943 דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ און זיך דאָ געטראָפן מיט מאַלאַ, נאָכגעפאָלגט איר

לעבן און טעטיקייט אינעם לאַגער און געווען אַן עדות פון איר אַנטלויפן און טראַגישן אומקום. חוץ גיזאַ ווײַסבלום זענען פאַראַן נאָך אַ שפּאָר ביסל ייִדישע עדות, לאַגער־אסירים, וואָס האָבן געקענט און געזען אונד־זער העלדין. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן קודם כל אויף די, וואָס שטאַמען פון בעלגיע, ווײַל זיי האָבן געהאַט אַ נענטערן שייכות מיט איר. דאָס זענען די צוויי דעפּאָרטירטע — שרה גאָלדבערג (אַן אַקטיוויסטין פון דער בעלגישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג) און סאָניע גאָלדמאַן (אַ לינקע אַרבע־טער־טוערין). זיי האָבן געקענט מאַלאַ פון דער נאָענט און בעסער אָבסער־ווירט און געפילט אירע איבערלעבונגען איידער די פּוילישע עדות. מיר וועלן ברענגען די מיינונג אויך פון דער עדותטע פּאַליע קלאָץ (פון דער היים שענער). וואָס איז אונדז נייטיק, כדי צו ווײַזן ווי אַזוי ווירקלעכקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין לעגענדע.

אויב עס גייט אין מאַלאַס ביאָגראַפיע ביז איר אָנקומען קיין אוישוויץ, דיספּאָנירן מיר מיט די דערקלערונגען פון דער שוועסטער, שוואָגער און חברטע פון דער העלדין, וועלכע ווינען אין אַנטווערפּן; זייערע דער־קלערונגען זענען געוואָרן אויפגעזאַמלט דורך דעם ייִדיש־בעלגישן טוער באָריס שוסטער.

פון די פּוילישע עדות וועלן מיר זיך סומך זײַן אויף צוויי: אויף וויעסלאַוו קעלאַר, אַ נאָענטער פרײַנד פון דעם פּוילישן אסיר עדעק און אַ דירעקטער עד ראיה פון די חבלי לידה פון דעם אַנטלויפן און פון דעם טראַגישן פינאַל. פון דער גאַנצער גרופּע פּוילישע עדות קלײַבן מיר אויס נאָך איינעם, וואָס האָט דירעקט די געשיכטע נישט אָבסערווירט, נאָר געהערט פאַרשיידענע אָפּקלאַנגען און ווידערקולות אין לאַגער.

עס איז אויך אינטערעסאַנט די מיינונג פון ווײַט־שטייענדיקע אסירים, ווי למשל פון ברונאָ באַום א.אַ.

די הויפּט־מחותנים זענען גיזאַ ווײַסבלום און וויעסלאַוו קעלאַר. פרוי ווײַסבלום איז דער נאָענטסטער מענטש פון מאַלאַ, קעלאַר — פון עדעקן.

מאַלאַ צימעטבאַום איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1920 אין בזיעסקאָ. די משפּחה האָט אויסגעוואַנדערט קיין בעלגיע און זיך באַזעצט אין אַנט־ווערפּן אויף מאַרינוס־גאַס נומער 7; דאָס איז געווען אַ גאַס, באַוווינט דורך דער ייִדישער אָרעמקייט. אין דער סביבה איז מאַלאַ דערצויגן גע־

וואָרן. איר פֿאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ דימענטן־פֿאַבריק און געפֿירט אַ גאַנץ באַשיידן לעבן. עס האָט אים געטראָפֿן אַן אומגליק און ער איז בלינד געוואָרן. דאָס האָט געצוווּנגען די קינדער, בתוכם מאַלאַ, צו נעמען זייער יונג אַרבעטן און אַרויסהעלפֿן די משפּחה. אַ שוועסטער, עסטוש, איז פֿרי געשטאָרבן. אין שטוב זענען געבליבן דרײַ טעכטער און איין זון. מאַלאַ איז יונג פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן סײַ אין דער נויט־לײַדנדיקער היים, סײַ אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני" ווי אַן אידעאַליסטין, וואָס קען דעם ביטערן פּרײַז פֿון לעבן.

צו פֿערצן יאָר האָט מאַלאַ געמוזט איבעררײַסן דאָס לערנען און גיין צו אַ פֿאַך, זי האָט געדאַרפֿט ווערן אַ שנײַדערקע. נאָך דער אַגרעסיע פֿון די דײַטשן אויף בעלגיע, האָט זיך איר אחריות פֿאַר דער עקסיסטענץ פֿון דער שטוב מיטן בלינדן פֿאָטער נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. זי האָט אָנגעהויבן אַ געראַנגל פֿאַר ראַטעווען די משפּחה. אין 1942 איז זי געפֿאָרן קיין בריסעל, כּדי צו דינגען אַן אומלעגאַלע דירה פֿאַר דער פֿאַמיליע. ווען זי איז צוריק געקומען קיין אַנטווערפּן איז זי אויפֿן וואָקזאַל אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אַבלאַווע אויף ייִדן און איז געוואָרן אַרעסטירט. אין גיכן האָט מען אַרעסטירט די עלטערן. פֿון דער גאַנצער משפּחה זענען נאָך דער מלחמה געבליבן צוויי שוועסטערס און איין ברודער.

די עלטערן פֿון מאַלאַ זענען פֿאַרנומען געוואָרן אין דעם בעלגישן ייִדן־לאַגער מאַלין און דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ.

מאַלאַ האָט געטראַכט וועגן אַנטלויפֿן פֿון מאַלין, אָבער עס איז איר נישט געלונגען און זי איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם אוישוויצער גיהנום.

נאָך דער סעלעקציע, וואָס האָט אײַנגעשלונגען דאָס לעבן פֿון מאַלאַס עלטערן, איז זי אויסגעקליבן געוואָרן דורך די ס.ס.־פֿרויען פֿאַר אַ לויפֿערקע און דאָלמעטשערין. זי האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן, דע־רונטער דײַטש, פּויליש, פֿראַנצייזיש, פֿלעמיש, ייִדיש. זי איז געווען שיין, מיט אַן עסטעטישן אויסזען און גוט אויסגעספּאַרטעוועט און פֿלינק, האָט זי באַקומען חן אין די אויגן פֿון די ס.ס.ישע סאַדיסטישע הויפּט־אויפֿזע־ערינס פֿון דעם פֿרויען־קאָנצלאַגער, מאַנדעל און דרעקסלער, און איז געבליבן אַ לויפֿערקע. אַן ענלעכע פֿונקציע האָבן אויסגעפֿירט נאָך עטלעכע ייִדישע מיידלעך פֿון סלאָוואַקיע. די אויפֿגאַבע פֿון די לויפֿערקעס איז באַ־שטאַנען אין איבערטראָגן שנעל באַפֿעלן און אינפֿאָרמאַציעס און בכלל

מאַלאַ צימעטבאַום

די פאָטאָגראַפיע אויף אַ ספעציעל קאַרטל, אָפּגעדרוקט פון דער בעלגישער רעגי־רונג, ווי אַן אויסדרוק פאַר מאַלאַס פאַרדינסטן אין קאַמף קעגן די נאַציס.

אין אַרויסהעלפן די דײַטשישע אויפזעערינס אין אַדמיניסטראַטיווע ענינים. אָבער עס איז נישט ריכטיק די אינפאָרמאַציע פון פאַליע קלאַץ, אַז מאַלאַ האָט געאַרבעט אַלס שרײַבערקע אין דעם קאַרטאָטעק־אָפּטייל פאַר פּאָלי־טישע אַרעסטירטע [2]. פונקט ווי פאַלש עס איז די מיינונג פון דער זעלבער עדותטע, בכן מאַלאַ האָט געשטאַמט פון לובלין. אַלס לויפערקע האָט מאַלאַ געהאַט אַ צוטריט בלויז צו דער בלאָקפירער־שטובע, ווו עס האָבן זיך געפונען די פּאַסיר־שײַנען [3] און זי האָט די דאָזיקע מעגלעכקייט טאַקע אויסגענוצט, אַזוי ווי זי האָט אויסגענוצט פאַרזיכטיק און געשיקט אַלע אַנדערע מעגלעכקייטן צו העלפן און ראַטעווען די מיט־אסירים, אָדער צו וואָרענען די מענטשן אויף דער „פרײַ" אין בעלגיע.

ווי באַקאַנט זענען אַ סך נײַ־געבראַכטע אסירים געווען געצוווּנגען דורך די ס.ס.־לײַט צו שיקן בריוו אַהיים, צו באַקאַנטע, מיט גוטע גרוסן, בכן זיי אַרבעטן נאָרמאַל און פילן זיך גוט. דאָס איז געווען דורכן שונא פאַרטראַכט ווי אַ מיטל אָפּצונאַרן און אַרײַנצוציִען אין דער דעפּאָרטאַציע־נעץ די נאָך געבליבענע אין די אָקופּאַציע־לענדער יִידן. עס איז ברייט באַקאַנט, אַז די דײַטשן האָבן אין אוישוויץ געצוווּנגען צו דעם די סלאָ־וואַקישע און אונגאַרישע יִידן און אַפילו אײַנגעהאַלטן בײַם לעבן אַ גרופּע אונגאַרישע רבנים. מאַלאַ איז אויך געווען געצוווּנגען אָנצושרײַבן אַזאַ מין פּאָסטקאַרטל. אָבער זי האָט געוואַגט צו מאַכן אַ צושריפט מיט אַ קאָ־פּויער אָנצוהערעניש. די קרובים, וואָס זענען פאַרבליבן לעת עתה אין בעלגיע, האָבן באַקומען פון מאַלאַ אַ פּאָסט־קאַרטל מיטן פאָלגנדיקן אינ־האַלט: „מיר גייט גוט. איך אַרבעט און בין געזונט. אַלע אַנדערע זענען מיט אונדזער שוועסטער עסטוש". די שוועסטער עסטוש איז, ווי שוין דער־מאָנט, געשטאָרבן לאַנג. לײידער האָבן זיך די קרובים אויף דעם נישט געכאַפּט [4].

אין לאַגער (בירקענאַו) האָט מאַלאַ אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס זי האָט זיך געקאָנט פרײַ באַוועגן צווישן פאַרשיידענע אָפּשניטן און בלאָקן, צו טאָן טובות די אסירים. זי פלעגט אויסנוצן איר אויטאָריטעט און זידלען די בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס, זיי זאָלן אַזוי נישט שרײַען אויף די אסירים. זי פלעגט זאָגן צו די לאַגער־פּראָמינענטן: „מיר זענען דאָ אַלע גלײַך, מיר זענען אַלע געפאַנגענע, אַלע וואַרט אונדז דער זעלבער גורל" [5]. זי פלעגט געבן די אסירים פּאַפּיר און בלײַערס צו שרײַבן בריוו צו די

נאָענטע, וואָס האָבן זיך אויך געפונען אינעם לאַגער, אין אַ צווייטן אָפּשניט.


Birkenau [illegible]

Meine Allerliebste

Für Dein Schreiben herzlichen Dank. Ihr tragt Euch das immer gut, den jetzt weiss ich ist, was das heisst daheim [illegible] Ich bin mit Lisa gesund. Die anderen mit Etusch geht's auch gut. Küsse Euch Eure Mala

מאַלאַ צימעטבאַומס אַ פּאָסט־קאַרטל פון לאַגער אין בירקענאַו, אַרויסגעשיקט דעם 30סטן יאַנואַר 1944 צו פֿרײַנד אין בעלגיע.

לכתּחילה האָט מאַלאַ געטאָן די אַלע גוטע זאַכן אויף אייגענער האַנט. אין קורצן איז זי דורך גיזאַ ווײַסבלום אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. פון איצט אָן איז איר טעטיקייט געווען שוין נישט קיין סטיכישע, נאָר אַ קאָאָרדינירטע. אַזוי אַרום איז זי געוואָרן אַ פאַרבינדלערין [6]. זי האָט געגעבן בשתיקה אַ שטיקל ברויט, אַ צווייטן אָפּגעראַטעוועט פון אַ סעלעקציע. איר דערשײַנען, איר אָפּטימיזם, האָט אָנגעשטעקט פאַרחיהשטע און פאַרצווייפלטע מענטשן מיט מוט צום אויסדויערן.

זי האָט אויסגענוצט אירע מעגלעכקייטן איבערצוטראָגן שוואַכע פרויען אויף לײַכטערע אַרבעט. זי פלעגט גנבֿענען רפואות און עס טיילן פאַר קראַנקע. זי איז געווען זייער פלינק און אײַנפאַלעריש בעת די סאַמע

קריטישסטע מאָמענטן פון סעלעקציעס. זי האָט דרייסט אײַנשטעלנדיק דעם אייגענעם קאָפּ, איבערגעמאַכט די נומערן אין די רשימות פון די טויטע, כּדי צו ראַטעווען לעבעדיקע. מיט איין וואָרט: זי איז געוואָרן די נשמה פון די קאָנטאַקטן און רעטונגס־אַרבעט און איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן דער אסירים־מאַסע, בפרט בײַ די ייִדישע פרויען פון בעלגיע.

מאַלאַ האָט אָבער אָבסערווירט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין לאַגער, בפרט די גרויליקייטן פון דער צײַט פון „אַקציאָן העס" (די פאַרטיליקונגען פון די אונגאַרישע ייִדן אין 1944) און איז געקומען צום אויספיר, אַז מען דאַרף אַלץ טאָן זיך אַרויסצורײַסן פונעם לאַגער, כּדי צו אַלאַרמירן די וועלט. זי האָט אויך געזען, אַז עס גייט כּמעט נישט פאַרבײַ קיין טאָג, עמעצער זאָל נישט אַנטלויפן. דער פאַקט, וואָס אַ סך פון די אַנטלאָפענע זענען אַרײַנגעפאַלן דורך די לאַגער־תּלינים, האָט זי נישט אָפּגעשרעקט.

אין דער צײַט האָט זי זיך שוין געקענט און געהאַט באַפרײַנדעט מיטן יונגן פּוילישן פּאָליטישן אסיר עדוואַרד (עדעק) גאַלינסקי פון קראָ־קעווער געגנט. דאָס איז געווען איינער פון די פריסטע לאַגער־אַרעס־טאַנטן. ער האָט געאַרבעט אין אַ גרופּע אינסטאַלאַטאָרן און איז אַדאַנק דעם געווען געגנוי באַקאַנט מיט אַלע פּיטשעווקעס פון לאַגער. די באַציִונגען צווישן עדעק און מאַלאַ האָבן זיך מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון ליבע [7]. עדעק האָט אַפילו באַשטעלט בײַ איינער אַן אַרעסטאַנטקע, אַ מאַלערין, אַ בילד פון מאַלאַ. עדעק האָט געהאַט בדעה צו אַנטלויפן צו־זאַמען מיט זײַן נאָענטן פרײַנד, דעם פּאַליאַק וויעסלאַוו קעלאַר, אָבער ווען ער האָט זיך פאַרטרויט פאַרן לעצטן, אַז ער וויל מיטנעמען אויך מאַלאַ, האָט קעלאַר פּראָטעסטירט, נישט געוואָלט אַנטלויפן צוזאַמען מיט אַ פרוי און בפרט אַ ייִדישקע [8]. עדעק האָט זיך אָבער פאַרעקשנט. קעלאַר האָט דעמלט רעזיגנירט און עס איז געבליבן, אַז עס אַנטלויפן עדעק און מאַלאַ. עדעק האָט געהאַט צוגעגרייט אַן ס.ס.־ישן מונדיר. ער האָט גע־דאַרפט אַנטלויפן איבערגעטאָן ווי אַן ס.ס.־מאַן. מאַלאַ האָט אָנגעטאָן אויף אירע קליידער אַ מענערישן אַרבעטער־קאָמבינעזאָן און געטראָגן אויפן קאָפּ אַ מושלע פון אַ קלאָזעט. זי האָט פריִער געהאַט אַרויסגעגנבעט פון דער בלאָקפירער־שטובע אַ פּאַסירשײַן פאַר עדעקן. עס האָט געהייסן, אַז דער ס.ס.־מאַן (עדעק) פירט אַרויס מחוץ דעם לאַגער, אין דער ריכטונג פונעם אונטערלאַגער בודי, אַן אַרעסטאַנט, וואָס טראָגט אַ מושלע.

זיי זענען אַרויס דעם 24סטן יוני 1944, אַ שבת נאָך מיטאָג, אויסנוצנ־דיק דעם מאָמענט, וואָס די וואַכלײַט טוישן זיך אין דער צײַט, און זייער מערהייט פאַרט אַוועק שוין אויפן זונטיק־אָפּרו.

מאַלאַ האָט פאַרטרויט איר פּלאַן נאָך פיר פרויען: איר קרובה גיזאַ און די דרײַ חברטעס לויפּערקעס, די ייִדיש־סלאָוואַקישע מיידלעך: לאָה, פּאַליע און הערדאַ, וועלכע האָבן מאַלאַן ממש פאַרגעטערט און געווען באַ־צויבערט פון איר פּלאַן אַרויסצורײַסן זיך פון לאַגער, כדי צו אַלאַרמירן די וועלט. עדעק האָט פאַרטרויט דעם ענין צו זײַן פרײַנד קעלאַר און נאָך צוויי פּוילישע חברים. דעם אסיר יורעק סאַדטשיקאָוו און דעם ציווילן אַרבעטער אַנטאָני שימלאַק. זיי האָבן אים געהאָלפן אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן [9].

דעם זעלביקן טאָג בעת די אַפּעלן אין פרויען און מענער־לאַגער ביר־קענאַו האָבן זיך צערוישט די סירענעס. די זוכענישן און פּײַניקונגען פון די דרײַ ייִדישע מיידלעך לויפּערקעס האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט מען די אַנטלאָפענע נישט געקאָנט כאַפּן. אין צווישן זענען זיי דערגאַנגען צו פוס ביז די זשיוויעצער בערג, נאָענט צו דער סלאָוואַקישער גרענעץ און בײַם פּרוּוון אַריבערגיין די דאָזיקע גרענעץ האָט אַ דײַטשישער גרענעץ־פּאַטראָל זיי געכאַפּט. די אינפאָרמאַציע שטאַמט פון אַ שפּעטערדיקן גריפס פון עדעקן צו זײַן פרײַנד קעלאַר און איז די ריכטיקסטע [10]. וואָרום אַלע אַנדערע ווערסיעס, בכן זיי האָבן זיך נישט געהיט און מען האָט זיי געכאַפּט אין אַ קאַטאָוויצער האָטעל, אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ דײַטשישן שפּיטאָל אין מיסלאָוויץ, אָדער די לאַגער־פירערין פון פרויען־לאַגער בירקענאַו, מאַריאַ מאַנדעל, האָט זיי דערשנאַפּט אין וואַגאָן, שטימען נישט מיט דערווירקלעכקייט [11].

אויב מיט עטלעכע וואָכן פריִער האָט די ידיעה וועגן מאַלאַס אַנטלויפן אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע פרייד בײַ די ייִדישע אסירים, ובפרט בײַ די פרויען, איז איצט געקומען אַ שווערע פאַרצווייפלטע שטימונג. מען האָט מורא געהאַט, אַז עדעק און מאַלאַ וועלן נישט אויסהאַלטן די עינויים פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג און וועלן אויסגעבן די פרײַנד. עס איז אָבער געשען אַנדערש. גיזאַ ווײַסבלום האָט באַקומען מאַלאַס אַ גריפס פון בונקער אין בלאָק 11. אָט וואָס מאַלאַ האָט געשריבן: „איך בין אויף אַלעם גרייט”. איך ווייס וואָס עס דערוואַרט מיר. איך ווייס אָבער אויך, אַז זייער סוף איז

נאָענט. בלײַבט מוטיק און געדענקט אין אַלעם". אין דער זעלבער צײַט האָט קעלאַר באַקומען אַ גריפּס פון עדעקן, אויך פון בונקער. עדעק גיט צו וויסן די פרײַנד, אַז מאַלאַ האַלט זיך מוטיק און דרייסט. נישט געקוקט אויף די שווערע עינויים האָט זי קיינעם נישט אויסגעגעבן. זיי וואַרטן ביידע אויפן אורטייל [12].

דער טאָג פונעם אורטייל איז געקומען.

דעם 22סטן אויגוסט 1944 האָט מען אין פרויען קאָנצלאַגער צוגעגרייט די עקזעקוציע איבער מאַלאַ צימעטבאַום. דאָס איז געווען בעתן אָוונט־אַפּעל. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. בײַם טויער איז געשטאַנען מאַלאַ. די אסירים האָבן דורכדעפילירט נעבן איר. טשיקאַווע, אַז קיין תליה איז דאָ נישט געווען. די אסירים ברעכן דעם מוח, וואָס פאַראַ טויט האָבן די תלינים פאַר איר צוגעגרייט? נאָכן אַפּעל פאַלט דער באַפעל: אַלע יידן גייען אויפן פלאַץ צווישן דער קיך און דער זאונע. דאָ ברענגט מען מאַלאַ. זי גייט שטאַלץ מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. הינטער איר גייט דער אַרבעטס־דינסט־פירער, וועלכער דאַרף אויספירן די עקזעקוציע. די לאַגער־פירערין מאַנדעל לייענט פאַר דעם אורטייל פון אַ צעטל. מאַלאַ גלעט די האָר און ציט וואַרשײַנלעך פון דאָרטן אַרויס אַ זשילעטקע און שנײַדט זיך בליץ־שנעל איבער די אָדערן. די מאַסע שטייט פאַרגליווערט פון ווייטיק. דער ס.ס.־מאַן ריטעטער האָט באַמערקט די אויסערגעוויינטלעכע געשעעניש. ער כאַפּט מאַלאַן בײַ די הענט. זי דערלאַנגט אים אָבער אַ פּאַטש אין פּנים מיט דער פאַרבלוטיקטער האַנט. ריטעטער שרײַט: „דו ווילסט זײַן אַ העלדין! אָבער צו דעם זענען מיר דאָ, דאָס איז אונדזער אַרבעט!"

מאַלאַ שרײַט אויס: „מערדער, אין קורצן וועט מען אײַך אָפּצאָלן פאַר אונדזערעליידן. מיידלעך, האָט קיין שום מורא! זייער סוף איז נאָענט! איצט בין איך זיכער אין דעם. איך ווייס, איך בין געווען פרײַ!"

דאָ האָט ריטעטער אַ זעץ געטאָן מאַלאַן מיט זײַן רעוואָלווער. זי ווערט באַטויבט. מען ברענגט אַ טראָג־בעטל און מען פירט זי אָפּ אין באַראַק נ' 4. אין צווישן איז בײַ די דײַטשן אויסגעבראָכן אַ מהומה, אַ שרײַערײַ, פײַפערײַ און לויפערײַ. ליגנדיק אין באַראַק האָט נאָך מאַלאַ אַלץ גערעדט צו די מיידלעך. זי האָט געזאָגט: שוין מיט אַ שוואַכער שטימע: „וויינט נישט, דער טאָג פון נקמה איז נאָענט. איר הערט! געדענקט וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן אײַך געטאָן!". „שווײַג, דו פאַרפלוכטע!" — רופט זיך

אַפּ דער ס.ס.־מאַן. „צוויי יאָר האָב איך געשוויגן, איצט וועל איך זאָגן אַלץ!״ — שעפּטשעט מאַלאַ מיט די לעצטע כוחות. דער ס.ס.־מאַן האָט דעמלט אַרויפגעלייגט אויף איר מויל אַ פלאַסטער און געזאָגט צו מאַנדעל: „יעצט וועט זי שוין זיין שטיל!״.

אויפן באַפעל פון די ס.ס.־לייט איז מאַלאַ, נאָך אַ לעבעדיקע, אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ האַנט־וועגעלע, וועלכן מען האָט אָפּגעפירט צו די גאַז־קאַמערן [13].

אַט אַזוי שילדערט די לעצטע מינוטן פון דער העלדין גיזאַ ווייסבלום, וואָס איז בייגעווען די עקזעקוציע. אַ צווייטער יידישער אויטענטישער עדות און פריינדין פון דער העלדין, שרה גאָלדבערג, פאַרענדיקט איר שילדערונג מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „איר טויט וועל איך נישט פאַרגעסן כל זמן איך וועל לעבן. איך וועל נישט פאַרגעסן דעם גרויען קאָליר פון איר פנים, איר שטאָלצע האַלטונג, נישט געקוקט אויפן ווייטיק פון די צעשניטענע אָדערן, איר הויך געהאַלטענעם קאָפּ״ [14].

לויט אַ פוילישער עדותטע האָט מאַלאַ אין לעצטן מאָמענט אויסגערופן: „איך ווייס, אַז איך קום אום, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז איר, (די דייטשן) וועט אויך אומקומען. אייערע טעג זענען געציילטע. עס וועט שוין אייך גאָרנישט העלפן, קיינער וועט אייך שוין נישט ראַטעווען״ [15].

לויט אַ יידישער עדותטע זאָלן מאַלאַס לעצטע ווערטער קלינגען אַזוי: „ברידער, האַלט זיך! די הילף איז שוין נאָענט!״ [16].

דעם זעלביקן טאָג איז אויסגעפירט געוואָרן דער אורטייל איבער עדעקן. ער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן עפנטלעך פאַר די צונויפגעזאַמלטע קאַלאָנעס פון בירקענאַוער מענער־לאַגער. אין לעצטן מאָמענט, איידער דער ס.ס.־מאַן האָט פאַרענדיקט לייענען דעם טויט־אורטייל, האָט עדעק, וועמענס הענט זענען געווען פאַרבונדן מיט דראָט, אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין דער פעטליע און אומגעקערט מיט די פיס דעם טאַבורעט. עס איז, ווייזט אויס, אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן עדעקן און מאַלאַ, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן דערמאָרדן דורך די ס.ס.־הענקער און אַליין זיך פריער נעמען דעמאָנסטראַטיוו דאָס לעבן. די הענקער האָבן אָבער געכאַפּט עדעקן און אים אויפגעהאָנגען מיט זייערע הענט.

עדעק האָט נאָך באַוויזן אויסצורופן: „זאָל לעבן פוילן!״ [17].

דעם זעלבן אָוונט, בעת דער גאַנצער לאַגער האָט געהאַט איין טעמע פון געשפּרעך: מאַלאַ און עדעק — האָבן די הויפּט־פונקציאָנאַרן פון מענער־לאַגער געבראַכט עדעקס פריַינד קעלאַרן דעם לעצטן גרוס פון דעם קרבן און צוויי זאַכן צו באַהאַלטן: דעם געמאָלענעם פּאָרטרעט פון מאַלאַ און אַ קליין פּעקעלע פּאַפּיר, אין וועלכן עס זענען געווען איַינגעוויקלט אַ בינטל קורצע האָר פון עדעקן און אַ גאָלדן לאָק פון מאַלאַס האָר. אויפן פּאַפּיר איז געווען אַן אויפשריפט:

עדוואַרד גאַלינסקי
לאַגער־נומער 531
מאַלי צימעטבאַום
לאַגער־נומער 19880 [18].

עדעקס לעצטע ביטע איז געווען, מען זאָל דאָס פּאַפּירל מיטביידנס האָר איבערגעבן זיַין פאָטער.

קעלאַר איז אַריבער דורך פאַרשיידענע לאַגער גילגולים און האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען בלויז מאַלאַס פּאָרטרעט, וואָס געפינט זיך איצטעם מוזיי פון אוישוויץ. דער פּאַפּיר מיטן אויפשריפט און די האָר איז אין לויף פון די שטורמישע געשעענישן אַוועקגעקומען. פאַרשווּנדן.

עס איז אָבער נישט פאַרשווּנדן דער אָנדענק פון די צוויי העלדן, די קינדער פון צוויי פעלקער־מאַרטירער, וועלכע עס האָט פאַראייניקט דער געמיינזאַמער טראַגישער גורל, דער בשותּפותדיקער טרוים און ציל און דאָס שענסטע געפיל, וואָס איז אויפגעקומען, ווי אַ מאָדנע בלום, אויפן בלאָטיקן גיפטיקן באָדן פון אוישוויץ, דער געפיל פון ליבע.

די געשיכטע פון מאַלאַ און עדעק איז נישט בלויז אַ סימבאָל פון אָט די געפילן, נאָר איז די סאַמע ממשותדיקע אמתדיקע רעאַליטעט.

די געשיכטע פון אמתן אידעאַליזם און פון לויטערער ריינקייט — אין אַ סביבה פון מאָרד, טעראָר, עגאָיִזם און שמוץ.

עס זענען זיכער געווען נאָך אַ סך אַנדערע מאַלאַס, פּשוטע ייִדישע מיידלעך מיט גרויסע נשמות און גרויסן מוט, נאָר מיר ווייסן נישט וועגן זיי. זייער אויפטו און געדעכעניש זענען אַוועק מיטן פלאַם פון די קרעמאַטאָריעס און מיטן רויך פון די קוימענס.

אין מאַלאַ ווערט פערזאָניפיצירט די גאַנצע גייַסטיקע און פיזישע גבורה פון דעם יִדישן מיידל, פון דער יִדישער פרוי אין אוישוויץ, די באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע גבורה.

לכבוד דעם אָנדענק פון מאַלאַ צימעטבאַום איז אין אַנטווערפּן, אויפן מויער פון דעם הויז, וווּ זי האָט געוווינט, אויף מאַרינוס גאַס נ' 7, אייַנגעמויערט געוואָרן דורכן דאָרטיקן מאַגיסטראַט אַן ערן־טאָוול.

הערות צום קאַפּיטל צען

1) אין די דאָקומענטן האָט זי וואַרשייַנלעך פיגורירט מאַללי (Mally), אָבער מען האָט איר נאָמען פאַרטוישט אויף מאַלאַ.

2) ג"ע פון פאַליע קלאַץ, פאַרשריבן דורך פּייַוול ווייַנער, אַרכ. ב. מאַרק.

3) Wiesław Kielar: Edek i Mala, Zeszyty Oświęcimskie nr. 5/1961, s. 110—120.

4) Giza Weisblum: The Escape and Death of the „Runner" Mala Zimetbaum. Yury Suhl. They fought back, New York 1967, p. 183.

ג"ע פון סולומון אַלכסנדר, יד ושם, ס־3016/101.

5) גיזאַ ווייַסבלום, ז' 184.

6) ג"ע פון סאָניע גאָלדמאַן, אַרכ. ב. מאַרק.

7) קעלאַר, ז' 110.

8) גיזאַ ווייַסבלום, ד.צ.וו., ז' 185. קעלאַר באַשטעטיקט דאָס אין זייַנע זכרונות, אָבער אין אַ מילדערער פאָרעם.

9) Tomasz Sobański: Ucieczki Oświęcimskie. Warszawa, Mon 1966, s. 42.

10) קעלאַר, ז' 116.

11) ג"ע פון פאַליע קלאַץ, ד.צ.וו.

12) קעלאַר, ז' 117.

Dounia Ourisson: Les secrets du Bureau Politique d'Auschwitz. Amicale d'Auschwitz. Paris 1945.

13) גיזאַ ווייַסבלום, ד.צ.וו., ז' 188 ; קעלאַר, ז' 119 ; באַום, ז' 92.
ג"ע ראַיאַ קאַגאַנס אין בוך :

Hermann Langbein: Der Auschwitz-Prozess. Eine Dokumentaion. Europäische Verlagsanstalt, Wien 1961, s. 129.

14) ג"ע פון שרה גאָלדבערג, אַרכ. ב. מאַרק.

15) ג"ע פון קאָסאַקעוויטש, ז' 112.

16) ג"ע פון פּאַליע קלאַץ, וועגן דעם טראַגישן טויט פון מאַלאַ צימעטבאַום, זע אויך: Ewa Agapsowicz: Dwa tygodnie. „Trybuna Ludu" nr. 38, 11.8.1954.

17) קעלאַר, ז' 118.
Tomasz Sobański, s. 42.

18) קעלאַר, ז' 119.
יעקב פריימאַרק, זכרונות, יד ושם משנת 1959, פ־944/99, ז' 43.

קאַפּיטל עלף

די זאָנדער־קאָמאַנדאָ

צווישן די לעת עתה לעבן געבליבענע גרופּן פון ייִדישע אסירים, וועל־כע זענען געווען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע אַרבעט־קאָמאַנדאָס, איז געווען איינע, וואָס איז געווען צום מערסטן פאַרשאָלטן. דאָס איז געווען די זאָנדער־קאָמאַנדאָ — אַ גרופּע ייִדישע אסירים, באַשעפטיקטע בײַ די קרעמאַטאָריעס. די אויפגאַבע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז געווען צו רײַסן די גאָלדענע ציין פון די בר־מינגס, צו פאַרברענען, אָדער באַגראָבן די טויטע קערפּערס, צו הייצן אין די ריזן־אויוונס און צו רייניקן די קרע־מאַטאָריעס. זיי זענען אויך צום טייל געווען באַשעפטיקט בײַם אויסטאָן די קרבנות, וועלכע מען האָט פאַרלאָקט אין דער „זאַונע" (באָד). מיט דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט אָנגעפירט אַן ס.ס.־מאַן, וואָס איז אייניציַיטיק גע־ווען דער קאָמענדאַנט פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. דער גרוי־זאַמסטער איז געווען דער אָבערשאַרפירער אָטאָ מאָלל, וועלכער פלעגט האַלטן צו די ייִדישע קרבנות, די געבראַכטע אַהער פון די טראַנספּאָרטן, אײַנשטילנדיקע רעדעס.

אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן די דײַטשן אויסגעקליבן ספּעציעל געזונטע ייִדישע מענער. עס איז נישט געווען קיין איין פאַל פון פרײַוויליקן גיין אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וואָרום אַחוץ אַלעמען פלעגן די דײַטשן קיין מאָל נישט מעלדן, אַז זיי זוכן קאַנדידאַטן צו דער דאָזיקער אַרבעט. זיי פלעגן אויסקלײַבן די מענער, נישט זאָגנדיק גאָרנישט און ערשט שפּעטער האָבן זיך די מענטשן דערוווּסט, צו וואָס פאַראַ שרעקלעכער אַרבעט מען האָט זיי באַשטימט.

די ערשטע זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן די אוישוויצער ס.ס.־לײַט אויס־פאָרמירט אין אַפּריל 1942 פון צווישן די אָנגעקומענע ייִדן־טראַנספּאָרטן פון סלאָוואַקיע. די ערשטע גרופּע סלאָוואַקישע ייִדן, וועלכע האָט, נאָכן דער־וויסן זיך דעם אמת, צו וואָס מען וויל זיי באַנוצן — זיך צעבונטעוועט און

אָפּגעזאָגט צו טאָן די אַרבעט, האָבן די ס.ס.־לײַט דערשאָסן. די ווײַ־טערדיקע זאָנדער־קאָמאַנדאָס זענען באַשטאַנען פון ייִדן פון סלאָוואַקיע און פראַנקרײַך. אויך דעמלט האָבן איינצלנע ייִדן געפּרוווט אַנטלויפן, אָבער מ׳האָט זיי געכאַפּט. דער רוב פון די זאָנדער־קאָמאַנדאָ־לײַט האָט, אָבער, נישט געטראַכט וועגן בונט און אַנטלויפן. דער פּלוצלונג אַנטפּלעקטער אמת האָט לכתחילה אין גאַנצן דערדריקט. געוויסע מענטשן זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך וואַרפן זיך אין די פלאַמען פון די קרעמאַטאָריעס, אָדער דורך אַנדערע אופנים.

דער געוועזענער מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ דוב פּייסיקאָ־וויטש, אַן אָפּשטאַמיקער פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, גיט איבער, אַז פאַר זײַן צײַט זענען געווען 8—9 פאַלן פון אַזאַ זעלבסטמאָרד. איינער פון די זעלבסטמערדער איז געווען אַ רב [1].

די מערהייט איז געבליבן און זיך באַמיט צופּאַסן — יעדער אויף זײַן שטייגער — צו דער נײַער פאַרשאָלטענער עקסיסטענץ [2].

די גרויליקע אַרבעט האָט נישט בלויז געווירקט נעגאַטיוו אויף דער פּסיכיק פון די זאָנדער־קאָמאַנדאָ־לײַט, נאָר דעפּאַרמירט זייער אויסערלעכן אויסזען. דאָס כסדרדיקע פאַרברענגען צווישן מתים, דאָס אָפטע שטיין מיטן פּנים צו די פלאַמען, דאָס זעלבסטגעפיל פון אייגענער מאָראַלישער דערני־דערונג — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אין זייערע געזיכטער, געמאַכט זייער אויסזען פאַרגרעבט, אָפּשטויסנדיק, עקלדיק. דאָס האָבן געפילט אַנ־דערע, דאָס האָבן זיי אַליין אויך געפילט אַן עקל צו זיך אַליין [3].

„אויף זיכער — שרײַבט די פראַנצייזישע פאַרשערין אַלגאַ וואָרמסער, פון אָפּשטאַם אַ ייִדישע — איז די זאָנדער־קאָמאַנדאָ נישט געווען קיין שול פון צניעות. די מערהייט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ געהערט נישט צו דער מאָראַלישער עליטע פונעם לאַגער. אָבער ווי קאָנט איר פאַרלאַנגען, אַז אין די דאָזיקע באַדינגונגען זאָל דער מענטש נישט ווערן אַ חיה, אָדער ער זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ ראָבאָט... שלעפּן מתים, ברענען מתים און אפשר צווישן זיי באַגעגענען אַ טײַער געזיכט ?״ [4].

וועגן דעם מאָראַלישן ווערט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען און חילוקי דעות. פון איין זײַט שטרײַכן אונטער געוויסע עדות און מחברים זייער פאַרגרעבטקייט, פאַרחיהשקייט און גע־פאַלנקייט, זייער ראָל פון פאַקטישע העלפער פון די ס.ס.־לײַט. די ס.ס.־לײַט

האָבן אַרײַנגעוואָרפן אין די גאַז־קאַמערן דעם ציקלאָן ב׳ און דערשטיקט די קרבנות און די זאָנדער־קאָמאַנדאָ־לײַט האָבן געהאָלפן פאַרווישן די שפּורן פון פאַרברעכן [5]. מען וואָרפט אַפילו פאַר די זאָנדער־קאָמאַנדאָ־לײַט, אַז עס זענען געווען פאַלן, ווען זיי האָבן נישט בלויז אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נע־מען אין דעם בונט פון די ייִדן פון טראַנספּאָרט, נאָר אַז זיי האָבן געהאָלפן די ס.ס.־מערדער צו דערשטיקן אַזאַ בונט און צו אַרײַנטרײַבן שנעלער די בונטאָרן אין גאַז־קאַמער און צוקלאַפּן די טיר [6]. פון דער צווייטער זײַט זענען אויך פאַראַן סניגורים.

אַן עד ראיה, אַ פּוילישע פרוי, אַ העפטלינג פון בירקענאַו, טרעט אויף אין שוץ פון די מענטשן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און שרײַבט אין אירע זכרונות אַט וואָס:

„אָפט האָט מען פאַרגעוואָרפן דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ הלמאי זי שטעלט נישט קיין ווידערשטאַנד. אָבער שוין־זשע איך און מיר אַלע פירן נישט אויס די באַפעלן אָן איין וואָרט? זייערע פּנימער זענען פאַרשוואַרצט געוואָרן פון ברענענדיקן האָלץ און סאַזשע, זייער בליק איז אומהיימלעך און ווילד, דער־שראָקן ווי בײַ אַ ווילדער חיה. אַלע אסירים ווילן איבערלעבן און זיי אויך" [7]. אָבער זייער גורל איז סײַ ווי געווען אַ געחתמעטער. דער געוו. העפטלינג ירחמיאל שולקלאַפּער שילדערט אַן אַנדערע גרופּע פון דער זאָנ־דער־קאָמאַנדאָ, אַ גוט אָנגעטוענע אין לעדערנע קורטקעס, אַ זאַטע. אָבער סײַ די, סײַ יענע, וועלכע עס שילדערט די פּוילישע פרוי, האָט געוואַרט דער זעלבער גורל: דער שנעלער טויט, כּדי קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן די געהיימעניש פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. נאָר לאָמיר זיך צוריקקערן צו דער דיסקוסיע אַרום דעם מאָראַלישן פּרצוף פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

דווקא אַ נישט־ייִדישע אויטאָרין, די פּוילישע געוו. אוישוויץ־אַרעסטיר־טע און פאַרשערין מאַריאַ עלזשביעטאַ יעזשיערסקאַ (לאַגער־נומער 24449) איז אַרויס אין 1962 מיט אַ גרויסן פאַרטיידיקונגס־אַרטיקל לגבי דער זאָנ־דער־קאָמאַנדאָ. לאָמיר ברענגען עטלעכע ציטאַטן:

„זאָל זיי נישט פאַראורטיילן קיינער, וואָס ווייס נישט וואָס עס איז אַזוינס האַפענונג. וואָרום וואָס האָבן זיי געקאָנט אויפטאָן? זאָגן די נײַ־אָנגעקומענע אויף דער ראַמפּע, אַז זיי גייען צום טויט, זיי וואָלטן נאָר אומגעקומען און מיט פול שוידערלעכן באַוווסטזײַן וועגן דעם, וואָס עס

דערוואַרט זיי. דער גורל וואָלט זיך נישט געענדערט. זיי וואָלטן קיינעם גאָרנישט געקאָנט איבערגעבן. בחינם וואָלט געווען דער פּראָטעסט און בונט. ווען עס וואָלט אַפילו געלונגען אויף אַ מינוט אַרויסצורײַסן ווּעמען עס איז פון די ס.ס.ישע הענט, איז אָבער דאָך דער שטח געווען אַרומגערינגלט מיט דראָט, מיט ליניעס פון וואַך-פּאָסטנס און אַרום ווײַטער — דער שטח פון אָקופּירטן פּוילן. אומעטום זייער הערשאַפט און די יידישע שטריכן זענען אַ טויט-אורטייל... דער פרײַער מענטש פאַלט אַרײַן אין גרימצאָרן, ווען אַ צווייטער בן-אָדם כאַפּט נישט פאַרן געווער אין פאַרטיידיקונג פון זײַן ווירדע און לעבן. אָבער די זאָנדער-לײַט זענען געווען אסירים אין די גרויזאַמע צײַטן פון טויט און פאַראַכטונג. אין דער גרויסער טויט-פאַבריק אָש-וויענטשים. אײַלט זיך נישט משפּטן" [8].

פעסטשטעלנדיק דעם פאַקט פון דעמאָראַליזאַציע בײַ די זאָנדער-לײַט, זעט אָבער איינצײַטיק די ציטירטע אויטאָרין אויך ליכטיקע מאָמענטן אין זייער טעטיקייט. לאָמיר זיך ווײַטער צוהערן צו אירע רייד:

,,וואָס פאַראַ געפילן האָבן גענורטעוועט אין די זאָנדער-לײַט בעת זייער אַרבעט? איך בין דאָס נישט אין שטאַנד צו באַשרײַבן. אַלנפאַלס אַ טייל פון די מענטשן איז בײַ זייער אַרבעט געוואָרן פאַרווילדעוועט און געטראַכט בלויז וועגן היטן די אייגענע פעל און אייגענע פאַרגעניגנס, למשל וועגן אָנשיכורן זיך מיט אַלקאָהאָל, וואָס עס האָבן געבראַכט די צום טויט פאַר-משפּטע מענטשן. אַנדערע זענען פאַרטעמפּט געוואָרן און געקוקט אויף דער אייגענער אַרבעט גלײַכגילטיק. שלעכטס לייזט אויס שלעכטס. די דײַטשן האָבן אָבער נישט דעפּראַווירט אַלעמען. עס זאָגן וועגן דעם עדות לעבע-דיקע מענטשן, וואָס זענען ניצול געוואָרן אַדאַנק דער הילף פון דער זאָנ-דער-קאָמאַנדאָ". און דאָ ברענגט די אויטאָרין אַ בײַשפּיל די פאַקטן, וואָס זאָנדער-לײַט פלעגן אַריבערשיקן אין געהיים פאַר די קראַנקע אסירים אין די רעווירן רפואות, וועלכע זיי האָבן געפונען בײַ די קרבנות פון די גאַז-אויוונס [9].

דער אַרויסטריט פון מאַריאַ יעזשיערסקאַ האָט אַרויסגערופן אַ העפטיקע פּאָלעמיק מצד אַ יידישער פרוי, העלענאַ רייבער, וועלכע האָט אַליין איבערגעלעבט געטאָ און לאַגערן און געזען מיט די אייגענע אויגן די געפאַלנ-קייט, פאַרדאָרבנקייט און פאַרראַט פון דער געטאָ-פּאָליציי און דער זאָנ-דער-קאָמאַנדאָ. די יידישע פּאָלעמיסטין פאַראורטיילט ווי צום שאַרפסטן די

זאָנדער־לײַט. „וואָס פֿאַרא אונטערשייד איז פֿאַראַן — שרײַבט העלענאַ רײַ־נער — צווישן שלאָגן מיט שטעקנס לעבעדיקע מענטשן און וואַרפֿן אין אױװנס טויטע און רײַסן בײַ זיי די טשאַקעס מיט צוואַנגען?" אויב מען זאָל אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט פֿון פֿרוי יעזשיערסקאַ — פּירט אױס די ייִדישע אויטאָרין — וואָלט מען געדאַרפֿט באַרעכטיקן די קאַפּאָס, די מנוּוולים און פֿאַררעטער.

מיט איין וואָרט: העלענאַ ריינער זעט נישט קיין שום זכות, קיין שום ליכטיקן פּונקט בײַ די זאָנדער־קאָמאַנדאָ־לײַט און פֿאַרלאַנגט זייער פֿול־שטענדיקע פֿאַראַנטװאָרטלעכקייט[10].

עס זענען פֿאַראַן נאָך פֿאַרשיידענע שטימען בנוגע דער זאָנדער־קאָ־מאַנדאָ. מיר מיינען, אַז די עטלעכע ציטירטע זענען גענוג כאַראַקטעריסטיש און עס איז שווין צײַט צו נעמען שטעלונג. ווו ליגט דער אמת? פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדע פֿון די ציטירטע אַרויסזאָגונגען איז אַן און פֿאַר זיך אמת. די זאַך איז נאָר די, וואָס די זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז נישט באַשטאַנען פֿון קיין איינהייטלעכן עלעמענט. עס זענען געווען אַזעלכע זאָנדער־לײַט, וואָס זע־נען געוואָרן גלײַכגילטיק צו אַלץ און אַלעם, פּסיכיש אָפּגעטעמפּט, אַזעל־כע וואָס האָבן זיך באמת דעפּראַווירט מאָראַליש און אַזעלכע וואָס האָבן אײַנגעהאַלטן דעם צלם מענטש. אַזאַ אויטאָריטאַטיווער עד ראיה ווי דער ווידערשטאַנד־טוער פֿון בירקענאַו דוד שמולעווסקי כאַראַקטעריזירט די פּראָבלעם, דוכט זיך, צום נאָענסטן צום אמת, דהיינו:

„די זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז נישט קיין איינהייטלעכער עלעמענט. עס זענען דאָרטן געווען אַזוינע, וועלכע עס איז געגאַנגען בלויז אין נאָך איין טעלער זופּ, אין בראַנפֿן, אין די זאַכן נאָך די מתים. זיי זענען געוואָרן אָפּגעטעמפּט. זיי זענען געווען פּרימיטיווע מענטשן, זיי זענען געוואָרן פֿאַר־חיהשט. אָבער עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט אויפֿגעהערט צו דענקען און זיי האָבן גלײַך פֿון אָנהייב געגומען אָרגאַניזירן אַ ווידער־שטאַנד־באַוועגונג. פֿון איין זײַט האָבן טאַקע די זאָנדער־קאָמאַנדאָ־לײַט גע־האָלפֿן די ס.ס.־לײַט בײַם אויספֿירן זייערע שרעקלעכע רציחות. עס איז אָבער אויך פֿאַראַן אַ צווייטע זײַט פֿון מעדאַל"[11].

אויף אַן ענלעכן אופֿן פֿאַסט אויף אַט די פּראָבלעם דער ייִדיש־דײַטשי־שער ווידערשטאַנד־טוער ברונאָ באַום: „אַ סך פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט זיך מאָראַליש אַראָפּגעקײַקלט באַרג־אַראָפּ, אָבער געווען אויך אַזוינע,

וואָס האָבן איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט אונדז, און די דאָזיקע האָבן באַקעמפט די אייגענע זאָנדערס" [12].

אין זעלביקן גייסט כאַראַקטעריזירט די זאָנדער־קאָמאַנדאָ דער ייִדיש־פראַנצייזישער ווידערשטאַנד־טוער פון אוישוויץ חיים־איצל גאָלדשטיין: „זיי האָבן אויסגעזען שרעקלעך. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט געוויסנס־ביסן. אַ סך פון זיי האָבן געקלערט וועגן נעמען זיך אַליין דאָס לעבן" [13].

ווי עס איז צו זען פון כמעט אַלע אויבן ציטירטע עדות און מחברים זענען פון סאַמע אָנהייב געווען צווישן דער מאַסע פאַרטעמפּטע און דע־מאָראַליזירטע זאָנדער־לייט געוויסע אסירים־טרעגער פון דעם ווידער־שטאַנד־געדאַנק. אָבער פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן געדאַנק און בפרט עפּעס וואָס טאָן אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין איז אין קאָנקרעטן פאַל געווען זייער שווער, ווייל דער צוזאַמענשטעל פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז דורך די דייטשישע רוצחים כּסדר געטוישט געוואָרן. דוד שמולעווסקי רעכנט אויס מינימום פינף געענדערטע זאָנדער־קאָמאַנדאָ־עקיפּעס, ד.ה. מינימום פיר מאָל איז די זאָנדער־קאָמאַנדאָ, די עדות פון די דייטשישע גרויל־רציחות, ליקווידירט געוואָרן. עס איז אויך שווער צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך אין סאַמע פּשוטסטן זין פון וואָרט. ווי געזאָגט, זענען די ערשטע צוויי זאָנ־דער־קאָמאַנדאָס אין יאָר 1942 באַשטאַנען פון ייִדן פון סלאָוואַקיע און פראַנקרייך. זינט שפּעט האַרבסט 1942 איז די זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וועלכע איז פון 200 מיטגלידער געשטיגן אויף 800, פאַרפולט געוואָרן מיט ייִדישע אסירים פון טשעכאַנאָוו, מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, ביאַליסטאָקער קאַנט, גראָדנער געטאָ, לאָמזשע, זאַמבראָוו, אָסטראָלענקע, ראַציאָנזש א.אַ. דערנאָך אין מיטן 1943, זענען די רייען פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ ווידער דערגענצט געוואָרן מיט ייִדן פון פראַנקרייך, דער עיקר אָפּשטאַמיקע פון פּוילן און בתוכם פּאָלי־טישע טוער פון אַנטיפאַשיסטישן לאַגער און אפילו געוו. שפּאַניע־קעמפער. אַדאַנק דעם האָט געקאָנט קומען צו אַ דערנעענטערונג צווישן די לעצטע און די ייִדן פון די פריער דערמאָנטע פּוילישע שטעט און שטעטלעך. די גאַנצע צייט זענען אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ אויך געווען ייִדן פון סלאָוואַקיע, גריכנלאַנד, אונגאַרן און האָלאַנד, אָבער די אַלע זענען געווען אין אַ מינ־דערהייט.

די פּיאָנערן פון דעם ווידערשטאַנד־געדאַנק און אָרגאַניזאַציע זענען געווען פּוילישע ייִדן פון פראַנקרייך, ס'רוב פון לינקן לאַגער. די ערשטע,

וואָס האָבן אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון בירקענאַו, זענען געווען לעמבערגער, כאַצקל (פאַמיליע נישט באַקאַנט) און גוז. אַלע דריי פּוילישע ייִדן פון פראַנקרייַך. און די דריי ווערן באַטראַכט פאַר די שעפער פון ערשטן ווידערשטאַנד־קעמערל אויפן געביט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ[14]. צווישן די ווייַטערדיקע טוער, וואָס האָבן אייַנגעהאַלטן די קאָנטינואַציע פון ווידערשטאַנד־געדאַנק און די קאָנטאַקטן אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 1943 ווערן אויסגערעכנט דער שנייַדער דניאל אַבסטבאַום, וועלכער האָט אונטערגעהאַלטן דעם גייַסט ביי די נידערגעשלאָגענע זאָנדער־לייַט דורך ציטירן מאַיאַקאָווסקין און אַנדערע דיכטער, דער שפּאַנישער קעמפער וועלכן די עדות געדענקען נאָך לויטן פּסעוודאָנים „דער געשטופּלטער" (דזשאַבאָטי) און אַנדערע[15].

איינער פון די פּיאָנערן פון ווידערשטאַנד אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז געווען דער געוו. שפּאַניע־קעמפער אַלטער פייַנזילבער, אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילן און אַן עמיגראַנט אין פראַנקרייַך. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון בירקענאַו האָט מיט אים אָנגעהאַלטן אַ לאַנגן און ענגן קאָנטאַקט. ער האָט פון די געזאַמלטע דורך די זאָנדער־לייַט געלטער און צירונג ביי די מתים אַ גרויסן טייל איבערגעגעבן פאַר דער אַלגעמיינער און פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אַפילו פאַר דער פּ.פּ.ר. מחוץ דעם לאַגער. די דאָזיקע טעטיקייט איז געגאַנגען דורך דער פאַרמיטלונג פון דוד שמולעווסקי. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג געהאַלטן פאַר נייטיק צו אָרגאַניזירן אַלטער פייַנזילבערס אַנטלויפן, כּדי ער זאָל קאָנען איבערגעבן דער וועלט דעם גרויזאַמען אמת וועגן די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. דאָס אַנטלויפן איז נישט געלונגען, ווייַל דער קאַפּאָ האָט באַמערקט און פייַנזילבער איז שווער באַשטראָפט געוואָרן מיט הונדערט שמיץ און איז קוים אַרויס מיטן לעבן[16].

אַ צווייטער פאַרדינסטפולער ווידערשטאַנד־טוער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז געווען קאַמינסקי, אַ פּוילישער ייִד פון אַ קליין שטעטל פון גראָדנער קאַנט, ווו ער איז געווען אַ לערער פון העברעיִש.

אין אָנהייב פון די דרייַסיקער יאָרן האָט ער חתונה געהאַט מיט ראָזאַ וועללער פון סאָקולקע; דאָרט זיך באַזעצט און געפירט אַ געשעפט פון שיך צוזאַמען מיט זיין פרוי. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין פּאָליטיש־געזעל־

שאַפּטלעכן לעבן. די סאָקולקער ייִדן האָבן אים געקענט אַלס איינעם פון די אָנפירער פון די רעוויזיאָניסטן אין זייער שטעטל.

אין יאַנואַר 1943 איז ער מיט זײַן משפּחה דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ מיט אַ טראַנספּאָרט ייִדן פון גראָדנער קאַנט. די עדות, וואָס געדענקען אים פון אוישוויץ־בירקענאַו שילדערן אים, ווי אַ בערך 40־יאָריקן, קרעפטיקן און אינערלעך קאָכנדיקן מענטש מיט אַ גוט האַרץ [17]. אַ סך מיטאַסירים האָבן געגאָסן פון זײַן הילף, באַזונדערס די סאָקולקער לאַנדסלײַט. נאָר איינציקע פאַרטרויטע חברים מיטקעמפער האָבן געוווסט וועגן זײַן אונטערערדישער טעטיקייט. ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון בירקענאַו און האָט אין געהיים אָרגאַניזירט אַ בונט. עס האָט אים געהאָלפן דער ביאַליסטאָקער ייִד לעמקע, דער קאַפּאָ פון דער קאָמאַנדאָ אין קרעמאַטאָריום 2. לעמקע איז אין ביאַליסטאָקער געטאָ געווען פאַרבונדן מיט דער לינקער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און האָט אָנטייל גענומען אין פּראָדוצירן אויפרײַס־באָמבעס. איבער ביידע ייִדישע קאַפּאָס — קאַמינסקי און לעמקע — איז געשטאַנען דער פּוילישער קאַפּאָ מיעטעק מאַראַוואַ, וועלכער האָט געהאַט אונטער זיך די קאָמאַנדאָס פון קרעמאַטאָריום 2 און 3. צום פינפטל, וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן דעם בונט האָבן געהערט נאָך דרײַ ייִדן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, דרײַ ברידער פון ביאַליסטאָק, וועמענס נעמען עס זענען אונדז נישט באַקאַנט [18]. דער געדאַנק איז אויסגעגעבן געוואָרן און קאַמינסקי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך מאָללן און זײַנע באַהעלפער.

עס איז אויך באַקאַנט אַ העלדישער ייִד פון גריכנלאַנד מיטן נאָמען דוד. זײַן אויפטו איז ברייט געוועןן באַקאַנט בײַ זײַנע אחים לצרה. דוד האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אַן ס.ס.־מאַן הארט בײַ דער קרעמאַטאָריע און וועלנדיק אויסמײַדן יסורים און עינויים איז ער אַליין אַרײַנגעשפּרונגען אין די קרעמאַטאָריע פלאַמען [19].

וועגן אַ גרופּע גריכישע ייִדן, מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וואָס האָבן געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד, ווערט דערציילט אַט וואָס: זעקס גריכישע ייִדן בראָש מיט אַ געוו. אָפיציר פון דער גריכישער אַרמיי, אַלע מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, האָט מען באַפוילן אַרויסצושיטן אַש פון קרעמאַטאָריע אין ווײַסל אַרײַן. דער אָפיציר האָט פּלוצים דערלאַנגט

דעם ס.ס.־מאַן אַ קלאַפּ, איז אַנטלאָפן און זיך געלאָזט צום ווײַסל, מען האָט אים אָבער געכאַפּט און דערשאָסן [20].

און נאָך איין קאָנטראָלירטע ידיעה וועגן אַ העלדישער האַלטונג פון גריכישע ייִדן: אין יולי 1944 האָט אַ גרויסע גרופּע פון קרוב 400 גריכישע ייִדן, באַשטימט דורך די ס.ס.־לײַט צו גיין אַרבעטן צו דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, אָפּגעזאָגט אַנצונעמען די אַרבעט. ווי אַ שטראָף האָט מען זיי אַרײַנגעטריבן אין גאַז־קאַמער און ליקווידירט [21].

וועגן דער זעלביקער פּאַסירונג ווערט דערציילט דורך עדות אויף אַן אַנדער אופן, דהיינו — אַז דאָס איז געווען אַ גרופּע אונגאַרישע ייִדן [22]

ווי עס האָט קאָנקרעט אויסגעזען די טעטיקייט פון דער ווידערשטאַנד־גרופּע, וועלכע האָט געווירקט אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, ווייסן מיר ווייניק. עס איז נאָר באַוווּסט וועגן עטלעכע אויפטוען פון דער גרופּע. וועגן איינעם האָבן מיר שוין גערעדט: דאָס זאַמלען און אַרויסשיקן גרויסע סומעס געלט און צירונג לטובת דער אַלגעמיינער און פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. מיר האָבן אויך דערמאָנט וועגן די פּרווון פון אָרגאַניזירן אַנטלויפונגען. די דײַטשישע לאַגער־אָנפירונג האָט געדראָט מיט באַזונדערס שווערע שטראָפן די ס.ס.־לײַט באַשעפטיקטע אין די קרעמאַטאָריעס פאַר יעדן געלונגענעם פּרווו פון אַנטלויפן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. אַזעלכע ס.ס.־לײַט פלעגט מען פאַרשיקן אין אַ ספּעציעלן קאָנצלאַגער בײַ דאַנציג.

די ווידערשטאַנד־גרופּע האָט אויך געזאַמלט דאָקומענטן פון גרויל, וואָס האָבן דעמאַסקירט די „געהיימע רײַכסזאַכע" פון די גאַז־קאַמערן און עס איבערגעשיקט דורך די קאַנאַלן פון בירקענאַוער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויף אויסן.

איינער פון די גרעסטע אויפטוען איז געווען דאָס פאָטאָגראַפירן די גרויזאַמע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן וועג פון דער זאַונע ביז דעם גאַז־קאַמער. לויט ווי עס גיט איבער דער ווידערשטאַנד־טוער עמנואל מינק זענען אויפן באַפעל פון דער בירקענאַוער ווידערשטאַנד־באַוועגונג די חברים, באַשעפטיקטע אין „קאַנאַדע" בײַם סאָרטירן די זאַכן נאָך די קרבנות, מחויב געווען צו געפינען אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט. דעם אַפּאַראַט האָט מען אַרײַנגעשמוגלט אויפן שטח פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און מען האָט געמאַכט צוויי אויפנאַמען, איינע פון אַ גרופּע נאַקעטע פרויען, וועלכע מען האָט געטריבן צום גאַז־קאַמער, און אַ צווייטע פון די טויטע גופים



אַ פראַגמענט פונעם גריפּס, וועלכן די אוישוויצער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעשיקט צוזאַמען מיט די פאָטאָגראַפיעס צוגעשטעלטע דורך אַ ווידער־שטאַנד־גרופּע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. דער מחבר פון בריוו איז יוזעף ציראַנ־קעוויטש, אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע.

אין פוילישן טעקסט פון בריוו:

„דרינגענד.

א: שיקט איבער וואָס שנעלער צוויי אײַזערנע ראָלקעס פון אַ פילם צו אַ פאָטאָגר. (אָפּישן) אַפּאַראַט 6×9.

ס׳איז מעגלעך צו מאַכן פאָטאָגראַפיעס — מיר שיקן אײַך איבער פאָטאָגראַפיעס פון בירקענאַו. — פון דער פאַרגאַזירן־אַקציע. די פאָטאָגראַפיע שטעלט פאָר איינעם פון די שײַטערס אונטערן פרײַען הימל, אויף וועלכע מען האָט געברענט די טויטע, ווײַל די קרעמאַטאָריע האָט נישט געקאָנט אָניאָגן מיט דעם פאַרברענען. פאַר דעם שײַטער ליגן טויטע גופים, וואָס וואַרטן אויף וואַרפן זיי אויפן שײַטער. אַ צווייט בילד שטעלט פאָר איינעם פון די ערטער אין וועלדל, ווו מענטשן טוען זיך אויס כּלומרשט צום באָדן זיך, און נאָך דעם גייען זיי צום גאַז.

אַ ראָלקע צושיקן וואָס אַמשנעלסטן. די בײַגעלייגטע בילדער שיקט אַרויס גלײַך צו „טעלל" (טערעסאַ לאַסאָצקאַ). — מיר האַלטן, אַז פאַרגרעסערטע בילדער קאָן מען אַרויסשיקן ווײַטער".

דאָס פאַרברענען די טויטע קערפּערס פון די פאַרגאַזעוועטע אין ספּעציעל דערצו אויסגעגראָבענע גריבער.

דאָס פאָטאָגראַפירן אויסגעפירט געהיים אין אויגוסט 1944 דורך מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ.



נאַקעטע פרויען אויפן וועג צו די גאַז־קאַמערן.

דאָס פאָטאָגראַפירן אויסגעפירט געהיים אין אויגוסט 1944 דורך מיטגלידער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ.

פון די פאַרגאַזעוועטע קרבנות פאַרן וואַרפן זיי אויפן שײַטער. די בלאַנעס האָט מיט מסירות נפש אַרויסגעפירט פון דעם זאַנדער־שטח דער שוין דערמאָנטער דוד שמולעווסקי, וועלכער האָט ווי אַן אַרבעטער פון דער דאַך־דעקער־קאָמאַנדאָ געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן איבערן גאַנצן לאַגער. שמולעווסקי האָט עס איבערגעגעבן דעם צענטראַלן ווידערשטאַנד־טוער פון אוישוויץ, יוזעף ציראַנקיעוויטש, וועלכער האָט דעם ביז גאָר וויכטיקן פאַטאָ־דאָקומענט אַרויסגעשיקט אויף דער פרײַער זײַט צו דער פאַרבינדלערין טערעסאַ לאַסאָצקאַ „טעל" און אַלאַרמירט די וועלט. אין דער גאַנצער אונטערנעמונג אויפן שטח פון דער זאַנדער־קאָמאַנדאָ איז אין דער אַקציע געווען אַנגאַזשירט דער שוין דערמאָנטער טוער אַלטער פײַנזילבער [23].

די דאָזיקע אַקציעס זענען דורכגעפירט געוואָרן שוין אין דער צײַט, ווען צווישן דער זאַנדער־קאָמאַנדאָ האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט די צוויי אַנטיפאַשיסטישע אַרבעטער־טוער פון פאַריז: יוסף (יאָסל) וואַרשאַווסקי און יאַנקל (זשאַק) האַנדעלסמאַן.

וואַרשאַווסקי איז דער פּסעוודאָנים פון יוסף דאָרעמבוס. ער איז געבוירן געוואָרן אין זשיראַרדאָוו אין יאָר 1905 אין אַן אָרעמער פּראָלעטאַרישער משפחה, וואָס האָט געשטאַמט פון לאָוויטש. פון פאַך אַ קאָמאַשן־שטעפער. ער איז געווען אַ טוער פון לינקן אומלעגאַלן לעדער־פאַראיין און געמוזט צוליב די פּאָליציייִשע רדיפות אַנטלויפן פון פּוילן קיין פאַריז, ווו ער האָט קאָנטיניִרט די פּראָלעטאַרישע פּראָפ. טעטיקייט. ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין די ייִדיש־עמיגראַנטישע אַרבעטער־קרײַזן אין פאַריז. דער עולם האָט אים מיט ליבשאַפט גערופן „יאָסל מאַמעליו", ווײַל ער האָט געהאַט אַ טבע אין יעדן זאַץ צו באַנוצן דאָס וואָרט פון וויכן וואַרשעווער ייִדיש־לשון „מאַמעליו". אויסגעהאַלטן האָט ער זיך פון שוועררער מי בײַ זײַן קאָמאַשן־שטעפער־פאַך. ער איז אויך געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרײַך. ער איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אָנפירונג פון דער א. ג. „ייִדישע שפּראַך־גרופּע" בײַם צ.ק. פון דער פּאַרטיי און איז געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער צווישן־סינדיקאַלער קאָמיסיע בײַ דער אָנפירונג פון ס.זש.ט. (פראַנצייזישע לינקע פּראָפ. פאַראיינען).



יאָסל וואַרשאַווסקי (יאָסל דאָרעמבוס) און זײַן משפּחה, אין פּאַריז
פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה.

זײַן פרוי פּאַליע, פון דער היים פּילרייז, פון פאַך אַ לערערין, איז אויך געווען אַ קאָמוניסטישע טוערין. זי איז אין פּאַריז געווען טעטיק צווישן די ייִדישע עמיגראַנטישע פרויען.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָט זיך דאַרעמבוס־וואַרשאַווסקי געמאָלדן פרײַוויליק צו דער פראַנצייזישער אַרמיי. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט און אין יוני 1940 איז ער אַרײַנגעפאַלן אין דײַטשי־שער געפאַנגענשאַפט. צוליב דעם שלעכטן געזונט־צושטאַנד איז ער באַ־פרײַט געוואָרן, אָבער גלײַך ווי ער קומט צוריק אין אָקופּירטן פּאַריז שטעלט ער זיך ווידער צו דער אומלעגאַלער אַנטיהיטלעריסטישער טע־טיקייט. ער אָרגאַניזירט הילף פאַר די קרבנות פון נאַציזם נאָך די גרויסע אַרעסטן אין מײַ 1941. אין פעברואַר 1943 ווערט ער אַרעסטירט צוזאַמען מיט זײַן פרוי, וועלכע איז אויך געווען אַן אַקטיוויסטין פון רעזיסטאַנס. ביידע ווערן פאַרשיקט קיין דראַנסי און פון דאָרט דעם 2טן מערץ 1943 קיין אוישוויץ. בײַ דער סעלעקציע איז וואַרשאַווסקי פאַרמשפּט געוואָרן אויף „לעבן" אין די רייען פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. דאָס איז געווען אין מיטן זומער 1943.

אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט זיך וואַרשאַווסקי פון ערשטן מאָמענט אויפגעפירט אין גאַנצן אַנדערש ווי די מערהייט פון זײַנע אחים לצרה. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער פונקציע פון ברענען די מתים און זיך פולשטענדיק מקריב געווען דער אַגיטאַציע צו גרייטן די זאָנדער־מיט־גלידער צו ווידערשטאַנד און קאַמף [24].

וואַרשאַווסקיס קאַמפּס־חבר יאַנקל האַנדעלסמאַן איז געבוירן געוואָרן אין ראַדאָם. פון פאַך איז ער געווען אַ פּרעסער פון דאַמען־קליידונג און די זעלביקע מלאכה האָט ער אויסגעפירט ווי אַן עמיגראַנט אין פראַנקרײַך, וווהין ער איז אָנגעקומען אין 1931. האַנדעלסמאַן איז נישט געווען קיין אָרגאַניזירטער קאָמוניסט, נאָר אַן אַקטיווער סימפּאַטיקער און זינט 1936 איז ער געווען איינער פון די סעקרעטאַרן פון דער געזעלשאַפט „פרײַנד פון דער „נייע פּרעסע" — אַ לינקע ייִדישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע [25]. אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע, באַלד פון אָנהייב, איז האַנדעלסמאַן געווען אַן אַקטיווער ווידערשטענדלער און צוזאַמען מיט אַנדערע טוער האָט ער אָרגאַניזירט אַ סאַבאָטאַזש־אַקציע און אַ שטרײַק אין דעם הענטשקע־מאַכער־פאַך. דאָס איז געווען אַ וויכטיקער אויפטו, ווײַל ס'איז אָפּגעשטעלט

געוואָרן די פּראָדוקציע פון 160 טויזנט וואַרעמע הענטשקעס, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַרן דײַטשישן מיזרח־פראָנט. סוף 1942 ווערט האַנ־דעלסמאַן געשיקט דורך דער קאָנספּיראַטיווער אָנפירונג אויף אַ פּאַראַנט־וואָרטלעכער אַרבעט אין דעם פּאַריזער ראַיאָן פון דער באַוועגונג: „פּרײַע שיסער און פּאַרטיזאַנער" [26]. זײַן פרוי, בעלאַ, נעמט אויך אָנטייל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און פאַרנעמט זיך מיט קאָלפּאָרטירן אומלע־גאַלע פּרעסע. דעם 12טן פעברואַר 1943 ווערט האַנדעלסמאַן און זײַן פרוי אַרעסטירט אין פּאַריז. זיי ווערן געפּאַרשט דורך דעם טרויעריק באַקאַנטן געסטאַפּאָ־גדול סאַדאָווסקי. אָבער טראָץ די עינויים ברעכן זיי זיך נישט אײַן און גיבן גאָרנישט אויס. זיי ווערן פאַרשיקט קיין דראַנסי און דערנאָך דעם 2טן מערץ 1943 קיין אוישוויץ ווו די פרוי האַנדעלסמאַן איז אין קורצן אומגעקומען בײַ אַ סעלעקציע און ער גופא ווערט געשיקט אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. צוזאַמען מיט וואַרשאַווסקי ווערט ער דאָ איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון ווידערשטאַנד [27].

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דער נשמה פון אַזעלכע אידעאַליסטן און טוער, ווי דאַרעמבוס־וואַרשאַווסקי און האַנ־דעלסמאַן, וועמענס הערצער עס האָבן געבלוטיקט נישט בלויז צוליבן מאָרד פון זייערע פרויען, נאָענטסטע לעבנס־באַגלייטערינס, נאָר אויך צוליב דעם נישט־ווילנדיקן אָנטייל אין דער רציחה און פאַרשווערכונג פון הונדערטער טויזנטער ייִדן און קינדער פון אַנדערע פעלקער. אַן ענלעכע מאָראַלישע פּײַן האָבן אויך איבערגעלעבט זייערע נאָענטע קאַמפּס־מיט־אַרבעטער אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ גופא, אַ שטייגער דער ייִדישער פאָלקס־מענטש פון סאָקולקע קאַמינסקי, דער ציוניסט זלמן גראַדאָווסקי פון סוואַלק, דער געוו. ישיבה־בחור זלמן לעווענטאַל פון טשעכאַנאָוו, אָדער דער אונדז פון נאָמען אומבאַקאַנטער דיין, וועגן וועלכן מיר ווייסן, אַז ער האָט זיך געטראָגן מיטן געדאַנק פון שאַפן דינאַמיט, אַרײַנגנבענען זיך אין דער קרעמאַטאָריע און עס אויפרײַסן צוזאַמען מיט זיך, אין הסכם מיטן אויסרוף פון שמשון הגיבור: תמות נפשי עם פלשתים [28].

וועגן די אַלע זעלטענע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייערע לויטערע נשמות און איידעלע טרוימען אויפן פאָן פון דעם זינקנדיקן, פאַרטעמפּטן און דעמאָראַליזירטן אַרום, וועט נאָך אויסקומען צו רעדן אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען.

יאנקל האנדעלסמאן

ווען ווארשאווסקי און האנדעלסמאן זענען אנגעקומען אין דעם קרע־מאטאריע־שטח, האבן שוין דארטן עקסיסטירט, ווי מיר האבן געזען, פאר־שיידענע אפגעזונדערטע גרופקעלעך, וואס האבן געטרוימט וועגן בונט. עס זענען געווען קרייזלעך פון מענטשן פארטייִשע און אומפארטייִשע, פרייִגעזאנענע און רעליגיעזע און פון פארשיידענע לענדער און שטעט. דער פארדינסט פון ווארשאווסקי און האנדעלסמאן איז באשטאנען קודם כל אין דעם, וואס זיי האבן צונויפגענומען אין איינעם די פארשיידענע גרופ־קעס, וואס זיי האבן אריינגעפירט פלאנמעסיק אין דער אונטערערדישער ארבעט און וואס זיי האבן זיך ענגער פארבונדן מיט דער אנפירונג פון דער אלגעמיינער ווידערשטאנד־באוועגונג אין לאגער. זיי האבן אייִנגע־שטעלט קאנטאקטן מיט די טוער פון די פוילישע ייִדן פון פראנקרייִך, מיט גאלדשטיין, פייִנשטיין, מינק א. א. זיי האבן אויך אייִנגעשטעלט א פאר־בינדונג מיט דער ווידערשטאנד גרופע פון די ייִדישע פרויען פון פראנק־רייִך, וואס האבן זיך געפונען אינעם רעוויר [29].

הערות צום קאפיטל עלף

1) גביות עדות פון דוב פייסיקאוויטש ביי פאליאקאוון, ז׳ 160.

2) קראוס און קולקא: ד.צ.וו. 11, ז׳ 142—144; פערי בראאד, ז׳ 28—29; ג״ע פון שמחה זלאטאווסקי, ארכ. ב. מארק.

3) ג״ע פון ד. שמולעווסקי, ארכ. ב. מארק.

4) Olga Wormser-Migot: Quand les allies ouvrirent les portes... Paris 1965, p. 57-58.

5) ג״ע פון שמולעווסקי.

6) ברונא באום, ד.צ.וו., ז׳ 71—74, „בערגער" (גרינבאום), ד.צ.וו.

7) ג״ע פון זאפיא קאסאקעוויטש, ז׳ 105—106.

8) Maria Elżbieta Jezierska: Ziemia przechowała prawdę. „Nowa Kultura", Warszawa, nr. 7, 18.2.1962.

9) דארטן.

10) Helena Reiner: O członkach Sonder. „Nowa Kultura", Warszawa, nr. 10, 11.3.1962.

11) ג״ע פון דוד שמולעווסקי, ארכ. ב. מארק.

12) ברונא באום, ד.צ.וו., ז׳ 74—77.

13) ג״ע פון חיים איצל גאָלדשטיין, אַרכ. ב. מאַרק.

14) Dawid Szmulewski: Umierali stojąc. „Za Wolność i Lud", nr. 2, 16—31.1.1963.

15) דאָרטן.

16) ג״ע פון עמנואל מינק, אַרכ. ב. מאַרק.

17) ג״ע פון מיללער פיליפ, זע: לאַנגביין: דער אוישוויץ פּראָצעס, ז׳ 131.
דב פּיסיקוביץ, ג״ע יד ושם, פּ־1603/152, ז׳ 8.
פריימאַרק יעקב, זכרונות, יד ושם פּ־1944/99, ז׳ 17.
אינפאָרמאַציע פון רחל טיקאַצינסקי (פון דער היים מאַלסקאַ), אַרכ. ב. מאַרק.

18) גביות עדות פון דוב פייסיקאָוויטש ביי פּאָליאַקאָוון, ז׳ 163—164.

19) דאָרטן.

20) ג״ע פון עמנואל מינק.

21) מיכאל מולכו: די אויסראָטונג פון די ייִדן אין גריכנלאַנד, „אַלגעמיינע ענ־ציקלאָפּעדיע", באַנד ז., ז׳ 413.
יצחק קאַבעלי: „ייִדן אין גריכישן ווידערשטאַנד", ייִוואָ בלעטער, ב. 37, 1953, ז׳ 211—212.

22) ג״ע פון קאָסאָקעוויטש זאָפיאַ.

23) ברונאָ באַום, ז׳ 88.
וואָרמסער, ז׳ 139.
„קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן נ׳ 7/1963, נאָטיץ פון 4טן סעפּטעמבער 1944.
ג״ע פון אַלטער פיינזילבער, אַרכ. ב. מאַרק.

24) Dawid Diamant: Héros juifs de la Résistance française, Paris 1962, p. 227.

יאָסל דאָרעמבוס ז״ל, געפאַלן אין אויפשטאַנד אין בירקענאַו.
זע בוך: לאָוויטש אַ שטאָט אין מאַזאָוויע: ישראל 1966, ז׳ 205.
ג״ע פון זשאַק קאַמינסקי; ג״ע פון עמנואל מינק; ג״ע שמולעווסקי און פון מ. ראַווין־ספּעטער, אַרכ. ב. מאַרק.

25) צו דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָבן אין די 30סיקער יאָרן געהערט צוו. אַ. מאַרק שאַגאַל, מאַנע כּץ, חיל אַראַנסאָן, דער סקולפּטאָר ליפשיץ און אַנ־דערע פּערזענלעכקייטן.

26) FTPF — Francs Tireurs et Partisans Français.

27) דיאַמאַנט, ד.צ.וו., ז׳ 227—228; ג״ע פון זשאַק קאַמינסקי; ישעיה אייגער: ראַדאָמער מאַרטירער און אויפשטענדלער אין אוישוויץ. זע: ספר ראַדאָם, תל־אביב 1961, ז׳ 348, אַרויסגעגעבן דורך ארגון יוצאי רדום בישראל.

28) מסתּמא זענען געווען נאָך אַזעלכע ייִדן צווישן דער אסירים־זאָנדער־קאָמאַנדאָ, אָבער זייערע נעמען זענען נאָך נישט באַקאַנט.

29) ג״ע פון עוואָ פעלדענקרייז־גרינבאַל: אַרכ. ב. מאַרק.
ג״ע פון שרה גוטפריינד, אַרכ. ב. מאַרק.
ג״ע פון אסתּר מאַרגוליס־שקורמאַן, אַרכ. ב. מאַרק.

ק אַ פּ י ט ל צ וו ע ל ף

דער פּלאַן פון אַלגעמיינעם לאַגער־אויפשטאַנד און זײַן דורכפאַל

אין מיטן 1944 האָט זיך די לאַגע אויף די פראָנטן אויף אַזוי פיל געענדערט, אַז עס האָט געקאָנט רײַף ווערן דער געדאַנק פון אָרגאַניזירן אין אוישוויץ אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון די לאַגער־אסירים. דער מיזרח־פראָנט האָט זיך דערנענטערט צום לאַגער. לובלין איז געווען באַ־פרײַט; די אַליאַנטן האָבן פאַרשטאַרקט די באָמבאַרדירונג פון דײַטשלאַנד, און דעם 1טן אויגוסט איז אין וואַרשע אויסגעבראָכן דער אַלגעמיין־פּוי־לישער אויפשטאַנד. בײַ די אַקטיוויסטן פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ איז שוין בערך אַ יאָר פריִער אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון אָרגאַניזירן פון אויסן אַן איבערפאַל אויפן לאַגער מיטן ציל צו באַפרײַען די אסירים, אָבער די צענטראַלע אָנפירונג פון אַ. ק. און פון די לאָקאַלע פויערים־באַטאַליאָנען האָבן געגעבן אַן אָפּזאָג [1]. אַזאַ איז געווען דער שטאַנדפּונקט פון דער אַ. ק.־אָנפירונג אין מיטן 1943 (די פאָלקס־גוואַרדיע איז נאָך דעמלט געווען אין דעם שלעזישן ראַיאָן, וואָס אַרום אוישוויץ, צו שוואַך אונטערצונעמען אַזעלכע געוואַגטע פּלענער), אָבער זומער־צײַט 1944 האָט די אַ. ק.־אָנפירונג, באַאַרבעטנדיק דעם פּלאַן פון „בוזשאַ" (שטורעם), וואָס איז באַשטאַנען אין אַרויסרופן אויפשטאַנדן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, אַרײַנגענומען אין אָט דעם פּלאַן אויך אוישוויץ און גענומען באַאַרבעטן אַ פּלאַן פון אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין דעם דאָזיקן ריזיקן לאַגער [2]. אין דעם פּלאַן זענען געווען אַנגאַזשירט צוויי הויפּט־כוחות: די פאַראייניקטע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון דער לאַגער אונטערערד, וועלכע האָט אײַנגעשלאָסן אין זיך אַלע נאַציאָנאַלע אַנטי־פאַשיסטישע גרופּן, בתוכם אויך די ייִדישע, און די רעכטע פּוילישע אונ־טערערד (אַ. ק. און „דעלעגאַטור"־לײַט וכדומה). אין דער אָנפירונג פון אַ. ק. פון שלעזישן קאַנט. מען האָט שוין געהאַלטן בײַ אַ בפּרטיותדיקן באַאַרבעטן דעם פּלאַן, אין וועלכן עס איז אַן ערשט־ראַנגיקע ראָל באַשטימט

געוואָרן פאַר דער ייִדישער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, דהיינו: די דאָזיקע ייִדן האָבן געדאַרפט אונטערצינדן, אָדער אויפרייַסן די גאַז־קאַמערן מיט די קרעמאַטאָריעס. זיי האָבן געדאַרפט זייַן דער סיגנאַל [3].

דער פּלאַן איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויך קיין בירקענאַו, ווו עס האָט זיך דאַן געפונען דער קרעמאַטאָריע־שטח מיט דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. די אַנטיפאַשיסטישע אונטערערדישע אָנפירונג פון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אין בירקענאַו האָט אָפּגעהאַלטן אין באַקליידונגס־קאַמער אַ געהיימע קאָנפערענץ געווידמעט דער אויפשטאַנד־צוגרייטונג. זי איז פאָרגעקומען אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג, ווען די ס.ס.־לייַט פלעגן ס׳רוב פאַרלאָזן דעם לאַגער צוליב פרייַ זייַן פון אַרבעט דעם טאָג.

דער פאַראַרבעטער פון באַקליידונגס־קאַמער אין בירקענאַו, סעם הערטינג, אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע, אַ ייִד פון בעלגיע, אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילן, האָט צוגעגרייט דעם „לאָקאַל" צו דער קאָנפערענץ און אַליין בעת די דעבאַטן געשטאַנען אויף דער וואַך [4]. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען: דער פּ. פּ. ר.־טוער זיגמונט באַליצקי, דער סאָוויעטישער קריגס־געפאַנגענער וואַלענטין פילאַטאָוו, אַ פאָרשטייער פון דער דייַטשישער גרופּע און אַ פאָרשטייער פון דער גרופּע ייִדיש־פראַנצייזישע קאָמוניסטן, עמנואל מינק, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דער באַטווין־קאָמפּאַניע אין שפּאַניע און האָט פאַרמאָגט אַ געהעריקע שלאַכט־דערפאַרונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז באַליצקי, וועלכער האָט געאַרבעט צווישן די אינזשענירן־אסירים אין קאָמאַנדאָ „באַולייטונג" זאָל צוגרייטן די סיטואַציע־פּלענער; דער סאָוויעטישער מאַיאָר אַנטיטיפּאָוו און פילאַטאָוו האָבן זיך מתחייב געווען אויסצופירן דאָס צוגרייטן דעם קאָנקרעטן אויפשטאַנד־פּלאַן. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו זאַמלען ענערגיש פולווער און געווער. וועגן דעם אַלעמען האָט מען אינפאָרמירט די זאָנדער־קאָמאַנדאָ [5]. אין פּלאַן איז אויך אַרייַנגעצויגן געוואָרן די ווידערשטאַנד־גרופּע פון דעם בירקענאַו פרויען־לאַגער אונטער דער אָנפירונג פון צפורה שאַפּיראָ, מאַשע ראַווין און אַ יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנקע. די פרויען האָבן געדאַרפט נאָכפאָלגן דעם סיגנאַל, איבערשערן מיט שערן די דראָטן און מאַסנווייַז אַנטלויפן [6].

דער אויפשטאַנד־פּלאַן, וואָס איז געווען קאָאָרדינירט סייַ מיטן רעכטן, סייַ מיטן לינקן פליגל פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג [7] און האָט זיך

שוין געפונען אַזוי ווײַט אין סטאַדיע פון רעאַליזירן און די זאָנדער־קאָ־מאַנדאָ איז געווען אַזוי שטאַרק אַרײַנגעפלאָכטן אין דעם פּלאַן, אַז די צענטראַלע אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון גאַנצן לאַגער האָט זיך דעם 21סטן אויגוסט 1944 געווענדט צו דער אָנפירונג פון א.ק. מחוץ דעם לאַגער וועגן שיקן אויפרײַס־מאַטעריאַל אויפצורײַסן די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריעס, און דאָס האָט געדאַרפט זײַן — ווי מיר האָבן שוין געהערט — דער סיגנאַל צום אַלגעמיינעם אויפשטאַנד [8].

אַצינד לאָמיר אַ קוק געבן, צי עס זענען געווען רעאַלע מעגלעכקייטן פאַרן אויפשטאַנד. ווי האָבן אויסגעזען די כּוחות־פאַרהעלטענישן אינעם לאַגער?

אין גאַנץ אוישוויץ איז אין זומער 1944 געווען בערך 77 טויזנט אסירים, אָבער פון זיי האָט די צאָל פעיִקע צום קאַמף באַטראָפן 34 טויזנט; די רעשט איז באַשטאַנען פון אינוואַלידן [9].

קעגן דער דאָזיקער מאַסע איז געשטאַנען אַ מחנה פון 3030 ס.ס.־מענער און פון 1100 פליִער. צו יעדער מינוט האָט געקאָנט זיי קומען צו הילף די ווערמאַכט, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין דער געגנט. אַזוי אַרום זענען תּמיד אויפן אָרט געשטאַנען גרייט צום קאַמף איבער 4100 דײַט־שישע שלאַכטלײַט באַוואָפנט מיט די פאָלגנדיקע מינים כּלי־זיין:

20 שווערע מאַשין־געווער, 60 האַנט־מאַשין־געווער, 2000 ביקסן. 30 פּראָצענט פון דער דײַטשישער מאַנשאַפט איז חוץ מזה געווען אָנגעגורט מיט אויטאָמאַטישע פּיסטאָלעטן. זיי האָבן געהאַט אין זייער רשות 40 לאַסט־אויטאָס; צוויי עראָפּלאַנען און אַ סך מאָטאָציקלען [10]. די דײַטשן האָבן געהאַט צו הילף עטלעכע ראָטעס אוקראַיִנישע וואַכלײַט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך שוין אָבער געשפּירט פּחד און דעמאָראַליזאַציע מחמת דעם דערנענטערן זיך פון פראָנט. עס האָט אַפילו אַ צײַט פריִער געהאַט אַן אָרט בײַ די אוקראַיִנישע וואַכלײַט אַן אמתער בונט, וואָס איז דורך די דײַטשן שאַרף דערשטיקט געוואָרן [11].

נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער באַוואָפענונג פון דער דײַטשישער לאַגער־מאַנשאַפט וואָלט אָבער אַן אויפשטאַנד געהאַט שאַנסן פון דערפאָלג, ווען ער וואָלט איינצײַטיק אויסגעבראָכן אין אויסן, ד. ה. אין דער אַרו־מיקער שלעזישער פּראָווינץ, און דאָס איז, ווי געזאָגט, געווען פאָרגעזען אינעם פּלאַן „בוזשאַ". תּחילת אויגוסט זענען די שטימונגען געווען האָפער־

דיקע און דרייסטע, ווײַל דער אויפשטאַנד אין וואַרשע האָט זיך געהאַלטן פעסט און העלדיש.

אָבער דערנאָך איז שוין געווען קלאָר, אַז דער וואַרשעווער אויפשטאַנד גייט באַרג־אַראָפּ און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טראַגישן אויסזיכטלאָזן געראַנגל. די שלעזישע אַ.ק.־אָנפירונג האָט גענומען צווייפלען און זיך וואַקלען און זיך צוריקציִען פון פריִערדיקן פּלאַן. דעם 29סטן סעפּטעמבער 1944 איז די דײַטשן געלונגען צו כאַפּן דעם פאַרבינדלער פון דער שלעזישער אַ. ק.־אָנפירונג מיט דער לאַגער־אונטערערד — „אורבאַן" (סטעפאַן יאַסינסקי)[12]. בײַ „אורבאַנען" האָט מען געכאַפּט די פּלענער פונעם אויפשטאַנד. „אורבאַנען" האָט מען געפּײַניקט. אָבער ער האָט קיינעם נישט אויסגעגעבן. דער דאָזיקער העלדישער פּאַראַשוטיסט פון ענגלאַנד איז אומגעקומען און די דײַטשן איז נישט געלונגען צו כאַפּן די פעדעם פונעם אויפשטאַנד. אָבער דער דאָזיקער פאַקט האָט באַוויגן דער אָנפירונג פון אַ. ק. פון שלעזישן קאַנט צוריקצורופן דעם פּלאַן פון אויפשטאַנד[13]. נאָך דער מפּלה פון וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט די שלעזישע אַ. ק.־אָנפירונג נישט געוואָלט זיך אַנגאַזשירן אין אַ נײַעם לאָקאַלן אויפשטאַנד, וועלכן זי האָט, ווי עס ווײַזט אויס, געהאַלטן פאַר אויסזיכטלאָז.

די היטלעריסטישע מושלים פון אוישוויץ האָבן תּיכּף רעאַגירט זייער ענערגיש. נישט קאָנענדיק אַנטפּלעקן די געהיימע פעדעם פון פּלאַנירטן אויפשטאַנד האָבן זיי גענומען עוואַקויִרן פון לאַגער קיין דײַטשלאַנד דעם רוב בנין ומנין פון די אסירים־מענער, בעיקר די פּאָליאַקן און אויך אַ טייל ייִדן, ד.ה.: די גרונט־באַזע פון אַן עווענטועלן אויפשטאַנד.

עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז אַ גרויסער טייל פון דער נישט־ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ איז אין טיפן האַרצן געווען צופרידן פון דער געענדערטער לאַגע, פון צוריקרופן דעם אויפשטאַנד. עס זאָגט וועגן דעם עדות קודם כּל אַזאַ באַגלייבטער עד ראיה ווי דער ווידערשטאַנד־טוער, ברונאָ באַום: „די חברים פון בירקענאַו זענען געווען מער אומגעדולדיק ווי מיר (פון אוישוויצער שטאַם־לאַגער — ב. מ.), ווײַל זיי זענען געווען צו „נאָענטע" פון די רציחות. זיי האָבן אָפּגעשאַצט נעגאַטיוו די אַלגעמיינע לאַגע און געוואָלט שנעל אַרויסטרעטן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד. מיר פון דעם שטאַם־לאַגער האָבן גערופן צו מעסיקונג. פאַר אונדז איז געווען קלאָר, אַז אין פאַל פון אַן אַרויסטריט פון ביר־

קענאַו ווער די ס. ס. גובר זיַין. דאָס וואָלט געווען אַ סיגנאַל צו פאַרניכטן דעם לאַגער. מיר האָבן געמוזט רופן צו געדולד"[14].

און וויַיטער זאָגט באָום: „מיר האָבן נישט געקאָנט אָנטייל נעמען (אין אַ באַלדיקן קאַמפּס-אַרויסטריט — ב.מ.), וויַיל דאָס, וואָס איז פאַר איינע די איינציקע רעטונגס-מעגלעכקייט — קאָן פאַר אַנדערע באַטיַיטן זעלבסטמאָרד"[15].

אַזוי אַרום איז זיך דער ווידערשטאַנד-טוער ברונאָ באָום מודה, אַז די באַוועגונג, וואָס ער האָט רעפּרעזענטירט, איז געווען קעגן אַן אויפ־שטאַנד אין קעגנזאַץ צו דער יִדישער זאָנדער-קאָמאַנדאָ און אפשר אויך אַנדערע יִדן און נישט-יִדן (רוסן) פון בירקענאַו, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַ תיכפדיקן קאַמפּס-אַרויסטריט. נאָך מער: ווען די צווישן-נאַציאָנאַלע אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין אוישוויץ 1 האָט דערפילט, אַז בירקענאַו, און בפרט די זאָנדער-קאָמאַנדאָ, קאָן מאַכן שבת פאַר זיך און אַליין אַרויסטרעטן מיט אַן אויפשטאַנד, האָט זי דעלעגירט קיין ביר־קענאַו אַ וויכטיקן טוער, אַן עסטריַיכישן חבר סימראָ[16] ער זאָל ווירקן אויף די דאָזיקע „היץ-קעפ" באַרויִקנדיק. אַזוי אַרום האָבן זיך די יוצרות געביטן. אַמאָל האָבן די ווידערשטענדלער געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דער זאָנדער-קאָמאַנדאָ און געהאַט טענות צו אַזעלכע חברים, ווי יאָסל וואַרשאַווסקי, יאַנקל האַנדעלסמאַן, צי אַלטער פיַינזילבער. איצט הערן מיר פון קאָמפּעטענטע ווידערשטאַנד-פירער אַזעלכע ווערטער ווי „מעסי־קונג", „געדולד", „וואָס פאַר אונדז איז גוט, איז פאַרן צווייטן זעלבסט־מאָרד", בעת די מענטשן פון דער זאָנדער-קאָמאַנדאָ רופן צום קאַמף און ווילן נישט וואַרטן. אויך אַ ריי ווידערשטאַנד-טוער פון בירקענאַו טענהן, אַז דער סוף פון דער מלחמה איז נאָענט און עס איז נישט כדאי זיך איַינצושטעלן[17]. אָט דערציילט אַן עד-ראיה: „אין זאָנדער-קאָמאַנדאָ איז אונטער דער אָנפירונג פון פיַינזילבער און יאָסל וואַרשאַווסקי געווען אַ פּלאַן פון בונט: אָנטוואָפענען די ס. ס. און אַנטלויפן בעת דער נאַכטיקער וואַך-טוישונג, אונטערצינדן די קרעמאַטאָריע, וואַרפן זיך אויף די דראָטן, און מיר האָבן געענטפערט: לאָמיר וואַרטן אויף דער דערנענטערונג פונעם פראָנט!"[18].

ענלעך שילדערט די זאַך נאָך איין עד ראיה, וואָס האָט זיך אין יענע גורלדיקע טעג געפונען אין צענטן בלאָק אין בירקענאַו. אין די

געהיימע זיצונגען, וואָס זענען דאָרטן פֿאָרגעקומען און וואָס האָבן באַהאַנדלט די פֿראַגע פֿון יאָ, אָדער נישט אַרויסטרעטן, האָבן זיך באַטייליקט פּוילישע ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך, אַ דײַטשישער קאָמוניסט, אַ ייִדיש־טשעכישער קאָמוניסט. מען האָט אַ סך גערעדט וועגן אויפֿשטאַנד, אָבער מען איז געקומען צום אויספֿיר, אַז די ס. ס. שטעלט נאָך פּאָר מיט זיך אַ מעכטיקע קראַפֿט, אַז יעדער אויפֿשטאַנד־פּרוּוו וועט האָבן אַ שלעכטן סוף [19].

אין אָט די דיסקוסיעס קומט צום אויסדרוק דער גאַנצער טראַגישער אונטערשייד אין דער לאַגע פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און פֿון די אַנדערע לאַגער־גרופּן, בתוכם אויך ייִדישע. עס קומט דאָ צום אויסדרוק אין אַ געוויסער מאָס אויך דער אונטערשייד אין דער לאַגע צווישן דער ייִדישער און דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג בכלל. די פּוילישע, למשל, ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז נישט געווען געצוווּנגען דורכן גורל אַרויסצוטרעטן תּיכף ומיד אין קאַמף. זי האָט געקאָנט וואַרטן אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט, בעת די ייִדן האָבן נישט געקאָנט וואַרטן, ווײַל ווען זיי טרעטן נישט אַרויס באַלד, קאָנען זיי אומגעבראַכט ווערן דורכן שׂונא אָן קאַמף. אַזאַ איז געווען דער מצב אין וואַרשעווער געטאָ, אין ביאַליסטאָקער און אַנדערע געטאָס, אין טרעבלינקע און סאָביבאָר. ווען די ייִדן טרעטן נישט אַרויס דעם 19טן אַפּריל 1943 אין וואַרשע, דעם 16טן אויגוסט אין ביאַליסטאָק א. אַ. וו. וואָלט זיי שוין בכלל נישט געווען באַשערט אַרויסצוטרעטן. אָבער די רוסן, פּאָליאַקן, פֿראַנצויזן, איטאַליענער און אַנדערע פֿעלקער האָבן געהאַט מער ברירה זיך אויסצוקלײַבן אַ געהעריקן טערמין אַרויסצוטרעטן אין קאַמף. און אַזוי איז אויך געווען אין אוישוויץ און אין בירקענאַו. זינט פֿרילינג 1944 איז די זאָנדער־קאָמאַנדאָ פֿאַרגרעסערט געוואָרן, ווײַל עס האָט זיך אָנגעהויבן די ריזיקע פֿאַרטיליקונג פֿון אונגאַרישן ייִדנטום. די געפֿילן פֿון די יעניקע זאָנדער־לײַט, וואָס האָבן געטרוימט וועגן רעוואָלט, זענען געוואָרן אָנגעלאָדענער, ביטערער. בפֿרט אַז מען האָט דערפֿילט דעם אָנקומענדיקן אייגענעם סוף, ווײַל אין האַרבסט 1944 איז די צאָל טויט־טראַנספּאָרטן געוואָרן קלענער און מען האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז די דײַטשן וועלן ליקווידירן די אומבאַקוועמע עדות פֿונעם גרויל־פֿאַרברעכן, די זאָנדער־קאָמאַנדאָ [20]. אַזוי אַרום איז דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ־עלעמענט געוואָרן איינער פֿון די סאַמע דעצידירנדיקסטע קאַמפֿס־גרייטע עלעמענטן אין לאַ־

גער. און דאָ מיט אַ מאָל קומט די דעציזיע פון דער אָנפירונג, אַז קיין אויפ־שטאַנד וועט נישט זײַן. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז צווישן די אַק־טיוויסטן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און דעם גאַנצן איבעריקן אונטער־ערדישן אַקטיוו איז אויסגעבראָכן אַן ערנסטער קאָנפליקט [21]. מיר האָבן געזען, ווי די צענטראַלע אָנפירונג האָט געפאָדערט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ באַהערשונג און רו. די טוער פון דער באַוועגונג אין בירקענאַו האָבן אַזוי ווײַט נישט געקאָנט גיין, האָבן זיי אַליין רעזיגנירט פון באַלדיקן אויפשטאַנד, אין הסכם מיט דער נײַער ליניע פון דער צענטראַלער אָנ־פירונג פון שטאַם־לאַגער, געגעבן די ווידערשטענדלער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ פרײַע הענט: טוט ווי איר ווילט אַליין [22].

אין רעזולטאַט איז די לעכצונג פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ אַרויסצו־טרעטן תּיכּף געבליבן פאַראייניזאַמט און איזאָלירט. „דער רעוואָלט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ אין אָקטאָבער 1944 — שרײַבן די טשעכיש־ייִדישע מחברים קראַוס און קולקאַ — איז פאַרגעקומען אָן קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלער אָנפירונג [23]״.

„דער אַרויסטריט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ — שרײַבט דער פּוי־לישער אויטאָר האָלוי — איז געווען אין פּלאַן פון דעם מיליטערישן ראַט פון אוישוויץ. ער איז געווען אַ יסודותדיקער עלעמענט פון דעם אינער־לעכן פּלאַן פון אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. אָבער דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז באַשערט געווען צו קעמפן איינזאַם, ווײַל די הילף פון אויסן האָט פאַרפירט״ [24].

הערות צום קאַפּיטל צוועלף

1) דזשובינסקאַ, ז׳ 168.

2) Władysław Żarski-Zajdler: Wykaz kryptonimów i pseudonimów konspiracyjnych na Śląsku w latach 1939—1945. Praca na zlecenie PAN (Instytut Historii) 1964, s. 127—132.

3) דער פּוילישער שרײַבער טאַדעוש האָלוי שרײַבט אין זײַן ראָמאַן: „דער סוף פון אונדזער וועלט״, אַז דער פּאַליאַק העגריק (פּאַמיליען־נאָמען איז נישט באַקאַנט) האָט באַאַרבעט דעם פּלאַן פון דעם סיגנאַל־אַרויסטריט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. דאָס ווערט נישט באַשטעטיקט דורך קיין שום מקור. זע: T. Holuj: Koniec naszego świata. Kraków 1958, s. 402.

4) די אינפאָרמאַציע וועגן סעם הערטינג האָבן איבערגעגעבן די געוועזענע קאָ־צעטלער: חיים פּראַש און ישראל מיידאַן (ביידע לעבן איצט אין ישראל). זיי האָבן געאַרבעט אונטער הערטינגס אָנפירונג אין באַקליידונגס־קאַמער און אויך געהאָלפן אים אין פאַרשיידענע הילף־אַקציעס פאַר דער ווידערשטאַנד אָרגאַניזאַציע. נאָטיץ אין אַרכ. ב. מאַרק.

5) די אינפאָרמאַטאָרן זענען געווען עמנואל מינק און דוד שמולעווסקי און נישט די טשעכישע ייִדן קראַוס און קולקאַ, ווי עס שרײַבט דזשוביבנסקאַ, ז' 167.

6) ג״ע פון ע. מינק און פון ד. שמולעווסקי; ג״ע פון צפורה שאַפּיראָ־גוטניק און פון מאַשאַ ראַווין, אַרכ. פון ב. מאַרק.

7) באָום, ז' 72—73.

8) „קאַלענדאַר״, נאָטיץ פון 21סטן אויגוסט 1944.
מאַטעריאַלן וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ, טעקע 2, ז' 84, אַרכ. פון אוישוויץ־מוזיי אין פּוילן.

9) דזשוביבנסקאַ, ז' 170.

10) דאַרטן.

11) באַשרײַבונג פון דעם קאַנצ. לאַגער אוישוויץ, ד.צ.וו. זע הערה 13, קאַפּ. 1.

12) „קאַלענדאַר״, נאָטיץ פון 29סטן סעפּטעמבער 1944.
Elżbieta Chomicz: Gryps z Oświęcimia. „Za Wolność i Lud”, nr. 52, 25.XII.1971, s. 12-13.

13) דאַרטן. האַלוי: דער סוף פון אונדזער וועלט, ז' 495—499.

14) באָום, ז' 74.

15) באָום, ז' 76.

16) באָום, ז' 74.

17) „בערגערס״ בריוו.

18) „בערגערס״ דערקלערונג.

19) ג״ע פון שׂמחה זלאָטאָווסקי.

20) באָום, ז' 74—77. זע: זלמן לעווענטאַל: פאַרצייכענונגען.

21) ג״ע פון ע. מינק. זע: זלמן לעווענטאַל, ד.צ.וו.

22) דוד ליוועער: בעגדינער אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין טויט־לאַגער אוישוויץ, פּנקס בנדין, תּל אביב 1959, ז' 193—194.

23) קראַוס און קולקאַ, ז' 231.

24) טאַדעוש האָלוי, באַמערקונגען וועגן גוטמאַנס בוך: אנשים ואפר, אין בריוו צו ב. מאַרקן, אַרכ. ב. מאַרק.

קאַפּיטל דרײַצן

דער אײנזאַמער אויפשטאַנד

דיווידערשטאַנד־גרופּע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וועלכע איז, ווי מיר האָבן שוין געזען, אַליין געבליבן אויפן פּלאַץ, האָט זיך פון לאַנג געגרייט צו אַ קאַמפּס־אַרויסטריט. מיר האָבן שוין דערציילט, אַז אײנער פון דער ווידערשטאַנד־גרופּע, אַ בערך 40־יעריקער רעליגיעזער ייִד, וועלכן די עדות געדענקען, אַז מען האָט אים גערופן דער דיין, האָט אויסגעדריקט זײַן גרייטקייט צו בלײַבן אַליין אין קרעמאַטאָריום מיט אַ דינאַמיט־לאַדונג און אויפרײַסן דעם קאָלך־אויוון צוזאַמען מיט זיך אַליין. דער דערוואַר־טעטער אויפרײַס האָט שטענדיק געדינט אין די אַלגעמיינע אויפשטאַנד־פּלענער ווי דער סיגנאַל צום אַרויסטריט פון די ווידערשטאַנד־גרופּן פון גאַנצן לאַגער.

לאָמיר אויך דערמאָנען די בונט־צוגרייטונגען פון דעם סאָקולקער ייִד קאַמינסקי, וועלכער איז געווען אײנער פון די קאַפּאָס פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און האָט זיך תּמיד אויפגעפירט ווי צום בעסטן, קיינעם קיין מאָל נישט געטשעפּעט און געהאָלפן יעדן אײנציקן, וואָס האָט זיך אין דעם געניטיקט. די חברים לצרה האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט ליבשאַפט און גערופן „דער ליטוואַק". קאַמינסקי האָט אָרגאַניזירט אַן אַקציע פון אַרויסגנבֿענען געווער בײַ די דײַטשן. ער האָט צוגעגרייט אויפרײַס־מאַ־טעריאַל און גראַנאַטן. הגם מיר ווייסן נישט גענוי, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן דורכגעפירט. מיר ווייסן אויך נישט, מיט וועמען ער האָט געהאַט קאָנטאַקטן. עס איז אָבער זיכער, אַז אַזעלכע קאָנטאַקטן זענען געווען. עמעצער האָט אים, ווײַזט אויס, אויסגעגעבן, און אײדער ער האָט באַוויזן צו רעאַליזירן דעם בונט און דאָס מאַסן־אַנטלויפן, איז ער דורכגעפאַלן און דערשאָסן געוואָרן דורך די ס.ס־לײַט דעם 2טן אויגוסט 1944. וועגן דעם האָט געמאָלדן אויף אַן אַפּעל פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ דער קאָמענ־דאַנט פון די קרעמאַטאָריעס, אָבערשאַרפירער אָטאָ מאָלל[1].

מיר ווייסן נישט, צי די געהיימע אָרגאַניזאַציע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט יאָסל וואַרשאַווסקי, יאַנקל האַנדעלסמאַן, אַלטער פּײַנזילבער [2], זלמן גראַדאָווסקי, אַ געוויסער „חבר סיאָמאָ" [3], דער דערמאָנטער דיין, אייזיק קאַלניאַק, לייב הערשקע פּאַניטש, דערעווינסקי יוסף, זלמן לעווענטאַל [4] און אַנדערע, וועגן וועלכע עס וועט נאָך זײַן אַ רייד, איז געווען אַ המשך פון קאַמינסקיס גרופּע. עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז די גאַנצע צײַט האָט די ווידערשטאַנד־גרופּע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, אָדער ווי מען האָט זי גערופן „די ענגע גרופּע", גע־זאַמלט מיט אַלע אופנים און מיטלען געווער און אויפרײַס־מאַטעריאַל. דאָס איז קאָנטינויִרט געוואָרן אויך נאָך דעם ווי די אַלגעמיינע ווידער־שטאַנד־אָנפירונג האָט זיך צוריקגעצויגן פון דעם אויפשטאַנד־פּלאַן און געוואָרנט דעמלט די זאָנדער־קאָמאַנדאָ, זי זאָל נישט מאַכן שבת פאַר זיך. ברונאָ באַום גיט איבער, אַז די זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט זיך באַזאָרגט מיט כלי־זיין אין משך פון לאַנגע חדשים. די זאָנדער־לײַט זאָלן אפילו האָבן געהאַט עטלעכע האַנט־פּיסטאָלעטן און האַנט־גראַנאַטן, וועלכע זיי האָבן אַליין פּראָדוצירט; דער זעלביקער עדות גיט איבער, אַז זיי האָבן אויך געהאַט שערן איבערצושנײַדן די דראָטן און פּולווער מיט אויפרײַס־מאַטע־ריאַל וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער ווידערשטאַנד־גרופּע פון די ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער אַמוניציע־פאַבריק „אוניאָן", וואָס האָט זיך געפונען אין לאַגער. דעם דאָזיקן אויפרײַס־מאַטעריאַל האָט מען אַרויסגעשמוגלט פון דער פאַבריק, באַהאַלטנדיק אים אין ברויט־לעבלעך [5]. דעם אויפרײַס־מאַטעריאַל פון „אוניאָן" זאָלן האָבן געשמוגלט דער מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ יוקל ווראָבעל (אָדער ווראָנאָ) און גאָדל זילבער [6].

די אונטערערדישע טוער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן אויך געזוכט געווער אויף אַנדערע וועגן. צווישן די ס.ס.־לײַט פון דער קרע־מאַטאָריע־מאַנשאַפט איז געווען אַ געוויסער זיגמונט, וועמענס פאַמיליע דער עדות געדענקט שוין נישט, אַ פאָלקס־דײַטש פון שלעזיע. זײַן פונקציע איז געווען אַ שרעקלעכע. ער פלעגט עס אין משך פון אַ געוויסער צײַט אַרײַנוואַרפן דעם גאַז ציקלאָן ב אין גאַז־קאַמער. מיט אָט דעם פאַרשוין האָבן די זאָנדער־לײַט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט און ער פלעגט אײַנקויפן פאַר זיי געווער. צום סוף איז אים נימאס געוואָרן די גרויליק־מערדערישע

אַרבעט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר. ער איז געשיקט געוואָרן אויפן פראָנט און עס זענען נאָך אים פאַרשוווּנדן אַלע שפּורן [7].

לויט די פעסטשטעלונגען פון געוויסע עדות, האָט די זאָנדער־קאָמאַנדאָ באַקומען געווער און אויפרײַס־מאַטעריאַל פון די פּוילישע אָרו־מיקע פּאַרטיזאַנער דורך דער פאַרמיטלונג פון דער פּוילישער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אין לאַגער. ברונאָ באַום דערמאָנט וועגן אַ לאַדונג פון אויפרײַס־מאַטעריאַל, וואָס איז אין דער שכנות פון לאַגער אַראָפּגע־וואָרפן געוואָרן דורך אַ בריטישן עראָפּלאַן. ער דערקלערט, אַז אַ טייל פונעם מאַטעריאַל האָט דערגרייכט צו די הענט פון די לאַגער־ווידער־שטענדלער, אָבער ער זאָגט נישט גאָרנישט, אַז ער זאָל האָבן דערגרייכט אויך צו דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. מיר ווייסן אויך אויפן סמך פון גביות עדות, אַז אין געביט פון פּראָדוצירן אויפרײַס־מיטלען און אייגנאַרטיקע גראַנאַטן האָבן מיט די ייִדן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ מיטגעאַרבעט די גרופּע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס איז געבראַכט געוואָרן קיין ביר־קענאַו און איז געווען אַ צײַט באַשעפטיקט אויך בײַ די קרעמאַטאָריעס, אָדער אין זייער סביבה. צווישן די קריגס־געפאַנגענע זענען געווען אָפּי־צירן־פּיראָטעכניקער און כעמיקער, וועלכע האָבן דעם פּולווער, וואָס איז געווען געשמוגלט פון „וניאָן"־פאַבריק, אַרײַנגעשאָטן אין קאָנסערוון־פּושקעס און פון זיי געמאַכט אויפרײַס־באָמבעס מיט אָנצינדערס און עס צוגעשטעלט דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ [8].

דער מיטגליד פון דער ווידערשטאַנד־גרופּע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, דער אונגאַרישער ייִד ד"ר מיקלאָס נישלי, וועלכער האָט געאַרבעט בײַ ד"ר מענגעלע, שרײַבט אין זײַנע זכרונות, אַז צווישן געזאַמלטן געווער זענען געווען פינף מאַשין־פּיסטאָלעטן, מעסערס און אַרום הונדערט עקראַזיט־לאַדונגען פון אַ גרויסן אויפרײַס כּוח. מיט אַזעלכע לאַדונגען האָבן די דײַטשן זיך באַנוצט בײַם אויפרײַסן די באַן־שינעס [9].

אַזוי צי אַנדערש — די זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז געווען באַוואָפנט.

די מענטשן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ זענען ענדלעך געוואָרן באַ־הערשט דורך דער דאָרטיקער ווידערשטאַנד־גרופּע און גרייט געווען צו דעם סאַמע פאַרצווייפלטסטן קאַמף, האָבנדיק דאָך אַ פּיצעלע האָפענונג זיך אַרויסצורײַסן אויף אויסן.

די ייִנגערע מענטשן פון צווישן דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן זיך

ממש געריסן צום אַרויסטריט, זיי זענען געווען זייער אומגעדולדיק און געפּאָדערט פון זייערע געהיימע פירער דירעקטע און באַלדיקע מעשׂים.

די געהיימע אָנפירונג פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט כּסדר אַלאַר־מירט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון לאַגער, וועלכע האָט כּסדר גערופן צו אַליינבאַהערשונג און אָפּוואַרטן. די זאָנדער־לײַט האָבן אָפּגעשאַצט אַז די לאַגע איז „אם לא עכשיו אימתי!".

וואָרום דער סאָוויעטישער פראָנט האָט זיך אין האַרבסט 1944 אַלץ מער דערנענטערט, און די דײַטשן האָבן גענומען אַלץ מער טראַכטן וועגן ליקווידירן אַ טייל פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ (די טראַנספּאָרטן פון אונגאַרן האָבן זיך אָפּגעשטעלט). חוץ מזה איז די לאַגע געוואָרן איינצײַטיק גינסטיקער פאַר די זאָנדער־לײַט, ווײַל די מאַכט האָט צוריקגערופן דעם סאַדיסט מאָלל און באַשטימט אויף זײַן אָרט דעם ס. ס.־מאַן הערמאַן בוך, וועלכער איז נישט געווען אַזאַ אַכזר־סאַדיסט ווי מאָלל. ער איז געווען אַ גרויסער שיכּור און צוליב דעם האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס אויג אויף די זאָנדער־לײַט, וועלכע האָבן איצט געקאָנט פרײַער מאַגאַזינירן געווער און זיך צונויפרעדן.

תּחילת אָקטאָבער 1944 האָט די זאָנדער־קאָמאַנדאָ געציילט 663 מיט־גלידער, פון דעם: אין קרעמאַטאָריום 2 — 169, אין קרעמאַטאָריום 3 — די זעלבע ציפער, אין קרעמאַטאָריום 4 — די זעלבע ציפער, אין קרע־מאַטאָריום 5 — 156 [10].

די צאָל 663 איז שוין געווען אַ רעדוצירטע, וואָרום אין דער צווייטער העלפט סעפּטעמבער 1944 האָט די לאַגער־מאַכט צוגענומען בערך 200 זאָנ־דער־לײַט און זיי אַוועקגעפירט אין אוישוויץ 1, ווו מען האָט זיי פאַרגאַ־זירט [11]. די לעבן געבליבענע זאָנדער־לײַט האָבן זיך בקרוב אָנגעשטויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זייערע חברים. און דאָס האָט נאָך מער פאַר־שאַרפט זייער גרייטקייט אַרויסצוטרעטן אין אָפענעם קאַמף.

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו באַשרײַבן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד, וועלן מיר זיך אַ רגע אָפּשטעלן אויף צוויי מאָמענטן: ראשית — ווער האָט אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דעם אויפשטאַנד? והשנית — ווען איז דער אויפשטאַנד פאָרגעקומען?

אין דעם ערשטן ענין טרעפן מיר זיך אָן אויף אַן אינפאָרמאַציע, וועלכע שטאַמט פון די קרײַזן פון די גריכישע ייִדן און וועלכע קלינגט ווי

עס פאָלגט: אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן געאַרבעט 135 גריכישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אונטער דער אָנפירונג פון געוו. גריכישן אונטער־קאָלאָנעל יוסף ברוק און יוסף לעווי, מאָריס אַהרון, יצחק ברוק, סעם קאַראַסאָ און יום־טוב יאַקועל, און זענען אַרויס אין אויפשטאַנד דעם 6טן סעפּטעמבער 1944 און צוזאַמען מיט אַ גרופּע פראַנצייזישע ייִדן און אַ גרופּע אונגאַרישע ייִדן האָבן זיי אויפגעריסן צוויי קרעמאַטאָריעס, 3 און 4. ווײַטער גיט איבער די אינפאָרמאַציע, אַז די אַנדערע זאָנדער־גרופּעס האָבן זיך דערשראָקן און נישט אויפגעריסן די אַנדערע צוויי קרעמאַטאָריעס. אין קאַמף זענען געפאַלן אַלע אויפשטענדלער[12].

די דאָזיקע אינפאָרמאַציע רופט אַרויס געוויסע באַוואָרענישן. קודם כּל שטעלט זיך אַ שאלה: אויב למשל יצחק ברוק איז געווען אַן אַקטיווער אויפשטענדלער אין די קרעמאַטאָריעס און איז אומגעקומען, טאָ ווי זשע האָט אים געטראָפן נאָך דער מלחמה אַ סאָוויעטיש־ייִדישער זשורנאַליסט און געהערט פון זײַן מויל, אַז ער האָט גאָר געקעמפט אין פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע אין אויגוסט 1944 ?[13]. דער דאָזיקער זשורנאַליסט שרײַבט, אַז באַלד נאָך דער מלחמה האָט ער געטראָפן אַ גרופּע גריכישע ייִדן, וועלכע זענען פון פּוילן געפאָרן דורך טשערנאָוויץ צוריק אַהיים קיין סאַלאָניקי. זיי זענען דעפּאָרטירט געוואָרן צוזאַמען מיט 3000 גריכישע ייִדן קיין אוישוויץ אין יאָר 1943. דער רוב איז פאַרברענט געוואָרן, 400 פּערזאָן זענען סעלעקציאָנירט געוואָרן קיין בירקענאַו, פון וואַנען מען האָט זיי געשיקט קיין וואַרשע אָפּצורייניקן די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ (צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּויליש־פראַנצייזישע, דײַטשישע און אונגאַרישע ייִדן) און דאָ זענען זיי אַרײַנגעפאַלן דערנאָך אינעם פּוילישן אויפשטאַנד פון אויגוסט־סעפּטעמבער 1944 און אָנטייל גענומען אין די קאַמפן. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך בײַם גריכישן מחבר קאַבעלי וואַרשײַנלעך צונויפגעמישט צוויי היסטאָרישע געשעענישן — וואַרשע מיט בירקענאַו — און עס איז אַרויסגעקומען אַ נישט ריכטיקע טעותדיקע אינפאָרמאַציע, אין וועלכער, וואָס אַן אמת, עס הילכן אָפּ אייניצײַטיק געוויסע ידיעות פון דער העלדישער האַלטונג פון אַ טייל גריכישע ייִדן, וועגן וועלכע עס איז שוין געווען אַ רייד. עס קאָן זײַן, אַז אין די רייען פון דער לעצטער זאָנדער־קאָמאַנדאָ זענען געווען אויך גריכישע ייִדן, הגם אין די טאָגביכער, וועגן וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, ווערט וועגן דעם נישט דערמאָנט קיין וואָרט.

אויך אין דעם טערמין איז זיך דער גריכישער מחבר טועה. פּונקט ווי עטלעכע אַנדערע עדות גיט ער אָן דעם חודש סעפּטעמבער, בעת עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין דעם וויסנשאַפטלעכן אַפּטייל פון אוישוויצער מלוכה־מוזיי געגוי דער טערמין: דער 7טער אָקטאָבער 1944 [14]. דעם זעלביקן טערמין געפינען מיר אין די פאַרצייכענונגען פון זלמן לעווענטאַל און אויך אין דער רשימה פון דעם דערמאָנטן שוין דיין [15], און עס נעמען איר אָן אַלע באַקאַנטע מחברים, דהיינו: ברונאָ באַום, הערמאַן לאַנגביין, קראַוס און קולקאַ, גוטמאַן, זעהן, האַלוי, סמאָלען און דזשובינסקאַ.

עס בלײַבט נאָך אויפצוקלערן דאָס אָרט פון ערשטן אויסברוך פון דעם אויפשטאַנד. אויך אין דער פראַגע זענען פאַראַן מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, בעסער געזאָגט: מיספאַרשטייעניש: ברונאָ באַום גיט איבער, אַז די געשעע־נישן האָבן זיך אָנגעהויבן אויפן שטח פון קרעמאַטאָריום נומער דרײַ [16], בעת קראַוס און קולקאַ גיבן אָן אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן איינצײַטיק אין קרעמאַטאָריום 2 און 4 [17]. אַנדערע עדות רופן אָן די קרעמאַטאָריעס 2, 3 און 4. מיר מיינען, אַז אויך אין דער פראַגע איז מאַסגעבנדיק די אויספאָר־שונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אוישוויצער מלוכה־מוזיי, וועלכע דעקט זיך מיט דער אינפאָרמאַציע פון קראַוס און קולקאַ, דהיינו: די גע־שעענישן האָבן זיך אָנגעהויבן איינצײַטיק אין די קרעמאַטאָריעס 4 און 2. וועגן אַ גלײַכצײַטיקע אַקציע פון צוויי קרעמאַטאָריעס גיט אויך איבער זלמן לעווענטאַל אין זײַנע פאַרצייכענונגען.

אַ געוויסע צעמישונג ברענגט אַרײַן די נומעראַציע פון די קרעמאַטאָ־ריעס אין אוישוויץ. די אסירים פון בירקענאַו און צווישן זיי אויך די מחברים פון די פאַרעפנטלעכטע אין אונדזער אַרבעט פאַרצייכענונגען, רופן אָן די קרעמאַטאָריעס אויפן שטח פון בירקענאַו מיט די נומערן 1, 2, 3, 4. אָבער אין די דײַטשישע דאָקומענטן איז אָנגעווענדט אַ צווייטע נומערירונג. דאָרט איז באַצייכנט ווי קרעמאַטאָריום 1, דאָס עלטסטע, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאַם־לאַגער אוישוויץ. און די פיר קרעמאַטאָריעס אין ביר־קענאַו האָבן געטראָגן די לויפנדיקע נומערן 2, 3, 4 און 5.

אין אונדזער אַרבעט וועלן מיר אָן די אָנגענומענע נומערירונג לויט די דײַטשישע דאָקומענטן.

דער פאַרלויף פון די געשעענישן פון דעם 7טן אָקטאָבער 1944 שטעלט זיך פאָר אין ליכט פון די ביז איצט באַקאַנטע מקורים אָט אַזוי:

די ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון אוישוויץ 1 האָט זיך מיט אַ מאָל דער־וווסט (ווער און ווי אַזוי — וועגן דעם ווייסט נישט קיינער פון די עדות), אַז די דײַטשישע לאַגער־מאַכט וויל ליקווידירן ענדגילטיק די גאַנצע זאָנ־דער־קאָמאַנדאָ, אָדער אַ טייל פון איר. וועגן דער דאָזיקער געפאַר איז תיכף מיטגעטיילט געוואָרן דער אָנפירונג פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ דורך דעם שוין דערמאָנטן זאָנדער־מיטגליד יוקל וורובעל (ווראַנאַ ?).

די געפאַר איז געווען זייער וואַרשיינלעך, והראיה: שוין זינט עטלעכע טעג איז געווען געמאָלדן אַ גרעסערער גרופּע זאָנדער־קאָמאַנדאָ פון קרעמאַטאָריע 4 און 5, אַז זי דאַרף זיין גרייט אָפּצופאָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. די ברויזונג ביי די מענטשן פון קרעמאַטאָריע איז, באַטירלעך, געווען זייער אַ גרויסע און אַן אומגעדולדיקע.

גלייך ווי די אָנפירער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן דאָס דער־הערט, האָבן זיי צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון אַקטיוו אויפן שטח פון קרע־מאַטאָריום ב׳ 4. דער עולם האָט באַטראַכט די לאַגע און די פראַגע ווי צו האַנדלען. פלוצים איז אָנגעקומען דער אסיר קאַרל, אַ דײַטשישער קרימי־נאַליסט, וועלכער האָט דערשפּירט, אַז עס שמעקט מיט בונט און געדראָט צו מסרן צו די ס.ס.־לײַט. די זאָנדער־מענטשן האָבן דערהרגעט דעם פאַר־רעטער מיט אַ שטילעט און אים אַרײַנגעוואָרפן נאָך לעבעדיקערהייט אין ברענענדיקן קאַלך־אויוון. דאָס קומען פון די דײַטשישע וועכטער צו נע־מען די 300 פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז געווען דער סיגנאַל צום אויפ־שטאַנד. די אויפשטענדלער האָבן אויסגעגראָבן דאָס געווער און אַטאַקירט די נאָענטסטע ס.ס.־וועכטער און באַוואָרפן מיט גראַנאַטן די קרעמאַטאָריע 4. אַ טייל אסירים פון דאָנען (פון קאָמאַנדאָ B־59) האָבן זיך אַרויסבאַ־קומען אין שכנותדיקן וועלדל. איינצײַטיק האָט זיך אָפּגערופן די זאָנדער־מאַנשאַפט פון קרעמאַטאָריע 2 (פון קאָמאַנדאָ B־57). דער דאָרטיקער זאָנ־דער־מיטגליד פאַניטש, אַ ייִד פון לאָמזשע, כאַפּט דעם אָבערקאַפּאָ, וועל־כער איז געווען אַ רײַכס־דײַטש און שלײַדערט אים אַרײַן אין ברענענדיקן קאַלך־אויוון. די אַנדערע עפענען אַ פײַער אויף די דײַטשישע וואַך־פּאָסטנס, נאָך אַנדערע שנײַדן איבער די עלעקטריזירטע דראָטן פון שכנותדיקן פרויען־לאַגער און אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון דעם ייִשוב בודי[18].

ווי עס שטעלט פעסט דער ס.ס.־מאַן פּערי בראָאַד אין זײַנע אין תפיסה געשריבענע זכרונות, האָט דער אויפשטאַנד געדאַרפט אויסברעכן איינצײַ־

טיק אין אַלע פיר קרעמאַטאָריעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין בירקענאַו: 2, 3, 4 און 5. עס איז געווען, אַפּנים, אָפּגערעדט, אַז דעם סיגנאַל דאַרף געבן די קרעמאַטאָריע 3. עס איז אָבער — ווי מיר האָבן געזען — געשען אַנדערש, ווײַל די געשעעניש זענען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן פלוצלונג. די קרעמאַטאָריעס 3 און 5 האָבן זיך סוף כּל סוף נישט אָפּגערופן[19].

אַנדערע מאָמענטן פון אויפשטאַנד שילדערט דוב פּייסיקאָוויטש. לויט אים האָט דעם סיגנאַל צום אויפשטאַנד געדאַרפט געבן טאַקע די קאָמאַנדאָ פון קרעמאַטאָריע 3[20]. זי האָט, נעמלעך, געדאַרפט אויפרײַסן די קרעמאַטאָריע. אַזאַ איז געווען דער פּלאַן. אָבער איידער די מענטשן פון קרעמאַטאָריע 3 האָבן באַוויזן צו באַגיסן די געביידע מיט בענזין און אונטערצינדן, זענען שוין אַרויסגעטראָטן פריצײַטיק די קרעמאַטאָריעס 2 און 4, אַטאַקירט די ס.ס.-לײַט און קאַליע געמאַכט דעם פאַרויסיקן פּלאַן. די ס.ס.-לײַט האָבן תּיכּף אָנגעווענדט שאַרפע רעפּרעסיעס לגבי דער קאָמאַנדאָ פון קרעמאַטאָריע 3. דער ס.ס.ישער קאָמענדאַנט, אונטערשאַרפירער קאַרל שטיינבערג, האָט דורכגעפירט תּיכּף אַן אַפּעל און פאַרשפּאַרט די קאָמאַנדאָ 3 אין דעם זאַל, וווּ די דײַטשישע דאָקטוירים פלעגן דורכפירן אָפּעראַציעס אויף אסירים, אַדאַנק וואָס די דאָזיקע מענטשן זענען דערווײַל געבליבן. אַחוץ איינעם, וואָס איז דערשלאָגן געוואָרן צום טויט דורך די ס.ס.-לײַט, ווײַל ער האָט דורכגעלעכערט אַ גומענעם ראָד פון אַ ראָווער פון אַן ס.ס.-מאַן. אָבער די שטענדיק קאָמפּסגרייטע קאָמאַנדאָ 3 איז אַזוי אַרום פאַראַליזירט געוואָרן און נישט אָנטייל גענומען אין דעם אויפשטאַנד[21].

די שׂרפה פון קרעמאַטאָריום ב' 4 און דער אַרויסטריט פון קרעמאַטאָריום 2 האָבן אַרויסגערופן בײַ די ס.ס.-לײַט אַ גרויסע פּאַניק. דער אויפשטאַנד איז געווען אַ פאַקט. די אויפשטענדלער האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון ממש אַ קאָמפּס-עקסטאַז און פון הויכער אידעישער שפּאַנונג, וואָרום אונטערצינדנדיק די קרעמאַטאָריע און אָנפאַלנדיק אויף די ס.ס.-לײַט האָבן זיי געזונגען זינגען צוויי הימנען: דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און „התקוה", וואָס געוויסע עדות האָבן אַליין געהערט[22]. די אָנפירונג פון די ס.ס. האָבן אַלאַרמירט בערך 3000 קריגס-לײַט, באַוואָפנטע מיט מאָדערן געווער, אָבער איינצײַטיק זענען אַ סך ס.ס.ישע וואַכלײַט זיך פּחדנותדיק צעלאָפן. געוויסע פון זיי זענען געלאָפן ראַטעווען דאָס אָנגערויבטע גאָלד און אַנדערע טײַערע חפצים[23].

די ס.ס.־לײַט האָבן, פֿאַרשטײט זיך, גובר געווען. זײ האָבן אַרומגע־רינגלט דעם שטח פֿון די קרעמאַטאָריעס און געלאָזט אַ העפּטיקן פֿײַער אויפֿן וועלדל, וואָס הינטער דער קרעמאַטאָריע 4, ווו עס האָט זיך קאָנצענ־טרירט די מערהײט פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. אײן גרופּע פֿון די אויפֿ־שטענדלער האָט זיך דורכגעריסן און אַוועק אין דער ריכטונג פֿון ווײַסל, פֿאַרהאַלטנדיק זיך בײַ רײסקאָ, וואָס ליגט 8 קילאָמעטער פֿון בירקענאַו, ווײַל די ס.ס.־לײַט האָבן זײ דאָ דעריאָגט. די ייִדן האָבן זיך באַריקאַדירט אין אַ כאַטע און געשטעלט אַ פֿאַרצווייפֿלטן ווידערשטאַנד. די ס.ס. האָט אַטאַקירט די כאַטע מיט פֿײַער־וואַרפֿער. אין סך־הכּל זענען געפֿאַלן אין אומגלײַכן קאַמף קרוב 200 ייִדן. די אַנדערע געכאַפּטע זאָנדער־לײַט האָבן די ס.ס.־לײַט געצוווּנגען זיך אויסלײגן אויף דער ערד און אַרײַנגעלאָזט אין זײ קוילן־סעריעס. אַזוי אַרום איז פֿון די 663 זאָנדער־לײַט נאָך די קאַמפֿן און דער שחיטה געבליבן לעבן 212 מענטשן. אין דער שלאַכט זענען געפֿאַלן דרײַ ס.ס.־לײַט, נעמלעך: ס.ס. אונטערשאַרפֿירער רודאָלף ערלער, ס.ס. אונטערשאַרפֿירער ווילי פּריזע, און ס.ס. אונטערשאַרפֿירער יאָזעף פּורקע. עס זענען אויך געווען דרײַ פֿאַרוווּנדעטע ס.ס.־לײַט.[24]


Der SS-Standortältests
Auschwitz

Auschwitz, den 12.Okt. 194[illegible]

Wolff [illegible]
Kommandantur K.L. [illegible] II

Standortbefehl Nr. 2[illegible] Eing.: 13 OKT 1944

1. In Ausübung ihres Dienstes fielen vor dem Feind getreu ihrem Eid auf den Führer am Sonnabend, den 7.10.44
SS-Uscha. Rudolf Erler, geb. 31.8.04 5./SS-T.Stuba.KL Au.I
" Willi Preuss, " 30.9.21 2./SS-T.Stuba.KL Au I
" Josef Purke, " 26.2.05 1./SS-T.Stuba.KL Au I

Wir werden den gefallenen Kameraden stets ein treues Andenken bewahren.

2. Warnwoche.
Die Sicherheit des Reiches im gegenwärtigen entscheidenden Stadium des Krieges verlangt von jedem SS-Angehörigen und Gefolgschaftsmitglied unbedingte Gewissenhaftigkeit und Disziplin bei der Behandlung aller geheimzuhaltenden Vorgänge und Gegenstände.
Der Erziehung zu dieser Disziplin dient die sogenannte "Pst"-Aktion, die im Rahmen einer Warnwoche am 16.10.1944 beginnt. Allen Einheiten, Dienststellen und Abteilungen gehen hierfür Warnmittel zu, die in folgender Weise anzubringen sind:
a) die großen und mittleren Warnmittel an gut sichtbaren, ins Auge springenden Stellen der SS-eigenen Dienst- und Arbeitsräume, Hallen, Flure, Kantinen, Frisierstuben usw.

אַ פֿראַגמענט פֿונעם גאַרניזאָן־באַפֿעל נ׳ 26/44 פֿון 12טן אָקטאָבער 1944, אין וועלכן עס זענען אויסגערעכנט די נעמען פֿון די דרײַ ס.ס.־מענער וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן בעת דעם אויפֿשטאַנד פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

נישט געקוקט אויפן שרעקלעכן טעראָר איז דאָך געלונגען עטלעכע אויפשטענדלער זיך אויסצובאַהאַלטן אויפן שטח פון בירקענאַו גופא. צוו. אַ. אין „קאַנאַדע״. דאָ האָבן זיך פאַרשטעקט עטלעכע אונגאַרישע און האָ־לענדישע ייִדן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און זענען לעת עתּה ניצול געוואָרן [25].

מיטן אויפשטאַנד האָבן אָנגעפירט די שוין דורך אונדז דערמאָנטע קעמ־פער זלמן גראַדאָווסקי, יאַנקל האַנדעלסמאַן, יאָסל וואַרשאַווסקי און „חבר סיאָמאַ״ [26]. פון צווישן די העלדישע געפאַלענע אויפשטענדלער ווערן אויס־גערעכנט ייִדן פון טשעכאַנאָוו: יוקל ווּרובעל (ווראָנאַ), שמעון אַלטוס [27]; פון לאָמזשע: לייב הערשקע, פּאַניטש, אײַזיק קאַלניאַק, כאַסקל ריבאַק, משה בוראַק, משה סאַבאַטקאָ און א. ווראָנאַ [28]; פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק: טוביה סעגאַל, לייבל כּ״ץ, וולאַדעק פרענקעל, ישׂראל לעווקאָוויטש, משה פוקס, יוסף לידווינאָוויטש, וועלוול פוקס, „בעטשקאַ״, מאיר פּיעקאַרטשיק, בערקאָ טאָפּער, איינער פון די אַקטיוויסטן פון ווידערשטאַנד, הערשל קורניץ, וועלכער האָט אַרויסגעריסן פון אַן ס.ס.־מאַן דאָס געווער און אָנגעהויבן שיסן אין די ס.ס.־מענער [29]; און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך — פון בענדין: בענעק פערשטענפעלד, צוויי ברידער צימערקנאָפּ, דוד גוט־מאַן, הענעך זיכער, גאָלדבערג פון סאָסנאָוויץ, אַ געוועזענער טוער פון פּועלי־ציון—צ.ס.־באַוועגונג אין זאַגלעמביע, טוביה קאַלמאַנאָוויטש, דב זעלמאַנאָוויטש. איבערגעלעבט האָבן: ישעיה ארליך, וועלכער לויט דער אינפאָרמאַציע פון דוד ליווער, איז געוועזן אַ מיטגליד פון אויפשטאַנד־קאָ־מיטעט און משה וויגאַנסקי, וועלכער איז געפאַלן אין יאָר 1948 אין די קאַמפן מיט די אַראַבער אין גוש עציון [30]; פון וויסאָקע־מאַזאָוויעצק — חיים שבלא, הערשל קרופּינסקי, זלמן (זײַן פאַמיליען־נאָמען נישט באַ־קאַנט).

נישט אַלע אויפשטענדלער זענען געפאַלן אין קאַמף. אייניקע, וואָס האָבן לעת עתּה איבערגעלעבט, האָט די פּאָליטישע אָפּטיילונג אין לויף פון דער אויספאָרשונג אַרעסטירט דעם 10טן אָקטאָבער און אַרײַנגעזעצט אין בונקער פון דעם גרויזאַמען בלאָק 11, בתּוכם יאַנקל האַנדעלסמאַן [31], וועלכן מ׳האָט דאָ דערשאָסן, ווּרובעלן און נאָך 12 אַנדערע, וועלכע מען האָט וואַר־שײַנלעך אויך דאָ אומגעבראַכט.

פאַר דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט די

העכסטע ס.ס.־אָנפירונג באַלוינט פינף ספּעציעל פאַרדינסטפולע ס.ס.־לײַט מיט אײַזערנע קרייצן. בעת דער צערעמאָניע האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט ריכאַרד באַער דערקלערט, אַז דאָס איז דער ערשטער פאַל, ווען פשוטע מאַנשאַפט־מיטגלידער פון אוישוויץ זאָלן דורך דעם רײַכספירער הימלער באַלוינט ווערן מיט די העכסטע אויסצייכענונגען[32]. דאָס זאָגט עדות, אַז דער בונט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז געווען פאַר דער לאַגער־אָנפירונג און פאַר דער ס.ס.־מאַנשאַפט אַ גאָר שווערע איבערלעבונג, אַן ערנסטער מעמענטאָ.

אַ באַזונדערס גרויסע איבערלעבונג זענען די געשעענישן געווען פאַר דער גרויסער אסירים־מאַסע, בפרט פאַר די ייִדן, אָבער אויך פאַר נישט ייִדן, אויף וועלכע דער העלדישער קאַמף פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם.

אָט ווי עס שילדערט דעם רושם די פּוילישע בירקענאַו־אַרעסטאַנטין זאָפיאַ קאָסאָקעוויטש אין אירע זכרונות:

„מיר האָבן זיך געפונען אויף אַרבעט אין „קאַנאַדע". די הויפּט־קאַפּאָ איז דאָ געווען אַן אונגאַרישע ייִדישע, מאַנדי, און די קאַפּאָ פון אונדזער גרופּע — אַ דײַטשקע מאַנדאַ, אַן „אַריערין". בעת דעם מיטאָג זענען אויסגעבראָכן פּלוצים געוואַלדיקע מענערישע געשרייען. די רוסין זאָיאַ פאַלט אַרײַן אין באַראַק מיטן געשריי: „קרעמאַטאָריום גאָריט!" (די קרעמאַטאָריע ברענט)". די ס.ס.־לײַט האָבן תיכף ומיד אַרומגעשטעלט דעם באַראַק און מען טאָר נישט אַרויסגיין. דער רויך פון ברענענדיקן קרעמאַטאָריום רײַסט זיך אַרײַן אין באַראַק, אָבער דער דאָזיקער רויך איז אָנגענעמער, ער שמעקט אונדז ממש. עס איז פשוט אַ יום הדין. עס רוישן עראָפּלאַנען און מאָטאָרן, געשרייען און שיסערײַען. מיר הערן אַ געזאַנג. די זאָנדער־קאָמאַנדאָ זינגט הילכיק אַ הימען אין העברעיִש. די שיסערײַען שטעלן זיך אָפּ. די ייִדישע אַרעסטאַנטקעס, הערנדיק דאָס געזאַנג, שטעלן זיך אַלע אויף אַכטונג און זינגען מיט. די ס.ס.־לײַט שרײַען: רויִק, רויִק! און אונדזערע קאַפּאָס שטייען פּונקט ווי מיר אויף אַכטונג. אָבער מיר האַלטן די קעפּ אין דער הייך און זיי — אַראָפּגעלאָזט. דערנאָך זענען ווידער אויסגעבראָכן די קאַמפן. מיט אַ מאָל הערט מען שיסערײַען אויך פון קרעמאַטאָריום 2. צוזאַמען מיט זאָיען קריך איך אַרויף אויפן בוידעם, מיר רײַסן אַראָפּ די פּאַפּע און זעען, ווי אַלע ס.ס.־לײַט לויפן צום קרעמאַטאָ־

ריום 2 און דאָס אַנדערע קרעמאַטאָריום ברענט. דאָס פײַער רײַסט זיך אַרויס פון דעם גאַזקאַמער. און אַ מינוט שפּעטער איז אײַנגעפאַלן דער דאַך. צי קאָן זײַן אַ גרעסערע סאַטיספאַקציע ווי צו זען, ווי די באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס ס.ס.־לײַט לויפן אַרום מטורפע און ווערן באַשאָסן דורך די פאַרשטעקטע ייִדישע זאָנדער־לײַט... סוף כּל סוף איז אַראָפּגעפאַלן דער קוימען פון קרעמאַטאָריום[33]".

„פון איצט אָן — דערמאָנט זיך אַ געווו. ייִדישער אסיר פון אוישוויץ — האָבן די דײַטשן נאָך ערגער געשלאָגן די ייִדן ווי פריִער, אָבער זיי האָבן זיך שוין נישט געפילט אַזוי זיכער, אַזוי תּקיפיש"[34].

די טשעכישע ייִדן קראַוס און קולקאַ שטרײַכן אונטער, אַז די 200 ייִדן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר דער פרײַהייט פון דער מענטשהייט[35].

דער דײַטשישער ייִד ברונאָ באַום כאַראַקטעריזירט דעם ייִדישן אויפשטאַנד מיט די העכסטע לויב־ווערטער. ער שרײַבט:

„דער מוטיקער טויט פון די קעמפער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, שוין אָפּגערעדט פון זײַן סימבאָלישן באַטײַט... האָט באַוויזן, אַז ייִדן קאָנען קעמפן". ווײַטער שטרײַכט ער אונטער, אַז דער קאַמף פון די ייִדישע אַסירים האָט געהויבן די חשיבות פון די ייִדן אין לאַגער אין די אויגן פון די אסירים פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. באַום דריקט אויס די מיינונג, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער צוזאַמענאַרבעט פון די ייִדישע און נישט־ייִדישע אסירים[36], וואָס איז נישט אין גאַנצן ריכטיק, ווי מיר האָבן עס געזען פריִער. אַזאַ אויטאָריטאַטיווער עדות, ווי טאַדעוש האָלוי, שטרײַכט אונטער, אַז קיינער איז אין מאָמענט פון אויפשטאַנד נישט געקומען צו הילף די זאָנדער־קאָמאַנדאָ־אויפשטענדלער. די אָנפירונג פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ 1 בראָש מיט יוזעף ציראַנקיעוויטש, האָט געשיקט תּיכף אַ קורצן אויפרוף מחוץ דעם לאַגער מיט אַן אַפּעל צו זײַן גרייט מיט הילף פאַר די ייִדישע אסירים, וואָס קאָנען זיך אַרויסרײַסן פונעם לאַגער און צווישן וועלכע עס זענען פאַראַן בירגער פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס קענען נישט די לאַנד־שפּראַך[37].

דער אויפשטאַנד און דאָס אויפרײַסן די קרעמאַטאָריע האָט leider נישט אָפּגעשטעלט די דײַטשישע מאָרד־מאַשין.

ביזן לעצטן מאָמענט פון דער עוואַקואַציע, אין אָנגעזיכט פון פאַרויס־

שפּאַנענדיקן סאָוויעטישן מיליטער האָבן די ס. ס.־לײַט נאָך אַלץ געמאָר־דעט ייִדן, אַרויסגעשלעפּט ייִדישע מענער און פרויען פון די באַראַקן און זיי געשאָסן.

דעם 14טן אָקטאָבער 1944 האָבן די ס. ס.־לײַט פונאַנדערגענומען די ווענט פון דעם אויסגעבערענטן בעתן אויפשטאַנד קרעמאַטאָריום 4. דעם 28סטן נאָוועמבער 1944 האָט הימלער, אין אַנבליק פון דער פולשטענ־דיקער מפּלה, פאַראָרדנט צו צעשטערן אַלע קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן. דעם 20סטן יאַנואַר 1945 האָט די ס. ס. אויפגעריסן די קרעמאַ־טאָריעס 2 און 3. מיט אַ צײַט פריִער זענען די אײַנריכטונגען פון די קרעמאַטאָריעס עוואַקויִרט געוואָרן קיין גראָסראָזען.

די עדות פון דעם גרויל־פאַרברעכן זענען געוואָרן ליקווידירט פריִער. עס איז בלויז געבליבן אַ קליינע גרופּע פון זאָנדער־לײַט אין דער צאָל פון 30 פּערזאָן, וועלכע דער בלאָק־עלטסטער האָט אויסגע־קויפט לעת עתּה בײַ די ס. ס.־פאַרברעכער פאַר אַ ריזיקע סומע פון געלט, גאָלד און צירונג[38]. אָבער עס קאָן זײַן, אַז אויך די גרופּע וואָלט אומ־געקומען. אָבער אין דער סומאַטאָכע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין לעצטן עוואַקואַציע־מאָמענט דעם 18טן יאַנואַר 1945 האָבן די מענטשן אויס־גענוצט די געלעגנהייט און זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער מאַסע פון 1500 עוואַקויִרטע. אויפן וועג זענען עטלעכע זאָנדער־לײַט אַנטלאָפן, בתוכם שלמה דראַגאָן, וועלכן עס איז באַשערט געווען אויפצוטרעטן שפּעטער, נאָך דער באַפרײַונג, אַלס עדות אויפן פּראָצעס קעגן די רוצחים פון אוישוויץ, וואָס איז פאָרגעקומען פאַרן פּוילישן נאַציאָנאַלן טריבונאַל אין קראָקע.

חוץ דראַגאָנען האָבן איבערלעבט נאָך עטלעכע געציילטע עדות פון רציחה־גרויל.

אייניקע פון זיי וווינען איצט אין פּוילן, אין מדינת ישראל — בערל סאָקאָל, פיליפּ מילער, דוב פּייסאַקאָוויטש, יאַנקל זילבערבערג, מילטאָן בוקי א. א.; אין פראַנקרײַך — אַלטער פײַנזילבער; אין פאַראייניקטע שטאַטן — ישעיה ארליך; אין אויסטראַליע — יידל טאָפּער. וועגן אַנדערע האָבן מיר נישט קיין ידיעות.

אין דער סאַמע לעצטער צײַט האָבן די דײַטשן באַוויזן צו דער־הרגענען אויך אַ גרופּע העלדישע ייִדישע מיידלעך, וואָס האָבן געהאָלפן די קעמפער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ מיט אַמוניציע און אויפרײַס־שטאָף.

הערות צום קאַפּיטל דרייצן

1) קראַוס און קולקאַ, ז' 232—231; ג"ע פון ד. שמולעווסקי, אַרכ. ב. מאַרק. ג"ע פון פּייסיקוביץ דב, יד ושם פּ־1603/152, ז' 8. ג"ע פון מילטון בוקי און פון פיליפּ מיללער, זע: לאַנגביין: דער אויש־וויץ פּראָצעס, ז' 96, 131.

2) ג"ע פון עמנואל מינק.

3) קראַוס און קולקאַ, ז' 234; שפּילסקי, ז' 45.

4) זע: זלמן לעווענטאַל, פאַרצייכענונגען.

5) באַום, ז' 74—75; משה קולקאַ: טשעכאָסלאָוואַקער יידן אין ווידערשטאַנד־קאַמף אין אוישוויץ, ספר צח'נוב, תל אביב 1962, ז' 386.

6) משה קולקאַ, דאָרטן.

Raja Kagan: Die letzten Opfer des Widerstandes in Auschwitz. Zeugnisse und Berichte, s. 284.

7) ג"ע פון דוד ווישניאַ, געוו. מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, אַרכ. ב. מאַרק.

8) ג"ע פון ע. מינק און ד. שמולעווסקי, אַרכ. ב. מאַרק. משה קולקאַ, ד.צ.וו., ז' 386.

9) Miklós Nyiszli: Pracownia doktora Mengele (Wspomnienia lekarza Oświęcimia). Czytelnik. Warszawa 1966, s. 119.

ס'איז ציטירט די פּוילישע איבערזעצונג פון אָריגינאַל אין אונגאַריש: Orvos voltan Auschwitzban.

10) „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן ג. 7/1963, נאָטיץ פון 7טן אָקטאָבער 1944.

11) „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן ב' 7/1963, ז' 87, נאָטיץ פון סעפּטעמבער 1944.

12) יצחק קאַבעלי: די יידן אין גריכישן ווידערשטאַנד. ב. 37 ייוואָ בלעטער, 1953, ז' 211—212.

13) נ. ה. קאַן: אַ באַגעגעניש מיט אָפּגעראַטעוועטע יידן פון גריכנלאַנד, „אייני־קייט", נ' (100) 48, 29.5.1945, ז' 3.

14) „קאַלענדאַר", נאָטיץ פון 7טן אָקטאָבער 1944.

15) דער דיין פאַרצייכנט, אַז אין יענעם טאָג, ד. ה. דעם 7.10.1944 האָט מען דערשאָסן 460 מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

16) באַום, ז' 74.

17) קראַוס און קולקאַ, ז' 234.

18) „קאַלענדאַר", נאָטיץ פון 7טן אָקט. 1942; קראַוס און קולקאַ, ז' 233—234. ג"ע פון הענריק מאַנדעלבאַום: אין די אַקטן פון פּראָצעס פון די געוועזענע מיטגלידער פון ס.ס.־גאַרניזאָן פון דעם קאָנצלאַגער אוישוויץ־בירקענאַו. אַרכ. פון דער הויפּט־קאָמידיע צום פאָרשן די היטלערישע פאַרברעכנס אין פּוילן. ט. 26, ז' 155—149.

19) פּערי בראָאַד, ז' 45; ג"ע פון מילטון בוקי ביי לאַנגביין; דער אוישוויץ־פּראָצעס, ז' 130.

20) פייסיקאָוויטש באַצייכנט די קרעמאַטאָריע מיטן נומער 2.

21) ג"ע פון דוב פייסיקאָוויטש בײַ פּאָליאַקאָוון, ז' 167—168. זע הערה נ' 20.

22) ג"ע פון ע. מינק.
ג"ע פון סאָניע גאָלדמאַן, אַרכ. ב. מאַרק.

23) באָום, ז' 75.

24. דזשובינסקאַ, ז' 176, לויט געוויסע עדות (מאַנדעלבאַום) זענען געפאַלן 5 ס.ס.־לײַט.
„קאַלענדאַר", נאָטיץ פון 7טן אָקטאָבער 1944.

25) ג"ע פון קאָסאַקעוויטש.
משה קולקאַ, ד.צ.וו., ז' 387.

26) שפּילסקי, ז' 45.
דער פאַרהער פון „בערגער" פון 13טן אויגוסט 1945, אַרכ. פון א.פּ.ג. אויס־געטיילטע מאַטעריאַלן.

27) משה קולקאַ: ד.צ.וו., טשעכאָסלאָוואַקישע ייִדן אין ווידערשטאַנד־קאַמף אין אָש־וויעטשים, ספר צ'חנוב, ז' 387.

28) זע: זײַט 420.
ג"ע פון העלענאַ שפּראַצער, אַרכ. ב. מאַרק.

29) מרדכי ציעכאַנאָווער: איבער בלוטיקע וועגן; זע: מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, יזכור־בוך, תּל־אביב 1969, ז' 333.
אידה כּץ־בעער גאַרפינקעל: מאַקאָווער יוגנטלעכע אין אוישוויץ, מאַקאָוו־מאַז. יזכור־בוך, ז, 295.
שמואל טאָוב: אין יזכור־בוך מאַקאָוו־מאַז. ז' 289.

30) דוד ליוועך: בענדינער אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין טויט־לאַגער אוישוויץ, פּנקס בנדין, תּל־אביב 1972, „המנורה", ז' 461.
מ. האַמפּעל: דער אומקום פון זאַגלעמביער ייִדישן ייִשוב אויפן אייכמאַן־פּראָצעס, אין פּנקס זאַגלעמביע, תּל־אביב 1972, „המנורה", ז' 461.

31) ג"ע פון ע. מינק.
זע: זײַט 420.
„קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן נ' 7/1963, ז' 94.

32) בראָאַד, ז' 45.

33) ג"ע פון קאָסאַקעוויטש, ז' 134—130.

34) ג"ע פון קדיש גאָלדבערג.

35) קראַוס און קולקאַ, ז' 234.

36) באָום, ז' 77.

37) קראַוס און קולקאַ, ז' 235.

38) ג"ע פון ד. שמולעווסקי.

קאַפּיטל פערצן

יידישע מיידלעך — די העלדינס פון אוישוויצער ווידערשטאַנד

אין דעם פּלאַן פון אויפרייַסן די קרעמאַטאָריעס ווי אַ סיגנאַל צום אויפשטאַנד איז אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל באַשטימט געוואָרן פאַר דער ווידערשטאַנד־גרופּע פון יידישע מיידלעך, וואָס איז געווען טעטיק אויפן געביט פון דעם פּולווער־פּראָדוקציע־פּאַוויליאָן פון דער פאַבריק „אוניאָן" אינעם לאַגער.

אין דער פאַבריק האָט מען פּראָדוצירט אָנצינדערס צו אַרטילערישע סנאַריאַדן און מחמת אַט דער קריגס־וויכטיקער פּראָדוקציע האָבן די דייַטשן שטאַרק איזאָלירט די פאַבריק און אַרומגערינגלט די דאָרטיקע שקלאַפן־אַרבעטער מיט אַ פּילפאַכיקער שמירה. אין דעם פאַרלעצטן עטאַפּ פון דער מלחמה, נאָך דעם ווי אַ סך פאַבריקן אין דייַטשלאַנד זענען באָמבאַרדירט געוואָרן, האָבן די דייַטשישע מאַכטהאָבער נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט לאָזן אַ טייל יידישע לאַגער־אסירים לעת עתה לעבן, אויסנוצנדיק זייער שקלאַפן־אַרבעט אין די פאַבריקן און בתוכם אין „אוניאָן", ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט ס'רוב יידישע מיידלעך און אויך אַ ביסל מענער. אין דעם פּולווער־פּאַוויליאָן, וואָס איז געווען שטאַרקער איזאָלירט ווי די אַנדערע אָפּטיילן, האָבן געאַרבעט בלויז יידישע מיידלעך [1].

אויפן געביט פון דעם פּולווער־פּאַוויליאָן האָט זיך געפונען אַ ווידער־שטאַנד־גרופּע, צו וועלכע ס'האָבן צוו. אַ. געהערט דאָס יידישע מיידל פון בעלגיע (אַן אָפּשטאַמיקע פון פּוילן, פון בענדין) אַלאַ גערטנער, די אַרבעטער־טוערין פון ווילנע און וואַרשע פייגע סעגאַל (איצט פינ־קעלשטיין), דאָס יידישע מיידל פון פּוילן מאַלאַ ווייַנשטיין, רחל שוואַרץ קלאַרמאַן, ראָזאַליאַ לאַנגזאַם (איצט סילבערבערג) לוסיאַ פירסטענבערג און הדסה זלאָטניצקאַ (איצט טעלמאַן), אַ געוועזענע קעמפערין פון וואַרשע־ווער געטאָ, אַ פאַרבינדלערין פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „דרור" און העניאַ האַס (פון בעלגיע) א.אַ.

עס האָבן דאָ אויך געאַרבעט מיידלעך דעפּאָרטירטע פון טשעכאַנאָווער געטאָ, מיט זיי האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט דאָס טשעכאַנאָווער מיידל רוזשאַ ראָבאָטאַ, וועלכע איז געווען באַשעפטיקט אין דער באַקליידונגס־קאַמער, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות מיטן שטח פון קרעמאַטאָריום 4.

רוזשאַ ראָבאָטאַ האָט געשטאַמט פון טשעכאַנאָוו, ווו זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1921 ביי באַלעבאַטישע עלטערן. זי האָט געענדיקט אַן אַלגעמיינע פאָלקס־שול און צו 16 יאָר אַריינגעטראָטן אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון „השומר הצעיר". אין געטאָ האָט זי געהערט צו אַן אונטערערדישער קאַמפּס־גרופּע און געפּלאַנט אַנטיהיטלעריסטישע אַקציעס. די טשעכאַנאָווער עדה איז אָבער פרי געפאַלן אַ קרבן פון גירוש, און רוזשאַ האָט זיך געפונען אין אוישוויץ שוין אין נאָוועמבער 1942. זי האָט פאַרלאָרן די עלטערן און די גאַנצע משפחה. בלייבנדיק טריי זיך אַליין האָט זי אין דער באַקליידונגס־קאָמאַנדאָ אָרגאַניזירט אַ ווידערשטאַנד־גרופּע און אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דער בירקענאַווער אונטערערד און מיט די ווידערשטאַנד־אַקטיוויסטן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ [2]. רוזשאַ ראָבאָטאַס גרופּע האָט צוזאַמען מיט דער גרופּע פון „אוניאָן" געפירט אַ טעטיקייט אויפן געביט פון זאַמלען ראַדיאָ־ידיעות און קאָלפּאָרטירן זיי צווישן די מענטשן. זיי האָבן אויך געפירט אַ הילפס־אַקציע. דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות, ווייל די ס. ס.ישע וואַכלייט פון דער „אוניאָן"־פאַבריק האָבן שטרענג געהיט די מיידלעך אַז זיי זאָלן צווישן זיך נישט פירן קיין שמועסן [3].

ווען די זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט גענומען ענערגיש זיך גרייטן צום אַרויסטריט, איז אויפגעקומען דער געדאַנק, מען זאָל אויסנוצן די מיידלעך פון דעם פולווער־פּאַוויליאָן און אַרויסבאַקומען דורך זיי אויפרייס־שטאָף אָנצולאָדן די אייגן פּראָדוצירטע גראַנאַטן און אויפרייס־באָמבעס. די מיידלעך האָבן זיך לאַנג געקווענקלט מחמת דעם שרעקלעכן ס. ס.־טעראָר. לסוף איז געלונגען דער ווידערשטענדלערין אַלאַ גערטנער צוצוציִען די מיידלעך רעגינאַ סאַפּיר (סאַפּירשטיין) און אסתר ווייסבלום, איר שוועסטער חנהלע ווייסבלום. עס זענען אין דער אַקציע געווען אַנגאַזשירט אויך פייגע סעגאַל, מאַלאַ וויינשטיין און אַנדערע. אַזוי אַרום האָבן די מיידלעך גענומען אַרויסגנבענען געוויסע סכומים פולווער און עס אַרויסגעטראָגן אין די מיטאָג־מענאַשקעס, אין וועלכע מען האָט איינמאָנטירט אַ צווייפאַ־

ראָזאַ ראַבאָטאַ

כיקן דנאָ און אויך אין די קניפלעך פון טיכלעך אויף די קעפּ. ווי אויך אין די פאַלדן פון די קליידער און אויף אַנדערע אופנים [4]. די פּעקלעך פּולווער פלעגן איבערנעמען רוזשאַ ראָבאָטאַ און הדסה זלאָטניצקאַ. פון זיי פלעגט דער מאַטעריאַל אַריבערגיין צום אסיר גאָדל זילבער פון טשע־כאַנאָוו און פון דעם — צום מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ יוקל וורובעל (וורונאַ). די פאַרבינדלער בײַם איבערנעמען פון די מיידלעך דעם פּראָך זענען אויך געווען ישראל גוטמאַן און יהודה לאַופער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין „אוניאַן". דעם פּולווער פלעגט מען איבערגעבן די סאָוויעטישע פּיראָטעכניקער מיט פּילאָטאָוון בראש, וועלכע האָבן, ווי שוין געזאָגט, קאָנסטרויִרט אין די קאָנסערוון־פּושקעס אויפרײַס־מאַ־טעריאַל [5].

די באָמבעס האָבן די זאָנדער־לײַט באַגראָבן אין פאַרשיידענע ער־טער און ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד האָבן זיי זיך מיט אָט דעם מאַטעריאַל באַנוצט, כדי אויפצורײַסן די קרעמאַטאָריעס.

נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד האָבן די ס. ס.ישע אויספאָרשער, וואַרשײַנלעך, געפונען אויפן קאָמפּס־שטח שפּורן פון דעם פּולווער און לײַכט דערגאַנגען פון וואַנען ער שטאַמט. זיי האָבן זיך גלײַך געוואָרפן מיט חשדים אויפן פּולווער־פּאַוויליאָן פון דער „אוניאַן"־פאַבריק.

אין צוויי טעג אַרום, דעם 9טן אָקטאָבער 1944, האָט די פּאָליטישע אָפּטיילונג אַרעסטירט דרײַ מיידלעך: אַלאַ גערטנער, רעגינאַ סאַפּיר און אסתר ווײַסבלום [6]. עד היום איז נישט באַקאַנט, הלמאַי דער חשד פון די דײַטשן איז געפאַלן אויף די דרײַ מיידלעך. אַז די פּאָליטישע אָפּטיי־לונג האָט נאָך דעמלט נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דער אמתער שולד פון די דרײַ מיידלעך און בכלל וועגן די פעדעם פון דער קאָנספּיראַציע פון „אוניאַן" מיט אַנדערע קאָמאַנדאָס, זאָגט עדות דער פאַקט, אַז די אויס־פאָרשער האָבן געמוזט בקרוב אַלע דרײַ אַרעסטאַנטקעס אַרויסלאָזן. זיי האָבן מסתמא געהאָפט, אַז מען וועט נאָכשפּירן די מיידלעך און זען מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן, וואָרום די מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן שטאַרק, געלייקנט שטיין אוןביין און קיינעם נישט אויסגעגעבן.

די דײַטשן זענען אָבער געווען איבערצײַגט, אַז דער פּולווער שטאַמט פון „אוניאַן". דער ענין איז געווען אַ דרינגנדיקער, וואָרום עס האָט זיך מיט אים אָפּגעגעבן פאַראינטערעסירט הימלער אַליין. די פּאָליטישע אָפּטיילונג

האָט אַרײַנגעשיקט אין „אוניאָן" אַ פּראָוואָקאַטאָר, דעם געוועזענעם קאָמו־ניסט, דעם האַלב־ייִד פון סלאָוואַקיע אײַגען קאַך, וועלכער האָט פאַר־פירט שמועסן מיט די מיידלעך און אָבסערווירט מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן. עס האָט אים געהאָלפן אַ צווייטער פּראָוואָקאַטאָר שולץ[7].

עס רופט אַרויס גרויס באַוואָרעניש די מיינונג פון געוויסע עדות, אַז בכן איינע פון די מיידלעך, אַלאַ, האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון קאָכס שיינע ריידלעך און אים עפּעס אויסגעזאָגט, אָדער אַז די שפּיצלען האָבן אי־בערגענומען אירס אַ בריוועלע צו אַ חברטע, ווו זי זאָל האָבן געמאַכט אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש וועגן דעם אָנטייל אין באַזאָרגן דעם פּולווער. עס קאָן זײַן, אַז די טאָג־טעגלעכע אָבסערוואַציעס פון קאָך און שולץ האָבן גורם געווען, אַז מען האָט ווידער אַרעסטירט אַלאַ גערטנער און איר אָנ־געטאָן גרויזאַמע עינויים ביז זי האָט זיך, אַפּנים, אײַנגעבראָכן און אָנגע־רופן עטלעכע נעמען.

אָבער נאָך מער וואַרשײַנלעך איז די מיינונג פון געוויסע עדות, אַז אין צווייטן אַרעסט פון די מיידלעך האָט געשטעקט די האַנט, אָדער בעסער געזאָגט, די צונג פון אַ געוויסן מיידל פון „אוניאָן", וואָס איר נאָמען איז לעת עתה אונדז נישט באַקאַנט.

אין רעזולטאַט האָט די פּאָליטישע אָפּטיילונג ווידער אַ מאָל אַרעס־טירט רעגינאַ סאַפּיר און אסתּר ווײַסבלום און אויך רוזשאַ ראָבאָטאַ. אַלע פיר מיידלעך זענען אײַנגעזעצט געוואָרן אין בונקער אין דעם טרוי־עריק באַרימטן בלאָק ב׳ 11 אין אוישוויץ 1. מען האָט זיי געפּײַניקט בעת די אויספאָרשונגען אויף אַ גרויזאַמען אופן און דאָך האָט זיך קיין איינע פון זיי נישט אײַנגעבראָכן, אויך נישט אַלאַ גערטנער, און אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט פון טויט אַלע חברטעס און חברים, די אַנגאַזשירטע אין דעם ענין. מיט זייער יונגן לעבן זענען זיי געווען אָפּלייזער פאַר אַלע אַנדערע.

די ווידערשטאַנד־באַוועגונג און די נאָענטסטע פרײַנד פון די פיר מאַרטירערינס האָבן געוווּסט דעם גרויזאַמען אמת, אָבער גאָרנישט גע־קאָנט העלפן. מען האָט געפּרוּווט אונטערוואַרפן זיי אַ ביסל עסן און וועש. אַדאַנק דער הילף פון דעם בונקער־קאַפּאָ יעקב קאָזשעלטשיק, וועלכער האָט זיך אין דעם פאַל אַרויסגעוויזן פאַר זייער מענטשלעך און סאָלידאַר[8]. מען האָט אויך געפּרוּווט איבערקויפן די ס. ס.־לײַט, אָבער די

אָנשטרענגונג איז געווען בחינם. בלויז דער ווידערשטאַנד־גרופּע פון די טשעכאָנאָווער ייִדן איז געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיטן קאַפּאָ פון דעם תּפיסה־בלאָק 11, יאַנקל קאָזשעלטשיק, און רירן זייַן האַרץ, און דער דאָזיקער קאַפּאָ איז מסכּים געווען אָנצושיכּורן דעם דיזשורנעם ס. ס.־מאַן און אים אַזוי אַרום אייַנשלעפערן און אַרייַנלאָזן בייַ נאַכט אין דעם קאַמער, וווּ עס איז געלעגן די צעמזיקטע און פאַרווונדעטע רוזשאַ ראַבאַטאַ, דעם פאָרשטייער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, דעם טשעכאַנאָווער ייִד נח זאַבלודאָוויטש. און אָט וואָס דער לעצטער דערציילט וועגן זייַן באַזוך אין דעם קאַמער און דעם לעצטן שמועס מיט דער העלדין:

קאָזשעלטשיק האָט אים אין אָוונט פאַרגעשטעלט פאַרן דיזשורנעם ס. ס.־מאַן ווי אַ גוטן באַקאַנטן. זאַבלודאָוויטש האָט געבראַכט אַ פלאַש בראָנפן מיט קאָלבאַס. מען האָט אָנגעשיכּורט דעם ס.ס.־מאַן. דעמלט האָט אים קאָזשעלטשיק אָוועקגעפירט אין דער צעלע און פאַרמאַכט פון דרויסן דעם קאַמער. נח זאַבלודאָוויטש האָט קוים דערקענט זייַן בת עיר. איר פּנים איז געווען מאַסאַקרירט. זי האָט אים דערציילט וועגן די סאַדיסטישע מעטאָדן פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג. עס איז זייער שווער אויסצוהאַלטן. אָבער זי האָט קיינעם נישט אויסגעגעבן. זי האָט נישט געוואָלט הערן פון זאַבלודאָוויטשן קיין שום טרייסט־ווערטער. „איך ווייס, וואָס איך האָב געטאָן — האָט זי געזאָגט — און איך ווייס אויך, וואָס עס דערוואַרט מיר. זאָלן די חברים ממשיך זייַן די אַרבעט" [9]. רוזשאַ האָט זיך אויפגעפירט אָן שום פּאַטאָס. זי האָט אויפגענומען איר גורל ווי אַ נאַרמאַלע זאַך, מיטן פולן באַוווּסטזייַן און גלויבן.

וועגן דעם, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט די צוויי אַנדערע מיידלעך, זענען נישט פאַראַן קיין ידיעות. עס איז אָבער באַוווּסט, אַז אַלע פיר זענען געגאַנגען מוטיק און העלדיש צום טויט. מען האָט אויפגעהאָנגען צוויי בייַ טאָג און צוויי בייַ נאַכט. ביז דער לעצטער רגע האָבן זיי נישט אויסגעגעבן קיין איינער און קיין איינעם פון זייערע חברטעס און חברים.

די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען דעם 6טן יאַנואַר 1945 [10], כּמעט אויפן שוועל פון דער באַפרייַונג.

און אָט ווי דרייַ עדי ראיה, ייִדישע פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער „וניאָן"־פאַבריק, שילדערן דעם העלדישן אויפטו און מאַרטירערישן טויט פון די פיר טרייַע טעכטער פון ייִדישן פאָלק.

אָט איז די באַשרײַבונג פון פייגע סעגאַל:[11]

„די פיר, וועלכע מען האָט געהאָנגען! (פּערזענלעכע זכרונות).

אין אָקטאָבער 1944 האָט די „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" אין בירקענאַו אויפגעריסן איינעם פון די קרעמאַטאָריומס. אונדזער אַלעמענס פרייד איז געווען שטאַרקער ווי דער נאַצישער צאָרן. ספּעציעל פאַר אונדזער גרופּע פרויען, וועלכע האָט געשמוגלט פּולווער פון דער אַמוניציע־פאַבריק „אוניאָן" און מיר האָבן דאָ געזען רעזולטאַטן פון אונדזער ריזיקאַלישער אַרבעט.

כמעט אַלע פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" זענען אומגעקומען אין דעם נישט גלײַכן קאַמף מיט די נאַציס.

נעבן אויפגעריסענעם קרעמאַטאָריום האָבן די דײַטשן געפונען „קענס" מיט פּולווער. נאָכן אונטערזוכן דעם פּולווער, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז דאָס קומט פון דער „אוניאָן"־פאַבריק. מען האָט באַלד אַרעסטירט אסתרן מיט רעגינאַן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער פּולווער־אָפּטיילונג, ווי אויסער זיי צוויי, האָט קיינער קיין צוטריט נישט געהאַט. זיי ביידע האָבן טאַקע צוגעשטעלט דעם פּולווער צו אונדז. דרײַ וואָכן האָט מען די צוויי מיידלעך געפּײַניקט. זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ שרעקלעכע אינקוויזיציע. מיט דעם גרעסטן מסירת נפש האָבן זיי אויסגעליטן די אַלע שוידערלעכע פּײַניקונגען און ווי שטאָלצע ריזן, אין זייער באַוווסטזײַן, אײַנגעהיט דעם סוד און קיינעם נישט אויסגעגעבן. מען האָט זיי באַפרײַט. מיט נישט קיין געבראָכענעם מאָראַל זענען זיי צוריק געקומען.

מיט זייער באַפרײַונג, אָבער, האָט זיך נישט פאַרענדיקט די אויספאָרשונג פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אין לאַגער. זיי האָבן אַרײַנגעשיקט צו אונדז אין פאַבריק זייערן אַ מענטש, וועלכער איז געווען פון די סלאָוואַקישע טראַנספּאָרטן.

ער האָט זיך באַפרײַנדעט מיט אַלאַ גערטנער, געוואונען איר פולשטענדיקן צוטרוי און ער האָט באַוויזן פון איר אַרויסצוקריגן וויכטיקע אינפאָרמאַציעס. (אַלאַ גערטנער איז געווען די, וועלכע האָט צוגעצויגן צו דער אונטערגרונט־אַרבעט אסתרן מיט רעגינאַן) די פרײַנדשאַפט פון אַלאַ גערטנער מיט פעפיק, דעם נאַצישן מיטאַרבעטער, האָט זיך פאַרענדיקט מיט איר אַרעסט.

אַלאַ האָט אָבער מער ווי עטלעכע טעג אינקוויזיציע נישט אויסגעהאַלטן און האָט אַרויסגעגעבן דעם סוד, אַז אסתר מיט רעגינאַן זענען עס די צושטעלער פונעם פּולווער און רוזשאַ ראָבאָטאַ — די אָפּנעמערין. רוזשאַ ראָבאָטאַ האָט געאַרבעט אין באַקליידונגס־קאַמער, וואָס האָט זיך געפונען נעבן די דראָטן פון קרעמאַטאָריום־פּלאַץ. דערפאַר האָט זי געהאַט די מעגלעכקייט צו זײַן אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ", וועלכע האָט געאַרבעט אויף דער צווייטער זײַט פון דער דראָטענער פאַרצאַמונג. איר אויפגאַבע איז טאַקע געווען צו איבערגעבן זיי, די אַרבעטער אין דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ", דעם אַרײַנגעשמוגלטן דורך אונדז פּולווער.

איצט זענען שוין אַלע פיר געווען אין בונקער: אסתר, רעגינאַ, אַלאַ גערטנער און רוזשאַ ראָבאָטאַ. פיר וואָכן נאָך אַנאַנד איז אָנגעגאַנגען די מערדערלעכע אינקוויזיציע איבער די פיר מיידלעך. די לופט אין לאַגער און אין דער „אוניאָן"־פאַבריק איז געווען ממש עלעקטריזירט. מיר האָבן קלאָר אויסגערעכנט, אַז אויב די מיידלעך וועלן נישט אויסהאַלטן די אינקוויזיציע, וועלן מיר אין געציילטע שעהען זײַן מיט זיי צוזאַמען.

זיי האָבן אויסגעהאַלטן! אויסגעהאַלטן די שרעקלעכסטע עינויים און קיינעם נישט אַרויסגעגעבן און אויך נישט אַרויסגעגעבן וועגן דער עקסיסטענץ פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג.

מען האָט אונדז באַפרײַט פון דער אַרבעט מיט צוויי שעה פריִער ווי נאָרמאַל... ווען מען האָט אונדז, די טאָג־שיכט־אַרבעטער געבראַכט אויף מאָרגן צו דער אַר־בעט אין לאַגער, זענען שוין אַלאַ גערטנער און רוזשקאַ ראָבאָטאַ נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. זייער עקזעקוציע האָבן בײַגעוווינט די אַרבעטער פון דער נאַכט־שיכט.

מען האָט פאַרמאַכט אַלע טירן, אַז קיינער זאָל זיך נישט אַרײַנכאַפּן אין די באַראַקן. מען האָט אונדז געצוווּנגען בײַזײַן די עקזעקוציע פון די אַנדערע צוויי. ס'איז געווען אַ טויטע שטילקייט. מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט פון די הונדערטער פאַרזאַמלטע פרויען.

מיט אויפגעהויבענע קעפּ, שטאָלצע, זענען אסתר און רעגינאַ געגאַנגען צו דער תליה... אַ שנײַדיקער געשריי, ווי פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה, האָט דורכגע־שניטן די לופט, ווען מען האָט די פּעטליע פאַרצויגן. דאָס איז געווען פון אסתרס 16 יאָריקער שוועסטערל האַנקע. די פיר האָבן מיט זייערע יונגע לעבנס באַצאָלט און אויסגעקויפט די לעבנס פון זייער פיל מיטבאַטייליקטע אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג אין אוישוויץ.

פאַראַן אַ גרויסע באַפרײדיקונג אין נעמען אויף זיך אַ שטרענגע דיסציפּלין אין נאָמען פון אַן אידעאַל. דורך נעמען אויף זיך אחריותן און סכנות צוליב שטרעבונגען און אידעען גיסן מיר אַרײַן אין אונדזער פּערזענלעכקייט דעם דער־הויבענעם טעם פון אַ העכערן, פאַרטיפטן זינען.

פ י י ג ע".

און אָט איז די באַשרײַבונג פון מאַלאַ ווײַנשטיין [12]:

„איך האָב געאַרבעט אין פּולווער־פּאַוויליאָן פון דער „אוניאָן"־פאַבריק. איך האָב געהערט ווי דער טראַנספּאָרט צו די גאַז־קאַמערן האָט געזונגען „התקוה" און די דאָזיקע מעלאָדיע האָט מיך באַגלייט אומעטום. אַלאַ גערטנער האָט מיך אַרײַנ־געצויגן אין דער אַקציע פון זאַמלען פּולווער. עס האָט מיט דעם אָנגעפירט רוזש־קאַ ראָבאָטאַ און נאָך איינע, ביידע פון באַקליידונגס־קאַמער. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער פּולווער איז נייטיק צו אַ בונט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. די אַרבעטאָרין

רעגינאַ סאַפּיר איז אויך צוגעטראָטן צו אַט דער אַקציע. אויך עסטושאַ ווײַסבלום, וועלכע האָט אויסגעבעסערט דעם סיסטעם פון גנבענען דעם פּולווער, און אויך איר שוועסטער האַנעטשקאַ ווײַסבלום. דאָס אַרויסטראָגן דעם פּולווער איז געווען זייער געפערלעך מחמת די רעוויזיעס. די מיידלעך פלעגן דעם פּולווער איבערגעבן רוזשקען. דער פּולווער האָט געדינט דער זאָנדער־קאָמאַנדאַ צו דער אויסאַרבעטונג פון באָמבעס און גראַנאַטן. נאָכן אויסמאָרדן די זאָנדער־קאָמאַנדאַ, נאָכן בונט, האָבן זיך די דײַטשן דערוווסט, אַז דער פּולווער שטאַמט פון „וניאָן". די דײַטשן האָבן אַרעסטירט צוויי מיידלעך פון „וניאָן" — עסטושאַ און רעגינע. נישט געקוקט אויף די עינויים האָבןביידע גאָרנישט אויסגעגעבן. די דײַטשן האָבן זיי געשטעלט אַן אולטימאַטום: אויסגעבן די מענטשן, אָדער טויט. זיי האָבן אָבער נישט גערעדט. מען האָט די מיידלעך באַפרײַט און געשיקט צוריק אין „וניאָן". דאָ האָבן זיי זיך איזאָלירט, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מען שפּיאָנירט זיי נאָך. אין גיכן האָט מען זיי באַנײַס אַרעסטירט. עס דאַכט זיך, אַז עמעצער האָט זיי געמסרט. איין אַרעסטאַנטקע (וווינט איצט אין ישראל) האָט עפּעס אויסגעגעבן; בעת דער ערשטער רעוויזיע האָט מען זי אַרעסטירט, באַפרײַט און געשיקט גלײַך אויף אַ בעסערער אַרבעט און דעם זעלביקן טאָג פון איר באַפרײַונג האָט מען אַרעסטירט אַלאַן.

אַלאַן האָט מען שוידערלעך טאַרטורירט. זי האָט זיך אײַנגעבראָכן און אַרויסגעגעבן עסטושען, רעגינען און רוזשקען. אַלע פיר מיידלעך האָט מען געפּײַניקט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט אויסגעגעבן. אַדאַנק דעם לעבן מיר, איך און האַנעטשקע. די פיר מיידלעך האָט מען פאַרמשפּט צי דער תליה".

און אָט נאָך בקיצור, וואָס עס גיט איבער ליאַליאַ גוטמאַן (איצט כזשאַנאָווסקאַ) פון סאָסנאָוויץ:

„דעם 13טן יאַנואַר 1944 זענען מיר דעפּאָרטירט געוואָרן פון סאָסנאָווצער שראָדולאַ־געטאָ קיין אוישוויץ... איך בין דורכגעגאַנגען סעלעקציעס, הונגער און קראַנקייטן און אַפּט געמיינט, אַז עס שלאָגט שוין די לעצטע שעה פון מײַן לעבן. אין אָקטאָבער 1944 האָב איך זיך געפונען אויף אַרבעט אין דער אַמוניציע־פאַבריק „וניאָן". מיט אַ מאָל האָבן מיר דערהערט די סירענע, מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין פינפטלעך. מיר האָבן נישט געוווסט וואָס עס האָט פּאַסירט. אָבער לויט דעם אויפפיר פון די ס.ס.־לײַט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עס איז געשען עטוואָס ערנסטס. מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין בלאָק און דאָ האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז די זאָנדער־קאָמאַנדאַ האָט זיך צעבונטעוועט, אויפגעריסן די קרעמאַטאָריע, איבערגעשניטן די עלעקטרישע דראָטן און אָרגאַניזירט אַ מאַסן־אַנטלויפן. ליידער איז נישט געווען וווהין צו אַנטלויפן, וואָרום די פעלדער זענען געווען מינירט און אַלע זענען געפאַלן פון די הענט פון די דײַטשן.

„דעמלט איז געפאַלן אויף דער „אוניאָן"־פאַבריק אַ חשד און די דײַטשן האָבן אַרעסטירט פיר מיידלעך, דרײַ פון זיי האָבן געאַרבעט בײַם פולווער. זייער גורל איז געווען אַ פאַרחתמעטער. אין אַ צײַט אַרום האָט מען אין אַ געוויסן טאָג אונדז באַפרײַט פריִער פון דער אַרבעט און אַוועקגעפירט אין לאַגער, ווו עס איז געשטאַנען אַ תליה, און אויף אונדזערע אויגן האָט מען געבראַכט צוויי מאַרטירערינס צו דער תליה. מען האָט זיי אַרויפגעוואָרפן אויף די העלדזער פעטליעס און אויפגעהאָנגען.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן זייער מוטיקע און שטאָלצע האַלטונג, זייערע הויך אויפגעהויבענע קעפּ. איך האָב געהערט זייער לעצטן אויסרוף: „זעמסטאַ!" (נקמה!) [13].

די גרויסע נקמה איז געקומען שפעטער. אָבער נאָך בעת די לעצטע טעג פאַר דער עוואַקואַציע, ווען צווישן די ס.ס.־לײַט האָט שוין געהערשט אַ בפירושע פאַניק און אין לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ כאַאָס, האָבן אומבאַקאַנטע הענט געכאַפּט און געלינטשט איינעם פון די פּראָוואָקאַטאָרן, שולץ, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף די מיידלעך. געשען איז עס אין דער סילוועסטער־נאַכט פון 1944 אויף 1945, דאָס הייסט — נאָך איידער מען האָט אויפגעהאָנגען די פיר העלדישע מיידלעך [14].

דער רושם פון דעם מאַרטירער־טויט פון די פיר העלדישע ייִדישע מיידלעך איז געווען נישט קלענער פון דעם אײַנדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט דער אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. סײַ צווישן די ווידערשטאַנד־מענטשן, סײַ צווישן דער אסירים־מאַסע האָט מען באַוווּנדערט דעם אויפטו און די האַלטונג פון די העלדינס. צום טיפסטן האָבן דעם ווייטיק און איינצײַטיק דעם שטאָלץ געפילט די ייִדישע לאַגער־אסירים. וואָרום די פיר מיידלעך זענען געווען בלוט פונעם בלוט און פלייש פונעם פלייש פון דער ייִדישער יוגנט, פון ייִדישן פאָלק.

„ווער זענען געווען די דאָזיקע מיידלעך? — פרעגט דער עדות און מחבר ברונאָ באַום און ער ענטפערט: דאָס זענען געווען יונגע ייִדישע מיידלעך אין עלטער פון 18 ביז 22 יאָר. זיי קומען פון פוילן. אין 1939 זענען זיי שוין געווען אין געטאָ [15]. אין 1942, אָדער 1943, זענען זיי געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ. אויף דער ראַמפּע האָט מען די עלטערן און ברידער, שוועסטער צוגענומען צום גאַז. זיי זענען צוגעטראָטן צו דער גרופּע פון די 300 ייִדישע אסירים, וואָס האָבן געהערט צו אונדזער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע" [16].

אַט אַזוי האָט אויסגעזען דער פינאַל פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָס אויפ־שטאַנד און פון אַ לאַנגן איבערמענטשלעכן ווידערשטאַנד־אָנשטרענג פון דער ייִדישער אסירים־יוגנט.

הערות צום קאַפּיטל פערצן

1) I. Gutman: Historia żydowskiego ruchu oporu w Oświęcimiu, „Mosty", nr. 42 (73), 11.VII.1947. Dawid Szmulewski: Umierali stojąc. „Za Wolność i Lud" nr. 2/1963, s. 16—31. Baum, s. 81.
נח זאַבלודאָוויטש: מײַנע איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ספר צ׳חנוב, ז׳ 339.

2) אין ספר צ׳חנוב, ז׳ 407. א: וואָלף יאסני: ראָזאַ ראָבאָטאַ, איר לעבן, קאַמף קעגן די דײַטשן און קדושים־טויט.

3) באַום, ז׳ 70.

4) ל. סילווער: טשעכאַנאָווער ייִדן אין אָשוויענטשים. אין ספר צ׳חנוב, ז׳ 366, 365. אייכמאַן פּראָצעס, דערקלערונג פון ישׂראל גוטמאַן.
ישעיהו אייגער: ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אוישוויץ־בירקענאַו, פון לעצ־טן חורבן, מינכען, נ׳ 10, דעצעמבער 1948, ז׳ 75.

5) דוד שמולעווסקי, זע הערה נ׳ 1.
ישׂראל גוטמאַן: אנשים ואפר, ז׳ 147, 151.

6) „קאַלענדאַר", נאָטיץ פון 9טן אָקטאָבער 1944. די אויטאָרין קען נישט די פאַ־מיליע־נעמען פון רעגינאַ סאַפיר און אסתּר ווײַסבלום.
Raja Kagan: Die letzten Opfer des Widerstandes. Auschwitz-Zeugnisse und Berichte, s. 283.

7) יוזעף שפּילסקי, אויטאָביאָגראַפיע, ד.צ.וו., ז׳ 47; ישׂראל גוטמאַן: אנשים ואפר, ד.צ.וו., ז׳ 148—150, ז׳ 111.

8) ג״ע פון ד״ר פּעטי וועליאַן (פון דער היים פּוקס) פון ביאַליסטאָק, אַרכ. פון ייִד. היסט. אינסט., נ׳ 1987.

9) משה קולקאַ: טשעכאַנאָווער ייִדן אין ווידערשטאַנד־קאַמף אין אָשוויענטשים, אין: ספר צ׳חנוב, ז׳ 389.

10) „קאַלענדאַר", נאָטיץ פון 6טן יאַנואַר 1945.

11) „ביולעטין", לאָס אַנדזשעלעס, העקטאָגראַפירט, אַרכ. ב. מאַרק.

12) מאַלאַ ווײַנשטיין: „מימי המרד באושביץ — זכרונות", ידיעות יד ושם, נ׳ 34, ירושלים אַפּריל 1965.

13) פאַרגלײַך: שׂרה אשמאַן זאַלצשטיין: פינף יאָר בײַם אָפּגרונט, איבערלעבונ־גען פון אַ ראַדזינערין, זע: ראַדזינער יזכּור־בוך, תּל־אביב 1957, ז׳ 261.

14) באַום, ז׳ 101.

15) אַ לײַכטער טעות: אין 1939 זענען נאָך נישט געווען קיין געטאָס. אָבער דאָס איז אַ פּליטת הקולמוס. באַום, ז׳ 101.

16) באַום, ז׳ 103. געמיינט די טשעכאַנאָווער און אַנדערע ייִדישע גרופּעס.

קאפּיטל פופצן

די דאָקומענטן פון אוישוויץ און זייערע מחברים

די ווידערשטאַנד־גרופּע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט געהאַט פאַר־שיידענע פאַרדינסטן: זי פלעגט איבערשיקן פאַר די לאַגער־אסירים מעדי־קאַמענטן, שפּייז און געלט; זי האָט געשטיצט מאַטעריעל די אַלגעמיינע ווידערשטאַנד־באַוועגונג; זי האָט אַרויסגעשיקט דאָקומענטן צו אַלאַרמירן די וועלט בנוגע די גרויליקע מעשׂים פון די דײַטשן און בפרט די רציחות אין בירקענאַו. די ווידערשטאַנד־גרופּע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט אָבער נאָך איין גרויסן פאַרדינסט פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, דהיינו: זי האָט אָרגאַניזירט דאָס שרײַבן זכרונות און טאָגביכער דורך די זאָנדער־לײַט און באַגראָבן די דאָזיקע דאָקומענטן, וועלכע מיר רופן אָן: „מגילות אוישוויץ" — אונטער פון בלוט־דורכגעזאַפּטער ערד, אונטער קופּעס אַש און ביינער פון די קדושים אויפן שטח פון די קרעמאַטאָריעס. מען האָט אויך באַגראָבן פאַרשיידענע זאַכן — סימבאָלן, פאַרבליבענע נאָך די פאַר־ברענטע ייִדן: פּערזענלעכע דאָקומענטן, סידורים, טליתים, תפילין, בינט־לעך האָר, אויסגעריסענע ציין וכדומה.

די דאָזיקע גאַנצע אַקציע איז געווען אַ פּלאַנמעסיקע און אויסגעפירטע בשתיקה אויס מורא פאַר די דײַטשן און פאַררעטער. געוווּסט האָבן וועגן דעם די עטלעכע פאַרטרוילעכע ייִדן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, צווישן זיי די אויטאָרין פון די ווערק און אויך אייניקע פרײַנד זייערע פון אַנדערע קאָמאַנדאָס און אויך איין פּאָליאַק, דער אַסיר הענריק פּאָרעמבסקי, אַ מיטגליד פון דער עלעקטריקער־קאָמאַנדאָ, וועלכער פלעגט קומען אויך אין די קרעמאַ־טאָריעס צו פאַרריכטן דעם עלעקטרע־שטראָם. ער האָט אַפילו געהאַט בײַ זיך אַ קליינעם פּלאַן פון די ערטער, ווו די דאָקומענטן זענען געווען באַגראָבן[1].

וויפל דאָקומענטן די זאָנדער־קאָמאַנדאָ־לײַט האָבן דעמלט געהאַט באַ־גראָבן איז נישט באַוווּסט. לויט דער דערקלערונג פון הענריק פּאָרעמבסקי האָט די צאָל באַגראָבענע פּושקעס, אָדער אַנדערע כּלים, מיט די דאָקומענטן

באַטראַפֿן בערך 36. עס איז צו צווייפֿלען, צי פּאַרעמבסקי ווייס טאַקע געגוי די צאָל. אַלנפֿאַלס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די גרעסטע מערהייט פֿון באַגראָבענע דאָקומענטן און זאַכן איז געגאַנגען לאיבוד. מען האָט זיי עד היום נישט געפֿונען. אַזוי למשל ווייסן מיר, אַז דער מיטגליד פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, דער קוכער לעאָן, האָט באַגראָבן אין אַ ספּעציעל בעטאָן אויסגעגאָסענעם קאַסטן פֿאַרשיידענע אָנדענק־זאַכן, אַ זכר לחורבן: אַ טלית, תּפֿילין, אַ סידור, האָר און ציין פֿון די הרוגים. עס געדענקט די זאַך דוב פּייסיקאָוויטש, אַ ניצול געוואָרענער מיטגליד פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון בעסאַראַביע, איצט וווינט ער אין ישׂראל. ער איז אַפֿילו געווען אין יאָר 1965 אין פּוילן, באַזוכט אוישוויץ און געזוכט דאָס אָרט, וווּ עס איז באַגראָבן געוואָרן לעאָנס עזבון און גאָרנישט געפֿונען[2]. עס קאָן זיין, אַז דער רוב פֿון די באַהאַלטענע דאָקומענטן און זאַכן איז פֿאַרניכטעט געוואָרן באַלד נאָך דער מלחמה, ווען גאַנצע באַנדעס גאָלד־זוכערס, מענטשן פֿון דער געגנט אַרום אוישוויץ, האָבן באַלעבאַטעוועט אין פֿאַרוואַרלאָזטן לאַגער, געגנישטערט און געזוכט געלט, גאָלד און זאַכן, גלייבנדיק אין דער לעגענדע, אַז די ייִדן האָבן געבראַכט מיט זיך אוצרות. גראָבנדיק אויפֿן שטח פֿון די קרעמאַטאָריעס האָבן די דאָזיקע הענט אָפּט געפֿונען מאַנוסקריפּטן און זאַכן און עס פֿאַרניכטעט און אַוועקגעוואָרפֿן, ווײַל דאָס האָט פֿאַר זיי נישט געהאַט קיין שום ווערט. זיי האָבן געזוכט גאָלד. און ווער ווייס וויפֿל גײַסטיקע אוצרות און זעלטענע דאָקומענטן עס זענען לאיבוד געגאַנגען אויף אַזאַ אופֿן.

פֿון דער צאָל צענדליקער באַגראָבענע דאָקומענטן זענען עד היום, ביז דער צײַט, ווען עס ווערן געשריבן די דאָזיקע שורות, ד. ה. אַפּריל 1966, געפֿונען געוואָרן זעקס כּתבֿי יד, וואָס געהערן צו דרײַ מחברים. באַקאַנט זענען אונדז די נעמען פֿון צוויי מחברים, ביידע טראָגן דעם נאָמען זלמן: זלמן גראַדאָווסקי און זלמן לעווענטאַל, און אַ דריטער, וואָס זײַן נאָמען און בײַנאָמען איז אונדז לעת עתּה אומבאַקאַנט[3]. לאָמיר אַצינד באַהאַנדלען איטלעכן פֿון די מחברים און זייערע ווערק באַזונדער.

א. די פֿאַרצייכענונגען פֿון זלמן גראַדאָווסקי

דער ערשטער זאָנדער־קאָמאַנדאָ־כּתבֿ־יד, וואָס איז געוואָרן אויסגעגראָבן, איז דער מאַנוסקריפּט פֿון זלמן גראַדאָווסקי. דעם 5טן מערץ 1945

קנאַפּע צוויי חדשים נאָכן באַפרײַען אוישוויץ האָט די סאָוויעטישע אויסער־געוויינטלעכע מלוכהשע קאָמיסיע צו פאָרשן די נאַצישע רציחות, אין באַשטאַנד פון יוסטיץ־קאַפּיטאַן פּאָפּאָוו און עקספּערט, קרימינאַלאָג געראַסימאָוו, מאַכנדיק די ערשטע אויסגראָבונגען אין די גריבער מיט אַש אויפן שטח פון דער קרעמאַטאָריע 3, געפונען אַן אַלומיניום־מענאַשקע (די לענג 18 און די ברייט 10 צענטימעטער) פון דײַטשישן טיפּ, אין וועלכער עס זענען געלעגן: אַ נאָטיץ־ביכל און אַ בריוו, ביידע געשריבן אין ייִדיש מיטן אונטערשריפט: זלמן גראַדאָווסקי. דער פאָרמאַט פונעם נאָטיץ־ביכל איז 14½ אויף 9½ צענטימעטער, די גרעב 1 צענטימעטער. די פּראָטאָקאָלאַנטן האָבן איבערגעציילט 91 זײַטלעך פון דעם טאָגביכל, עטלעכע זײַטלעך האָבן געפעלט.

ביידע כתבי יד צוזאַמען מיט דער מענאַשקע זענען איבערגעשיקט געוואָרן צו דעם מיליטעריש־מעדיצינישן מוזיי אין לענינגראַד, ווו זיי געפינען זיך עד היום אונטער די פאָלגנדע נומערן: דער פּראָטאָקאָל טראָגט דעם נומער 21427, די פלאַשקע — 21428, דאָס נאָטיץ־ביכל — 21429.[4]
ווער איז געווען זלמן גראַדאָווסקי?

ווי עס דרינגט אַרויס פון זײַנע פאַרצייכענונגען און בריוו גופא און אויך פון גביות עדות, האָט זלמן גראַדאָווסקי געשטאַמט פון סוואַלק, ווו ער איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר 1910 אין אַ סוחריש־רעליגיעזער משפחה. ער האָט באַקומען אייראָפּעיִשע און ייִדיש־רעליגיעזע בילדונג, געלערנט אין אַ ישיבה און האָט חתונה געהאַט אין שטעטל לונע מיט שׂרהקע זלאָטעיאַבלקאַ. ווי עס דערקלערט דוד ספּאַרד, וואָס איז געווען דער מאַן פון שׂרהקעס שוועסטער זיסל זלאָטעיאַבלקאַ, ד. ה. גראַדאָווסקיס אַ שוואָגער, איז זלמן געווען אַן אָנגעלייענטער אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. אַ יונגערמאַן, אַ ציוניסטיש געשטימטער, מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פיזיש אַ שטאַרקער, אַ קרעמפּער. ער האָט געהאַט אַ נטיה צום שרײַבן. אין די יאָרן 1940—1941, ווען לונע האָט זיך געפונען אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט, האָט גראַדאָווסקי פאַרנומען אַ שטעלע ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מלוכהשער פירמע.

וואָס גראַדאָווסקי האָט געטאָן די ערשטע צײַט אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע איז אונדז נישט באַקאַנט. אַלנפאַלס פון זײַנע נאָטיצן דרינגט

אַרויס, אַז ער האָט געטראַכט וועגן ווידערשטאַנד. אין נאָוועמבער 1942 האָט זיך אין דער גאַנצער פּראָווינץ פון א. ג. בעצירק ביאַליסטאָק אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציע פון די ייִדן. די ייִדן פון לונע האָט מען אַרויסגעפירט אין קעלבאָסינער לאַגער, ביי גראָדנע, פון וואַנען מען האָט זיי אין דעצעמבער 1942 דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ.

דעמלט איז קיין בירקענאַו אָנגעקומען אויך זלמן גראַדאָווסקי.

אין דעם נאָטיץ־ביכל גיט אָן זלמן גראַדאָווסקי אויף איינער פון די ערשטע אָפּגעריבענע זייטלעך פּרטים פון זיין נאָענטסטער משפּחה, וואָס איז אין איינעם מיט אים פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. דאָס זענען געווען:

זיין פרוי סאָניאַ, (שׂרהקע)
זיין מוטער שׂרה,
זיינע שוועסטערס אסתּר־רחל און ליבע,
זיין שווער רפאל,
זיין שוואָגער וואָלף.

וועגן גראַדאָווסקיס אויפהאַלט אין בירקענאַו ווי אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז פאַראַן איין רעלאַציע פון זיין בן עיר, יעקב פריימאַרק [5], וועלכער איז אויך געווען אַן אסיר אין בירקענאַו און געהערט צו דער קאָמאַנדאָ „קאַנאַדע". פריימאַרק איז געווען מיט גראַדאָווסקין אין נאָענטן קאָנטאַקט ביז פרילינג 1943, און ער איז געווען אַן עדות ווי גראַדאָווסקי האָט געשריבן זיין נאָטיץ־בוך. גראַדאָווסקי איז געווען באַשעפטיקט אין דער קאָמאַנדאָ פון קרעמאַטאָריע 4. ער איז לויט פריימאַרקס ווערטער געווען שטאַרק רעליגיעז, נאָך יעדן פאַרברענטן טראַנספּאָרט ייִדן האָט ער אָנגעטאָן אין בלאַק טלית און תּפילין און געזאָגט קדיש נאָך די פאַרברענטע. ער האָט געוויינט נאָך די פאַרברענטע הייליקע ספרים, טליתים, תּפילין. דערפאַר פלעגט ער כּסדר שרייען, אַז ער איז אַ זינדיקער צוליב דער פונקציע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, אָבער אַז ער וועט מיטן אייגענעם בלוט אָפּוואַשן זיין זינד און די חטאים פון די זאָנדער־לייט.

צום ערשטן ווערט דערמאָנט גראַדאָווסקי ווי אַן אָנפירער פון דעם העלדישן בונט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ אין דעם בוך פון די ייִדיש־טשעכישע מחברים אָטאָ קראַוס און עריך קולקאַ. פון די בלעטער, וואָס

מען האָט געפונען צוזאַמען מיטן נאָטיץ־ביכל איז צו זען, אַז ער איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד. זײַן נאָמען ווי אַן אָנפירער פון בונט ווערט אויך דערמאָנט אין דעם כתב־יד פון זלמן לעווענטאַל. גראַדאָווסקי איז אומגעקומען ווי אַ פירער פון די קאַמפן.

דער כתב־יד, וואָס איז געבליבן נאָך גראַדאָווסקין, באַשטייט פון צוויי טיילן: אַ נאָטיץ־ביכל מיט אַ באַשרײַבונג פון די טראַגישע געשעענישן פון מאָמענט פון גירוש קעלבאַסין און אַ בריוו, ווו עס ווערט געשילדערט דער לעצטער עטאַפּ פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און עס איז דאָ אַ רייד סײַ וועגן די באַגראָבענע טאָגביכער, סײַ וועגן די הכנות צום אויפשטאַנד. אין בריוו ווערט באַטאָנט, אַז מען גרייט זיך שוין פון לאַנג צו אַ גרויסע זאַך, צום קאַמף, אָבער אַ טייל חברים פון לאַגער, ייִדן, רוסן און פּאָליאַקן האַלטן אָפּ. אָבער דער טאָג, דער יום־הדין וועט קומען.

דאָס נאָטיץ־ביכל איז געשריבן אין אַ שיינעם עמאָציאָנעלן סטיל, אין אַ זאַפטיקן ליטעראַרישן ייִדיש מיט אַ נטיה צו דײַטשמעריזמען און צו מליצעריי. דער מחבר ווענדט אָן די פאָרעם פון דאַנטעס „געטלעכע קאָ־מעדיע״, מיט אַן אינוואָקאַציע צום לייענער, וועלכן דער מחבר פירט איבערן גאַנצן שטח פון די ייִדישע אוממענטשלעכע יסורים במשך פון דער נאַצישער ממשלה. באַנוצנדיק אַ טראַגיש־פײַערלעכן טאָן פירט גראַדאָווסקי דעם לייענער איבערן קעלבאַסינער לאַגער. מיט די טויט־וואַגאָנען איבער סטאַ־ציעס פון ביאַליסטאָק און וואַרשע, דורך דעם אומרויִקן האַרץ־צאַפּל פון טויזנטער ייִדן, וועלכע ווייסן נישט וווהין מען פירט זיי, אָבער אויפן סאַמע דנאָ פון האַרצן טאַטשעט דער וואָרעם פון פאַרצווייפלונג. דער מחבר פירט אַרײַן דעם לייענער קיין אוישוויץ, ווײַזט די סעלעקציע, שיל־דערט די פאַריתומטקייט פון די, וואָס האָבן פאַרלאָרן די נאָענטסטע און זענען אַליין פאַרמשפּט געוואָרן צום לעבן. נײַע ווערטער, נײַע באַגריפן: בוקסע, קאַפּאָ, זאָנדער. אין מאָמענט ווען ער ווערט געשיקט אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ רײַסט זיך פּלוצים איבער דאָס נאָטיץ־ביכל. עס קאָן זײַן, אַז די ווײַטערדיקע טיילן זענען באַגראָבן געוואָרן אין אַנדערע מקומות, וואָרום גראַדאָווסקי דערמאָנט אין זײַן בריוו עטלעכע צענדליק נאָטיצן און דאָקומענטן באַגראָבענע אין פאַרשיידענע ערטער אונטער די לעכער מיט אַש אויפן שטח פון די קרעמאַטאָריעס.

אויף דעם ערשטן זײַטל פונעם נאָטיץ־ביכל געפינט זיך איין זאַץ איבערגעחזרט אין פויליש, רוסיש, פראַנצייזיש און דײַטש: „פּאַראַינטערעסירט זיך מיט דעם דאָזיקן דאָקומענט. ער אַנטהאַלט אַ רײַכן מאַטעריאַל פאַרן היסטאָריקער".

דאָס זײַטל ווײַזט אָן אויפן זאָרג פונעם מחבר וועגן דעם גורל פונעם כּתב־יד. ער שרײַבט אין עטלעכע שפּראַכן צום אומבאַקאַנטן געפינער פון זײַן אַרבעט, אפשר אין איינער פון די שפּראַכן וועט דערגיין זײַן ווענדונג.

אויף דעם לעצטן זײַטל גיט ער אָן דעם אַדרעס פון זײַן פעטער א. יאָפּפע אין ניו־יאָרק. אין 1966 האָבן מיר געשריבן אויף דעם אַדרעס, אָבער דער בריוו איז צוריק געקומען מיט אַ באַמערקונג: „דער אַדרעסאַט איז אומבאַקאַנט".

דעם כּתב יד האָב איך באַקומען פון לענינגראַדער מיליטעריש־מעדיצינישן מוזיי אין יאָר 1963 אין פאָרעם פון אַ מיקראָפילם. נאָכן אַרויסרופן דעם מיקראָפילם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלן עטלעכע זײַטן אין מיטן. דער כּתב יד, ווי עס ווײַזן די פאָטאָקאָפּיעס, איז צום טייל צעשטערט, אַ טייל פון די זײַטלעך איז אין גאַנצן, אָדער טיילווײַז נישט צום לייענען. דער אָנהייב און סוף — ס'רוב פאַרווישט. דאָך איז דער רוב זײַטלעך צום לייענען און גיט איבער אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס פון דעם אינהאַלט, פון דעם סטיל פון מחבר.

ב. דער כּתב יד פון „אַנאָנים"

בערך אין זיבן יאָר שפּעטער, ד.ה. אין יאָר 1952, האָט מען אויסגעגראָבן אויפן שטח פון דער קרעמאַטאָריע 3 אַ העפט מיט טאָג־נאָטיצן אין ייִדיש. די אויסגראָבונג איז דורכגעפירט געוואָרן דורכן קאַטאָוויצער פּאַרטיי־קאָמיטעט פון פּ.ז.פּ.ר.[6] און די געפינער האָבן עס איבערגעגעבן דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט. צוליב די ספּעציפישע פּאָליטישע באַדינגונגען פון יענער צײַט איז די גאַנצע געשעעניש אָדורך אומבאַמערקטערהייט און עס איז אַפילו נישט פאַרפאַסט געוואָרן קיין געהעריקער פּראָטאָקאָל. היות אויפן העפט פיגורירט נישט קיין שום אונטערשריפט, האָבן מיר דאָס נײַע געפינס אָנגערופן: „דאָס טאָג־בוך פונעם אַנאָנים". די איינציקע שפּור אינעם העפט זענען די איניציאַלן א.י.ר.א., מיט וועלכע

דער אַנאָנימער מחבר באַצייכנט זײַן אידענטיטעט און מיט וועלכער ער האָט אונטערגעחתמעט נאָך אַ ריי נאָטיצן, וועגן וועלכע ער דערמאָנט אין דעם העפט, אַז ער האָט זיי באַגראָבן אין פאַרשיידענע ערטער אויפן פעלד פון קרעמאַטאָריע צוויי.

די נאָטיצן אין דעם העפט, וואָס זענען נוגע אוישוויץ־בירקענאַו, זענען געמאַכט געוואָרן אין די יאָרן 1943 און 1944. זיי ענדיקן זיך דעם 26סטן נאָוועמבער 1944. דאָס איז די דאַטע, אונטער וועלכער דער אַנאָנימער מחבר שרײַבט, אַז זיי גייען שוין צום טויט און אַז עס וועלן בלײַבן לעבן בלויז 30 מאַן. און דאָס שטימט טאַקע מיטן אמת. די לעצטע דאַטע פון די נאָטיצן באַווײַזט, אַז דער מחבר האָט איבערגעלעבט דעם אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, פון וועלכער ער איז געווען אַ מיטגליד. לײדער איז וועגן די דאָזיקע געשעענישן אין די אַנאָנימע נאָטיצן נישטאָ קיין סימן, הגם דער מחבר שטרײַכט אונטער זײַן שטרעבונג צו אַקטיוון ווידערשטאַנד און זײַן ווילן צו צעשטערן די טײַוולאָנישע פאַרניכטונג־מאַשין. עס קאָן זײַן, אַז די נאָטיצן האָט דער מחבר געשריבן פאַרן אויסברוך פון אויפשטאַנד. נישט מער — די לעצטע נאָטיץ האָט ער צוגעשריבן שוין ווײַט נאָך אַלעמען.

דאָס טאָגבוך פונעם אַנאָנים באַשטייט פון צוויי טיילן: איין טייל באַשרײַבט אין קאָנקרעטע בילדער און סצענעס פאַרשיידענע טראַגישע געשעענישן אין לאַגער. דער צווייטער טייל מאָלט דאָס שרעקלעכע לעבן אין אַן אַרבעטס־לאַגער בעלזשעץ [7] האַרט בײַ דער נײַער סאָוויעטישער גרענעץ בײַם טײַך בוג ערב דער דײַטש־סאָוויעטישער מלחמה. די געשעענישן אין דעם אַרבעטס־לאַגער האָט דער מחבר פאַרשריבן אויפן סמך פון גביות־עדות פון פאַרשיידענע אסירים, וואָס זענען אַמאָל געווען אין בעלזשעץ און נאָך דעם זענען זיי געווען אין אוישוויץ־בירקענאַו.

ווי עס איז צו זען פונעם אינהאַלט פון דעם טאָגבוך איז דער מחבר אַ מענטש, וואָס איז שטאַרק באַהאַוונט אין די רעליגיעזע קרײַזן, קען גוט די רבנישע און רבייִשע הויפן נישט בלויז פון פוילן, נאָר אויך פון אונגאַרן און סלאָוואַקיע און אויך פון פראַנקרײַך. עס קלאַפּט אין זײַנע נאָטיצן דער אָטעם פון אַליין־שולד, פון טיפן איבערלעבן די אייגענע מלאכה בזויה און פון גרענעצלאָזן האַס צו די דײַטשישע רוצחים. דער מחבר רופט אָן אַ ריי ס.ס.־לײַט פון די קרעמאַטאָריעס מיט די נעמען. די

געשילדערטע בילדער זענען געשריבן מיט בלוט פון האַרצן, סוגעסטיוו און לעבעדיק. די שפּראַך איז פון אַ פּוילישן ייִדן, פון דער פּוילישער פּראָווינץ.

ווער איז דער דאָזיקער אַנאָנימער מחבר? לויט צוויי עדות זאָל דאָס אפשר האָבן געווען דער דערמאָנטער שוין דורך אונדז דיין, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דער ווידערשטאַנד־גרופּע. לויט די גביות עדות פון צוויי לעבן געבליבענע זאָנדער־קאָמאַנדאָ־מיטגלידער: דעם הײַנטיקן פּאַריזער תּושב אַלטער פײַנזילבער און דעם איצטיקן ישׂראל־בירגער דוב פּייסיקאָוויטש זאָל דאָס האָבן געווען אַ יונגער דיין פון שטעטל מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, וועלכער האָט, לויט די עדות, געמאַכט אַ סך נאָטיצן און עס באַגראָבן אין פאַרשיידענע מקומות פון די קרעמאַטאָריעס שטחים. דאָס איז געווען אַ טיף רעליגיעזע נאַטור, וואָס האָט זיך אין אַלע ענינים געפירט לויטן דת משה. ער האָט אויסגעדריקט זײַן ווילן אויפצורײַסן צוזאַמען מיט זיך אַליין דעם קרעמאַטאָריע־אויוון. דער נאָמען פון דעם מאַקאָוו־מאַזאָוויעצקער דיין איז אונדז ביז איצט נישט געלונגען פעסטצושטעלן [8].

ווי מיר וועלן נאָך שפּעטער זען, איז פאַראַן אַ יסוד צו מיינען, אַז צו דער פּען פון דעם דאָזיקן אַנאָנימען מחבר זאָלן געהערן נאָך צוויי געפונענע מאַנוסקריפּטן. אָבער וועגן דעם אַ ביסל ווײַטער.

ג. די פאַרצייכענונגען פון זלמן לעווענטאַל

דער דריטער מאַנוסקריפּט איז אויסגעגראָבן געוואָרן דעם 17טן אָקטאָבער 1962 אויפן פעלד פון דער דריטער קרעמאַטאָריע. די אַקציע איז דאָס מאָל אונטערגענומען געוואָרן בשותפות דורך דעם מלוכהשן אוישוויץ־מוזיי מיט דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די נאַצישע פאַרברעכנס אין פּוילן. אין אַ גלעזערנעם האַלב־ליטערדיקן סלאָי האָט מען געפונען צוויי באַזונדערע כּתבי יד: איינעם אַ גרעסערן פון 26 זײַטלעך, פאַרשריבענע פון ביידע זײַטן און אונטערגעחתמעט דורך זלמן לעווענטאַל, און אַ צווייטן מיט אַן אַנדער כּתב, וואָס איז דורך קיינעם נישט געווען אונטערגעשריבן. סײַ דער כּתב, סײַ דער ייִדיש און סטיל פון דעם צווייטן מאַנוסקריפּט דערמאָנט שטאַרק דעם פריִער דערמאָנטן כּתב יד פון דעם אַנאָנימען מחבר. דאָס זענען צוויי שילדערונגען, איינער אונטערן נאָמען „די 3000 (דרײַ טויזנט) נאַקעטע" און אַ צווייטער באַטיטלט: „די זעקס הונדערט ייִנגלעך".

היות אין דעם סלאָי האָט זיך אַרײַנבאַקומען פײַכטקייט אין דער כּתב יד פון זלמן לעווענטאַל אין אַ זייער באַדײַטנדיקער מאָס צעשטערט. כּמעט פופציק פּראָצענט זײַטלעך איז לחלוטין נישט צום לייענען, פון די אַנדערע פופציק פּראָצענט איז בלויז 10 פּראָצענט גוט לייענבאַר, אַלע אַנדערע זײַטלעך זענען אין אַ גרעסערער, אָדער קלענערער מאָס פאַרווישט און פאַרטושט. דער רוב איז לייענבאַר אין אַ מינימאַלער מאָס, ס'רוב צו איין שורה, אָדער געציילטע עטלעכע ווערטער אויף אַ זײַט.

די לאַגע ווערט נאָך מער קאָמפּליצירט צוליב דעם, וואָס לעווענטאַל האָט נישט נומערירט די זײַטלעך, געשריבן לכתחילה אויף איין זײַט פון אַ בלעטל און ווען ער איז דערגאַנגען ביזן סוף פון דעם העפט, האָט ער אים איבערגעדרייט און גענומען פאַרשרײַבן די ליידיקע זײַטלעך פון די בלעטלעך. און דאָ זענען די מיטאַרבעטער פון דעם אוישוויצער מוזיי באַגאַנגען באַלד בײַם אָנהייב אַ גרויסן אומפאַרגעבלעכן פעלער. ווען דיק אָפּראַטעווען טיילווײַז דעם פײַכטן מאַנוסקריפּט האָבן זיי פאַנאַנדערגעטיילט די בלעטלעך, זיי געפּרעסט און דאַן געמאַכט פאָטאָקאָפּיעס. אין לויף פון אָט דער אַרבעט האָבן זיי פאַנאַנדערגעוואָרפן די געפּרעסטע בלעטלעך אָן אַ סדר, כּדי זיי אויסצוטריקענען און דערנאָך פאַרגעסן דעם סדר, און אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַ כאַאָס, וואָרום נישט בלויז וואָס די זײַטלעך זענען נישט געווען נומערירט, נאָר די סופן פון כּמעט אַלע זײַטלעך זענען געווען לחלוטין פאַרטושט.

צוליב דעם דאָזיקן ערשטן פעלער פון די טעכנישע מיטאַרבעטער האָט דער ערשטער ייִדיש-קענער, וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרן צו דעשיפרירן די זײַטלעך, דער זשורנאַליסט זלמן גאָסטינסקי, געהאַט אַן עבֿודת פּרך, ווײַל נישט נאָר וואָס ער האָט געמוזט דעשיפרירן פאַרטושטע אותיות, נאָר ער האָט געמוזט מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען אַרײַנצופירן אין די כאַאָטיש צעוואָרפענע בלעטלעך אַ געוויסן לאָגישן און כראָנאָלאָגישן סדר. און מען דאַרף זאָגן, אַז דאָס איז אים געלונגען. דער צווייטער, וואָס האָט געהאַט אין זײַן האַנט דעם דורך גאָסטינסקין לעת עתּה איבערגעלייענטן און אײַנגעסדרטן מאַנוסקריפּט, דער מיטאַרבעטער פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן נאַצישע פאַרברעכנס אין פּוילן, ד"ר שמעון דאַטנער, האָט זיך אויך אַ געוויסע צײַט פאַרנומען מיטן כּתב יד, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען צו ווערפיצירן צום מחבר פון די דאָזיקע שורות, וועלכער האָט אַרײַנ־

געפירט אַ ריי אויסבעסערונגען אין דעם דורכגעלייענטן דורך גאָסטינסקין סדר פון די זײַטלעך. זיי זענען ענדגילטיק געוואָרן אײַנגעסדרט לויט די טעמעס, וואָס ווערן באַרירט אין דעם כּתב יד.

זלמן לעווענטאַל איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל טשעכאַנאָוו דעם 5טן יאַנואַר 1918 בײַ די עלטערן מענדל און עטל לעווענטאַל. ווי עס האָט מיר געשריבן דער אָפּגעפונענער ברודער שמואל, וואָס וווינט אַצינד אין ישראל, איז זלמן געווען דער פּערטער זון און ער האָט געהאַט זיבן ברידער־שוועסטער. ער האָט געענדיקט אין טשעכאַנאָוו אַ גרונט־שול און דעמלט איז ער אַוועק לערנען אין אַ ישיבה. אין מאָמענט פון דעם מלחמה־אויסברוך, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 האָט ער געלערנט אין וואַרשע. ער איז, ווײַזט אויס, אַוועק צוריק קיין טשעכאַנאָוו און דאָ איבער־געלעבט די ערשטע צײַט פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. דעם ווײַטערדיקן לויף פון זלמן לעווענטאַלס ביאָגראַפיע שעפּן מיר שוין פון זײַן אוישוויצער כּתב יד גופא. תּחילת נאָוועמבער 1942 האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש פון די דאָרטיקע ייִדן פונעם „בעצירק ציכענאַו" ס'רוב קיין אוישוויץ. דעם 10טן דעצ. 1942 איז ער אָנגעקומען צוזאַמען מיט זײַן משפּחה קיין ביר־קענאַו. תּיכּף די ערשטע נאַכט האָט ער פאַרלוירן די גאַנצע משפּחה, וועלכע איז אַוועק צום גאַז. ער איז געבליבן עלנט אַליין און איז געוואָרן צוגע־טיילט צום לאַגער. געווען אויף פאַרשיידענע אַרבעטן, און בסוף אײַנ־געשלאָסן אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. אין ווײַטערדיקן המשך פון זײַן כּתב יד דערציילט לעווענטאַל, אַז ער איז אײַנגעגלידערט געוואָרן אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וועלכע איז אַנטשטאַנען פון דאָס נײַ נאָכן ליקווידירן די פריִערדיקע מאַנשאַפט מחמת אַ מסירה פון אַ ייִד אויף דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, בכן זי האָט זיך געגרייט צום אַנטלויפן. אָפּשאַצנדיק די מאָראַ־לישע האַלטונג פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, שטרײַכט לעווענטאַל אונטער, אַז ער האָט נישט בדעה צו פאַרטיידיקן די גאַנצע זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וואָרום די מערהייט האָט זיך צוגעוווינט צו איר מלאכה בזויה און אויפגע־הערט טראַכטן. עס איז אָבער אויך געווען אַ גרופּע איידעלע מענטשן, פון וועלכע עס איז אַרויס דער געדאַנק וועגן ווידערשטאַנד. לכתּחילה האָט מען געטראַכט וועגן אַנטלויפן, אָבער צום סוף האָט גובר געווען דער געדאַנק פון אָרגאַניזירן אַ בונט.

לעווענטאַלס כּתב יד האָט — אין אונטערשייד צו די ערשטע צוויי

— דעם גרויסן באַטײַט, וואָס ער טראַקטירט אין דער פֿולער ברייט די פּראָבלעם פֿון דעם אויפֿקום און חבלי לידה פֿון דער ווידערשטאַנד־באַווע־גונג אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און וואָס ער גיט אַ גענויע שילדערונג פֿון פֿאַרלויף פֿון דעם ווידערשטאַנד, אַ שילדערונג, וואָס איז אין אַ סך פּרטים אַנדערש פֿון די, וואָס מיר האָבן ציטירט אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל פֿון אונדזער אַרבעט. די אָנפֿירונג פֿון דער ווידערשטאַנד־גרופּע פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איר טרוים פֿון באַוואָפֿנטן אויפֿ־שטאַנד וועט זי קאָנען רעאַליזירן נאָר בשותּפֿות מיט די ווידערשטענדלער פֿון לאַגער, מיט די פֿאָליאַקן, רוסן, ייִדן פֿון דער אַלגעמיינער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג. די האָבן אָבער געהאַלטן, אַז היות דער פֿראָנט רוקט זיך צו צום לאַגער, איז בעסער אָפּצוּוואַרטן. דאָך איז מען דערנאָך צוגע־טראָטן צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם אויפֿשטאַנד אין לאַגער. די גרופּע פֿאָליאַקן, רוסן און ייִדן, וואָס איז געווען באַשעפֿטיקט בײַם פֿונאַנדער־נעמען די אַלטע מאַגאַזינען פֿון ס. ס. האָבן צוגעזאָגט צוצושטעלן דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ געווער, מיט וועלכן די ייִדן פֿון קרעמאַטאָריע־מאַנ־שאַפֿטן האָבן געדאַרפֿט אַטאַקירן די באַראַקן פֿון ס. ס. און זיי אונטער־צינדן. אָבער אויך פֿון דעם איז גאָרנישט געוואָרן, ווײַל די פֿאַרבינדעטע האָבן אויך דאָס מאָל אָפּגעלייגט די אַקציע און „מיר האָבן געקריצט מיט די ציין", שרײַבט לעווענטאַל. אַ געוויסן שטער פֿון די פּלענער פֿון אַן אייגענעם אויפֿשטאַנד, בלויז פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, איז געווען די חילוקי דעות אינערהאַלב דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ גופֿא, קודם כּל צווישן די קאָמאַנדאָס פֿון די קרעמאַטאָריעס 2 און 3. ענדלעך איז געקומען אַ גינסטיקער מאָמענט. די קאָמאַנדאָס פֿון די קרעמאַטאָריעס 4 און 5 האָבן זיך פּלוצים געפֿונען אין אַ טויט־סכּנה, די קרעמאַטאָריעס האָבן אויפֿגעהערט צו אַרבעטן. די ס. ס. האָט אויף אַ פֿאַררעטערישן אופֿן ליקווידירט 200 מאַן פֿון די קאָמאַנדאָס 4 און 5 און זיך געגרייט צו טאָן דאָס זעלבע מיט נאָך 300 מאַן פֿון די דאָזיקע קאָמאַנדאָס, וועלכע מען האָט אויף נאַכטלעגער אַוועקגעפֿירט פֿון דעם באַראַק אויפֿן בוידעם פֿון דער קרעמאַטאָריע גופֿא. איצט האָט זיך די אָנפֿירונג פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ געפֿונען בפֿירוש אין אַ קלעם צווישן האַמער און קאָוואַדלע, צווישן די יונגע מיטגלידער פֿון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וועלכע האָבן געפֿאָדערט אַ באַלדיקן אַרויסטריט און די פֿאַרבינדעטע פֿונעם לאַגער, וועלכע האָבן אַלץ אָפּגערוקט דעם

טערמין. לעווענטאַל שטרײַכט אונטער, אַז סוף כּל סוף איז געקומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט דער אָנפירונג פון דעם אַלגעמיינעם לאַגער־ווידערשטאַנד. די זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט געדאַרפט 4 אַזייגער נ.מ., ווען עס קומט פאַר דער טויש פון דער דײַטשישער וואַך, אָנפאַלן צו 5 מענטשן אויף איין וואַכמאַן, אַנטוואָפענען און ליקווידירן און אונטערצינדן די קרע־מאַטאָריע. אין דער דאָזיקער אַקציע זענען געוואָרן אַרײַנגעצויגן 120 קאַמפּס־פעיִקע מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. מיט אַ הורראַ־אויס־געשריי האָבן זיי געדאַרפט געבן צו וויסן דעם לאַגער וועגן אָנהייב פון אַרויסטריט. דאָ איז אָבער געשען אַ זאַך, וועלכע לעווענטאַל באַצייכנט ווי אַן אומגליק און וואָס האָט קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן.

דאָס איז געשען דעם 7טן אָקטאָבער 1944. לעווענטאַל האָט זיך געפונען אין דער גרופּע פון קרעמאַטאָריע 3. אַהער איז פּלוצים אָנגע־קומען די ידיעה, אַז די דײַטשן זענען געקומען נאָך די 300 מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ 4—5. און די דאָזיקע 300 זענען אַרויסגעטראָטן אַליין. מיט שפּאַדלען, העק און שטיינער באַפאַלן די וואַכלײַט און גענומען אַנטלויפן. מיר — שרײַבט לעווענטאַל — אין דער גרופּע פון די קרעמאַ־טאָריעס 2—3 [9], האָבן געהאַלטן דעם אַרויסטריט פון די זאָנדער־לײַט פון די קרעמאַטאָריעס 4 — 5 [10] פאַר אַ פּריצײַטיקע אַוואַנטורע. ווײַטער דערציילט לעווענטאַל, אַ ביסל כאַאָטיש, אַז אין קרעמאַטאָריע — און מיר הערן נישט אין וועלכער — זענען געבליבן דרײַ חברים, בתוכם יאַנקל האַנדעלסמאַן און דער דיין, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען אויפצורײַסן די קרעמאַטאָריע פאַרן פרײַז פון אייגענעם טויט.

חוץ די דאָזיקע וויכטיקע ביז איצט אומבאַקאַנטע מאָמענטן ברענגט לעווענטאַל נאָך אַ ריי פאַקטן, וואָס זענען ביז איצט נישט געווען באַקאַנט. דהיינו: אַז אין דער גרופּע פון די קרעמאַטאָריעס 2 — 3 איז געווען באַ־שטימט פאַרן קאַמפּס־אָנפירער אַ בחור פון גאָסטינין עלוש מאַלינקאַ, אַז דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער גאַנצער באַוועגונג איז געווען זלמן גראַדאָווסקי פון סוואַלק, אַז דעם פריִערדיקן ייִדישן קאַפּאָ קאַמינסקי, וואָס האָט געגרייט דעם ערשטן ווידערשטאַנד, האָט געמסרט דער פּוילישער קאַפּאָ מיעטעק מאַראַוואַ [11]. ער רעדט אויך וועגן דער הילף פון דער מייד־לעך־גרופּע פון דער פאַבריק „אוניאָן". לסוף כאַראַקטעריזירט לעווענטאַל די צוויי קאָמוניסטישע פירער פון דער באַוועגונג: יאָסל וואַרשאַווסקי און

יאַנקל האַנדעלסמאַן. ער רעכנט אויס די אַנדערע אָנפירער פון דעם אויפֿשטאַנד: דעם דיין, אַ געוויסן רעליגיעזן ייִד, וואָס האָט געלערנט אין דער סוזמירער ישיבה און איז געוועזן געשיקט גערופן דורך די קאָמוניסטן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ „סאָציאַליסט פון משהס גלויבן". וועגן דעם דיין און מאַלינקאָן, שרייבט לעווענטאַל, אַז זיי זענען געבליבן לעבן נאָכן אויפֿשטאַנד, און דאָס באַקרעפטיקט נאָך מער אונדזער מיינונג, אַז דער דיין איז דער מחבר פון דעם פריִער דערמאָנטן אַנאָנימען טאָגבוך [12]. ווײַטער דערמאָנט לעווענטאַל די אַנדערע פירער פונעם קאַמף: לייב־הערשקאָ פּאַניטש פון לאָמזשע, אײַזיק קאַלניאַק פון לאָמזשע, יוסף דערעווינסקי פון לונע ביי גראָדנע, לייב לאַנגפוס [13] פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק (געבוירן אין וואַרשע).

בײַם סוף קערט זיך לעווענטאַל אום צום פּראָבלעם פון די צווישן־באַציונגען: זאָנדער־קאָמאַנדאָ און אַלגעמיינע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין לאַגער. לעווענטאַל שרײַבט מיט פֿאַרביטערונג, אַז די זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט פון זיך אַלץ אַרויסגעגעבן, און דער עיקר די געהיימע דאָקומענטן וועגן דעם גרויליקן סוד פון די גאַז־קאַמערס. געטאָן עס מיט פולער מסירת נפש. דערפֿאַר האָבן זיי באַקומען די אָפּשטופּעניש און אָפּרוקעניש פון דעם טערמין פון געמיינזאַמען אַרויסטריט.

די לעצטע דאַטע, מיט וועלכער לעווענטאַל פֿאַרענדיקט זײַנע אויפֿגעבראָכענע שורות, איז דער 10טער אָקטאָבער 1944. דרײַ טעג נאָכן טראַגישן אויפֿשטאַנד.

זלמן לעווענטאַלס כּתב יד איז געשריבן נערוועז, צעשויבערט, כאַאָטיש. דער מחבר קערט זיך אָפּט אום צו פריִערדיקע צײַטן און שוין באַרירטע פּראָבלעמען. דער מחבר איז אַ קנאַפּער ייִדיש־קענער, דאַקעגן קען ער גוט העברעיִש און אָפּערירט מיט עכט פֿאָלקסטימלעך־ייִדישע באַגריפן און טערמינען. סײַ דער סטיל, סײַ די גראַמאַטיק לאָזן איבער אַ סך צו ווינטשן. דאָס איז נישט דער עלעגאַנטער סטיל פון זלמן גראַדאָווסקי און אויך נישט די בילדערישקייט פון דעם „אַנאָנים". דערפֿאַר איז לעווענטאַלס מאַנוסקריפּט אַן אומשאַצלעכער אוצר פון שטאַנדפּונקט פון דערקענען די געשיכטע און פֿאַרלויף פון דעם אויפֿשטאַנד גופא און פון די איבערלעבענישן פון אַ טייל, דעם בעסטן טייל, פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

צוליב דער ווײַט גרייכנדיקער צעשטערונג פון כתב יד גיבן מיר אינעם טעקסט מאַקסימום פון די יעניקע זײַטלעך, וואָס זענען מער אָדער ווייניקער פאַרשטענדלעך.

ד. לעווענטאַלס הוספה צום לאָדזשער כתב יד

דעם 28סטן יולי 1961 האָט מען אויפן שטח פון קרעמאַטאָריע 3 פון אַ גרוב מיט אַש אויסגעגראָבן אַן אויסגעבויגענע און דורכגעפּרעסענע פון זשאַווער מיליטערישע מענאַשקע, אין וועלכער עס איז געלעגן אַ ייִדישער כתב יד. די אויסגראָבונגס־אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן צוזאַמען דורך דעם אוישוויצער מלוכהשן מוזיי און דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די נאַצישע פאַרברעכנס אין פוילן. געזוכט האָט מען אַדאַנק דער אינפאָרמאַציע פון דעם שוין דערמאָנטן פוילישן געוו. אסיר פאָרעמבסקי און דער ענערגיע פון דער געוו. אַרעסטירטער פון אוישוויץ מאַריאַ־עלזשביעטאַ יעזשיערסקאַ. דער געפונענער מאַנוסקריפּט איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: איין טייל, אַ גרעסערער, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ, דער צווייטער קלענערער כתב יד, איז געווען צוגאָבנאָטיצן פון זלמן לעווענטאַל געשריבן אין בירקענאַו אין דער צײַט פון דער אַקציע פון באַגראָבן די דאָקומענטן און געחתמעט טאַקע דורך לעווענטאַל גופא.

פאַר אונדזער טעמע איז זייער וויכטיק דער פאַקט, וואָס לעווענטאַל דערמאָנט אין דער דאָזיקער תּוספת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, ד. ה. אַז די אסירים אין בירקענאַו און זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן געהערט וועגן דעם ווונדערלעכן קאַמף, וואָס האָט אויך זיי באַפליגלט.

לעווענטאַל שרײַבט, אַז ער האָט געהאַלטן פאַר זײַן חוב דעם געפונענעם דורך אים טאָגבוך „אַזוי צו באַהאַלטן, אַז ער זאָל איבערהאַלטן אַ לאַנגע צײַט". ער דערמאָנט וועגן אַן אַקציע פון פאַרגראָבן דאָקומענטן און גיט געוויסע אָנווײַזונגען, ווו מען דאַרף נאָך זוכן און פאַרענדיקט מיט אַן אַפּעל: „זוכט ווײַטער, איר וועט מער געפינען". אַדאַנק די דאָזיקע אָנווײַזונגען זענען געפונען געוואָרן די אויבן דערמאָנטע זײַנע פאַרצייכענונגען.

דער לאָדזשער טאָגבוך, אויף וועלכן עס איז נישטאָ קיין נאָמען פון אַ מחבר, איז, ווײַזט אויס, געבראַכט געוואָרן קיין בירקענאַו דורך אַ

לאָדזשער ייִד, אַ קרבן פון דעם גרויסן ענדגילטיקן גירוש פון לאָדזשער געטאָ אין אויגוסט 1944. לעווענטאַל ווי אַ מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט וויַיזט אויס, געפונען דעם טאָגבוך אין די זאַכן נאָך דעם אומבאַקאַנטן לאָדזשער מחבר [14] און באַגראָבן צוזאַמען ביידע חיבורים.

דער דאָזיקער קליינער לעווענטאַל־מאַנוסקריפּט איז אויך שטאַרק צע־שעדיקט, קוים לייענבאַר. פאַרשריבן אויף די לעצטע פּוסטע קאַרטלעך פונעם לאָדזשער טאָגבוך, צווייזיַיטיק מיט אַ קאָפּיר־בליַישטיפט. בלויז אַ ברוכטייל פון אים איז מען ביכולת צו פאַרעפנטלעכן [15].

אָט אַזוי שטעלט זיך פאַר בקיצור די געשיכטע פון די אויסגעגראָבענע כתב ידן פון די דריַי מחברים: זלמן גראַדאָווסקי, זלמן לעווענטאַל און דער „אַנאָנים", אונטער וועלכן עס באַהאַלט זיך אויס וואַרשיַינלעך דער מאַקאָוו־מאַזאָוויעצקער דיין.

אַלע דריַי זענען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירערישן טויט. דער ערש־טער איז געפאַלן אויפן קאַמפּספּלאַץ, די אַנדערע צוויי זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דיַיטשן וואַרשיַינלעך סוף נאָוועמבער 1944.

פון זייערע ווערק איז געבליבן נאָר אַ טייל. אָבער אויך דער טייל איז גענוג צו וויַיזן דעם אמתן מאָראַלישן פּנים פון די מחברים און קעמפער, די נשמה פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

דאָס זענען אויסערגעוויינטלעכע דאָקומענטן, וואָס זייער ווערט באַ־שטייט נישט אין סטיל־שיינקייט און שפּראַך־אויסגעטאָקטקייט, נאָר אין זייער אינהאַלט, אין דער מענטשלעכער ברויזונג און דראַנג צו פריַיהייט, מיט וועלכע זיי זענען דורכגעדרונגען.

דאָס זענען מגילות אוישוויץ־בירקענאַו.

הערות צום קאַפּיטל פופצן

(1 Maria Elżbieta Jezierska: Archeologia oświęcimska, Tygodnik Powszechny, Nr. 5, 3.II.1963, s. 1-2.

(2 פּאַליאַקאָוו, ז' 169—170, ג"ע פון דוב פּייסיקאָוויטש.

(3 אין לויף פון דער אַרבעט איז מיר געלונגען פעסטצושטעלן ווער איז געווען דער „אַנאָנים". זע: ז' 276—281.

(4 А. А. Лопатенко; Интересный документ (записки Залмана Градовского).

אַרכ. ב. מאַרק.
דער כתב־יד איז אויסגעגראָבן געוואָרן דורך שלמה דראַגאָן, אסיר נ' 80359 און איבערגעגעבן דער סאָוויעטישער אויסערגעוויינלעכער מלוכהשער קאָמי־סיע צו פאָרשן די נאַצישע רציחות אין אוישוויץ.
שלמה דראַגאָן איז געווען אַ מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. ס'איז אים געלונגען איבערצולעבן דעם לאַגער אַדאַנק דעם, וואָס ער איז אַנטלאָפן פון עוואַקויר־טראַנספּאָרט, וועלכער איז דעם 18טן יאַנואַר 1945 אַרויסגעפירט געוואָרן פון בירקענאַו. נאָך דער באַפרײַונג איז ער צוריקגעקומען קיין אוישוויץ, ווו ער איז געווען בעת די אַרבעטן פון דער אויבן דערמאָנטער קאָמיסיע. זע זײַט 187.

Rękopisy członków sonderkommando. „Zeszyty oświęcimskie". Numer specjalny [2] 1971, s. 5-6.

5) פרײַמאַרק יעקב, יד ושם פ־944/99.

6) פוילישע פּאַראייניקטע אַרבעטער פּאַרטיי.

7) בעלזשעץ — אין טאָמאַשאָוו־לובעלסקי פּאָוויאַט, אין דער צײַט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע ביז סוף 1941 — אַרבעטס־לאַגער, אין 1943—1942 — אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. עס זענען דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן אַרום 800.000 אסירים, איבערהויפּט ייִדן פון פּוילן און אַנדערע לענדער.

8) זע הערה נ' 3.

9) אין טעקסט קרעמאַטאָריעס נ' 1—2.

10) אין טעקסט קרעמאַטאָריעס נ' 3—4.

11) אינעם בוך: „Szukajcie w popiołach (Papiery znalezione w Oświęcimiu), Wydawnictwo Łódzkie 1965, s. 7. לייענען מיר, אַז מיעטעק מאַראַוואַ, דער קאַפּאָ פון די א.ג. „הייצערס" אין קרעמאַטאָריום 3, אין בירקענאַו האָט מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט געהאָלפן צו באַגראָבן אויפן שטח פון קרעמאַטאָריום 3 דאָקומענטן, וועלכע ס'האָבן צוגעגרייט די מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. מיעטעק מאַראַוואַ איז געוואָרן דערשאָסן דורך די נאַציס אין קאָנצענטראַציע לאַגער מאַטהאַוזען אין אַפּריל 1945.

12) זע: זז' 276—281.

13) דאָרטן.

14) דער מחבר איז עמנואל הירשבערג, אַ שרײַבער און דיכטער, געלעבט און געשאַפן אין לאָדזש. זײַן נאָמען איז דעשיפרירט געוואָרן דורך דעם שרײַבער חיים לייב פוקס אין בוך: „לאָדזש של מעלה", תל־אביב, 1972, פאַר לאַג י. ל. פּרץ, ז' 184—185.

15) דער טעקסט איז געוואָרן דעשיפרירט דורך ליבער ברענער, וועריפיצירט דורך שמעון דאַטנער.



דאָס לעצטע בלעטל פון בוך „מגילת אוישוויץ“
כתב יד פון בער מאַרק

אסתר מאַרק

דערגענצונג צו די ידיעות וועגן דעם מחבר „אַנאָנים" און זײַנע כתב־ידן

בײַם פּאָרזעצן די אַרבעט איבערן בוך: „מגילת אוישוויץ" איז מיר געלונגען פעסטצושטעלן, אַז דער מחבר פונעם טאָגבוך א"ב „אין גרויל פון רציחה" איז לייב לאַנגפוס, דער געוועזענער דיין פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, וואָס מײַן פאַרשטאָרבענער מאַן, פּראָפ' בער מאַרק האָט סוגערירט אין זײַן אַרבעט, אַז דאָס טאָגבוך און די צוויי דערמאָנטע שוין פריִער באַריכטן: „3000 נאַקעטע פרויען" און „600 יינגלעך" זענען פון איין און דעם זעלביקן מחבר, האָב איך זיי איבערגעגעבן צו אַ גראַפאָלאָגישן אַנאַליז. די עקספּערטיזע, וועלכע ס'האָט דורכגעפירט דער זאַכקענער און פאָרשער פון ירושלימער אוניווערסיטעט אפרים קופּער, האָט באַשטעטיקט, אַז די קאָנטראָלירטע אויבן דערמאָנטע דאָקומענטן, ד"ה. דאָס טאָגבוך און די צוויי באַריכטן זענען געשריבן מיט איין און דער זעלביקער האַנט.

לייב לאַנגפוס איז אויך דער מחבר פון נאָך אַ דאָקומענט, וועלכן מען האָט געפונען צוזאַמען מיט די „פאַרצייכענונגען" פון זלמן לעווענטאַל. דאָס איז אַ רשימה פון דער צאָל אסירים, וואָס זענען אַפּגעשיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן אין דער צײַט פון 9טן ביזן 24סטן אָקטאָבער 1944. די רשימה איז פאַרשריבן אויף אַ לאַנג בלעטל מיט אַ בלײַער פון איין זײַט. דער דאָקומענט איז געשריבן אין פּויליש, דאָס איז אַ סברה, אַז ער איז באַשטימט געווען פאַר דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אוישוויץ, וועלכע פלעגט די באַקומענע אינפאָרמאַציעס איבערשיקן דורך אירע קאָנספּיראַטיווע קאַנאַלן צו דער פרײַער וועלט.

די רשימה איז אײַנגעטיילט אין פאָלגנדיקע רובריקעס: די דאַטע, ווען דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען; פון וואַנען; צאָל אסירים; אין וועלכער קרעמאַטאָריע פאַרברענט. אין דער רעכטער זײַט אויף דער גאַנצער לענג פון בלעטל געפינט זיך אַ צושריפט: 7/10 [אָקטאָבער 1944] זענען דער־

שאָסן געוואָרן 460 מ[ענער] פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און אַז די ס.ס. האָט דורכגעפירט אַ בלוטיקע שחיטה איבער די אויפשטענדלער.

דער אויפשריפט באַשטעטיקט די דאַטע פון אויפשטאַנד.

וועגן די געשעענישן האָבן אויך איבערגעגעבן צווישן אַנדערע די פּײַערלעשער, אסירים פון אױשװיץ 1, וועלכע זענען דעם טאָג געווען באַשעפטיקט בײַם לעשן די שׂרפה, וואָס איז אויסגעבראָכן בעת די אויפשטענדלער האָבן אויפגעריסן די קרעמאַטאָריע נומער 4. די פּײַערלעשער זענען געווען עדות פונעם דאָזיקן מאָרד [1].

די צאָל פון 460 דערשאָסענע שטימט מיט די אָנגאָבן פון אַנדערע קוועלן, לויט וועלכע די צאָל פון אַלע מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט דעם 7טן אָקטאָבער 1944 באַטראָפן בסך הכל 663 מאַן. מיט צוויי טעג שפּעטער נאָכן אויפשטאַנד, דעם 9טן אָקטאָבער האָט זי געציילט נאָר 212. פון דעם צוזאַמענשטעל דרינגט אַרויס, אַז די זאָנדער־קאָמאַנדאָ נאָך דעם אויפשטאַנד איז פאַרקלענערט געוואָרן מיט 451 מיטגלידער. ווײַזט אויס, אַז דער מחבר פון דער נאָטיץ האָט די צאָל פאַראַלגעמיינערט צו 460 [2].

די רשימה באַשטעטיקט אויך די אינפאָרמאַציע וועגן אויפרײַסן דורך די אויפשטענדלער די קרעמאַטאָריע נ׳ 4. די רשימה ווײַזט, אַז איינע פון די קרעמאַטאָריעס אין בירקענאַו, נומ׳ 3, לויטן מחבר, ד״ה נומ׳ 4 לויט דער דײַטשער ציילונג, איז שוין אין יענער צײַט נישט געווען טעטיק [3].

כדי דער דאָקומענט זאָל זײַן צוטריטלעך פאַרן לייענער האָבן מיר דערגענצט די קירצונגען, וועלכע געפינען זיך אין כתב יד און צוגעגעבן טיטלען פאַר אייניקע רובריקעס. די דערגענצונגען און צוגאָבן זענען אַרײַנגענומען אין קוואַדראַט קלאַמערן לויט די אָנגענומענע כּללים.

וועגן מחבר

אין דער ערשטער פּובליקאַציע פון טאָגבוך איז אָנגעוויזן: „פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר״. פּראָפ׳ בער מאַרק האָט אין רעזולטאַט פון זײַנע פאָרשונגען פעסטגעשטעלט אַז דער אַנאָנימער מחבר איז געווען אַ דיין אין אַ פּוילישן שטעטל מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, אַז זײַן יידיש איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיאַלעקט פון קאָנגרעס־פּוילן און אַז ער איז געווען פון די אָנפירער פון ווידערשטאַנד אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

שטיצנדיק זיך אויף אַט די פּרטים און אין רעזולטאַט פון מײַנע ווײַטערדיקע פאָרשונגען אויף דעם געביט — בעיקר אַדאַנק נײַע מאַטע־ריאַלן, וועלכע איך האָב געפונען אין ישׂראל, און עדות־דערקלערונגען פון געוועזענע אסירים אין אוישוויץ, — מאַקאָווער תּושבים פון פאַר דער מלחמה — און אַדאַנק נײַע יזכּור־ביכער, וואָס זענען דערשינען אין די לעצטע יאָרן — איז מיר געלונגען פעסטצושטעלן די אידענטיטעט פון „אומבאַקאַנטן מחבר" און דעשיפרירן די ראשי־תּיבות. י.א.ר.א. וואָר־שײַנלעך זענען דאָס איניציאַלן פון זײַן נאָמען און פאַמיליע אין העברעיִשער איבערזעצונג, ד"ה:

לייב־(יהודה) **א**ריה; — י. א.

לאַנגפוס־**ר**גל **א**רוכה; — ר. א. צוזאַמען. י. א. ר. א.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ השערה.

לייב לאַנגפוס האָט געשטאַמט פון וואַרשע. געלערנט אין דער סוזמירער (סאַנדאָמירער) ישיבה. געווען אַ קענער פון תּלמוד און באַהאַוונט אין וועלטלעכע לימודים. אין יאָר 1933 אָדער 1934 האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער דבורה, פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצקער דיין שמואל יוסף ראָ־זענטאַל ז"ל. נאָך זײַן פּטירה האָט זײַן אײדעם, לייב לאַנגפוס פאַרנומען דעם אַמט פון מאַקאָוו־מאַז. דיין. אין יאָר 1939 נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, ווען דער מאַקאָוו־מאַזאָוויעצקער רב איז אַנטלאָפן קיין וואַרשע, האָט לאַנגפוס אים פאַרטרעטן און איז געוואָרן דער ראש פון דער ייִדישער רעליגיעזער עדה פון דעם שטעטל.

דער געוועזענער מיטגליד פון מאַקאָווער יודנראַט, אברהם גאָרפינקעל, דערציילט וועגן אים, אַז שוין אין די ערשטע חדשים פון דער היטלע־ריסטישער הערשאַפט האָט ער געזאָגט, אַז מען טאָר די דײַטשן נישט גלייבן. מען דאַרף נישט אויספירן זייערע פאַראָרדענונגען, נאָר זיך אַנט־קעגנשטעלן, ווײַל אַלע דײַטשישע שריט פירן צו דער פאַרניכטונג פון די ייִדן. „מיר האָבן אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ משוגענעם", איז מודה גאָרפינקעל [4].

דעם 18טן נאָוועמבער 1942 איז לאַנגפוס מיט זײַן משפּחה, צוזאַמען מיט דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, איבער־

געזידלט געוואָרן אין מלאָווער געטאָ און פון דאָרט אין דרײַ וואָכן שפּעטער, דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, ווו ער איז אָנגעקומען דעם 10טן דעצעמבער 1942. פון זײַן טראַנספּאָרט, וועלכער האָט געציילט 2300 מאַן, האָבן די דײַטשישע רוצחים אויסגעוויילט „צום לעבן" אין די אַרבעטס־קאָמאַנדאָס 523 פּערזאָן, פון זיי 70 געזונטע, פעסט־געבויטע מענער צוגעטיילט צו דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ[5]. לייב לאַנגפוס האָט זיך געפונען אין דער לעצטער גרופּע. די געבליבענע פונעם טראַנספּאָרט האָט מען תיכף פון דער ראַמפּע, נאָך דער סעלעקציע, געשיקט אין די גאַז־קאַמערן. דאָן איז אויך אומגעקומען זײַן פרוי און דער איינציקער זון, שמואל.

די געוועזענע מאַקאָוו־מאַזאָוויעצקער אײַנוווינער, וועלכע זענען צוזאַמען מיט אים צוגעטיילט געוואָרן צו דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, האָבן אים אַרומגערינגלט מיט אַ ספּעציעלער זאָרג. זיי האָבן זיך באַמיט, אַז ער זאָל נישט זײַן געצוווּנגען צו פאַרברענען די מתים און נישט זײַן בײַם פירן נײַע טראַנספּאָרטן אין די גאַז־קאַמערן. זיי האָבן זיך באַמיט, אַז ער זאָל אויספירן אַנדערע אַרבעטן, ווי: דאָס אויסקערן דעם הויף פון קרעמאַטאָריום, אָדער שטיין אויף דער וואַך בײַם טויער, וואָס האָט געפירט צום קרעמאַטאָריום.

לאַנגפוס גופא האָט אין זײַן גבית־עדות "3000 נאַקעטע" געשריבן וועגן זיך: „איך בין פּרינציפּיעל קיין מאָל נישט אָנוועזנד געווען בײַם טרײַבן יידן צום טויט, ווײַל עס האָט געקענט טרעפן, אַז די עס.עס.־לײַט זאָלן צווינגען דיך אויסצונוצן צו זייערע מערדערישע צוועקן אויף דעם קרעמאַטאָריום".

אייניקע מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן געוווּסט, אַז עס אינטערעסירן אים ידיעות וועגן די געשעענישן אין לאַגער און אַז ער פאַרשרײַבט עס. באַזונדערס האָבן אים כסדר צוגעשטעלט אינפאָרמאַציעס געוועזענע מאַקאָוו־מאַזאָוויעצקער לאַנדסלײַט, וועלכע האָבן געאַרבעט כמעט אין אַלע קרעמאַטאָריעס פון בירקענאַו. ס'פלעגן קומען צו אים עטלעכע זײַנע בני עיר, וועלכע האָבן געאַרבעט אין אַנדערע קאָמאַנדאָס. וועגן זײַנע צוזאַמענטרעפן מיט אים דערציילט מרדכי טשעכאַנאָווער, וועלכער האָט ווי אַ דאַך־דעקער געהאַט אַ צוטריט צום שטח פון די קרעמאַטאָריעס. לאַנגפוס פלעגט אים באַגריסן, אַרויסברענגענדיק געציילטע

ווערטער, פרעגן וועגן דער סיטואַציע פון די מאַקאָוו־מאַזאָוויעצקער ייִדן. נאָך דעם פלעגט ער אַרײַנפּאַלן אין אַ שטיל־שווײַגן, פון וועלכן טשעכאַנאָווער האָט אַרויסגעפילט אַ „שרעקלעכן וויי־געשריי פון פאַרצווייפלונג" [6].

דער צווייטער בן־עיר, שמואל טאַוב פון דער קאַנאַל־רייניקער־קאָמאַנדע, פלעגט אַרבעטנדיק אויפן שטח פון די קרעמאַטאָריעס זיך באַגעגענען מיט לאַנגפוסן. איין מאָל, דאָס איז געווען אין די פרימאָרגן־שעהען פון די ערשטע טעג אין חודש אָקטאָבער פון 1944 יאָר, איז לאַנגפוס אָן אויפגערודערטער אים אַנטקעגנגעלאָפן און אים מיט אַ ציטערנדיקער שטים געהייסן פאַרגעדענקען, וואָס ער וועט אים איבערגעבן. ער האָט אים נעמלעך געזאָגט, אַז די קרעמאַטאָריע וועט אויפגעריסן ווערן און אַז ער וועט זי אויפרײַסן צוזאַמען מיט זיך. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל דערווײַל האַלטן בסוד דאָס וואָס ער גיט אים איבער, אַז ער האָט אויפן שטח פון דער קרעמאַטאָריע אין פאַרשיידענע ערטער באַהאַלטן וויכטיקע נאָטיצן וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אוישוויץ, אין די גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס, אַז אַלץ דאַרף מען אויפדעקן פאַר דער וועלט. דאָס איז געווען ש. טאַובס לעצטע באַגעגעניש מיט לאַנגפוסן. זײַן ווײַטערדיקער גורל איז אים אומבאַקאַנט [7].

אַ וויכטיקער מקור וועגן לאַנגפוסן זענען די אויבן דערמאָנטע נאָטיצן פון זלמן לעווענטאַל. מיר דערוויסן זיך פון זיי, אַז „לייב לאַנגפוס פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק" האָט געהערט צו דער אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע. פול מיט אַכטונג און באַוווּנדערונג פאַר אים, שרײַבט לעווענטאַל, אַז דער דיין לאַנגפוס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם דעוויז פון די מענטשן פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע: „לעבן און געניסן הײַנט פאַר יעדן פּרײַז, ווײַל מאָרגן קען קומען דער טויט". אין דער אַטמאָספער פון פונאַנדערפאַל האָט ער אַרויסגעלויכטן מיט זײַן ווירדיקייט ווי אַ מענטש, וועלכער קעמפט אויפצוהיטן דעם צלם אלהים.

אָבער פון אָנהייב, ווען אין דער זאָנדער־קאָמאַנדע איז נאָך נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, איז זײַן אײַנפלוס געווען אַ שוואַכער. די סיטואַציע האָט זיך געענדערט, ווען די אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן שטאַרקער און האָט אָנגעהויבן טיפער צו אַרבעטן. לאַנגפוס' וואָרט און זײַן בײַשפּיל האָבן געווירקט אויף מענטשן. גלײַך פון אָנהייב,

ווען ער איז צוגעשטאַנען צו דער אָרגאַניזאַציע האָט ער אַרויסגערוקט זײַן גרייטקייט אויפצורײַסן די קרעמאַטאָריע צוזאַמען מיט זיך, כּדי אומ־צוקומען אַזוי ווי שמשון הגיבור: „תּמות נפשי עם פּלשתּים". אין דער ענדגילטיקער פּלאַנירונג פון דעם אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז ער צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע פון 3 מענטשן, וועלכע האָבן געזאָלט בלײַבן אויפן שטח פון די קרעמאַטאָריעס, כּדי זיי אויפ־רײַסן. אין דער צײַט, ווען אַנדערע מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן געזאָלט אײַנעם קאַמף אַנטלויפן פון לאַגער, האָבנדיק נאָך אַ פּונק פון האָפענונג זיך צו ראַטעווען, געווינען די פרײַהייט און דאָס לעבן, האָט ער, לטובת דער אַלגעמיינער זאַך, באַוווסטזיניק אויסגעוויילט דעם טויט. אַזאַ טויט איז נישט געווען אין סתּירה צו זײַן רעליגיעזער אַנ־שויונג.

די געשעענישן האָבן זיך אָבער אַנדערש אַנטוויקלט. די קרעמאַטאָריע נר׳ 4 איז אויפגעריסן געוואָרן בעתן אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, נישט אַזוי ווי ס׳איז פּלאַנירט געוואָרן פאַר דעם. לאַנגפוס איז געבליבן לעבן. אין דער נאָטיץ פון 10טן אָקטאָבער 1944, ד. ה. אין דרײַ טעג אַרום נאָכן אויפשטאַנד, דערמאָנט ווענן אים לעווענטאַל, אַז ער געפינט זיך אויפן שטח פון דער קרעמאַטאָריע נר׳ 5.

דער דיין לייב לאַנגפוס איז, ווײַזט אויס, אומגעקומען נאָכן 26סטן נאָוועמבער 1944. ווי עס זאָגט דערויף עדות זײַן לעצטע נאָטיץ וועגן דער סעלעקציע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען דעם דאָזיקן טאָג. ער אין צוגעטיילט געוואָרן צו דער גרופּע פון 170 פּערזאָן, וועלכע זענען וואַרשיינלעך געשיקט געוואָרן צום טויט.

יולי 1971

הערות צו דער דערגענצונג פון אסתר מאַרק

1) „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן 1963, נ' 7, ז' 91.

2) דאָרטן, ז' 91, 93.

3) וועגן דער נומערירונג פון די קרעמאַטאָריעס אין בירקענאַו זע זײַט 238.

4) ג"ע פון אברהם גאַרפינקעל, אַרכ. פון ב. מאַרק.

5) מרדכי ציעכאַנאָווער: איבער בלוטיקע וועגן. אין: מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק יזכּור־בוך, ז' 327—330.
שמואל טאָוב: אַ בינטל טרויעריקע זכרונות, אין מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק יזכּור־בוך, ז' 288—289.
ג"ע פון שמואל טאָוב, אַרכ. פון ב. מאַרק.

6) ג"ע פון מרדכי ציעכאַנאָווער, אַרכ. פון ב. מאַרק.

7) שמואל טאָוב, ד.צ.וו., ז' 290.

II

דאָקומענטן

זלמן גראַדאָווסקי	זז' 286 — 347
לייב לאַנגפוס	" 351 — 372
זלמן לעווענטאַל	" 377 — 422
	" 430 — 434

קורצע אויפקלערונגען צו די טעקסטן פון די דאָקומענטן פון „מגילת אוישוויץ"

1. די טעקסטן זענען איבערגעגעבן גענוי ווי אין אָריגינאַל, מיט זייער אויסלייג.

2. טאָפּלטע שטריכן אין קוואַדראַט קלאַמערן: [——] באַדײַטן דאָס פעלן פון טעקסט.

3. זאַצן, אָדער טיילן פון זאַצן, ווי אויך טיילן פון ווערטער אין קוואַדראַט־קלאַמערן באַדײַטן אַ השערהדיקע רעקאָנסטרוקציע פון אָרי־גינאַל פון דעם, וואָס האָט באַאַרבעט דעם דאָקומענט. דער פראַגע־צייכן בײַ די ווערטער אין קוואַדראַט־קלאַמערן ווײַזט אָן די נישט זיכערקייט פון דער השערה.

די רעקאָנסטרוקציע איז געמאַכט געוואָרן נאָר אין דעם פאַל, ווען אין פאַרגלײַך מיטן קאָנטעקסט איז עס אַרויסגעדרונגען בולט און ווען עס האָט זיך געהאַנדלט נאָר אין עטלעכע ווערטער, אָדער אין איין וואָרט, טייל מאָל נאָר אין פעלנדיקע אותיות.

4. די נומערן אין קוואַדדראַט־קלאַמערן אין זלמן לעווענטאַלס כתב־יד („פאַרצייכענונגען") באַדײַטן די רעקאָנסטרוי:רטע נומערירונג פון די זײַטן פונעם אָריגינאַל.

5. די טיטלען פון די נאָטיצן פון זלמן גראַדאָווסקי און זלמן לעווענטאַל זענען צוגעגעבן פון די באַאַרבעטער פון די מאַטעריאַלן.

6. אין טעקסט פון זלמן גראַדאָווסקי האָבן מיר געענדערט זײַן „האָט" אויף „אָט" לשם קלאָרקייט.

פון די אויפשריפטן אויף זלמן גראַדאָווסקים פאַרצייכענונגען

Zainteresujcie się tym dokumentem, który zawiera
bogaty materiał dla historyka.

Заинтересуйтесь этим [док]ументом, ибо он [вме]щает
в себя богатый материал для историка.

Interesser vous de ce document parce qu'il contien
un material trés important pour l'historien.

Interessieren sie sich [— —] Dokument [— —]
sehr wichtiges [— —] enthalt.



זלמן גראַדאָווסקיס מאַנוסקריפּט.

אויבן די מענאַשקעס אין וועלכע דער מאַנוסקריפּט איז געווען אַריינגעלייגט.

זלמן גראַדאָווסקי

פאַרצייכענונגען

געווידמעט מיין פאַרברענטער משפּחה אין בירקענאַו־אוישוויץ:

מיין פרוי — סאָניאַ

מיין מוטער — שרה

מיין שוועסטער — אסתר־רחל

מיין שוועסטער — לובאַ

מיין שווער — רפאל

מיין שוואָגער — וואָלף

[קום] אָהער צו מיר דו גליקלעכער בירגער פון דער וועלט, וואָס לעבט אין יענעם לאַנד, וואו ס'עקזיסטירט נאָך גליק, פרייד און פאַרגעניגן און איך וועל דיר דערציילן, ווי אַזוי די מאָדערנע, געמיינע פאַרברעכערס האָבן אַ פאָלק זיין גליק אין אַ אומגליק פאַרוואַנדעלט, זיין פרייד אין אַ אייביקן טרויער פאַרטוישט — זיין פאַרגעניגן אויף אייביג צושטערט.

קום אָהער צו מיר דו פרייער בירגער פון דער וועלט, וואו דיין לעבן איז דורך מענטשלעכער מאָראַל געזיכערט און דיין עקזיסטענץ דורך אַ געזעץ גאַראַנטירט און איך וועל דיר דערציילן, ווי אַזוי די מאָדערנע פאַרברעכער און געמיינע באַנדיטן האָבן די מאָראַל פון לעבן צוטרעטן און די געזעצן פון עקזיסטענץ פאַרניכטעט.

קום אָהער צו מיר דו פרייער בירגער פון דער וועלט, וועמענס לאַנד איז דורך מאָדערנע כינעזישע ווענט פאַרצוימט, און די נעגל פון די גרויזאַמע טייוולאָנים האָבן גרייכן דאָרטן ניט געקענט, און איך וועל דיר דערציילן, ווי אַזוי זיי האָבן אַ פאָלק אין זייערע טייוולאָנישע אָרעמס איינגעשלאָסן און די גרויזאַמע נעגל מיט סאַדיסטישע אכזריות אין זייער האַלדז איינגעקלעמערט ביז זיי האָבן זיי דערשטיקט און פאַרניכטעט. קום אָהער צו מיר דו פרייער בירגער פון דער וועלט, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק ניט צו קענען פּנים אל פּנים די הערשאַפט פון די מאָדערנע גרויזאַמע

פיראַטן און איך וועל דיר דערציילן און אויך ווייזן, ווי אַזוי און מיט וואָס פּאַראָ מיטלען זיי האָבן מיליאָנען מענשן פון דעם באַרימטן פּאָלק פון מאַרטירער אומגעבראַכט.

קום אַהער צו מיר דו פרייער בירגער פון דער וועלט, וועלכער האָט געהאַט דאָס גליק נישט צו קענען די הערשאַפט פון די גרויזאַמע [— —] צווייפיסיקע חיות און איך וועל דיר דערציילן מיט וועלכע ראַפינירטע סאַדיסטישע מעטאָדן זיי האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען מענשן פון דעם שוצלאָזן, עלענדן און פון קיינעם נישט געשיצטן פאָלק ישראל. קום און זעה, ווי אַזוי אַ קולטורעלער פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך אַ ווילדן טייוולאָנישן געזעץ, [וואָס איז געבוירן געוואָרן אין] דעם קאָפּ פון גרעסטן באַנדיט און געמיינסטן פאַרברעכער, [וואָס] די סאַדיסטישע וועלט האָט ביז זײַן צייט אַרויסגעגעבן.

קום נאָך יעצט, ווען דער חורבן איז אין פולן גאַנג נאָך [— —] קום נאָך יעצט, ווען די פאַרניכטונג מיט אייפערט נאָך הערשט. [קום נאָך יעצט] ווען דער מלאך המות זיין הערשאַפט נאָך האָט. קום נאָך יעצט, ווען די שייטער־אויוונס מיטן גרויסן פייער נאָך פלאַקערן.

קום, שטיי אויף, וואַרט ניט ביז דער מבול וועט פאַריבער, דער הימל זיך אויסלייטערן וועט און די זון וועט אָנהויבן שיינען, ווייל דאַן וועסטו בלייבן שטיין פאַרוואונדערט און וועסט ניט גלויבן, וואָס דיין אויג וועט דיר ווייזן. און ווער ווייס, צי מיט דעם פאַרשווינדן פון מבול וועלן אויך ניט פאַרשווינדן די, וועלכע וואָלטן אַלס לעבעדיקע עדות געקענט זיין און דיר דעם אמת דערציילן קענען.

ווער ווייס, צי פאַרן אויפשיינענדן מאָרגן וועלן קענען אויפטרעטן די עדות פון דער גרויזאַמער פינצטערער נאַכט און דו וועסט דאָך געוויס טראַכטן, אַז דעם גרויסן, גרויזאַמען חורבן, וואָס דו וועסט טרעפן איז דורך קאַנאָנען פעראורטיילט געוואָרן. דו וועסט געוויס קלערן, אַז די גרויסע פערניכטונג, וואָס איז מיט אונזער פאָלק געשעהען, איז דורך די פאָלגן פון קריג געקומען. דו וועסט געוויס טראַכטן, אַז די פולשטענדיגע ליקווידירונג פון אייראָפּעישן פאָלק ישראל איז דורך אַ געוויסע נאַטורעלע קאַטאַסטראָפע געשעהן. די ערד האָט איר מויל געעפנט און זיי זיינען דורך עפּעס אַ געטליכן רמזים כח פון אומעטום צוזאַמענגעקליבן געוואָרן און דורכן אַבגרונט איינגעשלונגען געוואָרן.

דו וועסט ניט גלויבן, אַז צו אַזאַ גרויזאַמער פּערניכטונג האָבן גע־קענט ברענגען מענשן אַפילו דאַן ווען זיי זיינען אין חיות פּערוואַנדלט געוואָרן.

קום מיט מיר, מיט דעם עלנדן, איינזאַמן, נאָך ביים לעבן זיינענדן קינד פון פאָלק ישראל, וועלכער איז פון זיין היים אַרויסגעריסן געוואָרן און צוזאַמען מיט זיין משפחה, פריינד און באַקאַנטע אין נאַסע [ליימעדיגע] קברים אַ צייטווייליגע רוה געטראָפן — און פון דאָרטן צום כלומרשטן קאָנצענטרירטן אַרבייטס־לאַגער [1] געפיהרט געוואָרן און זיינען צום גרויסן יידישן בית־הקברות געקומען. און דאָרטן בין איך פון די טייוולאָנים אַלס שומר ביי די טויערן פון גיהנום געשטעלט געוואָרן [2], דורך ווע־מענס טירן עס זיינען דורכגעגאַנגען און גייען נאָך דורך מיליאָנען יודן פון גאַנץ אייראָפּאַ. איך האָב מיט יעדן [———] ווען זיי זענען [———] געשטאַנען [———] איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט ביז די לעצטע [———] און זיי האָבן מיר זייער לעצטן לעבנס־סוד פאַר[טרויט]. [איך האָב] זיי באַגלייט צו זייער לעצטן לעבנס־טראָט. ביז זיי זיינען אין [———] מלאך המות איינגעשלאָסן געוואָרן און אויף אייביג פון דער וועלט פאַר־ש[וווּנדן]. זיי האָבן מיר וועגן אַלץ דערציילט, ווי אַזוי זיי זיינען פון זייער היים אַרויסגעריסן געוואָרן און זיינען דורכגעגאַנגען אַ קייט פון פּיינלעכע יסורים ביז זיי זיינען צו זייער לעצטן ציעל געקומען אַלס קרבן פאַרן טייוול צו זיין.

קום, מיין פריינד, שטיי אויף, גיי אַרויס פון דיינע וואַרעמע, זיכערע פּאַלאַצן, נעם זיך אָן מיט אַ מוט און דרייסטקייט און קום מיט מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער דעם אייראָפּעישן קאָנטינענט, וואו דער טייוול האָט זיין הערשאַפט פאַרכאַפּט און איך וועל דיר דערציילן און מיט פאַקטן באַ־ווייזן, אויף וואָס פאַראַ אופן די הויכע ציוויליזירטע ראַסע האָט ליקווי־דירט דעם שוואַכן, שוצלאָזן, צו קיין פאַרבראַכן ניט [אָנגעהעריג] פאָלק ישראל.

שרעק זיך ניט פאַר דעם גרויסן טראַגישן וועג. שרעק זיך ניט פאַר די גרויזאַמע, אַכזריותדיקע בילדער, וואָס דיר וועט אויסקומען צו זעהן. שרעק דיך ניט, איך וועל דיר דעם סוף פאַרן אָנהויב ניט ווייזן, און ביס־לעכווייז וועט דיין אויג פערשטאַרט ווערן, דיין האַרץ פאַרטעמפּט זיין און דיינע אויערן טויב ווערן. נעם מיט, דו מענש, אַ פערשידנהאַרטיגן באַגאַזש,

וועלכער זאָל דיר דינען אין קעלט און אין נעץ, אין הונגער און דורשט, ווייל אונז וועט אויסקומען אין דער מיט פון אַ פּראַסטיקער נאַכט אויף וויסטע פעלדער שטיין און באַגלייטן מיינע אונגליקלעכע ברידער צו זייער לעצטן וועג, צו זייער טויטן־מאַרש. אונז וועט אויסקומען צו שפּאַ־צירן טעג און נעכט אין הונגער און דורשט איבער די פערשידענע אייראָ־פּעישע וואַנדער וועגן, וועלכע טראַגן אויף זיך די מיליאָנען יידישע מאַסן, וואָס ווערן דורך די מאָדערנע באַרבאַרן געיאַגט און געטריבן צו זייער גרויזאַמען, טייוולאַנישן ציעל, זייערע לעבנס פאַר אַ קרבן פאַר זייער פאָלק צו ברייננגען.

דו, ליבער פריינד, צי ביסטו שוין צו דער רייזע גרייט? נאָר נאָך איין באַדינגונג וועל איך דיר שטעלן: געזעגן זיך מיט דיין פרוי און קינד, ווייל דו וועסט [— —] די גרויזאַמע בילדער מער ניט וועלן לעבן אויף [דער וועלט] וואו מ׳קען אַזעלכע טייוולאַנישע טהאַטן אָבגעטוהן ווערן.

געזעגן זיך מיט דיינע פריינד און באַקאַנטע, ווייל דו וועסט גע־וויס [נאָכן] אָנקוקן די שוידערלעכע סאַדיסטישע טהאַטן פון דעם כלומרשט קולטורעלן טייוול פאָלק, דיין נאָמען ווילן אויסמעקן פון דער מענש־ליכער משפחה. דו וועסט באַדויערן דעם טאָג פון דיין געבוירן.

זאָג זיי אָן, דיין פרוי און קינד, אַז אויב דו וועסט פון דעם שפּאַציר נישט קומען, איז עס צוליב דעם, ווייל דיין מענטשלעך האַרץ איז געווען צו שוואַך אויסצוהאַלטן דעם גרויסן דרוק פון די גרויזאַמע חיהשע טהאַטן, וואָס דיין אויג האָט געזען.

זאָג זיי אָן, דיינע פריינד און בעקאַנטע, אַז אויב דו וועסט צוריק נישט קומען, איז עס צוליב דעם, ווייל דיין בלוט איז פאַרגליווערט גע־וואָרן און אויפגעהערט צו פונקציאָנירן, זעהענדיג די שוידערלעכע, באַר־באַרישע בילדער, ווי אַזוי ס׳זיינען אומגעקומען די אומשולדיגע, שוצלאָזע קינדער פון מיין עלענדן פאָלק.

זאָג זיי אָן, אַז אויב דיין האַרץ וועט אין [אַ שטיין] פערוואַנדלט ווערן, דיין מוח אין אַ קאַלטן דענקענדען מעכאַניזם פאַרטוישט זיין און דיין אויג בלויז אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט בילדן, דאַן וועסטו אויך צו זיי ניט קומען. זיי זאָלן דיך אין די אורוועלדער זוכן, ווייל דו וועסט אַנט־לויפן פון דער וועלט, וואו ס׳לעבט דער מענש. דו וועסט זוכן אַ טרייסט דאָרט צווישן די ווילדעסטע אכזריותדיקע חיות, איידער צו זיין צווישן

די קולטורעלע טייוולאָנים, ווייל אויך די חיה איז דורך קולטור געצוימט געוואָרן, איהרע נעגל אָבגעטעמפּט און פון איר אכזריות אַ סך פאַרלוירן. אָבער פּונקט פאַרקערט איז דער מענש, ווען ער ווערט אין אַ חיה פער־וואַנדלט. וואָס מער קולטור, אַלץ מער רוצח; וואָס מער ציוויליזאַציע, אַלץ גרעסער דער באַרבאַר; וואָס העכער די אַנטוויקלונג, אַלץ שוידער־לעכער זיינע טהאַטן.

קום מיט מיר, לאָזן זיך אויף די פליגלען פון אַ שטאָלענעם אָדלער אויפהויבן און מיר וועלן אַרומשוועבן איבער דעם גרויסן טראַגישן איי־ראָפּעישן האָריזאָנט און פון דאָרט וועלן מיר דורך מיקראָסקאָפּישע ברילן אויף אַלץ בעאָבאַכטן און אומעטום אַריינדרינגען קענען. נעם מיך אָן שטאַרק ביי מיין האַנד, ציטער ניט [— —] ווייל דו וועסט ערגערס נאָך דאַרפן זעהן.

[— —] נעם זיך אָן מיט מענערישן כוח, טעמפּ אָפּ אין זיך אַלע [— —] פאַרגעס פון דיין פרוי און קינד, פריינד און בעקאַנטע; פאַרגעס די וועלט פון וואַנען דו ביסט געקומען. שטעל זיך פאָר, אַז דו זעהסט אין די ביל־דער ניט קיין מענשן, נאָר עקלהאַפטע חיות, וועמענס עקזיסטענץ מוז אומגעבראַכט ווערן, ווייל ווען ניט, וועט דיין בליק ניט אויסהאַלטבאַר זיין.

שרעק זיך ניט, ווען דו וועסט אין נאַסע ערדישע קברים טרעפן יונ־גענקע לעבעדיגע, צאַפּלדיגע קינדערלעך זעהן, ווייל דו וועסט זיי נאָך אין אַן ערגערע לאַגע טרעפן.

שרעק זיך ניט, ווען דו וועסט אין דער מיט פון אַ פראַסטיגער נאַכט אַ גרויסע יודישע מאַסע טרעפן, וועלכע איז פון זייערע קברים אַרויסגע־טריבן געוואָרן און ווערט געיאָגט אין זיין אומבאַוואוסטן, אומבאַקאַנטן וואַנדער וועג. זאָל דיין האַרץ ניט אויפציטערן פאַר די געוויינען פון די קינדער, געשרייען פון די פרויען און די קרעכצן פון די אַלטע, קראַנקע, ווייל דו וועסט נאָך שוידערלעכעס הערן, און גרויזאַמערס זעהן.

שרעק זיך ניט, ווען דו וועסט נאָך אַזאַ מאַרש, ווען דער טאָג וועט אָנהויבן גראָהען, טרעפן אויף דעם וועג ליגן אַלטע טאַטע־מאַמעס אין פּורפּור־רויטע פלעקן פון די צום טויט דערשאָסענע קראַנקע, שוואַכע, וועלכע האָבן דעם וועג אויסהאַלטן ניט געקענט.

זאָלסט זיך ניט איבערנעמען מיט די שוין פון לעבן פאַרשוואונדענע,

לאָז איבער אַ קרעכץ פאַר די נאָך דערוויילּ ביים לעבן פאַרבליבענע.

ציטער ניט אויף, ווען דו וועסט זעהן, ווי מען טרייבט זיי, די מאַסע, אַריין אין וואַגאָנעס, ווי פאַר אַ טויטן אינווענטאַר, אין אַזאַ צאָל ביז קיין לופט צו אָטעמען פאַרבלײַבט, ווייל זיי ווערן נאָך צו שרעקלעכערס ווע־פירט.

יעצט, מיין פריינד, ווען איך האָב דיר אַלע אָנווייזונגען צו אונזער רייזע געגעבן, וויל איך מיט דיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער איינעם פון די אומצייליקע פוילישע [3] לאַגערן, אין וועלכע ס'זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן פוילישע און פיל אויסלענדישע יודן, וועלכע זיינען פון [— —] איבער־לעבענישן אָבגעשיקט געוואָרן אַהין פון וואַנען קיין צוריק איז ניט, ווייל די אייביקייט האָט איר גרענעץ דאָרט געמאַכט.

קום, מיין פריינד, מיר וועלן יעצט אַראָבנידערן אין דעם לאַגער, וואו איך און מיין פאַמיליע און נאָך צענער טויזענדער יודן האָבן אַ קורצע צייט געלעבט. איך וועל דיר דערציילן, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט אין יענע שוידערלעכע מאָמענטן ביז זיי זיינען צו זייער ענדציעל געקומען.

הער זיך צו, מיין פריינד, וואָס קומט דאָ פאָר.

אין לאַגער [4] הערשט אַ געדריקטע שטימונג, מען האָט היינט אָנגע־זאָגט אַ טראַנספּאָרט פון אייניגע שטעטלעך צוזאַמען. אַלע זיינען צו־שראָקן, די וואָס דאַרפן שוין אָבפאָרן און די, וועמענס ריי עס קען אויך מאָרגן קומען, ווייל מען זעהט, אַז די מאַכט הויבט אָן אין אַ שנעלן טעמפּאָ צו ליקווידירן דעם לאַגער. און דאָ קומען אָן ידיעות, אַז אויך פון דער שטאָדט [5] ווערן כסדר טראַנספּאָרטן אָבגעשיקט און אויף זייער אַ בעסטיאַלישן אופן. זשאַנדאַרמען רינגלען אַרום אייניגע גאַסן צוזאַמען און מען גייט פון הויז צו הויז און מען שלעפּט אַרויס יונג און אַלט, קראַנקע און שוואַכע, ווי זיי וואַלטן די געפערלעכסטע באַנדיטן געווען און אַלע ווערן אָבגעשיקט אין דער גרויסער שטאָהט־שוהל און פון דאָרט ווערן זיי אונטער אַ שטרענגער שמירה צו דער באַן געשיקט, וואו ס'וואַרטן שוין אויף זיי טאָוואַרנע וואַגאָנעס ווי פאַר בהמות געגרייט. זיי ווערן ווי עקלהאַפטע ברואים אַריינגעיאָגט, צונויפגעדריקט, צונויפגעשטיקט ביז עס פאַרפעלט שוין ביים ערשטן אַריינטריט לופט צו אָטעמען... ווען זיי זעהן, אַז די וואַגאָנעס זיינען שוין אַזוי פאַרפאַקט, אַז מענשן הענגען שוין אין דער לופט, דאַן ווערן די טירן פאַרמאַכט, מיט אייזערנע ריגלען פאַר־

קלאַפּט און ווערן דאַן דורך אַ שטרייִנגע באַגלייטונג אָבגעשיקט צו יענער אומבאַוואוסטער ריכטונג, אין יענעם אומבאַקאַנטן פּלאַץ, וועלכער זאָל אַלס אַרבעטס־פּלאַץ פאַר די קאָנצענטרירטע יודן דינען. די יודן, וועלכע וועלן זיך אויסבאַהאַלטן, אָדער די מאַכט האָט אַ פאַרדאַכט, אַז דער, אָדער יע־נער וויל יעצט אויף דער אַרבייט נאָך ניט פאָהרן און זוכט אַ וועג וואו נעלם צו ווערן: ווערט אויפן אָרט דערשאָסן.

אויפן שוועל פון דער גרויסער גראָדנער שוהל איז פאַרגאָסן געוואָרן בלוט פון צענדליגער יונגע לעבנס, אויף וועמען ס'איז געפאַלן אַ פער־דאַכט, אַז זיי פאַרשטייען צו וואָס מען פירט זיי און זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן צו זיין די ערשטע, וועלכע דאַרפן גיין אַלס קרבנות. ווען די מאַכט־האָבער, די ראַפינירטע באַנדיטן און געמיינע פאַרברעכער האָבן געזעהן, אַז דער סיסטעם פון אָבשיקן טראַנספּאָרטן גלייך פון שטאָט צום באַן קען זיי אין דער צוקונפט געוויסע שוועריקייטן פאַרשאַפן, ווייל עס קענען זיך שאַפן פערצווייפלטע יוגנטלעכע גרופּן, וועלכע זיינען ניט געבונדן מיט קיין פאַמיליאַרע אחריות און זיי וועלן מיט כח רעאַגירן, אָדער ערגעץ וואו אַנטלויפן אין די וועלדער זיך אויסבאַהאַלטן. בעסער צווישן חיות איידער צו זיין צווישן זיי, אָדער זיי וועלן זוכן אַ וועג אין די טיפע סודותפולע וועלדער, וועלכע בעהאַלטן אין זיך די איינצלנע צעוואָרפענע, קליינע גרופּן העראָישע קעמפער, וועלכע זענען מפקיר זייער לעבן פאַר אַלגעמיינער פרייהייט און גליק, וועלכע שטערן זיי, די אונטערדריקער און באַצווינגער, אין זייער קאַמף פאַר מאַכט און גרויס־קייט. און כדי דאָס אַלץ אויסצומיידן, כדי צו זיין זיכערער מיטן רויב אַלס גאַנצעס האָבן זיי גענומען אָנווענדן אַנדערע ראַפינירטע מיטלען, וועלכע זאָלן צעטומלען די מוחות, פאַרשיכורן דעם פאַרשטאַנד. זיי האָבן אַ ווער־סיע אַרויסגעלאָזט, אַז דער ענדגילטיגער קאָנצענטראַציאָנס־פּונקט פאַר גראָדנע וועט זיין דער זיך יעצט פון דער פּראָווינץ באַפרייענדער לאַגער [6]. אַזוי האָט מען מיט דעם אילוזאָרישן אָפּיום איינגעשלעפערט אויך די, וועל־כע האָבן געהאַט אַ רעאַלע אינטואיציע וועגן זייער צוקונפט און וואָלטן גרייט געווען צום קאַמף און ווידערשטאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנצענטרירונג פון גראָדנע אין לאַגער.

קום, מיין פריינד, היינט דאַרף אָנקומען אַ טראַנספּאָרט. לאָזן מיר אַרויסגיין אויף דעם וועג, וואָס פירט צום לאַגער. קום, לאָמיר זיך שטעלן

אין אַ זייט, כדי בעסער צו קענען באַאָבאַכטן דעם שוידערלעכן, גרוילעכן בילד.

דו זעסט, מיין פריינד, דאָרט, פון דער ווייט אויף אַ ווייסן, בלאַנקענדן וועג אַ שוואַרצע ליגענדע מאַסע וועלכע באַוועגט זיך קוים און איז אַרומ־גערינגלט דורך הויכע שוואַרצע שאָטענס, וועלכע בויגן זיך כסדר צו צו דער אויף דער ערד קריכענדער מאַסע און דערלאַנגען זיי מיט עפּעס אויף די טיף־געבויגענע קעפּ. מען ווייסט ניט וואָס זיי שטעלן מיט זיך אייגנט־לעך פאָר. צי דאָס ווערן בהמות געטריבן, אָדער מענשן, וועלכע האָבן אַ העלפט פון זייער וואוקס פאַרלוירן. נאָר זע ווי זיי דערנענטערן זיך צו אונז. אַך, דאָס איז דאָך אַ מאַסע פון טויזענדער, טויזענדער יודן, יונגע און אַלטע, וועלכע געפינען זיך יעצט אויפן וועג, וועלכער פירט זיי צו זייער נייער היים. זיי גייען ניט, נאָר זיי קריכן אויף אַלע פיר. אַזוי האָט פאַראָרדענט דער יונגער באַנדיט, אין וועמענס הענט ס׳געפינט זיך דער גורל פון זייער לעבן און זיין. ער האָט געוואָלט זעהן פאַר זיינע אויגן אָט דעם שוידערלעכן בילד, ווי אַזוי אַ ריזיגע מענשלעכע מאַסע אין חיות פערוואַנדעלט ווערט. ער האָט געוואָלט זיין גזלאָניש, סאַדיסטיש האַרץ אָנזעטיקן מיט עמאָציעס פון מענטשלעכן פיין און יסורים. דו זעהסט, ווי נאָכן אָפּמאַרשירן אַ גרויסן שטח הויבן זיי זיך אויף פאַרשיכורטע, ער־שעפּטע און צובראָכענע און מוזן נאָך זינגען און טאַנצן, כדי פריילין צו מאַכן זייערע באַגלייטער.

ער, אָט דער געמיינער פּיראַט, מיט זיינע געהילפן האָבן שוין ביים ערשטן אַרויסטריט זייער איך צוטראָטן, זייער נשמה פאַר אַ קרבן פאַר זייער אַרישן גאָט געבראַכט און זיי פערוואַנדלט אין טראַגישע, לעבעדיקע אויטאָמאַטן, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענעם ווילן, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענעם שטרעבן נאָר טהוען אַלץ אויפן פערלאַנג פון זיינע באַצווינ־גער. דאָס איינציגע, וואָס זיי פערלאַנגען נאָך, דאָס איינציגע געפיהל, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן, זיי כאַטש אַלס אויטאָמאַטן צו לאָזן מיט דער טי־פער אין האַרץ טליענדער האָפנונג, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן זיי צוריק זייער איך באַקומען און מיט אַ נייער נשמה באַהויכט ווערן.

זעה, מיין פריינד, ווי פאַרשטיינערטע, פאַרגליווערטע מאַרשירן זיי אין דער ריי. קיין געוויין, קיין געשריי פון אַ קינד ווערסטו ניט הערן. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל יעדער געוויין פון אַ קינד ווערט דערשטיקט

דורך אַ קלאַפּ פאַרן מוטער און קינד. אַזוי האָבן פאַראָרדענט, אַזוי איז געוועזן דער ווילן פון די יונגע בעסטיעס, אין וועמען ס׳האָט זיך די חיהשע אינסטינקטן צושפּילט און האָבן נאָר פאַר זיך קרבנות גע־זוכט און געוואָלט אָנטרינקען זייערע דורשטיקע, גזלנישע נשמות מיט וואַרעמען יודישן בלוט. די מאַסע מוז זיך צופּאַסן צו די שוידערלעכסטע פּעראָרדענונגען, ווייל ווען ניט, איז דאָס לעבן ביי זיי [7] אין די הענד און זייערע קערפּערס קענען זיך באַלד ווי טויטע פּגרים וואַלגערן אין רויטע טייכן בלוט און קיינער וועט אַפילו ניט זיי אין דער אייביקער רוה פיהרן קענען.

זעה, מיין פריינד, ווי מאַמעס טוליען זייערע קינדער צו זיך און דער־שטיקן זייער געוויין. זיי נורען איין זייערע קעפּעלעך אונטער זייערע טיכער, מען זאָל דאָס יענטשען [8] פון די צום טויט צעפרוירענע קינדער־לעך ניט הערן. באַמערקסט, ווי איין יוד דריקט דעם צווייטנס האַנד אַלס סימן מען זאָל שווייגן. זייט רוהיק, געדענקט, פאַרלירט ניט דעם לעבן פאַר דער צייט. אַזוי זעהט אויס, מיין פריינד, דער אַריינמאַרש פון די טויזענדער טויזענדער יודן, וועלכע גייען אויפן וועג צום צייטווייליקן קאָנצענטרירענדן לאַגער.

און יעצט זעה מיין פריינד [——] און יעצט געשאַפן [——] פאַר זיך די טויזענדער [יודן] [——] האָבן זיי נעכטן אַלס ניציגע עלעמענטן געדינט און זיינען אויך געווען פּריווילעגירט פאַר זייער ניצליכער פאַר־דינסטפולער אַרבייט און זיינען יעצט פערוואַנדלט געוואָרן אין אַ גייסטיג צובראָכענע און פיזיש ערשעפּטע וואַנדערער, וועלכע ווייסן ניט, וואו דער טייוול וועט זיי פאַרטראָגן. וועמענס איינציגער פערלאַנג איז, וואָס שנע־לער אַ לעבעדיגן קבר געפינען, כדי דאָס ב נטל ביינער אַ אָפּרו קענען געבן.

מיין פריינד, אַ שרעקלעכע ידיעה האָבן מיר יעצט באַקומען. איך, מיין משפּחה, פריינד און בעקאַנטע און נאָך טויזענדער יודן צו אונז, מוזן זיך היינט גרייטן אין וועג. פערשיעדענע שוואַרצע מחשבות וועבן זיך אין קאָפּ. ווער ווייס צו וואָס מען פירט אונז, ווער ווייס וואָס דער מאָרגן וועט פאַר אונז ברענגען. עפּעס אַ שרעקלעכער פאַרגעפיהל לאָזט אונז ניט רוהען. ווייל די האַנדלונג פון דער מאַכט איז אין קאָנטראַסט צו דעם אָנ־געצייכענטן ציעל. ווייל אויב מען וואָלט אונז אַלס אַן אַרבייטס־עלעמענטן

אין דער צוקונפט געדאַרפט האָבן, פאַרוואָס שעפט מען אויס אַזוי שנעל אונזער כח? פאַרוואָס צאַפּט מען אויס אַזוי גיך אונזער בלוט? פאַר־וואָס פערוואַנדלט מען שטאַרקע יודישע מוסקולען אין אָנמאַכט זיך אָפּלאָזענדע הענד? פאַרוואָס ליקווידירט מען נוציגע אַרבייטס־געביטן, וועלכע האָבן חוץ אונז קיין פערטרעטונג ניט און בלייבן טויט, אָן באַ־וועגונג? און קיינער נעמט זיך מיט דעם גאָרניט איבער? פאַרוואָס איז די לאָקאַלע מלוכהשע אַרבייט אונגוויטיג, אונגנוציג, אַז מען קען עס צו־ברעכן און פאַרניכטן און דאָרטן אויף דער קאָנצענטראַציע, ערוואַרטענע, איז וויכטיג און גויטיג ווי לעבן [9], פאַרוואָס?

ווער ווייס, צי איז עס אַלץ ניט אַ טראַגישער בלאָף פון די געמיי־נע געשולטע פאַרברעכער, וועלכע ווילן אונז אַ כלומרשטן אַרבייטס כלאָ־ראָפאָרם געבן, כדי לייכטער, אָן שוועריקייטן פאַר זיי דורכפירן איבער אונז די גרויסע פאַרניכטענדע אָפּעראַציע. אָט אַזעלכע געדאַנקען באַ־הערשן אונז יעצט, פון די צו דער רייזע זיך גרייטענדע יודן.

איך זעה, מיין פריינד, אַז ווילסט מיר עפּעס פרעגן. איך פאַרשטיי וואָס דו קענסט ניט באַגרייפן: פאַרוואָס, פאַרוואָס זיינען מיר ביז אַהער געקומען. צי האָבן מיר קיין בעסערן פּלאַץ ניט געקענט געפינען, וואו מיר זאָלן אונזער לעבן זיכערן קענען? אויף דעם וועל איך דיר אָן אויס־שעפנדען ענטפער געבן. דריי מאָמענטן האָבן געווירקט צו פערלייכטערן דעם טייוועל אין [———] פערניכטונגס פּראָצעס פון אונזער פאָלק. איי־נער אָן אַלגעמיינער און צוויי [אינדיווידועלע]. דער אַלגעמיינער מאָמענט איז געוועזן דאָס, וואָס מיר האָבן געלעבט צווישן פוילישן פאָלק, אין ווע־מענס מערהייט מיר האָבן געזעהן און געפילט גרויסע זאָאָלאָגישע אַנטי־סעמיטן און מיט צופרידענהייט האָבן זיי זיך צוג[עקוקט], ווי דער טייוול האָט גלייך ביי זיין אַריינגאַנג זיין אכזריות צו אונז אויסגעלאָזן. מיט אַ כלומרשטן באַדויערן אויפן פּנים און מיט אָן אינערלעכער פרייד אין האַרצן פלעגן זיי צוהערן די שוידערלעכסטע האַרצרייסענדסטע ידיעות פון די הונדערטער טויזענדער יודישע קרבנות, וועלכע זיינען דורכן שונא פערניכטעט געוואָרן אויף די ווילדסטע גרויזאַמסטע אופנים. זיי האָבן זיך אפשר אין האַרצן געפרייט, וואָס סע איז געקומען דער פיראַטן־פאָלק און געטהון די אַרבייט, צו וועלכער זיי זיינען נאָך ניט פעהיק, ווייל זיי פאַר־מאָגן נאָך אין זיך אַ שטיק מענשליכע מאָראַל און געוויסן. דאָס איינציגע

וואָס זיי האָט יאָ און מיט רעכט געשראָקן, איז געווען דאָס, אַז נאָכן פאַרענדיגן דעם קאַמף מיט די יודן, מיט דעם מאָמענט, וואָס ס׳וועט פאַר־שווינדען די ציעל ברעט, צו וועלכער ס׳קען ווערן אויסגעליפערט דער גאַנצער באַרבאַריזם און אכזריות, וועלן זיי זוכן פאַר זיך אַ פרישן קרבן צו שטילן זיינע חיהשע אינסטינקטן. און די שרעק איז טיילווייז געווען אויפן פלאַץ און ס׳האָבן זיך געלאָזט מערקען איהרע פאָלגן. און גרויסע מאַסן יודן האָבן געפּרואווט זוכן אַן אָרט איינגעשלונגען צו ווערן אין דער דאָרפישער, אָדער שטאָדטישער פוילישע באַפעלקערונג, אָבער פון אומעטום באַקומען דעם גרויסן אָבזאָגענדן ענטפער: ניין. אומעטום האָבן זיי פאַר זיך אַ פערמאַכטע טיר געפונען. אַן אייזערנע וואַנט איז פאַר זיי אין יעדן פלאַץ געשטאַנען און זיי זיינען אַלס יודן געבליבן שטיין אויפן פרייען, גרויסן פלאַץ, וואו דעם שונאס האַנד האָט לייכט צו זיי גרייכן געקענט.

דו פרעגסט פאַרוואָס האָבן יודן קיין ווידערשטאַנד ניט געשטעלט. ווייסט — פאַרוואָס [?] ווייל זיי האָבן קיין צוטרוי צו זייערע שכנים גע־האַט, וועלכע וואָלטן זיי ביים קלענסטן דורכפאַל פעררעטן. מען האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין עלעמענט, וועלכער וואָלט ערנסט געוואָלט העלפן און אין געוויסע אחריותפולע מאָמענטן נעמען אויף זיך די אחריות פאַרן קאַמף, פאַרן אויפשטאַנד. די שרעק פאַרן ווערן אויסגעליפערט גלייך צום שונא האָט דעם מוט צום קאַמף אָבגעשוואַכט און די דרייסטקייט אָפּגעטעמפּט.

איך זעה מיין פריינד [——] פאַרוואָס זיינען מיר ניט געלאָפן אין די געדיכט־באַוואַקסענע וועלדער זיך פעראייניקן, פערגרעסערן, אָדער אַליין בילדן קאַדרען פון פאַרטי[זאַנער], וועלכע קעמפן פאַר אַ בעסערן, שע־נערן מאָרגן?

אויף דעם האָבן געווירקט די צוויי אינדיווידועלע מאָמענטן, וועלכע האָבן ווי אַן אָפּיום געווירקט אויף די גרויסע יודישע מאַסן, וועלכע האָבן זיך אָן ווידערשטאַנד געלאָזט פירן צו דער גרויסער, גרויזאַמער שחיטה [10]. דער ערשטער מאָמענט, וואָס האָט אויך די יוגנט פאַרפירט איז געווען דאָס בינדן די משפחות צוזאַמען. דער אחריות געפיהל פאַר עלטערן, פרויען און קינדער האָט אונז אַלעמען צוזאַמענגעבונדן, צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסער אונצוטיילבאַרער מאַסע.

דער צווייטער מאָמענט איז געווען דער לעבנס־אינסטינקט, וועלכער האָט צונישט געמאַכט אַלע שוואַרצע מחשבות און האָט ווי אַ שטורעם צויאָגט אַלע בייזע געדאַנקען, מיט דעם מאָטיוו, אַז דאָס אַלץ, וועגן וואָס ס׳ווערט בסוד גערעדט און געטראַכט, איז מעהר ניט ווי אַ פּראָדוקט פון אַ אַבערגלויביג, געבוירענעם פּעסימיסט און יעדער איינער האָט זיך לייכט אויף דעם געלאָזט פאַנגען.

ווייל ווי קען עס מעגלעך זיין, אַז זיי, די מאַכטהאָבער, אַפילו זיי זאָלן מיט זיך פאַרשטעלן די געמיינסטע, געפערלעכסטע באַנדיטן, זאָלן חוץ אַ לעבן פון קייטן, הונגער און קעלט, נאָך ערגערס קענען פאַרטראַכטן.

ווער האָט דאָס געוואָלט גלויבן אַז מען נעמט מיליאָנען מענשן אָן שום גרונט און סיבה און מען פירט צו אַ פערשידנאַרטיגער שחיטה.

ווער האָט דאָס געוואָלט גלויבן, אַז מען פירט אַ פאָלק צום אונטער־גאַנג צוליב אַ טייוולאָנישן ווילן פון אַ באַנדע געמיינע פאַרברעכער.

ווער האָט דאָס געוואָלט גלויבן, אַז מען גייט ברייינגען אַ פאָלק פאַר אַ קרבן אַלס פאַרגיטערונג אין דורכגעפאַלענעם קאַמף פאַר מאַכט און גרויסקייט.

ווער האָט דאָס געוואָלט גלויבן, אַז אַ פאָלק זאָל בלינד פאָלגן אַ גע־זעץ, וועלכער טראָגט מיט זיך טויט און פאַרניכטונג.

ווער האָט דאָס געוואָלט גלויבן אַז אַ הויך ציוויליזירט פאָלק [וועט אין] טייוולאָנים פערוואַנדלט ווערן, וועמענס איינציגער אידעאַל איז מאָרד, וועמענס איינציגער שטרעבונג איז פאַרניכטונג. אָט די ניט דערשאָצטע אָריענטאַציע וועגן דער פאַרדאַרבונג און פאַרברעכערישקייט, וועגן דער געפאַלנקייט און געמיינקייט פון [———] פאָלק האָט אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט, איינצושלעפערן דעם ווידערשטאַנד־געפיהל אויך ביי די, וועלכע וואָלטן צו דעם פעהיק געווען.

מיין פריינד, איך גלויב, אַז דו פאַרשטייסט אונז יעצט גאַנץ גוט און פיהלסט אונז אויך מיט אין דעם איצטיקן טרויעריג געשאַפענעם מאָמענט. קום יעצט [ציטער ניט], מיר וועלן מאַכן אַ שפּאַציר איבער די טיפע ער־דישע קברים, וועלכע מאַכן יעצט די פיבערהאַפטע צוגרייטונג צו זייער אַפּרייזע.

דו הערסט געוויינען און געשרייען. דאָס טראָגן זיך קלאַנגען פון די טיפע באַראַקן, וועלכע האַלטן אין זייערע אָרעמס די צום טויט דערשראָ־

קענע, אַברייזענדע יודן. קום אַריין אין איינעם פון זיי, דו הערסט — עס איז אַ גרויסער טומל און געפילדער. יעדער מאַכט זיין רייזע־פּעקל פון דאָס סאַמע נויטיקסטע. מ׳טוט זיך אָן וואָס נאָר מעגלעך איז און דאָס איבעריגע, וועלכע איז מיט אַזויפיעל מסירת־נפש געבראַכט געוואָרן, ווערט אָן שום פּאַרדרוס צווישן פריינד און באַקאַנטע און אויך פּאַר פּרעמדע צוטיילט. אַלץ וואָס נעכטן, מיט שעהן צוריק, האָט נאָך עפּעס אַ ווערט געהאַט און מען איז צו דעם געבונדן געווען, האָט יעצט אין די לעצטע שעהן פון פאַר דער רייזע, דעם ווערט פאַרלוירן און ווי גאָרניט קיין ראָל געשפּילט. ווי מען וואָלט עפּעס פאַרגעפילט, אַז אין אַגבליק פון דער צוקונפט איז קיין זאַך ניט נויטיק און אַלץ אוננוציג.

דו זעהסט, מיין פריינד, ווי ס׳גייען צוויי יודן, איינער האַלט אַ ליכט אין דער האַנד צו באַלייכטן די פינצטערניש; און דער צווייטער טראָגט אַ אָפּן זעקל. דאָס זיינען די פאַרשטייער פון די אַברייזנדע שטעטלעך. זיי גייען יעצט צוליב דער לעצטער מאַכט פאַראָרדנונג: אַוועקנעמען ביי די אַברייזענדע די לעצטע ווערטפולע זאַכן, מיט דער דראָהונג פון טויט ביי וועמען מען וועט עפּעס דערווישן.

פרויען טוהען אויס זייערע טייערסטע ציהרונג, וועלכע איז מיט [— —] זייערע לעבנס פאַרבינדן. מיט אַ טרער אין די אויגן און ווייטיג אין הארצן שיידן זיי זיך מיט די ווערטפולע זאַכן, וועלכע זיינען אַלס אַ געשענק [נאָך] פון די עלטערן געקומען און זיינען פון דור צו דור צו זיי איבערגעגאַנגען און ווי אַ הייליקייט אָבגעהיט געוואָרן און געוועבט אַזוי אַ היסטאָרישן פאָדים. און יעצט רייסן זיי פון זיך עס אַראָב און וואַרפן עס מיט אַ קרעכץ אין זאַמל זעקל אַריין. יודן ווילן אין דעם אויך אַ טרייסט זעהן. די מאַכט וויל צונעמען די מיטלען, וועלכע קענען זיי פאַרלייכטערן אין דער צוקונפט זייער לעבן. ווען די זאַמלונג צו ענדע איז געקומען, טראָגן עס די יודן מיט צופרידנקייט אַלס פדיון נפש אַוועק אויך דאָרטן אויסערן צוים, וואו ס׳שטייט די געביידע, אין וועלכער ס׳רוט דער בלאַנדער, הויכער גזלן, וואָס הייסט אונזער שוץ.

יאָ ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס צום טהון. ער האָט זיך מיט רויב געוואָלט טיילן. אייך חשובע הערן פון דער ווייט שיק איך אָפּ דעם גוף און נשמה און פאַר מיר דאָס האָב און גוטס.

קום, מיין פריינד אַריין אין אַ צווייטן באַראַק. דו הערסט ווידער גע־

וויינען פון פרויען און קינדער. דאָס וויינען קליינע קינדערלעך, ווע־מענס צייט פון שלאָף איז שוין מיט שעהן צוריק אַריבער. זיי רייבן זיך די שייבינקע אויגעלעך און רייסן זיך צום שלאָף. און דאָ לאָזט מען זיי ניט. מען טהוט זיי אָן אין וואַרעמע זאַכן, וועלכע ס׳איז זיי שווער יעצט צום פאַרטראָגן. זיי וויינען, זיי בעטן זיך: לאָז אונז צו רוה. זיי פאַרשטייען ניט, וואָס וויל מען יעצט פון זיי אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. זיי וויינען און די מוטערס צוזאַמען אויף זייער ביטערן גורל, אויף זייער ביטערן מזל, פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי אומגליקלעך אויף דער וועלט געקומען. פריינד און בעקאַנטע קומען זיך יעצט געזעגענען. מען פאַלט אויף די העלדזער מיט געוויין. מען קושט זיך אַזוי האַרציק. עס איז אַזוי אָפּשרעקנד, יעדער קוש ער איז אַזוי פיל באַדייטנד. עס דוכט זיך, אַז די מענשן, וועלכע פּרעסן די ליפּן אַזוי האַרציג, וויסן עפּעס וועגן דעם, וואָס אונז שטייט פאָר. זייער האַרציקייט איז אָן אויסדרוק פון טיפן מיטגעפיל. זייערע טרערן אָן אויס־דרוק פון גרויסן מיטלייד. דו זעהסט, דאָ שטייען עטלעכע משפחות אינ־גאַנצן צובראָכענע, אומבאַהאָלפענע און ווייסן ניט, וואָס צו טהון. דאָס זיינען משפחות, וועלכע האָבן קראַנקע אין שפּיטאָל און מוזן זיך מיט זיי יעצט שיידן [11].

[——]

זיי מיט [מוט ?] באַפליגלט, די קראַנקע פאָהרן אין [——] וואָס איז [——] און וועט ניט צושיידן די משפחות. עס איז אַ געמיש פון רעיונות. זיי זיינען צופרידן, אַז די זיינען [——] די, וועלכע האָבן זייערע קראַנקע באַקומען פרייען זיך מיט דעם מאָמענטישן גליק און קאָנען ווייטער ניט טראַכטן.

[——] די איבעריקע זעהן אין דעם אַ שלעכטן סימן, ווייל קראַנקע צו קיין אַרבייט ווערן דאָך געוויס ניט געפירט? נאָר וואָס ס׳זאָל שוין יעצט ניט זיין, ווי טרויעריג די צוקונפט זאָל זיך יעצט ניט פאָרשטעלן וועט קיינער מיט זיין משפחה זיך ניט שיידן, ווייל ווער קען [עס] איבער זיך דורכפירן [——] אַ כירורגישע אָפּעראַציע [——] דאָס אייגענע האַרץ. ווער קען זיין אַזאַ געמיינער עגאָיסט צו פאַרלאָזן אַ פרוי און קינ־דער, טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער און שוין זוכן פאַר זיך אַ רעטונג, אַפילו דאַן, ווען דו זאָלסט וויסן, אַז דו קענסט דיין לעבן זיכערן. ווער קען עס לאָזן זיין טייערע משפחה מיט וועלכער ער איז אין די

שווערסטע מאָמענטן שוין דורכגעגאַנגען און יעצט זיי לאָזן אַליין אין אַזאַ ניט זיכערן, אומבעקאַנטן, שרעקנדיק וועג. ניין, אַלץ מוז גיין צוזאַמען.

קום, מיין פריינד, ס'האָט אויסגעקלאַפּט די שעה פון אונזער אַרויס־טריט. זעה, אַ ריזיגע מאַסע פון צוויי טויזענד פינף הונדערט מענשן זיינען אַרויס פון זייערע פינצטערע, ערדישע קברים און זיך אויסגעשטעלט אין גלייכע רייהען. יעדע פאַמיליע צוזאַמען, האַנד ביי האַנד, שולטער צו שולטער, אַ געאייניקטע געשלאָסענע מאַסע פון הונדערטער, הונדערטער משפחות, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן, צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין גרויסן אונצעטיילבאַרן אָרגאַניזם און זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג, וועלכער דאַרף זיי פיהרן אין יענער, דורך דער מאַכט אָנגעצייכנטער ריכ־טונג, וואו זיי ווערן אויף אַרבייט געשיקט. אַ פּראַסטיקע, קאַלטע נאַכט, מיט אַ שטורעם־ווינט באַגלייט. שטייען יעצט טויזענדער, טויזענדער מענשן און קלאַפּן מיט די פיס צו דערוואַרעמען די שוין פון קעלט פאַרפרוירענע פינגער. די פרויען טוליען די קינדערלעך צו זיך און נעמען די פאַרפרוי־רענע הענטעלעך אין מויל אַריין צו דערוואַרעמען. יעדער איינער פאַריכט זיין פּעקל, עס זאָל אים לייכטער זיין אין וועג דערגיין. שוואַכע טאַטע־מאַמע, וועלכע מען האָט פון די לייכטע פּעקלעך אויך באַפרייט, כדי זיי זאָלן כאָטש זייער גוף ביזן באַן פאַרטראָגן, קענען באַדויערן מיט אַ טיפן קרעכץ זייערע קינדער, וועלכע דאַרפן שוין ביים ערשטן אַרויסטריט טראָגן און פיהלן זייער לאַסט. אַלץ שטייט גרייט צום אַרויסמאַרש. ביי די שכנות־דיקע באַראַקן שטייען מענער און פרויען און קוקן צו אונז מיט [———] אויגן און שיקן אונז איבער זייער לעצטן גרוס, זייער וואונש צו אונזער [———] מיר וואַרפן זיך איבער מיט בליקן, וועלכע דריקן אויס אונזער וואונש, מיר זאָלן אין דער צוקונפט אַלס באַפרייטע זיך טרעפן.

עס עפענען זיך די טויערן און מיר פאַרלאָזן דעם פאַרדראָטעוועטן לאַגער. אַ בליץ פון אַ שוואַרצער מחשבה לויפט אַדורך אין מיין מוח. דאָס צווייטע מאָל עפענען זיך פאַר אונז די טויערן פון דער פרייער וועלט און ווי שרעקלעך האָט די פרייהייט אונז פאַרפירט. מיר האָבן די דראָטן פון געטאָ פאַרלאָזן און דורך פרייער וועלט אין פינצטערע קברים אַריינ־געפירט געוואָרן. און ווער ווייס, וואו וועלן אונז פאַרפירן די צווייטע גע־עפנטע טויערן. ווער ווייס, וואו און אין וועלכער ריכטונג קוקן אַרויס די אָפענע אויגן פון לאַגער.

דאָס ערשטע מאָל איז אונזער אָברוהה פלאַץ געווען נאָענט צו אונזער היים. מיר האָבן געאָטעמט מיט דער לופט פון אונזער געגנט און דאָס האָט אונז אַ ביסל זיכערקייט געגעבן. אָבער יעצט ווער ווייס, וואו דער וועג וועט אונז פיהרן. מיר דאַרפן דאָך גיין אַהין, נאָהענטער, וואָס טיפער אין דעם לאַנד, וואו ס׳געפינט זיך אונזער געפערלעכסטער שונא. ווער ווייס צי זיינע צו אונז אויסגעשטרעקטע אָרעמס וועלן ניט אין טייוולאָנישע הענד פאַרוואַנדלט ווערן, וועלכע וועלן אונז איינקלאַמערן, כדי צו דערשטיקן. ווער ווייס ? !

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ גרויסער, פרייער וועלט, וועלכע האָט פאַרבלענדעט מיט איהר ווייסקייט און געשראָקן מיט איהר אונענדליכער גרויסקייט און דערציטערט האָט אונז די קאָנטראַסטפולע שוואַרצקייט פון דעם גרויסן גרענעצלאָזן הימל. און ווי סימבאָליש זעט עס אַלץ אויס. אַ ווייסע ערד און אַ שוואַרצער צודעק פאַר דער, אויף דער ווייסקייט זיך באַוועגענדער מאַסע. עס הערט זיך אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט אויף דער וועלט. עס דוכט זיך, אַז אויסער אונז, אַט די שוואַרצע שאָטענס, עק־זיסטירט יעצט קיינער ניט. און אונז האָט מען יעצט אויף דער וועלט אַרויסגעפירט עפּעס אַ וויכטיגע אַרבייט מיט אונז צו מאַכן, וואָס דער טאָג טאָר עס ניט זעהן.

מיר קוקן זיך איבער מיט פאַרשענדע בליקן אין דער [——] מיר ווילן דערזעהן אַ סימן פון לעבן און עקזיסטענץ. אָבער אומזיסט איז אונ־זער זוכן, אַ טויטע, פאַרגליווערטע שטילקייט.

עס הערן זיך עכאָס פון טויזענדער, טויזענדער, דאָס האָט די [וועלט] צוריק דערהערט די טריט פון דעם מאָדערנעם גירוש־מאַרש פון דעם אַלטן, געפּלאָגטן, געררודפטן פאָלק. נאָר ווי שרעקלעכער און שוידערלעכער שטעלט דער גירוש מיט זיך איצט פאַר. דאָן אין אַמאָליקן שפּאַניען האָבן מיר פאַר־לאָזן אַ לאַנד צוליב אונזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ און רעליגיעזן באַוואוסט־זיין [——] מיר האָבן מיט גרויס [——] אַ שפּיי [——] אין די פּנימער פון די, וועלכע האָבן אונז מיט אָפענע אָרעמס געוואָלט [——] און זאָגאַר אין די רעגירנדע טעמפּלען אַריינפירן פאַרן פרייז פון בלייבן, וועלן פאַרליי־קענען אונזער קולטורעלע, אייגנאַרטיקע און נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענ־דיקייט. מיט שפּאָט און פאַראַכטונג האָבן מיר זיי אויף זייערע בעטנדע בליקן געענטפערט. און מיט עקל האָבן מיר געקוקט אויף די, וועלכע האָבן

אונז אַלע בירגערלעכע פרייהייטן געוואָלט געבן, צוליב דער בלויזער רעליגיעזער אָנערקענונג. דאַן זענען מיר אַלס אומבויגזאַמעס, שטאָלצעס פאָלק אַוועק און פון דער ווייט האָבן צו אונז געפינקלט די אָפענע טויערן פון דער וועלט, וועלכע האָט אונז מיט אָפענע אָרעמס ענפאַנגען. אָבער היינט — מיר פאַרלאָזן ניט דאָס לאַנד, נאָר מען יאָגט אונז אַרויס, ניט אַלס פאָלק, נאָר אַלס עקלהאַפטע ברואים. מיר ווערן געטריבן ניט צוליב אונזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ, נאָר צוליב אַ געמיינעם, סאַדיסטישן, טייוולאָנישן געזעץ. מיר ווערן געטריבן ניט צוליב די גרענעצן פון אַ צווייט לאַנד, נאָר פאַרקערט, מען פירט אונז נענטער צו זיך [12], טיפער אין האַרץ פון דעם לאַנד, וועלכער וויל זיך פון אונז באַפרייען. מיר גייען, עס דוכט זיך, אַז דער וועג איז אָן אַן ענדע. אַט וועלן מיר אַזוי אין דער אייביקייט גיין.

אָן אינסטינקטיווער ציטער האָט אונז אַלעמען יעצט אַרומגענומען. מיר זעען פון דער ווייט, אויף דער ערדישער ווייסקייט [13] גרויסע הויכע שאָטענס, צווישן וועלכע עס לייכטן זיך קליינע, קוים באַמערקבאַרע פייערלעך. אַלע הערצער האָבן פאַר שרעק האַסטיק גענומען קלאַפּן. אַ פינצטערער געדאַנק האָט [———] ווער ווייס, אפשר פירט מען אונז יעצט [———] דעם הויף פון [בייזע] שאָטענס אין די [———] פון די נאַכטיקע טייוולאָנים, וועלכע ערוואַרטן שוין אונזער קומען און מאַכן שוין די לעצטע פאָרבערייטונגען צו אונזער אויפנאַמע. ווער ווייס ? אפשר דערוואַרט אונז דער זעלבער גורל ווי די הונדערטער טויזענדער יודן פאַר אונז, וועלכע זיינען אין אַזעלכע פינצטערע נעכט אין די זעלבע שאָטענדיגע פלעצער געפירט געוואָרן און דאָרטן אַן אכזריותדיקן טויט געפונען. ווער ווייס ? נאָר ביז מיר זיינען פאַרביי דעם וואַלד, אַדורך בשלום, פרייער [———]

מיר גייען ווייטער. עס ווערט שווערער דער טראָט. מיר גייען אויף אַ באַרגיקן אָרט און מערקווירדיג, דאַכט זיך, פאַר [———] שוין אַ גוט באַקאַנטער פלאַץ, אָבער יעצט איז ער פאַר אַלעמען פרעמד. עס דוכט זיך, אַז אפשר אין דער נידער שטייען שוין צוגעגרייטע אָפענע ערדישע מיילער אונז לעבעדיגע איינצושלינגען, ווי ס'האָט שוין מיט צענער טויזענדער פאַר אונז פאַסירט [14] ווער ווייס ? מיר האַלטן זיך פעסט האַנד ביי האַנד, ביז מיר קומען מיט האַרץ־קלאַפּונג און אויסערסטער שפּאַנונג אַרויף אויף דעם שפּיץ פון דעם באַרג. אַ פרייד האָט מיט אַמאָל אַלעמען באַהערשט.

פון דער ווייט האָבן מיר באַמערקט פינקלענדיגע פייערלעך פון עלעקטרישע לעמפלעך, אַן עדות פון דער נאָהנטער סטאַציע. ביי אַלעמען פאַרשטאַרקט זיך דער כח און גלויבן, מיר זיינען אָנגעקומען צו דער באַן. עס וואַרטן שוין אויף אונז צוואַנציק קליינע וואַגאָנעס, אויסגערעכנט צו הונדערט און צוואַנציק נפשות אין אַ וואַגאָן, אַזוי אַז ס׳וועט דאָך זיין מעגלעך אַ שטייענדן פלאַץ פאַר יעדן. דאָס איז פאַר אונז אַ גרויסע טרייסט. יעדע פאַמיליע זעהט ווי ווייט מעגלעך זיין צוזאַמען אין דעם דריקענדען שפּאַ־נענדען וועג. אַ טייל פון די קראַנקע פאַמיליע שטייען מיט שרעק און קוקן אַרויס דורך די באַן־פענצטערלעך צו דעם אָנקומען פון זייערע שוועסטער, ברידער, אָדער קינד, אַלטע טאַטע־מאַמעס. אָבער ס׳ווייזט זיך ניט קיין שפור. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט [15] זיינען זיי [——] צעבראָכן געוואָרן אין [——] און דורך די וואַגאָנעס איינגע־שלונגען געוואָרן זיינען זיי [——] געוואָרן פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָסן די לעצטע [——]

אַנטלויפן [——] וועט מען ווערן ערשאָסן [——] מיט אַ ציניש געלעכטערל אויפן פּאָנים און מיט אַ אויבער שטילע און אינערליכע פעסט [קייט ?] איז געשטאַנען [——] האָט די בלאָנדע בעסטיע — אונזער שוץ [——] וואַגאָנעס. יאָ ער האָט אַ גרויסע מיסיע פאַר זיך [——] ער האָט [צוויי טויזענד] פינף הונדערט [געפירט ?] וועלכע שטערן [——] און שיקט זיי [יעצט] צו די הויכע קולטורעלע [——] וועלכע דאַרפן זייער אורטייל אויף זיי אויספירן.

אַ טעמפּער פייף האָט דורכגעריסן די לופט. דאָס איז געווען דער אָנזאָג פון אָנגעהויבענעם צוג [16]. ווי אַ חיה, וועלכע אַנטלויפט פון איר רויב, אַזוי האָט זיך דער צוג אַ ריס געטוהן פון אָרט און גענומען פאַר־שווינדן. פון אַלעמענס הערצער האָט אַ ווייטאָקפולער קרעכץ זיך אַרויס־געריסן. דאָ האָבן אַלע יעצט דערפילט יענעם שוידערלעכן שמערץ פון ווערן אין דער ווירקלעכקייט אַרויסגעריסן פון זייער היים.

די מאַסע האָט זיך אַ וויג געטוהן באַלד אומצופאַלן. שוין ביים אָנ־הויב געפילט די שווערקייט פון דער געגעבענער [אומ]בעקוועמלעכקייט. אַלע זעהן זיך צו מאַכן וואָס באַקוועמער, מען זאָל דעם וועג כאָטש אויס־האַלטן קענען. די קינדער ווערן אויף זיך גענומען און מען מאַכט גלייך אָפּ, אַז יעצט זיצסטו און שפּעטער דיין פלאַץ אַ צווייטן אָבטרעטן. מען

שאַפֿט אַן אַטמאָספֿער פֿון שלום און אחדות אין דעם נעץ, וואָס פֿירט זיי אין די הענד פֿון דעם ביז יעצט נאָך ניט דערקענטן טיוול. רעליגיעזע יודן זאָגן תפילת הדרך און מען ווינטשט זיך: אַלס געפֿאַנגענע פֿירט מען אונז און אַלס באַפֿרייטע זאָלן מיר צוריק קומען.

קום, מיין פֿריינד, לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער די לויפֿנדע קלאָט־קעס. דו זעסט: דאָ זיצט און שטייט אַ טרויעריקע, פֿאַרצווייפֿלטע מאַמע, וועלכע איז איינגעזונקען אין טיפֿע קאָשמאַרפֿולע רעיונות. עס הערט זיך דער מאָנאָטאָנער קלאַפּן פֿון די רעדער, וועלכער לייגט זיך ווי אַ שווערע מאַסע מיט זיין אומעטיקן קלאַנג און בילדעט די האַרמאָניע צו דער אומר־טיקער, טרויעריקער שטימונג. עס דוכט זיך, אַז אַן אייביקייט ציט זיך שוין דאָס פֿאָרן. דאָס זענען מיר איינגעשטיגן אין דעם אייביקן יודישן וואַנ־דער־צוג, וועלכער שטייט צו דער דיספּאָזיציע פֿון די פֿעלקער און מיר מוזן אין אים איינשטייגן און אויסשטייגן נאָר לויט זייער ווילן און איינ־זעהן.

דו זעהסט, מיין פֿריינד, ווי אַרום יעדן וואַגאָן־פֿענצטער שטייען ווי צוגעשמידטע מענשן און קוקן אַרויס צו דער פֿרייער וועלט. יעדער איי־נער וויל אָנזעטיגן זיין בליק, וועלכער וואַנדערט אין פֿערשידענע ריכטונ־גען, ווי זיי וואָלטן שוין אַ פֿאַרגעפֿיהל געהאַט, אַז דאָס זעהט ער צום לעצטן מאָל.

עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיצן אין אַ לויפֿענדער פֿעס־טונג, פֿאַר וועלכער עס פֿילמירט זיך דורך די וועלט און באַווייזט זיך מיט איר פֿערשידענפֿאַרביקייט און זי געזעגנט יעצט די, אין דער תפיסה זיצענדע מענשן.

עס דוכט זיך, ווי די וועלט וואָלט זיי זאָגן [——] מיך אָן, זעטיק אָן דיין בליק כל זמן דו זעהסט מיך נאָך ווייל אין [——] זיך פֿאַר דיר שוין דעם לעצטן מאָל.

באַמערקסט, מיין פֿריינד, דאָ שטייען צוויי יונגע מענשן — אַ מאַן מיט אַ פֿרוי. זייערע בליקן זענען יעצט ווי צוגעשמידט צו איין ריכטונג. זיי שווייגן, נאָר זייערע געדאַנקען טרעפֿן זיך צוזאַמען, און שטילע קרעכצן רייסן זיך פֿון זייערע האַרץ אַרויס, אַ בליץ פֿון אַן אינטערעסאַנטער דע־רינערונג האָט זיי יעצט אַזוי פֿאַרכישופֿט און זיי אָפּגעריסן פֿון דער ווירק־לעכקייט. זיי דערמאָנען זיך פֿון אַמאָל, פֿון דער נישט לאַנגער פֿאַרגאַנ־

גענהייט. אַט דאָ ביי דעם פּלאַץ, אַט דאָ ביי דער באַקאַנטער סטאַציע לאַסאָסנע[17] האָבן זיי זיך דאָך אַזוי אָפט געטראָפן און זייער אורלויב צייט צוזאַמען פאַרבראַכט, און זייער בענקשאַפט איז אין אַ הייסער ליבע פאַרוואַנדלט [געוואָרן].

[——]

[——] זיינען אַזוי [— —] געפלאָסן. יעדער טאָג האָבן זיי [——] פיל פרייד און פאַרגעניגענד פערשאַפט דער [——] געוועזן און באַצויבערט מיט זיין [——] פערשידענפאַרביקייט. יעדער [זאַך] האָט צו דיר מיט אַ שמייכל געוואונקען, פון אַלץ האָט אַרויסגערעדט דער [——] פון לעבן. אַ פינצטערע מחשבה פליט זיי דורך יעצט [——] ווער ווייס? ווער ווייס? צו וועלן [——] די צויבערפולע ערינערונגען ביי דעם פּלאַץ נאָך דורכלעבן קענען. זיי קוקן יעצט צו יענעם פונקט פון וועלכן [——] פאַרשווינד יעצט פון [——] זיי קוקן צו יענער ריכטונג פון וועלכער זיי זיינען מיט רציחה אוועקגעריסן געוואָרן. אַ שטיק לע[בן] איז אין דער אייביקייט פאַרשוואונדן.

קום ווייטער, צי זעהסטו דאָ שטייען ווייטער, ווי פאַרגליווערטע צווי יונגע מענשן און קוקן אַרום זיך צו דער וועלט. דו הערסט די פּאָר ווערטער, וועלכע די פרוי האָט יעצט צו דעם יונגענמאַן געזאָגט: געדענקסט מיין טייערער, דערמאָנסט זיך יענע סימ[באַלישע?] רייזע, אין יענעם טריבן, ווינטערדיקן טאָג, ווען מיר האָבן זיך ווילד פרעמדע אין דעם קופּע געטראָפן און אַ בעקאַנטשאַפט געשלאָסן, וועלכע האָט אונז אויף אייביג פעראייניגט אין יענער רייזע. יענער וועג האָט אונז צו אַ גליקלעכן לעבן געפירט. יענער וועג האָט אונז אַ בלומען־וועג אין דער וועלט געעפנט. דאַכט זיך דער זעלבער וועג צו דער זעלבער ריכטונג געפאָרן. דאַן זיינען מיר אין לעבנס צוג איינגעשטיגן. ווער ווייס, וואו דער היינטיגער וועג וועט אונז פירן. ווער ווייס, אויף וועלכער ליניע אונזער צוג שטייט יעצט.

קום ווייטער, דו זעהסט, דאָ שטייט אַ פרוי מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנד, נעבן איר שטייט איר מאַן. זיי קוקן אַרויס צו דער פּאָר זיי דורכשוועבנדער וועלט און אינסטינקטיוו דערלאַנגען זיי כסדר אַ קוק אויף זייער קליינינקער, שיינינקער קינד. זיי זיינען מיט טיפע זאָרגן באַהערשט. זיי זיינען נאָך יונג, פול מיט לעבן. און עס לאָקט אַזוי אַט די פּאָר זיי דורך דעם פענצטער געוויזענע וועלט. אַלץ רופט זיי צום לעבן און עקזיסטענץ.

זיי האָבן יעצט פאַר וועמען צו לעבן, פאַר וועמען צו זיין, פאַר וועמען צו אַרבייטן, פאַר וועמען צו לייסטן. זיי האָבן ניט לאַנג דעם ערשטן קינד [18] אויף דער וועלט געבראַכט, און מיט אים אין דער אייביקייט זיך איינגע־וועבט און געוואָרן שותפים צו דער אַנטוויקלונג און בויאונג פון דער וועלט. און מען האָט זיי גלייך ביי די ערשטע טריט, וועלכע זיי האָבן אויף דער וועלט געשטעלט, אָבגעהאַלטן און געהייסן אַוועקגיין, אָבטרעטן פון זייער פּלאַץ, וואו זיי האָבן זייער נעסט אָנגעהויבן בויען.

וועגן זיך קלערן זיי יעצט ניט. נאָר איין געדאַנק באַשעפטיקט זיי, וואָס וועט זיין מיט זייער קליינינקע, טייערינקע און נוצן־ברייננגדע קינד [19].

פאַר זיי איז דאָס קינד דער גרעסטער גליק, דער גרעסטער טרייסט, זייער געמיינזאַמער לעבנס־אידעאַל. — אָבער פאַר יענע גרויזאַמע באַנדיטן — אַ אונגוציגע שפּילצייג, וועלכע האָט ניט קיין ווערט און רעכט אויף עקזיסטענץ.

זעה, ווי זיי קוקן יעצט אָן זייער שיינינקע, מיט שוואַרצע קאַרשן־אייגעלעך מיידעלע און לייען אַראָב פון זייערע פאַרזאָרגטע פּנימער, וואָס זיי טראַכטן [:] דו, טייערע קינד, דו בילדעסט דאָך דעם אינהאַלט פון אונזער לעבן און זין. וויפל פרייד און פאַרגעניגענד האָסטו אונז, קינד, פערשאַפט, ווען דו האָסט דעם ערשטן וואָרט אויף דער וועלט געלאָזט פאַלן: מאַמע.

אָך, ווי האָט דער פאָטער דאַן זיין פרוי מקנא געווען. און ווי גליקלעך איז דער פאָטער געווען, ווען דאָס קינד האָט אים אַלס פאָטער אָנערקענט און אים געזאָגט דעם ערשטן מאָל: פּאַפּאַ. אָך, דו טייער קינד, ווער ווייס, צי וועט דער אייביקייטס פאַדים, וועלכן דו האָסט אָנגעהויבן וועבן יעצט, ניט ווערן ברוטאַל איבערגעריסן. און דו טייער קינד, ווער ווייס, צו דו וועסט אויף ווייטער אונזערס זיין און מיר דיינע. די מוטער דריקט דאָס קינד צו איר האַרצן און טרערן פאַלן איבער איר קעפּעלע און דער פאָטער פרעסט איהר אָב אַ הייסן, האַרציגן קוש.

קום, לאָזן מיר ווייטער אַ ביסל שפּאַצירן. צי זעהסטו יעצט אַ מוטער מיט די צוויי דערוואַקסענע טעכטער ביי דער זייט? און וואָס פאַרא פיינ־לעכע געדאַנקען באַהערשן יעצט דער מוטער און די קינדער! די מוטער טראַכט: אַ גאַנצן לעבן האָב איך פאַר אייך מיינע טייערע געאַפּפערט, אַ גאַנצן לעבן האָב איך זיך פאַר אייך געווידמעט, אַלץ פאַר אייך אָבגעגעבן,

אַבי צו דערלעבן צו יענעם פון מיר געגאַרטן מאָמענט צו געניסן פון מו־טערליכן גליק און פאַרגעניגענד. און פון אַלץ איז אַ פוסטער חלום גע־ווען. אייער טרייער איבערגעגעבענער פאָטער איז ערגעץ וואו דורך די באַנדיטן פאַרשלעפּט און ווער ווייס, צי ער איז נאָך צווישן די לעבעדיגע דאָ. ווער ווייסט, צי האָט ער אייך שוין ניט פאַריתומט. אייערע טייערע ברידער זיינען פון מיר אַוועקגעריבט געוואָרן און ווער ווייס, וואו זיי געפינען זיך יעצט. איך בין געבליבן אַן עלענדע, אַ צעבראָכענע. דאָס איינ־ציגע טרייסט זייט איהר פאַר מיר, טייערע קינדערלעך, געוועזן און יעצט ווער ווייס וואָס אייך ערוואַרטעט.

ווער ווייס, צי איר, מיינע טייערע, וועט זיך קענען צופּאַסן צו די נייע שווערע לעבנס באַדינגונגען, וועלכע וועלן ווערן פאַר אייך אַרויסגעשטעלט, און ווער ווייס, צי איהר וועט פעהיק זיין צו טראָגן דעם דאָפּעלטן לאַסט פון יאוש מיר און אייך, ווער ווייס. וועגן זיך טראַכט זי יעצט גאָרניט. וועגן איהר אייגן לעבן פאַרקלערט זיך די מוטער אַבסאָלוט ניט, ווייל ווי קען אַ מוטער קלערן וועגן זיך, ווען זי איז נאָך ניט זיכער מיט דער עקזיסטענץ און לעבן פון איהרע קינדער. די טעכטער קוקן מיט אַ קרעכץ אַן זייער מוטער. אַ פינצטערער טרויער פאַרציהט זיך אויף זייער פּנים — ווער ווייס, צו די טייערע מאַמע, וועלכע איז פון צרות גרויה און אַלט געוואָרן און פון שלאָפלאָזע, פיינלעכע נעכט ערשעפּט און שוואַך געוואָרן, וועט מיט איהר שמערצפולן אויסזעהן ניט קוועסטיאָנירן די צאָל אָנגעגעבענע יאָהרן, און זי וועט ניט ווערן פאַררעכענט צו די אונגוציגע, אונגויטיקע, וועמענס עקזיסטענץ איז ניט באַרעכטיגט. טייערע מאַמע, ווער ווייס, צו מיר וועלן האָבן דאָס גליק פון קענען טראָגן דיר הילף. ווער ווייס, צו מען וועט דיר ניט פון אונזערע אָרעמס אַרויסרייסן און מיר וועלן ניט בלייבן עלענדע, צעבראָכענע, אָן אַ מאַמען, אָן ברידער, איינזאַם אַליין אין דער גרויסער מדבר־וועלט, וועלכע שרעקט אונז מיט איר אכזריות. ווער ווייס?

אַזוי וועסטו יעצט אין יעדן קופּע פון יעדן וואַגאָן טרעפן זיצן, אָדער שטיין פאַרגליווערטע מענשן מיט טיעף געבויגענע קעפּ פון שווערע פּיינ־לעכע יסורים באַלאַדן.

דער צוג פאָרט ווייטער זיין לאַנגען, מאָנאָטאָנען וועג. מיר דערנענטערן זיך צו דער שטאָדט ביאַליסטאָק. יעדער ווערט מאָמענטאַל פון זיינע געדאַנ־קען אָבגעריסן און רייסט זיך צום פענצטערל אַ קוק געבן די אָנקומענדע

סטאַציע. וואָס וועלן דאָ אייגנטלעך די מענשן זעהן און ווער וועט זיי דאָ יעצט דערוואַרטן? נאָר אינסטינקטיוו וויל יעדער אָנקוקן די שטאָדט, מיט וועלכער יעדער פון די פאָרענדע איז אַזוי ענג פאַרבונדן. יעדער האָט דאָ אַ פאַמיליע, פריינד און בעקאַנטע. ווילט זיך אָנקוקן כאָטש פון דער ווייט די שטאָדט, וואו ס'לעבט נאָך אַ פריינד, אַ קינד, אַ קרוב. ס'ווילט זיך זיי דורך די פענצטערלעך אַ גרוס שיקן און זיי דעם לעצטן געזעגן־בליק געבן און אפשר וועט מען אַ יודן פון דער נאָך רוהיקער שטאָדט ביאַליסטאָק [20] זעהן. אפשר וועלן זיי דורך אַ בליק אונז קענען דערקלערן דעם צוועק פון אונזער רייזע.

מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער סטאַציע, אויף אַ זייטיגער, טויטער ליניע זיך אָבגעשטעלט. שוין אויפן וועג פון לעבן אָבגעשניטן געוועזן. און ווי שרעקלעך זעהט יעצט אויס דער וואָקזאַל, אָט דער לעבעדיגער פלאַץ, וואָס פלעגט פאַרטומלען מיט זיין גערויש, שטייט יעצט אין אַ נעפל איינגעהילט, קיין זכר פון לעבן ניטאָ... דאָס איינציגע, וואָס דערמאָנט פון דעם ביי־געשאַפענעם לעבן זיינען די אָרומשפּאַצירנדע זשאַנדאַרמען מיט די באַגנעטן און העלמען באַלאָדן. עס הערט זיך אַ סיגנאַל פון אַ פאַבריק־קוימען. אַ דערמאָנונג פון לעבן, אַ גרוס פון די שוועסטער און ברידער, (וועלכע גיבן דאָרט אָב זייער מיה און אַרבייט), געפינען זיך יעצט אין די אָרעמס פון די גרויסע פאַבריקס געביידעס און גיבן דאָרט אָב זייער ענער־גיע, פלייס און כוח פאַר די באַנדיטן, וועלכע פיהרן אונז יעצט. זיי אַר־בייטן פאַרן פרייז פון דער האָפנונג, אַז דאָס וועט פאַר זיי אַ שוץ וואַנד זיין. אַ פייף האָט די לופט דורכגעבראָכן, דער צוג האָט זיך ווייטער גע־רירט. זייט געזונט איהר ביאַליסטאָקער יודן. זאָלן אייך די פאַבריקס [21] [——] אייך לויערענדע שונאים זעט צו אייך ניט קענען טרעפן. זיצט ווייטער רוהיק און זיכער און מיר זאָלן אין דער צוקונפט צוריק צו אייך אַלס באַפרייטע קענען קומען. דער צוג האָט פאַרשנעלערט זיין לויף. אַלע זיינען יעצט ווידער אין אַ טיפער מרה שחורה פאַרזונקען. וואָס אַ קילאָמע־טער ווייטער אַלץ גרעסער דער טרויער. וואָס אַ קילאָמעטער ווייטער, אַלץ גרעסער דער אומעט. וואָס איז דאָ געשעהן [?] דאָס דערנעענטערן מיר זיך צו דער יודן פאָפולערער סטאַציע טרעבלינקאַ [22], וועלכע האָט לויט די פאַשידענע צו אונז דערגאַנגענע ידיעות, איינגעשלונגען און אומגעבראַכט דעם גרעסטן טייל פון פוילישן און אויך אויסלענדישן יודנטום. יעדער קוקט

אַרויס דורך אַ פֿענצטערל און פֿאַרשט שווייגענד מיט זיין בליק. אפשר וועלן זיי עפּעס דערזעהן. אפשר וועלן זיי אַן אַנדייטונג טרעפן, וואָס וועט זיי דעם אמת דערציילן, אפשר וועט עמעצער פֿון וועג עפּעס צו זיי אַרויס־שרייען און זיי זאָגן, וואו מען פֿירט זיי און וואָס עס ערוואַרט זיי. און ווי שרעקלעך. אַט שטייען דאָרט יעצט צוויי יונגע קריסטענס און קוקן אַרויף צו די באַן פֿענצטערלעך און פֿירן מיטן האַנד איבערן האַלדז. אַ ציטער נעמט אַרום די, וועלכע האָבן דעם בילד געזעהן, דעם סימן באַמערקט. זיי רוקן זיך שווייגענד, ווי אַ געשפּענסט אָב. זיי זיינען שטום, זיי דערציילן קיינעם ניט וועגן דאָס געזעהענע. זיי ווילן ניט פֿאַרגרעסערן דעם טרויער, וועלכער שטייגט אַזוי שוין אויך פֿון מינוט צו מינוט. עס דוכט זיך, אַז אַט־אַט, ווער ווייס, וואָס די קומענדע מינוטן קענען מיט זיך ברייגנען. ווער ווייס, צי וועלן זיי ניט ווערן אַרויסגעפֿירט אויף יענער זייטיקער ליניע, וואָס פֿירט צו יענעם אָרט, וואָס איז אין אַ גרויסן יודישן בית הקברות פֿערוואַנדעלט געוואָרן. יעדער רייסט זיך צו די פֿענצטערלעך. יעדער וויל דער ערשטער זעהן, וואו די רעדער וועלן זיי פֿאַרטראָגן. עס קלאַפּן ריטמיש טויזענדער הערצער, עס ציטערן טויזענדער נשמות. איין נאָגענדער געדאַנק לאָזט זיי ניט רוהען. ווער ווייס, צי עס דערנעענטערן זיך ניט די לעצטע מינוטן פֿון לעבן. צי זיינען זיי שוין ניט צוגעקומען צו דער גרענעץ פֿון דער אייביקייט. יעדער מאַכט זיין חשבון הנפש. רעליגיעזע יודן זאָגן תּפֿי־לות און טראַכטן דערביי וועגן ווידוי.

יעדע פֿאַמיליע דריקט זיך אין אַ [אייגענער] גרופּע צו זיין. זיי ווילן זיך יעצט צוזאַמענגיסן, צוזאַמענשמעלצן אין איין גרויסן, אונצוטיילבאַרן אָרגאַניזם. זיי ווילן אין דעם אַ שוץ געפֿינען און אַ טרייסט זוכן.

די מאַמעס דריקן די קינדערלעך צו זייערע [אָרעמס ?] [——] זיי זייערע קעפּעלעך. אויך דערוואַקסענע קינדער טוליען זיך יעצט צו זייערע עלטערן, ווי זיי וואָלטן אין די לעצטע לעבנס מינוטן וועלן פֿיהלן דעם זיסן טעם פֿון מוטערלעכער און פֿאָטערלעכער צערטלעכקייט. זיי דוכט, אַז זייער פֿאָטער אָדער מוטער, [וועלען] זיי יעצט, ווי שטענדיג, אונטער זייערע פֿליגלען קענען נעמען און באַשיצן, אַז קיין שלעכטס זאָל זיי ניט געשעהן. די שפּאַנונג שטייגט און פֿאַלגט נאָך דעם געלויף פֿון די רעדער. עס דוכט זיך, אַז זיי פֿאַרקלענערן זייער געיעג. אַ סימן, אַז זיי זיינען שוין באַלד צו זייער ציל געקומען און זייער קולמינאַציאָנס פּונקט דערגרייכט. די

שפּאַנונג האָט דערגרייכט צו דעם העכסטן פּונקט. דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט, צוויי טויזענד פינף הונדערט מענשן האָבן אויף אַ מאָמענט אָטעמען אויפגעהערט. פון שרעק האָבן צײנער געגומען זיך טרייסלען און די הערצער האַסטיג געגומען קלאַפּן. די גרויסע מאַסע וואַרט מיט טויט אַנגסטן אויף די קומענדיגע מינוטן. יעדער סעקונדע — אַ אײביקײט, יעדער סעקונדע אַ טראַט נעהנטער צום טויט. אַלץ איז פאַרגליווערט און וואַרט אויף די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון טײוול, וועלכער וועט זײ באַלד אין זײנע נעגל אַרײננעמען און זײ אין זײן אָבגרונט אַרײנשלײדערן.

אַ פײף האָט אויפגעוועקט פון דער פערגליווערטקײט. דער צוג האָט זיך פון טויט אַרויסגעריסן און געלאָפן ווײטער זײן וועג. עס קושן זיך מאַמעס מיט קינדער, פרויען מיט זײערע מענער, עס גיסן זיך טרערן פון פרײד. אַלץ האָט צו אַ נײ לעבן אויפגעוואַכט און פרײער אָבגעאָטעמט. עס הויבן זיך אָן וועבן נײ לעבנס האָפנונגספולע מחשבות. [— —] דאָך די שרעק אַריבער, די מורא פאַרשוואונדן. אַ פרישע כוואַליע פון טרײסטפולע געדאַנקען האָט אַלעמען באַהערשט. עס האָט זיך געגומען שטאַרקן דער גלויבן, אַז די אַלע ווערסיעס זײנען פאַלש. די אַלע שרעקלעכע פאַרויסזאַגונגען זײנען אָן אַ גרונד און זײנען צו זײ דערגאַנגען צוליב אַ פאַרוואַנדלטן שוידערלעכן טהאַט, אָבער טראָגט ניט קײן מאַסן־כאַראַקטער און דערײבער באַמערקסטו יעצט, ווי אַלע זײנען מיט מוט באַפליגלט און מיט זיכערקײט באַהערשט, אַז מען פירט זײ צום לעבן, צו אַ שווערן, אָבער דאָך לעבן. עס דערהערן זיך האַרציגע, זיסע טענער פון [— —] באַצויבערינדע פרויען שטימען, וועלכע צעגיסט זיך אין אַ דבקותדיקן ניגון, וועלכער כאַפּט אַרײן אין זײן נעץ אַוואַס אַ גרעסערן קרײז. אין ניגון רעדן יודן אַרויס זײערע טיפסטע בקשות. ער דריקט אויס די שווערע לײדן, אין וועלכע ס׳געפינען די אין קײטן געבונדענע, וואַס ווערן יעצט געפירט צו אַ פרעמד, אומבאַקאַנט לעבן, וועלכע שרעקט זײ אַזוי שטאַרק און באַרויבט זײער רוה. דער ניגון בעט זיך צו זײן באַשעפער [:] באַפרײ אונז פון טיפן אָבגרונט און פיר אונז אַרויס צו אַ הערלעכן, אויפשײנענדען מאָרגן. דער ניגון בעט זיך [:] פיר אונז ווײטער אויף דער לעבנס־ליניע ווי ביז יעצט. זאָל דער ענדציל אויך בלויז מיט אַ שרעק זיך פאַרענדיגן.

מיר דערנעהנטערן זיך צו וואַרשע. יעדער אײנער וואָלט יעצט אַ שטיק פון זײן לעבן אָבגעגעבן, אַבי צו זעהן כאָטש אײן וואַרשעווער יודן.

ווי גליקלעך וואָלטן מיר יעצט געווען, ווען מיר טרעפן איינעם פון די, מיט וועמענס שוועסטער און ברידער עס האָט אַזעלכעס שוידערלעכעס געזאָלט פאָרקומען [23]. און אפשר וואָלט ווער פון זיי אונז דעם אמת געקענט דערציילן [— —] דעם צוועק פון אונזער ווייטער רייזע. נאָר ליידער, קיין סימן פון אַ יוד זעהסטו יעצט ניט אויף דער אַמאָל אַזוי דורך יודן באַהערשטער וואַר־שעווער סטאַציע. דו זעהסט זיך אַרומדרייען מענשן מיט ערנסטע, בייזע בליקן, וועלכע וואַרטן אָב אויף אַ באַלד צו זייער ריכטונג אָבגייענדער צוג. אָבער זיי אַלע זיינען אונז פרעמד און מיט זייער בעווייזען זיך פאַר אונז דערוועקן זיי אַ שרעקלעכע שנאה און קנאה. פאַרוואָס זיינען זיי פריי און בעוועגן זיך לויט זייער ווילן [?] פאַרוואָס האָבן זיי אַ מעגלעכקייט צו קויפן אַ בילעט צו דעם צוג, וואָס פירט זיי אין אַ וואַרעמער, זיכערער היים [?] פאַרוואָס האָבן זיי אַ מעגלעכקייט צו פאָרן אַהין, צו יענעם פונקט, צו יענער ריכטונג, וואו ס'דערוואַרטעט אַ פרוי, אַ קינד, וועלכע שטרעקן שוין אויס זייערע ליבעספולע אָרעמס עס צו עמפּפאַנגען ? און מיר ווערן געפירט קעגן אונזער ווילן, ניט צו קיין וואַרעמער היים, נאָר צו אַ מדבר. ס'וועלן אונז דאָרט ניט דערוואַרטן קיין שמייכל פון דיין פרוי, קיין אָפענע אָרעמס פון דיין מוטער, קיין זאָרגלאָז געלעכטער פון דיין קינד, נאָר בייזע, שרעקלעכע בליקן פון אונזערע גרויזאַמע, ביטערע שונאים, וועלכע האַלטן אין זייערע אויסגעשטרעקטע אָרעמס, ווי' עס איז אונז שוין פון לאַגן באַקאַנט, אַ נאַהייקע, אַ קאַלט געווער, אָדער אויך הייסע, ווען זיי איז עס נוציג. אָט אין אַזעלכע קאַשמאַרפולע געדאַנקען זינקען די ווייטער פאָרענדע מאַסען.

די שטילקייט ווערט איבערגעריסן פון איינעם, וועלכער קומט פון אַ צווייטער קופּע אַריין און זאָגט מיט אַ שמחה: יודן, איך האָב אַ גרוס פון פריערדיגע, פון אונזער לאַגער טראַנספּאָרטן. ער האָט געפונען אין זיין קופּע אויף דער וואַנד אַ געשריבענעם גרוס, ווי אויך דעם גאַנצן רייזע פּלאַן פון אָנפאַנג פון אַרויספאָר ביז זיי זיינען אין יעקע לאַנד [24] געקומען.

אַלע האָבן זיך דערפרייט צו זעהן כאָטש אַ ווייטלעכן גרוס פון די, וועלכע זיינען ווי אין אָבגרונט פאַרשוואונדן. מען לייענט די ווערטער. אונז דוכט זיך, אַז דו רעדסט מיט זיי. עס דוכט זיך, אַז זיי דערציילן דיר יעצט וועגן אַלץ. אָט זיינען זיי פאַר די לעבעדיגע צאַפּלענדיקע יודן, וועלכע זיי־נען מיט וואָכן צוריק אַוועק און קיין שפור פון זיך ניט געלאָזן, וואָס האָט

אַלעמען אַזוי צערודערט. אַט יודן, דאָ קענט איהר אַ לעבעדיגן גרוס קריגן פון די, וועלכע איהר האָט וועגן זייער גורל אַזוי שרעקלעך זיך פאַרגע־שטעלט! און ווי קלוג זיינען זיי געווען די דעמאָלט פאַרענדע, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז מיר וועלן זיך וועגן זייער עקזיסטענץ שרעקן, וואָס וועט אונזער רוה באַרויבן. אָבער זיי אונז אַ לעבעדיגן סימן פון זיך געלאָזן, וואָס זאָל אונז אַ באַרוהיגונג ברייגען און זיכערקייט געבן. און מיר וועלן אויך יעצט נאָך זייער ביישפּיל טהון און פון אונז אַ גרוס שרייבן פאַר די, וועלכע דאַרפן אין זעלבן צוג אין די נאָהענטסטע טעג איינשטייגן. זאָלן די קומענדע אויך אונז אַ דאַנקבאַרקייט טראָגן פאַר אונזער טראַכטן און זאָרגן וועגן זיי.

נאָר מיט אַמאָל איז די שמחה פאַרשוואונדן. די פרייד איין אַן אומעט פערוואַנדעלט געוואָרן — די זאָרג צוריק אין איהר נעץ אונז געפאַנגען. איין זאַץ האָט ווי מיט [———] אַלעמען אין טרויער איינגעהילט. מיר קומען אָן אין יעקע לאַנד! און מיט דעם האָט זיך דער גרוס פאַרענדיקט. דאָ האָט זיך דער פאָדים איבערגעריסן. ביז דאַנען זיינען מיר געווען צוזאַמען און יעצט זיינען זיי פון אונז פאַרשוואונדן. זיי האָבן זייער לעבנס געשיכטע געשריבן ביז, ביז זיי זיינען אין יעקע לאַנד געקומען. ביז זיי זיינען אין האַרץ פון שונא׳ס טעריטאָריע אַריינגעפאַלן. זיי האָבן פון זייער לעבן גע־לאָזט פיהלן, ביז זיי זיינען אין די אָרעמס פון די אכזריותדיקע באַרבאַרן איינגעקלאַמערט געוואָרן.

[———] אַ שטילע, פינצטערע נאַכט האָט באַהערשן גענומען די וועלט. דער צוג האָט זיך געשטעלט. אַ סכנה מיט געמיינע פאַרברעכער צו פאַרן, ווען ליכט איז ניטאָ. אין דער מיט פון אַ [אָבגעלייבטער] סטאַציע שטייט אַ צוג פון 20 וואַגאָנעס די לייגנ וועלכע האַלטן אין זייערע אָרעמס 2500 קינדער פון געפלאָגטן, גערודפטן פאָלק. די וואַגאָנעס פינצטערע, מרה־שחורהדיקע. פון די וואַגאָן־פענצטערלעך קוקן אָרויס דערשראָקענע, גע־פייניקטע, דערשעפּטע קינדער פון צום טויט פאַרמשפּטן פאָלק. זיי זוכן אין דער נאַכט פינצטערניש אַ שטראַל פון ליכט, וועלכע זאָל זייער פינצ־טערניש באַלייכטן און אַ ביסל לעבן אין זייער טויטקייט אַריינברייגען, אָבער אומזיסט איז זייער זוכן. די נאַכט איז שוידערלעך און רעדט בלויז מיט פינצטערניש. די שוואַרצע טרויעריקע וואַגאָנעס ווערן יאָ פון צייט צו צייט באַלויכטן, נאָר מיט אַ פרעמדער, קאַלטער, טויטער ליכט. דאָס

באַלייכטן אונזערע באַגלייטער די תפיסה־וואַגאָנעס צו זעהן פּילייכט וועט ווער פון דער געפערלעכער באַנדע ניט וועלן זוכן אַ רעטונג אין דער שוואַרצקייט פון דער ניט־זעהבאַרער נאַכט. עס הויבט זיך אָן די ערשטע שוידערלעכע, קאַשמאַרלעכע רייזע נאַכט. צוויי שרעקלעכע מאָמענטן האָבן גענומען באַהערשן די גרויסע פאַרגליווערטע מאַסע: דער הונגער און דורשט. זעה, מיין פריינד, ווי אַלע האָבן יעצט פאַרלוירן אַלע מענשלעכע חושים. יעדער איינער קלערט נאָר וועגן איין זאַך: וואו נעמט מען אַ שטיקל ברויט צו שטילן דעם הונגער, וואו נעמט מען אַ ביסל וואַסער צו שטילן דעם דורשט? זעה, ווי אַזוי די גליקלעכע נעבן די פענצטערלעך שטייהענדע, שטעקן אַרויס זייערע צינגער און לעקן די מיט טוי באַהויכטע פענצטער. זיי ווילן כאַטש מיט דעם בלויזן [באַגריף] פון פייכטקייט דער־פרישן זייערע פאַרחלשטע, אָפּגעשוואַכטע הערצער. עס הערן זיך געוויינען פון קינדערלעך, וועלכע שרייען: מאַמע, גיב אַ ביסל וואַסער, כאַטש איין טראָפּעלע. דו הערסט, מאַמע, גיב מיר כאַטש אַ קרישל ברויט. איך פאַל איין, איך חלש, איך האָב ניט קיין כוח. די מאַמעס טרייסטן די קינדערלעך: באַלד, מיין קינד, איך וועל דיר באַלד שאַפן. עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז ס'זיינען נאָך דאָ אַזעלכע גליקלעכע, וועלכע באַזיצן נאָך אין זייערע זאַ־פּאַסן עטוואָס. גיבן זיי אָב פּיעל־ווינציג פאַר די שוין פון הונגער אויסגיי־הענדע. אָבער די גרעסטע מערהייט איז פולשטענדיג פון הונגער ערשעפּט. און די קינדער זיינען אונגעדולדיג און ווילן לאַנג ניט וואַרטן און מאַהנען שוין ווייטער די צוגעזאָגטע ברויט און וואַסער. די מאַמעס ווערן אינגאַנצן דערשלאָגן, זעהענדיג דעם צער פון די קינדער און ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה שרייען. פון שרעק בלייבן די קינדערלעך שטיל און טוליען זיך מיט ווייגענדיקע אייגעלעך צו דער ווייטאָגפולער מוטער האַרץ. די דערוואַקסענע, וועלכע ליידן ניט ווייניקער ווי די קינדער, טרייסטן זיך מיט דעם, אַז די מאַכט וועט געוויס אין דער נאָהענטסטער סטאַציע באַ־זאָרגן אונז מיט עסן און וואַסער. זיי וועלן דאָך ניט אַרויספירן אַ פאָלק, וועלכע דאַרף אָן אַרבייטס־מאַסע בילדן ניט לאָזן אויסגיין פון הונגער און דורשט.

דאָ, אין אַ צווייטן קופּע הערן זיך ספּאַזמאַטישע געשרייען פון דער־וואַקסענע קינדער, וועלכע פאַרען זיך אַרום אַ פאַרחלשטער מוטער, וועלכע האָט אויסהאַלטן מעהר ניט געקענט. מען זוכט מיט קינסטלעכע מיטלען

צוריקקערן צו איהר באַוווּסטזיין, [ביז] זי האָט די אויגן געעפנט. און אַ שמחה פאַר זיי אין דעם טרויער איז געקומען: זייער שוואַכע מוטער צוריק אויפגעלעבט. זיי האָבן זיך, די קינדער, געשראָקן, אַז טאָמער פאַרלירן זיי שוין זייער מוטער און בלייבן שוין אָן אַ מאַמען אין דער וועלט.

עס געפינען זיך דרייסטע מענשן מיט קאַלטע נערוועז, וועלכע קלאַפּן אָן אין די פענצטערלעך צו אונזערע שומרים און בעטן זיי וועגן דער־ליידיקן, כאַטש אַריינוואַרפן אַ ביסל פון דער זייט ליגענדען שניי. עס הערן זיך ציבישע געלעכטערלעך פון די גרויזאַמע בעסטיעס און אַלס ענט־פער באַווייזן זיי די אָנגעלאָדענע ביקסן פאַר דעם, וועלכער וועט דעם פענצטער פּרוּוון עפענען. און ווי שרעקלעך! דו קוקסט אַרויס פון פענצ־טער. עס ליגט אויף דער ערד אַ ווייסע, נאַסע מאַסע, אַ שניי, וועלכעס קען יעצט דערקוויקן די שוואַכע הערצער, אָבפרישן די פאַרחלשטע קער־פּערס! קען יעצט אַ שטיק לעבן אַריינברענגען. עס פינק[לט] צו אונז די ווייסקייט, וועלכע טראָגט מיט זיך אַזוי פיעל לעבן — אַזוי פיעל טרייסט, אַזוי פיעל גליק האָט די ווייסע מאַסע. זי קען יעצט אַ בייע כוואַליע פון לעבן אין די טויטע וואַגאָנעס אַריינברייגען. אָט די ווייסע מאַסע קען יעצט די צוויי טויזנט פינף הונדערט מענשן בעפרייען פון די נעגל פון שרעקלעכן דורשטן־טויט. די ווייסע מאַסע קען יעצט אַ כוואַליע פון האָפנונג און מוט אין די יאושפולע הערצער ברייגגען: און ווי נאָהנט זי איז צו אונז. אָט דאָ אַנטקעגן דיר. זי פינקלט אַזוי מיט איהר ווייסקייט און רייצט מיט איהר צויבערפילקייט. און ווי שרעקלעך, — בלויז דעם פענצטער עפענען און — מיט דער האַנד דערלאַנגען קענען. עס דאַכט זיך, אַז די ווייסע מאַסע איז יעצט מיט לעבן באַהויכט. זי הויבט זיך אויף פון איהר געלעגער און וויל צו אונז זיך אויפהויבן, זיך צו אונז דערנענטערן. זי זעהט ווי מיר דרינגען איהר מיט אונזערע בליקן צו איהר. זי פילט ווי מיר לעכצן און בענקען נאָך איהר און זי וויל אונז אַ טרייסט ברייגגען, זי וויל אונז מיט לעבן באַהויכן, נאָר עס שטייט דער בייזער גזלן מיטן פאַרגליווערטן באַגנעט אויפן שולטער און ענטפערט דעם אַלץ אַזוי שרעקלעכן וואָרט — ניין. ער קאָן דאָס ניט ערלויבן. עס האָט אים קיין זאַך ניט גערירט, ניט די געבעטן פון די פרויען און די געוויינען פון קינדער. ער איז טויב און פאַרגליווערט. אַלע רוקן זיך פון די פענצטער

אָב רעזיגנירטע אין ווילן זייערע בליקן פון דער רייצנדער ווייסקייט אָבוועגדן און זינקען ווייטער און טיפע זאָרגפולע רעיונות, וועלכע רייסן דורך די טויטע שטילקייט מיט האַרצרייסענדע קרעכצן.

[— —] אָבגעטיילט פון דער לעבן באַוועגלעכע ליניע, כדי קיינעם אין וועג ניט שטערן.

דער באַן איז שוואַרץ ווי די נאַכט אין די וועלכע רוהען אין אים איז זייער אומגליק נאָך גרעסער און פינצטערער ווי די נאַכט. פון צייט צו צייט ווערט מען איבערגעוועקט פון דעם פייף פון אַ באַן, וועלכע לויפט שנעל אַדורך. יעדער רייסט זיך צו די פענצטערלעך אַ קוק טהון, ווער זיינען דאָס די, וועלכע קענען אויך זייער [— —] אין דער נאַכט פאָרן. דו זעהסט גוט-באַלויכטענע וואַגאָנעס, וועלכע טראָגן זיך מיט אַ שטורמישער פרייד, ווי זיי וואָלטן זיך צו עפּעס אַ גליקלעכן ציעל יאָגן. מען באַמערקט מענשן פון דער פרייער, ציווילער וועלט. אַ טיפער ווייטיג נעמט אַרום די אַרויסקוקענדע. דאַכט זיך די זעלבע מענשן, ווי מיר אונשולדיגע, קיין פאַרברעכן ניט באַגאַנגען. זיי פאָרן און מיר פאָרן. אָבער ווי פאַר־שידן איז אונזער וועג. זיי ווערן געפירט אויף דער לעבנס ליניע און מיר ווער ווייס! דאָרט לייכט דער לעבן אַרויס און פון אונז קוקט אַרויס די גרויזאַמע, שרעקלעכע פינצטערניש. דאָרט זיצט יעצט אַ רוהיגע, זיכערע מאַסע, וועלכע האָט פאַר זיך אַ ציעל, צו וועלכן זי טראָגט זיך מיטן אייגענעם ווילן. אָבער דאָ ווערן זיי געפירט אָן אייגענעם ווילן, נאָר געצוווּנגען. און ווער ווייס צו וואָס?

מען רוקט זיך צוריק פון די פענצטערלעך אָב. נאָך אַ טראָפּן יאוש האָט אין זייערע הערצער אַ פּלאַץ געמאַכט. יעדער האָט פריש איינגעזאַפּט נאָך אַ ביסל אומעט און פיין. און אַ רעזיגנירטער געזוכט אַ ווינקל, וואו זיין טיעף געבויגענעם קאָפּ אַ אָנשפּאַר צו געבן.

ווען די נאַכט האָט געגומען אַבטרעטן האָט אונזער צוג זיך גענומען רירן. ער שלעפּט זיך מאָנאָטאָניש. מאַכט כסדר פּלאַץ פאַר דער הע־כערער, בעסערער ראַסע, וועלכע לאָזט אים לאַנג אויף איר וועג ניט שטערן. מען דערנעטערט זיך צו אַ שטאָדט. אַלץ האָט דאָרט אונטן צום לעבן אויפגעוואַכט. דו זעהסט פרויען, וועלכע לויפן באַזאָרגן זייערע נויטיגע שטוביגע זאַכן. און אָט זעהען מיר פון דער ווייט ווי דער־נעטערן זיך צו אונזער ריכטונג אַ גרויסע גרופּע מענשן פון צווייטן

[— —].: זיי גייהען אַרויס געווים צו דער אַרבייט. יעדער איז נייגעריג צו זעהן, ווער קענען עס זיין די, וועלכע מאַרשירן דאָרט יעצט צו אונז. צי זיינען נאָך אויך דאָ אין דער געגענד, וואו מען פירט אונז דאָ [— —] נוציגע יודן. פון דער ווייט איז אונמעגלעך זייער נאַציאָנאַליטעט פעסט־צושטעלן, נאָר ווען זיי קומען אין דער נאָהנט באַהערשט אַלעמען אַ פרייד. מען האָט דערזעהן די גרויסע געלע לאַטעס. אַ סימן פון נאָך לעבעדיגע אַרבייטענדע יודישע מאַסן. אַ טרייסט און האָפנונג האָט אַלעמען באַ־הערשט. נאָר מערקווירדיג, וואָס דו קענסט זעהן ביי יעדער אָבשטעלענ־דער סטאַציע, באַמערקסט, ווי ס׳שטייען מענשן און ווינקען צו די פאָרענדע און מאַכן מיט די הענד עפּעס באַדייטענדע סימנים. זיי פירן די הענד איבערן האַלדז, אָדער ווייזן מיט אַ פינגער אויף דער ערד. עס דוכט זיך, ווי עפּעס אַ פּאַטום באַגלייט זיי אין וועג און ביי יעדן אָפּרוה וואַקסן זיי ווי פון דער ערד אַרויס און ווייזן זייערע טייוולאַנישע סימנים. וואָס מיינען זיי דאָ מיט דעם [?] פאַרוואָס באַאומרוהיגן זיי די אַזוי אויך צום טויט דערשראָקענע. און יעדער זוכט צו פאַרטרייבן די בייזע מחשבות, וועלכע וואַקסן נאָך אַזעלכע סימנים אויס. און מען וויל זיך אַליין פאַרטומלען דעם מח, אָבווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון יענעם שטענדיג פאַר די אויגן שטייענדען — דער בילד פון יענער פרוי מיט דער האַנד אויפן האַלדז.

דער צוג רירט פון אָרט און מען פאָרט ווייטער דעם מאָנאָטאָנישן, אייביגן וועג. מען דערנעהנטערט זיך צו אַ צווייטער סטאַציע. עס שטייען נייגעריגע און קוקן אַרויס צו אונזער צוג און באַלד האָט דאָס אונז אין אַ טיפן אומעט אַריינגעבראַכט. מיר זעהען פון צווישן צוויי בוימער שטייען צוויי פרויען און קוקן צו אונז אַרויס און ווישן מיט טיכלעך די מיט טרערן זיך גיסענדע אויגן. מיר זעהען חוץ זיי קיינעם ניט דערנעבן און די קענסט ניט פאַרשטיין. פאַרוואָס וויינען זיי. פאַרוואָס האָט אונזער קומען אויף זיי אַזוי שרעקלעך געווירקט און זיי ביז טרערן געבראַכט. פאַרוואָס וויינען זיי יעצט יענע [פאַראומעטע פרויען?] צי זיינען דאָס טרערן פון אַ פערזענלעכן אומגליק, צי [אַלס] מיטלייד צו די, וועלכע קוקן יעצט צו זיי אַרויס? וואָס שטעלן מיר מיט זיך פאָר, אַז מיר זאָלן ביי יעדן טרערן אַרויסרופן — עס וואַקסן אויס פון דאָס ביי די צוויי פייניגענדיגע מענשליכע שונאים, וועלכע לאָזן ניט רוהען און מאַהנען

זייער רעכט[:] דער הונגער און דורשט, האָבן פון דאָס ניי געגומען באַהערשן די ערשעפּטע מאַסע. מען האָט פון דאָס ניי געפּרוווט אָנגעמען מיטלען, ווי אַזוי צו באַוועגן אונזערע אכזריותדיקע באַגלייטער, זיי זאָלן אונז ערלויבן אַ ביסל וואַסער כאָטש בעקומען. אָט דאָרט אַקעגן אונז שטייען פרויען, מעגלעך יודישע לויט זייער אויסזעהן און ווילן צו אונז ערלאַנגען, צוּוואַרפן פון שניי געמאַכטע קנײדלעך. און ווי גליקלעך וואָלטן מיר יעצט געווען, ווען מען קען נאָר דעם פענצטער עפענען כאָטש אויף איין מינוט און אַרייננבאַקומען יענע ווייסע, נאַסע מאַסע. עס שטרעקן זיך אויס צו אונז דערשראָקענע, אָבער דרייסטע הענד, געוויס יודישע, וועלכע האָבן זיך צו אַ אומאָנגענעמלעכקייט געקענט ערוואַרטן, — נאָר אונזערע בעטענדע בליקן האָבן אויף זיי אַזוי פיעל געווירקט, אַז זיי האָבן אין דער ווירקלעכקייט פאַרגעסן און זיך געשטעלט אַקעגן אונזערע פענצטערלעך אויף אַזוי ווייט, אַז וואַרפענדיג זאָלן זיי צו אונז קענען גרייכן. זיי האַלטן גרייט אין די הענד די נאַסע, גרויסע שניי־קנײדלעך און ווילן זיי צו אונז וואַרפן. נאָר איין זאַך שטערט זיי אויסצופירן זייער מאָראַלישן ווען טאַט, וואָס וואָלט אונז געקענט מיט אַ פריש לעבן באַהויכן און אַ שטאַרקן, צופלוס פון כח אין די זיך אָבלאָזענע הענד ברייגנען. אָט די פאַר־מאַכטע וואַגאָן פענצטערלעך, וועלכע אַ שטרענגענדע, טייוולאָנישע פער־אָרדנונג לאָזט זיי זיך ניט באַוועגן. איין גוטער ווילן, איין וואונק אויף יאָ, וואָלט אַלץ געמאַכט און געלאָזט אונז פון שרעקלעכער פּיינלעכער יסורים געקאָנט אַרויסשלעפּן. נאָר — אונבויגזאַם האַרט ווי אַ שטיין — איז זייער האַרץ, אָן געפיהל, אָן ווילן און אָן פאַרשטאַנד. די שפּאַנונג שטייגט פון מינוט צו מינוט. מענשן ווערן ווילד. דאָ האָט [— —] פון שוואַכקייט געחלעשט. און די פאַרצווייפלטע מאַסע וועלכע האָט איר חשבון פאַרגעסן, וועלכע האָט זיך פון דער ווירקלעכקייט אָבגעריסן, האָט געגומען קלאַפּן און רייסן די טירן. קלאַפּן אַזוי שטאַרק אין די פענצטערלעך, אַז ס׳האָבן גלייך אויסגעוואַקסן עטלעכע שומרים צוזאַמען, זיי האָבן זיך דערשראָקן, טאָמער איז עפּעס וואָס געשעהן, וואָס קען אויך פאַר זיי אַ אונאָנגענעמ־לעכקייט ברייגנען. זיי פרעגן זיך חוצפּהדיג, וואָס וויל זי דאָ די שרייענדע, וויינענדע פרוי. די, וועלכע האָבן די שפּראַך נאָך ניט פאַרלוירן, דערקלערן זיי, אַז איר קינד איז פאַרחלשט פון דורשט און דאָס וויינט די מוטער, וועלכע שרייט נאָך אַ ביסל וואַסער. זיי לאַכן צופרידענע, וואָס מעהר ווי

דאָס איז ניט געשעהן און ווילן שוין צוריק אָבטרעטן און גיין ווייטער זייער וועג. די מוטער אויבט אָן האַסטיקער צו קלאַפּן, די פענצטער זיינען באַלד צעבראָכן. מענשן ווילן איהר אָבציהען, באַרוהיגן, זי זאָל קיין אומגליק אויף זיי ניט ברייגגען. נאָר זי וויל פון קיין זאַך ניט הערן. זי פאַרליירט דער איינציקער טאָכטער, איז דער לעבן ביי איהר סיי ווי גאָרניט ווערט. זי בעט זיך: לאָזט מיר לויפן, לאָזט מיר אַרויס אַ טרונק וואַסער פאַר מיין טאָכטער ברייגגען. עס געפינען זיך דרייסטע, וועלכע שטעלן זיך אין איהר שוץ און לאָזן איהר צוריק צו צום פענצטער. זי שטורעמט און שרייט. עס קומען פון דאָס ניי די באַנדיטן און זעהענדיג, אַז די חוצפּהדיגע האַנדלונג פון דער פרוי קען אויך אַמאָל מיט דרייסט באַווירקן די פערצווייייפלטע מאַסע און די פאַלגן קענען אויך פאַר זיי זיין פאַטאַלע, האָבן זיי מיט אַ דיפּלאָמאַטישן זשעסט געגעבן אַ נויג מיטן קאָפּ, אַז זיי דערלויבן צו עפענען אַ פענצטער. אַ שמחה האָט אַלעמען באַ־הערשט. אַ שטראָם פרישע לופט האָט מיט אַ חוצפּהדיגער פרייד זיך אַריינ־געריסן אין וואַגאָן און אַרויסגעטריבן די איינגעבירגערטע, פאַרשטונקענדע לופט. מענשן זיינען ווי צו אַ ניי לעבן אויפגעשטאַנען. אַלע זיינען גע־וואָרן נערוועז און די שפּאַנונג האָט דערגרייכט צו דעם גרעסטן פונקט. אָט באַלד, אָט באַלד, נאָך אַ מינוט, נאָך אַ סעקונדע, וועט צו אים אַ ווייסע שטיק שניי אַריינפאַלן און ער וועט זי אין זיינע הענד האַלטן — און גלייך אין מויל נעמען און מיט דעם אָנטרינקען זיין דורשטיק, פאַרחלשט האַרץ. אַ טייל האָט דעם אַדרעס געטראָפן און אַ טייל איז געפאַלן אויף דער ערד, וועלכע נויטיגט זיך ניט און דאַרף עס ניט האָבן. די גליקלעכע, וועלכע האָבן דעם ווייסן אוצר אין האַנד באַקומען, וואַרפן זיך אויף דעם ווי משוגעים. מען צעטיילט עס גלייך פאַר די נאָהנטסטע משפּחה מיט־גלידער. יעדער שלינגט עס איין, ניט קוקנדיג אויף דער קאַלטקייט און פאַרפרוירנקייט פון דער מאַסע. מען רייסט זיך, מען קריגט זיך פאַר אַ ברעקל, מען הויבט אויף פון דער ערד די שטיקלעך, וועלכע זיינען פון אונפאַרזיכטיקייט אַראָבגעפאַלן. אָבער צו קליין איז געווען די צאָל פון די, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו שטילן זייער דורשט, און די איבריגע גרויסע מאַסע איז ווייטער געזעסן פאַרצווייפלט אין יסורים פון הונגער און דורשט.

דער באַן האָט זיך גערירט פון אָרט. אַלע גריסן די עטלעכע דרייסטע

פרויען און ווינטשן זיי דאָס גרעסטע גליק פאַר דעם גרויסן, הערצבעגעם זשעסט, וועלכען זיי האָבן אונז באַוויזן אין וועג.

ס'איז פאַרשנעלערט געוואָרן דער געלויף, מיר פאָרן פאַרביי פער־שידענע דערפלעך און פלעצער פאַר אַ גרויסער טייל אונבעקאַנט.

[— —] יעצט מיט זעלנער [— —] ער ווערט געפיהרט. שטעלט זיך [— —] צוג: מיר זון [— —].

[— —] שטעלן זיך אַוועק [— —] סטאַציע. זיי [— —] וועלכע פאָרן [— —] קעמפן מיט זייער צווייטן שונא [— —] גרויסן מזרח פאָלק.

קוקט זיך צו מיט גרינגשעצונג און פאַרביסנקייט צו זייערע שונאים, וועלכע געפינען זיך שוין ביי זיי אין דער נעץ. זיי[25] וואָלטן יעצט [— —] חיות זיך וועלן מיטן גאַנצן אייפער זיך וואַרפן אויף אונז „די שולדיגע", וועלכע צוליב וועמענס [אונזיניקייט ?] זיי האָבן יעצט געמוזט זייערע היימען פאַרלאָזן, זיך געזעגענען מיט זייערע עלטערן, שוועסטער און קליינינקע ברידערלעך. זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן אַ פרוי, וועלכע האָט ספּאַזמאַטיש געוויינט און אַ קינד, וועלכע האָט זיך פון האַלדז אַברייסן ניט געוואָלט און זיך געבעטן: פּאַפּאַ, גיי ניט אַוועק.

זיי זעהן אין אונז אָט די שוואַכע, שוצלאָזע, צעבראָכענע. מיר האָבן עס אויף זיי דעם גרויסן אומגליק געבראַכט און מיר זיינען עס די, וועלכע האָבן די פעלקער אויף דער קריגס אַרענע אַרויסגעפירט. און ווען מען לאָזט זיי דאָס יעצט צו צו אונז, ווי וואָלטן זיי מיט סאַדיסטישער אכזריות אונז פאַרצוקט, און די ביינער מיט רציחה צוקנאַקט. פאַרוואָס שיקט מען זיי אַהין, צו יענעם ווייטן שונא, אַז זיי האָבן דאָ פאַר זיך אָט דאָ נעבן נאָז זייערן [— — —] אַ געפערלעכן און גרעסערן שונא, ווי דער צו וועלכן זיי ווערן יעצט געפירט. זאָל מען זיי דאָ זייער קאַמפּס פּלאַץ „מאַכן" און זיי וועלן זייער (אַרישן) כח (באַווייזן). זאָל מען זיי לאָזן דאָ. האַלט(ן) דאָ זייער גרויזאַמען וועלט געשפּענס — דאָ — און זיי וועלן באַווייזן אויף וואָס זיי זיינען פּעהיק.

נאָר ניין, איהר געמיינע באַנדיטן, לייכט־גלויביגע [— —] פּיראַטן פאָרטס אַהין דאָרט צום שונא נומער צוויי, צום שונא מיט כח און קראַפט[26]. באַווייזט דאָרטן אייער גבורה, באַווייזט דאָרטן אייער [— — —] גייטס אַהין, דאָרטן וואו ס'וועלן אייך עמפּאַנגען די ריזיקע, שטאָלענע פויגלען

און די מאַסיוועך באַוועגלעכער פעסטונגען, וועלכע ווערן געפירט דורך די גרויסע פּאַטריאָטן, דורך די גרויסע מוטיקע העלדן, וועלכע קעמפן פאַר אַלמענשלעכער פרייהייט און גליק. גייטס איהר געמיינע [— —] פאַר־שוינען, גייטס איהר גרעסטע פאַרברעכער, דאָרט אַהין אויפן שלאַכט־פעלד, וואו עס קעמפן ליכט קעגן פינצטערניש, פרייהייט קעגן פאַרשקלאַ־פונג. — דאָרט ווערט איהר אייער באַרבאַריזם פאַרלירן, אייער כח וועט פאַרשווינדן, אייער עקזיסטענץ וועט אויסגעמעקט ווערן. אייערע לעבנס וועלן אין גרויסן תהום איינגעזונקען ווערן.

די צוגן רייסן זיך פון אָרט. מיר פאָרן צו מערב און זיי צו מזרח. אונז ביידן ערוואַרטעט דאָס זעלבע. אונז פאַר גאָרניט און זיי פאַר זייער אייגענער שולד.

מיר דערנענטערן זיך צו אַ שטאָדט. מען זעהט פון דער ווייט ריזיקע פאַבריקס־קוימענס. דו הויבסט אָן מערקן די עקזיסטענץ פון פאַרצווייגטער מענטשלעכער אַרבייט. און ווען מיר זיינען גאָר נאָהענט געקומען, האָבן מיר דערזעהן פאַר זיך איינע פון די גרויסע אויבערשלעזישע שטעדט. דאָ אויף אַ ריזיגן שטח זיינען צעוואָרפן גרויסע און קליינע געביידעס. פון אומעטום רייסן זיך צום הימל גרויסע קוימענס, וועלכע זיינען עדות פון מיהפולער אַרבייט. דאָ איז דער צענטער פון דער אַמאָליקער פוילישער שווער אינדוסטריע. ביי יעדן איינעם פליהט דורך אַ געדאַנק [:] געוויס פירט מען זיי אַהין אָט אין יענע גרויסע פאַבריקס געביידעס, וועלכע נויטיגן זיך אין מענשלעכע הענד און זיי וועלן ווערן דאָרטן איינגעשלונגען, ווי זייערע פאָרגענגער, וואָס האָבן געוויס זיי פלאַץ דאָ געטראָפן.

מען פאָרט ווייטער דעם מאָנאָטאָנעם וועג, טיפער אין שלעזישן געביט אַריין — אַ נעפל הילט איין די געגנט. ס'איז אַזוי שרעקעוד, אַזוי גרוה, ווי דער לעבן. דו זעהסט אויף די באַן ליניעס ריזיקע לאַנגע צוגן מיט קוילן. ס'פיהלט זיך, אַז דאָ איז דאָס האַרץ פון דער פוילישער גאָלדענער, שוואַרצער ערד. יעדן איינעם דערדריקט דער געדאַנק, טאָמער וועט מען אים אין די טיפע אונטערערדישע קוילן גרובן אַריינוואַרפן — און ווער וויים, צי זיין פיזישער כח וועט קענען זיין אויסהאַלטבאַר און צי וועט ער זיך קענען צופאַסן צו די באַדינגונגען, וועלכע זיינע גוט בעקאַנטע בעלי בתים וועלן פאַר אים אויסשטעלן.

צי וועט ער נאָך די ערשעפטע וואָכן פון הונגער און נויט קענען

מיט זיינע שוואַכע מוסקולן ערפּילן די אחריות, וועלכע עס ליגט אויף אים פּאַר זיין פרוי און קינד, טאַטע־מאַמע, ווער ווייס. מען פאָרט אַזוי לאַנג ביז די נאַכט איהר הערשאַפט פאַרנעמט און דאַן בלייבן מיר ווידער שטיין. דער צוג רייסט זיך פון צייט צו צייט, פאָרט אָב עטלעכע קילאָמעטער און בלייבט שטיין. אַ שווערע קאָשמאַרפולע נאַכט האָט אין איהרע אָרעמס איינגעשלונגען די גרויסע צוווייטאָגטע, פאַרזאָרגטע יודישע מאַסן. זיי ווייסן, אַז זיי זיינען שוין באַלד נאָהנט צו זייער ציעל. לויטן רייזע פּלאַן האָבן זיי שוין באַלד צום קולמינאַציאָנס פונקט דערגרייכט. און ווער ווייס, וואו זיין, וואָס וועט זיי ערוואַרטן, ווען זיי וועלן אָנקומען דאָרט אַהין צו יענעם פונקט, וואו זייערע פאָרגענגער האָבן ביז דאָרט זייער געשיכטע געשריבן.

[— —] וועלכע וועלן אין דער נאָהנסטער [— —] דעם זעלבן וועג דאַרפן מאַכן [ווער] ווייס [— —] דער צווייפל האָט אַלעמען [אין] דעם קלע[ם] געהאַלטן — נאָר איין שטראַל פון [האָפ]נונג האָט דעם גלויבן און צו [— —].

אָט דאָס ניט דערשאַצן דעם שונא האָט ווי אָפּיום אַלעמען פאַרשיכורט און מוט געגעבן און אַ טראָפּן טרייסט אין די הערצער אַריינגעגאָסן. די מאַסע שלאָפט אַ ערשעפּטע אין טויט־אַנגסטן אויפן אָנקומענדיגן מאָרגן. עס איז אַדורכגעלאָפן אַ לאַנגע מרה־שחורהיקע נאַכט. עס גייט אויף אַ מאָרגן, אַ גרויער, וועלכער רייסט זיך צו דער וועלט אַרויס דורך אַ געדיכטן שוואַרצן נעפּל, וועלכער וויל פון דער וועלט ניט אָבטרעטן און מיט זיין הערשאַפט ניט פאַרשווינדן.

[— —] און ניט [— —] ער האָט די [— —] מער גראַהקייט איינ־געהילט און האָט [— —]אהר ווייזן מעהר [ניט] [— —] אומעט און טרויער — רעדט פון [— —] טויט — די וועלט איז [אין] אבלות [— —] דער היינטיקער מאָרגן איז אַ פאַרשאָ[לטענער].

דער היינטיקער טאָג איז אַן אונגליקלעכער און [— —] האָבן אונשולדיגע צוויי טויזנד פינפהונדערט [— —] קינדער זייער בעסטיאַלישן טויט געטראָפן.

מען איז אָנגעקומען צו דער סטאַציע קאַטאָוויץ. דו זעהסט פאַר זיך ניט קיין שטאָדט, נאָר קאָנטורן פון געביידעס באַווייזן זיך פאַר דיר. מען איז באַהערשט פון זייער אַ געדריקטער שטימונג. מען זעהט, אַז

באַלד איז מען שוין צום ענד ציעל דערגאַנגגען. נאָך אַ שעה און מען וועט באַלד פון באַן אויסשטייגן מוזן. און ווער ווייס, וואָס עס ערוואַרטעט אונז — אַ טייל שרעקט זיך פאַרן לעצטן פונקט און זיינען שוין מיט מאַנאַטאַנען רייזע לעבן אַזוי איינגעוואַקסן געוואָרן טראָץ די אונער־טרעגלעכע באַדינגונגען וואָלטן זיי שוין [——] אין דער אייביקייט וועלן פאַרן ערגעץ אין אַ מדבר פאַרטראַגן ווערן צווישן ווילדע [——] אָדער חיות, נאָר ניט אויסשטייגן דאָ [— —]. ס׳שרעקט זיי די בייזע, גזלנישע פּנימער פון [— —] וועלן זיי ערוואַרטן קומען. זיי שרעקט די ווירקלעכקייט, צו וועלכער מען האָט זיי געפירט זיי [שרעקט] — דעם שונא׳ס לאַנד, זיי שרעקט די פרעמדקייט פון דעם פּלאַץ [וייל] אויב דאָרטן, נאָהנט לעבן זיין היים איז מען זיך מיט זיי אַזוי ברוטאַל און מערדערלעך בעגאַנגגען, טאָ וואָס ערוואַרטעט זיי דאָ. אַ טייל וועלכע זיינען שוין סיי פיזיש און מאָראַליש ערשעפּט האָבן מיט רעזיגנאַציע זיך איבערגעגעבן אין די הענד פון גורל. זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי גיכער פאַרלאָזן אָט די ענגע, געשלאָסענע פעסטונג, וועלכע האָט זייערע לעבנס שוין באַלד פון זיי באַרויבט. און אפשר דאָרט אויף דער פריי וועט זיין בעסער און זיכערער. ס׳קלאַפּט נאָך אַ שטראַהל פון האָפנונג.

[— —] און צו דער לעצטער סטאַציע [— —] האָבן אַלע זיך געענוג צובראָכן [——] און זיך אַליין, אַלע זיינען [——] שרעקלעכע גע־דאַנקען. יעדער [— —] אין אַ שפּאַנונג געהאַלטן. עס [טויכן ?] אויף פון דער טיף יענע נאָגענדע געדאַנקען, יענע מאַטערנדע פראַגן [:] וואו זיינען די, וועלכע האָבן פאַר אונז [— —] אויסגעשטיגן — פאַרוואָס זיינען זייערע שפורן פונעם לעבן — פאַרלוירן — פאַרוואָס זיינען זיי ווי אין דער אייביקייט פאַרשווונדן און קיין סימנים פון עקזיסטענץ פאַר אונז פון זיי ניט געלאָזן ? פאַרוואָס ? אָט זיינען מיר שוין באַלד צום לעצטן פונקט געקומען און מיר דאַרפן שוין באַלד די לעצטע ווערטער אָנשרייבן : מיר זיינען אין יענעם לאַנד געקומען און וואָס ווייטער ? אַלץ איבערגעריסן, אַלץ פאַרשווונדן, פאַרוואָס ? אפשר איז טאַקע אמת די גרויזאַמע ידיעות פון די וואַרשעווער יודן [— —] האָבן זייער טויט אין טרעבלינקאַ [געפינען].

[— —] באַנדיטן — האָבן [אויך ?] אַ צווייטן [— —] פּאָפּולערן

[— —] זיי טאָקע יעצט צו אים, ווער ווייס [— —] צו הערן זיי שוין ניט דעם לעצטן רעש פון די רעדער.

ווער ווייס, צי וועלן זיי נאָך אַמאָל אין לעבנס צוג איינשטייגן קענען?

ווער ווייס, צי איז שוין היינט ניט זייער לעצטער מאָרגן[?].

ווער ווייס, צי וועלן זיי נאָך אַמאָל אַ זון־אויפשטיין קענען זעהן?

ווער ווייס, צי וועלן נאָך זייערע אויגן די וועלט אַמאָל קענען זעהן?

ווער ווייס, צי וועלן זיי נאָך אַמאָל פון לעבן געניסן קענען?

ווער ווייס, צי וועלן זיי נאָך זייערע קינדערלעך דערציהען קענען?

ווער ווייס, צי וועט איהר, קינדער, האָבן אַ מאַמע, און די מאַמע אַ קינד?

ווער ווייס, צי וועסטו פאַר מיר, מיין [— —]

דער צוג האָט פאַרקלענערט זיין געלויף און אויף אַ געוועקסעלטער ליניע אַרויף. אַ פאַקט, אַז מיר זיינען צום ענד ציעל געקומען! דער צוג האָט זיך געשטעלט, די מאַסע האָט זיך אַ וויג געטוהן, דער לעבן האָט זיך אַ טרייסל געטוהן, נאָך זיינענדיג אין וואַגאָן. אַלץ רייסט זיך און שטופּט זיך צום אַרויסגאַנג. מען וויל אַריינכאַפּן, אַריינזאַפּן אַ ביסל פרישע לופט און אויך אַ ביסל פרייהייט...

מיר זיינען אַרויס פון באַן. און זעה, מיין פריינד, וואָס דאָ קומט פאָר? זעה ווער עס איז אונז געקומען מקבל פנים זיין. מיליטער לייט[27] מיט העלמס אויף די קעפּ, מיט גרויסע נאַהייקעס אין די' הענד און אויך אין באַגלייטונג פון גרויסע בייזע הינד. אָט דאָס זיינען די אָפענע אָרעמס, וועלכע האָבן אונז עמפּאַנגען געקומען [— —]? קיינער פאַרשטייט ניט נאָך וואָס אַזאַ שמירה. נאָך וואָס אַזאַ אַבשרעקנדען קבלת־פנים? נאָך וואָס? ווער זיינען מיר, אַז מען דאַרף צו אונז האָבן די קראַפט פון געווער און די' ווילדקייט פון הינד. מיר זיינען דאָך אויף אַרבייט געקומען אַלס פרידלעכע רוהיקע מענשן. טאָ צו וואָס אַזעלכע פאַרזיכט־מיטלען?

נאָר וואַרט, וועסטו פאַרשטיין.

גלייך ביים אַרויסגאַנג ווערן מיט רציחה די רוקזעק, אָט די קליינע מינימאַלע פעקלעך אַרויסגעריסן און ווערן אין איין גרויסן פלאַץ געלייגט. קיינער טאָר מיט זיך גאָרניט נעמען, גאָרניט האָבן. די פאַראָרדנונג וואַרפט אַלעמען אין פעסימיזם אַריין, ווייל אויב מען הייסט דיר דאָס נויטיגסטע, נוציגסטע עלעמענטאַרסטע זאַכן אָבגעבן, איז דאָס אַ סימן,

אַז דאָס נויטיגסטע איז אומנויטיג, דאָס נוציגסטע — אומנוציג. דאָ אויף דעם פּלאַץ דאַרפסטו שוין קיין [זאַך] פון מענשלעכן געברויך האָבן. נאָר לאַנג טראַכטן וועגן דעם קענסטו ניט, ווייל גלייך שניידט אַדורך די לופט דער עכאָ פון אַ נייער פאַראָרדנונג[:] מענער בעזונדער און פרויען בעזונדער. ווי אַ דונער האָט אַלעמען געטראָפן אָט די גרויזאַמע אכזריותדיקע פאַראָרדנונג. יעצט ווען מען שטייט שוין ביים ענד ציעל, ווען מען איז שוין ביים גרענעץ געקומען, הייסט מען זיך צושיידן, פונאַנדערשניידן דאָס אומצושניידבאַרע און הייסט צערייסן דאָס אומצורייסבאַרע, וועלכע איז אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדן, צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסן אומצוטיילבאַרן אָרגאַניזם.

קיינער רירט זיך ניט פון אָרט, ווייל מען גלויבט זיך ניט, אַז דאָס אומגלויבלעכע, דאָס אומרעאַלע זאָל אַ ווירקלעכקייט זיין, אַ פאַקט ווערן. נאָר אַ האָגל פון קלעפּ, וועלכע ס׳האָבן גלייך די ערשטע דערפילט האָט געווירקט, אַז אויך פון די ווייטערע רייהען זאָל מען זיך אויסטיילן נעמען.

קיינער [האָט] ביים פונאַנדערגיין זיך, אַפילו ני[ט] [——] האָט ניט געגלויבט, מען האָט ניט [באַגריפן] אין מאָמענט פון צעשיידונג.

מען האָט געקלערט אַז דאָס אַלץ איז בלויז אַ פאָרמעלע פּראָצעדור, כדי פעסטצושטעלן גענוי די צאָל אָנגעקומענע פון יעדע געשלעכטער בעזונדער. מען האָט געפילט אַ ווייטיג [——] מען קען יעצט אין די ערענסטע מינוטן שטייען צוזאַמען און זיך צוגעבן מוט און טרייסט. מען האָט נאָך געפילט די שטאַרקייט פון די אומצורייסבאַרע פאַמיליאַרישע פעדים. אָט דאָ שטייען זיי נאָך ביידע, פון איין זייט דער מאַן, פון דער צווייטער זייט — די פרוי און קינד. דאָ שטייען עלטערע מענער, אַ אַלטער טאַטע און אַקעגן די שוואַכע מאַמע. דאָ שטייען ברידער און קוקן פון דער זייט צו זייערע שוועסטער אַריבער. קיינער ווייס ניט, וואָס וועט דאָ באַלד פאָרקומען. נאָר מען פילט, אַז מען וועט דאָ עפּעס ווערן פאַרטיילט [——] און מען גייט אַדורכן [——] סטאַדיע. מען פרעגט כלומרשט דער עלטער און פאַך. אַלע ווערן צעטיילט און [——] דאָ געשטעלט. נאָר איינס איז ניט קלאָר. די פרעגער לייגן ניט קיין אַכט אויפן פאַך און עלטער. אויב עס געפעלט זיי צופעליג דער פנים. דעם אַהין, דעם אַהער. און אין דריי גרופּן איז די מאַסע צעטיילט: פרויען מיט

קינדער, מענער — יונגע און אַלטע, און אַ קליין טייל, וועלכע גרייכט צען פּראָצענט פון טראַנספּאָרט ווערט אין אַ דריטער ריי געשטעלט. קיינער ווייס ניט, וואָס בעסער איז, וואו זיכערער וועט זיין. יעדער קלערט, אַז דאָ קלייבט מען צו פאַרשידענע אַרבעטן. פרויען מיט קינדער — צו גאָר לייכטע און די יינגערע מענער, ווי אויך די עלטערע — צו אַ לייכטער, ערטרעג־לעכע אַרבייט. און די קלענסטע גרופּע, וועלכע האָט כלומרשט מיט זיך די פעהיקסטע געזאָלט פאַרשטעלן, איז צו גאָר שווערער אַרבייט אויסגע־קליבן געוואָרן [——]. עס בלוטיקט דאָס האַרץ, צוקוקנדיג פון דער זייט אויף די ערשעפּטע און אויסגעמאַטערטע פון וועג פרויען, וועלכע מוזן נאָך האַלטן די קינדער אויף די הענד און [— —] זיי קענען כאָטש מיט עפּעס העלפן, פיל ווינציג פערלייכטערן, נאָר באַקומסט גלייך מיט אַ טעמפּער, האַרטער זאַך אַזאַ קנאַל איבערן קאָפּ, אַז דו פאַרגעסט גלייך וועגן וואָס דו האָסט אייגנטלעך צו דער צווייטער זייט געוואָלט גיין. די פרויען, זעהענדיג וואָס זייערע מענער ערוואַרטעט, ווען זיי וועלן זיי הילף ברייגגען, ווינקען יעצט צו זיי איבער, זיי זאָלן רוהיג שטיין, פון אָרט זיך ניט רירן. פאַרפאַלן, זיי וועלן יעצט אין די שווערע מינוטן אַליין דאָ [——] נאָר ניין, שטערסט זייערע [——]. זיי טרייסטן זיך, אַז באַלד וועלן זיי געוויס צוריק זיין צוזאַמען און ווייטער געמיינזאַם גיין זייער וועג.

פאַרשידענע מחשבות פלאָנטערן זיך אין מח און דו שטייסט אונ־באַהאָלפן, שוצלאָז. דאָס איינציגע געפיהל, וואָס דער מענש פילט יעצט איז דער ווייטיג פון דער מאָמענטאַלער צעשיידונג, ווייל אויב מען וועט די פרויען און קינדער אויף בעזונדערע אַרבייטן שיקן און זיי, די מענער, וועלן ניט קענען זיין צוזאַמען און זיי הילף ברייגגען קענען, איז דאָך די גאַנצע אידיליע, מיט וועלכער זיי האָבן ביזן אָנקומען געלעבט, געוואָרן אַ בלאָף. דער גאַנצער פאַמיליאַרער אָפּיום מיט איין מאָל אויסגעוועפּט געוואָרן און מען איז געבליבן שטיין מיטן גרויסן שמערצפולן ווייטיג פון דער גרויסער כירורגישער אָפּעראַציע, וועלכעס איז דערכגעפירט געוואָרן גלייך ביים באַן.

עס קומען אָן אויטאָס און נעמען אַרויף אויף זיך די פרויען און קינדער, וועלכע דאַרפן ווערן [— —] און ווען וועט ער זיך מיט זיין פרוי און קינד קענען זעהען, ווען וועט ער זיין טאַטע מאַמע קענען

טרעפן, און וועט ער זיינע טייערע שוועסטער קענען [הערלפן]. די מענער שטייען פון דער זייט און קוקן זיך צו, ווי זיי ווערן אויף די סאַמאָכאָדן אַרויפגעזעצט און פאָרן אָב. יעדערנס בליק איז צוגעשמידט צו איין אָרט, צו איין פונקט, וואו עס באַוועגט זיך זיין טייערע פרוי מיטן קליין קינד אויפן האַנד. דאָ ווערט אַ מוטער דורך צוויי טעכטער געפירט און זיי ווערן דורך די בליקן פון זייערע ברידער און פאָטערס באַגלייט. אָך ווי שרעקלעך, ווי שוידערלעך, האָט יעצט פאַר דיר אַ בילד זיך געוויזן: איינער פון די מיליטער לייט, וועלכער פאַרעט זיך אַזוי שטאַרק ביים אויפלאָדעווען די סאַמאָכאָדן, איז יעצט אַרויף אויף איינעם פון זיי און מיט זיין גאַנצן כוח געשפאַרט און איינגעדריקט די פרויען און קינדער, ווי זיי וואָלטן מיט זיך אַ טויטן אינוווענטאַר פאַרגעשטעלט [———] האָט איצטער אַרומגענומען — טאָמער וועט יעצט זיין פרוי און קינד דורך זיין ברוטאַלער האַנד [צוגעדריקט] געוואָרן און ווען [———].

זיי וואָלטן יעצט אין די שווערע, אחריותפולע מאָמענטן זיין צוזאַמען און זיי באַשיצן. נעמען זיי אונטער זייערע פליגלען, פאַרשטעלן זיי — פרוי און קינד, מוטער און שוועסטער, מיט זייערע פלייצעס. אָך, ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, ווען ער קען יעצט פאַר זיי אַ שוץ וואַנט זיין, אַז קיין שלעכטס זאָל זיי ניט טרעפן. יעדער שיקט זיי זיינע באַגלייטענדע ווונטשן, אַז זיי זאָלן זיך אין די באַהנטסטע שעהן קענען צוריק טרעפן געזונטע און מונטערע. די פרויען קוקן גלייך אַראָב צו די רייהען פון די מענער. זי קען איהר בליק פון איהר מאַן ניט אָברייסן, צי פון איהר פאָטער און ברודער. ווי גליקלעך וואָלטן זיי געווען, ווען זיי קענען יעצט אין די שרעקענדע מינוטן זיין צוזאַמען. זיי וואָלטן דאַן זיכערער געווען און דרייסטער געקוקט אויף די אָנקומענדע מינוטן. יעצט שטייען זיי איינזאַם אַליין, אונבאַהאָלפן, צושראָקענע. דאָרט אונטן שטייען זייערע טרייע, איבערגעגעבענע מענער און ברידער. דאָרט אונטן געפינען זיך די [———] און ווילן זיי הילף ברייגען און טרייסט געבן. נאָר די באַרבאַריש סאַדיס־טישע הינט לאָזט זיי ניט צו און [— —] סאַדיסטן, ברוטאַלע מערדער, פאַרוואָס? פאַרוואָס ערלויבט איהר ניט יעצט די מענשן, וואָס זיינען גרייט זייערע לעבנס פאַר אונז אָבצוגעבן, צו זיין מיט אונז יעצט צוזאַמען, זיי זאָלן אונז אַ דערלייכטערונג, אַ פערגרינגערונג אין די פיינלעכע מאָ־מענטן קענען געבן. פאַרוואָס?

נאָר יעדער טרייסט זיך, אַז ניט לאַנג וועט דאָס דויערן. גלייך נאָכן דורכמאַכן די פּראָצעדור פון אָנקום, וועט זי זיך מיט דאָ איהר מאַן טרעפן און אונטער זיין שוץ קענען זיין. זי וועט פון דער הילף פון איהרע ברידער געניסן קענען. אַלץ וועט צוריק זיך פאַראייניקן, צוזאַמענגיסן, ווי אַמאָל און געמיינזאַם וועבן ווייטער זייערע לעבנס פעדים. ווי ביטער עס זאָל די צוקונפט ניט זיין, וועט זי פאַרזיסט ווערן דורכן [———].

דער פּלאַץ ווערט אַלץ פוסטער. עס קומען [———] און גייען אָפּ פולע סאַמאָכאָדן אַלץ [— —] און לויפט אין איין ריכטונג אַוועק. אונזערע אויגן באַגלייטן זיי ביז זיי ווערן פון אונז פאַרשווונדן און דאָ קומען שוין פרישע און נעמען ווייטער אַן נייע לעבע[דיגע] און פיהרן זיי דאָרט אין באַקאַנטן ווינקל אַוועק.

די שטאַרקערע, די קליינע גרופּע, וועלכע איז אַלס די כלומרשטע בעסטע אַרבייטסהענט אויסגעקליבן געוואָרן, וויל אין דעם אַ טרייסט זעהן, אַז דאָס פיהרן די פרויען און קינדער, מענער שוואַכע און אַלטע איז אַן אויסדרוק פון אַ [האומאַניטירין] [28] געפיהל. אפשר וויל די מאַכט ניט בעלאַסטן זיי מיטן צופוס וועג נאָך אַזאַ ערשעפּטע רייזע.

מיר ווערן אין רייהען צו פינף איינגעשטעלט און מען הייסט אונז מאַרשירן אין דער ריכטונג, וואָס פירט צום לאַגער.

זעה, מיין פריינד, ס'גייט אַ קליינע גרופּע פון העכער צוויי הונדערט מאַן, אַ פּראָצענט שוין פון אַ גרעסערער געקומענער מאַסע. זיי גייען מיט טיעף געבויגענע קעפּ פון שווערע זאָרגן בעלאַסטעט, מיט אַראָבגע־לאָזטע הענד, רעזיגנירטע, פון יאוש באַהערשטע. זיי זיינען טויזענדער געוועזן צוזאַמען און זיינען יעצט אין אַזאַ קליינער צאָל פאַרבליבן. זיי זיינען געקומען צוזאַמען מיט פרויען און קינדער, טאַטע־מאַמע, שוועס־טער און ברידער, און יעצט אַזוי עלענד, אַזוי איינזאַם פאַרבליבן. אָן אַ פרוי, אָן אַ קינד, אָן אַ טאַטע, מאַמע, שוועסטער און ברידער. אומעטום געוועזן צוזאַמען. פון געטאָ אַרויס געאייניקט, פון לאַגער [29] געגאַנגען צוזאַמען, אין צוג געפאָרן, געשלאָסן. און יעצט ביים ענד ציעל, ווען מען האָט שוין דעם קולמינאַציע פּונקט דערגרייכט און וועלכער איז אַזוי שרעקענד, אַזוי מוראדיג, האָט מען זיי צושיידט [———] ווער ווייס, וואָס מאַכט [———] ערשעפּטע פרוי, וועלכע האָט [———] קינדערלעך [צו טהון] ווער ווייס, ווער ווייס, ווי אַזוי וועט אין אַזעלכע מאָמענטן

אַז זיין הילף זיך אַן עצה קענען געבן. צי וועט זי אַמאָל פאַר איהר אומבעהאָלפנקייט ניט באַקומען אַ קלאַפּ פון די בייזע, שטרענגע באַנדיטן. דער קלערט, וואָס וועט זיין אַלטע טאַטע מאַמע יעצט אַליין קענען טהון. צו וועלן זיי ניט מיט שפּאָט און פעראַכטונג און מיט קלעפּ נאָך אַ צולייג ווערן אויפגענומען פון די נייע גאַסט־געבער? ווער ווייס, וואָס מאַכן יעצט זיינע שוועסטער און ברידער. ווער ווייס, צי זיינען זיי כאָטש צוזאַמען. צי האָט מען זיי דאָרט אין דעם פּלאַץ, וואו מען האָט זיי געפירט, צוריק פעראייניקט. און זיי וועלן זיך געגענזייטיג קענען העלפן און אַ טרייסט ברייננען.

[— —] ריכטונג גייען [— —] בלויז מיט זייערע פאַמיליעס [— —] אַזעלכע — קאַשמאַרפולע געדאַנקען [— —] זיינען באַהערשט די יעצט [— —] קליינע גרופּע מענשן.

אַלע האָבן זיי ווי פון שלאָף אויפגעוואַכט. מען האָט דערזעהן מאַרשירן אַ גרופּע מענשן אין פאָרמען גלייך געקליידעט, קוקן גוט אויס און מאַכן אַן איינדרוק פון מוטיקע, זאָרגלאָזע מענשן. ווען מיר דערנענטערן זיך צו זיי, זעהן מיר, אַז דאָס זיינען יודן. אַ פרייד האָט אונז אַלעמען באַהערשט. מיר האָבן דערזעהן די ערשטע מענשן פון לאַגער, עדות פון לעבן, עדות פון גוטער באַציהונג און מענשלעכער בעהאַנדלונג. ביי אַלעמען שטאַרקט זיך דער גלויבן, אַז אויך זיי ערוואַרטעט ניט ערגערס. און די איינציגע זאָרג, וואָס זיי איז יעצט פאַרבליבן

[— —]

קליינע געביידע. עס דערהערט זיך [— —] די רייהען צום ציילן. מיר גייהען פאַרביי. עס שטייהען עטלעכע מיליטער לייט און מאַכן חוזק איבער אונזער גיין. אויסגעציילט די רייהען און מיר זיינען אַריין אין פריש געצוימטן [פּלאַץ?]. אַלע וואַרפן זייערע בליקן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. מ'האָפט צווישן די דראָהטן צו געפינען די, וועלכע זיינען מיט מינוטן צוריק פון אונז אָבגעריסן געוואָרן[30]. עס הערן זיך שטימען פון פרויען דערוואַקסענע און עלטערע אויפן אויסזעהן. מיר דערזעהען פון צווישן די דראָטן זיך אַרומדרייען פרויען אין ציווילער און אויך לאַגער קליידונג. ס'איז דאָרט אַזאַ געפילדער, אַזאַ גערודער — דאָס זיינען געוויס אונזערע פרויען און קינדער פאַרפאָרן. דאָס זיינען

געוויס — מיין מוטער און שוועסטערס געקומען און דאָרט ווערן יעצט דורכגעפירט אַלע היגיענישע צוגרייטונגען אום זיי.

[— —]

קענען ווערן. נאָר איינס איז פאַר אונז שוין קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן [— —] וועלכע האָט אונז מיט דער [— —]צוטיילט אויף דעם איז [— —] דער פאַרדראָטעוועטער, גוט געצוימטער פרויען־לאַגער. דעם ערשטן ריס דערפילט, דעם ערשטן ווייטיג דערשפירט. מיר זיינען נאָך ניט פעהיק אים פולשטענדיג צו בעגרייפן. אָבער אַ טיפער תהום האָט פאַר אונז אויסואָקסן געגומען. אין אַ שטיקל טרייסט איז פאַר אונז געווען, וואָס מ'פירט אונז ניט ווייט אַוועק. מיר וועלן זיין נאָהנט. מיר וועלן דורך די דראָהטן אונזערע בליקן פאַראייניקען קענען און אפשר אויך אַמאָל אין קאָנטאַקט קומען קענען. מיר גייהען אַדורך אַ צווייטן טויער און זיינען אריין אין אַ גוט געצוימטן מענער לאַגער. מיר טרעטן אַרויף אויף אַ ליימיג באָדן.

[— —]

נאָר ביז יעצט ניט (באַווינט). ס'שטייען מענער ביי צוויי געמויערטע בנינים און באַקוקן אונז פון אויבן ביז אַראָב.

מיר קענען ניט דערקענען, צי דאָס זיינען יודן צי גויים. מיר פאַר־שטייען ניט, פאַרוואָס באַקוקן זיי אונז אַזוי שטאַרק. נאָר דאָס איז געוויס אויס נייגעריקייט צו באַקענען די ניי געקומענע. מיר טרעפן מענשן, וועלכע דערשרעקן מיט זייער אויסזעהן. זיי גייהען אין ליימיקן באָדן און שלעפן טאַטשקעס מיט ליים. זיי טראָגן טראַגעס. — דער טראָגט ציגל, ווער ליים. אַ ציטער נעמט אַדורך אַנקוקנדיג די אַמאָליקע מענשן און יעצטיגע שאָטענס. זאָל דאָס זיין די אַרבייט? זאָל דאָס זיין דער קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער, וועלכער וועט דאַרפן געבן באַשעפטיקונג די מיליאָנען קאָנצענטרירטע יודן — אָט דאָס איז די וויכטיקע מלוכהשע אַרבייט, פאַר וועלכער מען האָט אַלץ מקריב געווען און אַלע נויטיקסטע פלאַצוווקעס די נוציקסטע.

[— —] דאָס וואָס די זעהסט ווייל דו ביזט צופיל באַזאָרגט וועגן גורל פון דיינע ליבסטע און טייערסטע. מען פירט זיי אין אַ הילצערנע געביידע. זיי האָבן געהאָפט, אַז דאָ וועלן זיי טרעפן זייערע ברידער און טאַטעס, וועלכע זיינען אַהער געפאָרן. נאָר נישטאָ קיין שפור פון קיינעם.

ווער ווייס, אפשר זיינען זיי שוין אַלע פּראַצעדורן דורכגעגאַנגען און זיינען שוין צו זייער פּלאַץ געקומען. עס קומען אַריין אַ פּאָר יודישע באַנ־דיטלער[31] אין באַגלייטונג פון עטלעכע מיליטערלייט[32] און גיבן אַ פּעראָרדנונג[:] אַלץ, וואָס איינער האָט, מוז ווערן אָבגעגעבן! קיינער פאַרשטייט ניט, וואָס פערלאַנגט מען פון אים. ער האָט דאָך שוין אַלץ אָבגעגעבן. פאַרוואָס פערלאַנגט מען פון זיי דאָס קלענסטע, דאָס מיני־מאַלסטע, וועלכעס קען זיך אין די טאַשן באַהאַלטן. פאַרוואָס!!

[— —] פון שטעקנס וועלכע [פאַלן?] אויף די קעפּ פון די נייע געקומענע פאַר פרעגן בלויז באַקומסטו אַ פּראַסק פון די [— —]. מען הייסט אַפילו דעם דאָקומענט, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע און נאָרמאַלע, בפרט אין קריגס־צייט, אויך אָבגעבן. דו דאַרפסט קיין זאַך דאָ ניט האָבן אַפילו די באַצייכנונג, ווער דו ביסט און פון וואַנען דו קומסט איז דאָ אויך ניט נויטיג. מען פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס מען גיט אַלץ אָב. און ווען מען איז שוין פון אַלץ בעפרייט, פירט מען זיי אין באָד אַריין. די יודישע באַגלייטער מאַכן חוזק איבער אונז. קיינער פאַרשטייט ניט זייערע סודות־פולע פראַגן. ווער האָט אונז דאָ געהייסן קומען. צי האָט איהר קיין בעסער פּלאַץ פאַר זיך אויסזוכן ניט געקענט[?] קיינער ענטפערט זיי ניט, ווייל ער פערשטייט ניט זייער פראַגע. מען פירט אַריין אין דער כלומרשט דעזינפעקציאָנסבאָד, אָבער מען וואַשט זיך ניט, נאָר מען שערט דאָ בלויז די האָר אָב און מען דערלאַנגט [— —] מיט עפּעס אַ פייכטער זאַך. מען פירט אַרויס אין אַ צווייטן צימער און מען גיט נייע זאַכן. אַריינ־געגאַנגען אַלס מענשן אין אונ[זערע] מיט ציווילע, נאָרמאַלע קליידונג און גייהען אַרויס צוריק, ווי געפערלעכע פאַרברעכערס אויפן אויפזעהן און ווי די גרעסטע משוגעים אין זייער קליידונג. אַלע אָן היטלען, דער אין שיך דער אין שטיוול ניט צום פוס און גרויס. די זאַכן פאַר ווענען צו קליין פאַר ווענען, צו גרויס. עס גייהען שוין צוריק די נייע געפאַנגענע, וועלכע אויבן אָן איינגעגלידערט צו ווערן צו דער אַלטער לאַגער־משפּחה. מען פירט זיי אַרויף אויף די נייע לאַגער רעלסן, אויף וועלכע זיי וועלן זייער נייעם לעבנס וועג דאַרפן גיין.

איין געדאַנק באַשעפטיקט יעצט אַלעמען. איין פראַגע לאָזט קיינעם ניט רוהען: ווי דערוויסט מען זיך, וואו איז די משפחה אַהינגעקומען, ווי באַקומט מען פון זיי כאָטש אַ גרוס, ווי דערגייט מען אויף זייערע שפּורן.

עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יעדן ז[ונטיק] וועט מען זיך [——] קענען טרעפן. פונוואַנען די ידיעה [שטאַמט] [——] ניט נאָך. מען איז צופרידן וואָס מען [——] באַקומען. מען קומט צוריק אַריין אין זעלבן באַראַק. מען צושטעלט אַלעמען אין איין רייה. מען דאַרף פון אונז די פּערסאָנאַליען אויפנעמען. יעדער וויל אָנבינדן אַ שמועס מיט די אַלט איינגעזעסענע און פון זיי עפּעס דערגיין. נאָר ווי געמיין, ווי פאַרברעכעריש זיינען אויך די, צו וועלכע מירריידן. און ווי קענען דאָס מענשן אַזעלכע סאַדיסטן זיין — צו מאַכן חוזק מיט עלענטע צעבראָכענע מענשן. ווי קע־נען זיי דאָס אַזוי לייכט, אָן אַ גרימאַס אויפן פּנים, ענטפערן אונז אויף דער פראַגע, וואו געפינען זיך יעצט אונזערע פאַמיליעס [„]. זיי זיינען שוין אין הימל [”]. צי האָט דער לאַגער אויף זיי אַזוי געווירקט, אַז זיי האָבן פאַרלוירן אַלע מענשלעכע געפיהלן און געפינען ניט קיין בעסערע פערוויילונג — שעפּן פאַרגעניגענד פון יענעמס פּיין און יסורים. עס מאַכט דעם איינדרוק

[——] האָט דעם גרויזאַמען אויפפאַס[נדע] [ווערטער] [:] אייערע משפחות זיינען שוין מיטן פייער אַוועק. אַ שרעק נעמט אַלעמען אַרום. עס ציטערט אויף דאָס האַרץ הערנדיג בלויז דעם קלאַנג פון דעם וואָרט : „דיין פאַמיליע לעבט ניט מעהר!” ניין, ס'איז אונמעגלעך, ווייל ווי קען עס אַ ווירקלעכקייט זיין, אַז די מענשן, וועלכע ריידן דאָ מיט אונז זאָלן אויך, ווי מיר, מיט זייערע פאַמיליעס האָבן געקומען און זיינען אַליין פאַר־בליבן, ווייל יענע די, וועלכע זיינען אויף די אויטאָס געפאָרן זיינען גלייך אין דעם גאַז אויוון אַוועק, וואָס שלינגט איין לעבעדיגע, צאַפּלדיגע און וואַרפט אַרויס פאַרגליווערטע, טויטע. ניין. ס'איז ניט מעגלעך[!] זיי וואָלטן אַזוי לייכט וועגן דעם ניט גערעדט. זייער מויל וואָלט זיך עפענען ניט געקענט. קיין ווערטער צו דעם וואָלטן זיי ניט געהאַט, ווייל זיי וואָלטן אַליין [——] מעהר אויף דער וועלט שוין ניט געווען

[——] אַז [——] דער שדים שפּיל, וועלכער [ברענגט?] [——] צו דעם שוידערלעכן לאַגער לעבן נאָר פונדעסטוועגן — לאָזן זייערע ווער־טער טיפע שפּורן וועלכע גראָבן זיך איין אין מיין האַרץ און מח און ס'וועקן זיך און וועבן בייזע, שוואַרצע מחשבות. אונזער גייסטיגער שונא האָט צום לעבן אויפגעוואַכט. דער הונגער האָט גענומען פייניקן. און דער מענש ווערט שוואַך לגבי דעם גרעסטן אינערלעכן פיינד. ער לאָזט דיך

ניט רוהען, ער לאָזט דיך ניט קלערן, ביז דו דערליידיקסט אים ניט זיין חוב. מען גיט עסן די הונגעריגע מענשן. אויף איין מאָמענט אַ טרייסט באַקומען — זיי האָבן כאַטש זייערע קערפּערס טיילוויַיז באַפרידיקט. מען אויבט אָן די טאַטואַציע. יעדער באַקומט זיין נומער. פון דעם מאָמענט האָסטו דיין איך פאַרלוירן. דיין מענש איז אין אַ נומער פערוואַנדעלט געוואָרן. דו ביסט ניט מעהר דער, וואָס איז אַמאָל געווען. דו ביסט היינט אַ גאָרנישט זאָגענדער, אַ גאָרנישט ווערטיגער באַוועגלעכער נומער [———] מען שטעלט צו אַזעלכע הונדערט נומערן און [———] אַלע זיי ווערן אין די נייע היימען געפירט.

אויף דער גאַס איז שוין פינצטער, מען זעהט קוים ד[עם] וועג. פון וואו ניט וואו לייכט זיך אַרויס עלעקטרישע לעמפּלעך, וועלכע גיבן וויניציג ליכט אַרויס. דאָס איינציגע גרויסע ליכט איז איין גרויסער פּראָזשעקטאָר, וואָס הענגט איבערן פון ווייט זעהענדען טויער. מען קריכט אין ליימיקן באָדן אַריין ביז אומצופאַלן. מיט שרעק און מאַטערניש קומט מען צו די נייע קברים צו. ווי נאָר מיר האָבן די נייע היים דערזעהן, קוים די לופט איינזאַפּן געקענט, האָבן שוין עטלעכע מיט שטעקנס איבערן קאָפּ באַקומען. עס גיסט זיך שוין בלוט פון אַ געשפּאַלטענער קאָפּ, אָדער פון אַ צוקאַלעצעטן פּנים. דאָס איז דער ערשטער קבלת פּנים פאַר די ניי־געקומענע. מען ווערט צעטומלט, צעחישט. מען קוקט זיך אַרום, וואו איז מען דאָ אַריינגעפאַלן [———].

דער וועלכער רוקט זיך אָב און אַ זייט [———] יענעמס [———].

יעדער קלערט נאָר ווי איינצוהיטן זיין צובראָכענער קערפּער זאָל קיין קלעפּ ניט באַקומען. מיר באַקומען גלייך אַ קורצע ערקלערונג, אַז דאָס איז דאָס [די בלימעלעך] פון לאַגער לעבן. דאָ הערשט אַ אייזערנע דיסציפּלין. דאָ איז אַ קראַפּיר לאַגער. דאָ איז אַ טויטן אינדזל. דער מענש קומט דאָ ניט אויף צו לעבן, נאָר צו באַקומען זיין טויט, ווער פריהער, ווער שפּעטער. דאָס לעבן האָט דאָ זיין זיך־אָרט ניט געמאַכט. דאָ איז די רעזידענץ פון טויט. אונזער מח איז טעמפּ, אונזער פערשטאַנד פאַרגליווערט. מיר באַגרייפן ניט די נייע שפּראַך. יעדער קלערט נאָר, וואו איז זיין משפּחה, וואו האָט מען זיי איינגעאָרדענט און ווי אַזוי וועלן זיי זיך צו אַזעלכע באַדינגונגען צופּאַסן קענען. יעדער קלערט, ווער ווייס, צי ווער

יעצט

[— —]
פאַרברעכער און סאַדיסטן ווי דאָס און [— —] דאָס יעצט אויף דעם צום טויט דערשראָקענער קינד זעהענדיג ווי זיין מוטער ווערט געקלאַפּט.

ווער ווייס ווי אַזוי באַגייהען זיך יעצט די געמיינע באַנדיטן, צו וועלכן געשלעכט זיי זאָלן ניט געהערן, מיט זיין שוואַכער, קראַנקער מאַמע און מיט זיינע ליבע, טייערע שוועסטער. ווער ווייס, וואו, אין וועלכן מעגלעכן קבר האָט זיין פאָטער און ברודער זיין רוה געפונען. און ווי באַגייט מען זיך מיט זיי. אַלע שטייען אונבאַהאָלפענע, פאַרזאָרגטע, פאַריאושטע, איינזאַמע, עלענדע, צובראָכענע. מען טיילט צו בוקסן, דאָס זיינען אַזעלכע נאַרעס פאַר 5—6 נומערן צוזאַמען[33]. און מען הייסט אונז אין זיי אונזערע גופים באַהאַלטן, דער קאָפּ זאָל זיך בלויז קענען זעהן, פאַרקריך וואָס טיפער, דו פערשאָלטענער מענש.

מען זאָל דיך וואָס ווייניקער קענען זעהן. עס קומען צו צו די בוקסן די שוין פון לאַנג געקומענע געסט, וועלכע פרעגן זיך וויפל איז אונזער אַלגעמיינער צאָל געוועזן און וויפל האָט מען אין לאַגער געבראַכט[34]. די פראַגעס זיינען אַזוי אונפערשטענדלעך.

מיר קענען עס ניט באַגרייפן, וואָס איז דען דער אונטערשיד. וואו זיינען די יענע, די, וועלכע זענען מיט די אויטאָס געפאָרן. זיי קוקן אונז מיט אַ ציניש שמייכל אָן. און אַ טיפער קרעכץ רייסט זיך פון זיי אַרויס, אַ סימן פון מענשלעכער מיטלייד. צווישן די אַלט איינגעזעסענע טרעפן מיר זיך מיט איינעם פון אונזער לאַגער. מיט איינעם, וועלכער איז פון די פריערדיקע טראַנספּאָרטן געקומען, פון וועלכע מיר האָבן קיין גרוס ניט געהאַט, פון וועלכע מיר האָבן קיין שפור ניט געפונען און יעצט האָבן מיר אַ גרוס באַקומען, אַ סימן פון לעבן געטראָפן. צי וועלן מיר אויך דעם גרוס פון יעקע־לאַנד אָבנעמען קענען. נאָר וואָס רעדט ער דער מענש, וואָס זאָגט ער צו אונז. עס ציטערט דאָס האַרץ, די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. הערט, וואָס ער זאָגט [:] מיינע טייערע, מיר זיינען אויך ווי איהר אין די טויזענדער געקומען און אַ קליין פּראָצענט איז פון אונז פאַרבליבן. די, וועלכע זיינען אין די אויטאָס געפאָרן, זיינען גלייך צום טויט געפירט געוואָרן. און די, וועלכע זיינען צו פיס געגאַנגען, די דאַרפן נאָך, ווער אַ לענגערן, ווער אַ קירצערן וועג צום טויט דורך מאַטערניש גיין. שרעקלעכע ווערטער, אונגלויבלעכע. ווי קען עס מעגלעך זיין, אַז מענשן זאָלן קענען רעדן וועגן

טויט פון זיין פרוי און קינד, טאַטע, מאַמע, שוועסטער און ברידער און נאָך אַליין קענען זיין, נאָך אַליין קענען עקזיסטירן [!] עס פאַרגנבעט זיך אַ ניט זיכערער געדאַנק. אפשר ווערן די מענשן דורך דער לאַגער־אַטמאָספער אַזוי פאַרווילדעוועט, אַזוי אכזריותדיג, אַז זיי האָבן אַ ספּעציעלן פאַרגעניגן צו זעהן יענעם אין די פּיינלעכסטע יסורים. זיי שעפּן פון דעם פאַר זיך אַ טרייסט, זיי ווילן פאַרגרעסערן די צאָל פון די ליידענדע, די צאָל פון די מיטפילענדע. נאָר איינס איז ניט פאַרשטענדלעך, וואָס אַלע, אָן אונטערשיד פון עלטער און כאַראַקטער דערציילן דאָס זעלביקע.

[——] אַהער איז ניט געווען, איז שוין פון לעבן לאַנג פערשוואונדען און דאָס ווירקט אַזוי [פאַטאַל ?] אויף יעדן אינעם ביז ער ווערט געמצליך צובראָכן און ספקות אויבן אָן זיך פאַרגנבענען אין זיין מוח. אפשר זאָגן די מענשן טאַקע אמת!

קום, מיין פריינד און זעה, ווי ס'ליגן צו 3—6 איינגעדריקטע ווי אַ קנויל פון גרויסע ליידן, יסורים. און יעדער ווייגט און וויל זיין האַרץ פאַרן צווייטן אויסגיסן. זיי ווילן זיך ניט פאַרשטעלן דעם גרויסן אומגליק, אָבער דאָך גיסן זיך שוין ווייטאַגפולע טרערן.

הער זיך צו, מיין פריינד, ווי איינער רעדט יעצט צום צווייטן [:] טייערער, זאָל עס זיין אמת, האָבן מיר שוין אַלץ פאַרלוירן, האָבן מיר שוין קיינעם ניט, ניט קיין פרוי, ניט קיין קינד, ניט קיין מאַמע, ניטאָ קיין טאַטע, ניטאָ מער קיין שוועסטער און ברודער. ניטאָ מעהר דיין גאַנצע משפחה. אָך ווי שרעקלעך — ווי שוידערלעך — צי קען עס מעגלעך זיין, צי קען אַזאַ ברוטאַליטעט אין לעבן מאַכט געפינען. צי קען אַזאַ סאַדיזם פון [——] טויזענדער, טויזענדער מענשן און זיי אָן שולד דעם טויט געבן, נאָך אַ פּלאַץ אין דער וועלט געפינען.

אָך ווי גליקלעך וואָלטן מיר געווען, ווען מיר קענען דאָרט זיין צוזאַמען. ווי גליקלעך וואָלטן מיר יעצט געווען, ווען מען טיילט אונז ניט פונאַנדער און מיר קענען צוזאַמען גיין קעגן דעם שיקזאַל, ווי שרעקלעך און ווי גרויזאַם ער זאָל ניט זיין. פאַרוואָס האָט איהר אונז, געמיינע באַנדיטן, פונאַנדערגעטיילט, פאַנאַנדער געבראַכט [——] האָט איהר הערצער אויף צוויי טיילן, איינע צום טויט און די [צווייטע]

[——] פאַר יעדן נאָך איבערגעלאָזן. פאַרוואָס [——] אין [נשמה ?] אויף צווייען [——]

פאַרגינט זיך צו טרעפן צוזאַמען אין די אָרעמס פון טויט [———] געפינען
ניט קיין אָרט פון יסורים [———]
ניכטערער, וועלכע האָט פון פאָרויס עפּעס אַ שרעקלעכן פאָרגעפיל [———]
יעצט פאַרוואָס האָט ער די טויט טאַבלעטן וועלכע ער האָט ביזן לעצטן
מאָמענט געהאַלטן און ער ווייס ניט אַז ער איז פאַרלוירן.

אַך ווי גוט וואָלט עס געווען, ווי גליקלעך וואָלטן מיר אַלע זיך גע־פיהלט, ווען מיר האָבן אַזעלכע טייערע, גוטע טאַבלעטן פון טויט. מיר וואָלטן זיי יעצט מיט גאַנצן חשק גענומען און ווי גליקלעך וואָלטן מיר געווען, ווען מיר קענען אין אַ זיסן אייביקן שלאָף דעם לעצטן אָפּרוה געפינען — און אויף די פליגלען פון הערלעכע חלומות צו דעם אָרט פון דער טייערער משפחה דערגרייכן און זיך מיט זיי אויף אייביק פאַר־אייניקן.

אַ קלאַפּ פון אַ שטעקן אויף איינעם פון די צו פיעל פון בוקס אַרויס־גערוקטע קעפּ האָט איבערגעריסן דעם טראַכטן, האָט איבערגעריסן דעם צערפולן געשפרעך. דער ווייטיג פון מיין נייעם ברודער האָט אַזוי פיעל געווירקט, אַז מען האָט גענומען קלערן אַ ביסל אויך וועגן זיך. צו זיכערן דעם אייגענעם איך, צו זיכערן דאָס, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון איבעריקן צער און ווייטאָג. עס קומט צו צו אונזערע בוקסן דער נייער לאַגער־טאַטע, דער הויכער, בלאָנדער, דיקער מענש און מיט זייער אַ סימפּאַטישן שמייכל ווענדעט ער זיך צו אונז, צו די נייע [:] קינדער. זייט וויסן, אַז איך אָט דער[35], וועלכן איהר זעהט פאַר זיך, איז אייער

[———] [איך] פאַרבליבן [———]
[———] קינדער אין [———] קאָנען אייער גוף נאָך ביים לעבן דערהאַלטן
[———] אייער קערפּער אין עטלעכע טעג אַרום אין טיפן לאַגער [———]
און אויסגיין אין שרעקלעכע יסורים.

געדענקט דאָס אָרט, וואו איהר געפינט זיך — דאָ איז אַ קראַפּיר לאַגער. מענשן לעבן דאָ ניט לאַנג. די באַדינגונגען זיינען דאָ זייער שווערע און די דיסציפּלין — אַן אייזערנע. פאַרגעסט פון אַלץ. געדענקט וועגן זיך. וועט איר זיך נאָך האַלטן קענען. איהר זאָלט אַלע ערשט זאָרגן וועגן אייערע שיך און שטיוול. דאָס איז דער ערשטער געבאָט פון לאַגער־לעבן. ביסטו באָרוועס — ווערסטו שנעל ליקווידירט. האַלט זיך זויבער, כאָטש ווער ווייס צי איהר וועט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבייט נאָך האָבן כח זיך

רירן צום עסן. נאָר דער ווילן זאָל כאַטש ביי אייך זיין. דער ספּיטש איז צו ענדע. אַ גוטע נאַכט, מיינע טייערע [36].

די רעדע האָט אונדז אַלעמען ווייניק וואָס אין קאָפּ געקראַכן. וואָס שרעקט אונדז דער טויט. ער איז פאַר אונדז קיין אומגליק ניט. נאָר איין זאַך האָט יאָ געווויסע וואָרצלען געלאָזט פאַלן. דאָס איז די אַנוויזונגען, ווי אַזוי מיר זאָלן איינהיטן אונזער גוף, איינהיטן זיך פון אומזיסטע פּיין און יסורים. דאָס האָט אַלעמען געשראָקן. דעם פּיזישן ווייטאָג האָבן אַלע אויסמיידן געוואָלט. די מאַטערניש ביזן טויט האָבן אַלע פאַרשפּאָרן געוואָלט.

די רעדע האָט געטרייסט און געשראָקן. געטרייסט מיט איר טאָן און געשראָקן מיט איהר אינהאַלט.

ווי קוקט אויס די אַרבייטס־גאַס, אויף וועלכע מיר וועלן ווערן געפירט? ווער ווייס, וויפל [פּיין און] יסורים מיר וועלן דאַרפן דורכקומען. [ביז] מיר וועלן צו דער לעצטער לעזונג [— —] קומען. ווער ווייס.

שוין פון אַלץ און דרינגען אַריין צוריק אין דער אייגענער וועלט — פערשטיפן זיך אין דעם [— —] תהום פון יסורים, וועלכע האָט זי צוריק [— —] גענומען. עס הערט זיך אַ קול פון אַ זינגענדיקער מענלעכער שטימע. מיר ווערן ווי וואַנזיניגע. וואָס קומט דאָ פאָר, דאָ אויפן בית הקברות, אַ געזאַנג פון לעבן, דאָ אויפן טויטן אינדזל אַ שטים פון לעבן הערן. דאָ אין קראַפּיר לאַגער זאָלן מענשן נאָך אַליין קענען זינגען און אינטערעסירטע צוהערער האָבן. ווי איז דאָס מעגלעך. דאָס זיינען מיר עפּעס אויף אַ שדים וועלט געקומען וואָס אַלץ ווערט פאַרקערט פון מענשלעכן שכל געטוהן און געמאַכט.

אין בלאָק איז געוואָרן אַ טומל. אַלע צעלויפן זיך, וואָס שנעלער אין די נאַרעס אַריינקריכן. — וואָס איז געשעהן. דאָס זיינען די גוט געפרעסענע שטובע דינסטן [37], די פאַרטרעטער פון אונזערע מוטערס, פרויען און שוועסטער. זיי לאָזן זיך מיט גרויסע, גראָבע שטעקענס אויף די צושראָקענע, ערשעפּטע פון טאָג־אַרבייט מענשלעכע שאָטענס. וואָס ווילן זיי פון זיי [?] פאַרוואָס פייניקט מען זיי אַזוי [?] פאַרוואָס שלאָגן זיי אַזוי אָן שום שולד אויף רעכטס און אויף לינקס [?] דעם געשפּאָלטן אַ קאָפּ, דעם צוקאַליעטשעט און דו טאָרסט נאָך קיין וואָרט ניט ריידן — טאָמער רעדסטו אָקעגן, ווערסטו אויף דער ערד געוואָרפן און ווי אַן עקלהאַפטער [— —] מיט די פיס געטראָטן און אַזוי זעהען אויס [— —]

מיינע טייערע שוועסטערס. ווי איז צו מיינע ברידער, וועלכע דאַרפן אין אייך אַ [— —] טרייסט געפינען, ווי איז די קינדער, וועלכע דאַרפן אין אייך אַ צערטלעכקייט פון אַ מוטער געפינען. ווי איז צום זעהן, אַז איהר זייט זיינע פאַרזאָרגער.

זיי קומען צו אונזערע בוקסן און ערגענצן דעם בלאָקאָוועגס [38] דרשה. זיי דערציילן אונז און ווייזן אָן, ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך פירן מיט זיי און אויף דער אַרבייט. געדענקט איר מוזט ווערן אויטאָמאַטן און זיך באַוועגן לויט אונזער ווילן. פאַרגעסט צו טהון אַ טראַט אַנדערס ווי דאָס וואָס ווערט דורך אונז דיקטירט. ווען ניט, וועט איר מיט אונזער דריטער האַנד האָבן צו טהון, מיטן פעסטן, שטאַרקן שטעקן, וועלכער וועט אייך מאַכן בויגזאַם, אַזוי נידעריק, אַז אויפהויבן מעהר וועט אייך שוין זיין צו שווער.

ווי ביטער דער סם זאָל ניט זיין — האָט ער ניט קיין כח אונז יעצט צו באַווירקן — ער שרעקט אונז ניט און ער שאַדט אונז אויך ניט. מיר זיינען צו אַלעם גרייט און גייען אונערשראָקן אַקעגן דעם שוידערלעכן משיח. אַ שלעכטן דערדריקענדען איינדרוק מאַכט אויף אונז אַלע דאָס דערליידיקן אַלע פיזיאָלאָגישע געברויכן אין בלאָק, אָט דאַ אַנטקעגן דיין נאַרע. און באַלד וועלן עס מענשן דאַרפן אַרויסטראָגן. און ווי שוידערלעך, ווי שרעקלעך, די מאַראַל און די עטיק האָט זייער טויט אויף דאָ גע־טראָפן.

אין בלאָק איז געוואָרן שטיל. אַלץ ליגט אין די בוקסן און איז פאַר־זונקען אין שלאָף.

נאָר אין די ניי פאַרנומענע בוקסן קענען נאָך די ניי געוואָרענע ברי־דער, וועלכע ס'זיינען [— —] קברים פון זייערע משפחות אויסגעוואַקסן, קיין רוה ניט געפינען. דער שלאָף קען זיי ניט פאַנגען. [— —]

זעה (מיין פריינד ווי זיי ליגן יעצט [צופרידן ?] אין פון פיין אין יסורים אויף יעדנס פנים [— —] דער שרייט, דער וויינט פון שלאָף [— —] און די איבעריקע קרעכצן. [דאָס ?] האָבן [זיי] יעצט פון דאָס ניי אַדורך דעם [אומגליק ?] פון פאַרגאַנגענעם טאָג.

אין שלאָף, ווען מען איז מיט זיך אַליין קען מען בעסער באַגרייפן דעם גרויסן גרענעצלאָזן אומגליק. און יעצט וועסטו זעהן אַ זאָרגלאָזן

שמייכל אויפן פנים. דאָס האָט ער אין חלום צוריק זיין צושיידעטע פּאַ־מיליע געטראָפן. אַלץ שלאָפט.

די ערשטע נאַכט איז אַריבער. אַ קלינגעריי האָט אַלעמען אויפגעוועקט און מיר, די נײַ געקומענע ווערן גלייך [———] אַרויסגעשיקט אויף דער גאַס. מען דאַרף מיט אונז איבונגען מאַכן צו דעם באַלד פאַרשטייענדיקן אַפּעל.

אויפן גאַס איז נאָך געווען פינצטער. עס פאַלט אַ נאַסער שניי. דו הערסט אַ געדרודער אין לאַגער. עס באַוועגן זיך יעצט די פון די באַראַקן צום אַפּעל אַרויס נומערן. אַ קעלט נעמט אַלעמען אַרום. מען דערפילט גלייך די לאַגער קליידונג און די באָרוועסע פיס לאָזן גלייך פון זיך פילן. עס הערן זיך געשרייען: אויפגיין, אויסריכטן די רייען! דאָס מאַכט מען צוגרייטונגען צום אַפּעל. אונזער בלאָק עלטסטער [גיט] אונז אָן די לעצטע אָנווייזונגען, ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך האַלטן ביי יעדער קאָמאַנדע. מיר באַ[גרייפן] גאַנץ שנעל די אַלע קאָמאַנדעס.

[——]

אויפן אָרעם אַ געלע באַנד, דאָס איז אַ קאַפּאָ, דער אָנפירער פון דער קאָמאַנדע. דאָס איז דער מענטש, וועלכער קען מיט [———] טהון וואָס ער וויל. ער דיספּאָנירט מיט אייער כח, מיט אייער פּערזאָן.

[———] זעהסט, אַז איהר זאָלט אַלס גוטע אַרבייטס עלעמענטן נאָך דינען. נאָר איין זאַך זאָלט איהר געדענקען, אויב ער וועט ביי אייך די שטיוועל ווערן נעמען, דאָס זאָלט איהם ניט געבן. און ווען איהר זייט צו שוואַך צו רעאַגירן, פאַרצייכנט כאַטש זיין נומער. אַלץ קאָן ער מיט דיר טוהן. דיין לעבן מעג ער נעמען, נאָר ניט דיינע שטיוועל, ווייל דאָס איז דער קוואַל פון דיין לעבן. דאָס איז דער שוץ פון דיין עקזיסטענץ.

דער טאָג האָט אָנגעהויבן גרויהען. עס וואַקסן אויס פאַר יעדן באַראַק גרויסע מאַסן אין קליינע רייהען איינגעשטעלטע מענשן. עס ווערט אַ געדרו־דער. עס ווערן די לעצטע פעראָרדנונגען אַרויסגעגעבן.

שטילשטאַנד, מיצן אָב[!] מיט מאַיעסטעטישער גרויסקייט איז צוגע־קומען אַ צווייטער מאָן פון דער נידעריקסטער ראַנגע. דאָס איז דער בלאָק־פירער, וועלכער נעמט אָב דעם אַפּעל. ער ציילט אויס די אויסגע־שטעלטע רייהען און שרייבט אונטער דעם פּאַפּיר. די צאָל נומערן שטימט. מיצן אויף! רוהט אייך! דער אַפּעל איז צו ענדע. ער גייט ווייטער זיין וועג

צו אַ צווייטער, פערגליווערטער מאַסע קאָנטראָלירן, צי דאָרט איז אַלץ אין אָרדנונג. אונזערע בליקן באַגלייטן זיי, די גרויסהאַלטענדע מיליטער לייט, וועלכע גייען צו יעדן בלאָק. און וואָס מיר דערזעהן, כמעט לעבן יעדן בלאָק, לעבן יעדער שטיינענדער מאַסע ליגן איינער, אָדער אַמאָל 4־3 [טויטע] מענשן. דאָס זיינען קרבנות פון דער נאַכט, וועלכע האָבן דערלעבן ניט געקענט. נעכטן צום אַפּעל זיינען זיי נאָך [לעבעדיקע], שטייענע נומערן געווען, און היינט ליגן זיי שוין אונבאַוועגלעך, דער אַפּעל שטימט. ניט וויכטיג דער לעבן, [וויכטיג ?] איז די ציפער. די צאָל איז אין אָרדנונג.

[——]

אַ געוויסע ריכטונג. ווי שרעקלעך קוקן זיי אויס ווי זיי [——] וואָלטן פון אַ [נאַכט ?] מלחמה אַרויס. אָבער דאָס זיינען נאָר נאָך סימנים פון נעכטיגן אַרבייטס טאָג.

מיר ווערן אין אַ גרופּע פאַרטיילט. מיר הייסן ק.ס.־[39] גרופּע! עס נעמט אונז אַ קאַפּאָ מיט אַ שמייכלדיקן פּנים. דער אויסזעהן אַ טרייסט געווען. עס קוקן אונז אָן די, וועלכע שטייען לעבן אונז. זיי קוקן אויף אונזערע נומערן און זיי האָבן באַוואונדערט אונזער אויסזען, וועלכער איז מיט אַלעס צו גוט פאַרן לאַגער געווען. ווען זיי האָבן דעם נומער געזעהן איז פאַר זיי אַלץ קלאָר געוואָרן, נאָך נעכטן געקומען. דעם לאַגער לעבן נאָך ניט פאַרזוכט, דעם טעם פון אַרבייט ניט געפילט, נאָך ניט געאָטעמט מיט דער לאַגער אַטמאָספער.

עס הערט זיך אַ קלאַנג פון מוזיק[40]. וואָס איז דאָ געשעהן[?] אינעם טויטן־לאַגער מוזיק[?] אויף דעם טויטן־אינדזל דעם קלאַנג פון לעבן הערן. אויף דעם אַרבייטס שלאַכט־פעלד נאָך רייצן די געמיטער מיט די צויבערפולע טענער פון אַמאָליקן לעבן דאָ אין דעם גרויסן בית הקברות, וואָס אַלץ אָטעמט מיט טויט און פאַרניכטונג, זאָל מען נאָך דיר דערמאָנען אין דעם לעבן פון אַמאָל. נאָר דאָ איז אַלץ מעגלעך. דאָס איז די האַרמאָניע פון באַרבאַריזם. דאָס איז די לאָגיק פון סאַדיזם.

מיר מאַרשירן אַרויס צו דער אַרבייט. מיר גייען אַרויס פון די טויערן און אונזערע בליקן רייסן זיך צום אַנקעגנדיגן פרויען לאַגער. מיר זעהן פאַר זיך יונגע ווי אויך עלטערע פרויען [——] מיר האָבן אַראָבגעגני־דערט אין ברייט אויסגעגראָבענע גריבער און ווייטער דאָרט דעם קאָפּ

געוואָרפֿן אין דער הויך ווי ס'זיינען [— —] און עס צוגענומען און ווייטער געוואָרפֿן. נעכטן זיינען אויף דעם פּלאַץ געשטאַנען אַנדערע, וועלכע זיינען היינט אפשר אין דער פרי ביים אַפּעל אַלס טויטע נומערן געלעגן. היינט זיינען [— —] פרישע נומערן און אויסגעפילט דעם בלויז. אַ נומער אוועק — אַ צווייטער זיין פּלאַץ פאַרנומען. [— —] טרויעריג, סימבאָליש. די אַרבייט איז געווען. מען האָט אַלע גלייך די גריבער גראָבן גענומען. אַלע די ניי געקומענע האַלטן די קעפּ טיף איינגעזונקען און שטעקן דעם רידל אין דער ערד אַריין און טרערן גיסן זיך אָן אויפהער. מיר קוקן אויף דער ערד און טראַכטן: ווער ווייס [?] ווער ווייס, צי דאָ אין דער טיף האָבן זיינע טייערסטע זייער לעצטע רוה ניט געפונען[?] באַר ביין, עס איז אונמעגלעך. דער מענש טרייסט זיך אַליין. עס קען אַזאַ טראַגעדיע אין לעבן ניט פאָרקומען, קיינער וויל זיך צו אַזאַ חורבן ניט צושרייבן.

עס שטעהט נעבן מיר אַ יוד פון אונזער געגענד. ער איז מיט זיבן טויזענד נומערן פאַר מיר. ער איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געקומען. עס פאַרבינדט זיך אַ געשפּרעך און אַ ציטער נעמט אַרום הערענדיג יעדן וואָרט, וואָס ער זאָגט צו מיר [:] הויב אויף דיינע אויגן און דערלאַנג [אַ קוק] דאָרט אין יענער ריכטונג. דו זעהסט דאָרט [— —] [קנוילן] שוואַרצער רויך, וועלכער צוציהט זיך אויפן [הימל]. דאָרט איז דער אָרט, וואו ס'זיינען [אומגעקומען] דיינע טייערסטע און ליבסטע.

[— —]

[זיין אויפמערקזאַמקייט ?] צי זיין וואַכזאַם [— —] און איינגעבויגן ווען אַ גרויסער שטעקן [פאַלט ?] [— —] איבער זיין שוואַכן קערפּער באַך יעדן קלאַנג [הערט] זיך אַ געשריי, ביז יענער פאַלט אוועק און ווערט מיט די פיס געטראָטן ביז ער בלייבט — אין אָנמאַכט. קיינער רירט זיך ניט צו, אַפילו אַ ביסל קאַלט וואַסער געבן. ס'איז ניט קיין גרויסער אומגליק, ווערט ער אַליין צוריק ניט קענען גיין, וועט מען אים אַוועקטראָגן. [— —] קיין פאַרברעכן האָט דאָ [— —] ניט באַגאַנגען. פאַרקערט, מען וועט אים נאָך פאַר אַ גוטן אַרבייטס היטער האַלטן און ווען ער וועט צוריק פאַרביי דעם הילצערן הייזל [41] מיט אַ טויטן-נומער גיין, וועט מען נאָך איהם מיט אַ שמייכל מקבל פנים זיין אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג.

דו ביזט פאַרקלערט — פאַרמרהשחורהדיג איינגעזונקען אין די טרוי-

עריגע געדאַנקען. באַוועגסט זיך כסדר, כדי אויסצומיידן צו זיין אַן אָביעקט פאַר די בלוטדורשטיקייט פון דעם ברייטן, געלן באַנדיט.

עס איז אַדורך דער ערשטער אַרבייטס טאָג.

דער הונגער האָט גענומען באַהערשן דעם גייסטיג צובראָכענעם און ערשעפּטן מענש. דער הונגער־העצער, ענגהאַרציגער שונא — וועלכער פילט ניט קיין ווייטיג. [— —] שטענדיג זיין רעכט האָט דעם מענשן גענומען [— —] האָט דער אַן חשבונדיגער מאָגן [— —] וויל ניט וויסן פון קיין צער און ווייטיג

[— —] ווילסטו נאָך לעבן ניט וויכטיג צו וואָס צו געניסן — פון פרייד אָדער אַפילו אין טרויער פאַרברייינגען [מוזטו] [צאָלן ?]. מוזט דעם אַפּזאָץ פאַר דיין הערשער געבן. [— —] קאָנען טראַכטן, ניט וויכטיג צו דאָס זייִנען פון לעבן — פון פרייד און גליק, צי דאָס זייִנען מחשבות [— —] גרויזאַמע, וועלכע ריידן פון טויט און פערניכטונג. [— —] זיין געהאָרכזאַם אין דעם מאָגן צו פיל ניט פייניקן. ער קען דיר וואַרטן, אָבער ניט אויף לאַנג. ער קען דיר [— —] דעם מאָמענט פון באַצאָלונג. אָבער געדענק, אויב דו [— —] און אויב דו וועסט זיך לייכט צו דעם באַציהן, ער וועט דיר צוברעכן, ער וועט דיר שוין זיינע נעגל אַריינ־פאָרן און וועסט מוזן זוכן אַ וועג, ענטוועדער אָדער זיין מיט אים, אָדער געגן אים... דו וועסט ווערן זייִנער אַ קנעכט. דיין קאָפּ וועט אויפהערן וועגן עפּעס אַנדערש טראַכטן, נאָר וועגן אים, ווי אַזוי צופרידן צו שטעלן. דו וועסט דיין גאַנצן דענקענדן אַפּאַראַט צו זיין פאַרפירונג מוזן שטעלן. אויסער אים וועט פאַר דיר גאָרניט עקזיסטירן. ער וועט ווערן דער האַר פון דיין איך, דער באַזיצער פון דיין נשמה. דו וועסט מוזן אַלץ טוהן, דו וועסט מוזן געפינען אַ וועג מיט אים שלום צו מאַכן, אַז ניט, מוזטו מיט דער וועלט זיך געזעגענען, איבעררייסן מיט אַלץ און פון אַלץ. און פאַר־שווינדן אין דער אייביקייט אַריין.

[— —]

מעגליכע ערשיינונג. אוננאָרמאַל וואָלט געווען ווען אַלע גומערן [קומען ?] צוריק, אַזוי ווי זיי זייִנען אַוועק. מיר מאַרשירן אונטער די קלאַנגען פון מוזיק. אונזערע אויגן [— —] צו די דראָהטן — פון דעם נאָהנטן פרויען לאַגער.

[— —] יעדער פאַרשט, אפשר וועט ער וועמען פון זייִנע [— —] עס

קלאַפּט נאָך אַ שטראַל פון האָפנונג. עס ווילט זיך ניט גלויבן, אַז זיי זיינען שוין אויף אייביק פאַרשווונדן [— —] לאַגער און מיר קומען אָן צום בלאָק — [— —] מיט מיטאָג וועלכער ווערט אין דער קעלט אייך געגעבן און גרייטן זיך צום צווייטן אַפּעל אַלץ איז [— —] געשטעלט אַ גרויסע, שטייפע מאַסע פון צובראָכענע, אַנטווישטע, שאָטענדיגע מענשן [— —] עס דערהערן זיך ווידער קאָמאַנדעס [:] אויסריכטן, שטילשטאַנד, מיצן אַב! און דער אַפּעל איז צום ענדע.

לעבן אונזער בלאָק ליגט אויך אַ טויטער נומער. מען גייט צו, מען דערלאַנגט אַ קוק. נאָך היינט אין דער פרי ביי דער אַרבייט געווען און יעצט ליגט ער שוין אונבאַוועגלעך. קיינער קימערט זיך ניט. קיינער גיט אַפילו קיין קרעכץ ניט דערביי. אַך, דו מענש, ווען דו ביסט אַלס קינד ביי דיינע עלטערן געווען, וואָס וואָלט זיך יעצט אַרום דיר געטוהען. עס וואָלט לעבן דיר דיין מאַמע געלעגן און יאָמערלעך געוויינט. דיין טאַטע וואָלט זיך קיין אָרט ניט געפינען געקענט און וואָלט געגאַנגען און גע־וויינט ווי אַ קינד. דיינע שוועסטער און ברידער וואָלטן יעצט אַרום דיר געזעסן און ביטער געוויינט און וואָלטן דיר באַקלאָגט. דיינע פריינד און [— —] וואָלטן יעצט געקומען און יעדער וואָלט [— —] אין שטוב וואָלט אַן אומעט געווען [— —] מיטן שרעקלעכן אומגליק מיטגעריסן.

[— —] שוועסטער און ברודער ווי אַ [שטיין ?] [— —] אין לאַגער אַריינגעפאַלן און ווען אַ שטיין איז געפאַלן [— —] דער אומגליק ניט גרויס. דער טרויער האָט זיי [— —]

[— —] נאָכן אַפּעל לאָזט מען אונז אין בלאָק אַריין. די ניי־געקו־מענע הייסט מען גיין צוריק. אַלע זיינען דערשראָקן. ווער ווייס, צו וואָס? יעדער נייעס באַדייט דאָ אויף שלעכטס. מען פירט אונז צו צו דער באָד, ס׳שטייט דער זעלבער הויכער מיליטערמאַן [42] מיט נאָך עטלעכע ביי דער זייט. מען הייסט יעדן פאַרביי גיין און מען פרעגט זיך אויף די יאָהרן און פאַך. דער אַהין, דער אַהער. די, וועלכע וועלן געפעלן ווערן, אין באָד אַריין געשיקט. די, וועלכע געניסן ניט פון חן. ווערן צוריק געשיקט. עס פאַרשפרייט זיך אַ קלאַנג, אַז דאָס קלייבט מען אַרבייטער צו אַ פאַבריק. אַלע זיינען אונז מקנא, וואָס מיר וועלן האָבן די מעגלעכקייט פון דאַנען אָוועקצופאָרן און אין בעסערע באַדינגונגען אַרבייטן קענען. מען ציילט

אונז איבער. נעמט אַראָב די נומערן און מען הייסט זיך אונז גרייטן אין וועג, ווען מען וועט אונז קומען מעלדן. מען פאַרטיילט אונז שינעלן מיט נומערן. מיר קומען צוריק אין בלאָק. די אַלטע זיינען אונז מקנא, וואָס מיר וועלן דעם לאַגער פאַרלאָזן קענען. מען גיט אונז אויך היטלען, אַ סימן, אַז מיר דאַרפן [אוועק]פאָרן, פאַסט ניט אַזוי אַרום צו [אַנגעטוען זיין][43].

איך האָב עס געשריבן מיט צען 10 — מאָנאַטן צוריק. איך בין געקומען פון לונא־קרייז גראָדנאָ פון קעלבאַסינער לאַגער.

איך האָב עס געהאַט באַגראָבן אין אַ גרוב פון אַש. איך האָב עס געהאַלטן פאַרן זיכערסטן אָרט, וואו מען וועט געוויס אויפן קרעמאַטאָריום־שטח גראָבן. נאָר לעצטענס[44] [——].


איך האב עס געשריבן צען מ-מאנאטן צוריק. איך בין געקומען פון לונא- קרייז גראדנא פון קעלבאסינער לאגער
איך האב עס געהאט באגראבן אין א גרוב פון אש איך האב עס געהאלטן פארן זיכערסטן ארט וואו מען וועט געוויס אויפן קרעמאטאריום שטח גראבן. נאר לעצטנס

דאָס לעצטע בלעטל פון זלמן גראַדאָווסקיס פאַרצייכענונגען.

איך האָב פיל קרובים אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל.

איין אַדרעס פון מיין אָנקל גיב איך דאָ אָן [:]

A. Joffe, 27 East Brodway New York, N. Y., America.

[דער בריוו] [45]

איך האָב געשריבן דאָס אין פעריאָד, ווען כ׳האָב זיך געפונען אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ (Sonderkommando). מען האָט מיך געבראַכט פון קעלבאָסינער לאַגער נעבן גראָדנע [46]. כ׳האָב דאָס געוואָלט איבערלאָזן, אויך אַ סך אַנדערע נאָטיצן, ווי אַן אָנדענק פאַר דער צוקונפטיקער וועלט פון שלום, מען זאָל זיך דערוויסן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך האָב דאָס באַגראָבן אין אַש, טראַכטנדיק, אַז דאָס איז דאָס זיכערסטע אָרט, וואו מ׳וועט זיכער גראָבן, כדי צו געפינען די שפורן פון מיליאָנען אומגעקומענע מענשן. אָבער לעצטנס איז מען צוגעטרעטן צו פאַרווישן די שפורן אומעטום, וואו ס׳איז געווען אַ סך אַש, מען האָט געהייסן דין צעמאָלן און אַרויספירן צו דער ווייסל און לאָזן מיטן שטראָם [47]. מיר האָבן צעגראָבן אַ סך גריבער. היינט געפינען זיך צוויי אַזעלכע אָפענע גריבער אויפן שטח פון קרעמאַטאָריעס 1 און 2 [48]. עטלעכע גריבער זיינען נאָך פולע מיט אַש. מעגלעך, אַז זיי האָבן פאַרגעסן אין זיי, אָדער אַליין אויסבאַהאַלטן פאַר דער העכע־דער מאַכט, ווייל די פאַראָרדנונג האָט מודיע געווען פאַרווישן יעדן שפור וואָס שנעלער. ניט אויספירנדיק דעם באַפעל האָבן זיי דאָס פאַרשוויגן. אַ דאַנק דעם זיינען פאַרבליבן צוויי גרויסע גריבער מיט אַש אויף דעם שטח פון קרעמאַטאָריום 1 און 2 [49].

אַ סך אַש פון [פאַרברענטע קערפּערס] פון הונדערטער טויזענדער יודן,רוסן, פאָליאַקן האָט מען פאַרזייט און פאַראַקערט אויף די שטחים פון די קרעמאַטאָריעס. אויף די שטחים פון די קרעמאַטאָריעס 3 און 4 [50] געפינט זיך אויך ווייניק אַש. דאָרט האָט מען גלייך צעמאָלט און אַרויס־געפירט צו דער ווייסל, ווייל דער גאַנצער שטח איז געווען באַשטימט אויף „ברענען בריקן” !!! דאָס נאָטיץ־בוך, אָדער אַנדערע פאַרצייכענונגען זענען געלעגן אין די גריבער [51], אָנגעזאַפּטע מיט בלוט ניט שטענדיק איינגאַנצן

פאַרברענטע ביינער און שטיקלעך פלייש. דאָס האָט מען געקענט לויט דעם ריח דערפילן.

טייערער געפינער, זוך אומעטום אויף יעדן שטיקל ערד. אונטער דעם זיינען באַגראָבן צענדליקער מיינע און פון אַנדערע פערזאָנען דאָקו־מענטן, וועלכע וואַרפן אַ ליכט אויף אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מען האָט דאָ באַגראָבן אַ סך ציין. דאָס האָבן מיר, די אַרבייטער פון דער קאָמאַנדאָ, ספּעציעל צעזייט איבערן גאַנצן שטח וויפל מען האָט נאָר געקענט, כדי די וועלט זאָל קענען געפינען זאַכלעכע שפּורן נאָך מיליאָנען אויסגעמאָרדעטע מענטשן. מיר אַליין האָבן שוין פאַרלוירן די האָפענונג, מיר זאָלן דערלעבן די באַפרייונג. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס קומען אָן צו אונז גוטע ידיעות, זעהען מיר, אַז די וועלט גיט די באַרבאַרן מעגלעכקייטן אויסצוראָטן אין דער העכסטער שטופע און אַרויסרייסן מיטן וואָרצל די רעשטלעך פון יודישן פאָלק. אויף אונזערע אויגן קומען אום יעצט צענדליקער טויזענדער יודן פון טשעכיע און סלאָוואַקיי. די יודן האָבן נאָך זיכער זיך געקענט דערוואַרטן זיי זאָלן ווערן באַפרייט. אָבער דאָרט, וואו עס דראָהט נאָר די באַרבאַרן אַ געפאַר, פון אומעטום פון וואַנען זיי מוזן אַנטלויפן שלעפן זיי אַרויס די רעשט ביים לעבן איבערגעבליבענע יודן און פירן זיי אַרויס קיין אוישוויץ־בירקענאַו (Auschwitz-Birkenau), אָדער קיין שטוטהאָף (Stutthof) [52] נעבן גדאַנסק. דאָס איז באַוווסט אַ דאַנק גבית עדות, וואָס קומען פון דאָרט אויך צו אונז.

מיר, די זאָנדערקאָמאַנדאָ, האָבן שוין לאַנג געוואָלט מאַכן אַ סוף צו אונזער שרעקלעכער אַרבייט, צו וועלכער מען האָט אונז געצוווּנגען אונטער דער דראָהונג פון טויט. מיר האָבן געוואָלט טוהן אַ גרויסע זאַך. די מענטשן פון לאַגער, אַ טייל יודן, רוסן און פּאָליאַקן האָבן אונז אָבגע־האַלטן מיט אַלע כוחות און געצוווּנגען אָבלייגן דעם טערמין פון אויפ־שטאַנד [53]. אָבער דער טאָג איז נאָהנט. ער קאָן אָנקומען היינט, אָדער מאָרגן. איך שרייב די ווערטער אין מאָמענט פון גרעסטער געפאַר און אויפ־רעגונג. זאָל די צוקונפט אַרויסגעבן אויף אונז דעם משפט אויפן גרונט פון מיינע נאָטיצן, זאָל די וועלט דערזעהן אין זיי כאָטש דעם קלענסטן אויסצוג פון דער טראַגישער וועלט אין וועלכער מיר האָבן געלעבט.

זלמן גראַדאָווסקי

6טער סעפּטעמבער 1944

הערות צו גראַדאָווסקין

1) געמיינט: טויטלאַגער. אוישוויץ־בירקענאַו איז געווען סײַ אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, סײַ אַ טויט־לאַגער.

2) דער מחבר איז בשעתן שרייבן די נאָטיצן געווען צוגעטיילט צו דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וואָס האָט געברענט די מתים פון די גאַז־קאַמערן.

3) דער מחבר מיינט די דײַטשישע היטלעריסטישע לאַגערן אויף דער פוילישער ערד.

4) דער מחבר איז דאָ אויסן דעם זאַמל־לאַגער פון גראָדנער געגנט, קעלבאַ־סין, ווו מען האָט אין נאָוועמבער 1942 קאָנצענטרירט די טויזנטער ייִדן פון די אַרומיקע געטאָס. פון דאַנען דערנאָך דעפּאָרטירט אין אוישוויץ, אָדער אַנדערע טויט־לאַגערן.

5) געמיינט: גראָדנע.

6) קעלבאַסין.

7) בײַ די דײַטשן.

8) ד.ה. קרעמצן.

9) ד.ה. אַז כּלומרשט, דאָרט דערוואַרט מען אונדז און אונדזער אַרבעט איז „וויכטיק און נייטיק ווי דאָס לעבן".

10) למען האמת דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז מער ווי צוויי דריטל פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס מען האָט פאַרניכטעט אין 1943 יאָר, האָבן נישט געוווסט, אַז מען פירט זיי צו דער שחיטה. גראַדאָווסקי און די ייִדן פון גראָדנע אין אָנ־הייב פון 1943 יאָר האָבן שוין געהערט וועגן טרעבלינקע.

11) די קראַנקע האָט מען ליקווידירט אויפן אָרט.

12) נאָענטער צו היטלער־דײַטשלאַנד.

13) עס איז געווען ווינטער־צײַט און שניי האָט באַדעקט די ערד.

14) געמיינט די ראַוון, אין וועלכע די אײַנזאַץ־גרופּן האָבן גלײַך נאָך דער דײַטשישער אַגרעסיע אויף ראַטנפאַרבאַנד אויסגעמאָרדעט פיל טויזנטער ייִדן פון די אָקופּירטע פוילישע, ווײַסרוסישע, אוקראַיִנישע און באַלטישע געגנטן.

15) די נישט אָנקומענדיקע משפּחה־מיטגלידער זענען וואַרשײַנלעך דערמאָרדעט געוואָרן.

16) אָפּפאָרנדיקע באַן.

17) Łososna אַ קליינע באַן־סטאַציע, נישט ווײַט פון גראָדנע, דרום־מערב־דיק, אויפן וועג קיין סאָקולקע־ביאַליסטאָק.

18) ריכטיק: דאָס ערשטע קינד.

19) נישט קיין גליקלעכער אויסדרוק. נישט דאָס האָט דער מחבר געהאַט אין זינען.

20) אין יאַנואַר 1943, ווען עס איז פאָרגעקומען די דעפּאָרטאַציע פון קעלבאַסי־נער לאַגער, האָט נאָך דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ געלעבט. די ערשטע ליקווי־דאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז פאָרגעקומען אין פעברואַר 1943.

21) דער ביאַליסטאָקער יודנראַט און אַ סך ביאַליסטאָקער ייִדן האָבן געהאַט די אילוזיע, אַז אַדאַנק דער אָרגאַניזירטער אַרבעט וועט געלינגען אויסצומײַדן די ליקווידאַציע און בלײַבן לעבן.

22) טרעבלינקע (וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט) איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער פאַר אסירים־פּאָליאַקן אין די יאָרן 1941—1944 (אַ.ג. טרעבלינקע 1).
אין 1942 איז דאָרט אַנטשטאַנען אַ צווייטער לאַגער (טרעבלינקע 2) — אַ פאַרניכטונגס־לאַגער פאַר ייִדן און סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע. דעם 2טן אויגוסט 1943 איז אויסגעבראָכן אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד, אָרגאַניזירט דורך ייִדן אין די צוויי טרעבלינקעס. אַ קליינעם טייל פון די אסירים איז געלונגען צו אַנטלויפן און דערציילן דעם אמת פון דעם גרויל פון דעם טויט־לאַגער.
לערך 800 טויזנט ייִדן פון די אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע זענען דאָרט אומגעקומען ; פון וואַרשעווער געטאָ — אַרום 300 טויזנט. אין יאָר 1963 איז אויפן שטח פון לאַגער אַנטהילט געוואָרן אַ דענקמאָל — מאַוזאָליי.
23) דער מחבר האָט מסתּמא געמיינט, אַז די וואַרשעווער ייִדן זענען שוין ליק־ווידירט. געהאַט אין זינען די אומקלאָרע ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען פון וואַרשע וועגן דעם גרויסן גירוש (טויט־דעפּאָרטאַציע), וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן דעם 22סטן יולי 1942 און געדויערט ביז סעפּטעמבער 1942. אַרום דעם 20סטן יאַנואַר 1943, ווען זלמן גראַדאָווסקיס טראַנספּאָרט מיט די דעפּאָרטיר־טע פון קעלבאַסינער לאַגער איז אַדורכגעפאָרן וואַרשע, האָבן נאָך דאָרט געלעבט בערך 70 טויזנט ייִדן אויפן פאַרקלענערטן געטאָ שטח. פון זיי זענען 35 טויזנט געווען קאַשאַרירט אין „שאָפּן" (ד.ה. געאַרבעט איבער די מענטש־לעכע כוחות און געווינט אין די בלאָקן צוגעטיילטע צו די אַרבעטס־פּלע־צער) און דער צווייטער טייל, וואָס האָט אויך געציילט אַזוי פיל, האָט גע־פירט אַן אומלעגאַל לעבן אַן אַרבעטס־צייַגענישן (אַרבעטס־שייַנען). זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די פאַרלאָזטע הייַזער פון די דעפּאָרטירטע וואַר־שעווער ייִדן.
24) דער מחבר מיינט דערמיט וואַרשייַנלעך היטלער־דייַטשלאַנד, ווייַל ער און זייַנע אחים לצרה האָבן געמיינט, אַז מען שיקט זיי אויף אַרבעט קיין דייַטשלאַנד גופא.
25) געמיינט : די דייַטשישע זעלנער.
26) געמיינט : די סאָוועטישע אַרמיי.
27) געמיינט די באַוואָפנטע ס.ס.־מענער פון דעם אוישוויצער גאַרניזאָן.
28) אין טעקסט „אומאַנינטירין".
29) געמיינט : פון דורכגאַנגס־לאַגער קעלבאַסין.
30) געמיינט : די פרוי, שוועסטער און מוטער.
31) דאָס זענען געווען וואַרשייַנלעך ייִדישע אסירים אויף פונקציעס.
32) געמיינט : ס.ס.־מענער.
33) אסירים.
34) דאָס הייסט : וויפל מענטשן האָט געציילט דער טראַנספּאָרט און וויפל פון זיי האָט מען נאָך דער סעלעקציע אויף דער ראַמפּע געשיקט אין לאַגער.
35) וואַרשייַנלעך מיינט מען דאָ בלאָק־עלטסטער.
36) דאָס זענען מסתּמא די אָנווייַזונגען פון דעם בלאָק־עלטסטן.
37) שטובע־דינסטן — אסירים, וועלכע האָבן אויסגעפירט די פונקציעס ווי פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער אָרדענונג אין די „שטובן" (וווין־אָרט), זיי האָבן אויך געטיילט דאָס עסן.
38) ד.ה. בלאָק־עלטעסטע. זע זז' 16—17.

39) עס דאַרף זײַן ס.ק. — סטראַף קאָמפּאַניע.

40) געשפּילט האָט דער לאַגער־אָרקעסטער, א.ג. „קאָמאַנדאָ לאַגער קאַפּעלע", צוזאַמענגעשטעלט פון אסירים־מוזיקער.

יעדן פרימאָרגן און אין אָוונט, בײַ יעדן וועטער, האָבן זייערע מאַרשן גע־דאַרפט אײַנשטעלן אַ געהעריקן טעמפּאָ בײַם אַרויסגיין און צוריקקער פון די לאַגער־אַרבעטס־גרופּן.

יעדער נעבן־לאַגער האָט געהאַט זײַן אָרקעסטער פון אסירים. אַ לאַגער־קאַפּעליע איז געווען אַ טייל פון אָרגאַניזאַציע־סיסטעם. פון צײַט צו צײַט האָבן זיי געשפּילט פאַר די ס.ס. פון דער אוישוויצער אַדמיניסטראַציע.

Simon Laks et René Coudy. Musiques d'un autre monde. Paris. Mercure de France, 1948.

ג"ע שמעון לקס : יד ושם, ל־2118/138.

41) דאָרט האָט זיך געפונען די וואַך פון די ס.ס.־מענער.

42) דאָס איז געווען דער ס.ס. הויפּטשאַרפירער אָטאָ מאָלל, וועלכער איז געווען אין דער צײַט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם פאַרברענען די מתים פון די דערמאָרדעטע אין די גאַז־קאַמערן פון בירקענאַו. ער האָט אַליין אויסגע־קליבן צווישן די אסירים קאַנדידאַטן צו דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. ווי עס דרינגט אַרויס פון טעקסט האָבן די אויסגעוויילטע נישט געוווּסט וווּ מען שיקט זיי.

43) די ס.ס.־לאַגער אָנפירונג האָט צוגעטיילט פאַר די זאָנדער־קאָמאַנדאָס בעסע־רע קליידונג און בעסער עסן, ווי פאַר די אסירים פון אַנדערע קאָמאַנדאָס.

44) דאָ רײַסט זיך איבער דאָס בלאַט.

45) דער טעקסט פונעם בריוו איז געוואָרן רעקאָנסטרויִרט צוריק אויף ייִדיש פון ב. מאַרקס פּוילישער איבערזעצונג, ווײַל די פאָטאָקאָפּיע פונעם אָריגינאַל איז פאַרלוירן געגאַנגען בײַם איבערשיקן די מאַטעריאַלן פון זלמן גראַדאָווסקי קיין ישראל.

46) זע : זײַט 262.

47) דער מחבר מיינט די אַקציע פון פאַרווישן די שפּורן פון די נאַציִשע פאַר־ברעכנס אין האַרבסט 1944, ד.ה. אין דער צײַט פון דער טיילווײַזער ליקווי־דאַציע פון לאַגער. זע : נאָטיצן פון לייב לאַנגפוס. די אַקציע האָט דורכ־געפירט דער ס.ס. הויפּטשאַרפירער אָטאָ מאָלל, דעמאָלטיקער שעף פון די קרעמאַטאָריעס. זע : הערה 42.

48) לויט דער נומערירונג אין די דײַטשישע דאָקומענטן דאַרף זײַן : קרעמאַ־טאָריעס 2 און 3.

49) אויבן.

50) ד.ה. קרעמאַטאָריעס 4 און 5.

51) אויף דעם שטח נעבן דער קרעמאַטאָריע נ. 5 זענען געווען 5 גריבער און אויך נעבן דעם בונקער נ. 2 שײַטערס און גריבער, אין וועלכע ס'זענען פאַרברענט געוואָרן די אונגאַרישע ייִדן, זומער 1944. (אַקציע „העס").

52) הײַנט־שטוטהאָפּ, דער לאַגער איז געגרינדעט געוואָרן דעם 2טן סעפּטעמ־בער 1939 און געהייסן „ציוויל קריגס געפענגעניסלאַגער". פון מאַרץ 1942 איז ער געוואָרן אַ קאָנצענטראַציע לאַגער.

53) זע : זז' 399—400.

לייב לאַנגפוס

1

אין גרויל פון רציחה

איינצעלהייטען

ווען עס איז געקומען די טראַנספּאָרטען פון בענדין, סאָסנאָוויץ [1] האָט זיך געפונען צווישען זיי אַ עלטערער רב. אַלס נאָהענטער קרייז האָבען זיי אַלע געוואוסט, אַז מען פיהרט זיי צום טויט. דער רב איז אַריין אין אויסקליידונגס רוים, ווי אויך אין בונקער [2], מיט טאַנץ און געזאַנג. ער האָט זוכה געווען צו שטאַרבען אויף קידוש השם.

צוויי אונגאַרישע אידען [3] האָבען געפרעגט איינעם פון די זאָנדער קאָמאַנדאָ [:] זאָלען מיר זאָגן ווידוי? ער האָט געענטפערט, אַז יאָ. זיי האָבען דאַן אַרויסגענומען אַ פלאַש בראַנפען, געטרונקען לחיים מיט גרויס פרייד. דאַן האָבען זיי געזעגענט מיט אַלע קרעפטען דעם פון די קאָמאַנדאָ, ער זאָל מיט זיי מיטטרינקען. ער האָט זיך געפיהלט טיעף פערשעמט און נישט געוואָלט מיטטרינקען. זיי האָבען איהם נישט אָפּגעלאָזט [:] דו מוזט נעמען נקמה פאַר אונזער בלוט, מוזט דו לעבען, ובכן... לחיים! ? און האָבען איהם לאַנג געוואונטשען: מיר דיך פערשטיין... ער האָט מיטגעטרונקען. ער איז דערביי געוואָרען אַזוי טיעף געריהרט, אַז ער האָט זיך שרעקלעך צוויינט. ער איז אַרויפגעלאָפען אין דעם גרויסען פערברעננונגס לאָקאַל און מיט ביטערע טרעהרען לאַנגע שעהן געוויינט: חברים! שוין גענוג געברענט יודען! לאָזען מיר אַלעס צושטערען און מיטגיין אויף קידוש השם!

עס איז געוועזען אין מיטען זומער [4], מען האָט געבראַכט 101 מאַן אונגאַרישע יודישע יונגעלייט צום שיסען. זיי האָבען זיך אויסגעטאָהן נאַקעט אויף דעם הויף פון קרעמאַטאָריום 1 [5]. אַלע זענען געוועזען אויסגעשווירען אין מיטען קאָפּ אַ פּאַס פון איין זייט איבער די אַנדערע. דאַן איז געקומען דער מערדער אָבערשאַרפיהרער מוספעלד [6] און געהייסען זיי איבערגיין אויף — 2. פון טויער פון איין קרעמאַטאָריום צום אַנדערן פיהרט



אַ בלעטל פון לייב לאַנגפוס׳ טאָגבוך.

אַ שאָסיי אַ 60 מעטער די לענג פאַרביי אַן עפנטלעכן וועג. ער האָט איינ־געשטעלט די גאַנצע קאָמאַנדאָ אַלס שפּאַלער צו היטען די נאַקעטע יודען, זיי זאָלען זיך נישט צעלויפען אויף דעם וועג. און מען האָט זיי דורכגע־טריבען גענצליך נאַקעט, אַזוי ווי שעפּסען מיט שטעקענעס איבער די קעפּ [ ] פאַרביי דעם וועג. דער טרייבער איז געוועזען דער קאָמאַנדאָ פיהרער מיט דעם דייטשן קאַפּאָ. אויף די אַנדערע זייט האָט מען זיי אַריינגעטריבען אין אַ קליין צימערל, זיי אַנגעשטופּט און איינצעלוויז זיי אַרויסגעשלעפּט צום שיסן.

מען האָט געבראַכט אַ גרופּע אידען פון אַ לאַגער, אויסגעדאַרטע, אויס־געטרוקענטע. זיי האָבען זיך אויסגעטאָהן אויף דעם הויף און איינצעלוויז זענען זיי אַריינגעגאַנגען צום שיסען. זיי זענען געוועזען שרעקלעך פער־הונגערט און האָבען זיך געבעטען די רגע, וואָס זיי לעבען באַך, זאָל מען זיי געבען אַ שטיקל ברויט. מען האָט געבראַכט פיעל ברויט. זייערע אויגען, וועלכע זענען געוועזען מאַט און אויסגעלאָשען פון פאַרשמאַכטען הונגער האָבען זיך אַנגעצונדען מיט אַ ווילדען פייער פון איבערראַשענדע פרייד און מיטביידע הענד געכאַפּט אַ שטיקל ברויט און געשלונגען מיט אַפּעטיט גייענדיג אויף די טרעפּ גלייך צום שיסען. זיי זענען געוועזען אַזוי איבערראַשט פון צופרידענקייט פון ברויט, אַז זיי איז פיעל גרינגער געוואָרען דער טויט. אָט ווי דער דייטש קען פאַרמוטשען מענטשען און באַ־הערשען זייער פּסיכיק. אונטערשטרייכען איז ווערט אַז זיי זענען געווע־זען אַלע וויניגע וואָכען פון דער היים געקומען.

עס איז געוועזען אומגעפעהר פאַר די ענדע 1943 [.] מען האָט גע־בראַכט 164 פאַליאַקען פון דער אומגעגענד, צווישען זיי 12 יונגע פריי־לינס [.] אַלע מיטגלידער פון אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע [7]. עס זענען אַראָפּ־געקומען אַ רייה ס.ס. פּערזענלעכקייטען. גלייכצייטיק האָט מען געבראַכט עטליכע הונדערט האָלענדישע יודען [8] צום פאַרגאַזען לאַגער מענטשען. איין יונגע פּוילישע מיידעל האָט צו אַלע אַנוועזענדע שוין אַלע נאַקעט אין פאַרגאַזונגס בונקער, געהאַלטען אַ קורצע פייערדיגע רעדע געגען די היט־לעריסטישע מערדער און אונטערדריקונג און געענדיגט [:] מיר שטאַרבען ערשט נישט, מיר וועלען פעראייביגט פון אונזער פאָלקס געשיכטע. אונזער איניציאַטיווע און גייסט לעבט און בליהט. דאָס דייטשע פאָלק וועט פיעל טייערער בעצאָהלן פאַר אונזער בלוט ווי עס איז זיך נאָר בכח פאַרצושטעלן.

נידער מיט דעם באַרבאַריזם אין געשטאַלט פון היטלער דייטשלאַנד [!] עס לעבע פוילען! דאַן האָט זי זיך געווענדעט צו די יודען פון זאַנדער קאָמאַנדאָ. געדענקט! אז אייער הייליגע פליכט איז צו נעמען נקמה פאר אונזער אומשולדיג בלוט. דערציילט אונזערע פאָלקס ברידער, אַז מיט פיעל שטאָלץ און טיפע געוויסענהאַפטיגקייט גייען מיר אַנטקעגען אונזער טויט. דאַן האָבען די פאָליאַקען זיך געקניט אויף די ערד און האָבען פייערליך געזאָגט אַ געוויסע תפילה אין אַ איינדרוקספולע פאָזע [.] נאָכהער האָבען זיי זיך אויפגעשטעלט און מען האָט געמיינזאַם געזונגען אין איין כאָר דעם פוילישען נאַציאָנאַלען הימן. די אידען האָבען געזונגען התקוה. דער גרוי־זאַמער געמיינזאַמער גורל האָט אין דעם פאַרשאָלטענעם ווינקעלע צוזאַמען געשמאָלצען די לירישע טענער פון די דאָזיקע פערשידענאַרטיגע הימנען. זיי האָבען מיט אַ טיעף ריהרענדע הארציגקייט אויסגעגאָסען זייערע לעצטע געפיהלען און זייער טרייסט האָפענונג אין די צוקונפט פון זייער פאָלק [.] נאָכהער האָבען זיי געמיינזאַם געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין מיטען איז אָנגעקומען דער אויטאָ פון רויטען קרייץ [9] און האָט אַריינגעוואָרפען גאַז אין בונקער אַריין. זיי האָבען אויסגעהויכט זייערע נשמות אין מיטען געזאַנג אין עקסטאַז פון טרוים וועגען פאַרברידערונג און פאַרבעסערונג פון די וועלט.

עס איז געוועזען סוף זומער 1944 [.] מען האָט געבראַכט אַ טראַנס־פאָרט פון סלאָוואַקיי [10]. אַלע האָבען זיי קלאָר געוואוסט אַז זיי גייען אָן צווייפעל צום טויט. טראָץ דעם האָבען זיי זיך פערהאַלטען רוהיק. זיך אויסגעטוהן און אַריין אין בונקער אַריין. אַריינגייענדיג פון אויסקליידונגס צימער אין פאַרגאַזונגס בונקער נאַקעט, רופט זיך אָן אַ פרוי: פיליכט וועט דאָך נאָך געשעהען אַ נס מיט אונז.

עס איז געווען פאַר סוף זומער 1943. מען האָט געבראַכט אַ טראַנס־פאָרט יודען פון טאַרנאָוו [11]. זיי האָבען זיך אויסגעפרעגט וויּ אַהין פיהרט מען זיי. מען האָט זיי אינפאָרמירט, אַז מען פיהרט זיי צום טויט. אַלע זע־נען שוין געוועזען אויסגעטוהן. אַ ערנסטקייט פון אומגעהויערע קראַפט האָט אַלעמען בעהערשט. אַלע זענען געוועזען טיעף פערטראַכט און שטי־לערהייט מיט אַ צובראָכענעם טאָן געזאָגט וידוי אויף די זינד פון זייער פערגאַנגענהייט. אַלע געפיהלן זענען פערטושט געוואָרען און מען איז בערוישט געוואָרען פון איין געדאַנק, וועלכער האָט אַלעס צו זיך צוגע־

שמידט, אַזוי ווי עלעקטריזירט דער חשבון הנפש פאַר דעם טויט [.] איבער־מיטען איז אָנגעקומען נאָך אַ גרופּע יודען פון טאַרנאָוו. אַ יונגערמאַן האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ באַנק און האָט געבעטען אַלע זאָלען איהם אויפמערקזאַם אויסהערען. עס איז געוואָרען פלוצלינג טויט שטיל. ברידער יודען! האָט ער אויסגערופען [.] גלויבט נישט [,] אַז מען פיהרט אייך צום טויט. עס איז אוממעגליך צו דענקען, אַז עס קען אַזעלכעס געשעהען, מען זאָל טויזענטער אומשולדיגע מענטשען פיהרען פלוצלינג צו אַ שרעקלעכן טויט. עס איז אויסגעשלאָסען, עס קען אין דער וועלט נישט זיין אַזאַ גרויזאַמער, שוידערהאַפטער מערדעריי. די וואָס האָבען אייך אַזעלכעס געזאָגט [,] האָבען זיכהער אין דעם אַ געוויסע טענדענץ א.אַ.וו. ביז ער האָט זיי גענצליך בערוהיגט. ערשט ווען מען האָט אַריינגעוואָרפען צום גאַז האָט זיך דער דאָזיגער מאָראַל פּרעדיגער און טיעף־איבערצייגטער געוויסענסמאַן אויסגעניכטערט פון זיין נאַאיוויטעט. זיינע אַרגומענטען, מיט וועלכע ער האָט אַזוי קרעפטיג בערוהיגט זיינע ברידער זענען געבליבען אַ אילוזיע פון זעלבסט אָפּנאַרעריי. אָבער ער איז צו שפּעט קלוג געוואָרען.

דאָס איז געוועזען פּסח 1944. עס איז געקומען אַ טראַנספּאָרט פון וויטעל [12], פראַנקרייך. צווישען זיי צאָהלרייכע חשובע יודישע פּערזענליכקייטען. איינער צווישן זיי איז געווען דער באַיאַנער רבי ר׳ משה פרידמאַן זצ״ל. איינער פון די גרעסטע לומדישע אויטאָריטעטן פון דעם פּוילישען יודענטום, אַ זעלטען פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט. ער האָט זיך אויסגעטוהן צוזאַמען מיט אַלע. נאָכהער איז אַריין אַן אָבערשטורם פיהרער. דער רבי איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט איהם געזאָגט אין דייטשע שפּראַך האַלטענדיג איהם פאַר די קלאַפּעס [:] איהר שרעקלעכע, געמיינסטע וועלט מערדער [,] דענקט נישט, אַז איהר וועט אונטערברענגען דאָס אידישע פאָלק. דאָס אידישע פאָלק וועט אייביק לעבען, און וועט קיין מאָל נישט פערשוואונדען ווערען פון די אַרענע פון די וועלט היסטאָריע. איהר, נידערטרעכטיגע רוצחים, וועט אָבער זעהר טייער בעצאָהלען. פאַר יעדן אומשולדיגען יוד וועט איהר בעצאָהלען מיט צעהן דייטשען. איהר וועט אָפּגעמעקט ווערען און פערשוואונדען ווערען נישט נאָר אַלס מאַכט, נאָר אויך אַלס אייגענאַרטיג פאָלק. עס איז נאָהענט דער טאָג פון נקמה. דאָס פערגאָסענע בלוט וועט ווערען אויפגעמאָנט. אונזער בלוט וועט נישט געפינען פריהער קיין רוה, ביז וואַנען אַ ברענענדער פער־

ביכטונגס צאָרן וועט זיך אויסגיסען אויף אייער פאָלק און וועט אויסראָ־טען אייער חיהש בלוט. ער האָט גערעדט מיט אַ שטאַרקע לײַדענס־שטימע, מיט אַ מעכטיגע ענערגיע. דאַן האָט ער אַנגעטוהן זיין קאַפּעלוש און אויסגעשריען מיט געוואַלטיקע התלהבות [:] שמע ישראל! צוזאַמען מיט איהם האָבען אַלע אַנוועזענדע מיטגעשריען [:] שמע ישראל [!] און אַן אוימגעהויערע באַגייסטערונג פון טיפע אמונה האָט דורכגעדרונגען אַלעמען. עס איז געווזען אַ גייסטרייכער מאָמענט [,] וועלכער האָט נישט קיין פאַרגלייך אין מענטשלעכען לעבען, וועלכע באַשטעטיגט די אייביגע גייסטיקע שטאַנדהאַפטיקייט פון יודענטום.

סע איז געוועזען אַ קאַשויער [13] טראַנספּאָרט ענדע מאַי 1944 בערך. צווישען די פערשידענע יודען האָט זיך געפונען די אַלטע סטראָפּקיווער [14] רביצין, אַ יודענע פון 85 יאָהר. זי רופט זיך אָפּ. ערשט זעה איך דעם סוף פון די אונגאַרישע אידען. די רעגירונג האָט ערמעגליכט גרויסע טיילען פון די יודישע קהלות צו אַנטלויפען [15]. האָט דער עולם געפרעגט עצות ביי די רבי׳ס האָבען זיי כסדר באַרוהיקט. דער בעלזער רבי האָט געזאָגט, אַז אונגאַרן וועט אָפּקומען מיט בלויזע שרעק. ביז עס איז געקומען די ביטערע מינוטע, ווען יודען האָבען זיך שוין מעהר נישט געקענט העלפען. יאָ! פון הימעל האָט מען פאַר זיי פערהוילען, אָבער אין די לעצטע מינוט זענען זיי אַליין אַנטלאָפען קיין ארץ ישראל, זיך געראַטעוועט און דאָס פאָלק איבערגעלאָזט ווי שעפסן צו די שחיטה [16]. רבונו של עולם! אין די לעצטע מינוטען פאַר מיין טויט בעט איך דיר זאָלסט זיי מוחל זיין פאַר דעם גרויסען חילול השם!

עס איז געוועזען ווינטער סוף 1943. מען האָט געבראַכט אַ טראַנס־פּאָרט פון בלויזע קינדער, אַרויסגעכאַפּט מיט אַרומפאָהרענדע אויטאָס פון די מוטערס היימען ווען די פאָטערס זענען געוועזען ביי די אַרבייט אין שאַוועל [17] קאָוונער ליטאַ. דער קאָמאַנדאָ פיהרער האָט אַראָפּגעשיקט אין אויסקליידונגס צימער, מען זאָל אויסטוהן די קליינע קינדער. אַ מיידעלע אין עלטער פון 8 יאָהר שטייט און טוהט אויס דאָס ברודערל פון אַ יאָהר. עס גייט צו איינער פון דער קאָמאַנדאָ עס אויסטוהן. דאָס מיידעלע רופט זיך אָן: אַוועק, דו יודישער מערדער! לייג נישט אַרויף דיין האַנד, וואָס האָט זיך געטונקען אין יודיש בלוט, אויף מיין שיין ברודערל. איך בין ערשט זיין גוטע מאַמאַ. אויף מיינע הענד וועט ער צוזאַמען מיט מיר אָפּשטאַר־

בען. עס שטייט דערביי אַ יונגל פון 8־7 יאָהר. ער רופט זיך אָן [:] ביסט דאָך אַ יוד! ווי קענסט דו אַריינפיהרען אַזעלכע טייערע קינדער צום פערגאַזען, אַלעס דו זאָלסט נאָך לעבען. איז דיין לעבען צווישן אַ באַנדע מערדער דיר באמת טייערער ווי דאָס לעבען פון אַזוי פיעל יודישע קרבנות?

עס איז געווען אָנהויב 1943. עס איז אָנגעשטופט געוואָרען אַ פילער בונקער מיט אידען. איין יודיש יונגעל איז געבליבען אין דרויסען. עס איז צוגעגאַנגען צו איהם אָן אונטערשאַרפיהרער און האָט איהם געוואָלט טויט־שלאָגען מיט דעם שטעקען. ער האָט איהם שרעקלעך צעשלאָגען און בלוט האָט געפלאָסען פון אַלע זייטען. פלוצלינג האָט זיך דאָס צעשלאָגענע יונגעל וועלכער איז שוין געלעגען בעוועגלאָז זיך אויפגעשטעלט און מיט זיינע קינדישע אייגלעך שטיל באַטראַכט דעם שרעקלעכען מערדער שווייגענד. דער אונטערשאַרפיהרער האָט זיך ציניש צולאַכט אויף דעם קול, אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און דערשאָסען.

דער הויפטשאַרפיהרער מאָל [18] פלעגט אויסשטעלען צו 4 מאָן פאַר אַמאָל איינער אונטער דעם אַנדערן אין אַ גלייכע רייהע און מיט איין שאָס אַלעמען דורכשיסן. ווער עס האָט אָפּגעבויגען דעם קאָפּ, פלעגט ער איהם לעבעדיקערהייט אַריינשטופען אין ברענענדען מתים־גרוב. ווער עס האָט נישט געוואָלט גיין אין בונקער אַריין, האָט ער אָנגענומען פאַר די האַנד און זי אויסגעדרייט, אומגעוואָרפען און צעטרעטען נאַכהער מיט די פיס. געוועהנליך פלעגט ער פאַר יעדעם טראַספּאָרט זיך אַרויפשטעלן אויף אַ באַנק פערלייגען די הענד איינע אויף די אַנדערע און האַלטען אַ רעדע אַ גאַנץ קורצע [:] דאָס מען גייט אין באָד אַריין און דאָ וועט מען אַראָפּקומען נאַכהער און פונאַנדערטיילען אין אַרבייטס פלעצער. נאַכהער ווער עס האָט געצווייפעלט אין דער גלויבווירדיגקייט פון זיינע רייד האָט ער שרעקלעך געשמיסען מאַכענדיג דערביי אַ ווילדען כאַאָס פון געאיילעניש מען זאָל פאַרלירען די אָריענטאַציע.

אָבערשאַרפיהרער פאַרסט פלעגט זיך ביי פיעל טראַנספּאָרטן אַוועקשטעלן ביי די טיר פון אויסקליידונגס־צימער און אַנטאַפּען יעדע יונגע דורכגייענדע פרוי דעם געשלעכטס אָרגאַן ווען זיי זענען אַריין נאַקעט אין פערגאַזונגס בונקער. עס פלעגט אויך טרעפען פאַלען, אַז די דייטשע ס.ס. לייט אין אַלע זייערע ראַנגעס פלעגען אַריינשטעקען פינגער אין די געשלעכטס אָרגאַנען פון יונגע שיינע מיידלעך.

ענדע זומער 1942 איז געקומען אַ טראַנספּאָרט פון פשעמישל [19]. די יונגע מענטשען ווי אויך די פּאָליציאַנטען, האָבען אַלע געהאַט קינד־זשאַלען אין די אַרבעל פערשטעקט און האָבען זיך געוואָלט וואַרפען אויף די ס.ס. לייט [.] האָט זיי פערפיהרט זייער אַנפיהרער אַ דאָקטאָר וועלכער האָט געהאָפט דורך זיי איינהאַלטען אַריינצוגיין אין לאַגער מיט זיין פרוי, און אינטעווערנירט וועגען דעם ביים אָבערשאַרפיהרער, וועלכער האָט איהם פאַרזיכערט. האָט ער זיי באַרוהיגט. זיי האָבען זיך אויסגעטוהן און ער איז נאָכהער געצוווגגען געוואָרן מיטצוגיין נאָך זיי אַלע אין בונקער אַריין מיט זיין פרוי.

סאַדיזם: [20]

אין יאָהר 1941—1940.

עס איז געוועזען אַ לאַגער אין בעלזשיץ [21], האַרט נעבען די רוסישער גרענעץ, ווי די גרויל טאַטען אין זין פון סאַדיזם האָבען איבערגעשטיגען אוישוויץ.

מען פלעגט צ.ב. נעמען טעגליך יודן, אויסגראָבען אַ שמאָלען, טיפען גרוב און זיי אַראָפּשטופּען צו אַ מאַן אין אַ גרוב. נאָכהער האָט מען געצוווגגען אַז יעדער העפטלינג מוז ערלעדיגען זיין געברויך אין דעם גרוב אַריין איבער דעם קרבנ׳ס קאָפּ. ווער עס האָט נישט געוואָלט האָט בעקומען 25 שמיץ מיט דעם שטעקען. מען האָט אַזוי זיך ערלעדיגט אַ גאַנצע טאָג איבער איהם ביז ער איז דערשטיקט געוואָרען פון שטינקעכץ.

די רוסישע וואַך פון די אַנדערע זייט פלעגט זיך בעטען ביי די אידן זאָלען אויסנוטצען יעדען מעגליכען מאָמענט און אַריבערכאַפּען זיך אויף די אַנדערע זייט דראָהטען צו די רוסען. ווער עס פלעגט אַזוי טוהן אין אַ מאָמענט ווען די ס.ס. לייט האָבען פאַרזעהען, האָבען זיי בעמערקענדיג נישט געטאָרט נאָכשיסען [,] ווייל די קויל איז אַריבערגעפאַלען איבער די אַנדערע זייט גרענעץ. פלעגען די דייטשע ס.ס. זיך אָוועקשטעלען האַרט ביי די דראָהטען און שיסען אַנטקעגען אין די נאָך אַריסשטאַרענדע האַנד אָדער פיס אין מיטען קריכען. פלעגט די רוסישע וואַכע פּראָטעסטירען, האָבען די ס.ס. לייט באַכגעשריען [:] דער פיס אָדער די האַנד איז נאָך אויף אונזער טעריטאָריע.

די אַרבייט איז דעמאָלסט בעשטאַנען אין אויסגראָבען אַ לאַנגען, טיפען, גלייכען ראָוו אַלס גרענעץ פּאַס. שפּעטער, ווען דער דייטש האָט אַריינגעדרונגען טיעף אין רוסלאַנד האָט מען דאָרט אין וואַלד אויסגע־בויט 8 גרויסע באַראַקען, ווי מען האָט איינגעאָרדענט טישען מיט בענק און דאָרט האָט מען אַריינגעטריבען יודען פון לובלינער, לעמבערגער און אַנדערע וואָיעוודסטוועס און זיי עלעקטריזירט [22]. אויך איז געוועזען אַ פּונקט אין וויערשאָוויצער וואַלד, נעבען טראַווניק [23], נישט ווייט פון פּיאַסק, ווי מען האָט אויסגעגראָבען טיפע גריבער אין מיטען וואַלד און נאָכהער אַנגעטריבען אויטאָס, פיעל געפּאַקט מיט יודן, וועלכע האָבען אויפגעהויבען די דעק און אַרויסגעוואָרפען פון זיך די יודען גלייך אין גרוב אַריין, אַזוי ווי זיי זענען געוועזען געקליידעט. דאָרט האָט מען זיי אויסגעשאָסען און פערשאָטען.

אין בעלזשיץ זענען אויך אומגעקומען פיעל אוקראַינער. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז שוין היינט געווען פּאָפּולער. איך פערצייכען עס נאָר, ווייל דאָס האָבען מיר דערציילט איינעגע פון אונזער קאָמאַנדאָ, וועלכע האָבען עס בייגעוואוינט. זיי זענען אויך געוועזען אין מאַידאַנעק [24], נעבען לובלין, ווי מען האָט אויסגעהאַקט דאָס גאַנצע דאָרף און אַרומגע־צוימט מיט דראָהט און אויפגעבויט אינעווייניג באַראַקען. דיא אָרדנונג דאָרט איז געוועזען אַז מען האָט ווינטער, ליסטאָפּאַד־גרודזיען [25] 1941 געבויט באַראַקען. יעדען טאָג אין דער פריה האָט מען זיך געמוזט קאָלדרען אין שניי נאַקעט דעם גאַנצען קערפּער אַנשטאָט וואַשען זיך. נאָכהער איז מען אַריין אין קאַלטען באַראַק אַריין זיך אָנטוהן. נאָכהער איז מען גע־גאַנגען צו די אַרבייט. 4 מאַן האָבען געמוזט טראָגען אַ ריזען פלאָט פון האָלץ אָדער אַ מאַסיוועו בוי סלופּ, דערביי האָבען זיי געמוזט גיין לויפענ־שריט און אַ האָלענדישער אינזשינער איז נאָכגעלאָפען און געקלאַפּט מיט אַ קאַנטשיק איבער די פיס.

אין די באַראַקען האָט מען אַנגעטריבען רוסישע געפאַנגענע [26], וועלכע האָבען באַקומען צו עסען נאָר איינעגע קאַרטאָפעל און אַ ביסעל זופּע, קיין ברויט און האָבען גאַנצע טעג שווער געאַרבייט אונטער די אויפזיכט פון ס.ס. לייט. ווער עס איז פאַרשוואַכט געוואָרען אין מיטען די אַרבייט און נישט געאַרבייט אינטענסיוו, איז געוועזען אַ גרויסע גרוב וועלכע איז געוועזען צוגעדעקט פון די הויך מיט ברעטער און געהאַט פיעל לעכער

פאַר דעם גאַנצען לאַגער זיך צו ערלעדיגען [,] האָט מען איהם דאָרט צוגע־פיהרט און איהם אַריינגעוואָרפען אין גרוב דרעק אַריין. יעדע נאַכט זענען די ס. ס. לייט אַריינגעקומען אין אַ אַנדער בלאָק אַריין און די געגצליך אויסגעטריקענטע, פערשמאַכטע און ערשעפּטע רוסישע געפאַנגענע דער־הרגעט מיט שטעקענס צום טויט. זיי האָבען נישט איבערגעלאָזט קיין איין לעבעדיגען מענטש אין בלאָק. אַלע זענען געוועזען אַזוי פאַרשוואַכט אַז זיי האָבען נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. אין דער פריה איז אַריינ־געקומען אַ גרופּע פון 100 אידן וועלכע האָבען אַוועקגעשלעפּט די טויטע און זיי בעגראָבען [.] אַזוי ווי דער בלאָק איז געוואָרען ליידיג האָט מען באַלד געבראַכט פרישע געפאַנגענע.

אויב איינער האָט זיך פערזינדיגט האָט מען איהם אויפגעהאַנגען פאַר די פיס מיט דעם קאָפּ אַראָפּ. עס האָט געטראָפען פאַלען אַז מענטשען האָבען געהאַנגען צו 8 שעה ביז זיי זענען געוואָרען טויט. ביי יעדען אַפּעל ווען עס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט געדיכט די מענטשען איינע אונטער די אַנדערע, האָט מען אַריינגעשאָסען אין די רייהען מיט מאַשינען־געוועהר.

נאָטיצען [27]

דעם 14טען אָקטאָבער 1944 איז מען צוגעטרעטען פונאַנדערצונעמען די ווענט פון קרעמאַטאָריום 3 [28]. די אַרבייטער זענען פון זאָנדער קאָ־מאַנדאָ [.]

דעם 20טען אָקטאָבער האָט מען געבראַכט צו פערברענען 2 קליינע טאַקסובקעס [29] און איין טורמע אויטאָ מיט דאָקומענטען פון העפטלינגע [,] ווי קאַרטאָטעקעס טויט שיינען, בעשולדיגונגס אַקטען אדגל.

היינט דעם 25טען נאָוועמבער האָט מען אָנגעהויבען צו צענעמען דעם קרעמאַטאָריום 1 [30]. נאָכהער גייט אין די רייהע קרעמאַטאָריום 2 [31]. עס איז אינטערעסאַנט, אַז צום ערשטען ווערט אַרויסגענומען די ענטלופטי־גונגס מאָטאָר און רערען און ווערען אַוועקגעשיקט אין לאַגערן [32] [:] 1 אין מאַטהויזען [33], די צווייטע אין גראָסראָזען [34], אַזוי ווי דאָס נוצט נאָר צום פערגאַזען אין גרעסערן פאָרמאַט, ווייל אין קרעמאַטאָריום 3—4 איז איבערהויפּט אַזאַ מעכאַניזם נישט געוועזען, וואָרפט עס דעם חשד, אַז אין די דאָזיקע לאַגערן שאַפט זיך די זעלבע פערניכטונגס פונקטען פאַר אידן.

איך בעט מען זאָל צונויפנעמען אַלע מיינע פערשידענע אין זיינע צייט בעגראָבענע בעשרייבונגען און נאָטירונגען מיט דעם אונטערשריפט י.א.ר.א. [35]. זיי געפינען זיך אין פערשידענע פּודעלעך און סלאָיען אויף דעם הויף פון קרעמאַטאָריום 2 [36], ווי אויך 2 גרעסערע בעשרייבונגען [:] איינס אונטער דעם נאָמען [„] דער גירוש [”]. עס ליגט אין אַ גרוב ביינער אויף קרעמאַטאָריום 1 [37] ווי אויך איין בעשרייבונג אונטער דעם נאָמען [„] אוישוויץ [”]. עס ליגט צווישען פערפּלאָנטעוועטע ביינער אויף דער מעריב־דרום זייט פון זעלבען הויף. נאָכהער האָב איך עס איבערגעשריבען און ערגענצט און בעגראָבען בעזונדער צווישן די אַש אויף קרעמאַטאָריום 2 [38] און עס מסדר זיין און אָפּדרוקן אַלעס צוזאַמען אונטער דעם נאָמען [:]

„אין גרויל פון רציחה”.

מיר גייען ערשט אין זאָנע 170 געבליבענע מאַן. מיר זענען זיכער, אַז מען פיהרט אונז צום טויט. 30 [39] מאַן האָבען זיי אָפּגעקליבען צו בלייבען אין קרעמאַטאָריום 4 [40].

היינט 26 נאָוועמבער 1944.

2

די 600 אינגלעך

עס איז אַריינגעפיהרט געוואָרען אין מיטען העלען טאָג 600 יודישע יונגלעך אין עלטער פון 12 ביז 18 יאָהר, אָנגעטוהן אין פּאַסעקאָרטיגע לאַגער קליידער, זעהר לייכט און צוריסענע אויף שטיקער. שיך אָדער הילצערנע קלאַמפּעס. די קינדער האָבען אויסגעזעהען אַזוי שיין אַזוי ליכטיג, אַזוי גוט געבויט אַז זיי האָבען אַרויסגעשיינט פון די שמאַטעס. עס איז געוועזען נאָך דעם האַלבען אָקטאָבער 1944. זיי זענען געפיהרט געוואָרען פון 25 שווער בעלאָדענע מיט געוועהר ס.ס. לייט. זיי זענען אַרויף אויף דעם הויף, האָט דער קאָמאַנדאָ פיהרער געגעבן אַ באַפעהל [:] אויסטוהן זיך אויף דעם הויף. די קינדער האָבען דערזעהען דעם רויך פון קוימען און זיי האָבען זיך באַלד אָריענטירט, אַז מען פיהרט זיי צום טויט. זיי האָבען אָנגעהויבען אַרומצולויפען ווילד דערשראָקען איבער דעם הויף הין און צוריק, זיך רייסענדיג פאַר דעם קאָפּ, נישט וויסענדיג ווי אַזוי זאָל מען זיך רעטען. פיעל האָבען אויסגעבראָכען מיט שרעקלעכע געוויינען, עס איז אויסגעבראָכען אַ אומגעהויערער יאָמער. דער קאָמאַנדאָ־פיהרער מיט זיין געהילף האָבען שרעקלעך געשלאָגען די וועהרלאָזע קינדער זיי זאָלען זיך אויסטוהן. דער שטעקען האָט זיך איהם אַזש צעבראָכען שלאָגענדיג, האָט ער געבראַכט אַ צווייטען און ווייטער געהאַקט אין די קעפּ אַריין. דער שטאַרקער האָט געזיגט. די קינדער האָבען זיך אויסגעטוהן מיט אַ אינסטינקטיווע טויט שרעק. נאַקעט און באָרוועס האָבען זיי זיך צוזאַמענגעדריקט איינע אין די אַנדערע זיך צו שיצען פון קלעפּ און זענען דאָך נישט אַראָפּ[41]. אַ דרייסטער אינגעלע איז צוגעגאַנגען [— —] אונז דערנעבען [— —] דעם קאָמ[אַנדאָ] פירער, ער זאָל איהם לאָזען לעבען. וואָס פאַראַ אַרבייט עס וועט נאָר זיין, די שווערסטע קען ער טוהן. דער ענטפער איז געוועזען אַ פּאָר לייג איבער דעם קאָפּ מיט אַ גראָבען שטעקען. פיעל יונגלעך זענען מיט אַ ווילדען טעמפּאָ צוגעלאָפען צו די יודען פון דער זאָנדער קאָמאַנדאָ, אַרויפגעפאַלען אויף זיין האַלז בעטענדיג [:] ראַטעוועט מיך. אַנדערע זענען זיך צולאָפען נאַקעטע אויף דעם גרויסען הויף אַבי צו אַנט־

לויפען פאַר דעם טויט. דער קאָמאַנדאָ פיהרער האָט גערופען צו הילף דעם אונטערשאַרפיהרער מיט זיין [גומענעם] שטעקען.

די יונגע ריינע קינדער שטימען האָבען זיך פון מאָמענט צו מאָמענט פערשטאַרקט אין אַ ביטערען שווערען קלאַג. די הילכיגע געוויינען האָבען זיך פונאַנדער געטראָגען זעהר וויט, מען איז איינגאַנצען בעטויבט און פאַרשלונגען געוואָרן אין דאָזיגען פערצווייפעלטען געוויין. מיט אַ צופריי־דענעם שמייכעל אָן אַ שאָטען פון מיטלייד זענען געשטאַנען די ס.ס. לייט און מיט אַ שטאָלצען זיגפרייד מיט דער הילף פון אַכזריות'דיגע קלעפּ זיי אַריינגעטריבען אין בונקער. אויף די טרעפּ איז געשטאַנען דער אונטער־שאַרפיהרער אין [——] גע[שטאַנען] זענען זיי נישט געלאָפען אויף בע־פעהל צום טויט, [דער]לייגענדיג יעדען אַ מערדערלעכען שמיץ מיט דעם גומענעם שטעקען. איינצעלנע יונגלעך זענען טראָץ אַלעם נאָך געלאָ־פען צומישט אַהין און אַהער זוכענדיג אַ רעטונג. די ס.ס. לייט זענען זיי נאָכגעלאָפען, געטריבען און געשמיסען, ביז זיי האָבען באַהערשט די לאַגע, זיי ענדליך אַריינגעטריבן. זייער פרייד איז געוועזען אומבאַשרייבליך. צו האָבען זיי קיין מאָל קיין קינדער נישט געהאַט ?

3

די 3000 נאַקעטע

עס איז געווען אָנהויב 1944. אַ קאַלטער וואָלקענער שניידיגער ווינד האָט געברויזט, די ערד איז געווען פעסט פאַרפרוירן. עס איז גע־קומען דער ערשטער אויטאָ אויף דעם קרעמאַטאָריום 2 [42] פיעל געפּאַקט מיט נאַקעטע פרויען און מיידלעך. זיי שטייען נישט אין אויטאָ ענג איינע נעבען די אַנדערע, ווי אַלע מאָל ביין, זיי קענען איבערהויפּט נישט שטיין אויף די פיס, זיי זענען פאַרשמאַכט, זיי ליגען מאַכטלאָז איינער אויף די קערפּער פון די אַנדערע, גענצליך ערשעפּטע, זיי קרעכצען און יענטשען. דער אויטאָ שטעלט זיך, [מען] הייבט אויף די דעק [און] וואַרפען אַראָפּ די מענטשען מאַסע אַזוי ווי מען לאָדעט אָפּ אַ מאַסע פון זשוויר [43] אויף דעם שאָסיי. די מענטשען וועלכע ליגען פון פאָרענט פאַלען אַראָפּ אויף די האַר־טע ערד און צעקלאַפּען זיך די קעפּ מיט די קער[פּע]רס אַזוי אַז זיי פאַר־לירען יעדע קראַפט זיך צו בעוועגען. אויף זיי פאַלט אַרויף די רעשט מענ־טשען און זיי ווערען דערשטיקט און דערדריקט פון די שווערע [לאַסט] וועלכע לאַסטעט אויף זיי. עס הערען זיך [———] קרעכצען. די נאָך [———] הייבען זיך אָן אַרויסצוקאָלערן פון דער אָנגעוואָרפענע קופּע. שטעלען [זיך] די פיס [———] הייבען אָן קלעטערן [———]

ערד, זיי ציטערן און וואַרפען זיך שוידערענד פון קעלט. לאַנגזאַם דער־שלעפען זיי זיך צום בונקער, וואָס רופט זיך אויסקליידונגס רוים [44], צו וועלכען עס פיהרען אַראָפּ טרעפּ ווי אין אַ קעלער אַראָפּצוגיין. די רעשט ווערען אַראָפּגעפיהרט פון די קאָמאַנדע [45], וועלכע איז שנעל אַרויפגעלאָפען אויפהייבען די קרבנות פון זייער הילפלאָזע פאַרשמאַכטקייט, און שלעפען פאַרזיכטיג אַרויס די דערדריקטע קוים אָטעמענדע פון די קופּע אַרויס. מען פיהרט זיי שנעל אַריין. פיעל קענען שוין נישט שטעלען די פיס, מען נעמט זיי אויף די הענד און מען טראָגט זיי אַריין. זיי זענען שוין לאַנג אין לאַ־גער, זיי איז שוין בעקאַנט, אַז דאָ אין בונקער איז דער לעצטער עטאַפּ צום טויט. דאָך זענען זיי זעהר דאַנקבאַר, מיט רחמנות בעטענדע בליקען טרייס־לען זיי דעם קאָפּ, אויסדריקענדיג זייער דאַנק, ווייזענדיג מיט די הענד, אַז

זיי איז שווער צו רעדן. זיי זענען זעהר געטרייסט, זיי דערזעהען א טרעהר פון מיטלייד, א נידערגעשלאגנקייט פון [———] אויף דעם געזיכט פון דעם וואס פיהרט זיי אראפ. עס ווארפט זיי פון קעלט עס וועט דאך [———] מען לאזט די אריינגעפיהרטע זיצען און מען פיהרט אריין די רעשט. אונטען איז א [———] קאלטער צימער. עס שוידערט און ווארפט פון קעלט. מען ברענגט אריין א קאקס-אייוועלע, נאר ווייניג פון זיי רוקען זיך צו אזוי נאהענט, אז זיי זאלען פיהלען די ווארעמקייט וואס עס זעצט פון אייווע- לע. די רעשט זיצט יאושדיג פאראומערט, פארזונקען אין טרויער. עס רייסט די קעלט, אבער זיי זענען שוין אזוי רעזיגנירט און פארביטערט אויף דעם לעבען, אז זיי דענקען מיט אבשוי וועגען יעדען קערפערלעכן געגוס. [זיי] זיצען ווייט אין א זייט און שוויגען. אייניקע פיהרען צווישן זיך א [גע- שפרעך] אנדערע ליגען פארשמאכט [———] א יונג מיידעל [———] איז [פון] בענדין[46] געקומען ענדע זומער. איינע איז זי געבליבען פון א גרויסע פאמיליע. זי האט די גאנצע צייט שווער געארבייט, שלעכט זיך ערנעהרט, געפרירט, דאך איז זי געוועזען געזונט און זיך גוט געהאלטען, געהאפט איבערצולעבען. מיט אכט טעג צוריק האט מען א געוויסען טאג נישט ארויסגעלאזט צו דער ארבייט אלע אידישע קינדער. יודען אנטרע- טען! האט מען געהייסען. דאן האט מען אפגעקליבען גאנצע בלאקען יודי- שע מיידלעך אן אויסנאם, קיינעם נישט בעטראכט, צו זעהסט דו אויס גוט, אדער שלעכט, קראנק אדער געזונט, און אוועקגעשטעלט אן א זייט. נאכ- הער האט מען זיי צוגעפיהרט ביז צום בלאק 25[47]. דארט האט מען גע- הייסען אלע זאלען זיך אויסטוהן נאקעט, וועט מען זיי אונטערזוכען, צי זיי זענען געזונד. נאך דעם אויסטוהן זיך האט מען אלעמען אריינגעטריבען נאקעט אין די דריי בלאקען, 1000 מאן אין א בלאק צוזאמענגעדריקט און דאן זיי פארשלאסען אויף דריי מעת לעת נישט אריינברענגענדיג קיין טראפען וואסער און קיין פיצעל ברויט. דריי שרעקלעכע הונגער טעג. אויף די דריטע נאכט האט מען זיי אריינגעגעבען אויף 16 מאן 1 ברויט פון 1.40 קילא. וואלט מען אונדז אין יענעם מאמענט געשאסן, פארגאזט, וואלט שוין אלעס גוט געוועזען. פיעל זענען געוועזען גאנץ פערחלשט, פיעל האלב פערחלשט, אלע זענען געלעגען צוזאמענגעקוועטשט אויף די שלאף נארעס, בעוועגונגסלאז פערשמאכט. דער טויט וואלט דעמאלסט אויף אונז קיין ווירקונג נישט ארויסגערופען, האט מען אונז אויף דעם פערטען טאג ארויס-

געפיהרט פון בלאָק. די פערחלשטע אַריינגעפיהרט אין קראַנקען בוי [48], די רעשט האָט מען געגעבען צוריק נאָרמאַל דאָס לאַגער עסען, און זיי גע־האַלטען אויף אַפּרוה ביז זיי וועלען זיך [——] גענומען [——] צום לעבען.

אויף דעם אַכטען טאָג, ד״ה 5 טאָג שפּעטער האָט מען אונז ווייטער געהיי־סען אויסטוהן נאַקעט, [דאַן] פערשפּאַרט דעם בלאָק, אונזער קליידונג האָט מען באַלד פערוימט, נאָך לאַנגע שעהן נאַקעטען פריהרען אין דרויסען האָט מען אונדז אויפגעלאָדענט אויף אַ אויטאָ און דאָ אַרויסגעוואָרפען אויף די ערד. דאָס איז דער פינצטערער סוף פון אונזער לעצטע פאַלשע אילוזיע. ווי פער־שאָלטען זענען אונז געוועזן אין אונזער מוטערס בויך, ווען אונזער לעבן האָט אויסגעגאַנגען אַזאַ פינצטערען סוף. די לעצטע ווערטער האָט זי שוין נישט פערענדיקט, איהר קול איז פערשטיקט געוואָרען פון פליסענדע [טרעהרען.] [——] [יו]נגע פרוי האָט זיך אַרויסגעריסען. זיי האָבען אָנגעקוקט אונזערע געזיכטען אום צו בעטראַכטען צי האָט מען מיט זיי מיטלייד. איינער איז געשטאַנען אין אַ זייט און בעאָבאַכטעט דעם תהום טיפען עלענד פון די דאָזיקע שוצלאָזע פערפייניקטע נפשות. ער האָט זיך נישט געקאָנט בעהערשען און זיך צוויינט. איין יונגע מיידעל רופט זיך אָן, אַך! וואָס איך האָב נאָך דערלעבט פאַר מיין טויט, אַ אויסדרוק פון מיטגעפיהל, אַ פערגאָסענע טרעהר אויף אונזער שרעקלעכען גורל דאָ אין מערדער לאַגער, ווי מען מאַטערט שלאָגט, פייניקט און דערהרגעט, מען זעהט זיך אָן די רציחות און עוולות אָן אַ גרענעץ, ווי מען ווערט אָפּגע־טעמפּט און פערגליווערט צו די גרעסטע צרות, ווי עס שטאַרבט אָפּ יע־דער מענטשלעכער געפיהל, ווי עס פאַלט אַ ברודער אָדער שוועסטער פאַר דיינע אויגן, און בעגלייטסט איהם נישט צומאָל מיט אַ קרעכץ... זאָל זיך נאָך געפינען אַ מענטש [,] וואָס זאָל זיך איבערנעמען פון אונדזער ביטע־רען אומגליק, זאָל אויסדריקען זיין מיטגעפיהל דורך טרעהרען, אַך? וואָס אַ וואונדערלעכע ערשיינונג? עטוואָס אומנאַטירלעכעס? שוין זשע וועט בעגלייטען מיין טויט אַ קרעכץ [,] אַ טרעהר פון אַ לעבעדיגען איד. עס געפינט זיך נאָך ווער, וואָס וועט אונז בעוויינען, און [איך] האָב געדענקט אַז מיר וועלען פערשוואונדען ווערען פון די וועלט ווי פערוואָרלאָזטע יתומים. איך געפין אין דעם יונגערמאַן אַ קליינע טרייסט. צווישען בלויזע באַנדיטען און אַכזרים האָב איך פאַרן טויט דערזעהען אַ מענטש וואָס

פּיהלט? זי האָט זיך אָפּגעדרייט אין אַ זייט, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט און האָט זיך שטיל אָבער טיף ריהרענד צעוויינט. איהר האַרץ האָט זיך צעוואָרעמט. אָרום זענען געשטאַנען און געזעסען נאָך פיעל מיידלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זעהר פערביסען געשוויגען, זיי האָבען געבליקט מיט אַ טיפען עקעל אויף דער נידערטרעכטיגער וועלט און בעזונדערס אויף אונז. איינע רופט זיך אָן [:] איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג, איך האָב דאָך נאָך גאָרנישט גענאָסען פון לעבען, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ טויט? פאַרוואָס? זי האָט גערעדט זעהר לאַנגזאַם אין אַ צובראָכענעם אָפּגעהאַקטען טאָן. זי האָט שווער אָפּגעקרעכצט און [ווייטער גערעדט]: עס וואָלט זיך נאָך אַזוי געוואָלט לעבען. זי האָט געענדיגט איהרע ווערטער אין אַ פערבענקטע פערחלומטקייט און פעררייסען די אויגען אין פוסטען חלל אַריין, ווי זי האָט מיט אַ ווילד אויפגעבליצטע [——] דורכגעדרונגען די לופט מיט די אימה פאַר דעם טויט. מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל איז געזעסן איהרע אַ חבר׳טע און איהר בעטראַכט. זי האָט געזאָגט ענדליך, ענדליך איז געקומען די גליקליכע שעה, וועגען וועלכע איך האָב אַזוי פיעל געטרוימט. דאָס האַרץ איבערגעפּלייצט מיט וויי און יסורים, פערשלונגען אין אַ וועלט פון רויבעריי און רציחה, ערגסטע געמיינקייט און נידערטרעכטיגסטע פערדאָרבענקייט [,] רשעות אָן אַ גרענעץ, ווערט דאָס לעבען אַזוי ענג, אַזוי שווער, אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז איך האָב אויסגעקוקט דעם טויט ווי אַן אויסלייזער, ווי אַ בעפרייאונג, דער שווער פרעסענ[ד]ער קאָשמאַר וואָס דערדריקט מיך וועט פערשווינדען אויף אייביג.

מיינע געפּייניגטע געדאַנקען וועלען געפינען אַ רוה אַ אייביגע מנוחה, ווי ליעב ווי זיס איז אַזאַ טויט וואָס איז דורך אַזוי פיעל אומרוהיגע נעכט געוואָרען אויסגעבענקט. זי האָט גערעדט מיט התלהבות און פּאַטאָס און זעלבסטווירדע. איך באַדויער נאָר וואָס איך זיין אַזוי... (געמיינט אָפּגעהאַקט) אָבער אום כדי דער טויט זאָל זיין געשמאַקער מוז מען אויך די חרפּה דורכגיין.

עס ליגט אין אַ זייט אַ יונגע מיידעל, אויסגעדאַרט און יענטשעט [49] שטיל Um... ie... ram, um... ie...ram ... (איך שטאַרב) איך שטאַרב איהרע אויגען זענען פערגלאָצט אַלע מאָל ווען [——]

אַ מוטער זיצט צוזאַמען מיט [אַ] טאָכטער, ביידע רעדען [——] [פּויליש..] זי זיצט מאַכט[ל]אָז, רעדט קוים וואָס מען הערט פון שוואַכ־

קייט. די טאָכטערס קאָפּ רייסט זי צו זיך, [האַלט] אים פעסט צו. אין איין שעה קומען מיר ביידע אום, וואָס פאַראַ טראַגעדיע? דו טייערע [——] מיין לעצטע [——] ווערסט אויסגעלאָשען [——] געבליבען זיצען [——] פאַרטראַכט אין [——] מיט [אויסגעלאָשענע אויגען?] ברייט אויפגעריסענע וועלכע האָבען געוואָרפען [——] אַרום זיך [——] נאָך [אַ לאַנ]גע מינוט ווידער געקומען צו זיך און האָט ווייטער געזאָגט[:] [מיין] צער איז אַזוי גרויס צוליעב דיר, אַז איך שטאַרב אָפּ פון בלויזען געדאַנק. זי האָט אַראָפּגעלאָזט איהרע פערשטייפטע הענד און די טאָכ־טערס קאָפּ איז געפאַלען אויף איהר שויס. דאָס יונגע מיידעל האָט אַ ציי־טער געטוהן און אַ פאַרצווייפעלטען געשריי גערופען[:] מאַמאַ! זי האָט שוין מעהר נישט גערעדט. עס איז געוועזען די לעצטע ווערטער.

מען האָט אַרויסגעגעבען אַ באָפעהל איבערצופיהרען אַלעמען אויף [דעם וועג צום] קרעמאַטאָריום [——] איך בין שנעל פערשוואונדען, דעם ווייטערדיגען פאַרלויף האָב איך שוין נישט בעאָבאַכטעט, ווייל איך בין פּרינציפּיעל קיין מאָל נישט אָנוועזענד געוועזען ביי[ם] טרייבען יודען צום טויט, ווייל [ס'האָט] געק[אָנט] טרעפען, אַז די ס.ס. לייט זאָלען אָנצווינ־גענדיג אויסנוצען צו... [זייערע] [מע]רדערישע [צוועקען] אויף דעם קרעמאַטאָריום.

זענען געפאָהרען לאַנגע שעהען אויטאָס, וועלכע האָבען אַראָפּגעשליי־דערט פון זיך די מענטשען מאַסע, איבערקעהרענדיג זיי אויף דער ערד. ווען מען האָט זיי ענדגילטיג אָנגעזאַמעלט האָט מען אַלעמען אַריינגע־טריבען אין פערגאַזונגס בונקער. די הילכיגע פערצווייפלונגס געשרייען און ביטערע געוויינען זענען געוועזען אויסטערליש, אַ שרעקלעכע צוטומ־לונג פון [——] אויסדרוק אין אַ אומגעהייעהר ביטער [——] וויי, פערשידענאַרטיקע פערשטיקטע קולות האָבען זיך דורכגעוויקעלט איינע אין די אַנדערע און זיך אַדורכגעריסען פון אונטער די ערד אַזוי לאַנג ביז עס איז געקומען דער הומאַניטאַרער רויטער קרייץ־אויטאָ [50] און געמאַכט אַ ענדע צו זייער ווייטאָג און צער...[51] דורך אַריינוואַרפען 4 פּושקעס גאַז דורך די אויבערשטע קליינע טירלעך און זיי פעסט הערמעטיש פערמאַכט. עס איז באַלד געוואָרן שטיל רוהיק. אין אַ געהיימניספאָלע שטילקייט האָבען זיי [זייערע] לעבענס אויסגעהויכט.

Frauen-Lager, KL. Au. II
Abteilung III/a
BIa-b/B.II b.g.c/B

Birkenau, den 8.10.44

S t ä r k e m e l d u n g.

Stärke am 7.10.1944		38.792 Hftl.
Zugänge am 7.10.1944:		
Einlieferungen	7	
Überstellung	1	8 "
Abgänge am 7.10.1944		
Gestorben n.t.Todes	7	
S.B.	1229	
Entlassungen	8	
Überstellungen	115o	2.394 "

SA.: 36. 4o6 Hftl.

SS- Obersturmführer.:

א מעלדונג וועגן דעם צאָל־צושטאַנד פונעם פרויען־לאַגער אוישוויץ II (בירקענאַו), פון וועלכע מען האָט געשיקט דעם 7טן אָקטאָבער 1944 צו די גאַז־קאַמערן 1229 אַרעסטאַנטקעס.

× / ס. ב. — ראשי תיבות פון די ווערטער „סאָנדער בעהאַנדלונג", ד. ה. ליקווידירדן דורך פאַרגאַזעווען.

4

ר ש י מ ה

[פון טראַנספּאָרטן מיט אסירים פאַרברענטע אין די קרעמאַטאָריעס פון בירקענאַו צווישן 19טן—24סטן אָקטאָבער 1944]

ל. נ.	דאַטע	צאָל פאַרברענטע	וועלכער טראַנספּאָרט	פון וואַנען אָנגעקומען	אין וועלכער קרעמאַטאָריע [52] פאַרברענט	
.1	9/10	2000	מ[ענער]	לאַגער דייטש.	קר[עמאַטאָריע]	1
.2	9/10	2000	פאַמ[יליען]	טערעזין	″	1
.3	9/10	2000	פרוי[ען]	„צע לאַגער [53]	″	4
.4	10/10	800	קינדער	ציגיינער	″	4
.5	11/10	2000	פאַמ[יליען]	סלאָוואַק[יע] [54]	″	2
.6	12/10	3000	פרוי[ען]	לאַגער „צע″ [55]	″	1
.7	13/10	3000	פרוי[ען]	לאַגער „צע″	″	2
.8	13/10	2000	פאַמ[יליען]	טערעזין	″	1
.9	14/10	3000	פאַמ[יליען]	טערעזין	″	2
.10	15/10	3000	פרוי[ען]	לאַגער „צע″	″	1
.11	16/10	800	מ[ענער]	לאַגער דייטשישער [56]	″	2
.12	16/10	600	מ[ענער]	קראַנקן לאַגער	″	2
.13	17/10	2000	מ[ענער]	בונא [57]	″	1
.14	18/10	3000	פאַמ[יליען]	סלאָוואַקיע	″	1
.15	18/10	2000	פאַמ[יליען]	טערעזין	″	2
.16	18/10	300	פאַמ[יליען]	פאַרשידענ[ע] [58]	″	2
.17	18/10	22	מ[ענער] פּ[אָליטישע]	בונקער [59]	″	2
.18	18/10	13	פ[רויען] פּ[אָליטישע]	תפיס[ה]	″	2
.19	19/10	2000	פאַמ[יליען]	סלאָוואַק[יע]	″	1
.20	19/10	2000	פאַמ[יליען]	טערעזין	″	2
.21	20/10	2500	פאַמ[יליען]	טערעזין	″	1
.22	20/10	1000	מ[ענער] קינדער מער[הייט] אין עלטער 18—12 יאָר	דאָרף (די)[הערנפּירט] [60]	″	2
.23	20/10	200	פרוי[ען]	לאַגער „צע″ [61]	″	2
.24	24/10	1000	פאַמ[יליען]	טערעזין	″	1
.25	21/10	1000	פרוי[ען]	לאַגער „צע″	″	4
.26	23/10	400	מ[ענער]	גליוויץ [62]	″	2
.27	24/10	2000	פאַמ[יליען]	טערעזין [63]	″	1
	7/10	460	מ[ענער] פון	[זאָנדער] [קאָמאַנדאָ] דערשאָסן.		



רשימה פון טראַנספּאָרטן
מיט אַסירים פּאַרברענטע
אין די קרעמאַטאָריעס
פון בירקענאַו צווישן 9טן
און 24סטן אָקט. 1944.

הערות

צו די דאָקומענטן פון לייב לאַנגפוס

1) די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון די געטאָס אין בענדין און סאָסנאָוויץ איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 1 — 3 אויגוסט 1943. בערך 20 טויזנט יידן (מענער, פרויען און קינדער) זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ. אין דער אַקציע האָבן זיך באַטייליקט ס.ס.־מענער פון אוישוויצער לאַגער. אין ראַפּאָרט פון אוישוויצער לאַגער קאָמענדאַנט נ. 31/43 פון 6טן אויגוסט 1943 לייענען מיר: „די ס.ס.־מענער, וועלכע האָבן גענומען אָנטייל אין דער ליקווידאַציע פון די געטאָס אין סאָסנאָוויץ און בענדין האָבן רעכט צו באַקומען אַ פרײַען טאָג". בעת דער ליקווידאַציע האָבן די יידן געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. זע: Natan Szternfinkiel: Zagłada Żydów Sosnowca, Centralna Żydowska Komisja Historyczna w Polsce, Katowice 1946, s. 59.

„קאַלענדאַר" אוישוויצער העפטן נ. 4., ז. 122—125.

2) געמיינט דאָ און ווײַטער גאַז־קאַמער.

3) דער גירוש פון די אונגאַרישע יידן קיין אוישוויץ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15טן מײַ 1944. („אַקציאָן העס").

4) זומער 1944, ווען עס האָבן נאָך געדויערט די טראַנספּאָרטן פון אונגאַרן.

5) ד. ה. קרעמאַטאָריע 2. זע זײַט 238.

6) זע: הערה נ. 30 אין קאַפּיטל נ. 1.

7) אין אָקטאָבער־נאָוועמבער 1943 זענען פאָרגעקומען אַרעסטן אין די רייען פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין קראָקע, קאַטאָוויץ און אין דער אומגעגנט פון אוישוויץ. אַ גרופּע פּוילישע קעמפּפעריגס האָט מען געבראַכט קיין בירקענאַו.

8) דעם 17טן נאָוועמבער 1943 זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ 2 טראַנספּאָרטן מיט יידן פון האָלאַנד. דער ערשטער — 1150 נפשות פון לאַגער אין הערטאָגענבאָש (האָלאַנד) און דער צווייטער — 995 פּערזאָן פון לאַגער וועסטערבאָרק. אין משך פון 1943 יאָר זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ 16 טראַנספּאָרטן מיט יידן פון האָלאַנד. זע: „קאַלענדאַר" „אוישוויצער העפטן" נ. 4, 1960.

9) אין אויטאָ פון רויטן קרייץ האָט מען צוגעפירט דעם גאַז „ציקלאָן ב" צו די גאַז־קאַמערן.

10) 66 טויזנט יידן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון סלאָוואַקיי קיין אוישוויץ אין די יאָרן 1942 — 1944.
זע: אָטאָ קראַוס — אריך קולקאַ: בית חרושת למות אושוויץ, יד ושם, ירושלים, 1960, ז. 169.

11) דאָס געטאָ אין טאַרנע (טאַרנאָוו) איז ליקווידירט געוואָרן אין די טעג פון 1טן און 2טן סעפּטעמבער 1943 (די לעצטע אויסזידלונגס־אַקציע) און די יידן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ. בעת דער ליקווידאַציע האָבן די געטאָ־אסירים געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

זע: ד״ר אברהם כאמער: „דער אומקום גון יידן אין טאָרנע, אין בוך: „טאָרנע, קיום און חורבן פון אַ יידישער שטאָט״, תל־אביב 1954, ז. 859־858.

12) אַן אינטערניר־לאַגער פון יידן, וואָס האָבן געהאַט פּאַספּאָרטן פון נייטראַלע לענדער (דרום אַמעריקע א. א.). פון מײַ 1943 ביז אַפּריל 1944 האָט זיך דאָרט געפונען דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן. אין אַפּריל 1944 איז אַ גרופּע יידישע אסירים פון וויטעל דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ.

13) קאָשוי — דער דײַטשישער נאָמען פון דער מיזרח־סלאָוואַקישער שטאָט קאָשיצע (אויף אונגאַריש קאָסאָ).

14) סטראָפּקווו איז אַ שטעטל אין מיזרח־סלאָוואַקיע. 1081 יידן זענען פון דאָרט דעפּאָרטירט געוואָרן מערסטנטייל קיין אוישוויץ. די סטראָפּקווער רביצין שטאַמט וואַרשײַנלעך פון דער באַקאַנטער רבנישער און רביישער דינאַסטיע האַלבערשטאַם. (זע דאָס ווערק פון הרב אליהו כ״ץ פון בראַטיסלאַוואַ „ארזי לבנון״).

לויט דער אינפאָרמאַציע פון הרב נתן אורטנער פון לוד, איז קיין סטראָפּקווער רביצין אין עלטער פון 85 יאָר נישט געווען אין 1944. די צווייטע פרוי פון סטראָפּקווער רב, איז אין 1944 אַלט געווען 40 יאָר.

15) נישט באַקאַנט אין דער חורבן־כראָניק קיין פּרווו פון דער אונגאַרישער רע־גירונג ביז אַעד דײַטשער אָקופּאַציע, ד״ה פאַר דעם 19טן אַפּריל 1944, צו ראַטעווען יידן. אַ טייל יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן דורך טערקײַ קיין ישראל און רומעניע.

16) דאָ ווערט געמיינט, ווײַזט אויס, די גרופּע יידישע שתדלנים מיט ד״ר רודאָלף (רעשע) קאַסטנער בראש.

17) די קינדער־אַקציע אין שאַולער געטאָ איז פאָרגעקומען דעם 5טן נאָוועמבער 1943. (זען: אליעזר ירושלמי, „פנקס שבלי, יומן ליטאי 1941—1944״, ירוש־לים תשי״ח, עמ׳ 302—303.

18) קאָמענדאַנט פון די קרעמאַטאָריעס אין בירקענאַו. פאַר זײַנע רציחות באַ־לוינט געוואָרן דורך היטלערן (אין אַפּריל 1942) מיט אַ קריגספאַרדינסט־קרייץ פון צווייטן קלאַס. אין 1944 איבערגעפירט געוואָרן קיין ראַווענסבריק. אויטאָר פון א״ג „פלאַן מאלל״: ווי אַזוי צו פאַרווישן די שפורן פון די דײַטשע פאַרברעכנס דורך פאַרניכטן אַלע מאָרד־אײַנריכטונגען און אויפן שטח פון דער „טויט פאַבריק״ פאַרפלאַנצן בלומען. זע הערה ב׳ 26 אין קאַפּיטל 1.

19) די ערשטע מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון די פּשעמישלער יידן איז פאָרגעקומען דעם 27סטן יולי — 3טן אויגוסט 1942. פון די איבער 12.500 דעפּאָרטירטע איז אַ טייל געבראַכט געוואָרן קיין אוישוויץ. (זען: „ספר פשמישל״, תל־אביב, 1964, עמ׳ 511־515).

20) געשריבן אין בירקענאַו אין די יאָרן 1943—1944.

21) פּויליש: בעלזשעץ (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט). 1940—1941 — אַרבעטס־לאַגער. פון מערץ 1942 ביז מערץ 1943 פאַרניכטונגס־לאַגער. דערמאָרדעט געוואָרן קרוב 800,000 אסירים, מערסטנס יידן פון פּוילן און אַנדערע אייראָ־פּעישע לענדער.

22) אזוי האָט מען געמיינט אין יענער צײַט. הײַנט ווייסן מיר שוין גענוי, אַז מען האָט זיי געטייט אין גאַז־קאַמערן.

23) פויליש: טראַווניקי (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) — אַן ארבעטס־לאַגער פון סוף יוני 1941 אונטער דער לייטונג פון ס.ס. אין 1942 זענען שוין דאָרט געווען 10 טויזנט יידן פון פוילן, האָלאַנד, רוסלאַנד, דײַטשלאַנד, טשעכאָ־סלאָוואַקיע און עסטרײַך. אָנהייב נאָוועמבער 1943 זענען אַלע דאָרט צעשאָסן געוואָרן („אַקציאָן ערנטעפעסט").

24) קאָנצענטראַציע און פאַרניכטונג־לאַגער, האָט פונקציאָנירט פון האַרבסט 1941 ביז יולי 1944. בערך 360 טויזנט נפשות זענען דאָרט דערמאָרדעט גע־וואָרן, צווישן זיי 130 טויזנט יידן פון פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, דײַטשלאַנד, עסטרײַך און פון אַנדערע לענדער.

25) פויליש: נאָוועמבער־דעצעמבער.

26) מײַדאַנעק איז אַנטשטאַנען אין 1941 ווי אַ לאַגער פאַר סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און האָט זיך גערופן דאַן: „קריגסגעפאַנגענען לאַגער".

27) המשך פונעם טאָגבוך.

28) ד. ה. קרעמאַטאָריע 2.

29) פאַרפוילישט דאָס וואָרט: טאַקסי — אויטאָ.

30) ד.ה. קרעמאַטאָריע 2.

31) ד.ה. קרעמאַטאָריע 3.

32) אין די ראַמען פון דער אַקציע צו פאַרווישן די שפורן פון די פאַרברעכנס, האָט די ס.ס.־אַדמיניסטראַציע פון אוישוויץ אויפן באַפעל פון הימלערן אין אָקטאָבער 1944 צעגומען די רעשטלעך פון דער צעשטערטער דורך די אויפ־שטענדלער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ קרעמאַטאָריע 4; אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1944 — די קרעמאַטאָריעס 2 און 3. אַלע גריבער, ווו מ'האָט גע־ברענט די דערמאָרדעטע און די, ווו מ'האָט פאַרגראָבן דאָס מענטשן־אַש, זענען געוואָרן גערייניקט, פאַרשאָטן, און פאַרזייט מיט געוויקסן. די אַרבעט האָבן געטאָן אַ טייל אַסירים פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ", די א"ג „אַבברוכ־קאָמאַנדאָ" (אין דעצעמבער 1944 באַשטאַנען פון 70 מאַן). אין די טעג פון 1טן און 5טן דעצעמבער 1944 זענען צו דעם צוועק באַשטימט געוואָרן צוויי נײַע פרויען־קאָמאַנדאָס פון 150 העפטלינגען. זען: „קאַלענדאַר", אוישווי־צער העפטן ב' 7/1963, ז' 107.

33) מאַטהאַוזען (עסטרײַך, בײַ לינץ) אַ נאַצי קאָנצענטראַציע־לאַגער פון 1938 ביז מײַ 1945.

34) גראָסראָזען, הײַנט ראָגאָזשניצאַ (פוילן) אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פון 1940 ביז פעברואַר 1945. די אַלגעמיינע צאָל אַסירים בערך 125 טויזנט; אומגע־בראַכט קרוב 40 טויזנט.

35) זע: זײַט 278.

36) ד.ה. קרעמאַטאָריע 3.

37) ד.ה. קרעמאַטאָריע 2.

38) ד.ה. קרעמאַטאָריע 3.

39) די 30 אסירים פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" אָפּגעקליבענע צו באַדינען די קרעמאַטאָריע 5 איז געלונגען אַרויסצוגיין פון לאַגער דעם 18טן יאַנואַר 1945 מיט דעם ערשטן טראַנספּאָרט אסירים, וואָס די דײַטשן האָבן עוואַקויִרט פון בירקענאַו. (זען: „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן, 1963, נ' 7, ז' 106, 116 און ג"ע פון פיליפּ מיללער אין בוך:

Hermann Langbein, Der Auschwitz Prozess, Eine Dokumentation. Wien 1965, s. 132.

40) ד"ה קרעמאַטאָריע 5.

41) נישט אַראָפּ אין בונקער, ד.ה. אין גאַז־קאַמער.

42) ד.ה. קרעמאַטאָריע 3.

43) פּויליש: זאַמדשטיינדלעך.

44) די קרעמאַטאָריעס 2 און 3 האָבן געהאַט אונטערערדישע אײַנריכטונגען, ווו די קרבנות האָבן זיך אויסגעטאָן („אויסקליידונגס־רוים") פאַרן אַרײַנגיין אין די גאַז־קאַמערן. אין דער אָפּיציעלער דײַטשער לאַגער־קאָרעספּאָנדענץ ווערט די „אויסקליידונגס־רוים" אָנגערופן „לייכנקעלער 2" און די גאַז־קאַמער „לייכנקעלער 1".

45) געמיינט: די זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

46) דאָס הייסט: זי איז געווען אַ קרבן פון דעם גירוש פון בענדין אין אויגוסט 1943.

47) א"ג „טויטבלאָק" אין פרויען־לאַגער בירקענאַו אויפן אָפּשניט BIA. פון דאָרט האָט מען די העפטלינגען, נאָך אַ סעלעקציע, אָפּגעשיקט אין די גאַז־קאַמערן.

48) לאַגער שפּיטאָל, א.ג. רעוויר.

49) פּויליש: קרעכצט.

50) זע הערה 9.

51) אין די קרעמאַטאָריעס 2 און 3 איז דער גאַז „ציקלאָן ב" אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן דורך טירלעך אין סופיט. די גאַז־קאַמערן אין די קרעמאַטאָריעס 4 און 5 האָבן פאַר דעם צוועק געהאַט פענצטערלעך אין די זײַטיקע ווענט.

52) וועגן די נומערן פון די קרעמאַטאָריעס זע: זײַט 238.

53) לאַגער BIIC, גערופן פאַרקירצט לאַגער „צע". דער לאַגער האָט געציילט 32 בלאָקן. דאָרט — יידישע פרויען פון כּמעט אַלע אָקופּירטע דורך די דײַטשן לענדער, נישט דורכגעגאַנגען דורך דער עווידענץ פון לאַגער, נישט געווען טאַטויִרט, און נישט געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט. אַ געוויסע טייל פון זיי זענען געוואָרן איבערגעשיקט אין אַנדערע לאַגערן. אין דעם לאַגער זענען עטלעכע מאָל אין טאָג פאָרגעקומען סעלעקציעס צו די גאַז־קאַמערן.

54) צו דעם טראַנספּאָרט זענען צוגעקומען 123 פרויען פון קאָמאַנדאָ אַלטענבערג, געבראַכטע פון בוכנוואַלד און 132 פרויען פון אונגאַרן פון נעבן־לאַגער האַסאַג לייפּציג (Hasag, Leipzig). דיביידע טראַנספּאָרטן פיגורירן נישט אין צאָל־באַשטאַנד פון לאַגער. זען: קאַלענדאַר „אוישוויצער העפטן" 1963 נ' 7 ז' 94.

55) אין דעם 131 ייִדישע פרויען פון דורכגאַנגס־לאַגער און 2836 פון לאַגער BIIC. זען : „קאַלענדאַר״ ווי אויבן.

56) 805 דײַטשישע ייִדן, וועלכע מען האָט דעם זעלביקן טאָג געבראַכט פון בער־לין. פון זיי האָט מען אָפּגעשיקט אין לאַגער נאָר 5 אסירים. זען : „קאַלענ־דאַר״ אוישוויצער העפטן 1963 ב׳ 7 ז׳ 96.

57) אין טעקסט איז אָנגעגעבן געוואָרן מיט אַ טעות (Bunau). בונא — כעדישע פאַבריק־אַנשטאַלטן פון דער דײַטשישער פירמע י. ג. פאַרבען־אינדוסטריע אין מאָנאָוויץ, עטלעכע ק״מ מיזרח פון אוישוויץ. האָבן פאַבריצירט סינטע־טישן בענזין און קינסטלעכע גומע א.ג. „בונע״. דעם לאַגער האָט מען גערופן בונאַ אָדער מאָנאָוויץ און אויך בונאַ־מאָנאָוויץ. דאָס איז געווען דער גרעס־טער בײַ־לאַגער אין א. ג. סיסטעם אוישוויץ 3. אין אויגוסט 1944 האָט דאָרט די צאָל אסירים באַטראָפן אַרום 10.000 אין דעם 95% ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע. די ס.ס.־אַדמיניסטראַציע פון לאַגער האָט סיסטעמאַטיש אַדורכגעפירט סעלעקציעס בעת וועלכע די נישט־פעיִקע צו אינטענסיווער אַר־בעט זענען געשיקט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן.

58) אין דעם דערמאָנטן טאָג זענען פון בודאַפּעשט אָנגעקומען אין לאַגער 431 ייִדן ; פון זיי 18 מענער און 113 פרויען זענען פאַרבליבן אין לאַגער. „קאַ־לענדאַר״ אוישוויצער העפטן״ 1963 ב׳ 7, ז׳ 97.

59) דאָס זענען געווען פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פון דער לאַגער־תּפיסה, א״ג „בונ־קער״, אין בלאָק נ׳ 11 אין אוישוויץ.

60) קירצונג פון Dyherrnfurth נעבן לאַגער, וואָס האָט געהערט צום קאָנצענ־טראַציע־לאַגער גראָסראָזען.

61) לויט דעם „קאַלענדאַר״ אוישוויצער העפטן, ב׳ 1963/7, ז׳ 97 פון לאַגער־שפּיטאָל 117 און 77 פון דורכגאַנגס־לאַגער (Durchgangslager).

62) אין גלייוויץ (שלעזיע) האָט זיך געפונען איינער פון די 39 אוישוויצער נעבן־לאגערן.

63) לויט דעם „קאַלענדאַר״ (דצ״ו) איז דעם 1944.10.24 אָנגעקומען פון געטאָ טערעזין אַ טראַנספּאָרט מיט 1715 ייִדן. נאָך דער סעלעקציע זענען 215 פרויען און עטלעכע הונדערט מענער אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאַגער און די איבע־ריקע אין גאַזקאַמער.
זע : זז׳ 276—277.

זלמן לעווענטאַל

1

פאַרצייכענונגען

[1]

[——] [אין ?] אייניקע יאָהר דורכמאַכן פאַרשידענע גלגולים אין ליידן [——] אין רדיפות, וואָס די יודישע באַפעלקערונג האָט דורכ[געמאַכט] מיט דעם אָנפאַנג קריג 1939 זייט דער דייטש האָט [——] באַזעצט, האָט מען געמאָלדן, אַז אויך אינזער שטעטל [——] ווערן אויפן סיסטעם פון אַלע אַנדערע [שטעט ?] ספּעציעלע יודישע קוואַרטאַלן פאַר יודן [——] קוואַרטאַלן אָבגעצוימט מיט דראָטן אין געבילדעט [——] אין געטאָ די מאַטעריעלע בעדינגונגען האָבן זיך פערערגערט. דאָס קליינע ביסעלע פּרנסה [——] איז בעשטאַנען פון שמוגלען פין די פאַלאַקן פין דאָרף. אַלע אַנדערע אַרבעטס פּלאַצוווקעס איז מיט [אַמאָל] איבערגעריסן געוואָרן אין גענצליך אָבגעהאַקט געוואָרן [——] פערצוימען אין געטאָ אין פער־באָטען די יודן צו באַוועגען זיך. [——] שלעכטע מאַטעריעלע בעדינגונ־גען [——] דער ענגער ציזאַמען געקוועטשטער וואָן סיסטעם [——] די יודן [——] זיך אין די געטאָס געפינען אַזוי ווייט פּשוט [——] אייגן מעבל אויף האַלץ [——] [בעדאַרפען] [——] [1]

[2]

[——] געשענדעט [דראָענדיק זיי] מיט מעסערס [——] נאַקעטע מייד־לעך [——] אויף אַ שוידערלעכן אופן [——] מיט שטעקנס זיי אין הינטן געשטיפּט ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען אין שווערע אומגעהייערע ליידן, אין יסורים [——] די עלטערע מענשען פּלעגן [——] די סאַדיסטן אַרויס־נעמען [——] צווינגען זיי צי פערגוואַלדן [——] קינדער [——] [2] די פרויען פין זייערע פאַמיליעס [——]

[3]

[——] [געטיילן ?] מיטאָגן [3] [——] [אין ציליב] נאָך פערשידענע אַנ־דערע סאָציאַלע [——] אָבגעריקט דער טערמין. דער 11/1 1942 [——] פּראָקלאַמירט געוואָרן ווישעדלעניע [4] [——] וואָס האָט אַרומגענימען די [שטעט] פּלאָנסק, נאָווידוואָר, [ניישטאָט] [5]



זלמן לעווענטאַל



אַ ווידמונג אויף דער צווייטער זײַט פון בילד פון זלמן לעווענטאַל
צו זײַן ברודער.

דער אויסגעגראָבענער סלאָי אין 1962 אויפן שטח פון דער קרעמאַטאָריע III אין בירקענאַו
און די דאָרט געפונענע מאַנוסקריפטן פון זלמן לעווענטאַל און לייב לאַנגפוס.

[4]

[——] דאָס בילד האָט אויסגעזעהען [——] איידער ס׳איז נאָך ליכטיק געוואָרן האָט זיך [די יודישע] באַפעלקערונג געפינען אופן [זאַמל פונקט]. [אין די פערלאָזטע וווינונגען האָט מען געמיזט לאָזן] אָפן די טירען. אַלץ האָט מיטגעוויינט [אויפן ביטערן] גורל. ווען עס איז ליכטיק געוואָרן [——] פערזאַמלט דאָס גאַנצע [——] זענען פאַרביי געפאָרן די [וואָגן] [6] [——] פשוט נישט צו רירען זיך [——]

[5]

[——] פון די [וואַגנס] [——] [קלעפּ] ביז טויט. קלעפּ [——] צע־בראָכן הענד אין פיס [——] אריינגעפירט געוואָרן [——] גאַנצע פאַמיליעס [——] געוועזן דאָס בילד [——] קינדער וועלכע זיי האָבן נישט געפינען [——] ביז אויף מאָרגען [——] האָט מען דערווייל געפירט טראַנספּאָרטן [7] [——]

[6]

[——] וואָס אַלע האָבן [בעשלאָסן] נישט צי [רירן] זיך פינעם [אָרט] פערפאַלן וואָס ס׳וועט זיין מיט די [אַלע] [——] דאָס זעלבע זאָל גישען [מיט יעדן פין אינץ] [——] פעסטגעשטעלט [ציזאַמען] מיט זיין פ[אַמי־ליע] [——] מיר זענען געוואָרן [——] אין [געוועזן] [——] שוין מיט דעם פילען בעוווסטזיין, אַז מיר גייען [צום טויט] [——] ווען ס׳איז געקימען דער טאָג פין אַרויספאָרן [——] דעם 17/11 [8] [——] פּליצעם [——] קינדער וואָס האָבן נאָך נישט געקאָנט אַליין אויף די פיסעלעך גיין, האָט דאָס [——]

[7]

[——] פערשלאָסן [——] טראַנספּאָרטירן [——] געזאַמלט שפּעט ביינאַכט מיט דער הילף פין יודישע פּאָליציאַנטן [——] עס קימט זיכער אַ גרויסן דאַנק [9] פאַר זייער [מיטארבעטן] [——] אַזוי געטריי מיטן בעל הבית זייערן [10] [——] לעבן זיי שוין אַלע נישט, ווען נישט וואָלט איך אַליין אַריינגעפירט [——] וואָס פין מענשען [——] אָבגעפירט צי דער [——] אַריינגעטריבן [——] עטלעכע הינדערט אין אַ וואַגאָן, אַראָפּגעריסן [——] גהינום [——]

[8]

[——] אָבער [——] 5 אַזייגער, נאָך אייניקע שטונדען שטיין, האָבן

זיך [געגימעז די] ס.ס. איז פּאָליצײ צים אויספירעז [——] גרויסן ציי־
נישן געלעכטער מיט [——] האָט מעז געוואָרפעז מענשעז [——]

[9]

[——] וואָס האָבן נישט [——] סתם קראַנקע זענען [געווען] [——]
איז כסדר נאָך [——] אין די אויגען פין [——] אין קלאָזעטן גע־
וואָר[פן] געוואָרן [——] מענשען [——] [אָנ]געזוען [דער אַרויספּאָר]
[——] האָט זיך [——] יעצט געווען [——] זענען געשיקט געוואָרן
[צוריק] [——] אושוויץ אינץ די [——] אַנדערע [——]

[10]

[——] [פּאָלאַקן] וואָס האָבן זיך דאָרט געפינען [——] געבעטן געלט
[——] פאַרשטענדליך, מיר האָבן נישט געזשאַלעוועט, אַלץ האָבן מיר
אַוועקגעגעבן אום כדי אַ ביסל וואַסער צים קויפן, אָבער ליידער די פּאָ־
לאָקן האָבן [——] נישט אַרויסגעלאָזן [——] מיט איין וואָרט זיי האָבן
ביי אינץ אַלץ געקריגן [——] [שטאַרבט ?] אַ מוטער מיט 5 קינדער אין
לעבן [געבליבן] פין [דער] גאַנצער פאַמיליע נאָר דער פאָטער וואָס האָט
געוויינט, אָבער אָהן טרערן.

[11]

אמת [——] געהערט אַז מפאָרט [——] [אויף דעם אופן זענען אויך]
[וואַרשעווער ?] [יודן] [——] פין אונזער געגענד געשיקט צי בעקאַנ־
טע [——] [לאַגערן] פאָרן טייוול, פאָרן מלאך המות אַליין [——] גע־
פינט זיך [אין טראַנספּאָרט] [——] אומשולדיגע [מענשען] [——] מיר
פּאַקטיש [——] נישט געוויסט פין אוישוויץ [——] [מענשען] געווען שוין
מאָנאַטן. דאָס האָט אינץ [——] פאַרנאַרט ביז דער לעצטער מיניט [——]
פאַרענדיג [——] זיך געשראָקן פאַר [——] אַריינגעפירט קיין [——]
אינמיטן דער [נאַכט ?] פערפאָרן [——]סטאַציע [——] די באַן האָט
זיך געשטעלט

[12]

[——] עס שטייען [——] העפטלינגען [——] ס.ס.־מענער, וועלכע
העלפן זער העפליך די [שוואַכע ?] פרויען אין קינדער אַרויפגיין אויפן
סאַמאָכאָד [——] ווילסט עפּעס [——] אימזיסט [——] גאָרנישט צי
דערקענען [——] די אומשולדיקע יודישע קרבנות [——] מיט די זעלבע
[סאַמאָכאָדן] או[פלו]דענען די מענשען [——]

[13]

[——] נאַכט געפירט [——] דער זעלבער וואַגען, דער זעלבער שאָ־ פער, די זעלבע ס.ס.־מענער, אַבגייענדיג אייניקע קילאָמעטער, קימענדיק [——] צים גהינום התחתון גלייך זענען די פנימער זייערע געביטן געוואָרן [——] אין די מיט איין מאָמענט פריער [אָט די] העפלעכע מענשען [——] וואַרפען זיך שוין געניג [——] זיך געוואָרפען אויף די אומשולדיקע [——] אין געשלאָגן, געהאַקט מכות רצח מיט די שטעקנס ביז [——] אַריינגעיאָגט די אַלע מענשען אין אַ הילצערנעם בלאָק אין צוריק געפאָרן צי דער ראַמפּע. אין ווידער זענען אָט די [——] העפליך צוריק פיין געוואָרן, צוריק דעם זעלבן[11] [——] [——]

[14]

דערשאָסן געוואָרן [——] נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס [——] מאיז געפירט געוואָרן [——] אַריינגעפירט אינצ אין [——] בלאָק [——] אויפצימאָרגען [——]

[15]

[——] האָט דאָס זיך [——] [ווען אַ] טראַנספּאָרט [——] [אָנגעקי־ מען ?] [——] [מיר ?] [——] זאַמלען די געשטאָרבענע אין [וועג] אין [——] צינויפזאַמלען אַלע פּעק [——] אין וואַליזן וואָס יודן האָבן מיט [זיך געהאַט] [——] אַלע פּעק אין דערנאָך [——] דער טראַנספּאָרט איז געוואָרן אַוועקגעפירט [——] אויפגעפּאַקט [——] פּעק מיט אָנטיען [——] דערנאָך [——] אַוועקגעפירט קיין דייטשלאַנד. ווען מיר זענען אָנגעקימען [——] האָבן מיר אויך די לעצט אָנגעטראָפן אויף די יודן קאָמאַנדאָ [——] קאָמאַנדע, אין לאַגער האָט מען עס גערופן קאַנאַדע[12] [——] איינגעזועהען האָבן זיי אַלע [——] געהאַט האָבן [——]

[16]

[——] געטראָפן אויף דער [ראַמפּע] צים אָברייניגען [——] קענען אויפקלייבן די איבערגע[לאָזענע ?] [——] אָבגעשיקטע שפּעטער נאָך דייטשלאַנד איבערן [——] קאָמאַנדע [——] אַ ריין יודישע [——] זיי געפרעגט וואָס קימט דאָ פאָר [——] דערשאָסן ווערן [——] אינצ שוין [——] די ס.ס.[——]

[17]

[——] מיט אינזערע [——] דעם יאָהר האָט יעצט אָנגעהויבן [——] וואָס מ'האָט ביז יעצט געהערט [——] האָבן מיר מענשען, וואָס זענען שוין [——] [אין לאַגער] [——] אינזער געמיט [——] אויף אינזערע פראַגען — נאָך אַמאָל מיט [——] אינזערע פרויען אין קינדער [——] האָבן זיי געענטפערט, אַז [דאָס] האָט מען זיי געהייסן זאָגן אין אַזוי האָבן זיי טאַקע געזאָגט. דאָס אַלץ האָט אינץ אַריינגעפירט אין [——] אַ טעות [——] פינדעסטן האָבן מיר דערזען אַ מין פאַרמאַכט סאַמאָכאָדל, אַ קעטשל פין גיכע הילף מיט גרויסע צייכנס פין רויטן קרייץ אויף אַלע זייטן. משמעות, אַז [——] פין גיכע הילף [13] [——]

[18]

[——] אָט די גזלנים [די שוידערלעכע אַרבייט. אַוועקגעפירט די מענשען מיט די סאַמאָכאָדן אין וועלדל [14], דאָ אַלע אַראָפגעשיט ווי די קאַרטאָפלעס פין אַ וואָגן [——] פאַרמאַכטע סאַמאָכאָדן [——] ווער וועט דאָס וועלן גלויבן, ווער וועט זיך קענען פאָרשטעלן [——] די באַנדיטן [——]

[——] מעדיצינישע הילף פאַר קראַנקע מענשען [——] באַנדיטן [בלויז] פאַר געזינטע אינגאַנצן. פאַר נאָרמאַלע [קרענקינגען] פאַר נאָרמאַלע יינגע [——] טויט סם [——] צים גאַז [די ס.ס.־מענער] פירען [——] צים פאַרגאַזן

[19]

[——] געיאָגט געוואָרן דורך [——] פין שלעכטע בייסיגע הינד [——] אַ 150 מעטער אָבגעריקט איז [——] אַן אומשולדיגן דאָרפיש כאַטקעלע מיט [——] פאַרשפּאַרט די פענצטער מיט דיקע [——] אַלע געהייסן אויסטיען [נאַק]עט אין [באַלד] אָנגעהויבן יאָגן [——] זענען [——] געלאָפן [——] נאַקעט [——] אין דאָרפישן שטיבל פיל אָנגעפּאַקט, מיט דער הילף פין שטעקנס אין הינד [——] דורך די קליינע פענצטערלעך האָט אַן ס.ס.־מאַן אַריינגע[וואָרפן] [סם־גאַז] [15] אין שנעל פאַרמאַכט דאָס פענצטערל נאָך אייניגע [מינוטן] ווערן אַלע דערשטיקט

[20]

[——] געוואַלד [——] אין לאַגער [——] די געוואַלדען געהערט נאָך [——] אָנגעהויבן צי ביסליך שטילער [צו ווערן] די מענשען זענען [——]

אומגעקימען. אַ העלפט וואָס האָבן נישט געקענט אַריין אין די בונקערס זע־נען געבליבן זיצן נאַקעט אין דעם הילצערנעם באַראַק. אַ שטרענגע [ווינטער קעלט ?] [——] צוגעהערט זיך צו די געוואַלדן און געשרייען פון אַט די יעניקע וואָס זענען [——] אין געשרייען מיטן שמע ישראל אויף די ליפּן און ווי זיי זענען איינגעשטילט געוואָרן און אומגעקימען און זיי זענען געזעסן אין געוואָרט אויף אַ טראַגישן טויט כסדר אין קרעכצן, און געשרייען, ביז אין דער פריה איז געקימען די באַקאַנטע זאָנדער קאָמאַנדאָ און אויסגע־ליידיקט די בונקערס [——] אַוועקגעפירט זיי[16] אַ 800 מעטער אין אַרויס־געשמיסן זיי אויף אַ בראַנד שטעלע, ווי ס׳האָבן שוין געברענט מענשען פון נעכטן, פון פאַרנעכטן נאָך דעם ווי זיי האָבן

[21]

[——] די זאָנדער קאָמאַנדאָ אַריינגעיאָגט [——] אין [נישט מעגליך געווען] זיך אויסדרייען אינטער די דראָהונג פון דערשאָסן ווערן פאַר בלויז אימקיקן זיך [——] גענימען אַרייניאָגען די רעשט מענשען פון [באַראַק] אַריין אין בונקער, זיי פאַרגאָזט אינטער די זעלבע [געשרייען] [און] געוואַלדן ווי ביינאַכט. ווי טראַגיש און שרעקלעך איז דאָס בילד געווען, ווען שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זעלבע מענשען, וואָס האָבן אַרויסגעשלעפּט די טויטע קערפּערס אין [פ]אַר[ברענט] [——] [געהייסן] פאַרשטיין, אַז זיי האָבן נאָך געהאַט געלאָזן אין די באַראַקן זייערע נאָנסטע, זייערע פאַמיליעס, ווער אַ פאָטער, ווער אַ פרוי און קינ־דער. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער ביים ציטרעטן צו דער אַרבייט ווי מ׳האָט יעדער זיין פאַמיליע דערקענט, ווייל די קאָמאַנדאָ איז אין יענעם טאָג פריש געשאַפן געוואָרן פון די מענשען, וואָס זענען נאָך וואָס געקימען מיטן טראַנספּאָרט אין גלייך צו דער אַרבייט געפירט געוואָרן. אַזוי זענען אימגעקימען אינזער גאַנצער ישוב[17], אינזער גאַנצע קהילה, אינזער שטאָט, אינזערע ליבע עלטערן, פרויען, קינדער, שוועסטער, ברידער אין 10/12 1942[18] שפּעט ביינאַכט, די רעשט אויף צימאַרגנס.

[22]

[עס איז] גאַרנישט צום פאַרטראָגן [מען פאַרניכטעט מענשען] נישט מער ווייל זיי זענען יודן, ווייל [——] עס ציהען זיך טאָג טעגליך [עשאַלאָנען] פון טויזענטער מענשען, פרויען און קינדער, בלינדע מענשען, וועלכע ווערן דורך די באַנדיטן [געפירט] צום [בונקער ?] דערשטיקט [זיי]

מיט גאַז אין [——]אַנגעשטיפּט פּיל אין בונקער [——] זענען זיי שוין טויט, פערגאַזט אין מיר מיזן זיי [——] פערברענען, זייער אַש אויף דין צעשטויסן [—] אינזער לעבן [——]

[23]

ווען איך בין אין לאַגער דאַ אין בירקענאַו געקימען, איז שוין דאַ געווען ענצעלנע [געביידעס] [——] עס איז שוין געווען [——] [אויף] בלאָ־טעדיקע פעלדער אין עס האָט זיך נאָך געבויט [19], געווען איז דאָס אין 42.10/12[19]. באַלדביים ערשטן אַריינקים נאָכן סאָרטירן [20], [—] וואָס מ'האָט אינץ פין אַ טראַנספּאָרט פין 2300 מענשען אַרויסגעקליבן נאָר 500, די רעשט איז באַלד אין גאַז געגאַנגען, מיר נישט ווינסדיג נאָך דערפין, [——] זייענדיג [——] [האָט] אינץ אַ יודישער [עלטעסטער ?] גע־מאַלדן, אַז לענגער ווי 3 טאָג [וועט קיינער נישט איבערלעבן] [21]. געווען איז דאָס ביינאַכט [——] אינמיטן [——] געהערט פין ווייטן שוידער־לעכע געוואַלדן אויסגעמישט מיט ווילדע קולות פין ס.ס. מיט צענדליקער הינד. דאָ האָט מען אינץ אויפגעקלערט, אַז יעצט פירט מען מיט דער הילף פין די הינד צים טויט אינזערע פאַמיליעס [——] מאַמעס, טאַטעס, פרויען אין קינדער. שוין דעמאַלט [——] האָט זיך פין [——] [פערשטאַנען ?] [——] געניג

[24]

געווען אין לאַגער אויף פאַרשיידענע קאָמאַנדעס, געווען אין אוישוויץ, געווען אין בונא אויף אַרבייט, נאָכהער ציריק געקימען נאָך אייניקע וואָכן וואַלגערן זיך איבער אַלע ערטער בין איך דעם 25/1 [19]43 גענימען גע־וואָרן אין דער זעלבער פאַבריק [22] אַריין אַרבייטן. אָבער נישט קיין סך פאַרשפּעטיקט קעגן מיינע חברים. אין אָט ווי עס האָבן זיך ציגע[ווינט] מענשען, נאָרמאַלע מענשען מיט נאָרמאַלע [מענטשלעכע ?] אייגנשאַפטן, נישט קיין פאַרברעכערישע, נישט קיין [מערדערישע ?] נאָר מענשען מיט האַרץ, מיט געפיל, מיט באַוווסטזיין, אין די אַלע זאַכן האָבן זיך [צוגע־ווינט ?] צי דער [דאָזיגער ?] אַרבייט, אָבער נישט זיי זענען דערין שיל־דיגע [——] די ערשטע מענשען באַלד אין דער ערשטער נאַכט [——] גענימען אויף אַרבייט, האָט מען זיי בלויז [געזאָגט ?] אַז די אַרבייט איז אַ שווערע, אָבער דערפאַר ווערן זיי [——] געוויסט האָט קיינער פין זיי גאַרנישט, ווייל די אַלטע קאָמאַנדע, וואָס האָט דערביי געאַרבעט איז אין

יענעם טאָג אימגעבראַכט געוואָרן [ציליב] אַ מסירה פֿין אַ [יודישן ?] [——] אַנטלויפן [——] געפֿינעז [——]

[25]

ס'איז געלאָפן אינטערן [גיעג] פֿין שטעקנס פֿין די פּאָסטנס ס.ס., וואָס האָבן אינץ געהיטן, אַז פּשוט, מען האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין זיך, ס'האָט פּשוט קיינער פֿין אינץ נישט געוויסט, וואָס ער טיט, ווען ער טיט, וואָס מיט אים טיט זיך בכלל. אַזוי האָט מען זיך פֿאַרלאָרן אינגאַנצן פּשוט ווי טויטע מענשען, ווי אויטאָמאַטן זענען געלאָפן געיאַגטערהייט, נישט וויסנדיג ווי מ'דאַרף לויפן אין נאָך וואָס מ'לויפט און וואָס מ'טיט. [איינער ?] האָט דעם צווייטן גאָרנישט אָנגעקיקט. כ'וויס געניי, אַז קיינער האָט דאַמאָלס פֿין אינץ נישט געלעבט, נישט געדענקט, נישט געטראַכט. אַזוי האָט מען פֿין אינץ געמאַכט ביז מיר זענען [——] מ'האָט זיך אָנגעהויבן צי אָפּ־פּזשיטאָמניען [23] [——] ווען מ'שלעפּט צי פֿאַרברענען, וואָס איז דאָ געשעהען. באַלד איז שוין נאָך די [——] שוין געהאָט אָוועקגעשלעפּט די אַלע מענשען [פֿערגאַזעטע אין] בונקער [זיי ?]געוואָרפֿן אויף לאָרען [24], ציגעפֿירט צי [אַ בראַנד שטעלע] ווי עס האָבן שוין געברענט מענשען פֿין נעכטן, פֿין פֿאַרנעכטן [——] קערפּער דאָרטן געוואָרפֿן אין פֿייער. נאָך דער אַרבייט קימענדיג צי זיך אין בלאָק, ווען יעדער האָט זיך [אַצינט] [אַוועק]געלייגט צים אָברוהען, דאַן

[26]

האָט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע. עס האָט יעדער אָנגעהויבן צי גלויבן אין דעם חלום, וואָס מ'האָט אים נעכטן געזאָגט, אַז זיינע נאָנטסטע, [זיינע] טייערסטע לעבן שוין נישט אין זיי וועלן שוין מער נישט לעבן, קיין מאָל וועט ער זיך שוין מיט זיי נישט טרעפֿן, קיין מאָל נישט, ווייל ער אַליין האָט זיי פֿאַרברענט, איז דאַן, צי וואָס טויג שוין דאָס לעבן, צי וואָס מיר אַזאַ לעבן. פֿין עסן, אָדער טרינקען איז אָבגערעדט, ווען פֿאַרשטענדליך נישט בלויז [——] מיט פֿאַרשטאַנד, וואָס פֿאַרשטייט אָבצישאַצן אַ געשעהע־ניש, נאָר זאָגאַר אַ בהמה, אַ חיה ווען מען נעמט איר אַוועק אירע נאָנטע, וואָס זי האָט געבוירן [25], אָדער דערפֿין געבוירן געוואָרן, אָדער ציזאַמען געלעבט, אַז מ'טיט איר אַן עוולה אין פּראָטעסטירט מיט נישט [עסן], נישט טרינקען. ווי נאָך דער מענש וואָס דאַרף [——] נאַטירלעך ציזאַמען מיט דעם האָט פּשוט געהערשט [——] אַ מרה שחורה. נישט מער די געוויינען

[—–] האָט מען געהערט איבעראַל פֿין אַלע זייטן [—–] איז דער בלאָק אויסשליסליך אַ יודישער ווען די [—–] האָט מען דאַמאָלסט גענימען נאָר יודן, בעפאָר האָבן געאַרבייט אויף פּאָליאַקן אין רוסן. נאָר אין אינזער צייט שוין נישט מער[26], נאָר יודן [—–] וואָס איז פּאַקטיש אַ פּראַגע, אויב [—–]

[27]

מיר אויף דער וועלט [—–] נאָך עפּעס [—–] וואָס זאָל אים נאָך עפּעס אַמאָל שטאַרקן דעם ווילן צים לעבן אין די צרות איבערציהאַלטן, האָבענדיג נאָך מיט ווען אַמאָל אין לעבן זיך צי טרעפן אין דערצי דער פּאַקט, די אויסטערלישע טראַגעדיע, די שוידערלעכקייט פֿין [—–] דער־פאַר אַליין איז יעדער גרייט געווען [—–] מיט די אייגענע נעגל אַליין זיך די אויגן אויסצוד[ראַפּען] [—–] זיך אין לעבן פאַרשטעלן [—–] ווייטאַג, דעם צער, דעם פּיין [—–] וויסענדיג איינפאַך, אַז דער אין דער וועט [—–] פּאַרוואָס, פּאַרוועז, פּאַרוואָס איז דאָס לעבן [—–] איז דאָס זיי געקימען [—–] זינדיג געווען, צי איז דען בכלל דאָ [—–] אין טרייסט [—–] צי איז [—–]

[28]

געשטיצט געוואָרן דורך אַ שטאַרקן פֿין [—–] הלואי וואָלט ער מיך דאַמאָלט פּערטיג געמאַכט, ווי כ׳וואָלט אים אויף אייביג דאַנקבאַר גע־ווען. גיט כאָטש וואָס כ׳וואָלט געשטאָרבן מיט אַ זיסן טויט, מיט אַ געוויין אויף די ליפּן. [—–]. מיינע נאָנטסטע אָבער, מיינע בעקאַנטסטע [—–], מיינע טייערסטע וואָס זענען באַשטימט שטענדיג פֿיל טייערער געווען פֿין מיין לעבן. ווייל אין די גיטע צייטען וואָלט איך צים לעבן [—–] ווען ס׳איז שוין קיין לעבן נישטאָ [—–] ווייל [—–] דער מינדעסטער [—–] פֿין אַ מאַמען אין דער איבערגעבנקייט פֿין אַ טאַטן אויף [—–] נאָנטקייט פֿין זיין [—–] געטרייע צי זיין גאַנץ לעבן איז [—–] איז דאָן שוין יעדער גרייט געווען אויף דעם ערגסטן [—–] [דער טויט?] האָט אינץ אַלע שוין נישט [—–] איז אַלץ [—–] לעבן [—–] סיי ווי ווען מיר שוין [—–] האָט זיך נישט געפֿינען [—–]

[29]

[—–] אָבגעזינדערט פֿין מענשען, מיט קיינעם זיך [נישט] געטראָפן [—–] נאָר שטענדיג [—–] צים ערשטן מאָל קומענדיג אין וועלדעל

ווי [——] דעמאָלט זענען די בונקערס געווען, האָט דער באַוויסטער וועלט־מערדער אָבערשאַרפירער מאָל[27] געהאַלטן [אַ רעדע] [——] [——] נישט שולדיג, באַפּעל איז באַפעל [——] אָבער ווי טראַגיש [——] זענען ציגעגאַנגען נעבעטער [——] זיינע נאָנסטע אין פאַמיליע, ווער [——] אַ פרוי אין [——] פרוילײנס מעדלעך [——]

[30]

אומגליק, אָט דאָס איז געווען דער געפיל פין יעדן פין אינץ. דאָס איז געווען דער געדאַנק פין יעדן פין אינז אַלע. מיר האָבן זיך געשעמט איינער פאַרן צווייטן אין די אויגען צי קיקען. געשוואָלן די אויגען פאַר ווייטאָג אין חרפה, פין ווײנען אָן קלאָגן האָט זיך יעדער פאַריקט אין אַ צווייטן ווינקל, אַז קיין אייגענער זאָל אים נישט טרעפן [——] כ׳בין זיך מודה, איך אַליין [——] אַז מיין טאַטע איז אויך געווען [——] פין צוגאַנג ער זאָל נישט זען [——] געוויסט, אַז ווען מיר וועלן זיך [——] וועלן אינזערע הערצער [——] אין ווייטאָג [——] איז טאַקע געווען ביים [——] לאַגער, ווען איך האָב דערזען דעם [——] פרעגט מיך ווו זענען זיינע שוועסטער, זיינע ברידער זיינע [פרוי אין קינדער, זיינע עלטערן] ווי זיי זענען זיי אַלע יעצט. [——]

[31]

[עס האָט געפעלט] דרייסטקייט צי פאַרענדיגן מיט אינזער לעבן [——] דאַמאָלס האָט דאָס קיינער נישט געטיען, פאַרוואָס ? [——] נישט, עס בלייבט אַ פראַגע, אויף וועלכער [עס איז לעת עתה שווער צי ענט־פערן]. דערפאַר אַ ביסל שפעטער האָבן זיך שוין געפינען אַ סך מענשען נאָך דעם, ווי מיר זענען צי זיך געקימען, וואָס ביי דער ערשטער געשעהעניש, ווי למשל אפשר קראַנק געוואָרן, אָדער אַזוי עפּעס אָנגע־שטויסן זיך אין אַ אויסערלעכער געשעהעניש, וואָס האָט אים אַ ביסל [צערידערט]. באַלד האָבן זיי אַן ענדע געמאַכט מיטן לעבן [——] אין דרויסן אויפן לאַגער איז ער געווען [צווישן די] הינדערטער, וואָס זענען [——] געשאָסן געוואָרן [——] בלייבט דאָס אַ פראַגע [——] אמת, אַז דאָס לעבן [——] דער ווילן צים לעבן [——] פאָרגעשטעלט, קיין מאָל נישט דערשאַצבאַר אין נישט דערשאַצט געוואָרן [——] פשוט [——] ביי אינץ [——]

[32]

פסיכאָלאָגן [זאָגן ?], אַז דער מענטש, ווען ער האָלט זיך שוין פאַר איינ־גאַנצן פערלאָרן, אָהן שום שאַנס אין אָהן שום האָפנונג, מעג דאָס זיין דער מינדעסטער זאַך, איז ער שוין אינגאַנצן אומפּעיק, ער איז שוין פונקט ווי אַ טויטער. דער מענטש איז אַזוי לאַנג פעהיק, אַזוי לאַנג ענערגיש, אַזוי לאַנג ריזיקאַליש, ווי לאַנג ער קלערט נאָר דורך דעם געוואַגטן שריט עפּעס צו דערגרייכן, עפּעס צו געווינען דערמיט. דאַקעגען ווען ער פאַר־לירט דעם לעצטן שאַנס, דעם לעצטן האָפנונג, דאַן איז ער שוין צו גאָר־נישט. [היי]פּט [אָהן קלערן ?], צו [בעגיין ?] זעלבסטמאָרד [— —] (אַ ענין פאַר פּסיכאָלאָגן). [— —] געלאָזט פירן אַזוי ווי די קעלבער, די שטאַרקסטע, די העלדישסטע [צווישן אינץ זענען] געוואָרן [ציזאַמענ־געבראָכן] מיט דער מיניט, ווען מען האָט אינץ דאָ אָהער געבראַכט אין [— —] [אַלץ ?] ציגענימען אין אינץ געגעבן אַזעלכע [— —] תפיסה־אַנציגער, זענען [מיר געוואָרן] פּשוט פאַרשעמט, אינגאַנצן [— —] פער־הילט געוואָרן אין אַ פרעמדן מאַנטל [— —] זענען נאָך אינדער [— —] גענימען געוואָרן [— —]

[33]

אין דער אינטעליגענץ, וואָס ער פאַרמאָגט אָבעד אַליין אָהן אינטערשיט זענען אימבאַוויסטזיניג אינטערן באַוואוסטזיין באַהערשט פין גייסטליכן ווילן צים לעבן, פינעם דראַנג צים לעבן אין איבערלעבן. מכלומרשט רעדסטי דיר אַליין איין, אַז עס גייט דיר נישט אין דיין לעבן, עס גייט דיר נישט אין דיין פערזאָן, נאָר פּשוט לטובת הכלל, ציליב איבערלעבן, ציליב דעם, ציליב יענעם, צו דעם, צו יענעם, היגדערטער תירוצים געפינט מען. אָבער דער אמת איז, אַז עס ווילט זיך לעבן פאַר יעדן פּרייז. עס גליסט זיך לעבן, ווייל מ׳לעבט, ווייל די גאַנצע וועלט לעבט, אין אַלץ וואָס געשמאַק איז, אַלץ וואָס מיט עפּעס פאַרבינדן איז, איז אין דער ערשטער רייע פאַרבינדען מיט לעבן. אָהן לעבן איז [— —] דאָס איז דער ריינער אמת. אַלזאָ קורץ אין קלאָר, טאָמער וועט אייך ווער פרעגן, פאַר־וואָס האָסטו [— —] וועל איך אים ענטפערן [— —] דאָס איז [— —] זאָל פעסטשטעלן, איך אַליין בין צו שוואַך, בין געפאַלן אינטערן דרוק פין ווילן לעבן, בכדי צו קאָנען ריכטיג אָפּשאַצן [— —] ווילן לעבן אָבער נישט [— —] עס גייט

[34]

[——] פּאַרוואָס טוסטו [אַזאַ] נישט אָנשטענדיגע אַרבעט, טאָ ווי אַזוי לעבסטו, צי וואָס לעבסטו, וואָס ווילסטו נאָך מיט דיין לעבן דערגרייכן [——] אין אין דעם ליגט דער גאַנצער שוואַכער פּונק פֿין [——] אינזער קאָמאַנדע, וועלכע כ'האָב אַבסאָלוט נישט בדעה צי פּאַרטיידיקן אין אַלגע־מיין אַלס גאַנצע. דאָ מוז איך זאָגן דעם אמת, אַז נישט איינער פֿין דער חברה האָבן זיך מיט דער צייט אַזוי פּאַרלוירן, אַז ס'איז פּשוט אַ שאַנדע געוועזן פאַר זיך אַליין, ממש פּאַרגעסן, וואָס זיי טיען ביי וואָס זיי טיען אין מיט דער [צייט האָבן זיי זיך] דערצי ציגעוווינט, אַז פּשוט ס'איז גע־ווען צי שטוינען [——] צי וויינען אין קלאָגן, אַז פֿין [——] נאָר ס'איז גאַנץ נאָרמאַלע, דורכשניטלעכע [——] פּאָלקסטימליך גאַנץ באַשיידן [——]נישט ווילנדיג ווערט עס אַלטעגליך אין מ'געוווינט זיך צי אַלעם צי, אַזוי מאַכט שוין נישט קיין רושם די געשעהענישן, מ'שרייט, מ'קיקט זיך צי גלייכגילטיק טאָג טעגליך ווי עס קימען אים צענער טויזענטער מענשען אין גאָרנישט.

[35]

אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אין דעם ציגעוווינונגס פּראָצעס האָט געשפּילט דאָס, וואָס אין די ערשטע צייטן האָט מען [אַ]ין אַלגעמיין נישט געניצט קיין העפטלינגען צי קיין טראַנספּאָרט, [ווע]ן די מענשען האָבן נאָך גע־לעבט. אַלץ איז געוואָרן אויס[ג]עפירט דורך זיי אַליין, דורך די הינד אויף 2 פיס [מ]יט דער הילף פֿין הינד אויף 4 פיס. די קאָמאַנדאָ איז נאָר גע־קימען יעדן אין דער פרי אין געטראָפן פילע בונקערס מיט פּאַרגאַזטע מענ־שען אין פילע באַראַקן מיט קלאָמאָטן, אָבער קיין מאָל זיך נישט געטראָפן מיט [אַ לע]בעדיגן מענש. דאָס האָט פיל פּסיכאָלאָגיש [מיטגע]ווירקט אויף פּערקלענערן דעם איינדרוק פֿין דער טראַגעדיע [——] אָבער עס האָבן זיך געפינען איינצעלנע [פּערזאָנען ?], וואָס האָבן זיך ביי קיין פאַל נישט געלאָזט בעאיינפלוסן דורך דער געוווינהייט, נישט געלאָזט עס זאָל ווערן גאָר פּשוט, נישט געוואָרן מיטגעריסן. פּערשטענדליך, די בערופענע עלע־מענטען, וואָס האָבן זיך ביי אינץ געפינען צי ביישפּיל די גאָר שטאַרק פ[רומע ?] יודן כמו דער דיין פֿין

[36]

מאַקאָוו מאַז[אָוויעצק] אין [ענליכע] גלייבן [——] אַזוי אידעלערע

מענשען, וועלכע האָבן ביי קיין פאַל נישט געוואָלט מיטמאַכן דעם שפּיל פון הייגט לעבן און מאָרגן שטאַרבן. איך האָב געהאַלטן זיך פאַר יעדן פרייז. די ערשטע צייטן איז זייער איינפלוס געווען אַ גאַנץ קלענער אין קאַמ[אַנדאַ]. פשוט דערפאַר ווייל אויף וויפל זיי זענען געווען ווינציג אין דער צאָהל, נאָך ווינציגער איז עס געווען צו דערקענען, ווייל זיי זענען נישט געווען אָרגאַניזירט.

זיי האָבן נישט געבילדעט מיט זיך קיין איינהייט[ליכע] [מאַסע], דעריבער איז פאַרשווינדן געוואָרן אין כלל פון דער [מאַסע]. מ׳האָט עס גאָרנישט אַרויסגעזען אין די וועלכע [——] איז ליידער געווען [——] מענשען אינטער אַזעלכע באַדינגונגען [——] אַלעס ציגעווינען, אַז ס׳זאָל פשוט שוין נישט קיינעם אָנגיין וואָס אַרום אים טיט זיך, ווי עס וואָלט גאָר קיין מענשען נישט געווען. נאָר אַ געגוג כאַראַקטעריסטישע באַמער־קונג איז דאָס, וואָס ביי יענע באַדינגונגען, ווען עס האָט אַ קאָמאַנדע פון 150 [28] מענשען געאַרבעט אויף

[37]

אַ פרייען פעלד אָהנע צוים, אָהנע פּאָסטן קעטע, נישט מער ווי 4 פּאָסטענס האָבן דאָ געהיטן אין שווערע פינצטערע גרויסע ווינטער נעכט. געווען צייטן אַזעלכע, וואָס פשוט איינער דעם צווייטן פון אַ מעטער ווייַ־טער האָט נישט געזעהען, אין נישט ווייט פון אינץ דאָ, אינגאַנצן עטליכע צענדליג קילאָמעטער האָבן זיך געפינען טויזענטער [יודען], גאַנצע קהי־לות [29], אין ס׳האָט זיך נישט ג[עש]אָפן קיין געדאַנק ביי וועמען צו מאַכן פליטה. ערשטענס נישט צו ר[יזיקירן] מיטן לעבן, צווייטנס [——] וואָלט וואָס דאָ [——] איז דאָס פשוט דערפאַר, [ווייל די מורא] פאַרן דייטש איז געווען אַזוי גרויס [——] טריט אין שריט [——] פון די קאָמאַנדאָס, [——] מיט זיי אַלע געטראָפן, אַז ס׳איז [——] [זיי] גיגאַנען אין לעבן, אַז די אַרבעט זאָל ווי [אַמבעסטן] אויסגעפירט ווערן, עס זאָל חלילה קיי־נער נישט וואָגן צו טראַכטען וועגן פליטה אַזוי למשל [אויב?] מהאָט [חלילה?] פערדעכטיגט [אין] טראַכטן וועגן [אַנטלויפן?] גלייך האָט מע [——] פערשטענדיגט מיט [——]

[38]

דער לעצטער [אינ]טער[וועל]טניק, אַז אַלפאַנס געקימען פון פראַנק־רייך און ציזאַמען געלעזט מאָמענטאַל אַזעלכע פראַגן ראַדיקאַל, נישט אָפּ־

געהאַלטן זיך פֿין [זאָ]גאַר צים איבערגעבן די געשיכטע דעם פּערזאָן אין דער האַנד פֿין דער מאַכט[30]. אַזוי נאָך האָט מען פּריצייטיג [אָפּ]געטעמפּט אין פערלאָשען יעדן געפּיל, יעדן טראַכטן פֿין וועלכן עס איז שריט. היינט וועגן דעם, אַז זיי, די קאַפּאָס [31] זאָלן אַליין [דאָס טיען], אָדער העלפֿן דערצי, וואָס דאָס איז זייער לייכט געוועזן. איז שוין וואַרש[אַווסקי] [32] גערעכט. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן די אימה, דער פּחד [האָט פאַרכאַפּט] אַלע אַ לאַנגע ציי[ט] [ביז] [——] ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל [——] דער רעזשים איז אַ ביסל מילדער געוואָרן די [——] מיט די [——] האָבן שוין נישט [——] איך בין טאָג טע[גליך]

[39]

[——] האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרימציקיקן [זיך], זעהען מיט וועמען מיר זענען געבליבן, ווער ס׳איז געוועזן אין ווער ס׳איז דאָ, ווער ס׳איז אין הימל־קאָמאַנדאָ [33] אַוועק און ווער ס׳איז נאָך דאָ געבליבן. אין זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז געבליבן זענען נאַר די צווייטראַנגיקע, די קנאַפּערע, אַ ביסל עמך. דער בעסערער, דער איידעלער, דער שטילער איז אַוועק, האָט נישט געקענט איבערהאַלטן [——] ? ווען מ׳האָט אויפגעשטעלט די קרעמאַטאָריומס נימער 3 [4] [34] האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין [איבזער] לעבן [משטיינס געזאָגט אין אינזער לעבן] [——] אינזער קאָמאַנדאָ ספּעציעל [——] טראַגעדיע [——] די גאַנצע מעכאַנישע אַרבעט דורך די [——] מענשען אַזוי דאָס [——] די מענשען שנעלער זיך אויסטיען אין יאָגען אין בונקער, אין דערביי פאַרשידענע גאַנץ דראַסטישע פאַר אַלץ [——] באַליידיגענדע אין שמוציקע.

[40]

[——] וואָס מיר וועלן פאַרשריבן אויף [——] אפשר וואָס לעבן נאָך יעצט אין לאָזען זיך נאָך [——] אין נאָך פֿין דאַנען אַרויסגיין אויף דער פריי אין אפשר וועלן נאָך פרעדיגן, אַז ס׳קימט זיי נאָך [——] אין שאַצונג דערפאַר, ווייל זיי האָבן איבער דער צייט אַזוי פיל געליטן אין איבערגעהאַלטן [——] פאַרשטענדליך [——] דערמאָנען די אָבגעטוענע מעשים זייערע זייענדיג אין לאַגער, ווי ציליב אַ פאַרציע ברויט האָט יעדער מינדעסטער פאַראַרבייטער דערהרגעט אַ מענשן, בכדי זיין [——] אין אויף דער קאָנטע פֿין די צענער [——] לאַגער האָבן זיי זיך געהאַלטן [——] אין עס איז געוועזן אַ צייט אין דעם זעלבן לאַגער אין די יאָרן 19/41 —

19/42 וואָס יעדער מענש, ממש יעדער [וואָס] האָט געלעבט לענגער ווי צוויי וואָכן איז געווען, אַז ער לעבט שוין אויף דער קאָנטאָ פֿון אַנדערע קרבנות [— —] פֿון אַנדערע מענשען, אָדער וואָס ער נעמט פֿון זיי אַוועק [— —]

[41]

איבערן קאָפּ איז ער געפֿאַלן אַ טויטער. דאָס איז געווען אין אַלגעמיין די [פּראָווילע ?] פֿון לאַגער. דאָס איז געווען דאָס טאָג טעגליכע לאַגער לעבן. יעדן טאָג טויזענטער הרוגים אָן שום גוזמא. ממש טויזענטער אין דאָס אַלץ דורך די [הענד] פֿון די העפּטלינגען אַליין [— —] געווען [אויך] [צווי]שן די פֿאָלאַקן אַזוי די [געפֿאַלענע] ווי די [— —] ווער סהאָט נאָר געקענט האַלטן אַ שטעקן [35] אין האַנד דער האָט געלעבט. אָט די אַלע געשעהענישן [מיזן ?] מיר לעבן געבליבענע איידער [— —] [איבערלאָזן ?] פֿאַר אַנ־דערע, ווייל דאָס [— —] דערפֿאַר אָבער [וואָס ?] סאיז געשען [— —] ווייסען נישט [— —] בעסער [— —] עס ווייס נישט קיינער. זיי וועלן נישט האָבן, ווייל אַלע [— —] זאָגאָר דאָס קלענסטע פּינטעלע ווערט [אַ וועק ?] גענימען [— —] ווערט [— —] מיט דער ערד [— —] דעריבער [— —] מעגליך [— —] וויסען

[42]

ענליכע אויפּצינעמען און פֿערשטענדליך, אַז טראָץ אַלע שווערע בע־דינגונגען, וואָס אַלע אין לאַגער האָבן דורכגעמאַכט, דאָך איז דאָס נישט אַזוי לייכט אַנגעקימען צוציגעוויינען צים געדאַנק, אַז מען דאַרף דאָך וועגן עפּעס צים מאָרגען טראַכטען, נישט מער [וו]אַרטן ביז מען וועט אינץ קימען פֿירען אין בונקער גלייך ווי אַלע [וו]אָס מען פֿירט טאָג טעגליך אַזוי פֿין דרויסן פֿין דער פֿריי אין אויך פֿין לאַגער אַליין. אין אָנפֿאַנג זענען מיר געצווינגען געווען צי האַלטן זיך [— —], פֿין אייגענע ברידער נאָר מיט יודן. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אויך מיט די בע־קאַנטע פֿין אַמאָל אַלס מיטגלידער פֿין אַרבייטס באַוועגונגען אָדער סתם אינטעליגענטן, אָבער אומבאַדינגט לינקע פֿין [— —] [אַרבעט ?] ספֿערן — פֿין פֿאָלאַקן, דאַרף מען זיך פֿערשטענדיגען. [— —] פֿערצווייגט אינזער באַוועגונג אַ ביסל ווייטער אין מיט דער צייט אַרומגענימען אויך דעם לאַגער, וואָס [— —] באַשטייט הויפּטזעכליך פֿין פֿאָלאַקן. איבער [דעם האָבן מיר] געטיען, וואָס נאָר מעגליך געווען איז [— —] פֿאַר יעדן פֿרייז,

ריזיקירענדיק דערביי מיטן לעבן פון דער גאַנצער חברה, אַרויסגעגעבן פאַר־שידן מאַטעריאַל וואָס נאָר ס׳קען אַמאָל די וועלט אינטערעסירן פון די אַלע רציחות.

[43]

מערדערייען וואָס סוועדט דאָ אַבגעטיען אויך נישט וו[יניקע] געלט־סומען, וואָס נאָר האָט נויטיג געהאַט צו די צוועקען, שטייענדיק אין קאָנ־טאַקט שוין מיט אַלע קרייזן, האָבן מיר אָנגעהויבן אינזער פּראַקטישע אַר־בעט פון ציגרייטן זי צו עפּעס ממשותדיק. אינזערע פאַרבינדעטע, די וואָס האָבן געאַרבעט אויף אַנדערע קאָמאַנדאָס, דערינטער מערסטן טייל רוסן, האָבן אַ דאַנק זייער פיל אָנשטרענגונג עפּעס פאַר אינץ ממשותדיגעס פאַר־שאַפן. עס איז וואָס אָן אמת [גאַנץ] שווער אָנגעקימען. כ׳מיז דערביי [זאָגן], אַז ווען עס וואָלט אויף יענע פּלאַצוווקעס געפינען זיך [——] יודן, וואָלט פיל פיל מער געשאַפן געוואָרן. [——] האָבן מיר געדאַרפט צו זיי אָנקי־מען, אין ביי [——] ציגעגאַנגען, דערפאַר, ווייל די ענצלנע, וואָס זענען געווען פאַראינטערעסירט אין דער זאַך, האָבן נישט געקענט [——] די אַנ־דערע ווייטער וואָס אין זייער האַנד [——] זיי ווייטער איז נישט אַזוי גע־גאַנגען אין לעבן [——] פאַרט רוסן אין [——] נאָך אַ שנאַפּס אין אַמאָל גיט אָנפרעסן זיך [——] אין ס׳איז פאַר אים [גענוגענדיג] דאָס ביסל, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן איז לײדער אָנגעקימען צו [——]

[44]

ביז דער לעצטער מינוט ציזאַמען. געווען איז דאָס אינזער אָן אַקטיווער מיטאַר[בעטער] אין אָנפירער פון די גאַנצע אַרבעטער [באַ־וועגונג] אין וואַרשע נאָך אין די יאָהרן [19]20—[19]21, באַקאַנט אַלס קאָמ[וניסטישער] טיער נאָך דאַמאָלט אינטערן נאָמען „יאָסעלע די מאַמע־לעס״, שפּעטער געלעבט אין פאַריז, אַ שטענדיגער מיטאַרבעטער פון דער קאָמ[וניסטישער] פרעסע אין פאַריז, אינטערן נאָמען יאָסל וואַרשאַווסקי [36]. אַליין אַ הויך אינטעליגענטער מענש, מיט זייער אַ פיינעם כאַראַקטער, פון דער נאַטור אַ שטילער מענש, אָבער די נשמה זיינע פלאַם־פייערדיג קעמפערישע. זיין בעסטער פריינד געקימען ציזאַמען פון פאַריז, ציזאַמען די גאַנצע צייט דאָרטן מיטגעאַרבעט יעקל האַנדעלסמאַן [37], געבוירן אין פוילין, אין ראַדאָם [——] אָבער געוואַלדיג ענערגיש [——] [פערשטאַנד], געניג קליג, מיט פילע לעבנס [ענערגיע]. [——] אַליין יינגער אין

די יאָרן פֿון זיי [— —] [געלערנט] אין אַ ישיבה אין צוזמיר. שפּעטער [— —] געריפֿן דורך מיינע קאָלעגן באַוויסטע קאָמוניסטן דער ישיבה־בחור, אָדער סאָציאַליסט פֿון משהס גלויבן [38]. אמת! אַז כ׳האָב פֿיל מאָל רעספּעקט געהאַט פֿאַר זיי, אָט מיינע חברים, פּשוט פֿאַר זייער אָבגעטיהענער

[45]

אַרבעט אין זייער לעבן, איך אַליין פֿון אַ שטרענג רעליגיעזער שטיב, געוווּ[וי]נט אין אַ קליין שטעטעל ציכנוב, געלעבט זיך פֿאַר זיך, נישט גע־האַט ק[יין] געמיינזאַמעס מיט קיינעם, אָבער דאָך האָבן מיר אַזוי גרינד־ליך פֿערשטאַנען דעם ריכטיג געמיינזאַם [— —] אין דעם לאַגער אין נאָך מער אינזער [— —] מיר האָבן זיך וואָס אַן אמת לאַנג מישב געווען וועגן דעם, צי זאָלן מיר וועלן ווייטער לעבן. זעהענדיג וואָס עס ווערט פֿון אינ־זער קאָמאַנדאַ, וואָס עס ווערט פֿון מענשען, ווי ערנידעריגט אין ווייט פֿון יעדער מענשליכער געפֿיל עס זענען אָט די אַלע געוואָרן, אין וואָס קאָנען מיר נאָך ליידער ערוואַרטען דאָ [— —] מיר האָבן בעשלאָסן, אַז נישט אַליין [— —] לשם עפּעס [— —] נישט מעגליך [— —] האָבן מיר אָנגע־הויבן געמיינזאַם די [אַרבייט] [— —] עפּעס פּראַקטישעס, וועגן עפּעס [— —] דאַן אָנגעהויבן אָנציקניפּן קאָנטאַקטן מיטן לאַגער, אויסזיכען אויפֿן לאַגער וואָס בעסערע כוחות עפּעס [באַקאַנטע] פֿון אַמאָל מענשען [— —] פּעהיקע [— —] [אויפֿ]טוען עפּעס.

[46]

[— —] צי געווינען אין דאָס איז [— —] ווייל סאיז פֿאַרגעקימען סיסטע־מאַטיש [— —] איז עס געווען [פֿערבינדן?] מיט גיט עסן אין טרינקען [— —] דאָס [אַלץ] וואָס דער גאַנצער לאַגער האָט נאָר געטרוימט [39] [— —] נישט געזעהען. אָט אין דער זעלבער צייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן [— —] בעהאַלטענע געפֿילן ביי די ענצעלנע פּערזאָנען, וועלכע האָבן דאָך געוויינט אין [געקלאָגט?] [— —] שטילערהייט אין נישט געוואָרן [— —] נאָר [— —] ווי איבער [— —] חברים מיינע [— —]

[47]

[— —] לאַגער די גרופּע [— —] אָבער אין דער זעלבער צייט איז אַקטועל געווען דער פּסיכאָז פֿון אַנטלויפֿן פֿון לאַגער. מערסטען טייל האָט דאָס אַרימגענימען די קרייזן פֿון די קריגס געפֿאַנגענע רוסין [וואָס] זיי האָבן פּאַקטיש געדאַרפֿט זיין דאָס בעסטע מאַטעריאַל פֿאַר אינץ אין

אינזער אַקציע[40]. דאָס האָט פיל געשטערט אינץ אין אינזער אַרבעט. מיר האָבן גאָרנישט געהאַט דאַקעגן. מיר האָבן יעדן געזאָגט: אויב קענסט זיך ראַטעווען אויף אייגענער האַנד מיט בעסערע שאַנסען, איז ביטע שיין אַדרבא! מיר האָבן פיל געהאָלפן דערצי מיט אַנטיען ציוויִלבע, אַזוי מיט געלט, מיט [——] אַלץ האָבן מיר דערצי געטיען. אין פערשטענדליך, אַז יעדער [——] פין דעם [——] נישט אַלע האָבן בעדינגונגען [——] אַז פיל פין די יודן האָט מען נאָכהער [——] נישט וויכטיג. אויך ביי אינץ האָט זיך געשאַפן [זייער גאָר] פשוטער געדאַנק [——] פין אַנטלויפן [——] [ער] איז נאָך עלטער געווען ווי דער געדאַנק פין דער אַלגע־מיינער אַקציע. איך האָב דערצי אַלע נויטיגע אָנשטרענגונגען געמאַכט אין שוין גרייט געווען [צי אַנטלויפן] [——] דאָס יודישע [אויג?] אין די יודישע [——] כאַראַקטער פין [——]

[48]

אינזערע אייגענע ברידער, וועלכע האָבן נישט געקאָנט [פועלן] ביי זיך, עס זאָל זיך [ווער] אפשר פריוון ראַטעווען אין ער זאָל דאָ בלייבן. די אין נאָך ענליכע מאָטיווען האָבן געבערענגט [דערצי], דאָס אייגענע מיינע קאַמע־ראַדן האָבן מיר פריצייטיג פעראַטן אין מיט דער הילף פין קאַפּאָ מיטן בלאַק עלטסטן מיר פאַרשטעלט אין אָבגענימען יעדער מעגליכקייט דערצי. אַזוי למשל האָט מען מיך געהיטן אויף יעדן טריט בייטאָג אין ביינאַכט. גע[דראָט?] מיט איבערגעבן דעם לאַגער פירער פין אינזער קאָמאַנדאָ פּאַר אַזאַ געפערליכן שריט [——] אין דער צייט ווען אַלע אינזערע קאָנען נאָך [——] מיינע נאָנסטע [——] אין יעקל [41] האָט מען פּראָפּאָנירט דאָס [——] ליידער אוממעגליך געווען [——] איינער איז געווען אין [——] קאָמאַנדאָ פין קנאַפּע 1000 (טויזנט) מענשען [——] רעכטצייטיג פין [——] אין דערצי [זיך] געגרייט, אָבער ליידער [——] [דורך] מוסרים אין פּראָוואָקאַטאָרן אינטערגעכאַפּט געוואָרן אין נישט ציגעלאָזט געוואָרן [——] פריוון [זיין] לעבן ראַטעווען [——] מאַלינקאַ עלוש געבוירן אין גאָסטינין

[49]

אַליין אַ דורכשניטלעך יינגעל, אָבער דערפאַר מיט פיל [צי פיל?] ענערגיע אין דראַנג צים לעבן, געוואַלדיג ריזיקאַליש אין טעמפּעראַמענט־פיל, מיט געניטע איינפאַלן, דרייסט ביז גאָר. [גע]ווען ציגעגרייט מיט אַלעם,

זאָגאָר בעשטימט די שעה פין לאָזן [זיך] אין וועג. אין מיט אייניגע [שעהן] פריהער [——] פערהאַלטן געוואָרן. יאָ! יאָ! ליידער אַזוי האָט דער גורל געוואָלט. פאַרפאַלן ליידער ליגט אין [די] [——] פין דייטש [——] די אַלע וואָס פלעגן פרעדיגן [——] ווי סאיז נישט קיין גרעסערע אינזערע [——] לאָזן לעבן אין [אויך] מער קיינער פין זאַנדער ק[אָמאַנדאָ] איז ליידער [——] האָבן מיט אינזערע [——] מיט [——] אומזיסט — נישט [געגעסן ?] אין נישט געשלו[פן] [——] אין ערלעדיקן ביז צים גרייט זיין, אין [——] גאָרנישט, אָפילו איינער פין אינץ נישט, קיינער [——] האָבן שוין לעצטנס אָבגעפירט [——] פערפאַלן! [——] אין זיך אי־בערגעגעבן אינגאַנצן דער אַלגעמיינער [אָקציע ?] [——] נישט געגאַנ־גען ווי מהאָט געוואָלט די ציגרייטונג [ביי אינץ]. [די אַנטשפּאַנונג ?] האָט געוואָקסן פין שעה צי שעה, מיר האָבן זיך צילי[ב] [——] אַ ביסל מאַטע־ריאַל [42] [וועלכן ?] מיר

[50]

[——] דאָס וואָס מיר האָבן זיך געבעטן אים אויסציניצן, וואָס מיר פלעגן גיין יעדן אָוונד 20 מאַן מיט 2 פּאָסטנס אויף 2 שטונדען אין קרעמאַטאָ־ריום. דאַמאָלס איז נאָך דער קרעמ[אַטאָריום] געווען אויסער די פּאָסטן קע־טע, געווען איז דאָס נאָך אין די ווינטער נעכט, מיר האָבן געקענט ערלעדי־גען די פּאָסטנס זער לייכט אין אָוועקגיין, ביז אין דער פרי וואָלט קיינער נישט געוויסט וואָס עס האָט פּאַסירט. אָבער ליידער אויף דערצי האָט מען זיך נישט געקענט דעצידירן, עס האָט זיך שטענדיג געפינען אַזעלכער, וואָס עס האָט אים עפּעס געבינדן, איינעם דאָס גיטע עסן דאָ, איינעם דאָס מיידל, אין וועלכער ער [האָט] זיך פאַרליבט. מיט איין וואָרט, יעדן טאָג האָט מען דערפין גערעדט, ביז ס'איז אימּמעגליך געוואָרן. מהאָט פאַרגרע־סערט די פּאָסטן קעטע אין אַלץ אימּמעגליך געמאַכט. יאָ יאָ! ממיז ליידער זאָגן דעם אמת, אַז נישט ווינציג זענען אינזערע אייגענע [ברי]דער שיל־דיג, היינו דאמרי אינשי, או חירותא מיתות [43]. באַלד דערנאָך איז מען געוואָר געוואָרן, אַז מגרייט זיך צי ברענגען [די] אונגאַרישע יודן דאָ אַהער צו פערברענען. דאָס האָט אינץ שוין [ביזן ?] לעצטן ציזאַמענגעבראָכן, אַז מיר דאַרפען [פאַרב]רענען אַ מיליאָן אונגאַרישע יודן [44]. מיר האָבן שוין ביז יעצט געניג געהאַט, מיר האָבן שוין אַלץ איבער געניג שוין פין לאַנג, זאָלן נאָך [אינזערע]

[51]

הענד מיזן איינטינקען אין בלוט פין די אונגארישע יודן, דאָס הייסט דערפירט דערצי, אַז פשוט די גאַנצע קאָמאַנדאָ אָהן אינטערשייד פין קלאַס אין שיכט, זאָגאַר די ערנסטע פין אינץ האָבן געשטורעמט מזאל מאַכן אַ סוף צי דער שפיל, פאַרענדיגן מיט דער אַרבעט אין ציזאַמען מיט דעם אויך מיט אינזער לעבן, ווען עס פאָדערט. מיר האָבן אָנגעהויבן ש[טור]מען וויי־טער צי פאָדערן פין דרויסן אַ שנעלער לייזונג [45] אָבער ליידער נישט ווי מ׳האָט זיך [פאַר]געשטעלט. איבער דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אָפענסיווע אויפן אָסטען, אין מ׳האָט געזען פין טאָג צי טאָג ווי די רוסן דערנעענטערן זיך צי אינץ, אין ס׳האָט זיך געשאַפן אַ מיין ביי אַנדערע [46], אַז עס איז אפשר איבריג די גאַנצע אַרבעט, בעסער צי וואַרטן, נאָך אַ ביסל אָבוואַרטן [ביז] דער פראָנט וועט זיך דערנעענטערן אין ציזאַמען דערמיט וועט [פאַלן דער] מאָראַל אין סוועט וואַקסן די דעזאָרגאַניזאַ[ציע] ביי [די ס.ס.]-לייט דאָ אין דער מיט קען מען אינזער אַקציע פיל שאַנסען צי־געבן. אמת! זיי האָבן פין זייער שטאַנדפונקט רעכט געהאַט, דערצי ווען זיי האָבן זיך אַבסאָלוט נישט געזעהען מיט דעם וואַרטען באַדראָהט. [———] [זיי ?] ליקווידירן [דער ?] האָט [———] [צייט] [———] זיי מיזן זיך נישט יאָגן דערצי, אָבער מיר

[52]

שטייענדיג ביי דער אַרבעט האָבן מיר אָבער געזען די ווירקלעכקייט, אַז די צייט וועט אַריבערלויפן אין מיט גאָרנישט. באַזינדערס, מיר אינזער קאָמאַנדאָ האָבן שטענדיג געהאַלטן, אַז מיר זענען ספעציעל מער באַ־דראָהט ווי אַלע אַנדערע אין לאַגער, זאָגאַר ווי די יודן אין לאַגער. נישט דערפאַר גלויבענדיג, דאָס דער דייטש וועט פאַר יעדן פרייז ווען פער־ווישן יעדע שפורען פון זיינע ביז יעצט אָבגעטוהענע מעשים, אין דאָס קען ער נישט אַנדערש נאָר דורך פערניכטן אינזער גאַנצע קאָמאַנדאָ, נישט איבערלאָזענדיג אפילו איינעם. דערפאַר האָבן מיר אין דעם דער־נעענטערן דעם פראָנט נישט געזען פאַר זיך קיין שאַנס. פאַרקערט, מיר האָבן געזען אין דעם אַ נויטווענדיקייט צי מאַכן אינזער אַקציע עטוואָס פריער אויב מיר ווילן עפעס נאָך ביים לעבן טיען. מיר האָבן אינטערן דרוק פין אונזער גאַנצער קאָמאַנדאָ געוואָלט בעאיינפלוסן דעם לאַגער צי פאַרשטיין, אַז ס׳איז די העכסטע צייט, אָבער ליידער האָט מען אינץ אָבגע־

לייגט פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן איבער דער צייט פון דעם ביסל מאַטע־ריאַל, וואָס [מיר] האָבן געהאַט, דאָס פינאַנדערגענומען אין דערפון גע־שאַפן דאָס געהעריגע, וואָס מיר האָבן וועוואָלט אין געדאַרפט. מיר האָבן אַלע אָנשטרענגונגען געמאַכט צו דערהאַלטן דעם גלייכגעוויכט פון דער קאָמאַנדאָ, מיר האָבן אַלץ געטיען מיט גרויס מסירת נפש, אָבער

[53]

[— — —] אין עס האָט מאָנאַטן לאַנג געדויערט. דערפאַר איז אונץ געלינגען אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג אין איבערגעבנהייט פון אייניגע יודישע מייד־לעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין אַמוניציאָן־ [פאַבריק] [47] [— — —] צו באַ־קימען עפּעס אַ ביסל מאַטעריאַל [48], וואָס האָט אונץ געדאַרפט ניצן ברענ־גען אין יענעם [מאָמענט] [— — —] באַהאַלטן אין זיך [— — —]

[— — —] אין סאַמע הארץ פון [לאַגער].

[— — —] אינזער גרויסן שונא [— — —]

[— — —] באַהאַלטן [49]

[— — —] גראַדאָווסקי זלמן פון סוואַלקי [50] אליין

[— — —] ציזאַמענגענומען פון די בעסטע עלעמענטן פון אינזער קאָ־מאַנדאָ [— — —] אינטער [— — —]

[54]

[— — —] שאַפן בעדאַרפט. מיר האָבן אָנגעהויבן אָנצישטיין ביי אינזערע מיטאַרבעטער צו בעשטימען אַ טערמין, ווייל פשוט אינזער קאָמאַנדע איז דערצו גרייט געווען. געשען איז דאָס נאָך דעם ווי ס׳אי[ז] [גע]וואָרן אָבגעשטעלט אַ ביסל די אַרבייט ביי אינץ. עס איז [נישט ?] געווען שוין אַזוי פיל יודן צו ברענען. נאָכדעם ווי עס זענען שוין [געהאַט] אומ־געקימען די אַלע יודן פון פוילן, דערינטער די [— — —] אין ס׳איז נישט פאָרויסגעזעהען מער קיין יודן צו ברענען [— — —] מען רעדוצירט אינזער קאָמאַנדע אויף דער העלפט, אַפילו אַוועקגענימען 200 (צוויי הונדערט) יינגע מענשען פון אינזער קאָמאַנדע [קיין] לובלין אין דאָרט האָט מען זיי אומגעבראַכט. באַלד דערנאָך איז דער לובלינער לאַגער [51] ליקווידירט געוואָרן אין די [זאָנדער] קאָמאַנדע פון יענעם לאַגער איז אַהער געקימען קיין בירקענאַו. געווען זענען [זיי] 19 רוסין אין איינער אַ [רייכ]ס דייטש, דער קאַפּאָ זייערער, ציזאַמען [20] מאַן. אין זיי האָט אינזער קאָמאַנדאָ געזעהען אַ געפאַר פאַר זיך, האַלטענדיג אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג,

וועז מיר וועלן [——] אימקימען אין עס וועלן דאָ פאַר[נעמען] די פּ[לעצ]ער ביים בר[ענען]. אינזערע וויסנדיג דערפין האָבן זיי געהאַלטן פאַר די העכסטע צייט [צי זאָ]גען געניג. דערצי איז כדאי צי באַ[מער]קן נאָך אַ [טער]רמין

[55]

אינזערע [——] נאָכדעם ווי די 20 געקימענע פין לובלין רוסין האָבן זיך מיט אינץ איינגעלעבט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי קאָנען אינץ פיל ניצען [ברענג]ען אין אינזער אַקציע, ערשטנס מיט זייער בלי־טיקייט אין שטאַרקייט. באַזינדערס האָט זיך געפינען איי[נע]ר אַ קריגס־געפאַנגענער, אַ מאַיאָר, אַ גאַנץ אינטעליגענטער מענש. אין אָנפאַנג האָבן מיר פיל האָפענונגען אויף אים געלייגט, אָבער [עס] האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז טראָץ זיין מיליטערישער [בילדונג], וואָס ער האָט געהאַט, האָט מען זיך מיט אים קיין מאָל נישט געק[ענט] ק[אָנס]ולטירן אין פאַרטרויען צי פיל. פשוט איז ער געווען [——] האָט מען אָנגעטראָפן אויף די אַנדערע רוסישע מיליטער [געפאַנגענע] פולקאָווניקעס אין ביז אַ גענע־ראַל, מיט וועלכע [מיר זענען] געשטאַנען אין קאָנטאַקט. אָבער עפעס האָט זיי געפעלט [——] פאָליטישע רייפקייט מיט [——] אַזאַ קאָמפּלי־צירטע אַרבייט, אויף אַזאַ קאָנספּיראַטיוון אופן ווי דאָ אין לאַגער [——] האָט זיי געפעלט. די באַנעמונג, די אָפּשאַצונג פין יעדן פלאַן, פין יעדער טאָט [——] יעדע זאַך איז ביי זיי נישט געווען גלאַט. [——] געווען עפעס נישט קלאָר פאַר זיך אַליין, נישט קלאָר [——] נאָך נישט

[56]

פערטיג, נאָכדעם ווי די רוסין האָבן זיך פאַר[שטע]נדיגט מיט יענע פין דרויסן פין לאַגער, איז ווידער [עפעס נישט] קלאָר געוואָרן, ס׳איז ווידער עפעס [קאַליע] געוואָרן, [מיר] האָבן שוין נישט געקאָנט לענגער וואַרטן אין האָבן זיך דעצידירט פשוט אַליין אויף אייגענע האַנד [——] איינפאַך פשוט [——] וואָס פאַרא העלדישקייט עס האָבן אַרויסגעוויזן [——] אינזערע ייִנגלעך, בסך [הכל] אַ קליינע צאָל. [——] זעהענדיג [——] וואָס שלעפּן אינץ אָב פין טאָג צי טאָג. [——] אַלע דאָ האָבן שוין געניג געהאַט [——] דער ערגסטער פין אינז, וואָס האָט געטאָן שלעכטס אין אוממענטשלעכעס, האָט זיך מיט [——] יענעם טאָג פין אַלץ אין אַלעם ריין געוואַשן [——] אַזוי ווי מיר זענען דעצידירט אין

זיי האָבן צייט, וועלן מיר פּריוון זיי אויפצווינגען, מיר וועלן זיי שטעלן פאַר אַ געשעהענעם פאַקט אין דערנאָך זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן, [אָבי] מיר האָבן אינזערס געטיען, בעשטימט איז געווען דער טאָג פּרייטיק. אינזער קאָמאַנדאָ האָבן מיר צעטיילט. איין גרופּע איז די וואָס האָט געאַרבעט אויפן קרעמ[אַטאָריום] 1־2, [52] די צווייטע

[57]

די וואָס אַרבעט אויף קרעמ[אַטאָריום] 3־4 [53]. אין מיטן פון די קרעמ[אַטאָריומס] געפינט זיך די זאָהנע [54] אין עפעקטן לאַגער [55]. גענוי אויפן פּלאַן וועט איר זיך איבערצייגן אַנדערשווי [56]. יעדענפאַלס געפינט זיך אָט דאָס אַלעס אין איין ווינקל פון לאַגער, אויף מערב פון לאַגער קרעמאַטאָריעס [57] 1—2 געפינט זיך אויפן ווינקעל דרום־מערב [אין] 3—2 [58] אויפן ווינקעל צפון־מערב. אין אין מיטן איז די זאָהנע אין עפעקטן לאַגער אויך אַריין יודישע קאָמאַנ[דאָ]. אַלזאָ 4 אַזייגער זאָלן מיר ערלעדיגן אינזערע שומ־רים אין דער צאָל פון ביז 10 מאַן, צינעמען זייער כלי משחית. אַ קאָמאַנדאָ פון 100 מענשען פון אינזער קאָמ[אַנדאָ] קרעמ[אַטאָריומס] 1־2 [59], וואָס איז בעשטאַנען אינגעפער פון 180 מאַן, דערפון גייט אַראָפּ אַ ביסל דערצי־אומפעהיגע, שוואַכע, קראַנקע, סתם פּחדנים, אַלזאָ הינדערט מאַן שטעלן זיך אויף דער שטראַסע אין וואַרטן אָב ווען עס קימט אָהן 5 אַזייגער די פּאָסטנס צי שטעלן זיך אויף די טורעמס, אויף די קליינע פּאָסטן קעטע, אויף נאַכט, אין דער צאָהל פון 20 מאַן. ווען די לעצטע קימען אָהן נאַנט, וואַרפען זיך אינזערע קאָמ[אַנדאָ] אויף זיי. בעשטימט אויף יעדען איינעם פון זיי פינף אינזערע, דעריבער אַזעלכע, וואָס קאָנען זיך ניצען

[58]

מיט מאַשין געווער. נאָכן ערלעדיגן די 20 מאַן טיילט זיך די 100 מאַן, אַ העלפט גייט מיט מאַשין געווער אַראָפּציוואַרפן די פּאָסטן קעטע, וואָס שטייט אַ גאַנצען טאָג, די אַנדערע העלפט גייט צים לאַגער. אין דער זעלבער צייט מיזן די אַנדערע אינזערע פאַרבינדעטע אויך מאַכן ביי זיך אויפן זעלבן סיסטעם[:] זיך בעפרייען פון די אייגענע שומרים, אין נאָכער קימען די זאנע־מענשען ציזאַמען מיט דער קאָמאַנדאָ פון קרעמ[אַטאָריומס] 3־4 [60] פון דער אַנדערער זייט לאַגער אין פאַלן אָהן אויף די פּאָסטן, וואָס גייען זיך שטעלן אויף נאַכט דינסט, אין דערנאָך אַנפאַלן אויף די בלאָק פירער [— —] לאַגערן, וואָס זענען ציזאַמען, דער קראַנקן

לאַגער [61], [דער] [פרויען]־לאַגער [62] אין מענער־לאַגער [63]. פֿין אינזערע מענשען פֿין [קרעמאַטאָריומס] 1־2 [64] דאַרפֿן [— —] גיין פּאָרויס אויף אַ וועג ווי זיי דאַרפֿן זיך טרעפֿן מיט 8 פּאָסטנס מיט מאַשין־געווער אין אויף זיי אָנפֿאַלן האַרט [65] ביי די דראָטען פֿין אינזער מענער־לאַגער. אַ גרופּע פֿין אינזערע מענשען, וואָס געפֿינען זיך אין לאַגער, שטייען אין וואַרטען. מיט דער מיניט ווען די דערגענטערן זיך אין דרויסן, האַקן זיי פֿין אינעווייניק איבער די דראָטען אין מיט

[59]

אַ גרויסן הוראַ! לויפֿען זיי צו הילף אין צינדען אינ[טער] [אין] דער זעלבער צייט אַלע באַראַקען פֿין לאַגער. די רעשט פֿין אינזער קאָמאַנדאָ, וואָס זענען געבליבן נאָך [.] די 100 אין 25 מאָן, די אַנדערע גרופּע מיזן אין דער זעלבער צייט איבער[האַ]קן די דראָטן פֿין פרויען לאַגער אין אַנדערע שכנותדיגע לאַגערן אין גלייכצייטיג אויפֿרייסן אַלע קרעמאַטאָריומס. אַזוי איז געווען בעשלאָסן אין אויך ציגעגרייט, אַזוי ווייט, אַז אַלע אינזערע מענשען זענען שוין געווען דערצי אָנגעטיען און אַפּילו פּאַרטיילט די אַרבייט אין אויך די געהעריגע כלים דערצי. בעשטימט איז געווען אויף 9 אַזייגער. אין 2 אַזייגער נאָך איז געקימען [דער] לעצטער שטאָפּעט, אַז עס ווערט נישט אָבגעריפֿען. דער עולם האָט זיך פּשוט גע־קושט פֿאַר פֿרייד, אַז מ׳האָט דערלעבט צו דער מיניט, ווען מגייט באַוויסט־זיניג [אַליין] מאַכן אַ סוף צו [אַ]לעם אימגעצווינגען. טראָץ דעם וואָס עס האָט זיך קיינער נישט געמאַכט קיין אילוזיע, אַז מגייט דערמיט זיך רעטן. פֿאַרקערט. מיר האָבן זיך גענוג אָבגעגעבן אַ חשבון, אַז עס איז אַ זיכערער טויט, אָבער דאָך זענען אַלע דערפֿין ציפֿרידן געווען. געשען איז אָבער [אין] דער לעצטער מיניט עפּעס

[60]

[וויכ]טיקעס מיט אַ טראַנספּאָרט, אין מ׳האָט געמיזט דאָרט אין זאָגע אָב־האַלטן אין ממילא אויך די גאַנצע אַקציע. דעם אמת געזאָגט, אינזערע יינג־לעך האָבן פּשוט געוויינט מיט טרערן, וויסענדיג, אַז אַזעלכע געשעהענישן טאָר מען נישט אָבלייגען, ווען נישט, גייט שוין נישט, ווי מ׳האָט געוואָלט. איבער דער צייט זענען ווידער געקימען אינזערע פֿערבינדעטע פֿין לאַגער אין געבעטן דערהאַלטן ווייטער דעם קאָנטאַקט מיט זיי, פֿ[ערזי]כערענדיג אינץ, אַז גאָר אין קורצען זענען זיי דעצידירט מיט אינץ ציזאַמען צו גיין.

סיטואַציע־פּלאַן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ (בירקענאַו)



פּרטים פון פּלאַן

1. — הויפּטוואַך — „טויטן־טויער".
2. — בנין פון דער קאָמענדאַטור.
B I a — פרויען־לאַגער.
B I b — מענער־לאַגער ; פון אויגוסט 1943 פרויען־לאַגער.
B II a — קאַראַנטין — מענער־לאַגער.
B II b — פאַמיליען־לאַגער פון די ייִדן פון טערעזיענשטאַט.
B II c — לאַגער פון ייִדישע פרויען פון אונגאַרן ; פון נאָוועמבער 1944 פרויען־לאַגער.
B II d — מענער־לאַגער.
B II e — ציגײַנער־פאַמיליען־לאַגער; פון נאָוועמבער 1944 פרויען־שפּיטאָל־לאַגער.
B II f — מענער־שפּיטאָל־לאַגער.
B III — ייִדישער דורכגאַנג־לאַגער „מעקסיק" (Durchgangs-Juden-Lager)
R. — באַן־ראַמפּע.
K II — גאַזקאַמער און קרעמאַטאָריע II.
K III — גאַזקאַמער און קרעמאַטאָריע III.
K IV — גאַזקאַמער און קרעמאַטאָריע IV.
K V — גאַזקאַמער און קרעמאַטאָריע V.
C — מאַגאַזין פון ייִדישן האָב און גוטס — „קאַנאַדע".
S — זאַונע.

מיר האָבן זיך געלאָזט אָנרעדן פֿון זיי. באַזינדערס די אויסערלעכע פּאָלי־טישע לאַגע, וואָס האָט זיך געבעסערט [פֿון] טאָג צו טאָג, האָט אינץ גע־צווינגען צי וואַרטען, אָבוואַרטען, אויסרעכענענדיג [דער]מיט שוין נישט אַזוי ווייט ווען שאַנס פֿאַר אינזער ראַטעווען [ז]יך, אין ווען מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט געפּריווט איינרעדן, נאָר פּשוט אין מער שאַנס אויף ערפֿאָלג פֿין דער [אַ]קציע. אין וואָס בנוגע די יודן, וואָס מיר פֿאַרבערענען איבער דער צייט, האָט אינץ דער לאַגער איינגערעדט, אַז זיי ווערן זאָ ווי זאָ פֿאַרברענט ווערן, ווען נישט דורך אינץ, איז דורך אַנדערע. אָבער מיר האָבן טאָג טעגלעך געשטורעמט

[61]

שוין געוואָלט ציהיילן די געשעהעניש. עס האָט אַזוי לאַנג [גע]דויערט ביז עס זענען איבער דער צייט פֿאַרברענט געוואָרן אַ האַלב מיליאָן [66] אונגאַ־רישע יודן, אין זיי אין לאַגער האָבן נאָך אַלץ צייט, פּשוט דערפֿאַר, ווייל זיי מיינט מען נאָך נישט, אין ס'איז נאָך אַלץ צי פֿרי, וואָס שפּעטער אַלץ מער שאַנסען. איבער דער צייט איז טאַקע געוואָרן דער פּלאַן אינזערער פֿערברייטערט דורכן אַנטייל פֿין גאַנצן לאַגער אין בעזונדערס דורכן שכנותדיגן לאַגער אין אוישוויץ. ס'איז ציגעגעבן געוואָרן צי אינזער פּלאַן דאָס, וואָס עס האָבן געאַרבעט אַ קאָמאַנדע פֿין פּאָלאַקן, רוסן, [יודן] ביים פֿינאַנדערנעמען אַלטע סאַמאָליאָטן [67] און דערביי פֿאַרשידענע מאַגאַזינען פֿין אַמוניציע [68], דאָס זיי זאָלן איבערפֿאַלן אויף זייער פּלאַץ די מאַגאַזי־נען אין פֿערטיילן דאָס געווער איבער דער קאָמאַנדע, אין די גאַנצע קאָ־מאַנדע זאָל קימען אויפֿן לאַגער אין קאַמף מיט די [ס.ס.] מענער אין לאַגער אין אַביסל זאָל איבערפֿאַלן די באַראַקען פֿין [די] מיליטער לייט [69] צים אינטערציינדן. אָבער זיי האָבן לײדער אין דער לעצטער מיניט געשטעלט אַ באַדינג נאָך וואַרטען אַ ביסעל. מיר האָבן געקריצט מיט די ציין אין געשוויגען.

[62]

ווייל מיר האָבן געהאַט פֿאַר[ויסגע]זעהען פּלענער צי מאַכן [די] אַקציע אויף אייגענער האַנד, דערינטער אויך אַ פּלאַן [צי] מאַכן די אַקציע שפּעט ביינאַכט אין באַלד פֿריוון לויפֿן אין פֿעלד, דערמיט פֿריוון זיך ראַטעווען, וואָס [סאיז] נאָך געווען עפּעס פּאָדאָבנע [70] צי פֿאַרווירקלעכן זיך [———] די אַלגעמיינע אַקציע האָט אינץ פֿיל אָבגעהאַל[טן], פּשוט דערפֿאַר, ווייל

מיר האָבן זיך נישט געקאָנט שליסן בײדע קאָמאַנדעס, ד׳ה׳ קרעמ[אַטאָר־ריומס] 1—2 [71] מיט די קאָמאַנדע פין קרעמ[אַטאָריומס] 3—4 [72] צי דער אַקציע. אין איידער עס זאָל איין קאָמאַנדע פין אינץ מאַכן אין דערמיט פאַרראַטן די רעשט די אַנדערע קאָ[מאַנדאָ] האָבן מיר באַשלאָסן בעסער וואַרטן אין מאַכן אַן אַלגעמיינע אַקציע מיט די זעלבע שאַנסן פאַר אינץ בײדע ד׳ה. בײדע קרעמ[אַטאָריומס]־קאָמאַנדאָס, אַזוי איבערגעגעבן אין פערבינדען [———] זענען מיר געווען.

עס האָט [זיך] אונטערגעריקט אַ טאָג, ווען אינזער לאַגע האָט אַנגעהויבן ערנסטער ווערן דורך דעם וואָס אינזער גאַנצע קאָמ[אַנדאָ] איז איבער־געגאַנגען וואָהנען אויף קרעמ[אַטאָריומס] 3—4 [73] אין וואָס צי טיען איז נישט געווען, אַזוי אַז [עס] איז [גע]ווען פאַרויסגעזעהען, אַז גאָר

[63]

אין די נאָנסטע טעג וועט מען קימען אין אַרויסנעמען אַ גרופּע מענשען פין אינץ. אין אָט אַזוי אין טאָקע געשעהען. מ׳האָט ציגענימען 2 [צוויי] הונדערט אין אימגעבערענגט זיי אין פאַרברענט [74]. באַלד דערנאָך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער דראַנג צי פאַרענדיקן די שפּיל, ווייל פּשוט אין גרויס אויפרעגונג אין פאַרדרוס אין דערצי נאָך איז די אַקציע נאָך נישט פאַר־גיענדיגט.

ווייל מהאָט פערשטאַנען, אַז באַלד נאָכן אָבלויפן אַ שטיקל צייט וועט ער ווידער פּריוון קלענער מאַכן נאָך די קאָמאַנדע, ווייל די בודאַפּעשטער יודן וועט ער שוין אָהער נישט ברענגען. דערצי זאָגט מען שוין אָפען ווי ער האָט ציגעטרעטן צי ליקווידירן דעם לאַגער דורך דעם, וואָס ער פירט אַוועק טאָג טעגליך טראַנספּאָרטן יודן מיט דער באַהן נישט ווייט פין דאַ־נען, ווי מיר האָבן אַלע אויסגעפּריוועט באַווייזן דערצי, אַז זיי ווערן פאַר־ניכטעט, זאָגאַר די קליידער זייערע קימען ציריק [———] אין דערצי פירט ער דאָ צי אינץ אין קרעמ[אַטאָריום] אַריין טאָג טעגליך געזינטע פרישע יונגע מענשען, גאַרנישט שוין קיין געקליבענע, ווי ער פלעגט עס אַמאָל מאַכן, נאָר פּשוט כסדר בלאָקנווייז [75], סיסטעמאַטיש

[64]

[פּלאַנ]מעסיק, אַז [מ׳זעהט] גענוע, אַז עס ריקט צי דער [ט]ערמין פין גענצליכער ליקווידאַציע, אין דערצי וועט ער נאָך פּריוון נאָך מאַכן אַ רע־דוקציע ביי אינץ אין קאָמאַנדאָ, וועלכע וועט זיך אים שוין בעשטימט נישט

איינגעבן, ווייל ער מיז טרעפן אויף אַזעלכע, וואָס זענען פֿין אַלעס אָנ־פּאַרטרויט אין צי דער אַרבייט ציגעטיילט. פּשוט שוין לאַנג גרייט צי דער געשעהעניש אַזוי אַז ס'וועט זיך אים [76] בעשטימט נישט איינגעבן, אין דאָס האָבן מין געוופּיסט געגנוע. נאָך אינזערס אַ שטאַרקן דריק אויפֿן לאַגער [77], וואָס מיר האָבן זיי געקלאַפּט אין קאָפּ טאָג אין נאַכט אין אויפגעוויזען, אַז מיטן וואַרטען וועלן זיי דערוואַרטן נישט מער ווי צי זייער קאַלעיקאַ, זייער רייע צים בונקער [78] גיין, ווייטער גאַרנישט מער, האָבן זיי ווידער ענדליך מסכים געווען אין באַשטימט אַ טערמין צו דער אַלגעמיינער אַקציע, איינהייטליך, געמיינזאַם. מיר האָבן זיך ווידער מיט אַל[עם] פֿאַרבעררייט, אָבער שוין פֿאַרזיכטיקער ווי בעפֿאַר [79], ווייל פֿין ערשטן מאָל האָבן מיר געל[יטן] נאָכווייען פֿין אַ מסירה פֿין אינזערס אַ פּוילישן קאַפּאָ מיטן נאָמען מיעטעק, וואָס האָט געמסרט אויף אינזער יודישן קאַפּאָ [80]

[65]

[אין] מ'האָט אים טאַקע אינטער דער זעלבער בעשולדיגונג אוועקגענימען אין געשאָסן. דאָס מאָל האָבן מיר געוואָלט מאַכן פֿאַרזיכטיגער שוין.

נאָכן באַשליסן שוין דעם טערמין זענען מיר געוואָר געוואָרן פֿין אינזערע פֿערבינדעטע יודן, וואָס האָבן פֿאַרטרעטן די אַלגעמיינע מאַסע פֿין לאַגער, וועלכע זענען געשטאַנען אין כסדרדיגען קאָנטאַקט מיט די רוסין אין פּאָלאַקן פֿין לאַגער, אַז דאָס באַש[טי]מען פֿין די רוסין דעם טערמין איז געווען אויף אייגענער האַנד, נישט אויסרעכענענדיג געניגענד, נישט ציגרייטענדיג גע־העריג, נאָר פּשוט אויף זייער אַלטן שוין אינץ באַקאַנטן סיסטעם פֿין נישט אַריינ[קלע]רן צי פֿיל, נאָר מאַכן אין פֿערטיג, יאָ אויסגערעכנט, נישט אויס־[גערעכנט], יאָ שאַנסען, נישט שאַנסען, מאַכן אין פֿערטיג. צי עס וועט עפּעס געלינגען, צי נישט, דאָס איז שוין פֿאַר זיי צי פֿיל אַריינציקלערן, דאָס [—–] וועלן אויסרעכענען, אַז מען דאַרף ציגרייטן [—–], אַז אַלע [וואָס] זענען פֿאַרטרעטן דורך אינץ [—–] זאָלן דערפֿין זיין בעהאַוונט, זאָלן דאַרפֿן וויסן [—–] צי מען וועט דאַרפֿן עפּעס טיען, עפּעס אויספֿירן. מיזן דאָך [—–] פֿריער וויסן [דער]פֿין דאָס הייסט [—–]

[66]

שוין [—–] זיי וועלן שוין וויסן אַליין. זיי וועלן הערן דעם הוראַ, דעם געשריי, דאָס שיסן וועלן [זיי] שוין וויסן וואָס עס פּאַסירט. אָבער אַז דאָס הייסט אַן אַוואַנטורע, אויף וועלכער [מיר] האָבן זיך נישט געוואָלט דעצי־

דירן ווייל מען [האָט] ווינציג שאַנסען אויף סתם [זיך שלאָ]גען האָבן מיר געהאַט בעסערע שאַנסען צו מאַכן אויף אייגענער האַנד, וואָלטן מיר מער געווינען. אין דעם אמת געזאָגט: אינזערע מענשען אַליין האָבן אינץ פיל מאָל פאַרגעוואָרפן אין אָבשלעפן [——] מיט אָבטיהען אויף אייגענער האַנד [——] שוין געניג, אין מיר אַליין, מיר די, וואָס זענען געשטאַנען אין שפיץ פין דער אַקציע, מיר אַליין האָבן געמיזט זיין די, וואָס האָבן אָבגעהאַלטן, אָבגעשלעפט אויף אַ טאָג שפעטער אין בכדי צו געווינען מער שאַנסען, מער אָרגאַניזאַציע.

נאָך דעם טערמין האָבן מיר אָראָפּגעוואָרפן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די עגצעלנע, וואָס פאַרשט[ייע]ן בעסער ווי צו אָרגאַניזירן די גאַנצע זאַך. אויף אייניגע יודן מיט אייניגע פּאַלאַקן. אַלזאָ זיי האָבן יעצט אָנגעהויבן [זיך] צו אָרגאַניזירן אין צו גרייטן אַלע אויסערן־קאָמאַנדעס [81] צו דער געשעהעניש ווי ס׳דאַרף זיין, באַזעצן יעדע קאָמאַנדאָ מיט אַ פּאַסיקן פאַרטרויונגס מאַן, וואָס זאָל פין אַלעם זיין

[67]

אינפאָרמירט אין וויסען בעפאָר דעם באַשטימטן טערמין, אויפן אָרט צוגרייטן די נויטיקע בעדינגונגען מיט כלים צו דער זאַך. פאַרשטענדליך, אַז ס׳האָט זיך אָרויסגעוויזען [זעהר] פאַר ריכטיג ווי די ריכטיגע שאַנסען אויף איינגעבן זיך [גע]העריג. אָבער ס׳האָט געמיזט דאָס דויערן אַ שטיקל צייט. איבער דער צייט אָבער איז געשען דאָס, פאַר וועלכן מיר האָבן [אַזוי] שטאַרק זיך געשראָקן. מ׳האָט ווידער אָנגעזאָגט אַן אָבגאַנג פין אַ טראַנספּאָרט פין דער קאָמאַנדאָ פין קרעמ[אַטאָריומס] 3—4 [82] פין 300 (דריי הינדערט) מאַן. דאָס האָט אינגאַנצן אַריינגעברענגט אַ צעמישונג אין דער קאָמאַנדאָ. עס האָבן זיך געפינען אַזעלכע פין די 300 מאַן, וואָס האָבן פאַרויסגעזאָגט, אַז זיי וועלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אין מיט שטעלן אַ ווידערשטאַנד [איז] פאַרשטענדלעך, אַז מ׳קען נישט פאַראויסזעהען מיט וואָס וועט [זיך ענ]דיגען. אין דערצו האָבן די אַנדערע, די וואָס האָבן געדאַרפט בלייבן, געזאָגט, אַז זיי זענען גרייט צו פאַרענדיגען צוזאַמען מיט יענע, אין אפשר גאָר אַ פּאָר שעה פריהער, נישט צו וואַרטען ביז מ׳וועט זיי קימען אַרויסנעמען, נאָר פאַרענדיגען אַן אָוועגד פריהער. זיי האָבן באַשטימט געהאַט די פילע רעכט דערצו, אַזוי האָט מען פאַקטיש געדאַרפט טיען.

[68]

[——] האָבן זיך געשטיצט אויף די פערזיכערינגען פֿין גאַנצען לאַגער, אַז די פראַגע איז הינדערט פּראָצענדיג אַקטועל אין די נאָענסטע [צייט]. ס'איז אַ פראַגע פֿין ענצעלנע טעג, מיט דער פילער שאַנס פֿין דער באַטייליגונג פֿין גאַנצן לאַגער אין דער צאָל פֿין צענער טויזענטער מענשען. אין פאַר־לאַנגענדיג פֿין אינץ אומבאַדינגטע טאָלעראַנץ צים אָוועקנעמען די [300] מאַן פאַרן פרייז פֿין ערפאָלג פֿין דער אַקציע.

מיר פילענדיג, וואָס מיר האָבן שוין כוחות [——] דער גאַנצקייט פֿין דער אַלגעמיינער אַקציע [אין נישט רעכענדיג] זיך מיט אינזער לעבן, שוין נאָר זייענדיג פאַראינטערעסירט אין וואָס מער ערפאָלג האָבן [——] [גע־לאָזט] [——] צי בלייבן [——] פֿין דער ווייטן, מיר האָבן [——] אין מיר זאָגן זיי גאָרנישט. פאַרקערט, זאָלן זיי שטעלן דעם געהעריקן ווידער־שטאַנד טיען זאָלן זיי וואָס זיי קענען. אָבער מיר בלייבן פֿין דער ווייטן. דערמיט וועלן מיר אינזער שאַנס, וואָס האָט גענדאַרפט אינטערקימען [בס'ה] אַ פּאָר געציילטע טעג שפּעטער, נישט פערלירען. אַ געשעהעניש וואָס איז געשעהען אַ פּאָר טעג פריהער ביי אינץ אויף קרעמ[אַטאָריום 2 [83] האָט גע־ברענגט ליידער צים גרויסן

[69]

[——] אומגליק אין צעשטערט פיל פֿין אינזער גאַנצן פּלאַן. אָבער עס האָט קיינער קיין רעכט נישט עפּעס אַראָפּצינעמען פֿין דער מאָראַלישער הויך אין דרייסטקייט, מוט אין העלדישקייט, וואָס [עס] האָבן אינזערע חברים באַוויזן אויך [ביי] דעם נישט געלינגענעם פּ[אַ]ל, וועלכער [האָט נאָך] ביז יעצט נישט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע פֿין [אוישוויץ]־ביר־קענאַו אין בכלל אין דער געשיכטע פֿין נגישות, רדיפות, צרות אין פּיין, וואָס דער דייטש האָט אין דער גאַנצער פערנימענער וועלט אָנגעמאַכט.

געוועזן זענען ביי אינץ די 19 רוסין, וואָס האָבן מיט אינץ ציזאַמן גע־אַרבעט. זיי זענען געוועזן פֿין אַלץ אין אַלעם אינפאָרמירט אין אָנפּאַרטרויט. זיי מיט זייער בלוטיגייט האָבן זיך אַ ביסל אויסגעוויזען פאַר ד[עם] קאַמ. [פירער] פּאַר צי פרעך. זיי האָבן בכלל נישט געפרעגט ביי קיינעם, געטיען וואָס זיי האָבן געוואָלט, וואָס די אינזערע מושלים איז דאָס אַבסאָלוט נישט געפעלן. פיל מאָל האָבן זיי וועגן די רוסן גערעדט, אַז זיי וועלן זיי פֿין דער קאָמאַנדאָ אָבלעזן [84], נאָר פֿין זאַנדער אָבלעזן [ווייסן] אַלע וואָס עס

באַדייט, פּשוט אין הימל. אין דערויף האָבן זיי זיך אַ ביסל נישט געקאָנט דעצידירן אויף אייגענער האַנד. עפּעס האָבן זיי נישט געהאַט קיין גענוג־ענדען תּרץ

[70]

[— —] מיט איייניקע טעג פריהער האָט זיך איינע[ר] פון זיי אָנגעשיכורט אין געמאַכט שטאַרקע אַוואַנטורעס. דער שעף אינזערער אַן אונטערשאַרפי־רער, אַליין אַ רוצח פון פאַך, ציזעהענדיג דאָס האָט ער אים אָנגעהויבן שטאַרק שלאָגן. דער איז פון אים אַנטלאָפן אין דער שעף האָט אים נאָכ־געשאָסן אין פאַרווינדעט. דעדנאָך וועלענדיג אים, דעם פאַרווינדעטען אָוועקפירען, דער [85] איז אַראָפּ פון וואַגען אין זיך געוואָרפען אויף אָט דעם זעלבן שעף, אַרויסגעריסן אים די פייטש פון האַנד אין דערלאַנגט אים [איב]ערן]ק[אָפּ. דער לעצטער האָט שנעל געכאַפּט דעם פּיסטאָלעט אין אים טויט געשאָסן אויפן אָרט. ער האָט אויסגעניצט די געשעהעניש [אין] געמאָלדן דעם קאָמענדאַנט, אַז ער האָט מורא פּשוט פאַר די רוסין אין ער פאַדערט מ׳זאָל זיי פון דאַנען אָוועקנעמען, וועלכעס ער האָט אים פאַר־שטענדלעך צוליב געטיען. אַזוי ווי מ׳האָט שוין גערעדט, אַז פון קרעמ[־אַטאָריומס] 3—4 [86] נעמט מען אַוועק אַ טראַנספּאָרט פון 300 מאַן, [ה]אָט זיי דער שעף געמאָלדן, אַז זיי קימען מיט מיטן טראַנספּאָרט, אין וואָס דאָס הייסט, האָבן זיי גיט פאַרשטאַנען, ווייל זיי אַליין, אָט די 19 רוסין האָבן פערבר[ע]נט דעם

[71]

[ער]שטען טראַנספּאָרט פון 200 מאַן, וואָס איז פון אינץ אַוועק קיין לוב־לין [87] צי זיי אין די הענד. עס האָט זיך געשאַפן אַ געוואַלדיגער כאַאָס ביי אינץ אַליין. זיי אַליין האָבן געוואַ[לט] אָנהויבן דעם שפּיל אין אָונד. מיט קינצען האָבן מיר זיי איינגעהאַלטן. מיר האָבן גערעדט מיטן שעף וועגן לאָזן זיי, אויפקלערנדיג אים, אַז ס׳איז געווען אַ פּשוטער צופאַל פון אַ שיכור, וואָס איז פאַר גאַרנישט פאַראַנטוואָרטליך אין קיין [צ]ווייטער פאַר אים אָוודאי נישט. ער האָט זיך געלאָזט פון אינז אַ ביסל בעאיינפלוסען, ווייל צי אינץ האָט ער געהאַט דעם פילסטן צוטרוי, פאַר וועלכן מיר האָבן גענוג געזאָרגט, אַז עס זאָל אַזוי זיין. אין עס וואָלט באַשטימט אַדורך רו־היק [שיין ?], אָבער מיט אַ טאָג שפּעטער — געווען איז דאָס שבת אין דער פרי דעם 7/10 44 מיר זענען געוואָר געוואָרן, אַז [אין] דעם [האַ]לבן טאָג

דאַרף אָוועקגיין דער טראַנספּאָרט פֿין די 300 מאַן פֿין קרעמ[אַטאָריומס] 4—3 [88] האָבן מיר צים לעצטן מאָל פּערפעסטיקט אינזער שטעלונג אין געגנוע אין דייטלעך אינזערע פֿאַרבינדעטע אָנגעזאָגט, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך האַלטן אין פֿאַרשידענע פֿאַלן. ווי אָבער עס איז געקימען מיטאָג־שעה 1.25 אַזייגער אין מ׳איז געקימען נעמען די 3 הונדערט מאַן

[72]

האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיגע העלדישקייט, נישט וועלענדיג פֿין פּלאַץ אַראָפּגיין. זיי האָבן געעפֿנט אַ גרויס געשריי, אָנגעפֿאַלן אויף די [פֿאַ]סטענס מיט האַמערס אין העק, עטלעכע פֿין זיי פֿאַרווינדעט, אין די רעשט האָבן זיך געלאָזט מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט, פּשוט מיט שטיי־נער זיי באַוואָרפֿן. די קאָנסעקווענצען, וואָס זענען געווען, איז זיך לייכט פֿאָרצישטעלן. עס האָט געדויערט אייניקע מיניטן אינגאַנצן, אין עס איז אָנ־געקימען צי פֿאָרן אַ גאַנצער שוואַדראָן מיט באַוואָפֿנטע ס.ס. מיט מאַשין געווער אין האַנד־גראַנאַטן, אַזוי פֿיל, אַז אויף יעדן העפֿטלינג האָט אויס־געמאַכט נישט ווינציגער ווי 2 מאַשין־געווערס. אַזאַ אַרמיי האָט מען צי זיי מאָביליזירט! אינזערע זעהענדיג, אַז זיי זענען פֿאַרלוירן האָבן גע־וואָלט [אין] דעם לעצטן [מאָמע]נט אינטערצינדען דעם קרעמ[אַטאָריום] 3 [89] אין [אַ]ליין אינטערן געשריי אין קאַמף געפֿאַלן דערשאָסענע [אַלע] אויפֿן פּלאַץ. אין דער גאַנצער קרעמ[אַטאָריום] איז אָוועק מיטן רויך. אינ־זער קאָמאַנדאָ פֿין קרעמ[אַטאָריום] 1—2 [90], זעהענדיג פֿין דער ווייטענס דעם פֿלאַם פֿייער אין די אימגעהויער גרויסע שיסעריי, זענען זיי געווען זיכער, אַז פֿין יענער [91] קאָמאַנדאָ איז קיינער נישט געבליבן. מיר [— —] אין דעם פֿאַל איז [ב]יי אינץ קלאָר געוואָרן

[73]

אַז די אינזערע פֿערבינדעטע זענען מיט זיי אין פֿערשטענדליך, אַז זיי האָבן זיך באַניצט מיט די כלי משחית, וואָס זיי האָבן געהאַט, אין אין דעם פֿאַל וואָלט דאָס געווען די גרעסטע מסירה קעגן אינץ, אַז ביי אינץ געפֿינט זיך אויך עפּעס אָזעלכעס. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר טאָרן נישט פֿריצייטיג רעאַגירן, ווייל סאָווי איז דאָס נישט מער ווי אַן אָוואַנטורע אין דערצי האָבן מיר שטענדיג צייט, זאָגאָר אין די לעצטע מיניטן, ווייל נישט זייענדיג ציגעגרייט, נישט מיטן הילף פֿין אַלע ציזאַמען, נישט מיטן לאַגער, אין דערביי אין מיטן העלן טאָג איז [דאָס] געווען [אַן]

יעדן שאָנס פֿין גלויבן, עס זאָל וועמען געלינגען זיך ראַטעווען, זאָגאַר נישט איינעם. דערפֿאַר מיזן מיר אָבוואַרטן. פֿילייכט וועט זיך גאָר אָבשטעלן ביז פֿאַרנאַכט, אין דאַמאָלס ווען מ׳וועט האַלטן פֿאַר דרינגענט, וועלן מיר דאָס מאַכן אין אָוונד. די רוסין, וואָס זענען מיט אינץ געווען, איז נישט געווען אַזוי לייכט איינצוהאַלטן, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז מ׳וועט זיי גלייך מיטנעמען מיטן טראַנספּאָרט, אין ווען דאָרט קימט אַלץ אים אין קאַמף, האָבן זיי געהאַלטן, אַז פֿאַר זיי איז די בעסטע צייט. דערצי האָט צוגעהאָלפֿן דאָס, וואָס זיי האָבן באַמערקט פֿין ווייטן ווי עס דערנעענטערן זיך צי אינץ אַ מחנה באַוואָפֿנטע

[74]

ס.ס. מענער. געקימען זענען זיי ציליב פֿאַרזיכטס מיטלען, אָבער זיי האָבן אין דעם געזעהען, אַז מקימט דירעקט נאָך ז[יי]. אין דער לעצטער מיניט איז אימעגליך געווען זיי צי באַהערשען אין זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אויף דעם אָבערקאַפּאָ, אַ רייכס דייטש, [אין אים] מאָמענטאַל לעבעדיקערהייט פֿאַרשיבט אין ברענענדיגן אויוון, וואָ[ס] [ע]ר האָט דאָס באַשטימט כשר פֿאַרדינט. אין אפשר נאָך צי לייכט געווען דער טויט פֿאַר אים. אין דערצי גענימען זיך צי דער ווייטערדיגער אַרבייט.

אַנדערע חברים פֿין קרעמ[אַטאָריום] 1[92], זעהענדיג [אַז] זיי זענען געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ געשעהענעם פֿאַקט [וואָס עס איז] נישט שוין נישט מעגליך צירעגציציהען, האָבן זיך שנעל [אין דער סיטואַציע] אָריענטירט אין געפּריוועט אָריינגנאָרן די שעפֿן, [וואָס] האָבן זיך דעמאָלט געפֿינען אין דרויסן. זיי אָבער האָבן זיך שוין געפֿילט באַדראָהט אין נישט געוואָלט בקיין פֿאַל לאָזן זיך פֿאַרנאַרן[93]. נישט קענענדיג מער וואַרטען, ווייל ס׳האָט געשפּילט אַ ראָלע יעדע מיניט ציליב דעם דערנעענטערן זיך פֿין די אָנגעקימענע באַוואָפֿנטע פּאָסטנס, האָבן זיך שנעל אויגנבליקליך פֿאַרטיילט ביי זיך אַלץ וואָס נאָר זיי האָבן געהאַט אויף דער לעצטער מיניט, אין זיי האָבן די דראָטען איבערגעהאַקט.

[75]

אין אַלץ [איז זיך] פֿינאַנדערגעלאָפֿן אַרום פֿין דער פּאָסטן קעטע. זיי האָבן דאָך אָרויסגעוויזן אַזוי פֿיל פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אין [מ]סירת נפש אין די לעצטע מיניטן ווי סהאָט געשפּילט אַ ראָל [יעדע] סעקונדע פֿאַרן שאַנס פֿין זייער באַדראָטען לעבן [דו]רך די פּאָסטענס, וואָס האָבן זיי

געיאָגט. דאָך האָבן זיי זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווײַלע אין זייער אויפגאַבע [אויסגעפירט?] איבערגעהאַקט נאָך די דראָטען פון שכנותדיגען פרויען לאַגער, בכדי דערמיט צו ערמעגלעכען די פרויען דאָס פאַנאַנדערלויפען זיך. ליידער איז זיי זער ווינציג געלינגען חוץ דעם וואָס זיי האָבן נאָך באַוויזן אָבצילויפען עטלעכע קילאָמעטער אַוועק פון לאַגער. דאָך זענען זיי גערינגלט [94] געוואָרן דורך די אַנדערע פאָסטענס, וואָס זענען געוואָרן טעלעפאָניש אַרויסגערופן פון די שכנותדיגע לאַגערן [95] אין דורך זיי זענען זיי אַלע ליידער אימגעקימען לויפענדיג. אַ סך פון זיי האָבן נאָך אויסגעניצט זייער מאַטעריאַל [96] וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט אין דערמיט זיך ערמעגלעכט צים אַזוי ווייט אָבלויפען. אָבער פאָרט איז דער כח פון דער מאַכט געניג גרויס. [ווי] ס'איז געווען פאָרויס געזעהען מיט דער הילף

[76]

[——] האָט ער ליידער אַלע אינזערע העלדישע ברידער גערינגלט אין פון דער ווייטנס מיט מאַשין געווער אַלע אימגעברענגט [97]. באַזינדערס ווער קען דען שאַצן די דרייסטקייט אין איבערגעבענהייט פון די ענצעלנע פון אָט די חברים אינזערע, וואָס זענען געבליבן אין דער צאָל פון 3 מאַן [98], [כדי] מיט [זיך] צו[זאַ]מען אויפצורייסען דעם קרעמ[אַטאָריום] אין דער ליפטן אין צוזאַמען מיט דעם זאָלן זיי אימקימען, באַוווסטזיניג מקריב געווען זייער [ש]אַנס פון [אַבראַטעווען] [——]
וואָס סוף סוף פערגנבעט זיך אַ [האָפענונג] [——] אפשר דאָך אין דאָ אויף אים פערציכטעט אויף [——] מקריב געווען, איז דאָס נישט ממש מקריב געווען זייער אייגען לעבן אויפן מזבח? בעוווסטזיניג מיטן גאַנצן האַרץ, מיט פילע זעל[בסט אָפּ]פערונג, ווייל עס האָט קיינער אין יענעם מאָמענט דערצי נישט געצווינגען. זיי האָבן געקענט פריוון לויפן גלייך מיט אַלע אין דאָך פערציכטעט לטובת דער זאַך. אַלזאָ אדרבא, ווער איז פעיק צו דערשאַצן דאָס גרויסקייט פון אָט די חברים אינזערע, דאָס העלדישקייט פון זייער טאַט. יאָ! יאָ! דאָס בעסטע אינזערס איז דאָרט אימגעקימען, ממש דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע, די בעסטע עלעמענטן [——] אַמווירדיגסטן הן צו לעבן, הן צו שטאַרבן. [——]

[77]

געווען זענען זיי מענשען [——] האָבן זיי געוואַרט [——]

[——] זענען זיי געווען חברים צים קאַמף [——] צי לעבן אין צי שטאַרבן [——]

מיר וואָס זענען [——] געשטאַנען פין ווייטן ביי דער גאַנצער [געשעעניש] [נישט] וויסענדיג וואָס דאָרט איז פאָרגעקימען, ווייל אָבגעשטימט איז געווען [אַנדערש], אין דאָס וואָס דאָרט איז געשעהען די לעצטע מינוט [——] האָבן נישט באַוויזן אינץ צי וויסן צי געבן אין מיר זענען געבליבן לײדער אַליין אָן אינזערע נאָענטע, אָן אינזערע טײערסטע, שוין נישטאָ [דאָ מיט וועמען] צי לעבן אין [נאָך] ערגער וואָס איז נישטאָ מיט וועמען צי שטאַרבן, געבליבן פין אַלע אינזערע אָנפאַרטרויטע זענען מער נישט קיינער פין [——] עס איז געבליבן לעבן דער דערמאָנטער

[78]

יעקל האַנדעלסמאַן. [איינער] פין די זיילן פין דער הויפט אָנפיר[ונג] פין דער גאַנצער אַקציע. ציליב דעם וואָס ער איז געווען צוז[אַמען] [מיט די] 3 מאַן, וואָס זענען געבליבן צי שפּרענגען [די קרעמאַטאָריע] אין צוזאַמען מיט די [——] [שפּעטקייט] [——] וואָס זיי נאָך נישט באַוויזן אויפצירייסן [——] דעם בנין אין זיי זענען [——] אָבער לײדער [ווידער] געפינט ער זיך צוזאַמען [——] אייניקע רוסין וואָס האָבן זיך געפינען [——] אויף קרעמ[אַטאָריום] 2 [99] אין געפאַנגען [געוואָרן] זיי זיצן [אַרע]סטירט אין [בונ]קער [100] אין די הענד פין דער פּאָליטישער אָבטיילונג, פאַרשטענדליך וואָס זיי מאַכן דאָרט מיט איז זיך [לייכט] פאַרצישטעלן. דאָ איז נאָר געבליבן [——] דער דיין [101] אַליין, אָן אינטעליגענטער מענש [——] זיין זיך מיט אים, אָבער ווייט פין פאַרשטיין די גאַנצע זאַך פשוט ציליב זיינע שטעלונגען, וואָס האַלטן זיך שטענדיג אין די ראַמען פין יודישן דין, אין נאָך איינער, דער דערמאָנטער מאַלינקאָ עלוש, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער אָנפירער מיט דער אַקציע אויף דער

[79]

קאָמאַנדאָ קרעמ[אַטאָריום], וועלכן ער [——] אָבער פיל פין זאַכן, וואָס פאָדערן ישוב. ער איז צי יונג מיט צי ווינציג לעבנס דער[פאַר]ונג. עס איז אָ געשעהעניש, אָ קריג געשעהעניש [——] [פערבינדן מיט] קריגס ענינים.

אָבער נישט מיר זענען [——] נישט געהעריג איינגעגעבן, שילדיג איז [——] אין דאָקעגן זיין שטאַרקער כח וואָס ער האָט [——] האָבן דערלעבט צים ערשטן מאָל עס זאָלן מענשען — [אַכטן] דאָס וואָס עס פאַדערט פין זיי די [——] נישט דערשרעקנדיג זיך פאַר דעם [——] טראַץ דעם וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט [שאַנסן] צי לעבן לענגער אין גראָדע לעבן אויף גיטע בעדינגונגען, ווייל קיין עסן אין טרינקען, רייכערן פעלט אינץ נישט [——] אין דאָך זיך צי דעצידירען אין מאַכן אַן ענדע העלדיש מיטן [אייגענעם] לעבן, דאָס איז צי באַגריסן, אין אינזער געשיכטע צי [פע]רצייכענען, אָבער זייט [——] איבערגעגעבענע גאָלדענע חברים וואָס איר זייט שוין נישט מער מיט אינז, וואָס איר האָט שוין אייער אויפגאַבע ערפילט אין אייערס אָבגעטיען זייט [זיכער?] אַז אויך מיר וואָס לעבן נאָך יעצט, וואָס דרייען זיך נאָך אַרים אויפן גרויסן טרויעריקן [קבר]

[80]

פין אינטער [——] זיכער אויב [——] איז [——] [פאַ]ראַטן, מיר וועלן [——] נישט [——] אויך אינץ שרעקט גאָרנישט [——] מיט אייך [——] ציזאַמען קעמפן [——] אָנגעהויבן [——] אָנגעהויבן [——] אָנגעהויבן, אָבער מיר וועלן דאָס [——] אין ציזאַמען וועלן מיר האָבן אַ גאַנצע זאַך [געטיען?]

[81]

אין אַזעלכעס [וועט] פער[ב]לייב[ן] אייביג ביי אינז אין די אַלע וואָס וועלן פאַרשטיין אינזער לאַגע אָבצישאַצן. בלייבן [אי]בער [——] צים גיטן דערמאָנט ווערן.

ת. נ. צ. ב. ה.[102]

[——] געטראָפן מיט די פערבינדעטע אינזערע [——] אין דעם אַלגעמיינעם ענין. אַלע האָבן מיר [געמיינט אַז סוועט] דוירן אייניגע טעג ציליב דעם [——] אוישוויץ ציליב אינזערע מאָטיוון [——] מ'עט וויסען צי [איר] לעבט [——] וועט זיך אַליין אַזוי לאַנג נאַרן, אַז איר וועט זיך אַליין אַריינגאַרן. דאָס וועט מען שפעטער זעהען. מיר דערפאַר וועלן באַשטימט אינזערס נישט פערשפעטיגן. געדענקט אַלזאָ, מיר וואָרענען אייך, נאָך איינע שאַנס האָט [——] געדענקט, פאַרלירט נישט דעם לעצטן שאַנס וואָס דאָ [——] צייט האָבן זיי גיט פערשטאַנען אין זיי וועלן

טיען ווי איר [— —] נאָך נישט פאַרלויפיג, דאָס וועט אינץ די צייט זאָגן. [— —] אין אין זייער זאָגן האָבן מיר שוין עפּעס אַ ביסל אָנגעהויבן צווייפלען, אַ ביסל האָבן זיי שוין פערלאָרן ביי אינץ דעם ציטרוי צוליב זייער נישט קאָנסעקווענטקייט אין אַנדערס [103]

[82]

יעצט נאָך אייניגע טעג נאָך דער געשעהעניש [— —] [ווייסן] מיר שוין גענויע, ווי מיר זע[נע]ן אין דער וועלט, ווי מיר האַלטן [— —] קימט מען צים באַשלוס — — דרייסטע [— —] גרייט זיין צי [— —] מען האָט געדאַרפט איבערגיין פין ווערטער אויף פּראַקטישעס, אויף מעשים, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אַלע זענען [104] נאָך ווייט נישט גרייט. נאָך ערגער איז וואָס זיי זענען נאָך נישט גרייט מיטן געדאַנק. זיי [זענען] נאָך נישט פעהיג אויפצינעמען אַזעלכעס. פשוט געזאָגט, [עס] ווילט זיך נאָך לעבן. צי שטאַרבן, זאָגט ער, האָב איך נאָך צייט. דערפאַר [— —] אין אינטערשייד פין אינזערע ייִנגלעך [— —] די גאַנצע צייט האָט מען אינץ פאַרגעוואָרפן, אַז מיר זענען די שוואַכע, די פחדנים.

[83]

די וואָס שרעקן זיך פאַרן טויט, די וואָס ווילן נאָך לעבן אַ טאָג, וואָס אַ שעה לעבן שפּילט ביי זיי אַ ראָלע [— —] האָט זיך אָבער די ווירקלעכקייט, די געשעהענישן [— —] געוויזען [— —] האָט די גע־שעהעניש פאַר [— —] גראָדע מיר די פחדנים זענען געווען די [— —] די גאַנצע צייט מיטן וואַרטן [— —] עפּעס דערוואַרטן מיר האָבן [— —] אַ שאַנס אויף עפּעס [— —] וואָס ברייטער אָבער ווען עס איז געווען [— —] ווען מיר האָבן געזעהען, אַז מיר האָבן נישט אויף וואָס צי וואַרטן, אַז די אַלע הבטחות אין ציזוגענגען וואָס מיר האָבן געקריגן די גאַנצע צייט, זענען אַלץ געווען פּוסטע פראַזן געבויט אויף ליגענס אין פאַל[שקייט]. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן אין געזאָגט: גענוג. נישט [שרעקן ז]יך פאַרן אויסגאַנג [פינעם קאַמף] [— —] טראָץ דעם וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט שאַנסן אַ ביסל צי לעבן אפשר נאָך לענגער פאַר די אַלע פין לאַגער, דאָך האָבן זיי געהאַט דעם כוח צי גיין באַוווסטזיניק צים

[84]

טויט. פאַרוואָס [— —] אַלע אַנדערע פין לאַגער האָבן דעם כוח נישט געהאַט [— —] איז דאָס באַהאַנדלען אינץ [— —] כסדר אין קאָנטאַקט מיט די

פּאָלאַקן [——] סאיז פּשוט דער [——] איבערגעגעבנהייט צי דער [זאַך ?] [——] זיי האָבן אינץ אויסגעניצט אויף אַלע געביטן [——] [מיר האָבן] געליפערט אַלץ נאָר וואָס זיי [האָבן געפאָדערט], אַזוי גאָלד, געלט אין אַנדערע ווערט [ז]אַכן פאַר שווערע מיליאָנען.

אין נאָך וויכטיגער איז דאָס, וואָס מיר [האָ]בן זיי געליפערט גע־היימע דאָקומענטן, מאַטעריאַל פין אַלעם וואָס עס איז מיט אינץ פאָר־געקימען [——]. אַלץ האָבן מיר זיי איבערגעגעבן פין יעדער [קליי]־ניקייט וואָס [האָט] פּאַסירט,[105] אַזעלכעס וואָס קען אַמאָל די וועלט פאַראינטערעסירן. אין בעשטימט זענען אַלע אינ[טע]רעסאַנט צי וויסן, וואָס האָט מיט אינץ פּאַסירט, ווייל אָהן אינץ וועט קיינער נישט וויסן, וואָס אין ווען ס׳האָט פּאַסירט.

[85]

אין אויב עס ווייס [ווער] עפּעס איז [עס אַלץ אַ ד[אַנק] אינזער אָנ־שטרענגונג, אַ דאַנק אינזער מסירת נפש, אינזער רי[זיק]ירן [מ]יטן לעבן אין אפשר נאָך [——] געטיען פּשוט דערפאַר פילענדיג, [אַז דאָס איז] אינזער פליכט. מיר טיען דאָס [——] וואָס מיר דאַרפן טיען. מיר האָבן [נישט] געפאָדערט קיין זאַך [——] אַרבייט [——] נישט דאָס אָבער [עס האָט זיך] אַרויסגעוויזן, אַז עס האָבן אינץ פאַרפירט אָט די פּאָלאַקן, אינזערע פערבינדעטע אין אַלץ וואָס זיי האָבן ביי אינץ ציגענימען האָבן זיי דאָס אויסגעניצט אויף אייגענע צוועקן. זאָגאַר דאָס מאַטערי[אַל], וואָס [מיר] האָבן אַרויסגעגעבן, איז פאַר[שריבן] געוואָרן אויף זיי[ערע איי]גענע אַדרעסן, אין איינגאַנצן פאַרשוויגן אינזער נאָמען, אַזוי ווי מיר וואָלטן [דעריין] קיין געמיינזאַמעס נישט געהאַט. יאָ! זיי האָבן זיך מיט אינזער געלט, מיט אינזער ווייַ אין מאַטער, מיט אינזער בלוט געשאַפן פּאָפּולאַ[ריטעט] אין רום [——] גענימען ציהען[106] פין לאַגער [——] זיי זענען ווערט מען זאָל זיי

[86]

העלפן אַרויסקריגן [——] אָדער ווער זענען די אמתע פער[טרע]טער, ווער האָט וואָס אַן אמת [——] קימט דאָס צי פערשרייבן ? דאָס ווייס נישט קיינער [——] אַנגעווייטאָגט [——] געליטענע, מיר ווייסן [——] פאַרוואָס קימט דאָס אינץ, פאַרוואָס האָבן [——] דאָס פאַרנימען מיט אייגענע [——] נאָך אַ פּאָר טאָג נאָך אַוועק אין מיר ווייסן [——] זיי פעלט נאָך אַ קלייניקייט וואָס מיר דאַרפן [——] מיר האָבן אינ־

זערס געטיען [— —] וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייער אינטערעס מיטן [אָפּשלעפּן ?] אינץ איז געווען נאָר דעריין, אַז זיי זאָלן קענען [— —] וואָס מער פון דאַנעט אַרויסציען, קלערענדיג, אַז [דורך] אינזער אַקציע מאַכן אויף אייגענער האַנד וועט [— —] שפּעטער מאַטעריאַל [— —] שמירען ווייטער [— —] זענען ווייטער זייערס צו דערגרייכן, זייערע אייגענע פּערזענלעכע אינטערעסן פאַר אינזער פּרייז, פאַרן פּרייז פון אינזער [— —] פאַרן פּרייז פון אינזער לעבן, וואָס מיר זענען דורך [— —] פאַרפירט געוואָרן אין אַוועקגענימען געוואָרן פון אינץ יעדער [— —] אין געשטעלט געוואָרן פאַר דעם

[87]

נישט זיין [— —] צו זאָגן [— —] ווייטער גייט דאָס נישט. [ווילסטו] זיך עפּעס פּערדינען, ווילסטו עפּעס שאַפן, טאָ גיי ריזיקיר אַליין שאַפּענדיג [— —] אַליין, נישט אויף יענעמס חשבון [— —] זאָגאָר איהר אינטעלי־גענטן, איהר [— —] [מיט אייער] שפּראַך, מיט אייער דעליקאַטן רעדן. אַך, [— —] יעצט אויסצידריקן אינזער [— —] פּערדרוס אין ווייטיג וואָס מיר האָבן [— —] פערבינדעטע הלוואי וואָלט איינער פון אינזערע זיך נאָך אַמאָל געקענט טרעפן אין לעבן מיט די אַלע [פערבינדעטע ?] פאַר דער [— —] מיר וואָלטן זיי אָט דעם [— —] פּרצוף זייערן אָבגעדעקט, מיר וואָלטן זייער [— —] אָבגעדעקט אין פאַר דער גאַנצער וועלט אים פאַרגעשטעלט [— —] זיי האָבן זיך מיט אינץ ציגאַנגען, מיט אינץ מיט זייערע פערבינ[דעטע ?] [זיי] האָבן פון אינץ אַלץ אויסגענאַר[ט] אין אינץ [— —] אַליין שטיין געלאָזן. [מיר] האָבן קיין [— —] מיר האָבן געמיזט זיי [הערן] [— —] ווייל [— —] באַשלוס [— —]

[88]

פילער [— —] אַליין אין [— —] איז בעסער צו שטאַרבן [— —] וואָס [— —] טויט [— —] סאיז ריזיקירן [— —] אַזוי זאָגט יעדער, אָבער די [פּאַלאַקן] [— —] [צו קאָן ?] [— —] פאַרן דרויסן, אָבער מיר האָבן [— —]געניג געלאָזט זיך אויסניצן [— —] פּאָפּולאַריטעט [— —] אַרויס־געקריגן זיך פון דעם פינצטערן שאול תחתיה אין דערפאַר [אָב]צאָלן מיט פּילשטענדיגן אַנטיסעמיטיזם וואָס מיר [האָבן ?] געפילט אויף יעדן טריט, אָט למשל זענען שוין מיט זיי אַוועק פילע צענדליקער מענשען אין נאָך קיין איינער האָט נישט געוואָלט מיט זיך נעמען [קיין יודן ?] [— —] צייט

[——] מיט פיל פערזאָנען [——] מיט נאַרישע אויסגעטראַכטע תירוצים
[——] אין מיר יודן גייען אין מיר קימען אים, עס וועט פין אינץ פין
[——] קיין איינציגער איז פין אינץ

[89]

[——] דאָס אויסגעניצט פאַר זיך. מיר וועלן אינזערס ווייטער טיהען. מיר וועלן אַלץ [פריוון] אין [פאַר?] דער וועלט באַהאַלטן, אָבער נאָר באַ־האַלטן פשוט אין דער ערד, אין [——], נאָר דער וואָס וועט וועלן גע־פינען, וואָס וועט [——] נאָך וועט איר נאָך געפינען [——] פין הויף פין אינטער קרעמ[אַטאָריום] נישט צי דער גאַס [——] פין דער אַנדערער זייט, פיל וועט איר דאָרט געפינען [——] ווייל מיר מיזן אַזוי ביז יעצט, ביז דער [——] געשעהעניש [——] כסדר כראָניש געשיכטליך אַלץ פאַר דער וועלט אַרויסגעבן. פין יעצט אָהן וועלן מיר אַלץ אין דער ערד באַהאַלטן.

געווידמעט מיינע נאָענטסטע, ערע זייער אָנדענק:
יאָסל וואַרשאַווסקי [107], געבוירן וואַרשע, געקימען פאַריז
זלמן גראַדאָווסקי [108] [סוואַלקי]
לייב [הערשקע פאַניץ [109]] [לאָמזי]
אייזיק קאַלניאַק [110] [לאָמזי]
דערעווינסקי יוסף, לוני [ביי גראָדנע]
לייב לאַנגפוס [111] פין מאַקאָוו מאַז[אָוויעצק], געבוירן וואַרשע, היינט נאָך אין קרעמ[אַטאָריום]
יעקל האַנדעלסמאַן [112], ראַדאָם — פאַריז, היינט אין בונקער
דער שרייבער פין די שורות זלמן לעווענטאַל, ציכנוב, היינט אין קאָמ[אַנדאָ]

[90]

די געשיכטע פין אוישוויץ [113], בירקענאַו אין אַלגעמיין אַלס אַרבייטס־לאַגער, באַזינדערס אַלס פערניכטונגס פלאַץ פאַר מיליאָנען מענשען, גלויב איך וועט פיל ווינציג פאַר דער וועלט ווערן איבערגעגעבן אַ ביסל דורך די ציווילע [114] מענשען אין כגלויב, אַז די וועלט ווייס שוין יעצט פין אַט די [גרויליקייטן?]. די רעשט אפשר וועט נאָך ווער פין די פּאַלאַקן לעבן בלייבן דורך וועלכן סאיז צופאַל, אָדער פין די לאַגער עליטע, וואָס [באַהערשן?] די בעסטע פלאַצוווקעס אין די פאַראַנטוואָרצטע [——]

אפשר דורך זיי, יעדנפאַלס איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט שוין נישט אַזוי גרויס. דאַגעגען דעם פאַרניכטונגס פּראָצעס פון בירקענאַו, פּאָלאַקן ווי יודן [——] די וואָס האָבן זיך שוין [גע]פינען אין לאַגער [——] [גע־זעהען] ווי אַט די אַלע זענען אומגעקימען פלאַנמעסיק הינדערטער טויזנ־טער[115] אויפן באַפעל פון דער [——] אויספירונג פון [——] אייגענע ברידער, העפטלינגען [——] אַנגעזאָגט געוואָרן ביי די אַרבייט דורך די קאַפּאָס אין פאַראַרבייטער[116] יעצט [——] וואָס [——] לעבן [——]

[91]

[——] אין אינזער צייט אין [20סטן ?] — צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין מיטן, אין סאַמע האַרץ פון ציוויליזירטן אייראָפּע [——] אין מענשען [——] פאַר [——] באַפעלן [——] פאַרשקלאַפונג פון [——] אין מענשען [האָס ?] פון [——] צו וואָס זיי האָבן די וועלט דערפירט [——] אָפּגרונד געשטאַנען אין דערביי זאָל פאַר זיך קלאָר ווערן [——] באַדינגונגען, ספּעציעל אינזער [——] בעקאַנטער זאָנדער קאָ־מאַנדע! אין ציזאַמענהאַנג מיט אינזער אַרבייט, אינטער וועלכער מיר האָבן אַזוי לאַנג געלעבט אין ביז היינט זיך דערהאַלטן אין איבערגע־האַלטן אין אינזער [——] דאָס האָבן מיר איבער דער צייט [געטראַכט ?] [——] אין אַלץ וואָס [——] איבער דער צייט [געלעבט?] מיט [——]

[92]

[——] פאַרשריבענע [——] אין הינדערטער יאָהרען שפּעטער אין [——] זיין נאָך בעסער געזאָגט [——] זאָלן זיי דאָס נישט גלויבן, מיר וויסן דאָס גענויע [——] פּאַסירט [——] מער צים שאול תחתיה [——]

[93]

[——] זאָל זיין טינט אַלע הימלען [——] האָבן זיך [——] מיט בלוט פער[שריבן] אין דער וועלט [——] העלדישן [——] בכדי געוויר צו ווערן [——]

[94]

אָבער מיר וועלן [——] אין איהר געהעריג אויסניצן, ווען מיר וועלן פאַרשטיין אין נישט [——] ווען מוועט צו אינץ [——] העלפן [——] אַז אינזער [——]

זלמן לעווענטאַל

10/10/44[117]



א בלעטל פון זלמן לעווענטאַלס פאַרצייכענונגען

הערות צו זלמן לעווענטאַלס פאַרצייכענונגען

1) דער מחבר באַשרײַבט דאָ די לעבנס־באַדינגונגען אין טשעכאַנאָווער געטאָ.

2) די דאָזיקע גרויל־סצענעס זענען פאָרגעקומען אין טשעכאַנאָווער געטאָ אין 1940, אָדער אין 1941 יאָר. ג״ע פון יצחק לייב קלעניעץ. אַרכ. ב. מאַרק. ג״ע פון אסתר מלאַצקער. אַרכ. ב. מאַרק.

3) דאָ דערמאָנט ז. לעווענטאַל וואַרשײַנלעך וועגן דער אַקציע פון שאַפן אַ פּאָלקס־קיך אין נײַשטאָטער געטאָ, ווו מען האָט געטיילט אומזיסטע מיטאָגן פאַר די ערשטע 300 יידישע פאַמיליעס אויסגעזידלטע דעם 1טן נאָוועמבער 1941 פון טשעכאַנאָוו. איניציירט און אָנגעפירט מיט דער אַקציע האָט אַ גרו־פּע טשעכאַנאָווער בעלי־מלאכות. זע: קהלת צ׳חנוב בחורבנה ומות־גבורים של רוזה רובוטה, תל אביב, 1952, עמ׳ 17.

4) ווישעדלעניע — פון פּויליש: גירוש.
דעם 1.11.1942 איז געקומען פון דער דײַטשישער מאַכט אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן דעם 2.11 פאַרלאָזן די שטאָט טשעכאַנאָוו. אויף דער אינטערווענץ פון די דײַטשן, בײַ וועלכע די יידן זענען געווען באַשעפטיקט, האָט די מאַכט אָפּגעלייגט דעם טערמין אויף דעם 6.11, כּדי די דײַטשישע אונטערנעמער זאָלן קאָנען אָוועקשטעלן אַנדערע אַרבעטער אויף די באַפרײַטע דורך די יידן אַרבעטס־פּלעצער. דעם 6.11 האָט מען אַרויסגעשיקט פון שטאָט 1.800 יידן.
זע: בנימין אַפּעל: אין די יאָרן פון דער דײַטשער יידן־אויסראָטונג, אין ספר צ׳חנוב, ז. 316.

5) אָנהייב נאָוועמבער 1942 האָט זיך אָנגעהויבן אין באַצירק ציכענאָו און אין באַצירק ביאַליסטאָק די ליקווידאַציע פון די דאָרטיקע יידן. די שטעט פּלאָנסק, נאָווידוואָר (נײַשטאָט) האָבן געהערט צום באַצירק ציכענאָו.

6) דאָ באַשרײַבט דער מחבר די געשעענישן פון דעם 7טן נאָוועמבער 1942, די ענדגילטיקע אויסזידלונג פון די פאַרבליבענע טשעכאַנאָווער יידן אין מלאַ־ווער געטאָ אַרײַן, וואָס איז געווען אַ דורכגאַנג־לאַגער פאַר די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך פון טשעכאַנאָווער „בעצירק״. דאָרט האָבן די דײַטשן פאַר־מירט טראַנספּאָרטן פון יידן קיין אוישוויץ. זע: ב. אַפּעל ד.צ.וו. ז. 316.

7) דאָ שילדערט דער מחבר דעם אָנקום אין מלאַווער געטאָ.

8) דעם 17טן נאָוועמבער 1942 איז פון מלאַווער געטאָ דעפּאָרטירט געוואָרן דער דריטער טראַנספּאָרט יידן קיין אוישוויץ. זע: צבי פּערלע: געטאָ אין חורבן. פּנקס מלאַווע, ניו־יאָרק, 1950, ז. 408.

9) אַ ביטערע איראָניע.

10) געמיינט די דײַטשישע אָקופּאַנטן.

11) דאָ שילדערט דער מחבר די געשעענישן באַלד נאָכן אָנקום פון דעם טראַנס־פּאָרט קיין אוישוויץ, דאָס אָוועקפירן מיט די סאַמאָכאָדן צו די גאַז־קאַמערן די אויסעלעקטירטע יידן.

12) זע: הערה נ׳ 35 אין קאַפּ. 3.

13) פאַרגלײַך: לייב לאַנגפוס: הערה נ׳ 9.

14) די ערשטע גאַז־קאַמערן אין בזשעזשינקע (בירקענאַו), פאַרן אויסבויען די פיר גרויסע קרעמאַטאָריעס מיט גאַז־קאַמערן, האָבן זיך געפונען אין אַ וועלדל אין צוויי דאָרפישע הייזקעס, געהעריק צוגעפּאַסטע צו דעם צוועק. גערופן האָט מען זיי: „דאָס ווייסע הייזל" און „דאָס רויטע הייזל", אָדער בונקער נר. 1 און בונקער נר. 2.

15) נאָר אַן ס.ס.־מאַן האָט אַריינגעוואָרפן דורך די פענצטערלעך דעם גאַז „ציקלאָן ב". זע: זייט 29.

16) געמיינט די מתים פון גאַז־קאַמער (בונקער).

17) געמיינט די יידישע באַפעלקערונג פון טשעכאַנאָוו.

18) די לעצטע גרופע טשעכאַנאָווער יידן, איבערגעזידלטע קיין מלאַווע, צווישן זיי דער מחבר, איז דעפאָרטירט געוואָרן דעם 7טן דעצעמבער 1942. נאָך 3 טעג שוידערלעכער רייזע אין פאַרחתמעטע וואַגאָנען זענען זיי אָנגעקומען קיין אוישוויץ דעם 10טן דעצעמבער 1942.

19) צו בויען די פיליע פון אוישוויצער לאַגער אין בירקענאַו זענען די נאַציס צוגעטרעטן אין אָקטאָבער 1941. די ערשטע, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט ווי שקלאַפן, זענען געווען די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. אין די שפּעטערדיקע צייטן, ביז סוף 1944, איז די בוי־אַרבעט נישט געוואָרן איבערגעריסן. זע: זעהן, ד.צ.וו., ז. 18, 104.

20) ד.ה. נאָך דער סעלעקציע.

21) וועגן דעם זעלבן פאַקט דערמאָנט דער געוועזענער אוישוויצער אַסיר מרדכי ציעכאַנאָווער, וועלכער גיט איבער, אַז פון די 2300 מענטשן האָט מען אָפּגעטיילט 524 מענער (נישט 500) און אַז אַ יידישער העפטלינג אין געשטרייפטע בגדים (וואַרשיינלעך אַ בלאָק־עלטסטער) מיט אַן ס.ס.־מאַן זענען צו זיי געקומען. דער ייד האָט זיי באַגעגנט מיט די ווערטער: „איר געפינט זיך אין טויטן־לאַגער בירקענאַו. דאָ וועט איר אַרבעטן אַ סך און עסן וועט איר קריגן ווייניק. וועט איר זיך גוט אויפפירן — וועט איר אויסהאַלטן אַ דריי־פיר חדשים און טאָמער נישט — וועט איר קראַפּירן די נאָענטסטע טעג...

זע: מרדכי ציעכאַנאָווער: איבער בלוטיקע וועגן, אין יזכור־בוך: מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, תל אָביב 1969, ז' 327.

„קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן נ. 3, 1958, ז' 121.

22) דער מחבר מיינט: זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

23) פון פּוליש — געקומען צום באַוווסטזיין.

24) לאָרע — אַ וועגעלע אויף וועלכן מען האָט אָוועקגעפירט די הרוגים צו די אויוונס פון קרעמאַטאָריום.

25) אין טעקסט: געבוירן.

26) דער מחבר מיינט דאָ דעם נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ.

27) קאָמענדאַנט פון די קרעמאַטאָריומס אין בזשעזשינקע: זע: קאַפּ. ו, הערה 26.

28) דער מחבר שילדערט דאָ די באַדינגונגען אין וועלכע ס'האָט געאַרבעט די זאָנדער־קאָמאַנדאָ, ווען ער איז דאָרט אָנגעקומען אין אָנהייב 1943. די צאָל

פון די מיטגלידער אין די באַדינגונגען פון זייער אַרבעט האָט זיך געענדערט אין צוזאַמענהאַנג מיטן וואַקסן פון דער צאָל מתים אין לאַגער.
פון דער צווייטער העלפט 1943 האָבן אין בירקענאַו אָנגעהויבן פונקציאָנירן די פיר דאָרט אויסגעבויטע קרעמאַטאָריעס מיט גאַז־קאַמערן. דאַן האָט מען אויפגעהערט צו ברענען די מתים אויפן פרייַען פעלד. אין זומער 1944 האָט זיך די לאַגע געביטן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסמאָרדן די אונגאַרישע יידן. די צאָל מענטשן אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט דערגרייכט ביז 1000 (טויזנט) און מער. די 4 (פיר) קרעמאַטאָריעס אין בירקענאַו האָבן נישט געקאָנט פאַרברענען די גרויסע צאָל מתים. דאַן האָבן ווידער אָנגעהויבן ברענען שייַטערס.

29) די נאָענטסטע פון אוישוויצער לאַגער יידישע קהילות האָבן אין דער צייַט, ד.ה. נאָכן אַנקום פון זלמן לעווענטאַל אין לאַגער, אין דעצעמבער 1942, נאָך עקסיסטירט אין בענדין, סאָסנאָוויעץ, וועלכע זענען דערווייַטערט פון אוישוויץ 35 קמ. אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1943 זענען זיי אויך ליקווידירט געוואָרן און די יידן פון דאָרט זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ.

30) די דייַטשישע ס.ס.־לאַגער אַדמיניסטראַציע.

31) דער מחבר האָט דאָ וואַרשייַנלעך אין זינען דעם דורכגעפאַלענעם פּלאַן פון בונט פון זומער 1944 אונטער דער אָנפירונג פון דעם קאַפּאָ פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, דעם ייִד קאַמינסקי פון סאָקולקע, וועלכער איז פאַרראַטן געוואָרן און אויסגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג (געסטאַפּאָ) און דערשאָסן אָעם 1944.2.8. זע : זז' 212—213.

32) יאָסל וואַרשאַווסקי, זע : זז' 218—220.

33) הימל־קאָמאַנדאָ אין לאַגער־זשאַרגאָן באַדייַט טויט.

34) דאָס הייסט קרעמאַטאָריום 4 און 5. קרעמאַטאָריום 4 האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן דעם 22סטן מערץ 1943 און דעם 4טן אַפּריל קרעמאַטאָריום נומער 5. זע : „קאַלענדאַר”, אוישוויצער העפטן, 4/1960, ז' 54.

35) דאָס הייסט : ווער עס האָט געהאַט אין דער אַזוי גערופענער „זעלבסט־פאַר־וואַלטונג” פון די אסירים אַ פונקציע — האָט געהאַט די מאַכט איבער אַנדערע אסירים פון לאַגער און האָט געקאָנט איבערלעבן אויפן חשבון פון אַנדערע אסירים.

36) זע הערה 32.

37) זע : זז' 220—221.

38) דאָ מיינט זלמן לעווענטאַל דעם דריטן טוער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, דעם דיין פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק.

39) די מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן באַקומען בעסער עסן, אַפילו בראָנפן. אָבער זיי האָבן נישט געוואָרט אויפן לאַגער־עסן. אין זייערע הענט זענען אַרייַנגעפאַלן די פּראָדוקטן, מיטגעבראַכטע פון די דעפּאָרטירטע און אויסזעלעקצירטע צו די גאַז־קאַמערן, זע :

Miklós Nyiszli: Pracownia doktora Mengele, Czytelnik, 1966, s. 31, 32.

פאַרגלייַך : הערה 43. צו ז. גראַדאָווסקיס פאַרצייכענונגען.

40) אינעם פּלאַן פון צוגרייטן אַן אויפשטאַנד.

41) יאַנקל האַנדעלסמאַן : זע : זז' 220—221.
42) אויפּרײַס־מאַטעריאַל, געווער און אַמוניציע.
43) אַ תּלמודישער אויסדרוק : ווי ס'זאָגן די מענטשן : פרײַהייט, אָדער טויט.
44) די צאָל אומגעקומענע אונגאַרישע ייִדן אין בירקענאַו האָט פאַקטיש באַטראָפן אַרום 400.000.
45) דאָס הייסט פון דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־אַרגאַניזאַציע אין אוישוויץ.
46) געמיינט די אונטערגרונט־באַוועגונג אין לאַגער.
47) אין „אוניאָן־ווערקע".
48) געמיינט — אויפּרײַס־מאַטעריאַל פון דער פאַבריק : „אוניאָן ווערקע". זע : זז' 249—250.
49) זע הערה 42.
50) זע : זז' 234, 261—263.
51) דער מחבר מיינט דעם קאָנצענטראַציע און פאַרניכטונג־לאַגער מײַדאַנעק (געגנט לובלין), וואָס האָט עקסיסטירט פון 1941 ביז יולי 1944, אין אָנהייב ווי אַ לאַגער פאַר סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, דערנאָך געוואָרן אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער. געפאַנגען זענען דאָרט געווען אַרום 500 טויזנט מענטשן פון 26 לענדער. דערמאָרדעט געוואָרן אַרום 360 טויזנט. איצט געפינט זיך דאָרט אַ מלוכה־מוזיי.
52) דאָס הייסט : קרעמאַטאָריומס 2—3.
53) ד.ה. קרעמאַטאָריומס 4 און 5.
54) ריכטיקער „זאָונע", ד.ה. די באָד. האָט זיך געפונען נאָענט פון קרעמאַטאָריום נר. 4.
55) עפעקטן־לאַגער — דאָס איז געווען דאָס אָרט, וווּ עס האָבן זיך געפונען די מאַגאַזינען פון די זאַכן צוגענומענע בײַ די אָנגעקומענע קיין אוישוויץ דע־פּאָרטירטע. די אסירים האָבן דעם עפעקטן־לאַגער גערופן „קאַנאַדע" (זע: זעהן, הערה ב' 35 אין קאַפּ. 3). אין סוף פון 1943 יאָר זענען אין עפעקטן־לאַגער פון בירקענאַו געווען 35 באַראַקן. אין 30 האָט מען סאָרטירט, מאַגאַזינירט און אויך צוגעגרייט אַרויסצושיקן די זאַכן קיין דײַטשלאַנד. אין 2 באַראַקן האָבן געוווינט די אסירים פון דער קאָמאַנדאָ „קאַנאַדע" און אין די געבלײַ־בענע האָט זיך געפונען די אַדמיניסטראַציע און אַנדערע. דאָרט האָבן זיך אויך געפונען די דעפּאָזיטן פון די זאַכן פון די קאַצעטלער נישט־ייִדן, צײַט־ווײַליקע אסירים פון לאַגער.
56) פאַרגלײַך מיטן פּלאַן פון בירקענאַו.
57) ד.ה. קרעמאַטאָריומס 2—3.
58) ד.ה. קרעמאַטאָריומס 4—5.
59) ד.ה. קרעמאַטאָריומס 2—3.
60) ד.ה. קרעמאַטאָריומס 4—5.
61) האָט זיך געפונען אויפן אָפּשניט B II f
62) האָט זיך געפונען אויפן אָפּשניט B I b, B I a
63) אויפן אָפּשניט B II d ,
64) ד.ה. קרעמאַטאָריוומס 2—3.

65) גערמאַניזם, געמיינט: זייער נאָענט.

66) זע הערה 44.

67) אין פּויליש — עראַפּלאַנען.

68) די גרופּע אסירים באַשעפטיקטע ביי דער אַרבעט האָט געהייסן: „צערלע־געבעטריב־קאָמאַנדאָ".

69) געמיינט: באַראַקן, וווּ עס האָבן געוווינט די ס.ס.־מענער.

70) אַ פּוילישער אויסדרוק, געמיינט: ענלעך.

71) ד.ה. די קרעמאַטאָריעס 2—3.

72) ד.ה. די קרעמאַטאָריעס 4—5.

73) די זאָנדער־קאָמאַנדאָ אַרבעטער האָבן געוווינט אין באַזונדערע באַראַקן, אָב־סאָלוט איזאָלירט פון די איבעריקע. אין אָנהייב אין די בלאָקן נר. 22—23 אויפן לאַגער אָפּשניט Blb, נאָך דעם אין בלאָק נר. 2 און בעיקר אין בלאָק נר. 13 אין מענער לאַגער, אָפּשניט BIId. בסוף, כדי זיי נאָך מער אָפּגרענעצן פון אַנדערע אסירים, זענען זיי איבערגעפירט געוואָרן צו וווינען אין די בוי־דעם־שטיבלעך פון די קרעמאַטאָריעס 4—5.
זע אָטאָ קראַוס, אַריך קולקאַ, ד.צ.וו., ז. 143.

74) דאָס איז געשען אין סעפּטעמבער 1944. די ס.ס.־לאַגער אָנפירונג האָט אָפּ־גענאַרט די קרבנות, געזאָגט, אַז זיי ווערן איבערגעפירט קיין גלייוויץ און אַפילו זיי צוגעטיילט נייע קליידונג און עסן אויפן וועג און זיי אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ 1 און דאָרט זיי אומגעבראַכט. זייערע טויטע קערפּערס אָפּגע־טראַנספּאָרטירט קיין בירקענאַו צו פאַרברענען אין די קרעמאַטאָריעס. די מיט־גלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָבן דערקענט מתים פון זייערע חברים.
זע: „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן 7/1963, ז. 87.

75) לעוונטאַל מיינט דאָ דאָס פאַרניכטן די ייִדן פון דורכגאַנגס־לאַגער (דעפּאָט־לאַגער). דאָרט זענען געווען אסירים, וועלכע זענען נישט אַדורך די לאַגער־וווידענץ, נישט סעלעקציאָנירט געוואָרן, נאָר גלייך פון דער ראַמפּע אַריינ־געפירט אין דורכגאַנגס־לאַגער.

76) געמיינט: די ס.ס.־אָנפירונג פון לאַגער.

77) געמיינט: די אָנפירונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַ־ציע פון לאַגער.

78) זע הערה נ' 59 צו די דאָקומענטן פון לייב לאַנגפוס.

79) גערמאַניזם, געמיינט: פריער.

80) געמיינט: דער קאַפּאָ קאַמינסקי, זע: זייט 233.

81) אַרבעטס־גרופּן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויסער דער אַרומצוימונג פון לאַגער.

82) ד.ה. די קרעמאַטאָריעס 4—5.

83) ד.ה. דאָס קרעמאַטאָריום 3.

84) גערמאַניזם, געמיינט: אַוועקנעמען.

85) אין טעקסט: ער.

86) ד.ה. די קרעמאַטאָריעס 4—5.

87) זע פראַגמענט [54], זייט 400.

88) ווי אויבן.

89) ד.ה. קרעמאַטאָריום 4.
90) ד.ה. קרעמאַטאָריעס 2—3.
91) געמיינט דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ פון 4טן קרעמאַטאָריום, וואָס האָט אויפגענו־מען דעם בונט. זלמן לעווענטאַל איז געווען באַשעפטיקט אינעם 3טן קרעמאַ־טאָריום.
92) ד.ה. קרעמאַטאָריום 2.
93) די אינפאָרמאַציע איז נישט קיין גענויע. זלמן לעווענטאַל אַליין האָט נישט גע־זען דעם פאַרלויף פון די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די קרע־מאַטאָריומס 4 און 2. לויט די ביז איצטיקע פעסטשטעלונגען האָבן די זאָנ־דער־קאָמאַנדאָ מיטגלידער פון קרעמאַטאָריום 2 אַנטוואָפנט אַ קאָמאַנדאָ פירער און אים אַרײַנגעשלײַדערט אין ברענענדיקן אויוון און אַ צווייטן ס.ס.־מאַן דערהרגעט. פאַרגלײַך: זז' 239—241.
94) אַרומגערינגלט.
95) געמיינט די נעבן־לאַגערן אין רייסקאָ, בודי, האַרמענזשע און באַביצע.
96) כּלי משחית געווער און אַמוניציע.
97) פאַרגלײַך: זײַט 370.
98) צווישן זיי דער דיין. לייב לאַנגפוס, זע: ג"ע, פון ש. טאַוב (ד.צ.וו.).
99) ד.ה. קרעמאַטאָריום 3.
100) ד.ה. אין דער תּפֿיסה אינעם 11טן בלאָק אין אוישוויץ 1. דאָרט זענען געוואָרן אײַנגעזעצט נאָכן אויפשטאַנד 14 מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ און 5 מיידלעך, באַשולדיקטע אין צושטעלן פולווער פאַר די אויפשטענדלער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. זע: „קאַלענדאַר", אוישוויצער העפטן, 1963, ז. 7, ז. 94. פאַרגלײַך: קאַפּיטל 14.
101) דיין פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, לייב לאַנגפוס.
102) אויפשריפט אויף ייִדישע מצבֿות: תּהי נשמתי צרורה בצרור החיים.
103) דאָס איז וועגן אַ שמועס צווישן די פאָרשטייער פון דער אָנפירונג פון ווי־דערשטאַנד אָרגאַניזאַציע פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ מיט די פאָרשטייער פון דער לאַגער־אונטערערד, וועלכע דער מחבר איז חושד אין נישט קאָנסע־קווענטקייט.
104) געמיינט: די פאַרבינדעטע.
105) פאַרגלײַך: זײַט 418.
106) געמיינט: אַנטלויפן.
107) זע: זז' 218—220.
108) זע: זז' 261—263.
109) הערש פאָניטש איז געבוירן אין 1911, אָדער 1912 אין לאָמזשע. זײַנע עלטערן האָבן געהאַט דאָרט אַ מעבל־געשעפט. הערש האָט געהאַט 3 שוועסטערס און אַ ברודער, וועלכע האָבן, ווי ער, זיך געלערנט אין לאָמזשער גימנאַזיע. ער איז געווען אַ פעיִקער און לוסטיקער בחור, אַ ציוניסט, אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר".
האַרבסט 1942 האָבן זיך פאַרשפרייט אין לאָמזשע קלאַנגען, אַז די נאַציס גרייטן די ליקווידאַציע פון לאָמזשער געטאָ, דאַן זענען הערש מיט עטלעכע זײַנע חברים אַנטלאָפן אין די וועלדער פון באַטשע־מאָקרע (9 קמ. פון לאָמזשע), כּדי אַרײַנצוטרעטן אין אַ פאַרטיזאַנער אָטריאַד. אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען. אין אַ קורצער צײַט אַרום זענען ער און אַנדערע לאָמ־

זשער יידן, וועלכע האָבן זיך געמאַכט זיעמליאַנקעס אין וואַלד, אַרומגע־רינגלט געוואָרן דורך דער דײַטשער זשאַנדאַרמעריע און פּוילישע אַרטיקע פּויערים. אַלע יידן און צווישן זיי הערש פּאָניטש זענען דורך דער זשאַנדאַר־מעריע אַריבערגעפירט געוואָרן קיין זאַמבראָוו, ווו מען האָט זיי קאָנצענטרירט אין די געוועזענע קאַשאַרן. נאָך עטלעכע וואָכן הונגער און פּײַן זענען אַלע דעפּאָרטירט געוואָרן אין יאַנואַר 1943 קיין אוישוויץ.

בײַ דער סעלעקציע פונעם טראַנספּאָרט איז ער צוגעטיילט געוואָרן צו דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ צוזאַמען מיט די פאָלגנדע יונגע און שטאַרקע מענער פון לאָמזשע: בוראַק משה, גזשיבאָווסקי מאָטל, מאַטקאָווסקי נתן, קאַלניאַק אײַ־זיק (זע הערה 110), ריבאַק יחזקאל (זיי אַלע זענען אומגעקומען אינעם אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ), וורּאָנאַ אברהם (איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די ס.ס.־לײַט אין סעפּטעמבער 1944. ער איז געווען צווישן די 200 אומגעבראַכטע מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, דערמאָנטע דורך ז. לעווענטאַל).

סאַבאָטקאָ משה (אַנטלאָפן בשעת דעם אויפשטאַנד, געכאַפּט געוואָרן, אײַנ־געזעצט דעם 10טן אָקטאָבער, דרײַ טעג נאָכן אויפשטאַנד, אין בונקער פונעם 11טן בלאָק און דאָרט דערמאָרדעט דורך די ס.ס.־פאַרשער).

פון לאָמזשיצע: חיים יאַנקל (פאַמיליע־נאָמען נישט פעסטגעשטעלט, — אומ־געקומען אינעם אויפשטאַנד), סאָסנאָווסקי (ער האָט איבערגעלעבט אוישוויץ, געשטאָרבן אין אויסטראַליע), פרידמאַן משה פון זאַמבראָוו (לעבט איצט אין ישראל) און אַנדערע, וועמענס נעמען זענען אונדז נישט באַקאַנט.

ג״א פון העלענאַ שפּראַצער. אַרכ. ב. מאַרק.

110) אײַזיק קאַלניאַק שטאַמט פון אַ רעליגיעזער, פאַרמעגלעכער שטוב. זײַן פאָ־טער האָט געפירט אין לאָמזשע אַ געשעפט פון קליידער, ווו ס׳האָבן געאַר־בעט זײַנע דערוואַקסענע קינדער: צוויי זין און אַ טאָכטער, צווישן זיי אײַזיק.

פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אײַזיק חתונה גע־האָט. ער איז געווען אַ ציוניסט, געהערט צו „השומר הצעיר״ אין לאָמזשע.

אין דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ איז ער געווען אַ פאָראַרבעטער.

ג״ע פון העלענאַ שפּראַצער, אַרכ. ב. מאַרק.

111) זע: זז׳ 277—281.

112) זע: זז׳ 220—221.

113) זע: קאַפּיטל 1.

114) דורך דער באַצייכענונג „ציווילע״ מיינט דער מחבר די מענטשן, וועלכע זע־נען געקומען מחוץ דעם לאַגער אַלס פרײַע באַשעפטיקטע אין די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען אויפן שטח פון אוישוויץ.

115) עס דאַרף זײַן — מיליאָנען מענטשן. דער מחבר, טראָץ, וואָס ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ האָט נאָך דאַן נישט באַגריפן די אומ־געהייערע גרויסע צאָל דערמאָרדעטע. ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן איז זי דערגאַנגען צו אַרום 4 מיליאָן.

116) זע: זײַט 16.

117) דער מחבר האָט די דאָטע פאַרשריבן טאָפּלט: דורך ציפערן און אויך אין פּויליש.

2

הוספה צום לאָדזשער פּתב־יד

[——] געשריבן פין [——] ענגן קרייז זאָנדער קאָ[מאַנדאָ] קרע־מאַט[אָריע] 2 15/8־44־19 [1] פין [ז]למן לעווענטאַל פּוילן — טשע־כאַנאָ[וו] [וו]ער וואָלט דאָס ג[ע]גלויב[ט] יעצט נאָך אין 8־[ט]ן מאָנאַט — 1944 זאָל מען נ[אָך] פירן ו[ו]ייטער די פאַרשאָלטענע שפּיל פין אומד[ע]רהערטן פאַרניכט[ונגס] ־סיסטעם [וו]אָס [מ׳]פירט דאָ שוין לײדער זייט 2־[3] יאָר מיט [אַזאַ] גרויזאַמער אכזריות געגן די [יודן]

[——] באַקאַנט א[י]ז די לאָדזער „געטאָ" געוועזן נאָך ווען מיר זענען אין אינזערע היימען געוועזן אַלס די שרעקלעכסטע פין אַלע געט[אָ]ס מיט איר שטרענגער אָפּגע[ז]ונדערטקייט אין מיט [——] דעם [פאַר]שטענד־ליך די גוואָ[ל]דיג גרוי[י]סע נויט [וו]אָס ה[אָ]ט דאָרט געהערשט. אָבער דאָ[ס] וו[אָ]לטן [פ]יל געק[אַנט] [——]

[——] אויך נישט ווייניגער די פּסיכאָלאָגן, ווילנדיק ש[טוד]ירן אין דערגיין דעם גייסטיקן צושטאַנד פין די מענשען וואָס האָבן ציגעלייגט זייערס אַ האַנד צי דער אַזוי גרויז[אַמער] פינצטע[רער] שמוציגער אַר־בעט. דאָ[ס] וועט זיין [אינ]טער[עס]אַנט! אָבער ווער ווייס[ט] צי וועלן אַט די פאָ[רש]ער דערגיין דעם אמת, צי וועט ווער ז[י]ין בכח גרינד־ליך [——]

[——] פין מענשליכן אַש — אין אַנדערע ערטער [——] זיכט גיט, איר וועט פיל געפינען. כ׳וועל אָבער דאָ אַ קליינע באַמערקונג צי דער געשיכטע פין לאָדזער געטאָ־לעבן ציגעבן. כ׳האָב דאָס גאַנצע געלייענט [מיט] איבער מענשליכן [——]

[——] געגע[נ]ד פין ראַדאָם [2] [——] [וו]אָס [אי]ז [ד]אָרט [מיט] איר געוואָרן. גוים אין יודן [——] [ער] האָט די גאַנצע וועלט אַזוי געניִמען מיט אַלע [י]ודן פין אייראָפּע, יעצט גייט די [אַ]קציע וועגן דעם בעקאַנטן לאָדז [3] [——]

[אַ] גרופּע מענשעלעך פין קאַרגע 200 מאַן [צוויי הינדערט], נאָך קלע־נער, געניִמען. פין זיי אַלע אַן אויסגעטיילטע גרופּע פין קאַרגע — 20 —

מענשען [צוואַנציג] אַרים דעם קליינעם הייפל מענשען וועלן זיך מאַ־טערן נישט בלויז די היסטאָריק[ער] [——]

[——] איינעם [——] אויסזידלונג [——] אַ רעטעניש [וואָס עס] ווייסט נישט קיינער אפשר אַלע אומברענגען? [——] ביין גיי שוין גיי! דאָס נישט, פאַרוואָס? ווייל ס'איז מיר נישט באַקוועם צו גלויבן. נאָך [אַ פּאָר] מאָנאַטן [——]

[——] נאָך [——] צו זיכן. נאָך פיל בעהאַלטן מאַטעריאַל וועלכעס ס'וועט פאַר אייך, גרויסע וועלט [,] פיל ניצן ברענגען אויף דעם זעל[ב]ן פּלאַץ אין אויך אָפן פּלאַץ פין די שכנותדיקע[ר] פאַבריק וואָס שטייט אַנטקעגן איבער די גאַס. זוכט דאָרט אין די גריבער.

[——]

אַלע זעהען ווי מ'שיסט [די] [אַנ]דערע [אין עס] ג[יי]ט זיין רייהע שו[ין] דאַכט [,] ער גייט קריגן די קויל אין שטאַרבן. אין קיינער ווערט זיך נישט [,] פאַרוואָס? דאָס לאָדזער געטאָ [קאָן ניט] לעבן [——] וועט אַלץ פאַרענטפערן. אַזוי איז דאָס לעבן

[——] אויסשיסונג? פאַרוואָס לאָזן זיך אינזערע ברידער פירן צו דער שחי[טה] אַזוי רוהיג אָן יעדן מינדעסטן ווי[ד]ער[ש]ט[אַ]נד? אָן אויסנאָם [איז] דער פאַ[ל] [וואָס] איז כדאי צו ד[ע]רמאָנען לשבח [——] זכרם ברוך וואַרשע! ש[וין] דאָס צווייטע מאָל וואָס האָט נישט געלאָזט [——] [אוי]סזידלען [,] בעסער געזאָגט [אי]מברענגען. [——] בעסער פאַלן אין שלאַכט פין קוילן אין גראַנאַטן אין נאָך איין מאָל אין ווידער וואַרשע [וואָס] זייט די גאַנצע פאַרניכטונגס־אַקציע פין מיליאָנען יודן האָט אייג־מאָל וואַרשע געוויזן די העלדישקייט [4] פין נישט לאָזן זיך [——] אויס־קוילען [——]

[——] פין אַ קליין שטעטעלע [——] ווייטעריקעס לאָז איך פאַר גע־שיכטע שרייבער אין פאַרשער[.] מיר פין אינזער זייט באַהאַלטן [י]עדע[ס] אינטערעסאַנטע [אין] ניציקע וו[אָ]רט [——]

[——] מיר [זענען יעצט אין דייטשי]שע הענד [——]

[——]אימבאַוואָפנטער מוטלאָזער [יוד] [——] [פאַר] וואָס? די זעלבע שוואַרצע לאַפּעס [וו]אָס מאַכט דעם טויט די דאָזיקע יודישע [——] [פרו]יען אין קינדער אָט די זעלבע לאַפּע פירט זיי אַליין צו דע[ם] אינטערגאַנג [——]

יעצט! זייט 3 וואָכן שטייט שוין דער רויטער [5] ביי די טויערן פֿין וואַרש[ע] — זייט איינִיגע טעג שטייט ער שוין ביי די טויערן פֿין פּאַריז אין נאָך אַלץ האַלט ער [6] די שוואַרצ[ע] פֿינסטערע מאַכט ביי איר הער־שאַפֿט, אין פֿירט ווייטער איר טייוולאָניש[ע] שפּיל פֿין שיסן, הענגען, גאַזעווען, ברענען, שלאָגן, אַלץ [וואָס] ס'לאָזט זיך פֿאַרניכטן, — ווער וואָלט דאָס געגלו[י]בט, אַז נאָך יעצט וועט ער האָ[ב]ן אַזוי פֿיל צייט צי פֿאַרניכטן דאָס רעשטל פֿין יודן וואָס איז נאָך ערגעץ ווי פֿאַרבליבן [.] די קליינע הייפֿלעך אַדאַנק זייער שווערער ניצבאַרער אַרבעט וואָס האָבן זיך געפֿינען ביז יעצט אין די פֿאַרשידענע לאַגערלעך אַרים [דעם] גרו[י]סן ברענענדיגן קאַלך־אויוון וואָס ריפֿט זיך ד[אָ] אוי[שווי]ץ־בירקענאַו [7] [— —]

[— —] יעצט ענדע זימער 19/44 אויפֿן יודישן קאַלענדאַר שוין חודש אל[ו]ל, אַ פֿאַקט איז אַז זי [8] האָט עקזיסטירט[,] וועגן די אַ[ינע]רלעכע באַדינגונגען פֿינען דאָרטיגן לעבן, וועט איר [ה]אָבן דאָ [9] אין דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל — אַ [ק]לאָר בילד פֿין אַלץ, נעמענדיג פֿין ווירטשאַפֿטלעכן, גייסטיקן, אין אַזו[י]! פֿינעם פֿיזישן געזו[י]נט צושטאַנד [.] ווי איר זעט דאָ, האָט זיך בעמיט [אַ געוויסער] מענש מיט אינטערעס פֿאַר דער געשיכ־טע אין געזאַמלט בילדלעך, פֿאַקטן, בעריכטן אַ[י]ן סתם ידיעות, וועלכעס וועט באַשטימט פֿאַראינטערעסירן אין ניצן ברענגען דעם צוקונפֿטיגן היסטאָריקער. מיר אָבער קליינע גרופּעס מענשעלעך אַרים וועלכע די היסטאָריקער וועלן האָבן צ[י] אַרבעטן נישט ווינציקער ווי איבער ש[רע]קלעכעס [וואָס] עס [קאָן] די גע[שיכטע]

[— —] יעדער פֿאַקט פֿין מענשן ווירדע — פֿין פֿרעגן פֿאַרוואָס? [אין מען האָט] אָנגעהויבן אַ טימל אין געוואָרפֿן זיך אויף די ס.ס.־מענער. אין ס'האָט באַוויזן אַ יודישע יונגע [פֿ]רוי [10] אַרויסרייסן דעם רעוואָלווער פֿין אוי־בערשאַרפֿירער אין דערשאָסן מיט אים עטלעכע מאָן. [— —] די שרעק־לעכסטע מענשען פֿין לאַגער־עפּאָכע! [— —] יהי זכרם ברוך [11] אויסער דעם גייט אַלץ פֿאַר מיט אַ גוואַלדיגע [— —] עס קימען די מענשן אָבער וויסענדיג ווי מען פֿירט זיי, זיי קימען אין קרעמאַטאָריום. [— —]

[ווי]דער די [ז]עלבע [ש]פּיל אין ווידער [ווייסט] מען נישט ווהין. אַזוי אַלץ [אין דער וועלט] וועט מען גלוי[בן] אָבער [אי]ן דעם וועט קיינער נישט גלויבן ביים [— —] מיר הערן [עס פֿין] דער גאַנצער וועלט.

ווילסטו נישט [ג]לויבן אין אמת אין איר וועט שפּעטער שוין נישט גלויבן אין דעם אמתן פאַק[ט], איר וועט שפּ[עטער מסתם] [זיכן] פאַרשידענע תרוצים׳ [——] דעם אמת וועט מען [פאַרשטיין] דעם אומגליק פון אַזאַ צער [——]

[——] [עס וואָלט] געווען גאַנץ נאַיִוו, ס׳וועט [——] ווען ס׳וועט [עמעצן] געלינגען צו גע[פֿי]נען מער [הע]פטן דאָס וואָס איז געשריבן געוואָרן — אין די [מויערן] פון שוואַרצן [ב]נין [12] פון דער זעלבער צייט וואָס יענער [13] האָט געזוכט די סיבות פון זיינע לײדן ביי זיין פּרעזעס [14], דאַן האָבן מיר אים שוין געקאָנט געבן אַ בעסערן [ענטפער] אויף די געשעהעגישן. — אינטערעסאַנט איז נאָר דערביי די פּסיכאָלאָגי[ע] פון מענש וואָס לאָזט זיך בקיינפאַל נישט צו דעם שלעכטן געדאַנק אויף דעם וואָס ער זעט אים בולט[.] ער רעדט, דערציילט אין וואָס האָט פּאַסירט מיט יענעם יודן. אַזוי דערציילן אינץ די זעלבע [——] האָבן יעצט ביים אַמט פון [——] אין וואָס טראַכטן די מענשן [.] איך וויל זאָגן אַז [זיי] וועלן בעסטימט דעם אמת נישט דער[גיין] ווייל ס׳איז קיינער נישט בכח דאָס זיך פאַרצישטעלן. אַזוי גענוי ווי די געשעהענישן אַליין קאָן זיך קיין מענש נישט פאַרשטעלן[.] ווייל ס׳איז אי[מ]־גלויבליך אַזוי [וויסן] גענוי אינזער איבערלעבן בכח [——] דאָס אַלץ [——] איבערציגעבן, וועט נאָר זיין איינער פ[י]ן [——]

[פון] אינזער ענגן קרייז. אויב עס וועט ווער פון אינץ איבערלעבן דורך אַ צופאַל, אין וועלכן מיר גלויבן אויף 1 פּראָצענט נישט. אַזוי געפינ[ענדיג] דאָס פּעקל פאַרשריבן מאַטעריאַל האַלט איך פאַר [מ]יין חוב דאָס צו בעהאַלטן [——] בכדי זיין [15] אַרבעט זאָל נישט גיין לאבוד אין [בכדי] די וועלט [——] די צוקונפט[יקע] [——]

[אי]ך קען מיר נישט דערלויבן יעצט צו בעשרייבן דאָס וואָס כ׳וואָלט געוואָלט ציליב פערשידענע מאָטיוון. — הויפּ[ט]זעכליך דערפאַר ווייל [מען] האַלט אינץ שוין לײדער אינטער אַן אויפזיכט [פאַד אָבסערוואַציון] [16]. אָבער כ׳קען נישט בעהאַלטן דאָס [17] אַז כ׳זאָל נישט דערצי ציגעבן אַט די פּאָר ווערטער וועגן דעם גרויסן טעות וואָס מיר אַלע [האָ]בן געהאַט [אין] איי[נ]רעדן, אַז ער [18] דאַרף האָבן מענשען צו דער אַרבעט. אמת ער דאַרף טאָקע[.] אָבער דער [פּ]אַקט פון יודן פאַרניכטן שטייט ביי אים [——] [אויפן ערשטן אָרט, העכער פון אַלץ] [——]

[——] דאָס וועט געבן די שפּעטערדיקע פאָ[רשע]ר[,] די היסטאָריקער און נאָכמער די פּסיכאָלאָגן אַ קלאָר בילד אין אַ ליכט אויף דער געשיכט[ע] פֿין די געשעהענישן אין לײדן[,] ווײל דער [——] ריכטיקער שפּיגל פֿין דעם פּוילישן געטאָ־לעבן איז אי[מ]באַדינגט לאָדז — אין נישט וואַרש[ע] דאָס צווייטע [——] ווייל פֿין ערשטן מאָל אויסזידלען ביזן צווייטן האָט דאָס וואַרשעווע[ר] [ייד]נטום געלעבט אינטער אויסערגעוויינל[עכע] געטאָ־באַדינגונגען, וואָס האָט אַזוי פֿיל דערמעגלעכט. [——] דערהויבן צי קעמפּ[ן] פאַ[ר] [——]

[——] ווען מ׳באַקענט זיך מיט די לעבענדי[גע] [מענשן] פֿין געטאָ [——] דאַן באַקימט מען אַ קלאָרן ענטפֿער אויף אַלעם [——] [דערציי]לונג פֿין אמת, ווײל [דאָס איז] נאָך אַלץ נישט דער גאַנצער אמת. דער גאַנצער אמת איז נאָך פֿיל טראַגישער אין שוידערה[אַפֿט]ליכער. אין העפֿט [——] אויסגראָבן, כדאַי צי [זיכן] [——] ציליב אַ צופֿאַל [איז] דאָס [19] געוואָרן בעגראָבן אויף עטלעכע ערטער. — זיכט נאָך! איר [וועט] [——] נאָך געפֿינען.

הערות צו דער הוספה צום לאָדזשער כּתבֿ־יד

1) ד.ה. קרעמאַטאָריע 3.

2) וואַרשײַנלעך מיינט דער מחבר די אָרטשאַפֿט פּירלײַ, נישט ווײַט פֿון ראַדאָם, ווו פֿון אַפּריל 1940 ביזן 2טן יאַנואַר 1945 האָבן די היטלעריסטן צעשאָסן און אויפֿגעהאָנגען אין אַלגעמיין אַן ערך פֿון 12.000 מענטשן, סײַ פּאָליאַקן און סײַ ייִדן.

3) די ליקווידאַציע פֿון לאָדזשער געטאָ איז פֿאָרגעקומען אין משך פֿון 23סטן יוני ביזן 31סטן אויגוסט 1944. קיין אוישוויץ זענען אַריבערגעפֿירט געוואָרן אַן ערך פֿון 75 טויזנט מענטשן. דאָס לאָדזשער געטאָ איז געווען דאָס לעצ־טע געטאָ אין פּוילן.

4) דעם מחבר גייט דאָ וועגן דעם באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ אין די טעג פֿון 18—20 יאַנואַר 1943, ווי אויך וועגן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 19טן אַפּריל 1943.

5) ד.ה. די סאָוויעטישע אַרמײ.

6) ד.ה. דער שונא, דער נאַצי־אָקופּאַנט.

7) חוץ דעם שטאַם־לאַגער אוישוויץ 1 האָבן צום אוישוויצער טויט־קאָמבינאַט געהערט: בירקענאַו און 39 נעבן־לאַגערן, גערופֿן אויך צוואַנג־לאַגערן, אויסן־לאַגערן, אַרבעטס־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויפֿן שטח פֿון גאַנץ שלעזיע און אַפֿילו אויסער שלעזיע, ווי למשל דער לאַגער ברנאָ אין טשע־כאָסלאָוואַקײ.

8) דאָס לאָדזשער געטאָ.

9) אין לאָדזשער כּתבֿ־יד וועגן וועלכן לעווענטאַל שרײַבט אין זײַן הוספה.

10) דעם מחבר גייט דאָ וועגן דעם פֿאַקט פֿון דערשיסן דעם ס.ס.־ראַפּאָרט־פֿירער שיללינגער. זע: זײַט 102.

11) אין באַצוג צו די ייִדישע קרבנות.

12) אויפֿן שטח פֿון קרעמאַטאָריום.

13) לעווענטאַל מיינט דעם מחבר פֿון לאָדזשער כּתבֿ־יד.

14) ס'גייט דאָ וועגן עלטסטן פֿון לאָדזשער יודנראַט מרדכי־חיים רומקאָווסקי.

15) געמיינט דעם מחבר פֿון לאָדזשער כּתבֿ־יד.

16) אין פּוילישער שפּראַך מיט ייִדישע אותיות [Pod obserwacją] ד.ה. אונ־טערן אויפֿזיכט.

17) ד.ה. דאָקומענטן, נאָטיצן.

18) ד.ה. היטלער־דײַטשלאַנד.

19) די דאָקומענטן, די נאָטיצן.

אינדעקסן

אינדעקס פון נעמען

אַבסטבאַום דניאל („דאַניעל") 185, 212
אַבראַכקאַפף יצחק 169
אַבראַמאָוויטש געצל 177
אַגאַפּסאָוויטש עווא — 205
אַדלער ה. ג. 46, 55, 72, 191
אַהרון מאַריס 237
איסטין (אויסטין) בעקי 128
אונגליק שאַרל 184
אונגער מנשה 99, 108
„אורבאַן", זע יאַסינסקי סטעפאַן
אורטנער נתן 373
אוריסאַן דוניאַ 204
איוואַנאָוו ניקאָלאַי 67
איוואַשקאַ טאַדעוש 72, 115, 163, 167, 190—192
אייגער ישעיהו 184, 191, 224, 258
אייזענבאַך מענדל (סענדער, אַלעקסאַנדער) 177
אייכמאַן אַדאָלף 27, 31, 32, 38, 43, 44, 46, 247, 258
איצקאָוויטש העניעק 184
אַלבערט מנשה 52, 56
אַלטוס שמעון 242
אַלטער (וויקטאָר) 161
אַלטשולער מרדכי 5
אַלמאַסי לעאָפּאָלד 168
אַלעווסקאַ־(זעלמאַנאָוויטש) רחל 139, 140, 162
אַלעקסאַנדער 125, 126
אַלפּעראָוויטש יצחק 12
אַלפּעראָוויטש, זע שולמאַן צילע
אַנדראַז יאַהאַן 169
„אַנאַנים", „דער דיין", זע לאַנגפוס לייב
אַנטיטיפּאָוו (אַנטיפּאָוו) 82, 226
אַנטעק (אַ קאַפּאַ) 75
אַסגאַמסקי ג. 65
אַפּאַללאַ הערמאַן 169
אַפּעל בנימין 423
אַראַנסאַן חיל 224
אַרלאָווסקי וויימאַן 170
אַרליך ישעיה 242, 245
אַרנשטיין שאול 179
אַש שלום 99
אַשכּנזי ניסים, זע עסקענאַזי ניסים
אַשמאַן־זאַלצשטיין שרה 258

באַגער ווילהעלם 32, 41, 188
באַום ברונאַ 40, 41, 50־53, 56, 66, 67, 72, 87, 117, 119, 120, 122, 123, 161, 162, 182, 190, 191, 194, 204, 210, 223, 224, 228, 229, 232, 234, 235, 238, 244, 246, 247, 257, 258
באַטווין 127
באַטיאַ־קופּערבערג רבקה 139, 140
באַיורסקי יאַקוב 96, 99
באַלאַבאַן קובאַ (יעקב) 177
באַליצקי זיגמונט 67, 126, 137, 226
באַנגאַל (אַבערמייסטער) 152
באַנדער עזריאל 172
באַער ריכאַרד 31, 243
באַראַדין 82
באַרג בערנאַרד 159
באַרינסקי אַנאַ־ליזאַ אורה 139, 162
באַרליצקי נאַרבערט 59
באַרשטשעווסקי גיטל 135
באַרשטשעווסקי (קאַרמאַן) יידל 83, 85, 116, 122, 148־150, 159, 163, 164
בודזיאַשעק סטעפאַן 76
בוימגאַרטן (פון בענדין) 161
בוך הערמאַן 236
בוכווייץ זאב (וואַצלאַוו) 191

בוכווייץ משה 180
בולאָווקאָ אַנרי 41, 75, 83, 84, 96, 98, 99, 164
בוקי מילטאָן 245, 246
בוראַק משה 242, 429
בורגער ערנסט 64, 66, 67
בורזיאָ דזשאָזעפע (נונציוס) 179, 80
בורשטיין פסח 5, 46
בידערער קאַרל 173
ביילאָוויטש מרדכי 116, 124
ביליס ראָבערט 170
בינדער אַנני 156, 165
ביעלעצקי יעזשי 182
בירענבאום (צפורה), זע גוטניק צפורה
בישאָף היינריך 32, 41
בלאָופעדער אַרמין 169
בלאַנקענהייט דאָראַ, זע לאַדניעווסקאַ דאָראַ
בלאָך ראַפאַעל־קענעדי קלאָדעט 165
בלאַס וואַלטער 67, 87, 120
בלומענפעלד שמואל 108
בליך אַדאָלף 172
בעטלען אָסקאַר 147, 150, 163, 164
„בעטשקאַ" 242
בענעדיקט יאַנאָס 169
בענעש עדוואַרד 71
בענצמאַן אַרנאָלד 125
בעסערמאַן אַלפרעד 122, 148, 149, 159
בעסערמאַן ראָזע 135, 137
בעקאַן יהודה 46
בערגער זיגפריד 175
בערגער עוזיאל (גרינבוים עוזיאל) 45, 55, 72, 73, 84, 85, 90־93, 98, 115, 125, 128, 145, 162, 232, 247
בערלינער סעם 119
בערמאַן 125
בערנאַרד (אַ דײַטשישער ייִד) 120
בערקהויער דוד 161
בראָאַד פּערי 41, 45, 55, 73, 114, 115, 223, 239, 246, 247
בראַון אַריה לייבעק 124, 159
בראַון בינאַ 176
בראַטראַ זאָפיאַ 157
בראָל פראַנצישעק 55, 192
בראַנדוויין האַנס 175
בראַנדט רודאָלף 36
בראַנדט רחל (ברוט רחל) 129
בראָקמאַן דוד 170
ברוק יוסף 237
ברוק יצחק 237
ברייטבאַרד זישע 89
ברענער ליבער 274

גאָטליב קאַראָל 179
גאָטשאַלק (רב) 96
גאָלדבערג יעקב 5
גאָלדבערג משה 125
גאָלדבערג קדיש 83, 84, 87, 162, 247
גאָלדבערג שרה 128, 131, 162, 194, 202, 204
גאָלדבערג 242
גאָלדגעוויכט עוואַ 135
גאָלדגעוויכט־מאָושאָוויטש אַלאַ פּרי־מעט 143
גאָלדמאַן סאָניע־וואַסערשטרום 129, 134, 194, 247
גאָלדמאַן שאַרל 84
גאָלדמאַן (אַ שרײַבער פון טאַרנע) 148
גאָלדפינגער הערש (הערשל) 5
גאָלדשאַל העניעק 125
גאָלדשטיין חיים־איצל 147, 163, 211
גאָלדשטיין מאָטל 159
גאָלדשטיין ניקאָלאַוס 170
גאָלדשיידער הערשל 162
גאָלינסקי טאַדעוש 180
גאָלינסקי עדוואַרד (עדעק) 131, 193, 194, 199, 200, 201, 202, 203, 204
גאָמאַר אירענע 135, 136
גאָסטינסקי זלמן 167, 168
גאָסלאָווסקי חיים 179
גאַרדאָן יעקב 145, 146
גאַרלינסקי יוזעף 40
גאַרנצאַרסקי־סוסקינד העלען 130
גאַרפינקעל אַברהם 278, 281

גאָרפינקעל אידה, זע כ״ץ־בעער־אידה
גאָשינסקי טשעסלאָוו 80
גוז 212
גוטמאַן דוד 242
גוטמאַן ישראל 46, 52, 53, 56, 72, 80, 82, 84, 85, 87, 90, 98, 124, 145, 158, 159, 161־163, 165, 238, 251, 258
גוטמאַן־כזשאַנאָווסקאַ ליאָליאַ 156
גוטניק־שאַפּיראָ צפורה 72, 135, 136, 141, 150, 157, 162־164, 226, 232
גוטפרײַנד יעקב 5, 12
גוטפרײַנד שׂרה 72, 128־130, 132, 134, 162, 163, 224
גוסיעוואַ נינאַ 156
גורסקי, זע קזשיזשאַנאָווסקי
גורפינקעל 172
גזשיבאָווסקי מאַטל 429
גייץ ברוך 179
גלאָזער בערטאַ, זע יוריסטאַ
גלאָזער (אַ קאַפּאָ) 185
געמינדער חיים 170
געפּנער האַנקאַ, זע וועלנער האַנקאַ
געראַסימאָוו 261
גערט לעממעל 176
גערטנער אַלאַ 248, 251, 252, 254־256
גערטנער סאַמועל 169
גראַבנער מאַקסימיליאַן 32, 41
גראַדאָווסקי אסתּר רחל 262, 288
גראַדאָווסקי זלמן 52, 221, 234, 242, 260־263, 270־273, 284־288, 347־350, 400, 420, 425
[גראַדאָווסקי] ליבע 262, 288
[גראַדאָווסקי] סאָניאַ־זלאָטעיאַבלקאַ שׂרקה 261, 262, 288
[גראַדאָווסקי] שׂרה 262, 288
גראַוער־רייפעלד זיוה (זאָסיאַ) 138, 162
גראַיעק שלום („סטעפאַן״) 5
גראַמב הענאָך 185
גראַמב שלמה 185
גראַספעלד יאַנעק 153, 183
גראַספעלד מיכאַל 5
גרינבאָום הילדאַ, זע זימכע הילדאַ
גרינבאַל־פעלדענקרײַז עוואַ 136, 142, 224
גרינבוים עזריאל, זע „בערגער״
גרינבערג רבקה 135, 137
גרינבערג 146
גרינהוט שמואל 188
גרינוואַלד מאַקס 169
גרישאָוו ראָזע 129

דאָווידאָוויץ עמנואל 170
דאַטנער שמעון 73, 190, 267, 274
דאַנטע 263
דאַרעמבוס יוסף, זע וואַרשאַווסקי יאָסל
דבורה [לאַנגפוס־ראָזענטאַל] 278
דוד [פון גריכנלאַנד] 213
דויטש יעקב 170
דזשובינסקאַ באַרבאַראַ 49, 56, 72, 73, 232, 238, 247
דיאַמאַנד זלמן 188
דיאַמאַנט דוד 224
דיאַמאַנט מאַרטאַ 156
דיאַמענט יהודה 153, 183
דיאַמענט פרעדי 164
דיבואַ סטאַניסלאָוו 59
דיין, זע לאַנגפוס לייב
דימאַ 128
דינור יחיאל, זע ק. צעטניק
דיפלאַקאָוואַ זשעניאַ 156
דירמײַער האַנס 66
„דער געשטופּלטער״ („דזשאַבאַטי״) 212
„דער מאַרעוויכער״ 90
דערעווינסקי יוסף 234, 271, 420
דראַגאַן שלמה 187, 245, 274
דראַזשקאַזש יוסף („דער מאַרעווי־כער״) 90
דרעקסלער [מאַרגאָט] 195

האָאַס אַלבערט 119
האַאַש אַרמין 170
האַוסער פראַנץ 168

האַזענפּוס אסתּר 130
האַכפּעלדער זאַלטאַן 168
האַלבערשטאַט מיעטעק 146
האַלבערשטאַם 373
האַלברייך זיגאַ 152
האַלוי טאַדעוש 39, 43, 48, 53, 55,
56, 64, 66, 72, 73, 77, 82, 84,
85, 161, 231, 232, 238, 244
האַלצער לעאַ 178
האַמערלע אַלבערט 189
האַמפּעל מ. 247
האַנדעלסמאַן בעלאַ 135, 221
האַנדעלסמאַן יאַנקל (יעקל) 135, 136,
218, 220, 221, 222, 229, 234,
242, 270 271, 395, 397, 415,
420, 426
האַנעל מאַריס 80
האַנעל מיראַ 135
האַס העניאַ 130, 248
האַסנער פּריץ 164
האַפּמאַן העלענאַ 157
האַראַוויץ עליאַש 169
האַרטיענשטיין פּריץ 31
האַרטשיק א. 160, 161, 165
האַרסט יאַנאַס 140
היטלער [אַדאַלף] 31, 78, 354, 373
היטנער נתן 147, 158, 165
היימאַן סטעפאַן 67, 87, 120, 147,
164
היימאַן פּראַנץ 88
הימלער [היינריך] 27, 31, 36, 243,
245
הירש יעקב 169
הירש פרעדי 140
הירשבערג עמנואל 274
העללער אַטאַ 87, 119
הענריק (אַ פּאַליאַק) 231
העס לודוויג 147
העס רודאַלף 16, 27, 31, 41, 42,
110, 115, 187, 350
העסלער פּראַנץ 32, 41, 112, 113,
180
הערדאַ („אַ לויפּערקע") 200
הערטאַ (פון „אוניאַן") 130
הערטינג סעם 226, 232,
הערשקאַוויץ יצחק 168

וואַגשאַל יעקב 182, 183
וואַדניצקי ישראל 169
וואַינאַרעק, זע זיידאַף שמעון
וואַיניונסקאַס יודעליס 176
וואַלאַך סטאַניסלאַוו 85
וואַלטשאַק־סיניטשינאַ לובאַ 156
וואַלמאַן טשאַרלי 174
וואַלמאַרק פּרימאַ 135
וואַלף־ [ז. גראַדאַווסקיס שוואָגער]
262, 288
וואַלקען אַטאַ 144
וואַסערמאַן לעאָפּאַלד "פּאַלדעק", זע
מיימון יהודה
וואַסערשטרום סאַניע, זע גאַלדמאַן
סאַניע
וואַרמסער־מיגאַט אַלגאַ 43,207, 223, 224
וואַרשאַווסקי יאַסל 135, 136, 218־221,
229, 234, 242, 270, 293, 395,
420, 425
וואַרשאַווסקי יזאַאַק 172
וואַרשאַווסקי פּאַליע, זע פּילרייז
פּאַליע
וווּלף יוסף 148, 151
וווּלץ שמעון 93
וויגאַדזקי סטאַניסלאַוו 141
וויגאַנסקי משה 242
וויזער זיסקאַ, זע ראַווין־ספּעטער
מאַשאַ
וויינער גרשון 5
וויינער יאַנאַס 170
וויינער פּיוול 204
ווײַנריב משה 177
ווײַנשטיין מאַלאַ 248, 249, 255, 258
ווײַס בנימין 169
ווײַס וולאַדיסלאַוו 170
ווײַס לעאָפּאַלד 170
ווײַס מאַרטין 168
ווײַס רוזשיטשקאַ 156
ווײַסבלום אסתּר (עסטושאַ) 249, 251,
252, 254־256, 258

ווײַסבלום גיזאַ 128, 129, 131, 331,
162, 193, 194, 198, 200, 202,
ווײַסבלום חנהלע (האַנקאַ, האַנעטש־
קאַ) 249, 255, 256
ווײַסבערג גינאַר 137
ווײַסמאַנדעל (אַ סלאָוואַקיש־אונגאַ־
רישער רב) 104
ווײַץ ראָבערט 46, 52, 143, 149, 163
ווילמאַ (פֿון „אוניאַן") 130
ווילנער נחמן (פֿײַנשטיין) 125, 147
ווינטער יולעק 158
ווינטער שמואל 158
ווינער לעאָן 145
ווינער מאַקס 87
ווינער שושנה 138
ווירטס עדואַרד 32, 42
ווישניאַ דוד 246
וולאַדיסלאַוו ז. 80
וולאַדעק (אַ בלאָק־עלטסטער) 75
וולאַך געראַרד 55, 192
וועטצלער אַלפֿרעד 178־180
וועלטמאַן זאַלטאַן 172
וועליאַן־פוקס פעטי 258
וועלנער האַנקאַ 139
וועללער ראָזאַ 212
וועלערס זשאַרזש 46
וועסעלי לודוויג 67
ווערל לודוויג 147
ווראַנאַ אברהם 242, 429
וורבאַ רודאָלף (וורבאַ־אַלאַן בעס־
טיץ) ראָזענבערג וואַלטער 109,
162, 163, 166, 178־180, 191
וורובעל יוקל (ווראַנאַ?) 234, 238,
242, 251

זאַבאַטשען מיכאַיל סטעפאַנאָוויטש
47, 49, 56, 71, 115
זאַבלודאָוויטש נח, 46, 90, 98, 123,
124, 253, 258
זאַיאַ (די רוסין) 243
זאַיאַנטשעק (אַן אַדוואָקאַט) 184
זאַקס ישראל 170
זוטאַר קאַרל 136
זוסמאַן טשאַרל 175
זיגמונט (ס.ס.־מאַן, אַ פֿאָלקס־דײַטש
פֿון שלעזיע) 234
זיגעלבוים אַרטור 161
זיגפריד, זע לעדערער וויטאָסלאַוו
זיזיעמסקי לײב־אריה 181, 191
זיידאַף שמעון־„וואַינאַרעק" 66, 122,
123, 182
זיכער הענעך 242
זילבער גאָדל 138, 234, 251
זילבערבערג יאַנקל 245
זילבערשטיין אַנעט 135
זילבערשטיין יעקב 98, 158, 165
זילטמאַן שלום 170
זימכע הילדאַ 139
זינגער יצחק 168
זיענבאַ אַננאַ 164, 165
זלאָטאָווסקי שמחה 107, 144, 163,
223, 232
זלאָטניצקי־טעלמאַן הדסה 248, 251
זלאָטעיאַבלקאַ זיסל (ספּאַרד זיסל) 261
[זלאָטעיאַבלקאַ] רפאל 266, 288
[זלאָטעיאַבלקאַ] שרקהע, זע גראַד־
אָווסקי סאָניע
זלמן (פֿון וויסאָקע־מאַזאָוויעצק) 242
זעהן יאַן 17, 40־43, 238
זעלמאַנאָוויטש דב 242
זעלמאַנאָוויטש ראַשעל 135
זעלמאַנאָוויטש רחל, זע אַלעווסקאַ
רחל
זעמענקאַ באַריס 180
זשאַק (אַ דאָקטער פֿון פּאַריז) 172
זשאַרסקי־זיידלער וולאַדיסלאַוו 231
זשורקאָווסקי ראובן 179
זשיוולסקאַ קריסטינאַ 187, 192
זשעלעווסקי עריך פֿאָן דעם באַך 15
זשעפּעצקי יאַן־(„סענדזיאַ", „ס") 41
זשערוועץ־רענאַ מימי 156

חיים־יאַנקל (פֿון לאָמזשיצע) 429

טאַבאַקמאַן ראָזאַ 130
טאַדעק (אַ בלאָק־עלטסטער) 33, 75

טאַוב שמואל 192, 247, 280, 282
טאַובער אַנטאָן 103, 107
טאַובער אַרנאָלד 147
טאַובער הענריק 187
טאַלעס נפתלי 187
טאָמטשיק יאַן 179
טאַנענוווּרצעל חיים 151
טאַפּער בערקאַ 242
טאַפּער יידל 245
טאַרטאַקאָווער אריה 5
טאַשמאַן שרה 129
טויבער איזידאָר 169
טיבערגער ראָזאַ 176
טיכאַוער עוואַ 156
טימפּאָלד אַלבערט 169
טיקאָצינסקי רחל 224
טעטאַ (אַ יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנ־
קע) 143
„טעלל", זע לאַסאָצקאַ טערעסאַ 215
טעלמאַן הדסה, זע זלאָטניצקאַ הדסה
טעמפּלער שרה (סאַלאַ) 130
טעמפּעל סאַמועל (שמואל) 172
טענצער אסתּר 128
טראַוער יוליוס 170
טרייסטער נח 147
טרינדאַ אַננאַ 163
טרעווגאַט יהודה (יודאַ) 172
טרעפּלער ישׂראל 170
טשאַליטש נאַדאַ 143, 163
טשעך דאַנוטאַ 20, 21, 40, 55
טשעכאַנאָווער מרדכי, זע ציעכאַנאָ־
ווער מרדכי
טשערטשיל 179
טשערקאַסאָוו, זע עפּשטיין וולאַדימיר
יאַקאָוולעוויטש

יאַבלאָנסקי הירש 189
יאַבלאָנסקי וואַצלאַוו (קאַרץ) 73
יאַגעללאַ אַלעקסאַנדער (קאַסטעק")
69, 126, 128
יאַנעק (אַ בלאָק־עלטסטער) 75
יאַנקאָווסקי סטאַניסלאַוו, זע פּײַנזיל־
בער אַלטער

יאַסינסקי סטעפאַן "אורבאַן" 228
יאַסני וואָלף 258
„יאַסעלע מאַמעליו", זע וואַרשאַווסקי
יאָסל
יאַסעק (יאָסל) אַן אונטערקאַפּאָ 145
יאַפּפּע א. 264
יאַקאָבס סימאָן 172
יאַקובאָווסקאַ וואַנדאַ 156, 157
יאַראַנאָווסקאַ אַדעלאַ 142
יאַראָסלאַוו, זע לערערער וויטאָסלאַוו
יום־טוב יאַקועל (יקותיאל ?) 237
יוריסטאַ בערטאַ־גלאַזער 130
יעגעל טילאַ 140
יעזיערסקאַ מאַריאַ עלזשביעטאַ 208־
210, 223, 272, 273
יעמיאָלאַ מאַריאַ 33
ירושלמי אליעזר 373

כּ"ץ אליהו 373
כּ"ץ בעער —גאַרפינקעל אידה 247
כּ"ץ לייבל 242
כּ"ץ מאַנע 224

כאָמיטש עלזשביעטאַ 232
כאָמער אַברהם 373
כאַסקעל אַברהם 169
כאַצקל 212
כלעוויצקי משה 161
כמיעלניצקי בנימין 185

לאַבעל פּיילער 173
לאַדניעווסקאַ־בלאַנקענהיים דאָראַ 165
לאה (אַ לויפּערקע) 200
לאָופּער הערש 151
לאָופּער יהודה 90, 124, 251
לאַטטי (פון „אוניאַן") 130
לאַטער ש. 98
לאַמסקאַ רייזל 85
לאַמפּאַדאָוואַ לובאָוו 142
לאַנגביין הערמאַן 46, 55, 64, 66, 67,
72, 73, 84, 107, 115, 204, 224,
238, 246, 375

לאַנגזאַם־סילבערבערג ראַזאַליאַ 248
לאַנגמאַן מאיר 125
לאַנגפוס לייב 233, 234, 238, 264־266, 270, 271, 373, 276־281, 284, 350־352, 380, 415, 420, 423, 425, 427, 428
לאַנגפוס־ראָזענטאַל דבורה, זע דבורה
לאַנדוי יוסף 168
לאַנדסמאַן 93
לאַנדעסמאַן געיזאַ 172
לאַנזשוווען עלען 156
לאַסאָצקאַ טערעסאַ „טעלל" 215, 218
לאַפּאַ יאַנקאַ 138
לאַפּאַ־לוסטגאַרטען עלזאַ 137, 138
לאַפּאַטיענקאַ א. א. 273
לאַקמאַניס, זע קלאַר אַלפרעד
לאַקס סימאַן (שמעון) 125, 350
לאַרסקאַ דאָראָטאַ „סלאַווקאַ" 72, 98, 120, 121
לובקאַ לאה 128
לודען יוסף 5
לוי מיכאל 12
לוסטבאַדער מאַריץ 169
לוסטגאַרטען עלזאַ, זע לאַפּאַ עלזאַ
לוסטגאַרטען שמעון 151
לוסטיג פריץ 176
ליבעסקינד, זע קופּער ריבה
ליבערמאַן דוד 175
לידווינאָוויטש יוסף 242
ליוועו דוד 115, 232, 242, 247
ליטוואַק משה 96
ליטמאַנאָוויטש 160, 161
לייזער, זע סילמאַן לייזער
ליכטענשטיין אַדאָלף 169
ליכטענשטיין מרדכי 191
ליל קאַראָל 66, 67
ליליענטאַל לאַדיסלאַוו 169
לינגענס־ריינער עללאַ, 46, 55, 71, 72, 143
לינדענבאַום אַדאָלף 139, 157, 163, 165
ליפשיץ (סקולפּטאָר) 224
לעאַן (דער קוכער) 260
לעבעדיעוו אַלעקסאַנדער 67
לעדערער האַנס 119
לעדערער וויטאַסלאַוו 177, 178
לעהמאַן יוסף 5
לעווי דוד 169
לעווי־ענגעל חנה 139
לעווי יוסף 237
לעווי פרימאַ 98
לעווין נתן 169
לעווענטאַל זלמן 221, 232, 234, 238, 246, 247, 260, 263, 266־273, 276, 280, 281, 284, 285, 350, 377־380, 420־423, 425, 427־430, 435
לעווענטאַל מענדל 268,
לעווענטאַל עטל 268
לעווענטאַל שמואל 268
לעווענראָזען מאַריץ 169
לעווענשטיין שמעון 177
לעווקאָוויטש ישראל 242
לעיסמאַן אַברהם 180
לעמבערגער 212
לעמקע 213
לענצער סטאַכאָו 169
לעפּאַק 159
לערמאַן (פון „אוניאָן") 146

מאַגריל דאָראַ, זע ראַבינאָוויטש דאָראַ
מאַהלער רפאל 5
מאַוושאָוויטש אַלאַ פרימעט, זע גאָלד־געוויכט אַלאַ פרימעט
מאָוטנער בראַנד 175
מאָום מרדכי 177
מאַטיקאַ לוציאַן 66
מאַטקאָווסקי נתן 242, 429
מאַטשקאָוויאַק 65
מאַיאַקאָווסקי 212
מאַיעווסקי סטעפאַן 177
מאַיען אַלפרעד 42, זע ד"ר מענגעלע
מאַיער יוליוס 88
מאַלינקאַ עלוש 270, 271, 397, 415
מאַלל אַטאַ 32, 41, 206, 213, 233, 236, 350, 357, 373, 389
„מאַלפּע" עלע 92

מאַן פראַנצישקאַ 102
מאַנדאַ (אַן „אַריערין") 243
מאַנדי (פון אונגאַרן) 243
מאַנדי (פון סלאָוואַקיע) 160
מאַנדע „די בלאָנדע" (אַ דאָקטערין אין „רעוויר" אין בירקענאַו) 142
מאַנדע „די ברונעטקע" (אַ דאָקטערין אין „רעוויר" אין בירקענאַו) 142
מאַנדעל מאַריאַ 32, 195, 200־202
מאַנדעל (פון „אוניאַן") 146
מאַנדעלבאַום אַנעט 129, 156
מאַנדעלבאַום אסתּר 129
מאַנדעלבאַום העניק 187, 246, 247
מאַסדאָרף יאַן 78
מאַסטאָווסקי יעזשי 73
מאַסיענבערג מאַטל־ישראל 154
מאַקס (אַ דײַטשישער ייִד) 146
מאַראַוואַ מיעטשיסלאַוו (מיעטעק) 213, 270, 274, 408
מאַרבער מרדכי 169
מאַרגוליס־שקורמאַן אסתּר (אסתּרקע) 136, 142, 163, 224
מאַרגענבעסער לודוויג 169
מאַרדאָוויטש טשעסלאַוו 180, 191
מאַרוסיאַ (אַ קראַנקן־שוועסטער אין „רעוויר"־בירקענאַו) 142
מאַרטען אַנדרע 67
מאַרסעל מאיר 170
מאַרק אסתּר 125, 273, 276, 281
מאַרק בער 5, 6, 11, 56, 72, 73, 83־85, 98, 161־165, 191, 192, 204, 258, 274־277, 281־283, 350, 423, 429
מאַרקאָוויץ עריך 120, 147
מאַשעוויצקי א. 98
מולכו מיכאל 52, 56, 108, 147, 224
מוספעלד עריך 32, 42, 351
מושל חיים 184
מזראַכי (מזרחי) סאַלאָמאָן 172
מיטעלבערג ד״ר 144, 170
מיטראַני איליאַ 170
מיידאַן ישׂראל 232
מייזעל יוסף (פּעפּי) 67, 182
מילאַקאָווסקאַ סאָניע, זע קאַגאַנאָ־וויטש סאָניע
מילאַקאָווסקי 179
מילאַר אַנדרעאַס 125
מילדנער רודאָלף 42
מיללער פּיליפּ 224־246, 375
מילער (אַ טשעכישער ייִד) 144
מילער (פון פּיטיוויע) 172
מימון (מיימון) יהודה „פּאַלדעק" 73, 84, 98, 151, 152, 164
מינץ מתתיהו 5
מינק עמנואל 73, 85, 98, 122, 125, 127, 136, 137, 162, 214, 224, 226, 232, 246, 247
מיעטעק, זע מאַראַוואַ מיעטשיסלאַוו
מיעטעק (פון דער גרופּע קראָקעווער חלוצים) 151
מיצאַל אוגוסטין 67
מיראָווסקי הערשל 124
מישין פּיאָטר „פּיעטיאַ" 67
מישקינסקי משה 5
מלאַצקיער אסתּר 423
מנחם (פון פּרוזשאַני) 146
„מעדיק" אַהרן הערשל 113
מעוזער עגאָן 172
מענגעלע יאָסעף 32, 42, 146, 235, 425
מעסער אידאַ 107

נאַדעל אַרנאַ 139
נאַמבערג־פּשיטיק שׂרה 142
נאַרמאַן מאַרי־לואיז 156
נוימאַן אַדאַלבערט 169
נוימאַן רענאַ 177, 178
ניעמירסקי ד״ר, זע צעלמײַסטער ד״ר
נישלי מיקלאָס 235, 246, 425
נעטל קורט ישׂראל 154
נעלקען יאָסל (יאָסעק) 145
נעקרומאַ 42

סאַבאַטקאַ משה 242, 429
סאַבאַנסקי טאַדעוש 73, 204, 205
סאַדאָווסקי (פון „בונד", בריסעל) 161

סאַדאָווסקי (ס.ס.־מאַן) 221
סאַדטשיקאָוו יורעק 200
סאַלאָמאָן אַלעקסאַנדער 204
סאָסנאָווסקי (פון לאָמזשיצע) 429
סאַפיר (סאַפירשטיין) רעגינאַ 249, 251, 252, 254־256, 258
סאָקאָל אַברהם בער 91, 98, 245
סאָקאָל טוביה 242
סאַראָקאַ ישׂראל 175
סדן דב 5
סודאָוו קאַרל 67
סוויערדלאָווסקי זיגמונד 125
סול יורי 204
סוסקינד, זע גאַרנצאַרסקי העלען
סטאָל קאַזימיר 67
סטאָלאַרסקי ישׂראל 5
סטאַראָסטקאַ סטעניאַ 33
סטאַשאַק לעאָן, זע סילמאַן לייזער
סטשעלעצקי אַנטאָני 190, 191
סיאַמאַ 242
סילבערבערג ראָזאַליאַ, זע לאַנגזאַם ראָזאַליאַ
סילווער ל. 83, 84, 258
סילמאַן לייזער 122, 147, 148, 150, 151, 164
סימראַ 229
סירקוס העלענאַ 67
„סלאָווקאַ" זע לאַרסקאַ דאָראָטאַ
סליווקאַ פּאָלעט 135
סמאָלען קאַזימיעזש 48, 49, 56, 190, 238
סמולץ דעזידער 170
סעגאַל לייב 176
סעגאַל־פינקעלשטיין פייגע 248, 249, 254, 255
„סענדזיאַ" זע זשעפּעצקי יאַן
סענדער יעקב 107
ספּאַרד דוד 12, 261
ספּעטער, זע ראָווין מאַשאַ
ספּערבער קאַראָל 181
סקעראַבאַלסקאַ אַלין 129

עטינגער לאַזאַר 125
עמיליע (פון וואַרשע) 146
עממעריך ווילהעלם 102, 107
ענגעל חנה, זע לעווי חנה
עסטוש (צימעטבאַום) 195, 197
עסקענאַזי ניסים (אַשכּנזי) 170
עפּשטיין וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש 186, 192
עפּשטיין (ד"ר פון ווילנער געטאָ) 143
עפּשטיין 125
עקהויז (פון מעזריטש) 161
עריך 67
ערליך [העענריק] 161
ערלער רודאָלף 241
ערענפריד הענאָך (העניעק) 180, 181
עשמאַן מיכעל 175

פּאַדריאַטשיק לייזער 12
פּאָזנאַנסקי אַרטור 151, 164
פּאָזענער קורט 120, 147
פּאָטאָק אידל 180
פּאָטאָשינסקי 148
פּאָל (דער „קליינער פּאָל") 67
פּאָליאַקאָוו לעאָן 42, 54, 56, 71, 223, 224, 247, 273
„פּאָלדעק" זע מימון יהודה
פּאָליע (אַ לויפערקע) 200
פּאַנטשעק לייבקאַ 175
פּאַניטש לייב הערשקע 234, 239, 242, 420, 428, 429
פּאַסטעל (אָדער פּאַסטער) 143־145
פּאַפּאָוו 261
פּאָופּע עמיל 154
פּאָרעמבסקי העענריק 259, 260, 272
פּאָרעצקי זשאַק 169
פּאַרקאַס אַלעקסאַנדער 170
פורקע יאָזעף 241
פּייסיקאָוויטש דוב 46, 207, 223, 224, 240, 245־247, 260, 266, 273
פּילעצקי יאַן 55, 192
פּיעטיאַ, זע מישין פּיאָטר
פּיעכאָוויאַק פראַנצישעק 182, 183
פּיעקאַרטשיק מאיר 242
פּיעקוט עלזשביעטאַ 78

פּיפּער פראַנציִשעק 191
פלאַטקין אברהם 170
פעטשאָור 178
פעסטעק וויקטאָר 177, 178
פעפּי, זע מייזעל יוסף
פעפּיק 254
פערלע צבי 423
פערקאָווסקאַ־שטשיפּיאָרסקאַ אירענאַ 142, 163
פרים יוסף 176
פרעזענט ראָזאַ 129
פּרץ י. ל. 274
פשיטיק שׂרה, זע נאַמבערג שׂרה

פאַגעל יוליוס 169
פאַלטינאָוואַ ווערא 137
פאַעלדיש בעלאַ 174
פאַרמאַס יאַנאַס מאָיז 170
פאַרסט 357
פוקס וועלוול 242
פוקס חיים 170
פוקס חיים לייב 274
פוקס לייב 12
פוקס משה 242
פורמאַן אסתר „מאַפּי" 139, 157, 165
פורמאַנסקי זשאַק 98, 125, 162
פידערקעוויטש אַלפרעד 67, 84, 141, 163
פײַבישקעוויטש מ. ל. 161
פײַגענבוים (ד"ר) 93
פײַנגערש בנימין 152, 164
פײַנזילבער אַלטער 125, 187, 191, 212, 218, 224, 229, 234, 245, 266
פײַנשטיין נחמן, זע ווילנער נחמן
פילאַטאָוו וואַלענטין 55, 67, 82, 126, 226, 251
פילאָר אַלפאָנס 99
פילרייז־וואַרשאַווסקי פאַליע 135, 220
פינקעלרויט 125
פינקעלשטיין פייגע, זע סעגאַל פייגע
פירסטענבערג לוסיאַ 248
פירסטענפעלד 180, 191
פישל 191

פישער איזידאָר 170
פישער לאַדיסלאָוו 170
פישער מאַשאַ 142
פליישמאַן נתן 153, 183
פעיקעל וולאַדיסלאָוו 66, 72, 73, 84
פעלד ישׂראל „ראָבערט" „רודי" 128, 145, 163
פעלדמאַן סאַלאַ 172
פעלדענקרײַז עוואַ, זע גרינבאַל עוואַ
פערשטענפעלד בענעק 242
פראַנק ה. 161
פראַש חיים 163, 184, 191, 232
פרוידענשטיין זשאַרזש 170
פריד יוסף 169
פריד ריוואַ 156
פרידמאַן יעקב 170
פרידמאַן מאַריאַ 135
פרידמאַן משה (דער באַיאַנער רבי) 355
פרידמאַן משה (פון זאַמבראָוו) 429
פרידמאַן פיליפּ 48, 49, 56, 72, 73, 84, 115
פריזע ווילי 241
פרייליך הערמאַן 98
פרייליך 125
פריימאַרק יעקב 204, 224, 262, 274
פרימעל רודאָלף 67
פרענקעל וולאַדעק 242
פרענקעל שלום 172

ציבולסקאַ צעציליאַ (סאַניאַ) 182
ציטראָן משה 184
ציליאַ (ד"ר פון בראַטיסלאַוואַ) 142
צימעטבאַום מאַלאַ 129, 130, 133, 134, 180, 190, 191, 193, 204
צימערמאַן שמואל 175
צימערקנאָפּ (צוויי ברידער) 242
ציעכאַנאָווער מרדכי 192, 247, 279, 280, 282, 424
ציראַנקעוויטש יוזעף 64־66, 68, 80־82, 119, 124, 125, 141, 215, 218, 244
צעזאַר יאָאַכים 165

צעלמײַסטער (ד״ר ניעמירסקי) 141

קאַביעלסקי פראַנצישעק 73
קאַבעלי יצחק 224, 237, 246
קאַגאַן ראַיאַ 46, 204, 246, 258
קאַגאַנאָוויטש סאָניע־מילאַקאָווסקאַ
155, 156, 165
קאַגען הירש 176
קאַגען עוגען 107
קאַדוק אָסוואַלד 32, 42
קאַהאַן יוסף 170
קאַהאַן סימאָן (שמעון) 168
קאַוואַטש מיכאל 174
קאָופמאַן אירענע 135
קאָזלאָווסקי חיים 93
קאַזשעלטשיק יאַנקל (יעקב) 89, 90,
98, 252, 253
קאַטעק 33
קאַטשוק זשאַק 170
קאַך אייגען 252
קאַליסקי 113, 125
קאַליף סילוויאַ 140
קאַלמאַנאָוויטש באָריס 170
קאַלמאַנאָוויטש טוביה 242
קאַלניאַק אײַזיק 234, 242, 271, 420,
429
קאַלעל ראָז 172
קאַלפוס ישעיהו 185
קאַמינסקי אַנדזשעי יוזעף 71
קאַמינסקי זשאַק 224
קאַמינסקי (פון סאָקולקע) 51, 52,
212, 213, 221, 233, 270, 425,
427
קאָן אַברהם 179
קאָן אַלאַיז 172
קאָן נ. ה. 246
קאַנטאַראָווסקי אַברהם 179
קאַנעל ברוך 124
קאַסאַנאָוואַ דאַניעל 67
קאַסאַקעוויטש זאָפיאַ 105, 107, 108,
160, 165, 204, 224, 243, 247
קאַסטנער רודאָלף (רעשע) 373
קאַסמאַן אירענע 135

קאַעראַנט מאַרקוס 174
קאַץ אַברהם 185
קאַץ חיים 174
קאַצאַף לייב 144
קאַצאַף רפאל 144
קאַצענעלסאָן יצחק 373
קאַראַסאַ סעם 237
קאַרבי לאה, זע שאַיעוויטש לאה
קאַרל 239
קאַרמאַן ייִדל, זע באַרשטשעווסקי
ייִדל
קאַרמאַן צילאַ 135
קאַרפּי דניאל 5
קאַרץ, זע יאַבלאָנסקי וואַצלאַוו
קאַרשטיין פעללער 179
קאַשיענקאַ (קאַטיענקאַ) נ.פּ. 156, 165
קודי רענע 350
קוואַטער פאַלעט 135
קוויענקאַ (ד״ר פון אָטען) 149
קוטיריע־וועיאַן מאַרי קלאָד 67, 130
קויאַווסקי (פון קרושניעוויץ) 160
קולקאַ אריך 38, 43, 47, 50־52, 56,
72, 73, 79, 84, 90, 98, 107, 163,
190, 191, 223, 231, 232, 238,
244, 246, 262, 372, 427
קולקאַ משה 89, 115, 124, 161, 162,
247, 258
קופער אפרים 276
קופער ריבה — ליבעסקינד וווּזשקאַ
73, 137, 138, 162, 163
קופערבערג רבקה, זע באַטיאַ רבקה
קורניץ הערשל 242
קורצווײַג הערש 176
קזשיזשאַנאָווסקי אַדאַם (גורסקי) 184
קילה יוסף 184
קינזשילעווסקי גוטאַ 129
קינסטלער הירש ישראל 189
קירשענבאַום (פון קוטנע־וואַרשע)
161
קירשענבאַום דאָראַ 130
קירשענבוים סעוועק (סעווערין) 67,
125
קירשענבוים עדאַ 139
קירשענבערגער עריך 169

קלאָובערג קאַרל 32, 35, 36, 42
קלאַדזינסקי סטאַניסלאַוו 66
קלאָץ פּאַליע (שענער) 194, 197, 204, 205
קלאַר אַלפרעד („לאַקמאַניס") 67, 72
קלאַרמאַן רחל, זע שוואַרץ רחל
קלוגער בערנאַרד 169
קליין אַרמאַנד 169
קליין מיקלאָס 176
קליין סלאַווא, זע לאַרסקאַ דאַראַטאַ
קליין ראָמאַן 185
קליין (פּראָפעסאָר פון שטראַסבורג) 143
קלעניעץ יצחק לייב 98, 423
קלער יאָסעף 32, 42
קנעפּלמאַכער יוסף 170
קעלאַר וויעסלאַוו 194, 199־201, 203־205
קעננער יוסף 182, 183
קעסעלבאַך אַרנאָס יונג 149
ק. צעטניק 38, 43, 46, 99
קראַוס אָטאָ 38, 43, 47, 50־52, 56, 67, 72, 73, 79, 84, 90, 98, 107, 115, 163, 190, 191, 223, 231, 232, 238, 244, 246, 262, 372, 427
קראַמער יוסף 31, 223
קראַמער (אַ פראַנצייזישער ייד) 146
קראַסוצקאַ לאה 135, 137
קראַקאַווסקי סטעפאַן 98
קרוזאַ זענאָן 67
קרופּינסקי הערשל 242
קריישמאַן יוסף 169

ראָבאָטאַ ראָזאַ (רוזשאַ, רוזשקאַ) 90, 124, 249־256, 258, 423
ראַבינאָוויטש דאָראַ־מאַגריל 129, 156, 164, 165
ראַבינאָוויטש לאָלאַ־בערלינער 129, 130
ראַבינאָוויטש סערזש 170
„ראַבערט", זע פעלד ישראל
ראַדאַל לייב (לעאָן) 183
ראַדריג יוסף 170
ראַווין־ספּעטער מאַשאַ 135־137, 141, 162, 163, 224, 226, 232
ראָוש פעלירס 147
ראָז קאַלעל 172
ראָזין אַרנאָסט 180
ראָזע מאַריאַ (ראָזענגאַרטען) 156
ראָזענבאָום דוד 172
ראָזענבלאַט יצחק 175
ראָזענבערג בלימאַ 139
ראָזענבערג הערמאַן 169
ראָזענבערג וואַלטער, זע ורבאַ רודאָלף
ראָזענגאַרטען, זע ראָזע מאַריאַ
ראָזענטאַל דוד 164
ראָזענטאַל הוגאָ 189
ראָזענטאַל שמואל יוסף 278
ראָטנער מאָזעס 172
ראַכלין לעאַ 169
ראַמשאַק ווילהעלם 173
ראָס יעזשי 84
ראַסעט אײַזיק 169
ראַפּאַפּאָרט דוד 148, 150
רובין 127
רובינשטיין זיגי 158
רוזוועלט 180
רוטקעוויטש ווינצענטי 67
רומקאָווסקי מרדכי־חיים 94, 435
ריבאַק כאַסקל (יחזקאל) 242, 429
ריטער (ס.ס.־מאַן) 201
רייטשיק שלמה 192
רייך ראָמאַן 151
רײַכערט אָרלי 143
ריינער העלענאַ 209, 210, 223
רייס אַנשל 5
רייפעלד זיוה, זע גראַוער זאָסיאַ
רעדאַק מאָטל 175
רעכשאַפט עליע 170

שאַגאַל מאַרק 224
שאַיעוויטש־קאַרבי לאה 130
שאַפּיראָ יצחק 169
שאַפּיראָ צפורה, זע גוטניק צפורה

שאַפּיראַ שמואל 148, 149
שאַפּמאַן (פון טאָמאַשאָוו־מאַזאָ־
וויעצק) 92
שאַפּשאָוויטש יאַנקל 96
שבלא חיים 242
שוואַלבאָווא מאַרגאַרעט 67
שוואַרץ סאָניאַ 135
שוואַרץ רחל־קלאַרמאַן 248
שוואַרצהובער יאָהאַן 31
שווייצער יוסף 170
שוויפער לעאָן 134
שוויערטשינאַ בערנאַרד 66, 69, 98
שוטטער האַנס 67
שולזינגער אידאַ 129
שולמאַן־אלפּעראָוויטש צילע 156, 165
שולץ 88, 252, 257
שולקלאַפּער ירחמיאל 80, 85, 92,
208
שומאַן האָרסט 32, 42
שוסטער באָריס 12, 194
שוסטער האַנס 67
שזר זלמן 164
שטיין יחזקאל 161
שטיינבערג יאָנאַס 170
שטיינבערג לעאָן 153
שטיינבערג קאַרל 240
שטיינבערג (ד"ר) 93
שטילמאַן אַלבערט ישראל 154
שטערן אַלבערט 170
שטערן ישראל 172
שטערנבערג יאָהאַן 169
שטערנפינקעל נתן 372
שטשיפּיאָרסקאַ אירענאַ, זע פּערקאָוו־
סקאַ אירענאַ
שיללינגער יאָסעף 102, 435
שיללער וולאַדיסלאַוו 170
שימלאַק אַנטאָני 200
שיק זאב 98, 99
שלאַכציץ פראַנציִשעק 85
שליוואַ ראַמאַן 67
שליסער אַטאַ 178
שלמה ח. 161
שמואל [לאַנגפוס] 279
שמולעוסקי דוד 49, 67, 73, 85, 93,
98, 122, 125, 127, 136, 162, 210־
212, 218, 223, 224, 232, 246,
247, 258
שמידט עלפרידע 110
שמערוק חנא 5
שמרי אריה 12
שמשון 221, 279
שניאור זלמן 113
שניידער גערדאַ 119, 156
שניידער 125
שענפעלד עציו 129
שענקער—לבון רות 129
שערמאַן אַדעלאַ 129, 130
שערמאַן יוסף 157
שפּילסקי יוזעף 66, 72, 92, 98, 128,
162, 246, 247, 258
שפּיץ יעקב 168
שפּראַצער העלענאַ 191, 247, 429
שקורמאַן אסתּר, זע מאַרגוליס אסתּר
שרייבטאַפּעל סרול 151
שרייבער פאַלאַ 138
שרייבער שמעון 151
שרייבער שלום 151

קאַצעטניקעס, וועלכע פיגורירן נאָר לויט זייערע לאַגער־נומערן

41845 (פון פיטיוויע) זייט 173
49932 (פון דראַנסי) ז' 173
50161 (פון דראַנסי) ז' 173
51367 (פון אַנדזשערס־סען־לאַד) 173

57640 (פון פּיטיוויע) ז' 173
57672 (פון וועסטערבאָרק) ז' 173
57890 (פון ציללי) ז' 173
57810 (פון ציללי) ז' 173
59247 (פון דראַנסי) ז' 174
59642 ((פון יוגאָסלאַוויע) ז' 174
59674 (פון יוגאָסלאַוויע) ז' 173
60580 (פון דראַנסי) ז' 173
61061 (פון וועסטערבאָרק) ז' 173
65245 (פון סלאָוואַקיע) ז' 173
66293 (פון מאַלין) ז' 174
67396 (פון האָלאַנד) ז' 174
68726 (פון בוכענוואַלד) ז' 174
70901 (פון האָלאַנד) ז' 174
103918 (פון בערלין) ז' 175

אינדעקס פון ערטער

אהרדרוף 185

אוגוסטאָוו (אויגוסטאָוו) 20
אויבער־שלעזיע 19, 20
אויסטראַליע 161, 245, 429
אוישוויץ 11, 12, 15־23, 25־28, 30־34, 36־50, 52־55, 57־61, 63־66, 68־70, 72, 73, 75, 77, 78, 81־84, 86־89, 91, 93־99, 101־103, 105, 107, 109, 110, 113, 115־120, 122־126, 129־131, 134־136, 139, 141־146, 148, 151־155, 157־167, 172־187, 190־195, 197, 203, 204, 211, 213, 216, 217, 220, 221, 224, 225, 227־232, 236־239, 243־246, 249, 252, 255־263, 265, 266, 268, 274, 277, 279, 280, 347, 348, 358, 361, 372, 376, 382, 405, 406, 416, 420, 423־429, 435
אונגאַרן 23, 25, 29, 34, 47, 105, 160, 211, 236, 265, 356, 372
אוקראַינישער געגנט 348
אַטען 22, 105, 1149
איטאַליע 18, 20, 61
אײַנטראַכטהיטעטע (לאַגער) 181, 191
אייראָפּע 349, 376, 421, 430
אַלטענבערג 375
אַלקוש 20
אַמסטערדאַם 12
אַמעריקע 48, 185
אַנדזשערס־סען־לאַד 173
אַנטווערפּן 180, 193־195, 204
אַסטראַלענקע 211
אַפריקע 42
אַרגענטינע 56
אַשוויענטשים, אושפּיצן, זע אוישוויץ

באַביצע 428
באַטשע־מאַקרע 428
באַכניע 150
באַלטישער געגנט 348
באַנסקע־ביסטריצע 146
באַן־לאַ־ראַלאַנד 21
באַראַנאַוויטש 156
באַריסלאַוו 23
בוג 265
בודאַפּעשט 163, 174, 376
בודי 19, 110, 111, 119, 239, 428
בוכענוואַלד 22, 92, 158, 174, 375
בונאַ, זע בונאַ־מאָנאָוויץ
בונאַ־מאָנאָוויץ 19, 46, 55, 68, 75, 88, 120, 122, 136, 138, 139, 141, 143, 147, 148, 150־153, 157־159, 164, 177, 183, 191, 370, 376, 386
בוענאָס־אײַרעס 56
בזיעסקאָ 194
בזיעסקאָ 194
בזשעזשינקע, זע בירקענאַו
ביאַליסטאָק 20, 23, 40, 52, 135, 213, 230, 258, 262, 263, 309, 310, 348
ביאַליסטאָקער געטאָ 348
ביליץ, זע ביעלסק
ביעלסק 154
בירקענאַו 16, 19, 20, 24, 27, 28, 31, 33, 39, 40, 42, 44, 45, 50־53, 55־57, 63, 64, 67, 68, 70, 73, 84, 91־93, 102, 104, 105, 107, 112־114, 120, 122, 125־128, 134, 135, 137, 139, 142, 144, 145, 147, 151, 155, 157־160, 163, 174, 177־181, 183־185, 191, 197, 198, 200, 208, 210־213, 215, 224־226, 247, 254, 259, 262־281, 347־350, 228־231, 235, 237, 238, 241, 246,

372־375, 386, 400, 405, 410, 420־
426, 432, 435
בליזין 20
בעלגיע 18, 20, 21, 47, 81, 118, 119,
128־131, 144, 145, 156, 193־195,
197־199, 226, 248
בעלגראַד 143
בעלזשעץ (בעלזשיץ) 265, 274, 358,
359, 373
בענדין 47, 56, 101, 115, 134, 139,
161, 177, 180, 232, 242, 247,
248, 351, 365, 372, 375, 425
בעסאַראַביע 260
בעסקידן־בערג 152
„בעצירק ביאַליסטאָק" (ביאַליסטאָ־
קער באַצירק) 262, 423
„בעצירק ציכענאַו" (טשעכאַנאָווער
באַצירק) 268, 423
בערגען 21
בערגען־בעלזען 22, 102, 107, 164
בערלין 22, 25, 31, 40, 56, 107, 156,
174, 376
בראַטיסלאַוואַ (בראַטיסלאַווע) 130,
142, 146, 179, 373
בריסעל 12, 161, 195
ברנאָ 169, 174, 176
ברעסלאַו, זע ווראַצלאַוו

גאַליציע 23
גאַלעשוו 177
גאַנאַ 42
גאָסטינין 270, 397
גדאַנסק, זע דאַנציק
גוש עציון 242
גינטערגרובע 144, 180, 190, 191
גלייוויץ (גליוויץ) 29, 153, 370, 376,
427
גראָדנע 23, 25, 87, 145, 262, 271,
294, 346, 348, 420
גראָדנער קאַנט (געגנט) 212, 213,
348
גראָסראָזען (גראָס־ראָזען) ראָגאָזשני־
צאַ 22, 360, 374, 376

גריכנלאַנד 20, 22, 26, 35, 56, 108,
142, 211, 213, 224, 246

דאַכאַו 22
דאַנציק (גדאַנסק) 214, 347
דיהערנפורט (Dyherrnfurth) 376
דײַטשלאַנד („יעקע־לאַנד") 17, 20,
22, 41, 45, 47, 105, 139, 161,
225, 228, 248, 314, 335, 348,
349, 354, 374, 383, 426, 435
„דער רויטער", זע ראַטן־פאַרבאַנד
דראַנסי 21, 135, 141, 170, 172־174,
176, 220, 221
דרום־אַמעריקע 373
דרעזדען 25, 31

האָלאַנד 20, 21, 81, 173, 174, 211,
372, 374
האַנאָווער 151
האַרמענזשע 16, 428
הירשבערג, זע יעלעניאַ־גוראַ
הערטאָגענבאָש 372
הרוביעשאָוו 80

וואָדזשיסלאַוו שלאַנסקי 187
וואַטיקאַן 179, 180
וואָלקאָוויסק 20, 155
וואָלשטין 25
וואַרטעגאַו 177
וואַרשע 17, 20, 40, 42, 52, 56, 69,
73, 78, 84, 85, 89, 90, 92, 107,
123, 124, 128, 141, 146, 156,
160־163, 190, 192, 204, 223,
228, 230, 237, 246, 248, 263,
268, 271, 278, 312, 349, 395,
420, 431, 432, 434
וואַרשעווער געטאָ 84, 102, 124, 127,
158, 161, 183, 225, 272, 349,
435
וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט 349
וויטעל 27, 107, 355, 373
ווײַסל (וויסלאַ) 110, 174, 213, 214,
241

וויַסרוסישער געגנט 348
וויַסרוסלאַנד 18
ווילנע 145, 248
ווילנער געטאָ 143
ווין 55, 72, 107, 128, 204, 375
וויסאָקע־מאַזאָוויעצק 242
ווירשאָוויצער וואַלד 359
ווישליצע 186
וועסטערבאָרק 173, 174, 176, 372
ווראצלאַוו (ברעסלאַו) 15, 22, 25

זאַגלעמביע 20, 144, 142, 247
זאַוויערציע 177
זאַמבראָוו (זעמבראָווע) 20, 47, 211, 429
זאַקסענהאַוזען 16, 87
זשילינע 179
זשיראַרדאָוו 218
זשענעווע 178

טאָמאַשאָוו־לובעלסקי 274
טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק 92, 98, 127, 158, 165
טאַרנאָוו, זע טאַרנע
טאַרנע 17, 20, 148, 354, 355, 372, 373
טערעזיענשטאַט (טערעזין, געטאָ טע־רעזין) 21, 103, 106, 124, 178, 182, 191, 370, 376
טערעזין, זע טערעזיענשטאַט
טערקיַ 373
טראַווניק (טראַווניקי) 359, 374
טרעבלינקע 230, 310, 324, 348, 349
טריעסט 23
טשעכאַנאָוו (צ׳חנוב, ציכענאַו) 20, 47, 56, 83, 88, 90, 108, 123, 124, 145, 146, 211, 221, 242, 246, 247, 249, 251, 258, 268, 396, 420, 423, 424, 430
טשעכאַנאָווער געטאָ 423
טשעכאָסלאָוואַקיע 72, 106, 147, 374, 435
טשעכיע 20, 21, 26, 37, 124, 156, 347

טשענסטאָכאָוו 122, 147
טשערנאָוויץ 237

יאָוואָזשנאָ 19, 41, 75, 80, 153
יאַווישאָוויץ 112, 154, 176, 185, 190
יוגאָסלאַוויע 18, 20, 21, 173־175
יעלעניאַ גוראָ (הירשבערג) 22
„יעקע־לאַנד", זע דיַטשלאַנד
ירושלים 43, 44, 46, 164, 258, 372
ישראל 11, 12, 46, 47, 92, 106, 128־130, 153, 164, 165, 224, 232, 245, 256, 260, 268, 278, 289, 290, 350, 356, 373, 429

כאַרקאָוו 165
כזשאַנאָווער ראַיאָן 81, 85
כעלם 143

לאָדזש 161, 185, 274, 430, 434
לאָדזשער געטאָ 94, 125, 272, 273, 430, 431, 435
לאָוויטש 218, 224
לאָמזשיצע 429
לאָמזשע (לאָמזע) 20, 47, 113, 211, 239, 242, 271, 420, 428, 429
לאָמזשער געטאָ 428
לאַנגעבורג 42
לאָנדאָן 71, 72, 81, 84, 161, 191
לאַנדסדאָרף 25
לאָס אַנדזשעלעס 258
לאָסאָסנע 307, 348
לובינגען 191
לובלין 109, 197, 225, 359, 400, 401, 411, 426
לובלינער וואָיעוודסטווע (וואָיעוואָד־שאַפט) 359, 373, 374
לובלינער לאַגער 400
לוד 373
לודוויגסבורג 41
לודוויגסדאָרף 22
לונע (לונאָ) 261, 262, 271, 420

ליטע 18, 23, 27, 80
לײַפּציג 22, 25, 375
לינץ 374
לעטלאַנד 23, 80
לעמבערגער וואָיעוואָדסטווע 359
לעניגראַד 47, 56, 261

מאַוטהאַוזען 22, 128, 183, 274, 360, 374
מאַזאָוויע 224
מאָלין 21, 129, 173, 175, 176, 195
מאָנאָוויץ (מאָנאָוויצע), זע בונא־מאָנאָוויץ)
מאָסקווע 56, 163, 183, 186
מאָקאָוו־מאַזאָוויעצק (מאַקוּוו־מאַזאָוויעצקי) 47, 56, 93, 185, 192, 211, 242, 247, 266, 271, 276־278, 280, 282, 391, 420, 424, 425, 428
מאַרקשטאַט 25
מײַדאַנעק 20, 42, 52, 103, 109, 110, 158, 175, 176, 359, 374, 426
מילאָוויצע (פינפטייכן) 22
מינכען 42, 162, 191, 258
מיסלאָוויץ 200
מלאַווע 123, 124, 180, 423, 424
מלאַווער געטאָ 279, 423
מעזריטש 161
מערב־געביטן 40, 41

נאָווידוואָר (נײַשטאָט) 377, 423
נאַטצווײַלער 22
נאַרווע 23
נאָרוועגיע 18, 20
נוידאַכס 175, 176
נויענדאָרף 139, 151
נידערשלעזיע 22, 25, 184
ניו־יאָרק 56, 108, 204, 264, 423
נײַשטאָט, זע נאָווידוואָר
נײַשטאָטער געטאָ 423

סאַארבריקען 22
סאָביבאָר 230
סאַלאָניקי 22, 56, 237
סאָלע 15
סאָסנאָוויעץ 19, 20, 80, 101, 141, 153, 161, 184, 242, 256, 351, 372, 425
סאָקולקע 20, 52, 212, 213, 221, 348, 425
סאַקסן 164
סוואַלק (סוואַלקי) 221, 261, 270, 400, 420
סטאַלינגראַד 70
סטאַרי ביערון 180
סטראָפּקווו 373
סלאָוואַקיע (סלאָוואַקײַ) 20, 21, 34, 37, 88, 110, 123, 146, 156, 160, 168־170, 172, 177־181, 195, 206, 207, 211, 252, 265, 347, 354, 370, 372, 373
סנינאָ 180
סקידעל 89

עבערסוואַלד 25
ענגלאַנד 29, 48, 228
עסטאָניע (עסטלאַנד) 23
עסטרײַך 18, 20, 23, 46, 156, 374

פּאַביאַניץ (פּאַבעניץ) 20
פּאָזנאַן (פּויזן) 71
פּאָלאַנקאָ 184
פּאַראַגוויי 42
פּאַריז 12, 21, 40, 42, 43, 46, 56, 84, 142, 150, 161, 169, 170, 172, 176, 185, 204, 218, 219, 224, 350, 395, 420, 432
פּוילן 11, 15, 17, 20, 47, 48, 71, 78, 117, 118, 125, 128, 129, 141, 144, 158, 161, 180, 185, 193, 202, 211, 212, 218, 226, 232, 237, 246, 248, 257, 260, 265־267, 272, 274, 277, 354, 372, 374, 395, 400, 430, 435

פוילישער געגנט 348
פוסטקאָוו 20
פיאַסק (פיוסק) 359
פּיטיוויע 21, 170, 172, 173
פּילזנאָ 177, 178
פּלאָנסק 20, 377, 423
פּלאָשווו (פּלאָשאָוו) 20
פּראָג 56
פּרוזשאַני (פּרוזשענע) 20, 124, 143,
146, 155, 181
פּרוזשאַנער געטאָ 125, 155
פּשטשינאָ 187
פּשעמישל (פּרעמיסלע) 358, 373

פֿאַראייניקטע שטאַטן 47, 245
פֿירליי 435
פֿינפֿטייכן, זע מילאָוויצע
פֿלאָסענבורג 22
פֿראַנקפֿורט בײַם מיין 42, 45, 55
פֿראַנקרײַך 18, 20, 21, 26, 31, 34,
47, 55, 61, 75, 81, 89, 91, 107,
110, 118, 119, 122, 125, 134,
135, 141, 142, 144, 147־149,
153, 159, 165, 169, 170, 172,
174, 185, 207, 211, 212, 218,
220, 230, 245, 265, 350, 355,
392

צויזמיר (סוזמיר, סאַנדאָמיעזש) 396
צ׳חנוב, זע טשעכאַנאָוו
„ציכענאָו בעצירק" 123
צילליי 173

קאָוונע 18, 23
קאָוונער ליטע 356
קאַטאָוויץ 15, 152, 154, 164, 323,
372
קאָלאָ 161
קאַנאַדע 73, 129
קאָנגרעס־פּוילן 277
קאַרטוז־בערעזע 122, 147
קאַרפּאַטן 165
קאַרפּאַטן־רוסלאַנד 46, 207
קאַרפּו 22
קאַרפּי 23
קאַשוי (קאַשיצע, קאַסאָ) 373
קוטנע 161
קויל 20
קיעלץ 147
קעלבאַסין (קעלבאַסין) 262, 263, 349,
349
קעלבאַסינער לאַגער 262, 263, 346,
348, 349
קראָאַטיע 18, 20
קראָקע (קראַקאָוו) 15, 20, 25, 43,
88, 97, 150, 153, 175, 179, 182־
185, 231, 245, 370
קרושנעוויץ 161
קרית־שמונה 177

ראַדאָם (ראַדעם) 20, 47, 56, 90,
182, 184, 220, 224, 395, 420
ראַדאָם (געגנט) 430, 435
ראַדאָס 22
ראַווענסבריק 22, 373
ראַזוואַדאָוו 141
ראַטן־פֿאַרבאַנד 20, 23, 47, 71, 155,
348, 359, 374, 432
ראַציאָנזש 211
רוים 23
רומעניע 177, 373
רוסלאַנד, זע ראַטן־פֿאַרבאַנד
רופּין 124
ריבניק 187
ריגע 23
רייסקאָ 16, 19, 119, 139, 154, 155,
156, 157, 159, 164, 241, 428
רימאַנאָוואָ 128

שאָוול 18, 27, 356
שאָוולער געטאָ 373
שאַפּיעניץ 20, 182

שווייצאַריע (שווייץ) 48, 102
שוועדן 130
שוויענטאָכלאָוויצע 181
שטוטהאָף 22, 347, 350
שטראַסבורג 46, 143, 149
שלעזיע 28, 234, 376, 435
שלעזיער געביט 322
שעבניע 20
שעראַדז 20
שפּאַניע 49, 122, 127, 226, 303
שראָדולאַ־געטאָ 256

תל־אביב 43, 56, 83, 108, 115, 177, 224, 246, 247, 258, 274, 373, 423, 424

זוכצעטל פון בילדער און דאָקומענטן

	זז'
דעפּאָרטאַציע פון ייִדן פון האָלאַנד קיין אוישוויץ	22
אויף דער באַן־ראַמפּע פון בזשעזשינקע (בירקענאַו)	24
קרעמאַטאָריום אין אוישוויץ	30
אַ נאָטיץ וועגן דער קאָנפערענץ פון 7טן יולי 1942 בײַ הימלערן	36
אַ גדענק־טאָוול אויפן בנין פון אוישוויצער בײַ־לאַגער בודי	111
דאָראָטאַ לאַרסקאַ — „„סלאָווקאַ"	121
קאָרעספּאָנדענץ צווישן אוישוויץ און ברעסלאַו וועגן דערשאָסענע אסירים „בעתן אַנטלויפן"	171
מאַלאַ צימעטבאַום	196
מאַלאַ צימעטבאַומס אַ פּאָסט־קאַרטל פון לאַגער אין בירקענאַו	198
אַ גריפּס פון דער אוישוויצער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע	215
דאָס פאַרברענען די טויטע קערפּערס פון די פאַרגאַזעוועטע	216
נאַקעטע פרויען אויפן וועג צו די גאַז־קאַמערן	217
יאָסל וואַרשאַווסקי (יאָסל דאָרעמבוס) און זײַן משפּחה	219
יאַנקל האַנדעלסמאַן	222
אַ פראַגמענט פונעם גאַרניזאָן־באַפעל וועגן דרײַ דערהרגעטע ס.ס.־מענער	241
ראָזאַ ראָבאָטאַ	250
דאָס לעצטע בלעטל פון בוך „מגילת אוישוויץ", כתב יד פון בער מאַרק	275
זלמן גראַדאָווסקיס מאַנוסקריפּט	287
דאָס לעצטע בלעטל פון זלמן גראַדאָווסקיס פאַרצייכענונגען	345
אַ בלעטל פון לייב לאַנגפוס' טאָגבוך	352
אַ מעלדונג וועגן דעם צאָל־צושטאַנד פונעם פרויען־לאַגער אוישוויץ II (בירקענאַו)	369
רשימה פון טראַנספּאָרטן מיט אסירים פאַרברענטע אין די קרעמאַטאָריעס פון בירקענאַו	371
זלמן לעווענטאַל	378
אַ ווידמונג פון זלמן לעווענטאַל צו זײַן ברודער	379
דער אויסגעגראָבענער סלאַי אויפן שטח פון דער קרעמאַטאָריע III אין בירקענאַו	380
סיטואַציע־פּלאַן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אוישוויץ (בירקענאַו)	404
אַ בלעטל פון זלמן לעווענטאַלס פאַרצייכענונגען	422

בער מאַרק

ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פרטים

בער מאַרק

ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פּרטים

דער היסטאָריקער, פּראָפ. בער מאַרק האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זײַן עיקר־אויפטו, מיט זײַן פאָרשן די גבורה און אומקום פון ייִדישן פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. זײַן לעצטע ברייט־פאַרנעמיקע אַרבעט אויף דעם געביט איז דאָס בוך „מגילת אוישוויץ".

בער מאַרק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1908 אין לאָמזשע (פּוילן), אין אַ משפּחה פון משׂכּילים און געזעלשאַפטלעכע עסקנים, און באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־ייִדישע און אַלגעמיין־וועלטלעכע בילדונג.

אין 1927 זיך איבערגעטראָגן קיין וואַרשע, ווו ער האָט אין אוניווערסיטעט שטודירט יוריספּרודענץ און באַקומען אין 1932 דעם מאַגיסטער־דיפּלאָם פון יוריסטיק. זײַן שטודיום האָט ער ווײַטער פאַרגעזעצט אויפן געביט פון פּאָלאַניסטיק און גלײַכצײַטיק סאָציאָלאָגיע.

אַ קורצע צײַט געאַרבעט ווי אַן אַדוואָקאַט־אַפּליקאַנט, אָבער געמוזט רעזיגנירן פון דער פּראַפעסיע צוליב זײַנע לינק־פּאָליטישע אַנשויונגען און פאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, דערנאָך געוואָרן אַ לערער אין דער רעליגיעזער שולע „יסוד התורה". די לערער־פּראָפעסיע האָט אים דערמעגלעכט דעם מינימום פאַר אַ באַשיידן לעבן.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט ער אַנטוויקלט אַ ברייטע פּובליציסטישע און ליטעראַרישע טעטיקייט. האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זײַנע קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרײַבערס און ווערק. זײַן ליטעראַרישע קריטיק האָט געהאַט אַ גרויסע דערציִערישע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון יונגע ייִדישע שרײַבערס.

אין 1933 איז ער געווען ז'ער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דער צײַטשריפט „ליטעראַרישע טריבונע". געשריבן דאָרט אַרטיקלען אונטער די פּסעוודאָנימען: מ. קאָוואַלסקי און ב. מאַרקוס. אין די יאָרן 1934—1935 איז ער געווען דער מיטרעדאַקטאָר און הויפּטפּובליציסט פון דער וואַרשעווער טאָגצײַטונג „פרײַנד" און דאָרט געשריבן אונטער די פּסעוודאָנימען: מ. עדין און ב: אַראָנאָוויטש. אין די יאָרן 1938—1939 האָט ער געאַרבעט ווי אַ מיטרעדאַקטאָר אין דער וואָכנשריפט „ליטעראַרישע בלעטער", און גלײַכצײַטיק אין „מאָמענט" אין דער ליטעראַרישער זײַט, אונטערן פּסעוודאָנים עסטערמאַן.

אין דער זעלבער צײַט האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אויף היסטאָרישע טעמעס, ווי אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן. אין 1936 איז דערשינען זײַן פּאָפּולערער שטודיום: „די געשיכטע פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג", אונטערן פּסעוודאָנים: מ. אַראָנסקי. (די דאָזיקע אויסגאַבע איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער פּוילישער מלוכה־מאַכט). אין די יאָרן 1938—1939 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט אין צוויי בענד: „געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן".

די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געלעבט אין ראַטנפאַר־באַנד: 1939—1941 אין ביאַליסטאָק, ווו ער האָט געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון „ביאַליסטאָקער שטערן" און געווען מיטגליד פון אָרגאַניזיר־ביוראָ פון די ליטעראַטן אין ביאַליסטאָק. אין 1940 איז ער געוואָרן אַ וויסנשאַפטלעכער מיט־אַרבעטער פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין מינסק.

נאָך דער עוואַקואַציע פון ביאַליסטאָק האָט ער אַ געוויסע צײַט דורכגע־מאַכט אין אַן „אַרבעטס־באַטאַליאָן", און שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, און געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט אין קויבישעוו און שפּעטער אין מאָסקווע. פון 1944 געווען טעטיק ווי דער וויצע־פּאָרזיצער און רעדאַקטאָר פון ביולעטין פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון פּוילישע ייִדן בײַ דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון ז.פּ.פּ. (פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן).

אין מאָסקווע האָט ער אָנגעהויבן זײַן פאָרשונג־אַרבעט וועגן דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג פון די פּוילישע ייִדן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין 1944 איז דערשינען זײַן בראָשור: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" (אין פּויליש). די דאָזיקע פאָרשונג־אַרבעט האָט ער פאַרטיפט און אויסגעברייי־טערט נאָך זײַן צוריקקער קיין פּוילן אין יאָר 1946.

אויף דער טעמע האָט ער פאַרעפנטלעכט עטלעכע מאָנאָגראַפישע אַרבעטן און זאַמלונגען פון דאָקומענטן, ווי: „חורבות דערציילן...", לאָדזש 1947; „דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ", וואַרשע 1950; „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", וואַרשע 1953; „די אומגעקומענע שרײַבערס פון די געטאָס און לאַגערן און זייערע ווערק", וואַרשע 1954; „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", וואַרשע 1955; „דער קאַמף און אומקום פון וואַרשעווער געטאָ", דערשינען אין פּויליש אין וואַרשע 1959. אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז ב. מאַרקס גרעסטע אַרבעט אויף דער טעמע, באַטאָנט ער אין אַרײַנפיר־וואָרט פון בוך געוויסע ענדערונגען אין זײַן שטעלונג צו די פּראָבלע־מען פון אויפשטאַנד אין געטאָ, צו וועלכע ער איז דערגאַנגען אַדאַנק נײַע דאָקומענטן. ווײַטער זענען דערשינען זײַנע ביכער: „דאָס לעבן און קאַמף פון דער יוגנט בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע", וואַרשע 1961 (אין פּויליש); „ביבליאָגראַפישער אינפאָרמאַציע־בוך — שואה און קאַמף פון די ייִדן בעת דער אָקופּאַציע", וואַרשע 1963. נאָך דעם איז אויך דערשינען אַ נײַ־דערגענצטע אויפלאַגע און דאָקומענטן־זאַמלונג: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", וואַרשע 1963. דאָס איז אַ וויסנשאַפטלעך־פּאָפּולערע עדיציע, אין וועלכער ס'זע־נען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נײַע, וויכטיקע אַרכיוואַלע דאָקומענטן. אַ טייל פון אָט די אַלע ביכער־אויסגאַבן זענען געוואָרן איבערזעצט אין פראַנצייזיש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, דײַטש, ענגליש, האָלענדיש, טשעכיש, אונגאַריש, רומעניש און העברעיִש.

זײַנע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען האָבן זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו דער אומקום־תּקופה בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָר האָבן אויך אַרומגע־נומען אַנדערע תּקופות און אַנדערע טעמעס פון דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. אין 1957 האָט ער פאַרעפנטלעכט: „די געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן" (ביז סוף 15טן יאָרהונדערט) — דער ערשטער באַנד פון זײַן פּלאַנירטן גרויסן ווערק אויף אָט דער טעמע. אויף זײַן אומאויפהערלעכער פאַראינטערעסירונג

מיט דער ייִדישער ליטעראַטור זאָגן עדות זײַנע אַרבעטן וועגן י. ל. פּרץ: אַ גרויס אַרײַנפיר־וואָרט (88 זז׳) צום בוך „אויסוואַל פון דערציילונגען״, וראָצלאַוו 1958 (אין פּויליש), און „דיכטונג עינעס ערמאָרדעטען פאָלקעס״ (אין דײַטש), אַ גרויס אַרײַנפיר־וואָרט צום בוך „דער פֿידלער פּאַם געטאָ״ (אין 1965).

נישט דאָ דאָס אָרט אויסצורעכענען אַלע זײַנע ביכער און אַנדערע פּובליקאַציעס. זײַנע וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און פּובליציסטישע שאַפונגען ציילן: 39 אַרויסגעגעבענע ביכער, העכער 40 גרעסערע פּובליקאַציעס אין וויסנשאַפטלעכע צײַטשריפטן און ענציקלאָפּעדיעס. די צאָל פון זײַנע אַרטיקלען, רעצענזיעס פון ביכער, אַרבעטן אין לעקסיקאָנען איז גאָר אַ גרויסע. די ביבליאָגראַפיע פון אַלע זײַנע פּובליקאַציעס נעמט אַרום 800 פּאָזיציעס.

זייער פּרוכטבאַר אויפן געביט פון פּובליציסטיק איז ער געווען באַזונדערס אין די יאָרן 1946—1949, ווען ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „דאָס נײַע לעבן״ (אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן) און מיטגליד פון קאָמיטעט־פּרעזידיום. אין 1946 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן ווי פּאָרזיצער פון ייִדישן שרײַבער און זשורנאַליסטן פאַראיין אין פּוילן.

אין 1949 האָט ער איבערגענומען די לײַטונג פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט״ אין וואַרשע, און געווען דירעקטאָר און רעדאַקטאָר פון זײַנע צוויי אויסגאָבן: „בלעטער פאַר געשיכטע״ (אין ייִדיש) און „ביולעטין פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט״ (אין פּויליש). אין 1963 געוואָרן מיטגליד פון קאָמיטעט פאַר היסטאָרישע וויסנשאַפטן בײַ דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָט אים דערמעגלעכט אײַנצושטעלן פאַרבינדונגען מיט היסטאָרישע אינסטיטוטן, ייִדישע און נישט ייִדישע אין אַנדערע לענדער און אַנטייל נעמען אין וויסנשאַפטלעכע קאָנגרעסן. ענגערע פאַרבינדונגען האָט ער געהאַט מיט די געהעריקע אינסטיטוציעס פון ישראל און פראַנקרײַך. אין 1957 האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין צווייטן וועלט־קאָנגרעס פאַר ייִדישער וויסנשאַפט אין ירושלים.

בער מאַרק איז געווען נישט נאָר אַקאַדעמיקער, געלערנטער, וויסנשאַפטלער, נאָר אויך אַ וואַכער און טעמפּעראַמענטפולער געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס האָט פילבאַר רעאַגירט אויף געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטור־דערשײַנונגען. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער און אָפט אַרויסגעטרעטן מיט רעפעראַטן און לעקציעס, וועלכע זענען געווען צאָלרײַך באַזוכט.

בער מאַרק איז פּריצײַטיק געשטאָרבן, אין עלטער פון 58 יאָר, איבערלאָזנדיק אין זײַן עזבון נישט־פאַרענדיקטע אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן און וועגן דער געשיכטע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די ייִדן אין די אייראָפּעיִשע לענדער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אסתּר מאַרק

פראָפ. בער מאַרק בוך־קאָמיטעט דאַנקט די אינסטיטוציעס און יחידים, די אַלע וואָס האָבן מיט זייערע באַשטייַערונגען דערמעגלעכט דאָס אַרויסגעבן פון דעם בוך.

א באַזונדערן דאַנק —

משרד החינוך והתרבות, המחלקה לאמנות;

לשכת נשיא המדינה, קרן לעדוד מלומדים וסופרים ע״ש זלמן שזר;

קרן תל־אביב לספרות ולאמנות;

ארגון יוצאי מקוב־מזוביצק בישראל, קרן ע״ש הלל רייטשיק;

מפעלי ניר אמריקאיים ישראליים בע״מ בישראל;

פאַרבאַנד פון געוועזענע ייִדישע קאָמבאַטאַנטן אין פראַנקרייַך;

פראָפ. בער מאַרק בוך־קאָמיטעט אין מעלבורן;

שמחה האָלצבערג, דער עוסק בצרכי ציבור באמונה פאַר די מלחמה־אינוואַלידן אין ישראל.

מיין האַרציקן דאַנק דעם בער מאַרק בוך־קאָמיטעט;
די פריינדלעכע אָרגאַניזאַציעס און יחידים — די אַלע
וואָס האָבן מיט זייער הילף דערמעגלעכט דאָס אַרויס־
געבן „מגילת אוישוויץ".

אסתּר מאַרק

באַמערקטע דרוקפעלערן

אויף זײַט	שורה	לייענען :
41	30	אַטאַ מאַלל
42	30	האָרסט שומאַן
46	19	פסח בורשטיין
97	24	דינען די היטלעריסטן
135	29	פילרייז פּאָלאַ
139	3	רחל אַלעווסקאַ
143	1	טשאַליטש
145	32	אַקטיווער שומר (על פּי טעות : „טשעכאַנאָווער" שומר)
161	20	קירשענבוים
162	34	26) ג"ע פון ריבה קופער (ס'פעלט דער נומער פון דער הערה)
165	20	נתן היטנער
192	14	בראָל
198	3	פון לאַגער
212	11	דזשאַבאַטי
241	17	פון 12טן אָקטאָבער
246	36	פון דער הויפּט־קאָמיסיע
273	1	ד"ר אברהם כאָמער : דער אומקום פון ייִדן
376	6	כעמישע

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאָן
פּאָעמע
ציי‌כענונגען — יואב שועלי

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שניי
לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
יִידיש — משה יונגמאַן

משה גראָס-צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכּה חפץ-טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד
ראָמאַנען

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן-בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט
דערציילונגען

משה זלצמן / וזכיתי לריהאַביליטציה...
מייִדיש — גרשון לימור

מלכּה חפץ-טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן
לידער

רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות
באַגעגענישן, אַקטיוויטעטן, גורלות 1933—1943

יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס
דרײַ בענד, מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק

מאיר חרץ / לידער צו אייגענע
לידער און פּאָעמעס

אריה שמרי / רינגען אין שטאָם
לידער און פּאָעמעס, צייכנונגען — בעז

יעקב י. מײַטליס / אין גאַנג פון דורות
עסייען

יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט
לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאָצק
פּאָעמע

שלמה שטאָקפיש / אין ראָד פון צאָרן
איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

ישעיהו שפיגל / שטערן לײַכטן אין תהום
געזאַמלטע דערציילונגען — 1940—1944
צוויי בענד
שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון מאַלער בעז

חיים זעלצער / פון הײמישן ברונעם
לידער און באַלאַדן
צייכענונגען — פון מחבר

י. ח. בילצקי / איציק מאַנגער
פרקי מסה

א. נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון א. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן

ל. אַליצקי — פון דער היים און פון דער פרעמד
דערציילונגען

ה. אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט
לידער און פּאָעמעס

רחל קאָרן / פּאַרביטענע וואָר
לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אַרי

משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא
לידער און פּאָעמעס

פּראָפ. ב. מאַרק / מגילת אוישוויץ
מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ